STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04615

MAYN LEBN

Leon Trotsky

•

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

לעוו טראָצקי

מײַן לעבן

ייִדיש:
פּועה ראַקאָווסקי

פאַרלאַג „ביבליאָן", וואַרשע
1930

Printed in Poland.

Druk. Sikora i Mylner, Nowolipki 6

טראָצקי לויט אנניענקאָווס פּאָרטרעט.

הקדמה.

אונזער צייט איז ווידעראמאָל זייער רייך מיט מעמוארן, אפשר מער, ווי אַן אַנדערשמאָל. דאָס איז דערפאַר, ווייל מען האָט, וואָס צו דערציילן. וואָס דראַמאַטישער ס׳איז אַן עפּאָכע, וואָס רייכער זי איז מיט איבערקערענישן, אַלץ מער פאַרכאַפּט דער אינטערעס צו איר געשיכטע. די קונסט פון פייזאַזש וואָלט נישט געקאָנט געבאָרן ווערן אין מדבר זאַהאַרא. „איבערגעהאַקטע״ עפּאָכן, אַזעלכע, ווי אונ־זערע, רופן אַרויס דאָס באַדערפעניש אַ קוק צו טאָן אויפן נעכטיקן טאָג, וואָס איז שוין אַזוי ווייט, מיט די אויגן פון זיינע אַקטיווע אַנטיילנעמער. דערמיט דערקלערט זיך די געוואַלדיקע אַנטוויקלונג פון דער מעמואַרן־ליטעראַטור זינט דעם לעצטן קריג. אין דעם קאָן מען אפשר געפינען אַ פאַרענטפערונג אויך פאַר דעמדאָזיקן בוך.

די מעגלעכקייט, אַז דאָס בוך זאָל קענען דערשיינען אויף דער וועלט, איז געשאַפן געוואָרן דורך דער הפסקה אין דער אַקטיווער פּאָליטישער טעטיקייט פון זיין מחבר. אַלס איינער פון די אומ־פאַראויסגעזעענע, כאָטש, אמת, נישט צופעליקע עטאַפּן פון מיין לעבן האָט זיך אַרויסגעוויזן קאָנסטאַנטינאָפּאָל. דאָ געפין איך זיך אויף אַ פעלד־לאַגער, — און נישט צום ערשטן מאָל, — אָפּוואַרטנדיק געדול־דיק, וואָס ס׳וועט ווייטער זיין. אָן אַ געוויסער דאָזע „פאַטאַליזם״ וואָלט דאָס לעבן פון אַ רעוואָלוציאָנער בכלל געווען אוממעגלעך. אַזוי אָדער אַנדערש, אָבער דער קאָנסטאַנטינאָפּאָלער אַנטראַקט האָט זיך אונטערגערוקט ווי זייער אַ פּאַסנדיקער מאָמענט, אַז איך זאָל

מיך קענען אומקוקן אויף צוריק, איידער די אומשטענדן וועלן דער־ לויבן זיך צו רוקן פאָרויס.

לכתחילה האָב איך געשריבן קורצע אויטאָביאָגראַפישע סקיצן פאַר צייטונגען און געטראַכט דערמיט זיך צו באַגרענעצן. איך וויל דאָ גלייך באַמערקן, אַז פון מיין מקום-מקלט האָב איך נישט געהאַט די מעגלעכקייט נאָכצוקאָנטראָלירן, אין וואָס פאַר אַ פאָרם דידאָזיקע סקיצן זענען דערגאַנגען צום לעזער, אָבער יעדע אַרבעט האָט איר לאָגיק. איך בין אַריין אין מיין טעמע ערשט אין יענעם מאָמענט, ווען איך האָב געהאַלטן אין פאַרענדיקן מיינע צייטונגס-אַרטיקלען. דאַן האָב איך באַשלאָסן אָנצושרייבן אַ בוך. איך האָב גענומען אָן אַנ־ דערן, אַ סך אַ ברייטערן מאַסשטאַב און דורכגעפירט די גאַנצע אַרבעט פון דאָסניי. צווישן די ערשטע צייטונגס-אַרטיקלען און דעמ־ דאָזיקן בוך איז געמיינזאַם בלויז דאָס, וואָס זיי רעדן וועגן איין און דעמזעלבן ענין. ווייטער אָבער זענען דאָס צוויי פאַרשיידענע ווערק.

באַזונדערס אויספירלעך האָב איך מיך אָפּגעשטעלט אויפן צווייטן פעריאָד פון דער ראַטן-רעוואָלוציע, וואָס פאַלט צוזאַמען מיט דער התחלה פון לענינס קראַנקהייט און מיט דער אָנגעהייבענער קאַמפּאַ־ ניע קעגן דעם „טראָצקיזם״. דער קאַמף פון די עפּיגאָנען פאַר דער מאַכט, ווי איך פרואוו מיך עס דערווייזן, איז נישט געווען בלויז אַ פערזענלעכער קאַמף. ער האָט אויסגעדריקט מיט זיך אַ נייעם פּאָלי־ טישן קאַפּיטל. אַ רעאַקציע קעגן אָקטאָבער און אַ צוגרייטונג פון טערמידאָר. דערפון פליסט אַרויס פון זיך אַליין דער ענטפער אויף דער פראַגע, וואָס מ׳פלעגט מיר אַזוי אָפט שטעלן: „ווי אַזוי האָט איר פאַרלאָרן די מאַכט?״

די אויטאָביאָגראַפיע פון אַ רעוואָלוציאָנערן פּאָליטיקער באַרירט נויטוועדיקערווייזע אַ גאַנצע ריי טעאָרעטישע פראַגן, וואָס זענען צונויפגעבונדן מיט דער געזעלשאַפטלעכער אַנטוויקלונג פון רוסלאַנד, טיילווייז אויך פון דער גאַנצער מענטשהייט, דער עיקר אָבער מיט יענע קריטישע פעריאָדן, וואָס הייסן רעוואָלוציעס. ס׳פאַרשטייט זיך, אַז איך האָב נישט געהאַט די מעגלעכקייט צו באַהאַנדלען אויף די־ דאָזיקע זייטן די קאָמפּליצירטע טעאָרעטישע פּראָבלעמען, לויט זייער מהות. בפרט גייט אַדורך דורך דעמדאָזיקן בוך, ווי אַ ווייטער לייט־

מאָטיוו, די אַזויגערופענע טעאָריע פון פערמאַנענטער רעוואָלוציע, וואָס האָט געשפּילט אַזאַ וויכטיקע ראָל אין מיין פּערזענלעכן לעבן, און וועלכע, — וואָס ס'איז פיל וויכטיקער, — באַקומט איצט אַזאַ שאַרפע אַקטועלקייט פאַר די מזרח-לענדער. אויב דאָס וועט דעם לעזער נישט באַפרידיקן, קאָן איך אים בלויז זאָגן, אַז דאָס באַהאַנדלען די רעוואָלוציע-פּראָבלעמען פון גרונט אויס וועט זיין דער אינהאַלט פון אַ ספּעציעלן בוך, אין וועלכן איך וועל מיך פּרואוון אונטערצופירן דעם וויכטיקסטן טעאָרעטישן סך-הכל איבער דעם עקספּערימענט פון די לעצטע צענדליקער יאָרן.

* * *

אַזוי ווי אויף די זייטן פון מיין בוך גייט דורך אַ היפּשע צאָל מענטשן, נישט תמיד אין יענער באַלויכטונג, ווי זיי אליין וואָלטן זי אויסגעקליבן פאַר זיך און פאַר זייערע פּאַרטייען, וועלן אַ סך פון זיי אוודאי אייגעפינען, אַז מיין אויפפאַסונג איז נישט גענוג אָביעקטיוו. אַפילו די פראַגמענטן, וואָס האָבן זיך באַוויזן אין דער פּעריאָדישער פּרעסע, האָט אַרויסגערופן געוויסע הכחשות. דאָס איז אָבער אומפאַרמיידלעך. ס'איז קיין שום ספק נישט, אַז ווען מיר זאָל זיך אַפילו איינגעבן צו מאַכן פון מיין אויטאָביאָגראַפיע אַ פּשוטן דאַגעראָטיפּ *) פון מיין לעבן — צו וואָס איך האָב לגמרי נישט געשטרעבט — וואָלט עס סיי ווי אַרויסגערופן אַן אָפּקלאַנג פון יענע וויכוחים, וואָס זענען בשעתו אַנטשטאַנען דורך די אין אים געבראַכטע קאָליזיעס. דאָסדאָזיקע בוך אָבער איז נישט קיין סתם-פאָטאָגראַפיע פון מיין לעבן, נאָר זיין אינטעגראַלער טייל. אויף די דאָזיקע זייטן פיר איך ווייטער יענעם קאַמף, וועלכן איך האָב געווידמעט מיין גאַנץ לעבן. שילדערנדיק, כאַראַקטעריזיר איך און מאַך אַן אָפּשאַצונג; דערציילנדיק, פאַרטיידיק איך מיך, און נאָך

*) דאַגעראָטיפּ — מין ליכטבילד אויף אַ מעטאַלישן פּלאַטל, לויטן נאָמען פון דערפינדער דאַגערא.

עפטער פאַל איך אָן. איך האַלט, אַז דאָס איז דער איינציקער וועג צו מאַכן אַ ביאָגראַפיע אָביעקטיוו אין אַ געוויסן העכערן זין, דאָס הייסט צו מאַכן זי פאַר אַ מער אדעקוואטן *) אויסדרוק פון פערזאָן, באַדינגונגען און עפּאָכע.

אָביעקטיוויקייט הייסט נישט פאַרמאַסקירטע גלייכגילטיקייט, מיט וועלכער די גוט אָפּגעזעצטע צביעות רעדט וועגן פריינט און שונאים, און איז בעת מעשה אומדירעקט גורם דעם לעזער דאָס, וואָס ס׳איז אומבאַקוועם אים צו זאָגן דירעקט. אַזאַ מין אָביעקטיוויקייט איז נישט מער ווי אַ וועלכלעכע קאָמבינאַציע. איך נויטיק מיך נישט אין איר. קוים האָב איך מיך שוין יאָ אונטערגעוואָרפן דער נויט־ווענדיקייט צו רעדן וועגן זיך — קיינעם איז נאָך נישט געלונגען אָנצושרייבן אַן אויטאָביאָגראַפיע און נישט רעדן בעת מעשה וועגן זיך — האָב איך נישט קיין שום גרונט צו פאַרבאָרגן מיינע סימ־פּאַטיעס און אַנטיפּאַטיעס, מיין ליבע און מיין שנאה.

דאָסדאָזיקע בוך איז פּאָלעמיש. עס שפּיגלט אָפּ די דינאַמיק פון יענעם געזעלשאַפטלעכן לעבן, וואָס איז אינגאַנצן געבויט אויף סתירות. די חוצפּהדיקייט פון תלמיד קעגן לערער; די קנאה־שפּילקעלעך אין די סאַלאָנען, פאַרמאַסקירט מיט כלומרשטער ליבנס־ווירדיקייט; די אומאויפהערלעכע האַנדלס־קאָנקורענץ; דער ווילדער וועטקאַמף אויף אַלע געביטן פון טעכניק, וויסנשאַפט, קונסט, ספּאָרט; די פּאַרלאַמענטאַרישע צוזאַמענשטויסן, אין וועלכע ס׳פּולסירט דער טיפער אינטערעסן־קעגנזאַץ; דער אַלטעגלעכער ווילדער פּרעסע־קאַמף; די אַרבעטער־שטרייקן; דאָס צעשיסן די דעמאָנסטראַנטן; די פּיראָקסילין־וואַליזעס, וואָס די ציוויליזירטע שכנים שיקן איינאַנדער איבער־דערלופטן; די געוואַלדיקע שריפות פון בירגערקריג, וועלכע ווערן כמעט נישט אויסגעלאָשן אויף אונזער פּלאַנעט—דאָס אַלץ זענען פאַרשיידענע פאָרמען פון סאָציאַלער „פּאָלעמיק״, אָנהייבנדיק פון דער וואָכעדיקער, טאָגטעגלעכער, נאָרמאַלער, כמעט אומבאַמערקבאַרער, נישט געקוקט אויף איר אָנגעשטרענגטקייט, — ביז דער אומגע־הייערער, אויפרייסנדיקער, ווולקאַנישער פּאָלעמיק פון מלחמות און רעוואָלוציעס. אָט אַזאַ איז אונזער עפּאָכע. מיט איר צוזאַמען זענען מיר אויסגעוואַקסן. מיט איר אָטעמען מיר און לעבן. היינט ווי־

*) אדעקוואַט — צוגעפּאַסט, פּאַסנדיק.

קענען מיר נישט זיין פּאָלעמיש, אויב מיר ווילן זיין טריי־אונזער פּאַטערלאַנד לויט דער תּקופה?

• • •

ס'איז אָבער פאַראַן אַ צווייטער, מער עלעמענטאַרער קרי־טעריום, וועלכער באַרירט די פּשוטע געוויסנהאַפטיקייט אין איבער־געבן די פאַקטן. פּונקט אַזוי ווי דער עקשנותדיקער רעוואָלוציאָנערער קאַמף מוז זיך רעכענען מיט די פאַרהעלטענישן פון אָרט און צייט, אַזוי דאַרף אויך דאָס פּאָלעמישערע ווערק אָפּהיטן יענע פּראָפּאָרציעס, וואָס עקזיסטירן צווישן זאַכן און מענטשן. איך וויל האָפן, אַז די־דאָזיקע פאָדערונג האָב איך אָפּגעהיט נישט בלויז אין כּלל, נאָר אויך אין די פּרטים.

אין עטלעכע, אמת, ווייניקע פאַלן גיב איך איבער די פאַקטן אין דער פאָרם פון אַ דיאַלאָג. קיינער וועט נישט פאָדערן די בוכשטעבלעכע רעפּראָדוקציע פון די פאַקטן אין אַ סך יאָרן אַרום. דערויף פּרעטענדיר איך אַפילו נישט. עטלעכע דיאַלאָגן האָבן גיכער אַ סימבאָלישן כאַראַקטער. אָבער אין לעבן פון יעדן מענטשן זענען געווען מאָמענטן, ווען דער אָדער יענער געשפּרעך האָט זיך באַזונדערס בולט איינגעקריצט אין זיין זכּרון. אַזעלכע שמועסן דער־ציילסטו געוויינלעך איבער נישט איין מאָל פאַר דיינע נאָענטע און פּאָליטישע פריינט. אַ דאַנק דעם, פאַרפעסטיקן זיי זיך אין זכּרון. ס'פאַרשטייט זיך, אַז קודם־כּל בין איך אויסן די שמועסן פון פּאָ־ליטישן כאַראַקטער.

איך וויל דאָ באַמערקן, אַז איך בין געוואוינט מיין זכּרון צו געטרויען. זיין עדות זאָגן איז שוין נישט איינמאָל געוואָרן אונטערגעוואָרפן אַן אָביעקטיוון קאָנטראָל און מיט דערפאָלג אים אויסגעהאַלטן. איבעריקנס, איז דאָ נויטיק אַ געוויסע אויסבעסערונג. אויב מיין טאָפּאָגראַפישער זכּרון, שוין נישט רעדנדיק וועגן דעם מוזיקאַ־

לישן, איז אַ זייער שוואַכער און מיין זע-זכּרון איז ווי דער לינגוויס־טישער גאַנץ מיטלמעסיק, דערפאַר אָבער איז מיין אידעישער זכּרון באַדייטנדיק העכער פון אַ מיטלמעסיקן. אין פלוג אָבער פאַרנעמען דאָך דעם אויבנאָן אין דעמדאָזיקן בוך אידעען, זייער אַנטוויקלונג און דער קאַמף צווישן די מענטשן צוליב די דאָזיקע אידעען.

אמת, דער זכּרון איז נישט קיין אויטאָמאַטישער ציילער. וויי־ניקער ווי אַלץ איז ער אומאייגנצויק. נישט זעלטן שטופּט ער אַרויס פון זיך אָדער פאַרוקט אין אַ פינסטערן ווינקל אַזעלכע עפּי־זאָדן, וואָס זענען אומבאַקוועם פאַר דעם אים קאָנטראָלירנדיקן לעבנס־אינסטינקט, אַרויסגייענדיק אַמייסטן פון עגאָיסטישן שטאַנדפּונקט. אָבער דאָס איז שוין אַן ענין פון דער „פּסיכאָ־אַנאַליטישער" קריטיק, וואָס איז אָפּטמאָל שאַרפזיניק און באַלערנדיק, נאָר עפטערער אָבער קאַפּריזנע און מוטווילדיק.

ס'איז איבעריק צו זאָגן, אַז איך האָב ענערגיש קאָנטראָלירט מיין זכּרון מיט דער הילף פון דאָקומענטאַלע ראיות. נישט גע־קוקט אויף די אויסערגעוויינלעכע שווערע אַרבעטס־באַדינגונגען, אין דער הינזיכט פון ביבליאָטעקן און אַרכיוו־אינפאָרמאַציעס, האָב איך דאָך געהאַט די מעגלעכקייט צו קאָנטראָלירן די אַמייסטן וויכטיקע אומ־שטענדן און דאַטן, אין וועלכע איך האָב זיך געניויטיקט.

אָנהייבנדיק פון יאָר 1897, האָב איך בעיקר געפירט דעם קאַמף מיט דער פעדער אין האַנט. אויף דעם אופן האָבן די גע־שעענישן פון מיין לעבן געלאָזן כּמעט אַן אומאויסגעבראָכענע, גע־דרוקטע שפּור אויף אַ שטח פון 32 יאָר. דער פּראַקטיאָנערער קאַמף אין דער פּאַרטיי, אָנהייבנדיק פון יאָר 1903, איז געווען רייך מיט פּערזענלעכע עפּיזאָדן. מיינע קעגנער, פּונקט ווי איך, האָבן נישט געזשאַלעוועט קיין קלעפּ. אַלע האָבן זיי איבערגעלאָזן געדרוקטע שראַמען. זינט דער אָקטאָבער־איבערקערעניש האָט די געשיכטע פון דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג פאַרנומען אַ גרויסן אָרט אין די פאָרשונגען פון די יונגע ראַטן־געלערנטע און גאַנצע אינסטיטוציעס. ס'ווערט אויפגעזוכט אין די אַרכיוון פון דער רעוואָלוציע און צאַרישן פּאָליציי־דעפּאַרטאַמענט אַלץ, וואָס ס'שטעלט פאָר מיט זיך אַן אינ־טערעס, און אַרויסגעגעבן מיט גענויע פאַקטישע קאָמענטאַרן. אין די ערשטע יאָרן, בעת מ'האָט נאָך נישט געדאַרפט קיין שום זאַך

באהאַלטן אָדער פאַרמאַסקירן, איז דידאָזיקע אַרבעט דורכגעפירט געוואָרן מיט דער פולסטער געוויסנהאַפטיקייט. „די ווערק" פון לעבנינע און אַ טייל פון מיינע זענען אַרויסגעגעבן געוואָרן דורכן מלוכה-פאַרלאַג מיט אָנמערקונגען, וואָס האָבן פאַרנומען צענדליקער זייטן אין יעדן באַנד, און אַנטהאַלטן אַן אומפאַרבייטלעכן פאַקטישן מאַטעריאַל, סיי וועגן דער טעטיקייט פון די מחברים, און סיי מכּוח די געשעענישן פון דעם אַנטשפּרעכנדיקן צייט-פּעריאָד. דאָס אַלץ האָט, נאַטירלעך, פאַרלייכטערט מיין אַרבעט, מיטגעהאָלפן צונויפצושטעלן אַ רעגלמעסיקע כראָנאָלאָגישע קאַנווע און אויסצומיידן פאַקטישע פעלערן, לפּחות, גראָבע.

* * *

איך קאָן נישט אָפּלייקענען דעם פאַקט, אַז מיין לעבן איז געגאַנגען נישט אויפן געוויינלעכן שטייגער. די סיבּות דערפון ליגן, פאַרשטענדלעך, מער אין די באַדינגונגען פון דער עפּאָכע, ווי אין מיר פּערזענלעך. פאַרשטייט זיך, אַז ס'זענען אויך נויטיק געווען געוויסע פּערזענלעכע שטריכן, כּדי דורכצופירן יענע, גוטע אָדער שלעכטע אַרבעט, וואָס איך האָב דורכגעפירט. אָבער ביי אַנדערע היסטאָרישע באַדינגונגען וואָלטן דידאָזיקע פּערזענלעכע אייגנאַרטיקייטן געקאָנט רואיק דרעמלען, ווי ס'דרעמלט אַן אומגעהייערע צאָל מענטשלעכע נייגונגען און ליידנשאַפטן, אויף וועלכע די געזעלשאַפטלעכע סביבה ווייזט נישט אַרויס קיין נאָכפרעג. דערפאַר וואָלטן זיך אפשר געקאָנט אַנטפּלעקן אַנדערע אייגנשאַפטן, וואָס ווערן איצט אָפּגעשטופּט אָדער דערשטיקט. איבער דעם סוביעקטיוון הייבט זיך אויף דאָס אָביעקטיווע, און דאָס באַשליסט די זאַך סוף-כּל-סוף.

מיין באַוואוסטזיניקע און אַקטיווע טעטיקייט, וואָס איך האָב אָנגעהייבן בערך צו 17—18 יאָר, איז געגאַנגען אין אַ פּערמאַנענטן קאַמף פאַר באַשטימטע אידייען. אין מיין פּערזענלעכן לעבן זענען נישט פאָרגעקומען קיין שום געשעענישן, וואָס זאָלן פאַר

זיך גופא פאַרדינען וועלכע נישט איז געזעלשאַפטלעכע אויפמערקזאַמקייט. אַלע אויסערגעוויינלעכע פאַקטן פון מיין פאַרגאַנגענהייט זענען צונויפגעבונדן מיטן רעוואָלוציאָנערן קאַמף און באַקומען דורך אים זייער באַדייטונג. נאָר דערדאָזיקער אומשטאַנד קאָן עס טאַקע באַרעכטיקן, אַז מיין אויטאָביאָגראַפיע זאָל דערשיינען פון דרוק.

אָבער פון דעמדאָזיקן קוואַל פליסן אויך אַרויס די שוועריקייטן פאַרן מחבר. די פאַקטן פון פערזענלעכן לעבן האָבן זיך אַרויסגעוויזן אויף אַזויפיל ענג צונויפגעפלאָכטן אין געוועב פון די היסטאָרישע געשעענישן, אַז ס'איז שווער אָפּצוטיילן איינס פון צווייטן. אָבער דאָך איז דאָסדאָזיקע בוך נישט קיין היסטאָרישע ווערק. די געשעענישן זענען גענומען נישט לויט זייער אָביעקטיווער וויכטיקייט, נאָר אין צוזאַמענהאַנג דערמיט, ווי אַזוי זיי זענען געווען צונויפגעבונדן מיט די פאַקטן פון פערזענלעכן לעבן. קיין וואונדער נישט, אויב אין דער כאַראַקטעריסטיק פון איינצלנע געשעענישן און גאַנצע עטאַפּן איז נישטאָ יענע פּראָפּאָרציאָנאַליטעט, וואָס מ'האָט געדאַרפט פאָדערן, ווען דאָס בוך זאָל פאָרשטעלן מיט זיך אַ היסטאָרישע אַרבעט. די מחיצה צווישן דער ביאָגראַפיע און געשיכטע פון דער רעוואָלוציע האָט מען געמוזט אָנטאַפּן עמפּיריש *). נישט אויפלייזנדיק די לעבנסבאַשרייבונג אין אַ היסטאָרישער פאָרשונג, איז אָבער דאָך נויטיק געווען צו געבן דעם לעזער אַן אָנהאַלט אין די פאַקטן פון דער היסטאָרישער אַנטוויקלונג. איך בין דערביי אַרויסגעגאַנגען פון דעם שטאַנדפּונקט, אַז די גרונטקאָנטורן פון די גרויסע געשעענישן זענען דעם לעזער באַוואוסט, און אַז זיין זכרון נויטיקט זיך בלויז אין קורצע דערינערונגען וועגן די היסטאָרישע פאַקטן און זייער קאָנזעקווענטקייט.

*) עמפּיריש — אויפן גרונט פון דערפאַרונג.

* * *

אין מאָמענט, ווען ס'דערשיינט דאָסדאָזיקע בוך, ווערט מיר 50 יאָר. דער טאָג פון מיין געבורט פאַלט צוזאַמען מיטן טאָג פון דער אָקטאָבער-רעוואָלוציע. מיסטיקער און פּיפאַגאָרייער קאָנען אויף דעם סמך מאַכן וועלכע איר ווילט קאָנקלוזיעס. איך גופא האָב באַמערקט דעמדאָזיקן קוריאָזן צוזאַמענפאַל ערשט אין דריי יאָר אַרום נאָך דער אָקטאָבער-איבערקערעניש. ביז 9 יאָר האָב איך כסדר געלעבט אין אַ פאַרוואָרפענעם דאָרף. אַכט יאָר געלערנט אין אַ מיטל-שולע. אַרעסטירט געוואָרן צום ערשטן מאָל אַ יאָר נאָכן ענדיקן די שולע. אַלס אוניווערסיטעטן האָבן געדינט פאַר מיר, ווי פאַר אַ סך פון מיינע צייט-חברים, די תפיסה, די פאַרשיקונג, די עמיגראַציע. אין די צאַרישע תפיסות בין איך אָפּגעזעסן אין צוויי פעריאָדן בערך אַ פיר יאָר. אין צאַרישער פאַרשיקונג האָב איך פאַרבראַכט דאָס ערשטע מאָל אומגעפער צוויי יאָר, דאָס צווייטע מאָל — עטלעכע וואָכן. צוויי מאָל בין איך אַנטלאָפן פון סיביר. אין דער עמיגראַציע האָב איך אָפּגעלעבט אין צוויי פעריאָדן בערך אַ צוועלף יאָר אין פאַרשיידענע אייראָפּעישע לענדער און אין אַמעריקע, צוויי יאָר ביז דער רעוואָלוציע פון 1905, און כמעט גאַנצע צען יאָר נאָך איר צעשמעטערונג. בעת דער מלחמה בין איך אין מיין אָפּוועזנהייט פאַראורטיילט געוואָרן צו תפיסה אין האָהענצאָלערישן דייטשלאַנד (1915); מיט אַ יאָר שפּעטער אַרויסגעשיקט געוואָרן פון פראַנקרייך קיין שפּאַניע, פונוואַנען מ'האָט מיך נאָך אַ קורצן אַרעסט אין מאַדרידער תפיסה און אַ מאָנאַטלעכן אָפּזיין אונטער פּאָליציי-אויפזיכט אין קאַדיקס, משלח געווען קיין אַמעריקע. דאָרט האָט מיר פאַרכאַפּט די פעברואַר-רעוואָלוציע. אויפן וועג קיין ניו-יאָרק בין איך אין יאָר 1917 אַרעסטירט געוואָרן דורך די ענגלענדער און אויסגעהאַלטן געוואָרן אַ חודש צייט אין קאָנצענטראַציע-לאַגער אין קאַנאַדע. איך האָב זיך באַטייליקט אין די רעוואָלוציעס פון יאָר 1905 און יאָר 1917, בין געווען פאָרזיצער פון פּעטערבורגער דעפּוטאַטן-ראַט אין 1905 און שפּעטער אין 1917. איך האָב גענומען אַ נאָענטן אָנטייל אין דער אָקטאָבער-איבערקערעניש, און בין געווען אַ מיטגליד פון דער ראַטן-רעגירונג. אַלס פאָלקס-קאָמיסאַר

פּאַר אויסערלעכע ענינים האָב איך אין בריסק-ליטאָווסק געפירט די שלום-אונטערהאַנדלונגען מיט די דעלעגאַציעס פון דייטשלאַנד, עסט-רייך-אונגאַרן, טערקיי און בולגאַריע. אַלס פאָלקס-קאָמיסאַר איבער מיליטער- און פלאָט-ענינים האָב איך געווידמעט בערך פינף יאָר צייט דער אָרגאַניזאַציע פון דער רויטער אַרמעע און דעם צוריק-שטעלן פון רויטן פלאָט. אין פאַרלויף פון יאָר 1920 האָב איך פאַראייניקט מיט דערדאָזיקער אַרבעט די לייטונג פון דער רואינירטער אייזנבאַן-נעץ.

דער הויפט-אינהאַלט פון מיין לעבן — אַראָפּרעכענענדיק די יאָרן פון בירגערקריג — איז דאָך געווען מיין פּאַרטייאישע און שריפטשטעלערישע אַרבעט. אין יאָר 1923 איז דער מלוכה-פאַרלאַג צוגעטרעטן צום אַרויסגעבן מיינע געזאַמלטע ווערק. ער האָט באַוויזן אַרויסצולאָזן דרייצן ביכער, אויסער די פריער אַרויסגעגעבענע פינף בענדער מיליטערישער אַרבעט. דאָס אַרויסגעבן איז אָפּגעשטעלט גע-וואָרן אין יאָר 1927, בעת די פאַרפאָלגונגען קעגן דעם „טראָצקיזם" זענען געוואָרן באַזונדערס פאַרביטערט.

אין יאַנואַר 1928 בין איך דורך דער איצטיקער ראַטן-רעגירונג טראַנספּאָרטירט געוואָרן אין פאַרשיקונג, פאַרבראַכט אַ יאָר אויפן גרענעץ פון כינע, אין פעברואַר 1929 אַרויסגעשיקט געוואָרן קיין טערקיי, און שרייב דידאָזיקע שורות אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל.

אַפילו אין דערדאָזיקער קאָנספּעקטיווער שילדערונג קאָן דער אויסערלעכער לויף פון מיין לעבן בשום אופן נישט אָנגערופן ווערן מאָנאָטאָן. להיפך, לויט דער צאָל ווענדונגען, סיורפּריזן, שאַרפע קאָנפליקטן, עליות און ירידות קאָן מען זאָגן, אַז מיין לעבן איז גיכער רייך מיט „אוואַנטורעס". איך דערלויב מיר אָבער צו באַמערקן, אַז לויט מיינע נייגונגען האָב איך לגמרי קיין שום שייכות נישט מיט די זוכער פון אוואַנטורעס. איך בין אין מיינע געוויינהייטן דווקא גיכער פּעדאַנטיש און קאָנ-סערוואַטיוו. איך האָב ליב און שאַץ אָפּ דעם ווערט פון דיסציפּלין און סיסטעם. לחלוטין נישט מחמת אַ פּאַראַדאָקס, נאָר פּשוט, ווייל אַזוי איז עס, מוז איך זאָגן, אַז איך פאַרטראָג נישט קיין אומ-אָרדענונג און צעשטערונג. איך בין תמיד געווען זייער אַ פלייסיקער און פּינקטלעכער שילער. דידאָזיקע צוויי אייגנשאַפטן זענען מיר

געבליבן אויך אין מיין שפּעטערדיקן לעבן. אין די יאָרן פון בירגערקריג, ווען איך בין אין מיין צוג אַדורכגעלאָפן אַ שטח אין דער גרויס פון עטלעכע עקוואַטאָרס, פלעג איך זיך פרייען מיט יעדן נייעם פּאַרקאַן פון פרישע סאָסנע-ברעטער. לעניך, וואָס האָט געקענט מיין דאָזיקע שוואַכקייט, האָט נישט איינמאָל פריינטלעך פון מיר חוזק געמאַכט. אַ גוט אָנגעשריבן בוך, אין וועלכן מ'קאָן געפינען נייע געדאַנקען, און אַ גוטע פעדער, וואָס מיט איר הילף קאָן מען איבערגעבן די אייגענע געדאַנקען אַנדערע, זענען פאַר מיר שטענדיק געווען — און געבליבן עד-היום—די סאַמע ווערטפולע און נאָענטע פּרוכט פון דער קולטור. די שטרעבונג זיך צו לערנען איז ביי מיר שטענדיק געווען שטאַרק און אַ סך מאָל אין מיין לעבן האָב איך געהאַט אַזאַ געפיל, אַז די רעוואָלוציע שטערט מיר סיסטעמאַטיש צו אַרבעטן. און דאָך איז כמעט אַ דריטל יאָרהונדערט פון מיין באַוואוסטזיניקן לעבן לחלוטין אויסגעפילט מיטן רעוואָלוציאָנערן קאַמף, און ווען מיר זאָל אויסקומען אָנצוהייבן פונדאָסניי, וואָלט איך נישט קלערנדיק אַוועק אויפן זעלבן וועג.

מיר קומט אויס צו שרייבן דידאָזיקע שורות אין דער עמיגראַציע, די דריטע לויטן חשבון, אין דער צייט, ווען מיינע נאָענטסטע פריינט פילן אָן די פאַרשיקונגס-ערטער און תפיסות פון דער סאָוויעטן-רעפּובליק, וואָס אין איר אויפבוי האָבן זיי גענומען אַ דעצידירנדיקן אָנטייל. עטלעכע פון זיי וואַקלען זיך, גייען אַוועק, בויגן זיך פאַרן קעגנער. איינע — מחמת דעם, וואָס זיי האָבן זיך מאָראַליש אויסגעשעפּט; אַנדערע דערפאַר, ווייל זיי געפינען נישט זעלבשטענדיק קיין אויסגאַנג אין דעם אומשטענדן-לאַבירינט; נאָך אַנדערע אונטערן דרוק פון מאַטעריעלע רעפּרעסיעס. איך האָב שוין צוויי מאָל איבערגעלעבט אַזעלכע מאַסן-אָפּטרעטונגען פון שטאַנדאַר: נאָכן צוזאַמענברוך פון דער רעוואָלוציע אין י. 1905 און אין אָנהייב פון דער וועלט-מלחמה. אויף דעם אופן ווייס איך גאַנץ גענוי, פון מיין לעבנס-דערפאַרונג, וואָס דאָס זענען אַזוינס היסטאָרישע עליות און ירידות. זיי זענען אונטערגעוואָרפן זייער געזעצמעסיקייט. מיט בלויזער אומגעדולט וועסטו נישט פאַרשנעלערן זייער וועקסל. דעם היסטאָרישן פּערספּעקטיוו בין איך געוויינט צו אַנאַליזירן נישט פון שטאַנדפונקט פון פּערזענלעכן גורל. באַגרייפן די געזעצמעסיקייט פון דעם, וואָס ס'קומט פאָר און געפינען אין דערדאָזיקער געזעצ-

מעסיקייט דעם אייגענעם פלאַץ — דאָס איז די ערשטע פליכט פון אַ רעוואָלוציאָנער. און דאָס איז גלייכצייטיק אויך די העכסטע פער-זענלעכע באַפרידיקונג, וואָס איז צוטריטלעך פאַר אַ מענטשן, וועל-כער לייזט נישט אויף זיינע אויפגאַבן אין היינטיקן טאָג.

ל. טראָצקי.

פרינקיפאָ, דעם 14 סעפטעמבער 1929.

ערשטער קאַפּיטל

יאַנאָווקע

די קינדהייט גילט אַלס די גליקלעכסטע צייט פֿון לעבן. צי איז עס תּמיד אַזוי? ניין, גליקלעך איז בלויז די קינדהייט פֿון געציילטע. די אידעאַליזירונג פֿון דער קינדהייט פֿירט איר גענעאַלאָגיע פֿון דער אַלטער ליטעראַטור פֿון די פּריווילעגירטע. די געזיכערטע, שפּעדיקע, אומבאַנעפּלטע קינדהייט אין די ירושהדיק רייכע און געבילדעטע משפּחות, צווישן צערטלעכקייטן און שפּילערייען, איז געבליבן אין זכּרון, ווי אַ זוניקע וואַלדלאָנקע אין אָנהייב פֿון לעבנס־גאַנג. די אַריסטאָקראַטן אין דער ליטעראַטור, אָדער די פּלעבייער, וואָס האָבן באַזונגען דעמדאָזיקן אַדל, האָבן קאַנאָניזירט, פֿאַרהייליקט דידאָזיקע דורך און דורך אַריסטאָקראַטישע אָפּשאַצונג פֿון דער קינדהייט. אַ דעצידירנדיקע מערהייט מענטשן, אויף וויפֿל זיי קוקן זיך בכלל אַרום אויף צוריק, זעט, להיפּך, אַ פֿינסטערע, הונגעריקע, אָפּהענגיקע קינדהייט. דאָס לעבן שלאָגט איבער די שוואַכע, און צי איז ווער שוואַכער פֿון קינדער?

מיין קינדהייט איז נישט געווען קיין קינדהייט פֿון הונגער און קעלט. בעת איך בין געבאָרן געוואָרן האָבן שוין מיינע עלטערן געהאַט אַ פֿאַרמעגן. ס'איז אָבער געווען אַ האַרטער פֿאַרמעגן פֿון מענטשן, וואָס הייבן זיך אויף פֿון דער נויט און ווילן נישט בלייבן שטיין אויפֿן האַלבן וועג. אַלע מוסקולן זענען געווען אָנגעשטרענגט, אַלע געדאַנקען אָנגעווענדט אויף דער אַרבעט און אויף אָנזאַמלען געלט. ביי

אזא מין באַלעבאַטישקייט איז די קינדער אָנגעקומען אַ גאַנץ באַשיידענער אָרט. מיר האָבן נישט געליטן קיין נויט, אָבער מיר האָבן נישט געגאָסן פון אַ לעבנס-שפע, פון זיינע צערטלעכקייטן. מיין קינדהייט שטעלט זיך מיר נישט פאָר אַלס אַ זוניק פעלד, ווי ביי אַ קליינער מינדערהייט, אָבער אויך נישט אַלס אַ הייל פון הונגער, געוואַלדטאַטן און באַליידיקונגען, ווי די קינדהייט פון אַ סך, ווי די קינדהייט פון דער מערהייט. ס'איז געווען אַ גרוילעכע קינדהייט אין אַ קליין-בורזשואַזער פאַמיליע, אין אַ דאָרף, אין אַ פאַרוואָרפן ווינקל, וואו די נאַטור איז ברייט, די מנהגים, אָנשווינגען און אינטערעסן אָבער — קאַרג און שמאָל.

די גייסטיקע אַטמאָספער, וואָס האָט אַרומגערינגלט מיינע קינדערשע יאָרן, און יענע, אין וועלכער ס'איז געפלאָסן מיין ווייטערדיק, באַוואוסטזיניק לעבן, זענען צוויי פאַרשיידענע וועלטן, אָפּגעטיילט איינע פון דער אַנדערער נישט בלויז דורך צענדליקער יאָרן און לענדער, נאָר אויך דורך בערג-קייטן פון גרויסע געשעענישן און ווייניקער וויכטיקע אינערלעכע קריזיסן. ביי די ערשטע פאַרנאָטירונגען פון דידאָזיקע זכרונות האָט זיך מיר נישט איינמאָל געדוכט, אַז איך שילדער נישט מיין קינדהייט, נאָר אַן אַלטע רייזע איבער אַ ווייט לאַנד. איך האָב אַפילו געפּרואווט פירן די דערציילונג וועגן זיך אין דער דריטער פּערזאָן. אָבער דידאָזיקע קאָנווענציאָנעלע פאָרם שלאָגט זיך צו לייכט אַראָפּ אויף בעלעטריסטיק, דאָס הייסט, אויף דעם, וואָס איך וואָלט קודם-כל געוואָלט אויסמיידן.

נישט געקוקט אויפן קעגנזאַץ פון די צוויי וועלטן, גייט דורך, ווי מיט פאַרבאָרגענע וועגן, די איינהייטלעכקייט פון דער פּערזענלעכקייט פון איינער אין דער צווייטער. דערמיט דערקלערט זיך, בכלל גערעדט, דער אינטערעס צו ביאָגראַפיעס און אויטאָביאָגראַפיעס פון מענטשן, וואָס האָבן, צוליב דער אָדער יענער סיבה, פאַרנומען אַ מער אָדער ווייניקער ברייטערן אָרט אין געזעלשאַפטלעכן לעבן. איך וועל דעריבער פּרוּוון דערציילן וועגן מיין קינדהייט און מיינע שול-יאָרן מיט אַ געוויסער אויספירלעכקייט, נישט פאַרכאַפּן און נישט באַשליסן קיין שום זאַך, דאָס הייסט, נישט אָנציען די פאַקטן אויף קיין שום פאָרויסגעפאַסטע פאַראַלגעמיינערונגען, — פּראָסט-פּשוט אַזוי ווי ס'איז געווען און ווי די פאַרגאַנגענהייט איז געבליבן אין מיין זכרון.

אָפּטמאָל פּלעגט זיך מיר דאַכטן, אַז איך געדענק, ווי איך האָב געזויגן מיין מוטערס ברוסט. איך מיין אָבער, אַז איך האָב פּשוט איבערגעטראָגן אויף זיך דאָס, וואָס איך האָב געזען ביי די יינגערע קינדער. עפּעס האָב איך געדענקט ווי אין חלום וועגן אַ סצענע אונטער אַן עפּלבוים אין גאָרטן, וואָס האָט זיך אָפּגעשפּילט, ווען איך בין אַלט געווען אַנדערטהאַלבן יאָר. אָבער אויך דידאָזיקע דערינערונג איז נישט גלויבנסווירדיק. אַמשטאַרקסטן איז מיר געבליבן אין זכרון דאָסדאָזיקע געשעעניש: איך בין מיט מיין מוטער אין באָבריינעץ, ביי דער פאַמיליע צ., וואו ס'איז פאַראַן אַ מיידעלע פון אַ יאָר צוויי, דריי. מיך רופט מען דער חתן, דאָס מיידעלע די כלה. די קינדער שפּילן זיך אין זאַל אויף אַ געפּאַרבעטער פּאָדלאָגע, דערנאָך ווערט דאָס מיידעלע פאַרשוואונדן, און דאָס קליינע יינגעלע שטייט איינער אַליין ביי דעם קאָמאָד. ער לעבט איבער אַ מאָמענט פון פאַרגליווערונג, ווי אין שלאָף. ס'קומט אַריין די מוטער מיט דער ווירטין. די מוטער קוקט אויפן יינגעלע, דערנאָך אויפן טייכל לעבן אים, דאַן ווידער אויפן יינגעלע, שאָקלט פאַרוואורפספול מיטן קאָפּ און זאָגט: „ווי שעמסטו זיך נישט"... דאָס יינגעלע קוקט אויף דער מוטער, אויף זיך, און דערנאָך אויפן טייכל, ווי אויף עפּעס פאַר אים לגמרי אַ זייטיקע מעשה.

„קיין בייז נישט, קיין בייז נישט", זאָגט די ווירטין, „די קינדער האָבן זיך פאַרשפּילט".

דאָס קליינע יינגעלע שפּירט נישט — נישט קיין חרפה, נישט קיין חרטה. וויפל איז ער דעמאָלט אַלט געווען? זיכער צוויי יאָר, און אפשר דריי.

אומגעפער אין יענער צייט האָב איך זיך אָנגעשטויסן אויף אַ שלאַנג, שפּאַצירנדיק מיט דער ניאַניע אין גאָרטן.

— קוק, ליאוווע, האָט אַ זאָג געטאָן די „ניאַניע", אָנווייזנדיק אויף עפּעס אַ שימערירנדיקע זאַך אין גראָז, „אַ טאַבאַק-פּושקעלע פאַרגראָבן אין דר'ערד". די ניאַניע האָט גענומען אַ שטעקעלע און אָנגעהייבן פאַנאַנדערגראָבן. די ניאַניע אַליין איז נישט מער אַלט געווען ווי אַ יאָר זעכצן. דאָס טאַבאַק-פּושקעלע האָט זיך צעשפּרייט, אויסגעצויגן אין אַ שלאַנג און מיט אַ ציש געקראָכן איבערן גראָז. „אוי! אוי!" האָט זיך די ניאַניע צעשריען און, כאַפּנדיק מיר פאַרן האַנט, געשווינט אַנטלאָפן. מיר איז שווער געווען צו שטעלן גיך די

פיס. מיט אַ פאַרכאַפּטן אָטעם האָב איך דערנאָך דערציילט, ווי מיר האָבן געמיינט, אַז מיר האָבן געפונען אין גראָז אַ טאַבאַק-פּושקעלע, סוף איז עס גאָר געווען אַ שלאַנג.

ס׳געדענקט זיך נאָך אַ קינדערשע סצענע אין דער „ווייסער״ קיך. דער פאָטער און די מוטער,ביידע זענען נישטאָ אינדערהיים. אין קיך געפינען זיך, אויסער דער דינסט און דער קעכין, אויך זייערע געסט. דער עלטערער ברודער, אַלעקסאַנדער, וואָס איז געקומען אויף די וואַקאַציעס, דרייט זיך אויך דאָ אַרום. ער שטעלט זיך אַרויף מיט ביידע פיס אויף דער הילצערנער לאָפּאַטע, ווי אויף שטאָלצן, און טאַנצט אויף איר אַ צייט נאָכאַנאַנד איבער דער ערדענער פּאָדלאָגע פון דער קיך. איך בעט דעם ברודער, ער זאָל מיר געבן די לאָפּאַטע, פּרוּאוו זיך אויף איר אַרויפקלעטערן, פאַל אָבער אַראָפּ און צעוויין זיך. דער ברודער הייבט מיך אויף, קושט מיך און טראָגט מיך אַרויס אויף די הענט פון קיך.

איך בין שוין אוודאי אַלט געווען אַ יאָר פיר, ווען עמעצער האָט מיך אַרויפגעזעצט אויף אַ גרויסער גרויער קליאַטשע, אַ שטילע ווי אַ שעפּסעלע, אָן אַ זאָטל און אָן אַ צוים, נאָר מיט אַ מויל-ציימל פון שטריק. צעשפּרייטנדיק ברייט די פיס, האָב איך מיך מיט ביידע הענט געהאַלטן פאַר דער גזשיווע. די קליאַטשע האָט מיך רואיק צוגעפירט צו אַ באַרנבוים און אַדורכגעגאַנגען אונטער אַ צווייג, וואָס האָט מיר דערגרייכט ביזן בויך. איך בין זיך היני-טערווייליקער אַראָפּגעפּאָרן אונטן און זיך אַ זעץ געטון אין גראָז. ווי געטאָן האָט מיר נישט, נאָר אַ רעטעניש איז עס פאַר מיר געווען.

קיין געקויפטע שפּילצייג האָב איך אַלס קינד קיינמאָל נישט געהאַט. נאָר איין איינציקן מאָל האָט מיר די מוטער געבראַכט פון כאַרקאָוו אַ פּאַפּירן פערדל און אַ פּילקע. מיט דער יינגערער שוועסטער האָב איך געשפּילט אין ליאַלקעס, וואָס מיר האָבן זיך אַליין געמאַכט. איינ-מאָל האָבן אונז די מומע פעני און די מומע ראַיסע, דעם פאָטערס שוועסטער, געמאַכט פון שמאַטעס עטלעכע ליאַלקעס, און די מומע פעני האָט זיי אונטערגעפירט מיט אַ בלייפעדער די אויגן, דאָס מויל און די נאָז. די ליאַלקעס האָבן אויסגעזען ממש אויסערגעוויינלעכע, איך געדענק זיי נאָך איצט. אין איינעם פון די ווינטער-אָוונטן האָט אונזער מאַשיניסט, איוואַן וואַסיליעוויטש, אויסגעשניטן און צונויפגע-

קלייעט פון קאַרטאָן אַ וואַגאָן מיט פענסטער און אויף רעדלעך. דער עלטערער ברודער, וואָס איז געקומען אויף ווייַנאַכטן, האָט תיכף געמאָלדן, אַז אַזאַ וואַגאָן קאָן מען מאַכן אין אַ פּאָר מינוט. ער האָט אָנגעהייבן דערפון, וואָס ער האָט פאַנאַנדערגעקלייעט מיין וואַגאָן, זיך באַוואָפנט מיט אַ ליניע, אַ בלייפעדער און אַ שער, אַ צייט נאָכאַנאַנד געצייכנט, און אַז ער האָט עס לויט דער צייכענונג צעשניטן, האָט זיך דער וואַגאָן ביי אים נישט צונויפגעגאָסן.

די קרובים און באַקאַנטע, וואָס פלעגן אָפט פאָרן אין שטאָט אַריין, האָבן מיך נישט איינמאָל געפרעגט: וואָס זאָל מען דיר ברענגען פון יעליזאַוועטגראַד אָדער ניקאָלאַיעוו? מיינע אויגן האָבן זיך ממש אָנגעצונדן. וואָס אַזוינס זאָל איך בעטן? מ׳פלעגט מיר קומען צו הילף. דער האָט פאָרגעלייגט אַ פערדל, דער ביכלעך, דער קאָלירטע בליישטיפטן, און דער ליזשוועס. „ליזשוועס האַלב-גאַלנפאַקס״, זאָג איך, אַזוי ווי איך האָב דעמדאָזיקן נאָמען געהערט פון מיין ברודער. די, וואָס האָבן צוגעזאָגט, האָבן מאָמענטאַל פאַרגעסן זייער צוזאָג, ווי נאָר זיי זענען אַריבער די שוועל. און איך האָב עטלעכע וואָכן געלעבט מיט דער האָפענונג, און דערנאָך אַ צייט לאַנג זיך געפּלאָגט מיט דער אַנטוישונג. אין אַרומגעצוימטן גערטל אויף די זון-בלומען האָט זיך אַוועקגעזעצט אַ בין. אַזוי ווי די בינען בייסן זיך און מ׳דאַרף זיך היטן, רייס איך אַראָפּ אַ קלעטן-בלאַט און דורך אים כאַפּ איך די בין מיט צוויי פינגער. ס׳נעמט מיך אַדורך אַן אומגעריכטער און אומדערטרעגלעכער ווייטיק. מיט אַ יאָמער-געשריי לויף איך איבערן הויף אין וואַרשטאַט אַריין צו איוואַן וואַסיליעוויטשן. ער נעמט אַרויס דאָס שטעכלקע און באַשמירט דעם פינגער מיט עפּעס אַ רעטונגס-פליסיקייט.

איוואַן וואַסיליעוויטש האָט געהאַט אַ סלויאיק, וואו ס׳זענען אַרומגעשוואומען אין בוימאייל טאַראַנטולן. מ׳האָט געהאַלטן, אַז דאָס איז דער בעסטער מיטל קעגן אַ ביס. די טאַראַנטולן פלעג איך כאַפּן צוזאַמען מיט וויטיע גערטאָפּאַנאָוון. צו דעם צוועק פלעגט מען אויף אַ פאָדעם פאַרפעסטיקן אַ שטיקל וואַקס און אַראָפּלאָזן עס אין נאָרעלע. דער טאַראַנטול פאַרטשעפּעט זיך אָן דעם וואַקס מיט אַלע לאַפּקעס און קלעפּט זיך צו. מ׳דאַרף נישט מער, נאָר אַריינכאַפּן אים אין אַ ליי-

דיקער שאָכטעלע פון זאַפּאַלקעס. איבעריקנס, געהערט, ווי ס'שיינט, דער יאַגד אויף טאַראַנטולן צו אַ שפּעטערדיקער צייט.

איך דערמאָן זיך אָן אַ געשפּרעך פון די דערוואַקסענע, בעת אַ לאַנגן ווינטערדיקן טיי־אָוונט, מכּוח דעם, ווי אַזוי און ווען מ'האָט געקויפט יאַנאָוועקע, וויפל יעדערער פון די קינדער איז דאַן אַלט געווען, און ווען איוואַן וואַסיליעוויטש איז אָנגעקומען אויפן פּאָסטן. די מוטער זאָגט: „און ליאָוון האָט מען אַריבערגעפירט פון פּאָלוואַרק שוין אַ פּאַרטיקן", און קוקט דערביי שעלמיש אויף מיר. איך קאָמ־ביניר אינדערשטיל, און דערנאָך זאָג איך אויפן קול: „הייסט עס, אַז איך בין געבאָרן געוואָרן אויפן פּאָלוואַרק?.." „ניין, — זאָגט מען מיר — דו ביסט שוין געבאָרן געוואָרן דאָ, אין יאַנאָוועקע."

„היינט ווי־זשע זאָגט די מאַמע, אַז מיך האָט מען געבראַכט אַ פּאַרטיקן?.."

„דאָס האָט די מאַמע געזאָגט גלאַט אַזוי זיך, געמאַכט אַ שפּאַס..." איך בין נישט צופרידן, און טראַכט ביי זיך, אַז דאָס איז אַ משונהדיקער שפּאַס, אָבער איך פאַרשווייג, ווייל איך זע אויף די פּנימער פון די דערוואַקסענע יענעם באַזונדערן סודותפולן שמייכל, וואָס איך האָב אים זייער נישט ליב. פון דידאַזיקע דערינערונגען ביים ווינטערדיקן טיי, ווען קיינער האָט זיך נישט וואוהין צו איילן, פליסט אַרויס די כראָנאָלאָגיע. געבאָרן געוואָרן בין איך אין אָקטאָ־בער, דעם 26־סטן. הייסט עס, אַז קיין יאַנאָוועקע זענען מיינע עלטערן אַריבערגעפאָרן פון פּאָלוואַרק אין פרילינג, אָדער אום זומער 1879.

דאָס יאָר פון מיין געבורט איז געווען דאָס יאָר פון די ערשטע דינאַמיט־קלעפּ איבערן צאַריזם. די קורץ פאַר דעם אַנטשטאַנענע טעראָריסטישע פּאַרטיי „פּאָלקס־ווילן" האָט דעם 26־טן אויגוסט 1879 — מיט צוויי מאָנאַטן פאַר מיין דערשיינען אויף דער וועלט — אַרויס־געטראָגן אַ טויט־אורטייל אַלעקסאַנדער דעם צווייטן. דעם 19־טן נאָ־וועמבער איז שוין געמאַכט געוואָרן אַ דינאַמיט־אַטענטאַט אויפן קייזערלעכן צוג. ס'האָט זיך אָנגעהייבן אַ שטורמישער קאַמף, וואָס האָט דערפירט דעם 1־טן מערץ 1881 צום מאָרד פון אַלעקסאַנדער דעם צווייטן, אָבער גלייכצייטיק אויך צום אונטערגאַנג פון „פּאָלקס־ווילן".

מיט אַ יאָר פריער האָט זיך פאַרענדיקט דער רוסיש־טערקישער קריג. אין אויגוסט 1879 האָט ביסמאַרק פאַרלייגט דעם פונדאַמענט פאַר

אָן עסטרייך-דייטשן בונד. זאָלאַ האָט אין יענעם יאָר פּאַרעפֿנטלעכט אַ ראָמאַן, וואו דער קינפּטיקער אָרגאַניזאַטאָר פֿון דער אַנטאַנט, דער פּרינץ פֿון וועלס, פֿיגורירט אַלס שטאַרקער מבֿין אויף אָפּערעטן-זינגערינס („נאַנאַ"). דער שטורעם פֿון דער רעאַקציע, וואָס האָט זיך פֿאַרשטאַרקט אין דער אייראָפּעישער פּאָליטיק נאָכן פֿראַנצויזיש-פּרייסישן קריג און דער צעקלאַפּונג פֿון דער פֿראַנצויזישער קאָמונע, איז נאָך נישט שוואַכער געוואָרן. אין דייטשלאַנד איז די סאָציאַל-דעמאָקראַטיע שוין אַרונטערגעפּאַלן אונטער ביסמאַרקס אויס-נאַמס-געזעצן. וויקטאָר הוגאָ און לוּי בלאַן האָבן אין י. 1879 אַריינגע-טראָגן אין דער פֿראַנצויזישער קאַמער די פֿאָדערונג פֿון אַמנעסטיע פֿאַר די קאָמונאַרן.

אָבער נישט די פּאַרלאַמענטאַרישע דעבאַטן, נישט די דיפּלאָ-מאַטישע אַקטן, און אַפֿילו נישט די דינאַמיט-אויפֿרייסן האָבן נישט דערטראָגן זייערע אָפּקלאַנגען צום דאָרף יאַנאַווקע, וואו איך האָב דערזען די ליכטיקע וועלט און פֿאַרבראַכט די ערשטע ניין יאָר פֿון מיין לעבן. אויף די אומענדלעכע סטעפּעס פֿון כערסאָנער גובערניע און אין גאַנץ נאָוואָראָסיע האָט עקזיסטירט מיט באַזונדערע געזעצן אַ מלוכה פֿון ווייץ און שעפּסן. זי איז געווען שטאַרק געשיצט קעגן דער אַריינדרינגונג פֿון פּאָליטיק דורך אירע אומגעהייערע שטחים און מאַנגל אין קאָמוניקאַציע-וועגן. די אומצייליקע סטעפּ-בערגלעך זענען דאָ פֿאַרבליבן אַלס וועגצייכנס פֿון דער גרויסער פֿעלקער-וואַנדערונג.

מיין פֿאָטער איז געווען אַ גוטבאַזיצער, לכתחילה אַ קליינער, דערנאָך אַ גרעסערער. אַלס ייִנגל האָט ער מיט זיין פֿאַמיליע פֿאַר-לאָזן דאָס יידישע שטעטל אין פּאָלטאַווער גובערניע און זיך געלאָזן זוכן גליק אויף די פֿרייע סטעפּעס פֿון דרום. אין כערסאָנער און יעקאַטערינאָסלאַווער גובערניע זענען אין יענע יאָרן געווען בערך אַ פֿערציק יידישע לאַנדווירטשאַפֿטלעכע קאָלאָניעס מיט אַ באַפֿעל-קערונג פֿון 25.000 נפֿשות. די יידן-קאָלאָניסטן זענען געוואָרן אויס-געגלייכט מיט די פּויערים נישט בלויז אין די רעכט (ביזן יאָר 1851) נאָר אַפֿילו אין דער אָרעמקייט. אַ דאַנק זיין אומדערמידלעכער, שווערער אַרבעט, נישט שאַנעווענדיק זיך און אַנדערע, איז מיין פֿאָטער, נאָך די ערשטע אָפּשפּאָרונגען, כּסדר רייכער געוואָרן.

דאָס מעטריקע-בוך אין דער קאָלאָניע גראָמאָקליי האָט זיך געפֿירט נישט זייער רציעל. אַ סך פֿעלגן איינגעשריבן ווערן אויף

אַ פריערדיקן טערמין. אַז איך האָב געזאָלט אַריינטרעטן אין מיטלשולע און ס'האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז איך בין נאָך צו יונג פאַרן ערשטן קלאַס, האָט מען אין די מעטריקעס איבערגעטראָגן מיין געבורט פון יאָר 1879 אויפן יאָר 1878. דעריבער האָט מען וועגן מיין עלטער שטענדיק געפירט אַ דאָפּלטן חשבון: אַן אָפיציעלן און אַ פּריוואַטן.

די ערשטע ניין יאָר פון מיין לעבן האָב איך כמעט נישט אַרויסגערוקט די נאָז פון מיין פאָטערס דאָרף. געהייסן האָט עס יאַנאָווקע אויפן נאָמען פון גוטבאַזיצער יאַנאָווסקי, ביי וועמען מ'האָט געקויפט דעם באָדן. דער אַלטער יאַנאָווסקי איז פון אַ פּשוטן זעלנער דערגאַנגען ביז צו אַ פּאָלקאָווניק. ער האָט געפונען חן ביי דער מאַכט אין די צייטן פון אַלעקסאַנדער דעם צווייטן, און באַקומען אויף אויסצוקלייבן 500 דעסיאַטין אין די נאָך אומבאַזעצטע סטעפּעס פון כערסאָנער גובערניע. ער האָט זיך אויסגעבויט אין סטעפּ אַ ליימענע הייזל מיט אַ שטרויענעם דאַך, און נאָך אַזעלכע פּרימיטיווע הויפּישע בנינים. אין דער ווירטשאַפט איז ער אָבער קיין בריה נישט געווען. נאָך זיין טויט איז זיין פאַמיליע אַריבערגעפאָרן קיין פּאָלטאַווע. מיין פאָטער האָט געקויפט ביי יאַנאָווסקין העכער 100 דעסיאַטין באָדן און 200 גענומען אין אַרענדע. דער פּאָלקאָווניצע, אַן אויסגעדאַרטע זקנה, געדענק איך גוט: זי פלעגט קומען איין מאָל אָדער צוויי מאָל אַ יאָר אָפּנעמען דאָס אַרענדע-געלט און אַ קוק טאָן, צי איז אַלץ אויפן אָרט. מ'פלעגט נאָך איר אַרויסשיקן צום וואָקזאַל פערד און ביים צופאָר-פּלאַץ אַוועקשטעלן אַ שטול, ס'זאָל איר זיין לייכטער אַראָפּצוגיין פון רעסאָרן-וועגל. אַ פאַעטאָן האָט זיך דער פאָטער פאַרשאַפט ערשט אין אַ צייט אַרום און צוגלייך אויך גוט אויסגעפאָרענע אָגערס. דער אַלטער פּאָלקאָווניצע פלעגט מען קאָכן אַ בוליאָן פון הון און שיטערע אייער. שפּאַצירנדיק מיט מיין שוועסטער איבערן גאָרטן, פלעגט די פּאָלקאָווניצע אַראָפּרייסן מיט אירע אויסגעדאַרטע נעגעלעך די פאַרגליווערטע בוים-סמאָלע פון די שטאַמען און איינשמועסן אונז, אַז דאָס איז דאָס בעסטע נאַשוואַרג.

די פאַרזייטע שטחים האָבן זיך פאַרברייטערט, די צאָל פערד און בהמות האָבן זיך כסדר פאַרגרעסערט. מ'האָט געפּרואווט איינפירן מערינאָסן-שעפּסן, אָבער ס'האָט זיך נישט איינגעגעבן. דערפאַר האָבן זיך די חזירים שטאַרק געפּרוכפּערט. זיי זענען אַרומגעגאַנגען פריי

איבערן הויף, צעגראָבן אַלע אַרומיקע ערד-שטחים און לחלוטין רואינירט דעם גאָרטן. דיווירטשאַפט האָט זיך געפירט זאָרגזאַם, אָבער אויפן אַלטן שטייגער. פעסטשטעלן, אַ שטייגער, וואָס פאַר אַ ווירטשאַפטס-צווייג ס׳ברענגט ריווח אָדער היזק, האָט מען געקאָנט בלויז פון קוק. דעריבער איז אויך שווער געווען אָפּצושאַצן די גרויס פון פאַרמעגן. אַלע קאַפּיטאַלן זענען תמיד געווען אין באָדן, אין קאָרן, אין תבואה. די תבואה איז געלעגן אין די שייערן אָדער טראַנספּאָרטירט געוואָרן צו די פּאָרטן. אָפּטמאָל ביים טיי אָדער אָוונטברויט פלעגט זיך דער פאָטער פלוצלונג אַ כאַפּ טאָן: „פאַר-שרייבט, איך בעט אייך, איך האָב באַקומען פון קאָמיסיאָנער 1300 רובל! דער פּולקאָווניצע אַרויסגעשיקט 600, 400 געגעבן דעמבאָווסקין. יאָ, פאַרשרייבט אויך, אַז פעאָדאָסיע אַנטאָנאָווען האָב איך געגעבן 100 רובל, בעת איך בין וויאָסנע-צייט געווען אין יעליזאַ-וועטגראַד...” אויף דעם אופן, אַ שטייגער, האָט זיך געפירט די בוכהאַלטעריע. נאָר נישט געקוקט אויף דעם, איז דער פאָטער פאַ-מעלעך, אָבער עקשנותדיק געוואַקסן אינדערהויך.

געוואוינט האָבן מיר אין דעמזעלבן ליימענעם הייזל, וואָס דער פּולקאָווניק האָט אויסגעבויט. דער דאַך איז געווען אַ שטרויענער מיט אַ גרויסער מענגע שפּערלינג-נעסטן אונטערן געזימס. אין די דרויסנדיקע ווענט זענען געווען פול מיט שפּאַלטן, און אין דידאָזיקע שפּאַלטן האָבן זיך פאַרקליבן גאַטערס. אָפּטמאָל האָט מען געמיינט, אַז דאָס זענען גיפטיקע שלאַנגען, מען האָט געגאָסן אין די שפּאַרעס קאָכעדיק וואַסער פון סאַמאָוואַר, ס׳האָט אָבער נישט געהאָלפן. אין די גרויסע רעגנס האָבן די נידעריקע סופיטן דורכגערונען, איבער-הויפּט אין פאָרהויז: אויף דער ערדענער פאָדלאָגע פלעגט מען אָנשטעלן בעקנס און שיסלען. די צימערן זענען געווען קליינע, די פענסטער—טריבע, איןביידע שלאָפצימערן און אין קינדערצימער זענען די פאָדלאָגעס געווען ליימענע און פול מיט פליי. אין עסצימער האָט מען געלייגט אַ פאָדלאָגע פון ברעטער, און איין מאָל אין וואָך זי אָנגעריבן מיט געלן זאַמד. און אין הויפּט-צימער, בערך 8 טריט לאַנג, וואָס האָט פייערלעך געטראָגן דעם נאָמען זאַל, איז די פאָדלאָגע געווען אַ געפאַרבטע. דאָרט פלעגט מען איינאָרדענען דער פּולקאָווניצע. אין גערטל אַרום הויז האָבן געוואַקסן ביימלעך פון געלע אַקאַציעס, ווייסע און רויטע רויזן, און זומער האָבן זיך געשלענגלט פייער-בעבלעך.

דער הויף איז אינגאנצן נישט געווען אַרומגעצוימט. אין דעם גרויסן ליימענעם בנין, געדעקט מיט דאַכאָווקעס, וואָס דער פאָטער האָט שוין אַליין אויסגעבויט, האָט זיך געפונען: דער וואַרשטאַט, די ווירטשאַפטס-קיך און דער משרתים-צימער. דערנאָך איז געגאַנגען דער „קליינער" הילצערנער שפייכלער, נאָך אים דער „גרויסער" הילצערנער שפייכלער און דערנאָך דער „נייער" שפייכלער, אַלע געדעקט מיט שינדלען. כדי דאָס וואַסער זאָל זיך נישט אַריינקריגן און די תבואה זאָל נישט פוילן, זענען די שפייכלערס געשטאַנען אויף שטיינער, הויך פון דער ערד. אין די גרויסע היצן און קעלטן פלעגן זיך אונטער זיי אויסבאַהאַלטן די הינט, חזירים און עופות. די הינער האָבן אויך דאָרט געפונען אַ שטיל ווינקעלע אויף לייגן אייער. נישט איינמאָל האָב איך פון דאָרט אַרויסגעשלעפּט די הינערשע אייער, קריכנדיק אויפן בויך צווישן די שטיינער: אַ דערוואַקסענעם איז אוממעגלעך געווען דורכצוקריכן. אויפן דאַך פון גרויסן שפייכלער באַזעצן זיך יאָר-יערלעך בושלעס. אויפהייבנדיק צום הימל זייערע רויטע שנאָבלען, שלינגען זיי נאַטערס און זשאַבעס, — ס'איז שרעקלעך! דער קערפּער פון נאַטער צאַפּלט זיך אין שנאָבל און ס'זעט אויס, ווי דער בושל וואָלט אינעווייניק געגעסן דעם שלאַנג.

אין שפייכלער, וואָס איז צעטיילט אויף קאָרן-קאַמערלעך, ליגט פריש-שמעקעדיקע ווייץ, גראַבלעך-שטעכעדיקער גערשטן, פלאַכער גליטשיקער, כמעט שיטער-פליסנדיקער פלאַקס-זוימען, שוואַרץ בלויִלעכער פערל פון ראַפּס*), דינער, לייכטער האָבער. ווען די קינדער שפּילן אין באַהעלטעניש, ווערט דערלויבט, נישט שטענדיק, נאָר בעת ס'קומען חשובע געסט, זיך צו באַהאַלטן אַפילו אין די שפייכלערס. איך קריך אַריבער איבערן ווענטל פון דער אָפּגעצוימטער קאָרן-קאַמער, קלעטער אַרויף אויפן ווייץ-בערגל און וואַרף זיך אַריבער אויף דער צווייטער זייט. די הענט איבער די עלנבויגנס און די פיס איבער די קני פאַרשווינדן אין דער צעשווימענדיקער מאַסע; די שיך, אָפּטמאָל צעריסענע, און דער בוזעם ווערט פול מיט תבואה-קערנער. די שפייכלער-טיר איז צוגעמאַכט, און ס'הענגט אויף איר כלומרשט אַ שלאָס, אָבער נישט קיין פאַרשלאָסענער — אַזוי האָבן געפאָדערט די כללים פון שפּיל. איך ליג אין קילן שפייכלער, פאַר-

*) ראַפּס — מין תבואה, פון וועלכער ס'ווערט געמאַכט אייל און פאַשע פאַר בהמות.

גראָבן אין תּבואה, אָטעם איין דעם געוויקסן-שטויב און הער, ווי סעניא וו. אָדער סעניא זש., אָדער סעניא ס., אָדער מיין שוועסטער ליזע, אָדער ווער אַנדערש, שלעפּן זיך אַרום איבערן הויף, געפינען די באַהאַלטענע, קאָנען אָבער בשום אופן נישט אַנטדעקן מיך, דעם דערטרונקענעם אין פרישן ארנאָוט.

די שטאַלן און סטאָדאָלעס פון די פערד, קי, חזירים און עופות זענען געשטאַנען אויף דער צווייטער זייט הויז. דאָס אַלץ איז געווען פּרימיטיוו צונויפגעמייסטערט פון ליים, צווייגן און שטרוי. אַ הונדערט טריט ווייט פון שטוב האָט זיך געצויגן צום הימל אַ הויכער ברונעם. הינטער אים — אַ טייכל, וואָס האָט באַוואַסערט די פּויערשע גערט-נער. די „הרעבליע" פלעגט יעדן פרילינג אָפּגעשווענקט ווערן דורך דער פאַרפלייצונג, און ווידער פלעגט מען זי פאַרפעסטיקן: מיט שטרוי, ערד, מיסט. אויפן בערגל ביים טייך איז געשטאַנען אַ מיל. אַ ברעטער-באַראַק האָט צוגעדעקט אַ דאַמף-מאַשין פון צען פערדקראַפט און צווי מילשטיינער. די מיל האָט געאַרבעט נישט בלויז פאַרן הויף, נאָר פאַר דער גאַנצער סביבה. די פּויערים פלעגן ברענגען תּבואה פאַר 10—15 מייל ווייט און צאָלן פאַרן מאָלן אַ צענטל פון תּבואה-סכום. אין הויך-סעזאָן, ערב דער דרעש-צייט, האָט די מיל געאַרבעט 24 שעה אין מעת-לעת, און אַז איך האָב זיך אויסגעלערנט רעכענען און שרייבן, פלעגט מיר אָפטמאָל אויסקומען איבערצווועגן די פּויערשע תּבואה און אויסצורעכענען, וויפל ס'קומט פאַרן מאָלן. נאָכן שניט פלעגט זיך די מיל צומאַכן, און די דאַמפמאַשין איז אָנגעווענדט געוואָרן צום דרעשן. איבעריקנס, איז שפּעטער אַוועקגע-שטעלט געוואָרן אַן אומבאַוועגלעכער מאָטאָר. דער נייער מיל-בנין איז געווען געבויט פון שטיינער און דאַכאָוועקעס, אַנשטאָט דעם פּריצישן ערדשטיבל איז אויך אויסגעבויט געוואָרן אַ גרויסער מויער מיט אַ בלעכענעם דאַך. אָבער דאָס אַלץ איז פאָרגעקומען, ווען איך בין שוין כּמעט אַלט געווען זיבעצן יאָר. בעת מיינע לעצטע וואַקאַציעס האָב איך זיך געבראַכן דעם קאָפּ צו באַרעכענען פאַרן קינפטיקן הויז די שטחים צווישן די פענסטער און די גרויס פון די טירן, ס'איז מיר אָבער נישט געלונגען. קומענדיק אין דאָרף אויפן צווייטן זומער, האָב איך שוין געזען אַ שטיינערנעם פונדאַמענט. לעבן אין הויז גופא איז מיר שוין נישט באַשערט געווען. איצט פאַרנעמט דאָס-דאָזיקע הויז אַ ראַטן-שולע...

אין מיל פלעגן די פּויערים אָפטמאָל אָפּזיצן גאַנצע וואָכן. די,

וואס האבן געוואוינט נעבנטער, פלעגן אוועקשטעלן די זעק אין דער ריי און אליין פארן אהיים. די ווייטע אבער פלעגן זיך וואלגערן אויף זייערע פורן און אין א רעגן שלאפן דארט אין מיל אויף די זעק.

ביי איינעם פון די פויערים איז פארפאלן געווארן א צוימל. עמעצער האט געזען, ווי א צוגעפארענער ייִנגל האט זיך געדרייט ארום פרעמדן פערד. מ׳האט זיך א לאז געטאן רעווידירן זיין פאטערס וואגן און געפונען אינם היי דאס צוימל. דעם ייִנגלס פאטער, א לאנגבערדיקער, בייזער פויער האט זיך געצלמט צו דער מזרח-זייט און געשווארן מיט שבועות, אז דער פארשאלטענער יונג, דער ארעסטאנטל, איז אליין געפאלן אויף אזא מין המצאה, און אז ער וועט אים דערפאר ארויסקוועטשן די געדערעם. מ׳האט אבער דעם פאטער נישט געגלויבט. דער פויער האט א נעם געטאן דעם זון פארן קארק, אווארף געטאן אים אויף דער ערד און אנגעהייבן קאטעווען מיטן געגנבעטן צוימל. פון הינטערן רוקן פון די דערוואקסענע האב איך זיך צוגעקוקט צו דער דאזיקער סצענע. דער יונג האט געשריען און געשווארן, אז מער וועט ער עס נישט טאן. ארום זענען געשטאנען די אנגעברוגזטע פויערים, גלייכגילטיקע צו די קולות פון ייִנגל, גערויכערט די ציגארקעס און געברומט אין בארד אריין, אז דער פאטער שמייסט נישט מיט אן אמת, נאר לפנים, און אז מ׳האט פאר איינס געדארפט מכבד זיין אויך אים אליין.

הינטער די שפייכלערס און שטאלן האבן זיך געצויגן „קלונעס", ס׳הייסט ריזיקע, צענדליקער קלאפטער-לאנגע דעכער, מאנכע פון קארן, אנדערע פון שטרוי, אויף סלופעס, אריינגעהאקט אין דער ערד, אן ווענט. אין די קלונעס פלעגט מען אנשיטן בערג תבואה; אין א צייט פון רעגן אדער ווינטן פלעגט מען דארט ארבעטן מיט א ווארפשופלע אדער זיפ. א ביסל ווייטער הינטער די קלונעס האט זיך געפונען דער דרעש-באדן, וואו מען האט געדראשן תבואה. נאך א ביסל ווייטער הינטערן גראבן איז געשטאנען א שטאל פאר בהמות, אינגאנצן צונויפגעשטעלט פון טרוקענער מיסט.

מיטן פאלקאווניקס ערדשטיבל און דעם אלטן דיוואן אין עסשטוב איז צוזאמענגעבונדן מיין גאנץ קינדעריש לעבן. אויף דעם דאזיקן דיוואן, באפוצט מיט פאניר פון רויטן האלץ, פלעג איך זיצן ביים טיי, ביים מיטאג, ביים אוונטברויט, זיך געשפילט מיט דער שוועסטער אין ליאלקעס, און שפעטער אויך געלייענט. אין צוויי

ערטער איז דער דיוואַן געווען צעריסן: אַ קלענערער לאָך דאָרט ביי יענעם עק, וואו עס שטייט דער פאָטערשטול פאַר איוואַן וואַסיליעוויטשן, און אַ גרעסערע דאָרט, וואו איך זיץ, לעבן פאָטער. „שוין צייט איבערצוציען דעם דיוואַן מיט נייעם טוך“, זאָגט איוואַן וואַסיליעוויטש. „שוין לאַנג צייט געווען“, ענטפערט די מוטער. „מיר האָבן אים שוין נישט איבערגעצויגן זינט מ׳האָט דערהרגעט דעם צאַר“.

„יאָ, איר ווייסט“, פאַרענטפערט זיך דער פאָטער, „קומסט צופאָרן אין דער פאַרשאָלטענער שטאָט אַריין, לויפסט אַהין, אַהער, דער פורמאַן בייזערט זיך, קלערסט כסדר, ווי אַזוי זיך גיכער אַרויסצורייסן און לויפן צוריק אינהויף. און אָט פאַרגעסטו אָן די אַלע קניות“.

איבערן גאַנצן עסצימער האָט זיך געצויגן אונטערן נידעריקן סופיט אַ „סוואָלאָק“, אַ גרויסער, ווייס געקאַלכטער באַלקן, וואו מ׳פלעגט אַרויפשטעלן אינדערהויך כל המינים זאַכן: טעלער מיט עסנוואַרג, כדי די קאַץ זאָל זיך דערצו נישט צוקריגן, טשוועקלעך, שטריקלעך, ביכלעך, אַ פלעשעלע טינט, פאַרשטאָפּט מיט אַ פּאַפּירל, אַ הענטל מיט אַן אַלטער פאַרזשאַווערטער פען. אין פענעס איז קיין גרויסע שפע נישט געווען. ס׳זענען געווען וואָכן, ווען איך פלעג מיט אַ שטובמעסער שניצן פון האָלץ אַ פען, כדי אַראָפּצוצייכענען די פערדלעך פון אַלטע נומערן פון דער אילוסטרירטער „ניוואַ“. אינדערהויך אונטערן סופיט, וואו ס׳האָט זיך אַרויסגערוקט דער קוימען, האָט געוואוינט די קאַץ. דאָרט פלעגט זי האָבן אירע קעצעלעך, און האַלטנדיק זיי אין די ציין, פלעגט זי מיט אַ דרייסטן שפרונג זיך אַראָפּלאָזן אונטן, ווען ס׳פלעגט איר ווערן צו הייס. אָן „סוואָלאָק“ פלעגן זיך כסדר צעקלאַפּן די קעפּ די הויכגעוויקסיקע געסט, אויפשטייענדיק פון טיש, און דעריבער איז געוואָרן אַ מנהג זיי צו וואָרענען: „פאָרזיכטיק, פאָרזיכטיק“, און אָנצווייזן מיט דער האַנט אינדערהויך, אונטערן סופיט.

דער מערקווירדיקסטער קעגנשטאַנד אין קליינעם זאַל איז געווען דער „קלאַוועסין“, אַן אַלטפרענקישער קלאַוויר, וואָס האָט פאַרנומען נישט ווייניקער ווי אַ פערטל צימער. איך געדענק זייער גוט, ווי אַזוי דער דאָזיקער קעגנשטאַנד האָט זיך באַוויזן ביי אונז אין שטוב. אַ פאַראָרעמטע גוטבאַזיצערין, אַ וויאָרסט פופצן—צוואַנציק פון אונזער הויף, איז אַריבערגעפאָרן אין שטאָט און אויסגעפאַרקויפט איר ווירטשאַפט. מ׳האָט געקויפט ביי איר דעם דיוואַן, דריי ווינער שטולן און אַן אַלטן צעבראָכענעם קלאַוועסין, וואָס איז געשטאַנען אין אַ שפייכלער, מ׳ט

צעריסענע סטרונעס. פארן קלאוועסין האָט מען באַצאָלט זעכצן רובל און אים געבראַכט קיין יאַנאָווקע אויף אַן אַרקע*). אַז מ׳האָט אים אין וואַרשטאַט אָנגעהייבן פאַנאַנדערנעמען, האָט מען פון אונטערן דעקא**) אַרויסגעשלעפּט אַ פּאָר געפּגרטע מייז. עטלעכע ווינטערדיקע וואָכן איז דער וואַרשטאַט כּסדר געווען פאַרנומען מיטן קלאַוועסין. איוואַן וואַסיליעוויטש האָט אים גערייניקט, געקלייעט, פּאָלירט, אַרויסגעקראָגן די סטרונעס, אָנגעצויגן, רעגולירט. אַלע קלאַווישן זענען צוריקגעשטעלט געוואָרן, און דער קלאַוועסין האָט זיך געלאָזט הערן איבערן זאַל, אמת, מיט שוואַכע, אָבער דאָך אומווידערשטייטלעכע קולות. איוואַן וואַסיליעוויטש האָט איבערגעטראָגן זיינע וואונדער-ווייזנדיקע פינגער פון די האַרמאָניע-קלאַפּעס אויף די קלאַוועסין-ביינדלעך און געשפּילט אַ קאַמאַרינסקע, אַ פּאָלקע און „מיין ליבער אויגוסטין.״ מען האָט אָנגעהייבן לערנען מוזיק די עלטערע שוועסטער. ס׳פלעגט אָפטמאָל בעמבלען דער עלטערער ברודער, וואָס האָט זיך אין יעליזאַוועטגראַד עטלעכע חדשים געלערנט שפּילן פידל. ענדלעך האָב איך אויך נאָכן ברודערס פידל-נאָטן אָנגעהייבן אונטערשפּילן אויפן קלאַוועסין מיט איין פינגער. קיין חוש-השמיעה האָב איך נישט געהאַט, און מיין ליבע צו מוזיק איז אויף אייביק געבליבן בלינד און הילפלאָז. און אויפן דאָזיקן קלאוועסין האָט אונזער שכן מאָיסיי כאַריטאָנאָוויטש מ—סקי אַרויסגעוויזן די קונסט פון זיין רעכטער האַנט צו שפּילן קאָנצערטן. אין פרילינג פאַרוואַנדלט זיך דער הויף אין אַ ים פון שמוץ. איוואַן וואַסיליעוויטש מאַכט פאַר זיך הילצערנע קאַלאָשן, ריכטיקער, שטאָלצן-שיך, און מיט התפּעלות קוק איך זיך צו דורכן פענסטער, ווי ער וועדט העכער כּמעט מיט אַ האַלבן אַרשין פון זיין געוויינלעכן וואוקס. באַלד קומט אַראָפּ אין הויף אַ גרייז-גרויער רימער. קיינער, ווי ס׳שיינט, ווייס נישט, ווי מ׳רופט אים. ער איז שוין אַ זקן אַריבער 80. ס׳איז אַ ניקאָלאַיעווער זעלנער (ניקאָלאַי־דער ערשטער). ער האָט אָפּגעדינט אין דער אַרמעע 20 יאָר. אַ ריזיקער, ברייטפּלייציקער, מיט אַ ווייסער באָרד און ווייסע האָר. קוים שטעלנדיק די שווערע פיס, שלעפּט ער זיך צום שפּייכלער, וואו ער האָט איינגעאָרדנט זיין באַוועגלעכן וואַרשטאַט. „שוואַך געוואָרן די פיס״, קלאָגט זיך דער זיידע שוין אַ יאָר צען. דערפאַר אָבער זענען

*) אַרקע—אַ פּשוטער, פיר-רעדערדיקער וואָגן אין די דרום-ובערניעס.
**) דעקא, רעזאָנאַנס-באָדן, קלאַנגען-באָדן.

זיינע הענט, וואָס שמעקן מיט לעדער, שטאַרקער ווי אייזערנע צוואַנגען. די נעגל, ווי קלאָווישן פון עלפנביין, זענען ביי די שפּיצן זייער שאַרף.

— דו ווילסט, וועל איך דיר ווייזן מאָסקווע, — מאַכט צו מיר דער זקן. פאַרשטייט זיך, אַז איך וויל. דער אַלטער טוט מיך אַ נעם מיט די גרויסע פינגער אונטער די אויערן און הייבט מיך אויף אינדער-הויך. איך שפּיר די באַרירונג פון די שרעקלעכע נעגל, מיר טוט ווי און איך בין באַליידיקט. איך האַק מיט די פיס און פאָדער מיך אַראָפּצולאָזן.

— דו ווילסט נישט, זאָגט דער אַלטער, דאַרף מען נישט. — נישט געקוקט אויף דער באַליידיקונג, טרעט איך נישט אָפּ.

— אַ נו, זאָגט דער אַלטער, גיי נאָר אַרויף אויפן לייטער צום שפּייכלער און טו נאָר אַ קוק, וואָס עס טוט זיך דאָרט אויפן בוידעם. איך שפּיר, אַז ס'איז עפּעס אַ שפּיצל, און וואַקל זיך. ס'ווייזט זיך אַרויס, אַז אויפן בוידעם איז דער ייִנגערער מילנער קאָנסטאַנטין מיט דער קעכין קאַטיושע.ביידע שיינע, לוסטיקע, ביידע גרויסע האַרעפּאַשניקעס.—און ווען וועסטו מיט קאַטיושען חתונה האָבן?—פרעגט קאָנסטאַנטינען די באַלעבאָסטע.

— אונז איז אַזוי אויך גוט,—ענטפערט קאָנסטאַנטין.-חתונה האָבן—דאַרפסטו באַלד אַנידערלייגן צען רובל. איך וועל בעסער קויפן קאַטיען אַ פּאָר שיך.

נאָכן אָנגעשטרענגטן, פלאַמפייערדיקן סטעפּ-זומער, מיט זיין אַרבעטס-קולמינאַציע, מיטן אַראָפּפירן פון די פעלדער די תּבואה, מיט דער „שוויים-פּראַצע", וואָס וויקלט זיך פאַנאַנדער ווייט פון דערהיים, רוקט זיך אָן דער פריער האַרבסט, כּדי אונטערצופירן אַ סך-הכּל פון דעם יאָר פון עבודת-פּרך. דאָס דרעשן איז אין פולן ברען. דער לעבנס-צענטער טראָגט זיך אַריבער אויפן דרעשבאָדן, הינטער די קלוניעס, אַ האַלב וויאָרסט הינטערן הויז. איבערן דרעשבאָדן שטייט אַ וואָלקן פון שטרויענעם שטויב. די פויק פון דרעשמאַשין יאָמערט. דער מילנער פיליפּ, אין ברילן, שטייט אויף דער דרעשמאַשין ביי דער פויק. זיין שוואַרצע באָרד איז באַדעקט מיט אַ גרויען שטויב. פון וואָגן דער-לאַנגט מען אים גאַרבן, ער נעמט זיי און קוקט זיך אַפילו נישט אום, בינדט זיי פאַנאַנדער און וואַרפט זיי אַריין אין פויק. אַ כאַפּ געטאָן אַ הויפן, וואָיעט די פויק, ווי אַ הונט, וואָס כאַפּט אַ ביין.

די שטרוי-וואַרפער שליידערן אַרויס דאָס שטרוי, שפּילנדיק מיט

דעם אין גאַנג. אויף דער זייט, פון אַרבל, לויפט די מעקענע. מען פירט זי אַוועק צום סטאָג אויף אַ גרויסן וואָגן, און איך שטיי אין עק אויף די ברעטער און האַלט מיך פאַר די שטריק-לייטשעס. — גיב אַכטונג, פאַל נישט! — שרייט דער פאָטער. אָבער איך פאַל שוין צום צענטן מאָל, דאָ אין שטרוי, דאָ אין מעקענע. דער גרויער שטויב-וואָלקן איבערן דרעשבאָדן ווערט כסדר געדיכטער, די פויק ברילט, די מעקענע קריכט אַריין אונטערן העמד און אין נאָז, מען מוז ניסן. — עי, פּיליפּ, לייכטער! — וואָרנט אונטן דער פאָטער, אַז די פויק הייבט אָן פּלוצלונג מיט כּעס צו טראַסקען. איך טו אַ הייב דעם וואָגן-שטעקן, ער רייסט זיך אַרויס מיט דער גאַנצער שווערקייט, און גיט אַ האַק איבערן פינגער פון האַנט. דער ווייטיק איז אַזוי שטאַרק, אַז מיר ווערט פינסטער אין די אויגן. בגניבה קריך איך אַוועק אָן אַ זייט, מ'זאָל נישט זען, אַז איך וויין. דערנאָך לויף איך אַהיים. די מאַמע גיסט מיר אויף דער האַנט קאַלט וואַסער און באַנדאַזשירט דעם פינגער. דער ווייטיק ווערט אָבער נישט שוואַכער. דער פינגער רייסט אָן און עטלעכע טעג נאָכאַנאַנד טוט ער שרעקלעך וויי.

די זעק פילן אָן די שפּייכלערס, די קלונעס און זיי ווערן אויסגעלייגט אין שיכטן אונטער אַ ברעזענט אויפן הויף. דער באַלעבאָס גופא שטעלט זיך נישט זעלטן ביי דער זיפּ, צווישן די שטאַנגען און לערנט ווי צו דרייען דעם ראָד, כּדי אַרויסצובלאָזן די מעקענע, און ווי אַזוי דערנאָך מיט אַ קורצן שטויס אַרויסצוּוואַרפן אינגאַנצן די אָפּגערייניקטע תּבואה אויף אַ בערגל. אין די קלונעס און אונטערן שפּייכלער, וואו מען קען זיך באַשיצן פאַרן ווינט, דרייען זיך די וואַרפשופלעס אין די תּבואה-סאָרטירער. די תּבואה ווערט גערייניקט, צוגעגרייט צום מאַרק.

ס'קומען אַראָפּ איבערקויפער מיט מעשענע כּלים און אַ וואָג אין פיין לאַקירטע קעסטעלעך. זיי פּרוּוון די תּבואה, זאָגן אַ פּרייז און רוקן האַנטגעלט. מען נעמט זיי אויף זייער העפלעך, מען איז זיי מכבד מיט טיי און פּוטערגעבעקס, נאָר די תּבואה פאַרקויפט מען זיי נישט. זיי זענען צו קליינע סוחרים; זיי שווימען צו פלאַך. דער באַלעבאָס איז שוין אַריבערגעוואָקסן דידאָזיקע האַנדלס-פאָרמען. ער האָט אין ניקאָלאַיעוו זיין קאָמיסיאָנער. „זאָל זי נאָך אונטערליגן, — ענטפערט דער פאָטער, — קיין עסן בעט זי נישט.“ אין אַ וואָך אַרום קומט פון

ביקאָלאַיעוו אַ בריוו, אָפּטמאָל אַ טעלעגראַמע: דער מקח איז געשטיגן מיט פינף קאָפּיקעס אויפן פּוד. „אָט האָסטו געפונענע קאַרבאַוואַנצעס, האָט געזאָגט דער באַלעבאָס, „זיי וואַלגערן זיך נישט אויפן ברוק”. ס׳פלעגט זיך אָבער אויך טרעפן פאַרקערט: די פּרייזן זענען געפאַלן. די געהיימע קרעפטן פון וועלט-מאַרק פלעגן געפינען דעם וועג אַפילו קיין יאַנאָווקע. צוריקקומענדיק פון ניקאָלאַיעוו, האָט דער פאָטער פאַרקומערט געזאָגט: „מען דערציילט, אַז... ווי הייסט עס דאָרט... אַרגענטינע האָט היי-יאָר אַרויסגעוואָרפן אויפן מאַרק אַ סך תבואה.”

ווינטער איז אין דאָרף שטיל. עס אַרבעט ווי ס׳דאַרף צו זיין בלויז די מיל און דער וואַרשטאַט. מען הייצט מיט שטרוי, וואָס די דינערשאַפט ברענגט צו שלעפן גרויסע הויפנס, דערביי צעשיטן זיי עס אויפן וועג און מוזן כסדר פאַרקערן. ס׳איז אַ פאַרגעניגן אַריינצוקוקן דאָס שטרוי אין אויוון און קוקן ווי עס פלאַקערט אויף. איינמאָל האָט דער פעטער גריגאָרי געפונען מיך און דער יינגערער שוועסטער אָליען אַליין אין עסשטוב, וואָס איז געווען בלוי פון סוואָנד. איך האָב זיך געדרייט איבערן צימער, נישט דערקענענדיק די זאַכן, און אויפן פעטערס צורוף אַריינגעפאַלן אין אַ טיפער אָנמאַכט. אין די ווינטער-טעג פלעגן מיר אָפט בלייבן אַליין אין שטוב, איבערהויפּט בעת דער פאָטער פלעגט אַוועקפאָרן, און די גאַנצע ווירטשאַפט איז געפאַלן אויף דער מוטער. אָפּטמאָל, פאַרנאַכט-צייט, פלעגן מיר מיט דער שוועסטערל זיצן אויפן דיוואַן, זיך צודריקן איינער צום צווייטן מיט ברייט אויפגעעפנטע אויגן און מורא געהאַט זיך אַ ריר טאָן. אָפּטמאָל פלעגט אין דער פינסטערער עסשטוב אַריינקומען פון פראָסט אַ גיגאַנט, סקריפּנדיק מיט די ריזיקע פילצשטיוול, אין אַ ריזיקן פעלץ, מיט אַ ריזיקן אָפּגעלייגטן קאָלנער, מיט אַ היטל, מיט הענטשקעס אויף די הענט, מיט שטיקלעך אייז אויף די וואָנסן און אויפן באָרד, און מיט אַ ריזיקער שטים אַ זאָג געטאָן אינדערפינסטער: „גוטן אָוונט.” ווי פאַרגליווערטע איינער לעבן צווייטן אין ווינקל פון דיוואַן, האָבן מיר מורא געהאַט צו ענטפערן אויף דער באַגריסונג. דאַן האָט דער ריז אָנגעצונדן אַ זאַפּאַלקע און אונז געפונען אין ווינקל. ס׳האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז ס׳איז אונזער שכן. אָפּטמאָל פלעגט די איינזאַמקייט אין עסשטוב פשוט ווערן אומדערטרעגלעך, דאַן פלעג איך, נישט גע-

קוקט אויפן פראָסט, אַרויסלויפן אין פּאָרהויז, עפענען די טיר, אַרויסשפּרינגען אויפן שטיין — אַ גרויסער פלאַכער שטיין פאַרן שוועל—און פון דאָרט שרייען אין דער פינסטערניש:—מאַשקע, מאַשקע, קום אין עסשטוב, קום אין עסשטוב, — אַ סך, אַ סך מאָל, ווייל מאַשקע איז אין דער צייט געווען פאַרנומען מיט אירע גע־שעפטן: אין קיך, אין משרתים־צימער און אין אַן אַנדער אָרט. ענדלעך פלעגט די מאַמע קומען פון מיר, האָט אָנגעצונדן דעם לאָמפּ, און מען האָט אַריינגעטראָגן דעם סאַמאָוואַר.

אין אָוונט פלעגן מיר געוויינלעך בלייבן אין עסשטוב, ביז מיר זענען אַנטשלאָפן געוואָרן. אין עסשטוב איז מען כסדר געקומען און געגאַנגען, גענומען און געבראַכט די שליסלען, פון טיש האָט מען אַרויסגעגעבן אינסטרוקציעס, מען האָט געמאַכט די הכנות צום מאָרגנדיקן טאָג. איך, די יינגערע שוועסטער אָליע, די עלטערע ליזע און אין אַ געוויסער מאָס אויך דאָס שטוב־מיידל האָבן געלעבט אין דידאַזיקע שעהן אונזער אייגענעם לעבן, וואָס איז געווען אָפּ־העניגיג פון די דערוואַקסענע און דורך זיי אונטערדריקט. טיילמאָל זאָגט עמעץ פון די עלטערע אַרויס אַ וואָרט, וואָס דערוועקט אין אונז עפּעס אַ באַזונדערע דערינערונג. איך ווינק אונטער דער שוועסטערל, זי שטיקט זיך אין דער שטיל פון געלעכטער. עמעצער פון די דערוואַקסענע קוקט זי אָן אַ צעזייטער. איך ווינק אונטער פון דאָסניי, זי באַמיט זיך צו פאַרבאָרגן דאָס געלעכטער אונ־טערן צעראַטע און טוט זיך אַ האַק מיטן שטערן אָן טיש. דאָס שטעקט אָן מיך, אָפטמאָל אויך דער עלטערער שוועסטער, וועלכע לאַווירט, אָפּהיטנדיק איר דרייצניעריקע ווירדע, צווישן די יינגערע און די עלטערע. אויב דאָס געלעכטער האָט זיך דורכגעריסן צו שטורעמדיק, האָב איך זיך געמוזט אַראָפּלאָזן אונטערן טיש, זיך גנבענען צווישן די פיס פון די עלטערע, און, אָנטרעטנדיק דער קאַץ אויפן עק, זיך אַדורכרייסן אין דערבייאיקן קעמערל, וואָס האָט געהייסן דאָס קינדערצימער. אין עטלעכע מינוט אַרום האָט זיך אַלץ אָנגעהייבן פון דאָסניי. פון לאַכן האָבן געציטערט די פינגער, אַזוי, אַז ס'איז אוממעגלעך געווען איינצוהאַלטן דאָס גלאָז. דער קאָפּ, די ליפּן, די הענט, די פיס, אַלץ האָט זיך אויפגעטרייסלט און צעפלאָסן אין געלעכטער. „וואָס איז מיט אייך דער מער?" האָט געפרעגט די מידע מאַמע. צווי לעבנס־קרייזן, דער אויבערשטער און דער

אונטערשטער, האָבן זיך אויף אַ מאָמענט צונויפגעגאָסן. די עלטערע האָבן געקוקט אויף די קינדער מיט אַ פראַגע, אָפטמאָל גוטמוטיק, אָפטער אָבער מיט אויפרעגונג. דעמאָלט פלעגט דאָס געלעכטער, וואָס איז פלוצלונג באַפאַלן, אויסברעכן אין אַ שטורעם. אַליע האָט זיך ווידעראַמאָל באַהאַלטן מיטן קאָפּ אונטערן טיש, איך בין אַנידערגע־פאַלן אויפן דיוואַן, ליזע האָט געביסן די אונטערשטע ליפּ, דאָס שטוב־מיידל איז נעלם געוואָרן הינטערן טיר.

— גייט שוין אַמאָל שלאָפן! — פלעגן זאָגן די דערוואַקסענע.

מיר פלעגן אָבער נישט אַוועקגיין, נאָר זיך באַהאַלטן אין די ווינקלען, מורא האָבנדיק אַ קוק צו טאָן איינער אויפן צווייטן. דאָס שוועסטערל פלעגט מען אַוועקטראָגן, און איך בין ס׳רוב איינגעשלאָפן אויפן דיוואַן. עמעצער פלעגט מיך נעמען אויף די הענט. פון שלאָף פלעג איך אָפטמאָל מאַכן גרויסע קולות. מיר פלעגט זיך דאַכטן, אַז הינט רינגלען מיך אַרום אָדער אונטן צישען שלאַנגען, אָדער גזלנים טראָגן מיך אַוועק אין וואַלד. דער קינדערשער קאָשמאַר האָט זיך אַריינגעריסן אין לעבן פון די דערוואַקסענע. אויפן וועג האָט מען מיך באַרואיקט, געגלעט און געקושט. אַזוי בין איך פון גע־לעכטער אין שלאָף, פון שלאָף אין קאָשמאַר, פון קאָשמאַר אין דער־וואַכונג, ווידער אַריינגעפאַלן אין שלאָף שוין אין די פערינעס פון אָנגעהייצטן שלאָפצימער.

דער ווינטער איז אָבער דאָך געווען די אַממיינסטן פאַמיליען־צייט פון יאָר. ס׳פלעגן טרעפן טעג, ווען דער פאָטער און די מוטער זענען לגמרי נישט אַרויס פון שטוב. דער עלטערער ברודער און די שוועסטער פלעגן אויף ווייַנאַכט קומען פון די שולן. זונטיק שערט איוואַן וואַסיליעוויטש, אַ זויבערער און אַרומגעשאָרענער, באַוואָקסנט מיט אַ שער און קאַם, פריער דעם פאָטער, דערנאָך דעם רעזאָיסט סאַשען, שפעטער מיך. סאַשע פרעגט:

— צי קאָנט איר, איוואַן וואַסיליעוויטש, שערן אַ לא קאַפּול?

אַלע הייבן אויף די קעפּ אויף סאַשען, און ער דערציילט, ווי אין יעליזאַוועטגראַד האָט אים אַ פעלדשער גרויסאַרטיק אַרומגעשאָרן אַ לא קאַפּול, און אויפן צווייטן טאָג האָט ער דערפאַר באַקומען פון אינספּעקטאָר אַ שטרענגן פאָרוואורף.

נאָכן שערן זעצט מען זיך עסן מיטאָג. דער פאָטער און איוואַן וואַסיליעוויטש ביי ביידע עקן טיש, אין פאָטעלן, די קינדער אויפן

דיוואַן, די מוטער קעגנאיבער. איוואַן וואַסיליעוויטש האָט געגעסן ביי די באַלעבאַטים ביז ער האָט חתונה געהאַט. ווינטער האָט מען געגעסן לאַנגזאַמער, נאָכן מיטאָג האָט מען געכאַפּט אַ שמועס, איוואַן וואַסיליעוויטש האָט געגרויכערט און געלאָזט אין דער לופטן קונציקע רינגען. אָפּטמאָל פלעגט מען אַוועקזעצן סאַשען און ליזען, זיי זאָלן לייענען אויפן קול. דער פאָטער פלעגט כאַפּן אַ דרעמל, זיצנדיק אויפן אויוון-באַנק, און מ'האָט זיך מיט אים געגרייצט. אין אָוונט פלעגט מען זיך טיילמאָל אַוועקזעצן שפּילן אין „שוואַרצן פּעטער", און דאַן האָט זיך אָנגעהייבן אַ טאַראַראַם, אַ געלעכטער, און אָפּטמאָל אַפילו קליינע קריגערייען. בעיקר האָט מען שטאַרק הנאה געהאַט צו מאַכן פאַרשיידענע קאָמבינאַציעס קעגן פאָטער, וואָס האָט געשפּילט אומאויפמערקזאַם, געלאַכט בעת ער האָט פאַרשפּילט, להיפּך פון דער מוטער, וועלכע האָט געשפּילט פיל בעסער, פלעגט זיך דענערווירן און שטאַרק אַכטונג געבן, אַז דער עלטערער ברודער זאָל נישט שווינדלען קעגן איר.

פון יאַנאָווקע ביז צו דער נאָענטסטער פּאָסט-אָפּטיילונג איז געווען דריי און צוואָנציק קילאָמעטער, צו דער באַן-סטאַציע העכער פינף און דרייסיק קילאָמעטער. פון דאַנען איז ווייט צו דער מאַכט, צו מאַגאַזינען, צו שטאָטישע צענטערס און נאָך ווייטער צו גרויסע היסטאָרישע געשעענישן. דאָס לעבן פלעגט זיך דאָ רעגולירן אויסשליסלעך דורכן ריטם פון דער לאַנדווירטשאַפטלעכער אַרבעט. ווייטער איז מען צו אַלץ געווען גלייכגילטיק, צו אַלץ, אויסער צו די פרייזן פון תבואה אויפן וועלט-מאַרק. קיין צייטונגען און זשורנאַלן האָט מען אין יענע יאָרן אין דאָרף נישט באַקומען: דערצו איז מען דערגאַנגען שפּעטער, ווען איך בין שוין געווען אַ רעאַליסט. בריוו פלעגן זיך באַקומען זעלטן, דורך אַ געלעגנהייט. אָפּטמאָל פלעגט אַ שכן, אָפּנעמענדיק אין באָברינעץ פאַר אונז אַ בריוו, אים אַרומטראָגן אַ וואָך אָדער צוויי אין קעשענע. באַקומען אַ בריוו איז געווען אַ געשעעניש, באַקומען אַ טעלעגראַמע אַ קאַטאַסטראָפע.

מיר האָט מען דערקלערט, אַז אַ טעלעגראַמע גייט דורך אַ דראָט, איך האָב אָבער מיט מיינע אייגענע אויגן געזען, ווי די טעלעגראַמע האָט געבראַכט פון באָברינעץ אַ רייטער, וועלכן מען האָט דערפאַר געדאַרפט באַצאָלן צוויי רובל מיט פופציק קאָפּיקעס. אַ טעלעגראַמע — איז אַ פּאַפּירל, אַזוי ווי אַ בריוו, אויף וועלכן מען

האָט אָנגעשריבן ווערטער מיט אַ בלייפעדער. הייַנט ווי זשע קאָן זי גייַן דורך אַ דראָט, סיידן מיטן ווינט? מ׳האָט מיר געענטפערט, אַז מיט עלעקטריע. דאָס איז געווען נאָך ערגער. דער פעטער אַבראַם האָט מיר אַמאָל ערנסט דערקלערט: „דורכן דראָט גייט אַ שטראָם און מאַכט צייכנס אויף אַ לענטע. זאָג איבער". איך האָב איבערגע־זאָגט: אַ שטראָם דורכן דראָט און צייכנס אויף אַ לענטע. „האָסט פאַרשטאַנען?"—פאַרשטאַנען. „הייַנט ווי אַזוי באַקומט מען שפּעטער אַ בריוו?" האָב איך געפרעגט, קלערנדיק אַלץ וועגן דעם טעלעג־ראַמע־בלאַנק, וואָס קומט אָן פון באָברינעץ. „דער בריוו גייט באַזונדער", האָט געענטפערט דער פעטער. איך האָב בשום אופן נישט פאַרשטאַנען, צו וואָס דאַרף מען דעם שטראָם, אויב „דער בריוו" רייַט אויף אַ פערד. אָבער דער פעטער האָט זיך צע־בייזערט: „לאָז געמאַך דעם בריוו," האָט ער אַ געשריי געטאָן, „איך דערקלער דיר וועגן דער טעלעגראַמע, און דו פאָרסט מיר כסדר אַרייַן מיטן בריוו." אַזוי איז די פראַגע געבליבן נישט אויפגעקלערט.

ביי אונז איז געווען צו גאַסט פאַלינאַ פעטראָוונאַ, אַ דאַמע פון באָברינעץ מיט גרויסע אויררינגלעך און אַ פאַסמע האָר אויפן שטערן. שפּעטער האָט איר די מאַמע אָפּגעפירט קיין באָברינעץ, און איך בין מיט זיי מיטגעפאָרן. ווען מיר זענען פאַרבייגעפאָרן דעם בערגל אויפן עלפטן ווייאָרסט, האָבן זיך באַוויזן טעלעגראַף־סלופּעס, און דער דראָט האָט אָנגעהייבן זשומען. „און ווי אַזוי גייט אַ טע־לעגראַמע?" האָב איך אַ פרעג געטאָן דער מאַמען. „אָט פרעג ביי פאַלינאַ פעטראָוונען,—האָט די מאַמע געענטפערט אַ ביסל מטושטש—זי וועט דיר דערקלערן". פאַלינאַ פעטראָוונאַ האָט דערקלערט: „די צייכנס אויף דער לענטע זענען אותיות, אַ טעלעגראַפיסט שרייבט זיי איבער אויף אַ פּאַפּירל, און דאָס פּאַפּירל ברענגט אַ רייַטער". דאָס איז געווען פאַרשטענדלעך. „און ווי־זשע גייט דער שטראָם, מען זעט דאָך גאָרנישט?" האָב איך געפרעגט, באַטראַכטנדיק דעם דראָט. „דער שטראָם גייט אינעווייניק", האָט געענטפערט פאַלינאַ פעטראָוונאַ. „דידאָזיקע אַלע דראָטן זענען געמאַכט, ווי רערלעך, און אינעווייניק, אין זיי פליסט דער שטראָם". דאָס איז אויך געווען פאַרשטענדלעך, איך האָב זיך אויף אַ לענגערער צייט באַרואיקט. די עלעקטראָ־מאַגנעטישע פליסיקייטן, וועגן וועלכע איך האָב מיט פיר יאָר שפּע־טער געהערט פון אונזער פיזיק־לערער, האָבן מיר אויסגעוויזן אַ סך ווייניקער פאַרשטענדלעך.

מיין פאָטער און מוטער זענען דורכגעגאַנגען זייער האַרעפּאַשנע לעבן נישט אָן קאָנפליקטן, אָבער בכלל זייער חבריש, כאָטש זיי זענען געווען פאַרשיידנע מענטשן. די מוטער האָט געשטאַמט פון אַ שטאָטישער קליינבירגערלעכער פאַמיליע, וואָס האָט געקוקט פון אויבן אַראָפּ אויף אַן ערדאַרבעטער מיט צעטראַסקעטע הענט. אָבער דער פאָטער איז אין דער יוגנט געווען שיין, שלאַנק, מיט אַ מענלעכן און ענערגישן פּנים. ער האָט באַוויזן אָנצוזאַמלען אַ געוויסן פאַרמעגן, וואָס האָט אים שפּעטער געגעבן די מעגלעכקייט צו קויפן יאַנאָווקע. איבערגעטראָגן פון אַ גובערניאַלער שטאָט אין אַ סטעפּישן דאָרף, האָט זיך די יונגע פרוי נישט געקאָנט אַזוי לייכט צופּאַסן צו די האַרטע באַדינגונגען פון דער דאָרפישער באַלעבאַטישקייט, אָבער דער פּאָר איז זי מיט לייב און לעבן אַריין אין יאָך פון פּראַצע און נישט אַרויס פון אים אין פאַרלויף פון גאַנצע 45 יאָר. פון 8 קינדער, וואָס זענען געבאָרן געוואָרן פון דעמדאָזיקן זיווג, זענען געבליבן פיר. איך בין געווען דער פינפטער לויט דער ריי פון די געבורטן. פיר זענען געשטאָרבן קליינערהייט, פון דיפטעריט, פון שקאַרלאַטין, געשטאָרבן כמעט אומבאַמערקט, פּונקט ווי די לעבן-געבליבענע האָבן אומבאַמערקט געלעבט. די ערד, די בהמות, די עופות, די מיל האָבן לחלוטין געפאָדערט די גאַנצע אויפמערקזאַמקייט. די צייטן פון יאָר האָבן זיך געביטן, און די כוואַליעס פון דער לאַנדווירטשאַפטלעכער אַרבעט האָבן זיך אַריבערגעקויקלט איבער דער פאַמיליען-צוגעבונדנקייט. אין דער פאַמיליע איז נישט געווען קיין צערטלעכקייט, איבערהויפּט אין די ערשטע יאָרן. ס'איז אָבער געווען אַ טיפער אַרבעטס-צוזאַמענבונד צווישן דער מוטער און דעם פאָטער. — דערלאַנג דער מאַמען אַ שטול, — האָט געזאָגט דער פאָטער, — ווי נאָר זי פלעגט צוקומען צום שוועל, באַדעקט מיט ווייסן מיל-שטויב. — שטעל, מאַשקע, געשווינט דעם סאַמאָוואַר,—האָט געשריען די באַלעבאָסטע, איידער זי פלעגט נאָך דערגיין ביזן שטוב, — באַלד וועט דער באַלעבאָס קומען פון פעלד. ביידע האָבן זיי גוט געוואוסט דעם טעם פון קערפּערלעכער מידקייט, וואָס איז דערגאַנגען ביז צו דער לעצטער מדרגה.

דער פאָטער איז אָן שום ספק געשטאַנען העכער פון דער מוטער אי מיטן שכל, אי מיטן כאַראַקטער. ער איז געווען טיפער, געזעצטער, טאַקטישער. ער האָט געהאַט אַ זעלטן גוט אויג, ער איז

געווען אַ זעלטענער מבין נישט בלויז אויף זאַכן, נאָר אויך אויף מענטשן. די עלטערן פלעגן בכלל ווייניק וואָס קויפן, באַזונדערס אין די פריערדיקע יאָרן, — אי דער פאָטער, אי די מוטער, ביידע האָבן פאַרשטאַנען צו היטן די קאָפּיקע, — דער פאָטער אָבער האָט זיך ווי געהעריק פאַרשטאַנען אויף דעם, וואָס ער פלעגט קויפן. טוך, אַ הוט, שיך, אַ פערד אָדער אַ מאַשין, — אין אַלץ האָט ער געהאַט דעם חוש פאַר דער קוואַליטעט. „קיין געלט האָב איך נישט ליב", האָט ער מיר שפּעטער געזאָגט, ווי ער וואָלט געוואָלט פאַרטיידיקן זיין קאַרגשאַפט. „איך האָב אָבער נישט ליב ווען עס פעלט. ס'איז שלעכט, אַז מען דאַרף געלט און ס'איז נישטאָ". ער האָט גערעדט פעלערהאַפט, אַ געמיש פון רוסיש און אוקראַיניש, מיט אַן איבערגעוויכט פון אוקראַיניש. די מענטשן פלעגט ער אָפּשאַצן לויט זייערע מאַנירן, לויטן געזיכט, לויט דער גאַנצער האַלטונג, און אָפּשאַצן פלעגט ער גענוי, אויפן האָר.

נאָך פיל געבורטן און אָנגעשטרענגטער אַרבעט האָט די מוטער אַ צייט געקרענקט און איז געפאָרן קיין כאַרקאָוו צו אַ פּראָפעסאָר. אַזעלכע נסיעות זענען געווען גרויסע געשעענישן, מ'האָט זיך צו זיי לאַנג געגרייט. די מוטער האָט זיך פאַרזאָרגט מיט געלט, מיט סלויעס פּוטער, מיט אַ זעקל פּוטער-סוכאַרקעס, מיט געבראָטענע הינער און נאָך אַנדערע זאַכן. מען האָט פאָרויסגעזען גרויסע קאָסטן. דעם פּראָפעסאָר האָט מען געדאַרפט צאָלן דריי רובל אַ וויזיט. וועגן דעם פלעגט מען רעדן צווישן זיך און פאַר געסט, מיט אויפגעהייבענע פינגער אינדערהויך און אַ באַזונדערס באַדייטונגספולן אויסדרוק אויפן פּנים; דאָ איז געווען אי אַכטונג פאַר דער וויסנשאַפט, אי אַ באַקלאָגן זיך, וואָס זי קאָסט אַזוי טייער, אי אַ מין שטאָלץ דערויף, וואָס מען איז בכּוח צו צאָלן אַזעלכע אומדערהערטע סומעס. אויף דער מוטערס צוריקקומען האָט מען געוואַרט מיט גרויט אָנשטרענגונג. די מוטער איז אַראָפּגעקומען אין אַ נייעם קלייד, וואָס אין יאַנאָווקער עסצימער האָט עס אויסגעזען אויסערגעוויינלעך עלעגאַנט. אַז די קינדער זענען נאָך געווען קליינע, איז זיך דער פאָטער מיט זיי באַגאַנגען ווייכער און רואיקער. די מוטער פלעגט זיך אָפט דענערווירן, צייטנווייז אָן אַ שום גרונט, אויסלאָזנדיק פשוט צו די קינדער דעם כּעס פאַר איר מידקייט אָדער פאַר עפּעס אַ האַרצווייטיק אין דער באַלעבאַטישקייט. אין יענע יאָרן האָט מען גע-

האַלטן פאַר ריכטיקער צו בעטן ביים פאָטער, אויב מען האָט עפּעס געדאַרפט. מיט דער צייט איז אָבער דער פאָטער געוואָרן שטרענגער. די סיבות זענען געלעגן אין די שוועריקייטן פון לעבן, אין די דאגות, וואָס האָבן זיך פאַרגרעסערט צוזאַמען מיטן וואוקס פון זיינע געשעפטן, דער עיקר אין די באַדינגונגען פונם אגראַר־קריזיס און אין דער אַנטוויקלונג דורך די קינדער.

אין די לאַנגע ווינטערס, ווען דער סטעפּ־שניי פלעגט פאַר־ווייען יאַנאָווקע פון אַלע זייטן, אָנשיטנדיק בערגלעך איבער די פענסטער, האָט די מוטער ליב געהאַט צו לייענען. זי פלעגט זיך אַוועק־זעצן אויף דער קליינער דרייקאַנטיקער אויוון־באַנק, אין עססטוב, אַוועק־שטעלן די פיס אויף אַ שטול. אָדער, בעת ס׳פלעגט ווערן פרי טונקל, זיצן אויפן פאָטערס שטול ביים קליינעם פאַרפראָרענעם פענסטער און לייענען מיט אַ הויכן פליסטערן אַן אָפּגעשמאָדערטן ראָמאַן פון דער באַ־ברינעצקער ביבליאָטעק, פירנדיק מיטן אָנגעאַרבעטן פינגער איבער די שורות. זי פלעגט אָפט פאַרלירן די ווערטער און בלייבן שטעקן ביי קאָמפּליצירט געבויטע זאַצן. עמעצער פון די קינדער האָט איר אָפטמאָל אונטערגעזאָגט און לגמרי אַנדערש באַלויכטן דאָס דורכגע־לייענטע. אָבער זי האָט געלייענט עקשנותדיק, אומדערמידלעך, און אין די פרייע שעהן פון די שטילע ווינטערטעג האָט מען שוין אין פאָרהויז געקאָנט הערן איר ריטמיש פליסטערן.

דער פאָטער האָט זיך ערשט אויף דער עלטער אויסגעלערנט לייענען לויט די זילבן, כדי צו האָבן די מעגלעכקייט איבער־צולייענען ווייניקסטנס די נעמען פון מיינע ביכער. מיט גרויס אומרו האָב איך זיך צו אים צוגעקוקט אין יאָר 1910, אין בערלין, ווי ער האָט אָנגעשטרענגט אַלע זיינע קרעפטן צו פאַרשטיין מיין בוך איבער דער דייטשער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע.

די אָקטאָבער־רעוואָלוציע האָט פאַרכאַפּט מיין פאָטער אַלס זייער פאַרמעגלעכן מענטש. די מוטער איז געשטאָרבן אין י. 1910, דער פאָטער אָבער האָט נאָך דערלעבט די ראַטן־מאַכט. אין רעכטן ברען פון בירגערקריג, וואָס האָט באַזונדערס לאַנג געווילדעוועט אויף דרום, אונטערן כסדרדיקן טויש פון די רעגירונגען, האָט דער פינף און זיבעציק־יעריקער זקן געמוזט דורכמאַכן הונדערטער קילאָמעטער צו־פוס, כדי צו געפינען אין אָדעס אַ צייטווייליקן אָבדאַך. די רויטע

זענען פאַר אים, אַלס גרויסן גרונט-באַזיצער, געווען געפערלעך. די ווייסע האָבן אים פאַרפאָלגט אַלס מיין פאָטער. נאָכן אָפּרייניקן דעם דרום דורך די ראַטן-אַרמעען האָט ער באַקומען די מעגלעכקייט זיך אַריינצוקריגן קיין מאָסקווע. די אָקטאָבער-רעוואָלוציע האָט, נאַטירלעך, אָפּגענומען ביי אים אַלץ, וואָס ער האָט פאַרמאָגט. העכער אַ יאָר איז ער געווען דער לייטער פון אַ קליינער מיל אונטער מאָסקווע. מיט אים האָט ליב געהאַט צו שמועסן וועגן ווירטשאַפט־לעכע פראַגן דער דעמאָלדיקער פאָלקס-קאָמיסאַר פאַר פראָוויאַנטרונג ציורופאַ. דער פאָטער איז געשטאָרבן אין פרילינג 1922 פון אַ טיפוס, אַקוראַט אין דעם מאָמענט, ווען איך האָב אָפּגעגעבן אַ באַ־ריכט אויפן פערטן קאָנגרעס פון קאָמאינטערן.

זייער אַ וויכטיקער פלאַץ, דער הויפּט-פלאַץ אין יאַנאָווקע, איז געווען דער וואַרשטאַט, וואו ס'האָט געאַרבעט איוואַן וואַסיליעוויטש גרעבען. ער איז אָנגעקומען אויפן פּאָסטן, ווען ער איז אַלט געווען 20 יאָר, פונקט אין יאָר פון מיין געבורט. אַלע קינדער, דערין אויך די עלטערע, האָט ער געדוצט, און מיר האָבן אים געזאָגט איר און גערופן איוואַן וואַסיליעוויטש. אַז ער האָט געדאַרפט גיין צום מיליטער-דינסט, איז מיין פאָטער מיט אים צוזאַמען געפאָרן, עמעצן אונטערגעקויפט, און איוואַן וואַסיליעוויטש איז געבליבן אין יאַנאָווקע. דאָס איז געווען אַ מענטש מיט גרויסע פעאיקייטן, בכלל אַ שיינער טיפּ, מיט טונקלבלאָנדע וואָנסן און אַ פראַנצויזיש בערדל. זיין טעכניק איז געווען אוניווערסאַל: ער האָט רעמאָנטירט דאַמף-מאַשי־נען, אויסגעפּירט קעסלער-אַרבעטן, געשליפן מעטאַל- און האָלץ-באַלן, גע־גאָסן קופערנע גילזעס, געאַרבעט רעסאָרן-קאַרעטעס, רעפּערירט זייגערס, רעגולירט קלאַווירן, באַצויגן מעבל, פולשטענדיק אויסגעמייס־טערט אַ צוויי-רעדערדיקן וועלאָסיפּעד, נאָר אָן שינעס. צווישן דער פאַרבאַרייטונגס-שולע און דעם ערשטן קלאַס האָב איך זיך אויף דעררדאָזיקער מאַשינעריע אויסגעלערנט פאָרן אויף אַ וועלאָסיפּעד. די דייטשע קאָלאָניסטן פלעגן ברענגען אין וואַרשטאַט רעפּערירן זיי־מאַשינען און סנאָפּעס-בינדער און פלעגן איינלאַדן איוואַן וואַסיליע־וויטשן, ער זאָל מיטפאָרן מיט זיי איינצוקויפן אַ דרעש-מאַשין אָדער אַ דאַמף-מאַשין. מיטן פאָטער האָט מען זיך באַראַטן וועגן ווירט־שאַפטס-ענינים, מיט איוואַן וואַסיליעוויטשן — איבער פראַגן וועגן טעכניק. אין וואַרשטאַט זענען געווען געהילפן און תּלמידים

אין אַ סך זאַכן בין איך געווען דער תּלמיד פֿון דידאָזיקע שילער.

נישט איינמאָל האָב איך אין וואַרשטאַט אויסגעשניטן מעטאַל־רייפֿעלעך און שרויפֿן. דידאָזיקע אַרבעט האָט געגעבן אַ גרויסע באַפֿרידיקונג, ווייל איר פּאַקטישער רעזולטאַט האָט זיך געוויזן אונטער די הענט. אָפֿטמאָל פֿלעג איך זיך פּרואוון רייבן פֿאַרבן אויף אַ גלאַט־געשליפֿענעם שטיין־ברעטל. אָבער באַלד איז אויף מיר אָנגעפֿאַלן אַ מידקייט און איך האָב כּסדר געפֿרעגט, צי ס'איז נאָך נישט פֿאַרטיק. באַרירנדיק מיטן שפּיץ פֿינגער די פֿעטע מאַסע, האָט איוואַן וואַסיליעוויטש געשאָקלט מיטן קאָפּ אויף ניין. איך האָב איבערגעגעבן דעם שטיין איינעם פֿון די תּלמידים. אָפֿטמאָל האָט זיך איוואַן וואַסיליעוויטש געזעצט אויפֿן געצייג־קאַסטן, אין ווינקל, הינטערן ווערקטיש, געררויכערט און געקוקט אין חלל אַריין, ווי ער וואָלט זיך וועלן עפּעס דערמאָנען, אָדער פּשוט אָן שום רעיונות זיך אָפּרוען. אין אַזאַ פֿאַל האָב איך זיך אונטערגעגנבֿעט צו אים פֿון דער זייט און אָנגעהייבן צערטלעך צו דרייען איינע פֿון זיינע רייך־צעוואַקסענע טונקל־בלאָנדע וואָנסן, אָדער אויפֿמערקזאַם באַטראַכטן זיינע הענט — דידאָזיקע אומגעווייןלעכע, באַזונדערע הענט פֿון אַ מייסטער. די גאַנצע הויט איז געווען באַשאָטן מיט שוואַרצע פּינטעלעך: דאָס זענען געווען די דינסטע שפּליטערלעך, וואָס האָבן זיך ביים שלייפֿן דעם מילשטיין איינגעגעסן אין קערפּער און געבליבן דאָרט שטעקן. די פֿינגער קלעפּעדיקע, ווי וואָרצלען, אָבער נישט קיין האַרטע, ביי די שפּיצן ברייטער, זייער באַוועגלעכע, און דער גרויסער פֿינגער טיף אַרונטערגעבויגט, בילדנדיק אַ בויגן. יעדער פֿינגער איז באַוואוסטזיניק, לעבט אוןווירקט אויף זיין אייגענעם שטייגער, און אַלע צוזאַמען בילדן זיי אַן אויסערגעוויינלעכע אַרבעטס־חבֿרותא. ווי יונג איך בין דעמאָלט נישט געווען, האָב איך דאָך געזען און געשפּירט, אַז דידאָזיקע האַנט האָלט לחלוטין אַנדערש דעם האַמער און די צוואַנג, ווי אַלע אַנדערע. דער גרויסער פֿינגער אויף דער לינקער האַנט איז געווען דורכגעצויגן אין דער קוועק מיט אַ שניט־רינג. פּונקט אין דעם טאָג פֿון מיין געבורט האָט זיך איוואַן וואַסיליעוויטש דערלאַנגט מיט דער האַק איבער דער האַנט, און דער פֿינגער איז בלויז געבליבן הענגען אויף דער הויט. דער פֿאָטער האָט צופֿעליק דערזען, ווי דער יונגער מאַשיניסט לייגט אַוועק די האַנט אויף אַ

ברעט און איז זיך מכין דעם פינגער אינגאַנצן אָראָפּצוהאַקן. „האַלט", האָט ער אַ געשריי געטאָן, „דער פינגער וועט זיך נאָך צונויפּ־וואַקסן. „ער וועט זיך צונויפוואַקסן, מיינט איר"? — האָט אַ פרעג געטאָן דער מאַשיניסט און אַוועקגעלייגט די האַק. דער פינגער איז זיך באמת צונויפגעוואַקסן, אַרבעט ווי געהעריק, נאָר בויגט זיך נישט אויף צוריק אַזוי טיף, ווי דער פינגער פון דער רעכטער האַנט.

די אַלטע בערדאַן-ביקס האָט ער איבערגעמאַכט אויף אַ שראָט-ביקס און איצט פּרואווט ער, צי די ביקס מאַכט אַ קאָרעקטן שאָס: אַלע נאָך דער ריי האָבן געפּרואווט אויף אַ שטח פון עטלעכע טריט דורך אַ קלאַפּ אין פּיסטאָן אויסלעשן אַ ליכט. נישט אַלעמען איז עס געלונגען. צופעליק איז אָריינגעקומען מיין פאָטער. אַז ער האָט זיך געצילט מיט דער ביקס, האָבן אים געציטערט די הענט, און אויך דאָס געווער האָט ער גע־האַלטן אומזיכער. דאָס ליכט האָט ער אָבער אויסגעלאָשן מיט איין קלאַפּ. ער האָט געהאַט אַ גוט אויג פאַר יעדער זאַך, און דאָס האָט איוואַן וואַסיליעוויטש פאַרשטאַנען. צווישן זייביידן איז קיינמאָל נישט געקומען צו קיין חלוקי-דעות, כאָטש מיט אַנדערע האָט דער פאָטער געריסן מעשה-באַלעבאָס, אָפט געמאַכט פּאָרוואורפן און אויסגעבעסערט. אין וואַרשטאַט בין איך קיינמאָל נישט געווען אָן אַרבעט. איך האָב געצויגן דאָס הענטל פון בלאָז-מאַשין, וואָס איוואַן וואַסיליעוויטש האָט איינגעאָרדנט לויט זיין אייגענעם סיסטעם: דעם ווענטילאַטאָר האָט מען נישט אַרויסגעזען, ווייל ער האָט זיך גע־פונען אויפן בוידעם, און דאָס האָט אַרויסגערופן פאַרוואונדערונג ביי אַלע באַזוכער. איך האָב געדרייט ביז חלשות דעם ראָד פון דער טאָקער-מאַשין, און באַזונדערס מיט גרויס התמדה דעמאָלט, ווען מען האָט אויסגעטאָקט אויף איר די קראָקעט-קוילן פון שיכט־אַרטיקן אַקאַציע-האָלץ. ביי דער אַרבעט האָט מען זיך פאַרציילט פאַרשיידענע זאַכן, און איין מעשה איז געווען אינטערעסאַנטער פון דער צווייטער. די אָנשטענדיקייט האָט מען דאָ נישט אַלעמאָל אָפּ־געהיט. פאָמאַ האָט פאַרציילט וועגן די הויפן, וואו ער האָט געאַרבעט, וועגן די פאַרשיידענע אַוואַנטורעס פון די גוטבאַזיצער און גוטבאַזיצערינס. מען דאַרף זאָגן, אַז ער האָט נישט אַרויסגעוויזן צו זיי קיין גרויסע סימפּאַטיע. דער מילנער פיליפּ האָט צוגעגעבן צו דערדאָזיקער טעמע דערינערונגען פון זיין מיליטער-לעבן. איוואַן וואַסיליעוויטש האָט געשטעלט פראַגן, אויסגעגלייכט, דערגאַנצט.

דער הייצער יאַשקע, וואָס האָט טיילמאָל אויך צוגעקלאַפּט מיטן גרויסן האַמער, אַן אַנגעברוגזטער רויטהאָריקער מענטש פון אַ יאָר דרייסיק, האָט זיך נישט געהאַלטן לאַנג אויף קיין אָרט. פּלוצ־לונג האָט עס אים אַ כאַפּ געטאָן, און ער פלעגט פאַרשוואונדן ווערן, אַמאָל זומער, אַמאָל פרילינגס־צייט, און אין אַ האַלב יאָר אַרום זיך ווידער באַוויזן. געטרונקען האָט ער זעלטן, דערפאַר אָבער אָן אַ מאָס און אָן אַ שיעור. ער האָט געהאַט אַ שוואַכקייט צו יאַגד, אָבער ער האָט פאַרשיכורט זיין ביקס. פּאַמאַ האָט דערציילט, ווי יאַשקע איז אַמאָל אין באַברינעץ אַריין אַ באָרוועסער אין אַ געוועלב, די פּיס פאַרשמירט מיט שוואַרצע בלאָטע און געפּאָדערט אַ פיסטאָנדל פאַר זיין לאַנדשטאָק־ביקס; אַראָפּלאָזנדיק מיט אַ כיוון דאָס שאַכטעלע מיט פּיסטאָנעס, האָט ער זיי כלומרשט אָנגעהייבן אויפקלייבן, אָנגעטרעטן מיטן בלאָטיקן פוס אויף אַ פיסטאָנדל און איז דערמיט אַוועק.

— פּאַמאַ זאָגט אַ ליגן? — האָט איוואַן וואַסיליעוויטש גע־פרעגט.

— צו וואָס זאָגן אַ ליגן, — האָט יאַשקע, געענטפערט — איך האָב דאָך אַ גראָשן געלט נישט געהאַט ביי זיך. דערדאָזיקער מע־טאָד צוצוקומען צו די נויטיקע זאַכן האָט מיר אויסגעזען מערק־ווירדיק און איז ווערט געווען, מען זאָל אים נאָכטאָן.

— אונזער איגנאַט איז געקומען, — האָט געמאָלדן דאָס שטוב־מיידל מאַשע, — און דונקע איז נישטאָ, אַוועק אַהיים אויף יום־טוב. דער הייצער איגנאַט האָט געהייסן אונזער, צום אונטערשייד פון איגנאַט דעם הויקער, וואָס איז פאַר טאַראַסן געווען דער דאָרף־סטאַראָסטע. „אונזער" איגנאַט איז געפאָרן צו דער זעלנער־קאָמיסיע. איוואַן וואַסיליע־וויטש גופא האָט אים אויסגעמאָסטן די ברוסט און געזאָגט: „מען וועט אים בשום אופן נישט צונעמען". די זעלנער־קאָמיסיע האָט אַוועקגעשיקט איגנאַטן אויף אַ חודש אין שפּיטאָל צו אַן אונטערזו־כונג. דאָרט האָט ער זיך באַקענט מיט די שטאָטישע אַרבעטער און באַשלאָסן צו פּרואוון דאָס גליק אין אַ פאַבריק. איגנאַט האָט איצט גע־טראָגן שטאָטישע שטיוול און אַ פעלצל, באַפּוצט מיט קאָלירטע פּאַס־קעלעך פון פאָדעם. אַ גאַנצן טאָג האָט איגנאַט פאַרבראַכט אין וואַר־שטאַט, דערציילט וועגן דער שטאָט, וועגן דער אַרבעט, די אָרדע־נונגען, די ווערקטישן, דעם לוין.

„נו, מען ווייסט דאָך, אַ פאַבריק...״ האָט פאָמאַ געזאָגט פאַר־טראַכט.

— אַ פאַבריק איז נישט קיין וואַרשטאַט, — האָט צוגעגעבן פיליפּ.

און אַלע האָבן פאַרטראַכט אַ קוק געטאָן פון אויבן אַראָפּ אויפן וואַרשטאַט.

— אַ סך ווערקטישן? האָט וויקטאָר גיריק אַ פרעג געטאָן.

— ווי אַ וואַלד.

איך האָב זיך צוגעהערט און בעת מעשה נישט אַ פּינטל גע־טאָן מיט אַן אויג—זיך אַלץ פאָרגעשטעלט די פאַבריק, ווי פריער דעם וואַלד: אויבן, רעכטס, לינקס, הינטן, פאָרנט, אומעטום זעט מען נישט מער ווי מאַשינען און צווישן דידאָזיקע מאַשינען—איגנאַט, שטייף אַרומ־געגאַרטלט מיט אַ לעדערנעם רימען. דערצו האָט נאָך איגנאַט מיט־געבראַכט אַ זייגער. ער איז איבערגעגאַנגען פון האַנט צו האַנט. אינאָוונט איז דער באַלעבאָס געגאַנגען מיט איגנאַטן הין און צוריק איבערן הויף, הינטער זיי דער פאַרוואַלטער. איך האָב זיך אויך מיטגעבאָמבלט, דאָ לעבן טאַטן, דאָ לעבן איגנאַטן. „נו, און באַקעס־טיקונג? מילך קויפסטו? ברויט קויפסטו? פאַר דירה צאָלסטו?״ „דאָס איז אוודאי אַזוי, פאַר אַלץ מוז מען צאָלן, פאַר אַלץ״, — האָט איגנאַט איינגעשטימט... — „אָבער דער פאַרדינסט איז לגמרי אַן אַנדערער״.

— איך ווייס, אַז ס׳איז נישט דאָס, אָבער דיין גאַנצער פאַר־דינסט וועט אַוועקגיין אויף עסן.

— אָבער פונדעסטוועגן, — האָט איגנאַט האַרב איינגעווענדט,— האָב איך פאַרן האַלב יאָר זיך אַ ביסל באַקליידט און זיך געקויפט אַ זייגער. אָט האָב איך טאַקע די מאַשינקע אין קעשענע.— און ווידעראַמאָל האָט ער געוויזן דעם זייגער. דערדאָזיקער באַוויַיז האָט גערעדט פאַר זיך. דער באַלעבאָס האָט געשוויגן, דערנאָך גע־פרעגט: „אָבער צי טרינקסטו נישט, איגנאַט? דאָרט איז מען אַרומ־געריגגלט מיט אַזעלכע לערער, אַז מען לערנט זיך גיך אויס״.

— אָבער איך נויטיק זיך גאָרנישט אין איר, אין דערדאָזיקער וואָדקע.

— נו, איגנאַט, וועסטו טאַקע דונקען מיטנעמען?—האָט אַ פרעג געטאָן די באַלעבאָסטע.

איגנאַט האָט אונטערגעשמייכלט, מיט עטוואָס אַ פאַרשוודיקטער מינע, אָבער נישט געענטפערט.

— אַהאַ, איך זע שוין, איך זע שוין, — האָט געזאָגט די באַלעבאָסטע,—האָסט שוין געפּאַקט, ווי עס שיינט, אַ שטאָטישע חצופה, זיי זיך מודה, שאַרלאַטאַן.

און איגנאַט איז טאַקע אַוועקגעפאָרן פון יאַנאָווקע.

אינם אַרבעטער-שטיבל האָבן די קינדער נישט געטאָרט גיין. אָבער ווער האָט עס געקאָנט נאָכהיטן? אין דעמדאָזיקן שטיבל איז תמיד געווען אַ סך נייעס. אַ צייט נאָכאַנאַנד איז געווען קעכין אַ פרוי מיט שפּיציקע באַקן און אַן איינגעפאַלענער נאָז. איר מאַן, אַ זקן, מיט אַ האַלב פּאַראַליזירטן פּנים, איז געווען דער פּאַסטוך פון די קי. מ׳האָט זיי גערופן קאַצאַפּעס, ווייל זיי זענען געווען פון אַ טיף-רוסישער גובערניע. דאָסדאָזיקע פּאָרפאָלק האָט געהאַט אַ מיידעלע פון אַ יאָר אַכט, זייער אַ ליב מיידעלע מיט בלויע אויגן און ווייסבלאָנדע האָר. זי איז שוין געווען געוויינט דערצו, אַז דער טאַטע מיט דער מאַמען זאָלן זיך תמיד אַרומרייסן.

אין די זונטיקן האָבן די מיידלעך געזוכט אין די קעפּ ביי די יונגען אָדער איינע ביי דער אַנדערער. אויף אַ הויפן שטרוי ליגן אין דינסטן-חדר איינע לעבן דער אַנדערער צוויי טאַטיאַנעס: טאַטיאַנע די הויכע און טאַטיאַנע די קליינע. דער פערד-שומר אפאַנאַסיע, דעם אָנגעשטעלטן פּודס אַ זון און פאַראַסקע דער קעכינס אַ ברודער, האָט זיך אַנידערגעזעצט אין דער קווער צווישן די מיידלעך, אַריבערגעוואָרפן די פיס איבער דער קליינער טאַטיאַנע, און אַליין זיך אָנגעשפּאַרט מיט די עלנבויגנס אָן דער גרויסער.

— זעט נאָר, סאַראַ אַ מאַכמעד, — האָט זיך דער אָנגעשטעלטער אָנגערופן מיט קנאה. — איז נאָך נישט צייט אָנצופּאָיען די פערד?

דערדאָזיקער רויטער אַפאַנאַסיע און דער שוואַרצער מוטוזאָק זענען געווען מיינע פאַרפאָלגער. אַז איך פלעג אַמאָל אַריינפאַלן אַקוראַט דעמאָלט, ווען מען האָט געטיילט דעם קאַנדער אָדער קאַשע, האָט זיך באַלד דערהערט די חוזקדיקע שטים: „האָסט אַמאָל געמעגט עסן מיטאָג מיט אונז, ליאָווע", אָדער: „נו, ליאָווע, האָסט געמעגט אַמאָל אויסבעטן ביי דער מאַמען אַ הינדל פאַר אונזערטוועגן". איך פלעג מיך פאַרשעמען און אינדערשטיל זיך אָפּטראָגן. אויף פאַסכע

האָט מען פאַר די אַרבעטער אויסגעבאַקן קוילישעס און מען האָט געפאַרבט אייער. די מומע ראַיסע איז געווען אַ גרויסע בריה צו פאַרבן אייער. זי האָט געבראַכט פון דער קאָלאָניע עטלעכע געמוסטערטע אייער און צוויי מיר געשענקט. הינטערן קעלער, אויפן בערגל, האָט מען געשפּילט אין אייער, געקייקלט און געקלאַפּט איינס אָן דעם אַנדערן: ביי וועמען זענען שטאַרקערע אייער. איך בין געקומען שוין גאָר צום סוף, ווען ס'איז געבליבן בלויז איין אַפּאַנאַסיע.

— שייניקע?—האָב איך אים אַ פרעג געטאָן, ווייזנדיק אים די געמוסטערטע אייער.—„יאָ, נישט מיאוס", האָט אַפּאַנאַסיע געענטפערט מיט אַ מינע פון גלייכגילטיקייט.—„ווילסט, וועלן מיר אַ קלאַפּ טאָן, וועמעס ס'איז שטאַרקער?" איך האָב מיך נישט דערוועגט אָפּצוּוואַרפן דידאָזיקע אַרויספאָדערונג. אַפּאַנאַסיע האָט אַ קלאַפּ געטאָן, און מיין געמוסטערט איי האָט געפּלאַצט ביים שפּיץ. „איז עס, הייסט עס, מיינס", האָט אַפּאַנאַסיע געזאָגט.— „נו, ווייז נאָר דאָס צווייטע." מיט הכנעה האָב איך אים אונטערגעשטעלט דאָס צווייטע. אַפּאַנאַסיע האָט ווידער אַ קלאַפּ געטאָן. „אויך דאָס איי איז מיינס". מיט אַ באַשעפטיקטער מינע האָט ער אַ נעם געטאָןביידע געמוסטערטע אייער און איז אַוועק, און זיך אַפילו נישט אומגעקוקט. איך האָב אים נאָכגעקוקט מיט גרויס חידוש און זאָב געהאַט גרויס חשק זיך צו צעוויינען, אָבער ס'איז שוין סיי-ווי געווען אַ פאַרפאַלענע זאַך.

שטענדיקע אַרבעטער, וואָס האָבן נישט פאַרלאָזט דעם הויף אַ גאַנץ קיילעכיק יאָר, זענען געווען ווייניק. די הויפּט-מאַסע, וואָס אין די יאָרן פון גרויסע זריעות האָט מען זי געציילט אין די הונדערטער, האָבן געבילדעט די סעזאָן-אַרבעטער פון קיעוו, טשערניגאָוו און פּאָלטאַווע, וועלכע מען פלעגט אָנדינגען ביזן יום-טוב פּאָקראָוו, דאָס הייסט ביז דעם ערשטן אָקטאָבער. אין די יאָרן פון אַ גוטער גערעטעניש פלעגט די כערסאָנער גובערניע איינשליינגען אַ 200—300 טויזנט אַזעלכע אַרבעטער. פאַר די פיר זומערדיקע חדשים האָבן די שניטער באַקומען פון 40 ביז 50 רובל און באַקעסטיקונג; די פרויען פון 20 ביז 30 רובל. די דירה איז געווען דאָס פרייע פעלד, און אין אַ רעגנדיקן וועטער — דער היי-שייער. צום מיטאָג האָט מען געגעבן מאָגערן באָרשטש און קאַשע, צום אָוונטברויט — אַ גרויפּן-קרופּניק. קיין פליישׁ האָט מען בכלל נישט געגעבן, פּעטס בלויז פון געוויקסן און דאָס אין זייער אַ קליינעם קוואַנטום. אויף דעם באָדן

האָבן זיך אָפּטער אָנגעהייבן רייבונגען. די אַרבעטער האָבן פאַרלאָזן די פעלדער, זיך פאַרזאַמלט אויפן הויף, זיך אויסגעצויגן אויף די בייכער אין שאָטן פון די שפּייכלערס, פאַררייסן אינדערהויך די באָרוועסע פיס, צעפּלאַצטע און צעשטאָכענע פון שטרוי, און געוואַרט. האָט מען זיי געגעבן זויערמילך אָדער אַרבוזן, אָדער אַ האַלבן זאַק געטריקנטע פיש, און זיי זענען ווידער אַוועק צו דער אַרבעט. נישט זעלטן אפילו מיט געזאַנג. אַזוי איז עס צוגעגאַנגען אין אַלע הויפן. עס זענען געווען שניטער באַיאָרנטע, אָדערדיקע, אָפּגעברענטע פון דער זון; זיי זענען געקומען קיין יאַנאָווקע צען יאָר נאָכאַנאַנד, ווייל זיי האָבן געוואוסט, אַז דאָרט וועלן זיי זיכער קריגן אַרבעט. זיי פלעגן באַקומען עטלעכע רובל אַ הוספה און פון צייט צו צייט אַ גלעזל משקה, מחמת זיי האָבן באַשטימט דעם טעמפּאָ פון דער אַרבעט. אַנדערע זענען געקומען מיט דער גאַנצער משפּחה, מיט קינדער און קינדס-קינדער. געגאַנגען זענען זיי פון זייערע גובערניעס צופוס, אַ חודש נאָכאַנאַנד, געגעסן טרוקן ברויט, גענעכטיקט אויף די מאַרקפּלעצער. איין זומער זענען די געקומענע אַרבעטער עפּידעמיש קראַנק געוואָרן אויף נאַכט-בלינדקייט. בין-השמשות-צייט האָבן זיי זיך פּאַוואָליע באַוועגט מיט אויסגעשטרעקטע הענט. דער מוטערס אַ פּלימעניק, וואָס איז געקומען אין דאָרף צו גאַסט, האָט אָנגעשריבן וועגן דעם אַ קאָרעספּאָנדענץ; די זעמסטוואָ האָט דידאָזיקע קאָרעספּאָנדענץ באַמערקט און צוגעשיקט אַן אינספּעקטאָר. צום קאָרעספּאָנדענט, וועלכן מען האָט זייער ליב געהאַט, האָט דער פאָטער און די מוטער געהאַט טענות. אויך ער גופא איז נישט געווען שטאַרק צופרידן. צו קיין אומאַנגענעמע פאָלגן איז עס אפילו נישט געקומען. די אינספּעקציע האָט פעסטגעשטעלט, אַז די קראַנקהייט שטאַמט פון אַ דוחק אין פעטס, אַז זי איז פאַרשפּרייט כמעט אין דער גאַנצער גובערניע, ווייל אומעטום גיט מען דאָזעלבע עסן, און אין אַנדערע ערטער אפילו נאָך ערגער.

אין וואַרשטאַט, אין דער אַרבעטער-קיך, הינטער די הויפן האָט זיך מיר דאָס לעבן אַנטפּלעקט פיל ברייטער און גאָרנישט אַזוי, ווי אין דער פאַמיליע. דער פילם פון לעבן איז אָן אַ סוף, און איך האָב ערשט געהאַלטן ביים אָנהייב. מיין אָנוועזנהייט האָט קיינעם נישט געשטערט, כל-זמן איך בין געווען קליין. די צינגער פלעגן זיך פריי פאַנאַנדערלאָזן, דער עיקר דעמאָלט, ווען איוואַן וואַסיליע-

וויטש און דער אָנגעשטעלטער זענען נישט געווען דערביי: זיי האָבן דאָך האַלב אָנגעהערט צו דעם הערשנדיקן קלאַס. אין שיין פון די קוזשניע-פונקען אָדער פונם קיך-פייער האָבן זיך מיר די עלטערן, קרובים, שכנים פאָרגעשטעלט גאָר אין אַ נייער באַלייכטונג. פיל פון יענע שמועסן זענען מיר פאַרבליבן אין באַוואוסטזיין אויף אייביק. אַ שפּאָר ביסל דערפון איז אפשר געוואָרן דער באַזיס פון מיין באַציונג צו דער איצטיקער געזעלשאַפט.

צווייטער קאַפּיטל

די שכנים — די ערשטע שולע

אַ וויאָרסט אָדער נאָך ווייניקער פון יאַנאָווקע, האָט זיך געפונען דאָס גוט פון די דעמבאָווסקיס. דער פאָטער האָט ביי זיי אַרענדירט באָדן און געשטאַנען מיט זיי אין לאַנגיעריקע געשעפטלעכע באַציונגען. די אייגנטימערין פון גוט איז געווען פּעאָדאָסיאַ אַנטאָנאָווגאַ, אַן אַלטע פּוילישע פּריצטע, אַ געוועזענע גוווערנאַנטין. נאָכן טויט פון איר ערשטן רייכן מאַן האָט זי חתונה געהאַט מיט איר פאַרוואַלטער, קאַזימיר אַנטאָנאָוויטש, וואָס איז געווען מיט אַ יאָר 20 יינגער פון איר. פּעאָדאָסיאַ אַנטאָנאָוונאַ האָט שוין יאָרן לאַנג נישט געלעבט מיט איר צווייטן מאַן, וואָס האָט אָבער, ווי פריער, געפירט דעם הויף. קאַזימיר אַנטאָנאָוויטש איז געווען אַ הויכער, לאַנגוואַנסיקער, לוסטיקער און שרייענדיקער פּאָליאַק. ער האָט נישט זעלטן געטרונקען טיי ביי אונזער גרויסן לענגלעכן טיש און רוישנדיק דערציילט נאַרישע מעשיות, צו צוויי און צו דריי מאָל, איבערחזרנדיק איינצעלנע ווערטלעך און צוקנאַקנדיק דערביי מיט די פינגער.

קאַזימיר אַנטאָנאָוויטש האָט פאַרמאָגט אַ גאַנץ גרויסן בינענגאָרטן, וואָס איז געלעגן ווייט פון די פערד- און קי-שטאַלן, ווייל בינען פאַרטראָגן נישט דעם ריח פון פערד. די בינען האָבן געזאַמלט האָניק פון די פרוכטביימער, פון די ווייסע אַקאַציעס, פון ראַפּס, גריקע. בקיצור, — זיי האָבן געהאַט גענוג אָרט, וואו אַרומצושמייען. פון צייט צו צייט פלעגט אונז קאַזימיר אַנטאָנאָוויטש אַליין ברענגען

אין אַ סערוועטקע צוויי איבערגעדעקטע טעלער, צווישן וועלכע עס איז געלעגן אַ שטיקל האָניק-קעמערל אינם דורכזיכטיקן גאָלד פון האָניק.

איוואַן וואַסיליעוויטש איז אַמאָל געגאַנגען מיט מיר צו קאַזימיר אַנטאָנאָוויטשן נאָך טויבן, פון וועלכע מיר האָבן געוואָלט פאַרפירן אַ גאַנצן דור. אין איינעם פון די ווינקל-צימערן פונם גרויסן ליידיקן הויז האָט אונז קאַזימיר אַנטאָנאָוויטש מכבד געווען מיט טיי. אין גרויסע טעלער, וואָס האָבן געשמעקט מיט פייכטקייט, איז געלעגן פּוטער, ווייסער קעז און האָניק. איך האָב געטרונקען טיי פון אַ טעצעלע און זיך צוגעהערט צום לאַנגזאַמען שמועס. „וועלן מיר נישט פאַרשפּעטיקן״? האָב איך שטיל אַ פרעג געטאָן איוואַן וואַסיליעוויטשן. „ניין, וואָרט אונטער״, האָט קאַזימיר אַנטאָנאָוויטש געענטפערט, „זיי מוזן זיך פריער בארואיקן אונטערן דאַך. זיי זענען דאָרט אָן אַ שיעור״. איך האָב זיך שרעקלעך געצאַנגעווייליקט. ענדלעך זענען מיר, מיט אַ לאַמטערנע אין האַנט, אַרויפגעקראָכן אויפן בוידעם פון שפּייכלער. „נו, איצט זיי פאָרזיכטיק״, האָט מיר קאַזימיר אַנטאָנאָוויטש געזאָגט. דער בוידעם איז געווען אַ לאַנגער, אַ פינסטערער, איבער-געצוימט מיט בעלקעס אין פאַרשיידענע ריכטונגען. עס האָט געשמעקט מיט מייז, מיט שטויב, מיט שפּינוועבס און פייגל-מיסט. די לאַמטערנע האָט מען פאַרלאָשן. „דאָ זענען זיי״, כאַפּט זיי״, האָט קאַזימיר אַנטאָ-נאָוויטש שטיל אַ זאָג געטאָן. און נאָך דידאָזיקע ווערטער האָט זיך אָנגעהייבן עפּעס אומבאַשרייבלעכס. אין דער טיפסטער פינסטערניש האָט זיך אָנגעהייבן אַ ווילדער שדים-טאַנץ: דער בוידעם איז געוואָרן באַלעבט און האָט זיך געדרייט ווי אַ שטורעמווינט. אַ מאָמענט האָט זיך מיר געדאַכט, אַז ס׳קערט זיך איבער די וועלט, אַז אַלץ גייט אונטער. ביסלעכווייז אָבער בין איך געקומען צו זיך, דערהערנדיק פאַרשטיקטע שטימען: „פאַראַן נאָך, אהער, אַהער... רוקט אין זאַק אַריין... איצט האָבן מיר זיי״. איוואַן וואַסיליעוויטש האָט געטראָגן דעם זאַק, און אויפן גאַנצן וועג אַהיים איז אויף זיין רוקן אַזוי ווי פאָרגעקומען דער המשך פון דעם, וואָס ס׳האָט זיך אָפּגעשפּילט אויפן בוידעם. דעם טויבנשלאַג האָט מען איינגעאָרדנט אונטערן דאַך פון וואַרשטאַט. איך בין געקראָכן אויפן לייטער עטלעכע מאָל אין טאָג, געטראָגן די טויבן וואַסער, הירזש, ווייץ, בראָקלעך. אין אַ וואָך אַרום האָבן זיך אין אַ נעסט באַוויזן צוויי אייעלעך. אָבער איידער

מיר האָבן באַוויזן זיך רעכט אָנצופרייען מיטן דאָזיקן פאַקט, האָבן זיך די טויבן פאַרוויז אָפּגעטראָגן אויף זייערע אַלטע ערטער. גע־בליבן זענען בלויז דריי פּאָרלעך מיט אונטערגעשניטענע פליגלען, אָבער אויך זיי האָבן אין אַ וואָך אַרום, ווי נאָר די פליגלען זענען אונטערגעוואַקסן, פאַרלאָזן דעם גרויסאַרטיק איינגעאָרדנטן טויבנשלאַג מיטן קאָרידאָר־סיסטעם. דערמיט האָט זיך געענדיקט דער עקספּערי־מענט פון דער טויבן־האָדעוואַניע.

אונטער יעליזאַוועטגראַד האָט דער פּאָטער אַרענדירט באָדן ביי דער גוטבאַזיצערין ט—צקאַיאַ. זי איז געווען אַן אַלמנה פון אַ יאָר פערציק, מיט אַ כאַראַקטער. ביי איר האָט זיך אויפגעהאַלטן אַ פּאָפּ, אויך אַן אַלמן, אַ ליבהאָבער פון מוזיק, קאָרטן און נאָך אַ סך אַנ־דערע זאַכן. די פריצטע ט—צקאַיאַ מיטן פּאָפּ, דעם אַלמן, זענען אַראָפּגעפאָרן קיין יאַנאָווקע איבערקוקן די אַרענדע־באַדינגונגען. האָט מען זיי אָפּגעגעבן דעם זאַל און דאָס דערבייאיקע צימער. צום טיש האָט מען דערלאַנגט אַ הון אויף פּוטער, וויינשל־שנאַפּס און וואַרע־ניקעס. נאָך מיטאָג בין איך פאַרבליבן אין זאַל, זע איך, ווי דער פּאָפּ רוקט זיך צו צו דער פריצטע ט—צקאַיאַ און רוימט איר איין אין אויער עפּעס קאָמישעס. צעשפּרייט די פּאָלעס פון זיין גלח־קאַ־פּאָטע, האָט ער אַרויסגענומען פון דער קעשענע פון די געשטרייפטע הויזן אַ פּאַרטציגאַר מיט אַ זילבערנעם מאָנאָגראַם, פאַרוויכערט אַ פּאַפּיראָס און געשיקט אַרויסגעבלאָזן פון מויל רינגעלעך רויך; ער האָט זיך באַנוצט מיט דער קורצער אָפּוועזנהייט פון דער פריצטע און האָט דערווייל דערציילט, אַז אין ראָמאַנען לייענט זי נאָר דעם דיאַלאָג. פון העפלעכקייט וועגן שמייכלען אַלע צו, און האַלטן זיך אָבער אָפּ אַרויסצוזאָגן עפּעס אַ מיינונג, ווייל זיי ווייסן, אַז דאָס פּאָטער׳ וועט דער פריצטע ט—צקאַיאַ אַלץ איבערגעבן און נאָך מיט אַן עודף.

ביי דערדאָזיקער ט—צקאַיאַ האָט דער פּאָטער אַרענדירט באָדן צוזאַמען מיט קאַזימיר אַנטאָנאָוויטש. צו יענער צייט איז שוין קאַ־זימיר אַנטאָנאָוויטש געווען אַן אַלמן און מיטאָמאָל האָט ער זיך איינ־גאַנצן פאַרענדערט: פון דער באָרד זענען אים לגמרי פאַרשוואונדן די גרויע האָר, ער האָט אָנגעטאָן אַ האַרטן קאָלנער, אַ קראַוואַט מיט אַ שפּילקעלע און אין קעשענע האָט ער אַרומגעטראָגן אַ בילד פון אַ דאַמע. ווי אַלע אַרומיקע, האָט קאַזימיר אַנטאָנאָוויטש אויך חוזק

געמאַכט פון פעטער גריגאָריע, אָבער דווקא אים האָט ער זיך מודה געווען אין אַלע זיינע האַרץ-אָנגעלעגנהייטן און געוויזן אים דאָס בילד פון דער דאַמע, אַרויסנעמענדיק עס פון אַ קאָנווערט. „טוט נאָר אַ קוק", — האָט ער זיך אָנגערופן צום פעטער גריגאָריע, וואָס האָט זיך געשמאָלצן פון התלהבות, —„דערדאָזיקער דאַמע זאָג איך: „ליבע פרוי, אייערע ליפן זענען באַשאַפן געוואָרן נאָר צום קושן". מיט דערדאָזיקער פרוי האָט קאַזימיר אַנטאָנאָוויטש טאַקע חתונה געהאַט, אָבער אין אַ יאָר אַנדערטהאַלבן אַרום איז ער אומגעקומען דורך אַ פּלעצלעכן טויט: אויפן הויף, אינם גוט פון דער פריצטע ט—צקאַיאַ, האָט אים אַן אָקס אויפגעהייבן אויף די הערנער און אים פאַרבאָדזשעט צום טויט...

בערך אַכט ווי‎אָרסט פון אונז האָט זיך געפונען דאָס גוט פון די ברידער פ—זער. זייער מאַיאָנטיק האָט פאַרנומען אַ שטח פון טויזנטער דעסיאַטין. דאָס הויז האָט אויסגעזען ווי אַ פּאַלאַץ, רייך איינגעאָרדנט, מיט אומצייליקע צימערן פאַר געסט, מיט אַ ביליאַרד-צימער און נאָך אַנדערע זאַכן. די ברידער פ—זער, ליעוו און איוואַן, האָבן דאָס אַלץ באַקומען בירושה פון זייער פאָטער טימאָפיי און ביסלעכווייז עס פאַרלעבט. דאָס גוט איז געלעגן אין די הענט פון אַ פאַרוואַלטער און, נישט געקוקט אויף דער טאָפּעלער בוכהאַל-טעריע, האָט עס כסדר געבראַכט היזק. „איר קוקט נישט אויף דעם, וואָס דוד לעאָנטיעוויטש וואוינט אין אַ ריימהייזל, ער איז אָבער רייכער פון מיר", פלעגט אָפטמאָל זאָגן דער פ—זער וועגן מיין פאָטער, וואָס האָט זיך שטאַרק איבערגענומען דערמיט, ווען מען האָט עס אים איבערדערציילט. דער יינגערער ברודער איוואַן איז אַמאָל, רייטנדיק, דורכגעפאָרן יאַנאָווקע אין דער באַגלייטונג פון צוויי יעגער מיט ביקסן אויפן רוקן און אַ מחנה ווייסע יאַגדהינט. אַזוינס האָט יאַנאָווקע נאָך קיינמאָל נישט געזען. „באַלד, באַלד", האָט זיי מיין פאָטער מיט אַ בייזער מינע נאָכגעזאָגט, „וועלן זיי פאַריאַגדעווען זייער ירושה".

עפּעס אַ חותם פון אונטערגאַנג איז געלעגן אויף דידאָזיקע גוטבאַזיצער-משפּחות פון כערסאָנער גובערניע. זיי האָבן דורכגעמאַכט אַן אומגעהייער שנעלע עוואָלוציע און כסדר אַלץ אין איין ריכטונג — אין דער ריכטונג פון ירידה, נישט געקוקט אויף דעם, וואָס לויט זייער צוזאַמענשטעל זענען זיי געווען זייער פאַרשיידנאַרטיק: אַ

ירושה-אדעל און באַמטע, וואָס זענען באַלוינט געוואָרן פאַר זייער אַרבעט, און פּאָליאַקן, און דייטשן און יידן, וואָס האָבן באַוויזן צוקויפן באָדן ביזן יאָר 1881. די גרינדער פון אַ סך אַזעלכע סטעפּדינאַסטיעס זענען אין פלוג געווען מענטשן אויסערגעוויינלעכע, הצלחהדיקע און לויטן כאַראַקטער — רויבערישע. איך האָב, איבעריקנס, פּערזענלעך קיינעם פון זיי נישט געקענט; ביז דער התחלה פון די אַכציקער יאָרן האָבן זיי שוין אַלע באַוויזן אויסצושטאַרבן. אַ סך פון זיי האָבן אָנגעהייבן מיט גראָשנס, אָבער מיט זייערע דרייסטע קאָמבינאַציעס, נישט זעלטן אויך מיט קרימינעלע דרכים, איז זיי געלונגען אַריינצוכאַפּן אין זייערע הענט גאַנצע ריזן-חלקים. די צווייטע גענעראַציע איז שוין געוואַקסן אין די באַדינגונגען פון אַ פריש-געבאַקענער פּריצעשאַפט, מיט פראַנצויזיש, ביליאַרד און פאַרשיידענע אויסגעלאַסנקייטן. דער אַגראַר-קריזיס פון די אַכציקער יאָרן, וואָס איז אַרויסגערופן געוואָרן דורך דער קאָנקורענץ פון יענער זייט אָקעאַן, האָט זיי דערלאַנגט אַן אומברחמנותדיקן קלאַפּ. זיי זענען כסדר געפאַלן ווי טרוקענע בלעטער פון בוים. די דריטע גענעראַציע האָט געשאַפן אַ מענגע האַלבוואינירטע שווינדלער, צרהדיקע מענטשן, צעבראָכענע און פריצייטיקע אינוואַלידן.

די ריינסטע קולטור פון אַ פּריצישן חורבן איז געווען די פאַמיליע גערטאָפּאַנאָוו. אויפן נאָמען פון זייער גוט גערטאָפּאַנאָווסקאַ האָט זיך גערופן אַ גרויס דאָרף און דער גאַנצער באַצירק. אַמאָל האָט די גאַנצע געגנט געהערט צו דערדאָזיקער פאַמיליע. איצט זענען דעם אַלטן פאַרבליבן בלויז 400 דעסיאַטין, אָבער אויך זיי זענען געווען פאַרזעצט און איינגעטונקט אין חובות. מיין פאָטער האָט אַרענדירט דעמדאָזיקן באָדן און דאָס אַרענדע-געלט איז געגאַנגען אין באַנק. טימאָפיי איסאַיעוויטש האָט עקזיסטירט דערפון, וואָס ער פלעגט שרייבן פאַר די פּויערים בקשות, אָנקלאָגעס און בריוו. קומענדיק צו אונז צו גאַסט, פלעגט ער פאַרשטעקן אין אַרבל טאַבאַק און צוקער. דאָסדאָזיקע האָט אויך געטאָן זיין פרוי. באַשפּריצנדיק מיט שפּייעכץ, האָט זי דערציילט פון איר יוגנט, פון שקלאַפינס, קלאַווירן, זיידנס און פעדערפּומען. זייערע צוויי זין זענען אויסגעוואַקסן כמעט אַנאַלפאַבעטן. דער ייִנגערער וויקטאָר איז געווען אַ לערניינגל ביי אונז אין וואַרשטאַט.

ביי אַ וויאָרסט 5—6 פון יאַנאָווקע האָבן געוואוינט די יידישע

גוטבאַזיצער מ—סקי. דאָס איז געווען אַ משונהדיקע און מטורפ־דיקע פאַמיליע. דער אַלטער זעכציקיעריקער מאָיסיי כאַריטאָנאָוויטש האָט זיך אויסגעצייכנט מיט זיין פריצישער דערציונג: האָט גערעדט פליסיק פראַנצויזיש, געשפּילט קלאַוויר, געהאַט אַ שטיקל ידיעה אין ליטעראַטור. זיין לינקע האַנט איז אַפילו געווען אַ שוואַכע, אָבער די רעכטע האָט, לויט זיין מיינונג, געטויגט אַפילו פאַר קאָנצערטן. ער האָט געהאַקט מיט די פאַרלאָזטע נעגל אין די קלאַווישן פון דעם אַלטן קלאַוועסין, פּונקט ווי מיט קאַסטאַנעטן. אָנהייבנדיק פון אָגינסקיס פּאָלאָנעז איז ער אומבאַמערקט אַריבערגעגאַנגען אויף ליסטעס ראַפּסאָדיע און מיטאַמאָל זיך אַראָפּגעגליטשט אויפן „געבעט פון דער בתולה". אַזעלכע שפּרונגען פלעגט ער אויך מאַכן אין זיינע שמועסן. איבעררייסנדיק אומגעריכט דאָס שפּילן, איז דער אַלטער צוגעגאַנגען צום שפּיגל, און אויב קיינער איז דערביי נישט געשטאַנען, האָט ער זיך מיט אַ פּאַפּיראָסל אַרומגעסמאַליעט פון אַלע זייטן די באָרד, כדי אַזויאַרום צו ברענגען זי אין אָרדענונג. גערויכערט האָט ער כסדר, אָן הפסקות, זיך געשטיקט מיטן רויך און דערביי אַרויסגעוויזן אַ מין עקל. מיט זיין פרוי, אַ דיקע זקנה, האָט ער שוין ביי אַ יאָר פופצן נישט גערעדט. זיין זון דאַוויד, אַ מענטש פון אַ יאָר 35, מיט אַן אייביקן ווייסן באַנדאַזש אויפן פּנים און מיט אַ רויטן ציטערדיקן אויג איבערן באַנדאַזש, איז געווען אַ שלים-מזלדיקער זעלבסטמערדער. אין מיליטער-דינסט האָט ער דעם אָפיציר פאַר דעם פראָנט געזאָגט עפּעס אַ גראָבקייט. יענער האָט אים דערלאַנגט אַ קלאַפּ. דאַוויד האָט אַראָפּגעלאָזט דעם אָפיציר אַ פּאַטש, איז אַוועקגעלאָפן אין קאַזאַרמע און געפּרואווט זיך דערשיסן מיט דער ביקס. די קויל איז אַרויס דורך דער באַק, — און פון דעמאָלט אָן טראָגט ער אויף איר תמיד אַ ווייסן באַנדאַזש. דעם זעלנער האָט געדראָט אַ שטרענגע שטראָף. אָבער אין יענער צייט האָט נאָך געלעבט דער שטאַמפאָטער פון דער דינאַסטיע, דער אַלטער כאַריטאָן, אַ רייכער, מעכטיקער, האַלב עם-הארצישער דעספּאָט. ער האָט אויפגעהייבן אויף די פיס די גאַנצע גובערניע און זיך דערשלאָגן דערצו, מען זאָל זיין אייניקל אנערקענען פאַר אַ מענטשן, וואָס איז נישט פאַראַנטוואָרטלעך פאַר זיינע מעשים. עס איז אפשר טאַקע נישט געווען אַזוי ווייט פון אמת. פון יענער צייט אָן האָט דאַוויד געלעבט מיט אַ דורכגעשאָסענער באַק און מיט אַ פּאַס פון אַ משוגענעם.

די פאמיליע מ–סקי איז אלץ געפאלן אין מעמד נאך פאר מיין געדענקען. אין מיינע ערשטע קינדעריארן איז נאך מאיסיי כאריטאנאוויטש געקומען צו פארן אין א פאעטאן, געשפאנט מיט גוט אויסגעפארענע פערד. נאך גאר א קליינער, אפשר פון א יאר 4–5, בין איך געווען ביי די מ–סקיס מיט מיין עלטערן ברודער. זייער גארטן איז געווען א גרויסער, מען האט אים גוט אויפגעפאסט און דארט האבן זיך אפילו אויפגעהאלטן פאווען. דאסדאזיקע פלאדיקע באשעפעניש, מיט א קריינדל אויפן קאפריזנעם קעפל, מיט פרעכטיקע שפיגלעך אויפן לעגענדארן עק און מיט שפארן אויף די פיס, האב איך דא דערזען צום ערשטן מאל. שפעטער זענען אבער פארשוואונדן געווארן די פאוועס און מיט זיי נאך פיל זאכן. דער פארקאן ארום גארטן איז איינגעפאלן. די בהמות האבן אויסגעגראבן די פרוכטביימער און די בלומען. מאיסיי כאריטאנאוויטש איז געקומען קיין יאנאוועקע אויף א פשוטן וואגן מיט פויערשע פערד. די זין האבן זיך געפרואווט אויפצוהייבן דעם מצב פון גוט נישט אויפן פריצישן אופן, נאר מיט פויערשע מיטלען. „מיר וועלן קויפן קליאטשעס, באגינען וועלן מיר אליין ארויספארן אין פעלד, ווי די בראנשטיינס". „זיי וועלן גארנישט מאכן", האט מיין פאטער געזאגט. מען האט ארויסגעשיקט דאווידן קיין יעליזאוועטגראד אויפן יריד, ער זאל עס איינקויפן קלאטשעס. איז ער ארומגעגאנגען איבערן יריד, זיך צוגעקוקט צו די פערד מיט די אויגן פון א קאוואלעריסט און אויסגעקליבן דריי. שפעט אין אוונט איז ער געקומען צוריק אין דארף. אין שטוב זענען געווען א סך געסט אין לייכטע זומערדיקע קליידער. אבראם מיטן לאמפ אין דער האנט איז ארויס אויפן גאנעק באטראכטן די פערד. מיט אים צוזאמען זענען ארויסגעגאנגען די דאמען, סטודענטן, יונגווארג. דאוויד האט זיך גלייך דערשפירט אין זיין ספערע און האט אנגעהייבן צו דערציילן די מעלות פון יעדן פערד און באזונדערס פון איינעם, וואס איז, לויט זיין מיינונג, געווען ענלעך צו א פריילן. אבראם האט זיך צוגעקראצט אונטן אין בארד אריין און אלץ געחזרט: „די פערד זענען גוטע"... די גאנצע מעשה האט זיך געענדיקט מיט א פיקניק. דאוויד האט אראפגענומען ביי א ליבלעכער פריילן דעם פאנטאפל, אנגעגאסן אין אים ביר און צוגעטראגן צו די ליפן.

— שוין זשע טאַקע וועט איר עס באמת טרינקען? — האָט יענע אַ פרעג געטאָן, האַלב דערשראָקן, האַלב באַגייסטערט.

— אויב איך האָב מיך נישט געשראָקן צו שיסן אין זיך... — האָט דער העלד געענטפערט און אויסגעלייַדיקט דעם פאַנטאָפל.

— אפשר וואָלסטו שוין אויפגעהערט זיך צו באַרימען מיט דיינע העלדישע מעשים, — האָט זיך אומגעריכט אָנגערופן די שטענדיק שווייגנדיקע מוטער, אַ גרויסע, שיטער-צעגאָסענע פרוי, וואָס אויף אירע פלייצעס איז געלעגן די גאַנצע באַלעבאַטישקייט.

— דאָס איז ביי אייך ווינטער-ווייץ? — האָט אַבראַם מ—סקי אַ פרעג געטאָן מיין פאָטער, כדי צו ווייזן זיין פאַך-קענטעניש.

— נו, פאַרשטייט זיך, נישט קיין זומער-ווייץ.

— ניקאָפּאָלקע?

— דאָס איז דאָך ווינטער-תבואה.

— איך ווייס, אַז ווינטער-תבואה, אָבער וואָס פאַר אַ מין, ניקאָפּאָלקע, צי גירקע?

— איך האָב נאָך קיינמאָל נישט געהערט, אַז ווינטער-תבואה זאָל זיין ניקאָפּאָלקע. אפשר איז עס ביי עמעצן יאָ דאָ, ביי מיר נישט. איך האָב סאַנדאָמירקע.

אַזוי איז פון דערדאָזיקער גאַנצער אָנשטרענגונג גאָרנישט אַרויסגעקומען. אין אַ יאָר אַרום איז דער באָדן ווידער אָפּגעגעבן געוואָרן צו מיין פאָטער אין אַרענדע.

אַ באַזונדערע גרופּע האָבן געבילדעט די קאָלאָניסטן-דייטשן. צווישן זיי האָבן זיך געפונען שטיינרייכע מענטשן. זייער לעבנסשטייגער איז געווען אַ האַרטערער, די זין האָט מען זעלטן געשיקט אין שטאָט אַריין, די מיידלעך האָבן געוויינלעך געאַרבעט אין פעלד. דערפאַר אָבער זענען די הייזער זייערע געווען געבויט פון ציגל, געדעקט מיט גרינע אָדער רויטע בלעכענע דעכער, די פערד ראַסאָווע, דער געשפּאַן אין אָרדענונג, די וועגנס אויף רעסאָרן האָבן זיך טאַקע גערופן „דייטשע פורגאָנעס״. פון די דייטשע קאָלאָניסטן איז דער נאָענטסטער שכן אונזערער געווען איוואַן איוואַנאָוויטש דאָרן, אַ ריי־רעוודיקער דיקער מענטש, מיט לאַטשן אויף באַרוועסע פיס, מיט לעדער-האַרטע באַקן, באַדעקט מיט שטעכעדיקע האָר, וואָס פאַלן שוין אַריין אין אַ גרויקייט; תמיד האָט מען אים געזען אין אַ שיינעם פורגאָן, אויסגעמאָלט מיט העלע בלומען, געשפּאַנט מיט קראָ-שוואַרצע

יונגע אָגערס, וואָס האָבן געהאַקט מיט די קאָפּיטעס אין דער ערד. אַזעלכע דאָרנס זענען געווען אַ סך. איבער זיי אַלע האָט זיך אָבער אויפגעהייבן די פיגור פון פּאַלצפיינען, דעם שעפסן קעניג, דעם קאַ־ביטפערשטאַן פון סטעפ.

עס ציען זיך אומצייליקע סטאַדעס. — וועמעס שעפסן זענען עס? פּאַלצפיינס. פאָרן טשומאַקעס, פירן היי, שטרוי, שיעטשקע. — פאַר וועמען?—פאַר פּאַלצפיינען. טראָגט זיך אַ ברייטער אויסגעמאָלטער שליטן מיט דריי פערד און אַ פּעלץ־פּיראַמידע שטעקט אין שליטן. איז דאָס פּאַלצפיינס פאַרוואַלטער. אָדער פלוצלונג שפּאַנט פאַרביי אַ קאַראַוואַן מיט קעמלען, שרעקנדיק מיט זייער אויסזען און געבריל. בלויז איין פּאַלצפיין האָט פאַרמאָגט אַזעלכע קעמלען. פּאַלצפיין האָט געהאַט אָגערס פון אַמעריקע, אָקסן פון דער שווייץ.

דער שטאַמפאָטער פון דערדאָזיקער פאַמיליע, לכתחילה בלויז פּאַלץ, און נישט פיין, האָט געדינט אַלס שאָפמייסטער ביים הערצאָג פון אָלדענבורג, וועלכן די רעגירונג האָט געגעבן אַ גרויסע סומע אויף צו קולטיווירן די מערינאָסן־שעפסן. האָט דער הערצאָג אָנגעמאַכט ביי אַ מיליאָן רובל חובות, און האָט גאָרנישט אויפגעטאָן. פּאַלץ האָט דעמאָלט אָפּגעקויפט די ווירטשאַפט און האָט זי גענומען פירן נישט אויפן שטייגער פון אַ הערצאָג, נאָר ווי אַ שאָפמייסטער. זיינע סטאַדעס שעפסן האָבן געוואַקסן, ווי זיינע פּאַשע־פעלדער און זיין הויף. זיין טאָכטער האָט חתונה געהאַט מיטן שאָף־ציכטער פיין. אויף דעם אויפן האָבן זיך די צוויי שעפסן־דינאַסטיעס פאַראייניקט. דער נאָמען פּאַלץ־פיין האָט געקלונגען ווי די טריט פון צענדליקער טויזנטער שעפסן־קאָפּיטעס, ווי דאָס מעקן פון אומצייליקע שאָף־קולות, ווי דאָס שרייען און פייפן פון סטעפּישע פּאַסטוכער מיט זייערע לאַנגע שטעקנס הינטערן רוקן, ווי דאָס בילן פון די אומצייליקע שאָף־הינט. דער סטעפ אַליין האָט אויסגעאָטעמט דעמדאָזיקן נאָמען אין די גרויסע היצן און מוראדיקע פרעסט.

איך האָב הינטער זיך די ערשטע פינף יאָר. מיין דערפאַרונג פאַרברייטערט זיך. דאָס לעבן איז געוואַלדיק רייך מיט דערפינדונגען און פאַרנעמט זיך פלייסיק מיט זיינע קאָמבינאַציעס אין דעם פאַר־

וואָרפנסטן ווינקל, פונקט ווי אויף דער וועלט-אַרענע. די געשעענישן פאַרכאַפּן מיך איינס נאָכן אַנדערן.

פון פעלד ברענגט מען אַן אַרבעטערין, וואָס אַ שלאַנג האָט איר אַ ביס געטאָן. דאָס מיידל האָט יאָמערלעך געוויינט. דעם געשוואָלענעם פוס האָט מען פעסט אַרומגעבונדן ביז איבער דער קני און אַריינגעשטעלט אין אַ פעסל זויער-מילך. דאָס מיידל האָט מען אַוועקגעפירט קיין באָבריניעץ אין שפּיטאָל. שפּעטער איז זי צוריקגעקומען צו דער אַרבעט. אויפן פאַרוואונדעטן פוס האָט זי געטראָגן אַ שמוציק צעריסענעם זאָק, און די אַרבעטער האָבן זי איצט גערופן נישט אַנדערש, ווי פריילן.

אַ ווילדער חזיר האָט אַן אונטערגעוואַקסענעם יונג צעביסן דעם שטערן, די אַקסלען און דעם אָרעם. דער יונג האָט דעם חזיר געפּיטערט. דאָס איז געווען אַ נייער, משונה-גרויסער חזיר, וואָס מען האָט אַראָפּגעבראַכט צו באַנייען די גאַנצע חזירים-סטאַדע. דער יונג האָט זיך איבערגעשראָקן צום טויט און האָט געכליפּעט, ווי אַ קליין קינד. מען האָט אים אויך אַוועקגעפירט אין שפּיטאָל.

צוויי יונגע אַרבעטער, שטייענדיק אויף וועגנס מיט סנאָפּעס, האָבן זיך געוואָרפן מיט אייזערנע גראַבליעס. איך האָב דאָסדאָזיקע בילד ממש געשלונגען מיט די אויגן. איינעם פון זיי האָט זיך אָבער די גראַבליע אַריינגעשטאָכן אין זייט, און מיט אַ גרויס געיאָמער איז ער אַנידערגעפאַלן.

דאָס אַלץ איז פאָרגעקומען אין פאַרלויף פון איין זומער. און קיין איינציקער זומער איז נישט פאַרבייגעגאַנגען אָן אַזעלכע געשעענישן.

איינמאָל, אין אַ האַרבסטנאַכט איז דער גאַנצער הילצערנער בנין פון מיל אַריינגעפאַלן אין טייך. די אונטערשטע בעלקעס זענען שוין לאַנג געווען צעפוילט, און אונטערן שטורעם האָבן זיך די דינע הילצערנע ווענט געטראָגן, ווי זעגלען. די דאַמפּמאַשין, די מילשטיינער, דער גרויפּן-מיל, דער תבואה-סאָרטירער האָבן נאַקעטע אַרויסגעקוקט פון די חורבות. פון אונטער די ברעטער זענען ווײַלעווייז אַרויסגעשפּרונגען מוראדיק גרויסע מיל-שצורעס.

האַלב בגניבה פלעג איך אַוועקגיין נאָכן וואַסערפירער אין פעלד, אויפן יאַגד אויף ציזלמייז. מען האָט געמוזט אויף איין שטייגער, נישט צו גיך, אָבער אויך נישט צו לאַנגזאַם, גיסן אין

נאַרע וואַסער און אָפּוואַרטן מיט אַ שטעקן אין האַנט, ביז ביי דער לאָך-עפענונג וועט זיך באַווייזן דאָס מייזישע פּיסקעלע מיט דער גלאַט צוגעפּעסטיקטער נאַסער פעל. אַן אַלטע ציזלמויז ראַנגלט זיך לאַנג, פאַרשטאָפּנדיק מיטן הינטן די לאָך, אָבער נאָכן צווייטן עמער וואַסער גיט זי זיך אונטער און שפּרינגט אַרויס אַנטקעגן דעם טויט. ביי דער דערהרגעטער ציזלמויז דאַרף מען אָפּשניידן די לאַפּקעס און אָנציען זיי אויף אַ פאָדעם: די זעמסטווע האָט געצאָלט פאַר יעדער ציזלמויז אַ קאָפּיקע. לכתחילה האָט מען געפאָדערט צוזושטעלן נאָר דאָס וויידעלע, אָבער גרויסע בריהס פלעגן אויסשניידן פון איין פעלכל אַ צענדליק וויידעלעך, און דעריבער האָט די זעמסטווע אָנגעהייבן פאָדערן די פיסלעך. קוים איך אַהיים אינגאַנצן נאַס און אויסגעשמירט מיט ליים. אין דער פאַמיליע האָט מען פון אַזעלכע המצאות נישט שטאַרק געהאַלטן. מען איז געווען מער צופרידן, ווען איך בין געזעסן אין עסשטוב אויפן דיוואַן און אַראָפּגעריסעוועט דעם בלינדן עדיפּ און אַנטיגאָנען.

איינמאָל בין איך מיט דער מוטער געפאָרן אין אַ שליטן פון דער נאָענטסטער שטאָט, פון באָברינעץ. אַ פאַרבלענדטער פון שניי און איינגעוויגט פון פאָרן, האָב איך איינגעדרעמלט. אַז מיר האָבן זיך אויסגעקירעוועט, האָט זיך דער שליטן איבערגעקערט, און איך בין אַנידערגעפאַלן מיטן פנים אַראָפּ. פון אויבן בין איך צוגעדעקט געוואָרן מיט אַ טעפּיך און מיט היי. איך הער דער מוטערס שרעקלעכע קולות, אָבער איך קען איר נישט ענטפערן. דער קוטשער, ער איז אַ נייער: אַ יונגער, הויכער, רויטהאָריקער — הייבט אויף דעם טעפּיך און אַנטפּלעקט מיין מקום-מנוחה. מיר זעצן זיך ווידער אַריין אין שליטן און פאָרן ווייטער. באַלד אָבער באַקלאָג איך מיך, אַז פון קעלט לויפן מיר מוראַשקעס איבערן רוקן. — מוראַשקעס? — דרייט זיך אויס דער יונגער רויטבערדיקער קוטשער, ווייזנדיק זיינע שטאַרקע ווייסע ציין. קוק איך אים אין מויל אַריין און זאָג: „יאָ, איר ווייסט, אַזוי ווי מוראַשקעס". לאַכט דער קוטשער. „ס'איז גאָרנישט, זאָגט ער, מיר זענען באַלד אינדערהיים!" — און טרייבט ווייטער דאָס גרויע פערדל. אויף דער צווייטער נאַכט איז דערזעלבער קוטשער נעלם געוואָרן צוזאַמען מיטן פערד. אין הויף איז געוואָרן אַ טומל. מען וויל אַרויסשיקן אַ רייטער-עקספּעדיציע מיטן עלטערן

ברודער בראש. ער זאָלט אָן פאַר זיך דאָס פערדל מוץ און איז מבטיח, אַז ער וועט זיך גוט אָפּרעכענען מיטן גנב.

„דו כאַפּ אים נאָר קודם״, — זאָגט דער טאַטע בייז. עס גייען אַוועק גאַנצע צוויי מעת-לעת, ביז מען דערזעט צוריק די פּאַרפּאָל־גער. דער ברודער באַקלאָגט זיך אויפן גפּל, וואָס האָט כּלומרשט געשטערט צו כאַפּן דעם פערד-גנב. הייסט עס, אַז דערדאָזיקער שיינער, לוסטיקער יונג — איז פּשוט אַ פערד-גנב? און ער האָט אַזעלכע ווייסע ציין?

מיך האָט געמוטשעט אַ פיבער און איך האָב זיך געוואָרפן אויף אַלע זייטן. עס האָבן געשטערט די הענט, די פיס, דער קאָפּ, זיי זענען אָנגעשוואָלן געוואָרן און זיך אָנגעשטויסן אָן וואַנט, אָן סופיט, און פון די אַלע שטערונגען האָט מען נישט געקענט אַוועק־גיין, ווייל זיי, דידאָזיקע מניעות, זענען געקומען פון אינעווייניק; ס'טוט מיר ווי דער האַלז, און איך ברען ווי אַ פייער. די מוטער קוקט מיר אַריין אין האַלז, דערנאָך דער פאָטער. ביידע קוקן זיי זיך אומרואיק איבער, און באַשליסן מיר אויסצושמירן דעם האַלז מיטן בלויען שטיינדל. „איך האָב מורא, אַז ס'איז וועט האָט דיפטעריט״, זאָגט די מוטער. „ווען ער זאָל האָבן דיפטעריט״, ענטפערט איוואַן וואַסיליעוויטש, „וואָלט ער שוין לאַנג געלעגן אויפן באַנק״. איך שטויס מיך אָן, אַז ליגן אויפן באַנק מיינט עס געשטאָרבן, ווי ס'איז געשטאָרבן די יינגערע שוועסטער ראָזעטשקע. איך גלויב אָבער נישט, אַז דאָס קאָן האָבן אַ שייכות צו מיר, און איך הער מיך צו רואיק צו זייער שמועס. סוף-כּל-סוף באַשליסט מען אַוועקצופירן מיך קיין באָברינעץ. די מוטער איז אַפילו נישט אַזוי פרום, דאָך אָבער קען זי ביי זיך נישט פועלן צו פאָרן שבת אין שטאָט אַריין. פאָרט מיט מיר איוואַן וואַסיליעוויטש. מיר פאַרפאָרן צו דער קליינער טאַ־טיאַנען, צו אונזער געוועזענער דינסטמיידל, וואָס האָט חתונה געהאַט אין באָברינעץ. קיין קינדער האָט זי נישט, און דעריבער איז נישטאָ קיין געפאַר זיך אָנצושטעקן. דער דאָקטאָר שאַטונאָווסקי קוקט מיר אַריין אין האַלז, מעסט אויס די טעמפּעראַטור און דערקלערט, ווי שטענדיק, אַז מען קאָן נאָך גאָרנישט וויסן. טאַניאַ גיט מיר דער־ווייל אַ ביר-פלאַש, וואָס אינעווייניק אין דעם איז פון שטעקעלעך און ברעטעלעך אויסגעבויט אַ גאַנץ קלויסטערל. די הענט און די

פיס הערן מיר אויף צו באַלעסטיקן. איך ווער געזונט. ווען איז עס געשען? קורץ פאַר דער אַנטדעקונג פון דער צייטרעכענונג.

די זאַך איז פאָרגעקומען אַזוי. דער פעטער אַבראַם, אַן אַלטער עגאָיסט, וואָס האָט וואָכנלאַנג די קינדער לגמרי נישט באַמערקט, האָט מיך פלוצלונג אין אַ גוטער מינוט צוגערופן צו זיך און געפרעגט: „אָט, זאָג מיר גלייך, וואָס האָבן מיר איצט פאַר אַ יאָר? דו ווייסט נישט? 1885! חזר דיר איין, געדענק. איך וועל דיך שפעטער עקזאַמענירן". איך האָב נישט געקענט משיג זיין, וואָס דאָס זאָל באַדייטן. — יאָ, איצט איז דאָס יאָר 1885. — האָט זיך אָנגערופן מיין קוזינע, די שטילע אָלגע, — און דערנאָך קומט דאָס יאָר 1886. איך האָב עס נישט געגלויבט. אויב מיר זאָלן אָננעמען, אַז די צייט האָט אַ נאָמען, וועט דאָס יאָר 1885 עקזיסטירן אייביק, ס'הייסט זייער, זייער לאַנג, ווי דער גרויסער שטיין, וואָס דינט פאַר אַ שוועל ביי דער טיר, ווי די מיל, און צולעצט אויך ווי איך. בעטיע, אָלגעס ייִנגערע שוועסטער, האָט נישט געוואוסט, ווען זי זאָל גלויבן. אַלע דריי האָבן דערשפירט עפּעס אַן אומרואיקייט דערפון, וואָס זיי זענען אַריינגעטרעטן אין אַ נייעם געביט, פונקט ווי זיי וואָלטן האַסטיק אויפגעריסן אַ טיר אין אַ טונקעלן צימער, וואו ס'איז נישטאָ קיין מעבל, און ס'הילכן אָפּ שאַרף די מענטשלעכע קולות. סוף־כל־סוף האָב איך זיך געמוזט אונטערגעבן. אַלע האָבן געהאַלטן מיט אָלגען. אַזוי־אַרום איז דאָס יאָר 1885 געווען דאָס ערשטע נומערירטע יאָר, וואָס איז אַריין אין מיין באַוואוסטזיין. דאָסדאָזיקע יאָר האָט געמאַכט אַ סוף צו דער פאָרמלאָזער צייט, צו דער פאַרהיסטאָרישער עפּאָכע פון מיין עקזיסטענץ, צו דעם כאַאָס: פון דעמדאָזיקן קניפּל הייבט זיך אָן מיין צייטרעכענונג. איך בין דעמאָלט אַלט געווען זעקס יאָר. פאַר רוסלאַנד איז עס געווען אַ יאָר פון אומגערעטעניש, קריזיס און פון די ערשטע גרויסע אַרבעטער־אומרוען. אָבער מיך האָט עס איבערראַשט בלויז מיט זיין אומבאַגרייפלעכער נאָמען־באַצייכענונג. אומרואיק האָב איך געפּרואווט געפינען דעם סודותפולן צוזאַמענהאַנג צווישן צייט און ציפערן. נאָכדעם האָט זיך אָנגעהייבן דער טויש־גאַנג פון די יאָרן, תחילת לאַנגזאַם, און שפּעטער אַלץ שנעלער. אָבער דאָס 85־סטע יאָר האָט זיך לאַנג אויסגעצייכנט צווישן זיי, אַלס דאָס ערשטע יאָר, אַלס שטאַמפּאָטער. עס איז געוואָרן מיין ערע.

איינמאָל האָט פּאַסירט אַזאַ מעשה. איך האָב זיך אַריינגעזעצט אין פֿורגאָן, לעבן גאַנעק, און וואַרטנדיק אויפֿן פֿאָטער, אַ נעם געטאָן אין די הענט די לייטשעס. די יונגע פֿערד האָבן זיך ראַש אַ ריס געטאָן פֿון אָרט און גענומען לויפֿן פֿאַרביי דער שטוב, דעם שפּייכלער, דעם גאָרטן, אָן אַ וועג, אין פֿרייען פֿעלד, אין דער ריכטונג צום גוט פֿון די דעמבאָווסקיס. הינטער זיך האָב איך געהערט קולות. פֿאָרנט איז געווען אַ גראָבן. די פֿערד האָבן זיך משוגענערווייז געטראָגן. ערשט האַרט פֿאַרן גראָבן האָבן זיי זיך אַ קערעווע געטאָן אין אַ זייט, שיעור נישט איבערגעקערט דעם וואָגן און מיטאַמאָל זיך אָפּגעשטעלט, ווי צוגעשמידט צו דער ערד. פֿון הינטן איז געלאָפֿן דער קוטשער, נאָך אים אַ צווייט, דריי אַרבעטער, הינטער זיי איז געלאָפֿן דער פֿאָטער. נאָך ווייטער האָט געשריען די מוטער, די עלטערע שוועסטער האָט געבראָכן די הענט. די מוטער האָט נישט אויפֿגעהערט צו שרייען אַפֿילו דאַן, ווען איך בין איר שוין געלאָפֿן אַנטקעגן. איך בין מיך מודה, אַז איך האָב באַקומען אַ צוויי פּעטשלעך פֿון פֿאָטער, וואָס איז געווען וויים, ווי דער טויט. איך האָב זיך אַפֿילו נישט באַליידיקט, אַזוי איז עס אַלץ געווען משונה-אומגעווייניכלעך.

אין דעמזעלבן יאָר, שיינט מיר, האָב איך מיטן פֿאָטער געמאַכט אַ נסיעה קיין יעליזאַוועטגראַד. מיר זענען אַרויסגעפֿאָרן באַגינען, געפֿאָרן אָן איילעניש, אין באָבריניעץ געפֿאַשעט די פֿערד, און קעגן אָוונט פֿאַרפֿאָרן קיין ווּשיוואַ*), וואָס פֿון העפֿלעכקייט וועגן האָט מען עס גערופֿן שוויווע, דאָרט איבערגענעכטיקט, ווייל אונטער דער שטאָט האָבן צוגעהוליעט באַנדיטן. קיין שום הויפּטשטאָט אויף דער וועלט — נישט פּאַריז, נישט ניו-יאָרק — האָט שפּעטער נישט געמאַכט אויף מיר אַזאַ איינדרוק, ווי יעליזאַוועטגראַד, מיט אירע טראָטואַרן, מיט די גרינע דעכער, באַלקאָנען, מאַגאַזינען, פּאָליציי-לייט און רויטע לופֿט-באַלאָנען אויף פֿעדעם. אין פֿאַרלויף פֿון עטלעכע שעה האָב איך מיט ברייט צעעפֿנטע אויגן געקוקט דער ציוויליזאַציע אין פּנים אַריין.

אַ יאָר נאָך דער אַנטדעקונג פֿון מיין ערד האָב איך אָנגעהייבן לערנען. איינמאָל, אינדערפֿרי, ווען איך האָב מיך גוט אויסגעשלאָפֿן און זיך אויף גיך אַרומגעוואַשן (געוואַשן האָט מען זיך אין יאַנאָווקע

*) ווּשיוואַ — לייזיקע.

תמיד אין גרויס איילעניש), פילנדיק פאַרויס מיט הנאה דעם נייעם טאָג, און קודם-כל טאַקע דער טיי מיט מילך און ווייס ברויט מיט פּוטער, בין איך אַריין אין עסשטוב. דאָרט איז געזעסן די מוטער מיט עפּעס אַן אומבאַקאַנטן אויסגעדאַרטן מענטשן, וואָס האָט בלאָס צוגעשמייכלט מיט אַ חניפהלע אויפן פּנים. די מוטער און דער אומבאַקאַנטער האָבן אויף מיר אַזוי געקוקט, אַז ס׳איז באַלד געווען קלאָר: זייער שמועס האָט עפּעס אַ שייכות צו מיר.

— באַגריס דיך, ליאָווע,—האָט די מוטער געזאָגט, — דאָס איז דיין קינעטיקער לערער. איך האָב אַ קוק געטאָן אויפן לערער מיט אַ געוויסער אַנגסט, אָבער נישט אָן נייגיר. דער לערער האָט זיך געגריסט מיט יענער ווייכקייט, וואָס מיט איר באַגריסט זיך יעדער לערער מיט זיין קינעפּטיקן תּלמיד אין דער אָנוועזנהייט פון די עלטערן. די מוטער האָט אין מיין קעגנוואַרט פאַרענדיקט דעם געשעפטלעכן שמועס: פאַר אַזויפיל און אַזויפיל רובל און אַזויפיל פּוד מעל האָט זיך דער לערער מתחייב געווען צו לערנען מיט מיר אין זיין קאָלאָניע-שולע רוסיש, חשבון און חומש אויף העברעיש. דער אומפאַנג פון לימוד איז, איבעריקנס, באַשטימט געוואָרן גאַנץ טונקל, ווייל אויף דעמדאָזיקן געביט איז די מוטער נישט געווען קיין גרויסער מומחה. אין דעם טיי מיט מילך האָב איך שוין געשפּירט דעם בייגעשמאַק פון דער קינעפּטיקער ענדערונג אין מיין גורל.

דעם קומענדיקן זונטיק האָט מיך דער פאָטער אָוועקגעפירט אין דער קאָלאָניע און מיך איינגעאָרדנט ביי דער מומע רחל. אויף דערזעלבער פור האָבן מיר געבראַכט דער מומען ווייצן- און גערשטן-מעל, גריקענע קאַשע, הירזש און אַנדערע פּראָדוקטן.

פון יאַנאָווקע קיין גראָמאָקליי איז געווען פיר ווערסט. די קאָלאָניע האָט זיך געצויגן לענגאויס אַ טאָל. פון איין זייט איז געווען אַ יידישער ישוב, פון דער צווייטער — אַ דייטשער. ביידע ישובים האָבן זיך שטאַרק אונטערגעשיידט. אין דעם דייטשן ישוב זענען די הייזער געווען זויבערע, טיילווייז געדעקט מיט דאַכאָווקעס, טיילווייז מיט שינדלען; די דייטשן האָבן געהאַט גרויסע פערד, גלאַטע קי. אויף דער יידישער זייט זענען געשטאַנען איינגעפאַלענע הייזלעך מיט צולעכערטע דעכער, און די קי זענען געווען צרהדיקע.

אויפן ערשטן בליק זעט עס אויס אפילו גאַנץ משונה, וואָס די ערשטע שולע האָט איבערגעלאָזט נאָך זיך גאַנץ ווייניק זכרונות. דער

שיפּער-טאָוול, פון וועלכן איך האָב אָראָפּגעשריבן די ערשטע אותיות פונם רוסישן אלף-בית, דעם לערערס אויסגעבויגענער דאַרער ווייז-פינגער אויפן פּען-הענטל, דאָס נאָכזאָגן די פּסוקים פון חומש מיט אַלעמען אין כאָר, דאָס באַשטראָפן אַ יינגל פאַר עפּעס אַ גניבה — דאָס אַלץ זענען אומקלאָרע פראַגמענטן, נעפּלדיקע פלעקן, קיין איין ליכטיק בילד. אַן אויסנאַם איז אפשר געווען דעם לערערס ווייב, אַ הויכע, דיקע פרוי, וואָס האָט פון צייט צו צייט גענומען אַן אָנטייל אין אונזער שולע-לעבן, און יעדעס מאָל גאָר אומגעריכט. איינמאָל האָט זי זיך בעתן לערנען באַקלאָגט פאַרן מאַן, אַז פון דעם נייעם מעל שפּירט זיך עפּעס אַ גערוך, און אַז דער לערער האָט צוגערוקט זיין שפּיציקע נאָז צו איר האַנט, האָט זי אים דאָס גאַנצע מעל אַ שאָט געטאָן אין פּנים אַריין. דאָס איז געווען אַזאַ מין שפּאַס. די יינגלעך און די מיידלעך האָבן זיך צעלאַכט. בלויז דער לערער אַליין האָט זיך נישט געפרייט פון דערדאָזיקער המצאה. איך האָב אויף אים רחמנות געהאַט, בעת ער איז מיט אַן אָנגע-פודערטן פּנים געשטאַנען אַזוי אינמיטן קלאַס.

געוואוינט האָב איך ביי דער גוטער מומע רחל, און האָב זי גאָרנישט באַמערקט. טאַקע דאָ אין הויף, אין דעם הויפּט-בנין האָט געוועלטיקט דער פעטער אַבראַם. צו זיין שוועסטערס קינדער האָט ער זיך באַצויגן מיט דער גרעסטער גלייכגילטיקייט. פאַר מיר פלעגט ער אָפּטמאָל מאַכן אַן אויסנאַם, אַריינרופן מיך צו זיך, מכבד זיין מיט אַ מאַרך-ביין און בעת מעשה זאָגן: „פאַרן דאָזיקן ביין וואָלט איך אפילו קיין צען רובל נישט גענומען".

דעם פעטערס הויז איז געשטאַנען כמעט ביים סאַמע אַריינפאָר אין דער קאָלאָניע. אין צווייטן עק דאָרף האָט געוואוינט אַ הויכער, שוואַרצער, דאַרער ייד, וואָס האָט געשמט פאַר אַ פערד-גנב און בכלל פאַר אַ בריה אויף פאַרשיידענע טריפענע געשעפטן. ער האָט געהאַט אַ טאָכטער. אויך וועגן איר האָט מען דערציילט מיאוסע מעשיות. נישט ווייט פונם פערד-גנב האָט אַ היטלמאַכער געהאַקט אויף אַ מאַשינדל, אַ יונגער ייד, מיט אַ פייער-רויטן בערדל. דעם היטלמאַכערס ווייב איז געקומען צום רעגירונגס-אינספּעקטאָר פון דער קאָלאָניע, וואָס פלעגט פאַרפאָרן צום פעטער אַבראַם, זיך באַקלאָגן אויפן פערד-גנבס טאָכטער, אַז זי רעדט איר אָפּ דעם מאַן. דער אינספּעקטאָר, ווי עס שיינט, האָט אויך נישט געקאָנט העלפן. גייענ-

דיק איינמאָל צוריק פון שולע, האָב איך דערזען, ווי אַ המון מיט קולות, גוואַלדן און שפּייעניש, שלעפּט איבער דער גאַס אַ יונגע פרוי, דעם פערד-גנבס טאָכטער. דידאָזיקע ביבלישע סצענע איז פאַרבליבן אין מיין זכרון אויף שטענדיק. אין עטלעכע יאָר אַרום האָט מיט דערזעלבער פרוי חתונה געהאַט מיין פעטער אַבראַם. איר פאָטער איז צו יענער צייט, לויטן באַשלוס פון די קאָלאָניסטן, פאַרשיקט געוואָרן קיין סיביר אַלס שעדלעכער מיטגליד פאַר דער געזעלשאַפט.

מיין געוועזענע ניאַניע מאַשע האָט געדינט ביים פעטער אַבראַם. איך פלעג זיך אָפט אַריינכאַפּן צו איר אין קיך: אין איר האָב איך געזען דעם פאַרבינדונגס-פאָדעם מיט יאַנאָוקע. צו מאַשען פלעגן קומען געסט, אָפטמאָל זייער אומגעדולדיקע, און דאַן פלעגט מען מיך לייכט אַ נעם טאָן פאַר די אַקסלען, און משלח זיין. אין איינעם שיינעם פרימאָרגן האָב איך צוזאַמען מיט אַלע קינדער פון דער שטוב זיך דערוואוסט, אַז מאַשע האָט געבוירן אַ קינד. מיר האָבן זיך געשושקעט אין די ווינקעלעך פון פריידיקער אומרו. אין עטלעכע טעג אַרום איז געקומען פון יאַנאָוקע מיין מוטער און אַוועק אין קיך אָנקוקן מאַשען און איר קינד. איך האָב זיך אַריינגעגנבעט אָנהינטער דער מאַמען. מאַשע האָט געטראָגן אויפן קאָפּ אַ טיכל, אָנגערוקט אויף די אויגן, און אויף אַ ברייטער באַנק איז געלעגן אויף אַ זייט אַ קליין באַשעפעניש. די מאַמע האָט געקוקט אויף מאַשען, דערנאָך אויפן קינד און מיט פאָרוואורף צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ, נישט רעדנדיק קיין וואָרט. מאַשע האָט אַ שווייגנדיקע אַראָפּגעלאָזט די אויגן, דערנאָך אַ קוק געטאָן אויפן קינד און געזאָגט: „זעט נאָר, ווי ס'האָט אַרונטערגערוקט דאָס הענטעלע אונטער דער באַק, פּונקט ווי אַ דערוואַקסענער".—„און דו האָסט רחמנות אויף אים?" האָט די מאַמע געפרעגט. „ניין", האָט מאַשע כלומרשט גלייכגילטיק אַ זאָג געטאָן, „אַן עסק האָב איך דערמיט". „דו זאָגסט אַ ליגן, ס'איז דיר אַ רחמנות"... — האָט די מאַמע זיך אָנגערופן מיט אַ טאָן פון שלום. דאָס קינד איז אין אַ וואָך אַרום געשטאָרבן, פּונקט אַזוי געהיימניספול, ווי ס'איז געקומען אויף דער וועלט.

איך פלעג אָפט פאָרן פון דער שולע אין דאָרף און בלייבן דאָרט יעדעס מאָל אַ וואָך אָדער מער. מיט קיינעם פון די שולייינגלעך האָב איך נישט באַוויזן זיך צו חברן, ווייל איך האָב נישט גערעדט קיין יידיש. דאָס לערנען האָט געדויערט נישט מער ווי עט-

לעבע חדשים. דערמיט, מיין איך, דערקלערט זיך טאַקע די אָרעמקייט פון מיינע שול-זכרונות. דאָך אָבער האָט מיר שופער — אַזוי האָט געהייסן דער פעדאַגאָג פון גראָמאָקליי — אויסגעלערנט לייענען און שרייבן, און דידאַזיקע ביידע קונסטן זענען מיר אַוודאי צונוץ געקומען אין מיין ווייטערדיקן לעבן. אין מיין זכרון איז דעריבער פאַרבליבן אַ דאַנקבאַרע ערינערונג וועגן מיין ערשטן לערער.

איך האָב זיך אָנגעהייבן אַדורכקריגן דורך די געדרוקטע שורות. איך פלעג מיר אָראָפּשרייבן שירים, און אַליין שרייבן שירים. שפּעטער בין איך מיט מיין קוזין סעניאַ זש. צוגעטראָגן אַרויסצוגעבן אַ זשורנאַל. דער נייער וועג איז אָבער געווען פאַרזייט מיט דערנער. קוים אויפגעכאַפּט די קונסט פון שרייבן, האָב איך שוין נישט געקאָנט ביישטיין דעם נסיון. בלייבנדיק איינמאָל אַליין אין עסשטוב, האָב איך אָנגעהייבן פאַרשרייבן מיט געדרוקטע אותיות יענע אויסטערלישע ווערטער, וועלכע איך פלעג הערן אין וואַרשטאַט, אין קיך, אָבער אינדערהיים האָט מען זיי נישט גערעדט. איך האָב געשפּירט, אַז איך טו נישט דאָס, וואָס מען דאַרף, אָבער דידאָזיקע ווערטער האָבן דווקא געלאָקט צוליב זייער פאַרבאָט. דאָס פאַטאַלע פּאַפּירל האָב איך באַשלאָסן אַריינצולייגן אין אַ שאַכטעלע פון זאַפּאַלקעס — און דאָס שאַכטעלע פאַרגראָבן טיף אין דער ערד הינטערן שפּייכלער. איך האָב נאָך אָבער נישט באַוויזן צו דערפירן מיין דאָקומענט ביזן סוף, ווי אין עסשטוב איז צופעליק אַריינגעקומען מיין עלטערע שוועסטער און האָט זיך מיט אים פאַראינטערעסירט. איך האָב האַסטיק אַ כאַפּ געטאָן דאָס פּאַפּירל פון טיש. נאָך דער שוועסטער איז אַריין די מוטער. מען האָט געפאָדערט, איך זאָל ווייזן. אָן אָנגעצונדענער פון חרפּה, האָב איך אַ וואָרף געטאָן דאָס פּאַפּירל הינטערן דיוואַן. די שוועסטער האָט עס געוואָלט אַרויסנעמען, אָבער איך האָב היסטעריש אַ געשריי געטאָן: „איך וועל עס אַליין אַרויסנעמען..״ איך בין אַרונטערגעקראָכן אונטערן דיוואַן און גענומען דאָרט רייסן דאָס פּאַפּירל. צו מיין פאַרצווייפלונג, ווי צו מיינע טרערן, האָט נישט גענומען קיין סוף.

אויף ווייַנאַכט,—משמעות, אין יאָר 1886, מחמת איך האָב שוין דאַן געקאָנט שרייבן,—האָט אָוונטצייט, צום טיי, אַריינגעשטורעמט אין עסשטוב אַ גרופּע מאַסקע-שפּילער. דאָס איז געשען אַזוי אומגעריכט, אַז פון שרעק בין איך אַנידערגעפאַלן אויפן דיוואַן, וואו איך בין

געזעסן. מען האָט מיך באַרואיקט, און איך האָב מיך מיט גרויס בייגיר צוגעהערט צום קייזער מאַקסימיליאַן. צום ערשטן מאָל האָט זיך פאַר מיר געעפנט די וועלט פון פאַנטאַסטיק, פאַרוואַנדלט אין טעאַטער-ווירקלעכקייט. איך בין ממש געווען איבעררעשט, ווען איך האָב מיך דערוואוסט, אַז די הויפּט-ראָל האָט אויסגעפירט דער אַרבעטער פּראָכאָר, וואָס האָט פריער געדינט אין סאָלדאַטן. אויפן צווייטן טאָג בין איך גלייך אַוועק מיט פּאַפּיר און בלייפעדער אין משרתים-שטוב און אָנגעהייבן בעטן דעם קייזער מאַקסימיליאַן, ער זאָל מיר דיקטירן זיינע מאָנאָלאָגן. פּראָכאָר האָט קיין חשק נישט געהאַט, אָבער איך האָב זיך אויף אים אָנגעזעצט, געבעטן, געפאָדערט, צוגעשטאַנען און פשוט אים נישט אָפּגעלאָזן. סוף-כל-סוף האָבן מיר זיך אַוועקגעזעצט ביים פענסטער און איך האָב גענומען פאַרשרייבן אויפן אויסגעשטשערבעטן פענסטערברעט די געגראַמטע דרשה פון קייזער מאַקסימיליאַן. עס זענען נישט אַריבער קיין פינף מינוט, ווי אין טיר האָט אַריינגעקוקט דער פאָטער; דערזען די סצענע ביים פענסטער, האָט ער שטרענג געזאָגט: „ליאָווע, גיי אין שטוב.” איך האָב אומטרייסטבאַר אָפּגעקלאָגט אויפן דיוואַן ביזן אָוונט.

איך האָב געשריבן שירים, הילפלאָזע שורות, וואָס האָבן אפשר אַנטפּלעקט מיין פריע ליבע צום וואָרט, אָבער זיי האָבן זיכער נישט פאָרגעזאָגט קיין פּאָעטישע אַנטוויקלונג אין דער צוקונפט. פון מיינע שירים האָט געוואוסט די עלטערע שוועסטער, פון דער שוועסטער—די מוטער, און פון דער מוטער — דער פאָטער. מען האָט פון מיר געפאָדערט, איך זאָל לייענען מיינע שירים פאַר די געסט. דאָס איז געווען פיינלעך מיאוס. איך האָב עס נישט געוואָלט. האָט מען מיר איינגערעדט, פריער מיט גוטן, נאָכדעם מיט בייזן און צולעצט מיט דראָונגען. אָפט פלעג איך אַנטלויפן. די דערוואַקסענע האָבן אָבער געקענט אויספירן זייערס. מיט אַ קלאָפּעדיק האַרץ, מיט טרערן אויף די אויגן, האָב איך געלייענט מיינע שירים, דערביי זיך געשעמט מיט די אָראָפּגעשריבענע שורות אָדער מיט די שלעכטע גראַמען.

אַזוי אָדער אַנדערש — אָבער איך האָב שוין פאַרזוכט פון עץ-הדעת. דאָס לעבן האָט זיך פאַרברייטערט נישט פון טאָג, נאָר פון שעה. פון דעם צעריסענעם דיוואַן אין עסשטוב האָבן זיך געצויגן פעדעם צו אַנדערע וועלטן. דאָס לעבן האָט מיר געעפנט אַ נייע עפּאָכע.

דריטער קאַפּיטל

היים און שולע

אין יאָר 1888 האָבן זיך אין מיין לעבן אָנגעהייבן גרויסע געשעענישן. מען האָט מיך אַוועקגעשיקט קיין אָדעס זיך לערנען. דאָס איז געשען אַזוי. זומער האָט ביי אונז אין דאָרף פאַרבראַכט דער מוטערס אַ פּלימעניק, דער אַכט און צוואַנציק־יעריקער מאָיסיי פיליפּאָוויטש שפּענצער, אַ קלוגער און גוטער מענטש, בשעתו אַ פּאָליטיש „געליטענער", ווי מען האָט עס דעמאָלט גערופן, און איז טאַקע דערפאַר נישט אַריבער פון גימנאַזיע אין אוניווערזיטעט. ער האָט זיך באַשעפטיקט אַ ביסל מיט זשורנאַליסטיק, אַ ביסל מיט סטאַטיסטיק. אין דאָרף איז ער געקומען באַקעמפן דעם טובערקולאָז, וואָס האָט אים באַדראָט. מאָניע, ווי מען האָט אים גערופן, איז לויט זיינע פעאיקייטן און כאַראַקטער געווען דער שטאָלץ פון זיין מוטער און זיינע עלטערע שוועסטער. אויך אונזער פאַמיליע האָט אים אַרויסגעוויזן גרויס אַכטונג. אַלע האָבן זיך שטאַרק געפרייט מיט זיין קומען. צוזאַמען מיט אַלע איבעריקע האָב איך זיך אויך אין דער שטיל זייער געפרייט. בעת מאָניע איז אַריין אין עסשטוב, בין איך געשטאַנען אויף יענער זייט שוועל פון דעם אַזויגערופענעם „קינדער־צימער", דעם קליינעם ווינקל־חדר, און נישט דערוועגט זיך אַ ריר צו טאָן פון אָרט, ווייל מיינע ביידע שיך האָבן געעפנט זייערע מיילער. דאָס איז נישט געווען צוליב אָרעמקייט — אין יענער צייט איז שוין די פאַמיליע געווען זייער פאַרמעגלעך — נאָר מחמת דאָר־

פישער גלייכגילטיקייט, מחמת צופיל פראַצע און מחמת די דראַבנע הויז-באַדערפעניש‏ן. „גוט מאָרגן, יינגעלע״, האָט מאַיסיי פּיליפּאָוויטש געזאָגט, „קום נאָר אַהער״... „גוט מאָרגן״, האָט דאָס יינגעלע געענטפערט, אָבער בעת מעשה זיך נישט גערירט פון אָרט. מיט אַ שולדיקן געלעכטערל האָט מען דערקלערט דעם גאַסט וועגן וואָס דאָ האַנדלט זיך, און ער האָט מיך פריילעך אַרויסגעפירט פון דער שווערער לאַגע, אַריבערגעטראָגן מיך איבער דער שוועל און פעסט אַרומגענומען.

ביים מיטאָג איז מאַניע געווען דער מיטלפונקט פון אַלעמענס אויפמערקזאַמקייט: די מוטער האָט אים דערלאַנגט די בעסטע חלקים, געפרעגט, צי שמעקט עס אים און געוואָלט זיך דערוויסן, וואָס ער האָט ליב. אין אָוונט, נאָכדעם, ווי מען האָט אַריינגעטריבן די סטאַדע אין שטאַל, האָט מיר מאַניע געזאָגט: „קום, לאָמיר גיין טרינקען פרישע מילך, נעם מיט גלעזער... אָבער נעם זיי, טייערינקער, מיט די פינגער פון דרויסן, נישט פון אינעווייניק״. פון מאַניען האָב איך זיך דערוואוסט אַ סך זאַכן, פון וועלכע איך האָב פריער קיין אַנונג נישט געהאַט: ווי צו האַלטן גלעזער און ווי זיך אַרומצוואַשן און ווי ריכטיק אַרויסצורעדן פאַרשיידענע ווערטער און פאַרוואָס איז פאַר דער ברוסט געזונט מילך גלייך פון דער קו. שפּעטער האָט אַרומגעשפּאַצירט, געשריבן, געשפּילט אין קעגלעס און נעלערנט מיט מיר אַריטמעטיק און רוסיש, צוגרייטנדיק מיך צום ערשטן קלאַס. איך האָב זיך צו אים באַצויגן מיט גרויס באַגייסטערונג, דאָך אָבער אויך מיט אַ געוויסן אַנגסט-געפיל: אין אים האָט זיך געשפּירט דער פּרינציפּ פון אַ מער שטרענגערער דיסציפּלין. עס איז געווען די התחלה פון אַ שטאָטישער קולטור.

מאַניע איז געווען פריינטלעך צו זיינע דאָרפישע קרובים, האָט אַ סך געשפּאַסט און אונטערגעזונגען מיט אַ ווייכן טענאָר. צייטנווייז פלעגט ער אָבער אַריינפאַלן אין אַ שלעכטער שטימונג, און דאַן איז ער געזעסן ביי מיטאָג אַ שווייגנדיקער, פאַרשלאָסן אין זיך. האָט מען זיך אומרואיק צוגעקוקט צו אים, געפרעגט, וואָס איז מיט אים דער מער, צי איז ער נישט קראַנק. ער האָט אָבער געענטפערט קורץ און אויסמיידנדיק. אָבער טונקל און ערשט קורץ פאַר זיין אָפּפאָר פון דאָרף, האָב איך מיך אָנגעשטויסן אויף די סיבות פון זיין אָפּטער מרה-שחורה. מאַניען פלעגט טיף באַרירן יעדע דאָרפישע

גראָבקייט אָדער אומגערעכטיקייט. נישט דאָס, וואָס דער פעטער אָדער די מומע זאָקן זיין באַזונדערס שטרענגע באַלעבאַטים, ניין, דאָס האָט מען פאַר קיין פאַל נישט געקאָנט זאָגן. זייערע באַציונגען צו די אַרבעטער און פויערים זענען בשום אופן נישט געווען קיין ערגערע, ווי אין אַלע איבעריקע הויפן. אָבער אויך נישט קיין סך בעסער. און דאָס הייסט, אַז דער רעזשים איז דאָ אַ שווערער. אַז דער אָנגעשטעלטער האָט אַמאָל גוט מכבד געווען מיט אַ לאַנגער בייטש דעם פאַסטוך דערפאַר, וואָס יענער האָט געהאַלטן די פערד ביזן אָוונט ביים וואַסער, איז מאָניע בלאַס געוואָרן און אַ זאָג געטאָן דורך די ציין: „ס׳אַראַ געמיינהייט!” אויך איך האָב געפילט, אַז ס׳איז אַ געמיינהייט. איך ווייס אָבער נישט, צי וואָלט איך עס אָן אים אויך דערשפּירט. איך מיין, אַז יאָ. אָבער לכל־הדעות האָט ער מיר דערין געהאָלפן, און שוין דאָס גופא האָט מיך צוגעבונדן צו אים אויף מיין גאַנץ לעבן מיט אַ געפיל פון דאַנקבאַרקייט.

שפּענצער האָט געהאַט בדעה חתונה צו האָבן מיט דער לייטערין פון אַ מלוכהשער שולע פאַר יידישע מיידלעך אין אָדעס. אין יאַנאָווקע האָט זי קיינער נישט געקענט, אָבער אַלע זענען גע־ווען איבערצייגט, אַז זי איז אַוודאי אַן אויסערגעוויינלעכער מענטש סיי אַלס שול־לייטערין, סיי אַלס מאָניעס קינפטיקע פרוי. מען האָט פעסט באַשלאָסן, אַז פרילינג וועט מען מיך אַוועקפירן קיין אָדעס, וואו איך וועל וואוינען ביי דער פאַמיליע שפּענצער און וועל אַריינ־טרעטן אין גימנאַזיע. דער שניידער פון דער קאָלאָניע האָט מיר ווי עס איז אויסגעפּוצט, אין אַ גרויסן קאַסטן האָט מען אָנגעפּאַקט טעפלעך פּוטער, סלויעס איינגעמאַכטס און נאָך אַנדערע מתנות פאַר די שטאָטישע קרובים. מען האָט זיך לאַנג געזעגנט, איך האָב שטאַרק געוויינט, און געוויינט האָט די מאַמע, די שוועסטער. און דאָ האָב איך צום ערשטן מאָל דערשפּירט, ווי טייער מיר איז יאַנאָווקע מיט די אַלע, וואָס געפינען זיך אין איר. צו דער באַן־סטאַציע איז מען גע־פאָרן מיט פערד, דורכן סטעפּ, און איך האָב געוויינט ביז מיר זענען אַרויסגעפאָרן אויפן שאָסיי. פון נאָווי־בוג איז מען מיטן צוג געפאָרן ביז ניקאָלאַיעוו און דאָרט זיך געזעצט אויפן דאַמפער. דאָס פייפן פון דאַמפער איז מיר אַריבער איבערן רוקן, ווי מוראשקעס און האָט אָפּגעקלונגען, ווי אַ בשורה פון אַ ניי לעבן. אָבער דערווייל איז עס בלויז געווען דער טייך בוג, דער ים וועט נאָך ערשט קומען. אַ

סך, אַ סך וועט נאָך ערשט קומען. אָט איז דער פֿאָרט, די דראָשקע, דאָס פֿאָקראָווער געסל מיטן גרויסן אַלטן הויז, וואו ס׳געפֿינט זיך די שולע פֿאַר מיידלעך און איר לייטערין. מען באַטראַכט מיך פֿון אַלע זייטן, פֿריער אַ יונגע פֿרוי, דערנאָך אַן אַלטע, איר מוטער. מאָסיי פֿיליפּאָוויטש וויצלט זיך, ווי תּמיד, פֿרעגט זיך נאָך אויף יאַ־נאָווקע, אויף אַלע אירע איינוואוינער און אַפֿילו אויף די באַקאַנטע קי. פֿאַר מיר אָבער זענען איצט די קי אַזעלכע אומבאַדייטנדיקע ברואים, אַז איך שעם זיך פּשוט אין אַזאַ אויסגעווײלטער געזעלשאַפֿט וועגן זיי צו רעדן. די וואוינונג איז נישט קיין גרויסע. אין עס־צימער האָט מען מיר אָפּגעגעבן אַ ווינקל הינטער אַ פֿאָרהאַנג. דאָ האָב איך פֿאַרבראַכט די ערשטע פֿיר יאָר פֿון מיין שול־לעבן.

איך בין באַלד איינגאַנצן אַרונטערגעפֿאַלן אונטער דער מאַכט פֿון יענער צוציענדיקער, אָבער שטרענגער דיסציפּלין, וואָס נאָך אין דאָרף האָט זי אויף מיר אַ בלאָז געטאָן פֿון מאָסיי פֿיליפּאָוויטשן. דער רעזשים אין דער פֿאַמיליע איז געווען נישט דאָס, וואָס אַ שטרענגער, נאָר אַ רעגלמעסיקער, און טאַקע דערפֿאַר האָט ער זיך אין דער ערשטער צייט געשפּירט, ווי אַ שטרענגער. 9 אַ זייגער האָב איך געמוזט גיין שלאָפֿן. אָבער מיט מיין איבערגיין אין די העכערע קלאַסן האָט זיך אויך איבערגערוקט די שעה פֿון מיין שלאָפֿן גיין. אויף יעדן טריט און שריט האָט מען מיר כּסדר דערקלערט, אַז אינדערפֿרי דאַרף מען זאָגן גוט מאָרגן, האַלטן ריין די הענט און די נעגל, נישט עסן פֿון מעסער, קיינמאָל זיך נישט פֿאַרשפּעטיקן, באַדאַנקען דער דינסט, אַז זי דערלאַנגט עפּעס, און נישט רעדן קיין שלעכטס אויף מענטשן הינטער זייערע אויגן. איך האָב זיך דער־וואוסט, אַז צענדליקער ווערטער, וואָס זענען אין דאָרף געווען זעלבסטפֿאַרשטענדלעכע, זענען גאָרנישט קיין רוסישע, נאָר פֿאַרדאָר־בענע אוקראַיִנישע. אַלע טאָג האָט זיך פֿאַר מיר אַנטפּלעקט אַ קליי־נער טייל פֿון אַ מער קולטורעלער סביבה, ווי די, אין וועלכער איך האָב פֿאַרבראַכט די ערשטע ניין יאָר פֿון מיין לעבן. אַפֿילו דער וואַרשטאַט האָט אָנגעהייבן פֿאַרלירן זיין רייץ און זיין כּישוף אין פֿאַרגלייך מיט דעם רייץ פֿון דער קלאַסישער ליטעראַטור און דעם כּישוף פֿון טעאַטער. ביסלעכווייז בין איך געוואָרן אַ קליינער שטאָט־איינוואוינער. טיילמאָל אָבער האָט דאָך העל אויפֿגעפֿלאַמט דאָס דאָרף אין מיין באַוואוסטזיין און געצויגן צו זיך, ווי אַ פֿאַרלאָרענער

גן-עדן. דעמאָלט האָב איך שטאַרק געבענקט, זיך נישט געפונען קיין אָרט, געשריבן מיט די פינגער אויף די שויבן גרוסן צו דער מאַמען אָדער געוויינט אין קישן אַריין.

מאַיסיי פיליפּאָוויטשעס פאַמיליע האָט געפירט אַ באַשיידן לעבן. די מיטלען האָבן קוים געקלעקט. דער ראָש פון דער פאַמיליע האָט נישט געהאַט קיין באַשטימטע אַרבעט. ער האָט געמאַכט איבערזעצונגען פון די גריכישע טראַגעדיעס מיט אייגענע אָנמערקונגען, געשריבן דערציילונגען פאַר קינדער, שטודירט שלאָסערן און אַנדערע היסטאָריקער, וועלנדיק צונויפשטעלן אָנשוילעכע כראָנאָלאָגישע טאַבעלן און געהאָלפן זיין פרוי פאַרוואַלטן מיט דער שולע. ערשט שפּעטער האָט ער געשאַפן אַ קליינעם פאַרלאַג, וואָס האָט זיך אין די ערשטע יאָרן קנאַפּ וואָס אַנטוויקלט און איז אָבער נאָכדעם שנעל און שטאַרק אויסגעוואַקסן. אין אַ יאָר צען, צוועלף אַרום איז ער געוואָרן איינער פון די אָנגעזעענסטע פאַרלעגער אין דרום-רוסלאַנד, אַן אייגנטימער פון אַ גרויסער דרוקעריי און אַן אייגן הויז. איך האָב אָפּגעלעבט אין דערדאָזיקער פאַמיליע זעקס יאָר, וואָס פאַלן צוזאַמען מיט דעם ערשטן פעריאָד פון פאַרלאַג. איך בין געוואָרן שטאַרק באַהאַוונט אין זאַץ, קאָרעקטור, עמודים-אויסשטעלונג, דרוק, פאַלצירונג און בראָשורונג. די קאָרעקטור איז געוואָרן מיין אָנגענעמסטע באַשעפטיקונג. מיין ליבע צום פריש-געדרוקטן פּאַפּיר ציט זיך נאָך פון יענע ווייטע שול-יאָרן.

ווי תמיד אין דער בורזשואַזיע, דער עיקר אין די קליינבירגערלעכע פאַמיליעס, האָבן די דינסטן געשפּילט אין מיין לעבן נישט קיין קליינע ראָל, הגם אויסערלעך האָט זי זיך גאָרנישט אָנגעזען. דאָס ערשטע דינסטמיידל, דאַשע, האָט געפירט מיט מיר אַ באַזונדערע געהיימע פריינטשאַפט, אָנפאַרטרויענדיק מיר אירע פאַרשיידענע סודות. נאָך מיטאָג, ווען אַלע האָבן גערוט, פלעג איך בגניבה זיך אַריינכאַפּן אין קיך. דאָרט האָט מיר דאַשע, בעת דער אַרבעט, דערציילט פון איר לעבן און פון איר ערשטער ליבע. נאָך דאַשען איז געווען אַ זשיטאָמירער יידיש ווייבל, וואָס האָט זיך געגט מיטן מאַן: „אַזאַ שלעכטער, אַזאַ רשע-מרושע", האָט זי זיך פאַר מיר געקלאָגט. איך האָב איר געלערנט לייענען און שרייבן. טאָג-טעגלעך פלעגט זי פאַרברענגען נישט ווייניקער ווי אַ האַלבע שעה ביי מיין טיש, אַריינגעצדרונגען אין דעם סוד פון די אותיות און זייער צונויפגיסן

זיך אין ווערטער. צו יענער צייט איז שוין אין דער פאַמיליע געווען אַ קינד און מען האָט געדאַרפט אַן אַם. איך האָב פאַר דער אַם געשריבן אַ בריוו. זי האָט זיך געקלאָגט פאַר איר מאַן, וואָס איז אַוועק קיין אַמעריקע, אויף אירע צרות. אויף איר בקשה האָב איך אָנגעקאַטעוועט אַ בריוו מיט די שוואַרצסטע פאַרבן, און דערנאָך צוגעגעבן, אַז „נאָר אונזער פּיצל קינד איז דער איינציקער ליכטיקער שטערן אויפן פינסטערן האָריזאָנט פון מיין לעבן". די אַם איז געווען באַגייסטערט. איך האָב אַליין מיט פאַרגעניגן איבערגעלייענט דעם בריוו אויפן קול, כאָטש דער לעצטער טייל, וואָס האָט גערעדט מכּוח שיקן דאָלאַרן, האָט מיך עפּעס געמאַכט אָפּהענטיק. דערנאָך האָט זי געבעטן:

— און איצט שרייב מיר אָן נאָך איין בריוו.

— צו וועמען? — האָב איך געפרעגט. — און זיך צוגעגרייט צום שאַפונגס-פּראָצעס.

— צו מיין קוזין, — האָט די אַם געענטפערט און בעת מעשה זיך אַ ביסל געקווענקלט. אין דעמדאָזיקן בריוו האָט זיך אויך גערעדט פון אַ פינסטער לעבן, גאָרנישט גערעדט פון אַ שטערן, און געענדיקט האָט ער זיך מיט אַ דערקלערונג, אַז זי איז גרייט צו אים צו קומען, ווען ער וועט נאָר וועלן. די אַם האָט נאָך נישט באַוויזן אַרויסצוגיין מיט די בריוו פון צימער, ווי ס'איז אַריין די דינסט, מיין תּלמידה, וואָס האָט, קענטיק, אונטערגעהערט ביי דער טיר. „ער איז איר גאָרנישט קיין קרוב", האָט זי מיר אַ צעקאָכטע איינגערוימט אַ סוד.

— און וואָס איז ער דען איר? — האָב איך געפרעגט.

— אָט פּשוט, אַזוי זיך... — האָט זי געענטפערט. און איך האָב געהאַט אַ גרונט זיך גוט אַריינצוטראַכטן אין דער קאָמפּליצירטקייט פון די מענטשלעכע באַציונגען.

צו מיטאָג האָט מיר פּאַני סאָלאָמאָנאָוונאַ אַ זאָג געטאָן מיט עפּעס אַ באַזונדערן שמייכל: „נו, וואָס, מחבר, אפשר ווילסטו נאָך אַ ביסל זופּ?" — „וואָס איז?" האָב איך אומרואיק געפרעגט. „קיין זאַך נישט, דאָס האָסטו דאָך אָנגעשריבן פאַר דער אַם די בריוו, הייסט עס, אַז דו ביזט אַ מחבר... ווי האָסטו דאָרט געזאָגט: אַ „שטערן אויפן טונקעלן האָריזאָנט. כלעבן, אַ מחבר". און נישט אויסהאַלטנדיק דעם טאָן, האָט זי זיך צעלאַכט.

— אָנגעשריבן איז עס גוט, — האָט מאַיסיי פּיליפּאָוויטש געזאָגט, באַרואיקנדיק מיך, — אָבער, פאַרשטייסטו, מער שרייב איר נישט קיין בריוו, זאָל איר בעסער פּאַני אַליין שרייבן.

דער מישמאַש פון דער זינקער זייט לעבן, וואָס ווערט נישט אָנערקענט — נישט פון דער פאַמיליע און נישט פון דער שולע, האָט צוליב דעם נישט אויפגעהערט צו עקזיסטירן און האָט זיך אַרויסגעוויזן גענוג שטאַרק און מעכטיק, כּדי צו געווינען די אויפמערקזאַמקייט פון דעם צעניאָריקן ייִנגל. מען האָט דעמדאָזיקן מישמאַש נישט אַריינגעלאָזט — נישט דורכן שולצימער, נישט דורך דער הויפּט-טיר פונם הויז. האָט ער זיך געפונען אַ וועג דורך דער קיך.

די צענפּראָצענטיקע נאָרמע פאַר די ייִדן אין די רעגירונגס-שולן איז אַריין אין קראַפט אין יאָר 1887. אַריינטרעטן אין אַ גימנאַזיע איז כּמעט געוואָרן אוממעגלעך; מען האָט באַדאַרפט האָבן אָדער פּראָטעקציע אָדער אונטעררוקן שוחד. די רעאַלשולע האָט זיך אונטערגעשיידט פון דער גימנאַזיע דערמיט, וואָס מען האָט דאָרט נישט געלערנט קיין קלאַסישע שפּראַכן און דערמיט, וואָס דאָרט איז געווען אַ ברייטערער קורס פון מאַטעמאַטיק, נאַטורוויסנשאַפט און נייע שפּראַכן. „די פּראָצענט-נאָרמע" האָט אויך געגאָלטן פאַר די רעאַלשולעס. אָבער די פּרעקווענץ איז דאָ געווען אַ קלענערע, און דעריבער האָט מען געהאַט מער שאַנסן. אין די זשורנאַלן און צייטונגען האָט זיך געפירט אַ לאַנגע פּאָלעמיק וועגן דער קלאַסישער און רעאַלער בילדונג. די קאָנסערוואַטאָרן האָבן געהאַלטן, אַז דער קלאַסיציזם אַנטוויקלט די דיסציפּלין, ריכטיקער געזאָגט, זיי האָבן געהאָפט, אַז אַ בירגער, וואָס האָט קינדווייז אויסגעהאַלטן דאָס „זוברעווען" גריכיש, וועט אויך אין משך פון זיין שפּעטערדיקן לעבן אויסהאַלטן דעם צאַרישן רעזשים. די ליבעראַלן אָבער, וואָס האָבן זיך נישט אָפּגעזאָגט פון קלאַסיציזם, ווײַלכּער איז דאָך טאַקע דער מילכברודער פונם ליבעראַליזם, וואָרים ביידע שטאַמען זיי דאָך פון רענעסאַנס, האָבן גלייכצייטיק פּראָטעזשירט אויך די רעאַלע בילדונג. צו יענער צייט, בעת איך האָב געזאָלט אָנקומען אין אַ לערנאַנשטאַלט, איז דערדאָזיקער וויכּוח אַראָפּגענומען געוואָרן פון דער טאָג-אָרדענונג צוליב אַ ספּעציעלן צירקוליאַר, וואָס האָט פאַרבאָטן צו באַהאַנדלען עפנטלעך די פראַגע וועגן די מעלות פון פאַרשיידענע מינים בילדונג.

אין האַרבסט האָב איך זיך עקזאַמענירט צו דעם ערשטן קלאַס

רעאַלשולע פון הייליקן פּאַוועל. דעם פּאָר-עקזאַמען האָב איך אויס-
געהאַלטן מיטלמעסיק: אַ דריי — פּאַר רוסיש, אַ פיר פּאַר אַריט-
מעטיק. דאָס איז נישט געווען גענוג, ווייל די „נאָרמע" האָט גע-
פירט צו אַ שטרענגן אויסוואַל, וואָס האָט זיך, נאַטירלעך, קאָמפּלי-
צירט דורכן שחד. מ'האָט דעריבער באַשלאָסן אַריינצוגעבן מיך אין
אַ פּאָר-שולע, וואָס האָט זיך געפונען ביי דער רעגירונגס-שולע אַלס
פּריוואַטע אַנשטאַלט; פון דאָרט פלעגט מען די יידן אַריבערפירן
אין ערשטן קלאַס אַפילו לויט דער „נאָרמע", אָבער מיט פּאָרצוג
קעגן די עקסטערניקעס. די רעאַלשולע פון הייליקן פּאַוועל איז, לויט
איר אָפּשטאַמונג, געווען אַ דייטשע לערנאַנשטאַלט. זי איז אַנט-
שטאַנען ביי דער ליוטעראַנישער קירכע-קהילה און איז באַזוכט גע-
וואָרן פון דער צאָלרייכער דייטשער באַפעלקערונג אין אָדעס און
בכלל אין גאַנצן דרום-ראַיאָן. דאָס איז אַפילו געווען אַ שולע מיט רעגירונגס-
רעכט. אָבער אַזוי ווי זי האָט נישט געהאַט מער ווי זעקס קלאַסן, האָט מען
ביים אָנקומען אין אַ העכערער לערנאַנשטאַלט געמוזט דורכמאַכן
דעם זיבעטן קלאַס אַן אַנדער רעאַלשולע: מען האָט, מסתמא, משער
געווען, אַז אין דעם לעצטן קלאַס וועט געלינגען צו באַזייטיקן דעם
איבערפלוס פונם דייטשן גייסט. איבעריקנס, איז אין דער שולע פון
הייליקן פּאַוועל דערדאָזיקער גייסט פון יאָר צו יאָר כסדר שוואַכער
געוואָרן. די צאָל פון די דייטשע שילער האָט באַטראָפן די קלענערע
העלפט. די שול-אַדמיניסטראַציע האָט געהאַלטן אין איין אַרויסשטופן די
דייטשן.

די ערשטע שולע-טעג זענען לכתחילה געווען טעג פון אומעט,
דערנאָך אָבער פון פרייד. איך בין אַוועק אין שולע אין אַ שפּאָגל-
נייער אוניפאָרם, אין אַ נייעם היטל מיט אַ געלן קאַנט און מיט אַן
אויסגעצייכנטן מעטאַלישן הערב, אין וועלכן עס זענען געלעגן,
צווישן צוויי קליי-בלעטעלעך, די קאָמפּליצירטע איניציאַלן פון דער
שולע. אויפן רוקן האָב איך געטראָגן אַ נייאינקן רוקזאַק מיט ניי-
אינקע לערנביכלעך אין גלאַנציקע איינבונדן און אַ שיינער פּענאַל
מיט פריש פאַרשפּיצטע בלייפעדערס, אַ נייעם פעדערהאַלטער און אַ
גומקע. באַגייסטערט האָב איך געטראָגן דידאָזיקע לאַסט פון גדולה
איבער דער לאַנגער אוספּענסקאַיאַ-גאַס און האָב מיך שטאַרק געפרייט,
וואָס דער וועג צו דער שולע איז נישט קיין קורצער. מיר האָט
זיך געדאַכט, אַז אַלע פאַרבייגייענדיקע קוקן מיך אָן מיט באַוואונ-

דערונג, און אַנדערע אפשר גאָר מיט קנאה אויף מיין אויסגעצייכנטער אוניפאָרם מיטן רוקזאַק. מיט צוטרוי און נייגיר האָב איך מיך צוגעקוקט צו אַלע פּנימער, וואָס איך האָב אָנבאַגעגנט. אָבער גאָר אומגעריכט איז אַ הויך, מאָגער יינגל פון אַ יאָר דרייצן, — אַפּנים, פון אַ וואַרשטאַט, ווייל ער האָט געטראָגן אין האַנט עפּעס אַ בלעכענע זאַך, — געבליבן שטיין ביי אַ צוויי טריט פונעם רייך אויסגעפוצטן רעאַליסט, אַ וואָרף געטאָן דעם קאָפּ אויף צוריק, זיך הויך אָפּגעהוסט, אָנגעשפּיגן מיט אַ פולן מויל אויפן אַקסל פון מיין שפּאָגלנייער בלוזע, אַ קוק געטאָן אויף מיר מיט פאַראַכטונג און, נישט רעדנדיק קיין וואָרט, אַוועק ווייטער. וואָס האָט אים געטריבן צו אַזאַ מין טאַט? איצט איז עס פאַר מיר קלאָר. אַן עלנט יינגל אין אַ צעריסן העמד און צעפליקטע הויזן, מיט באָרוועסע פיס, וואָס דאַרף אויספירן די שמוציקסטע שליחותן פון זיין באַלעבאָס, בשעת זיינע זינדלעך פראַנטעווען אַרום אין שיינע אוניפאָרמען, האָט אויסגעלאָזן צו מיר דעם כּעס פון זיין סאָציאַלן פּראָטעסט. אָדער דעמאָלט זענען מיר נישט געלעגן אין קאָפּ קיין שום פאַראַלגעמיינערונגען. איך האָב אַ צייט נאָכאַנאַנד געווישט דעם אַקסל מיט קאַשטאַנען-בלעטער, געברענט פון דער הילפלאָזער באַליידיקונג און דורכגעמאַכט דעם איבעריקן וועג אין אַ שווערער שטימונג.

דער צווייטער קלאַפּ האָט מיך אָפּגעוואַרט אויפן הויף פון דער שולע. „פּיאָטער פּאַוולאָוויטש, אָט איז נאָך איינער", האָבן געשריגן די שילער, „עפּעס אַ ניי צרהדיק פּיזשיקל". וואָס אַזוינס? ס'האָט זיך אַרויסגעוויזן אָט וואָס: אַזוי ווי די פאָרשולע האָט געגאָלטן אַלס פּריוואַטע אַנשטאַלט, האָבן אירע תּלמידים נישט געטאָרט טראָגן קיין אוניפאָרם. פּיאָטער פּאַוולאָוויטש, אַ שולע-אויפזעער מיט אַ שוואַרצער באָרד, האָט מיר דערקלערט, אַז מען דאַרף אַראָפּנעמען דעם הערב, באַזייטיקן די קאַנטן, דעם מעסינג-שנאָל, און די קנעפּ מיט די אָדלערס פאַרבייטן אויף פּשוטע ביינערנע קנעפּלעך. אַזויאַרום האָט מיך געכאַפּט דאָס צווייטע אומגליק.

אין דעם טאָג האָט מען אין דער שולע נישט געלערנט. די דייטשע שילער און מיט זיי פיל אַנדערע האָבן זיך פאַרזאַמלט אין דער ליוטעראַנישער קירכע, וואָס איר נאָמען האָט געטראָגן די שולע. איך בין גלייך אַרונטערגעפאַלן אונטער דער אַפּוטרופּסות פון אַ פעסט-געבויטן יונג, וואָס איז פאַרבליבן אין דער פאָר-שולע אויפן

צווייטן יאָר; ער האָט שוין גוט געקענט די מנהגים פון דער לערנאַנשטאַלט און האָט מיך אַוועקגעזעצט לעבן זיך אויף דער קירכעבאַנק. דאָס ערשטע מאָל אין לעבן האָב איך איצט געהערט אַן אָרגל, און זיינע טענער האָבן מיך אָנגעפילט מיט אַ שוידער. נאָכדעם איז אַרויסגעקומען אַ הויכער, גלאַט־געראַזירטער מאַן מיט ווייסע קלאַפּעס, און זיין שטים האָט זיך, ווי אַ דונער, אַזוי צעטראָגן איבער דער קירכע, אַז איין כוואַליע האָט אָנגעיאָגט די צווייטע. די אומפאַרשטענדלעכע שפּראַך האָט פּילפאַך פאַרגרעסערט דעם רייץ פון דער דרשה. — „ווער רעדט עס?" האָב איך אַ פרעג געטאָן אַ צעצאַפּלטער.

„דער פּאַסטאָר בינעמאַן אַליין", האָט מיר קאַרלסאָן דערקלערט.

„זייער אַ קלוגער מענטש, דער קלוגסטער מענטש אין גאַנץ אָדעס". —

„און וואָס האָט ער געזאָגט?" — „נו, נאַטירלעך, אַלץ, וואָס מ'דאַרף", — האָט שוין קאַרלסאָן דערקלערט מיט אַ סך ווייניקער התפעלות. „אַז מ'דאַרף זיין אַ גוטער תלמיד, פלייסיק זיך לערנען און לעבן גוט מיט די חברים"... דערדאָזיקער חסיד בינעמאַנס, דער יונג מיט די שפּיציקע קינבאַקן, האָט זיך אַרויסגעוויזן פאַר אַ געפערלעכן פוילער און פאַר דעם גרעסטן שלעגער, וואָס בעת די הפסקות האָט ער געטיילט קלעפּ און געמאַכט בלויע צייכנס אויף רעכטס און אויף לינקס.

דער צווייטער טאָג האָט געבראַכט טרייסט. איך האָב זיך גלייך אויסגעצייכנט ביים רעכענען און גוט קאָפּירט פונם שול־טאָוול דעם אָנגעשריבענעם מוסטער. דער לערער רודענקאָ האָט מיך געלויבט פאַרן גאַנצן קלאַס און געשטעלט צוויי פינפן. צוליב דעם בין איך שלום געוואָרן מיט די ביינערנע קנעפּ אויפן קורטקעלע. דייטש האָט אין די ייִנגערע קלאַסן געלערנט דער דירעקטאָר אַליין, כריסטיאַן כריסטיאַנאָוויטש שוואַנעבאַך. דאָס איז געווען אַן אויסגעפּיטשקעטער באַמטער, וואָס האָט דערגרייכט אַזאַ הויכן פּאָסטן נאָר דערפאַר, ווייל ער איז געווען בינעמאַנס אַן איידעם. כריסטיאַן כריסטיאַנאָוויטש האָט אָנגעהייבן דערפון, וואָס ער האָט ביי אַלע שילער באַקוקט די הענט און האָט אייגעפונען, אַז אויך מיינע זענען ריינע. דערנאָך, אַז איך האָב פּינקטלעך קאָפּירט פונם טאָוול, האָט מיך דער דירעקטאָר געלויבט און געשטעלט אַ פינף. אַזוי־אַרום בין איך גלייך, דעם ערשטן טאָג פון די לימודים, געגאַנגען אַהיים פון שולע, אָנגעלאָדן מיט דריי פינפן. איך האָב זיי געטראָגן אין רוקזאַק, ווי אַ

טייערן אוצר, און בין נישט געגאַנגען, נאָר געלאָפן אינם פּאָקראָחן געסל, געטריבן דורכן הייסן חשק נאָך די היימישע שבחים.

און אָט אַזוי בין איך געוואָרן אַ שילער. איך פלעג אויפ־שטיין פרי, געשווינט אָפּטרינקען טיי, אַריינרוקן אין מאַנטל־קעשענע דעם פרישטיק, וואָס מען האָט איינגעוויקלט אין פּאַפּיר און געלאָפן אין שולע, כדי צו קומען פּינקטלעך צו דער מאָרגן־תּפילה. איך פלעג זיך נישט פאַרשפּעטיקן. איך בין געזעסן רואיק אויף דער שולע־באַנק. איך האָב זיך אויפמערקזאַם צוגעהערט און פּינקטלעך קאָפּירט פונם טאָוול. און פלייסיק האָב איך געמאַכט די לעקציעס אינדער־היים. איך האָב מיך געלייגט שלאָפן צו דער באַשטימטער צייט, אַז איך זאָל צומאָרגנס קענען געשווינט אויסטרינקען מיין טיי און לויפן ווייטער אין שולע, שרעקנדיק זיך, איך זאָל נישט פאַרשפּעטיקן די מאָרגן־תּפילה. איך בין רעגלמעסיק איבערגעגאַנגען פון איין קלאַס אין צווייטן. אָנבאַגעגנט אויף דער גאַס איינעם פון די לערער, האָב איך מיט דער גרעסטער העפלעכקייט אים באַגריסט.

דער פּראָצענט אָריגינאַלן צווישן מענטשן איז אַ גאַנץ באַ־דייטנדיקער, אָבער באַזונדערס גרויס איז ער צווישן לערער. אין דער רעאַלשולע פון היילקן פּאַוועל איז דער ניוואָ פון די לערער געווען אפשר העכער, ווי מיטלמעסיק. די שולע האָט געהאַט אַ גוטן נאָמען, און נישט אומזיסט: דער רעזשים איז געווען אַ שטרענגער, אַ פּאָדערלעכער, די דייטשעס האָט מען פון יאָר צו יאָר אַלץ ענגער פאַרצויגן, דערציקרשט נאָכדעם, ווי דעם דירעקטאָרס ממשלה איז אי־בערגעגאַנגען פון שוואַנעבאַכס הענט אין די הענט פון ניקאָלאַי אַנטאָנאָוויטש קאַמינסקי. דאָס איז געווען אַ פיזיקער לויטן פאַך און אַ מענטשנפיינט לויטן טעמפּעראַמענט. ער האָט קיינמאָל נישט גע־קוקט אויף דעם, מיט וועמען ער האָט גערעדט. שטיל, אויף גומי־פּאָדעשוועס האָט ער זיך באַוועגט איבערן קאָרידאָר און אין די קלאַסן; אַלס שטימע האָט אים געדינט אַ קליינטשקער, הייזעריקער פּאַלצעט, וואָס אַז ער האָט אים אַפילו נישט אויפגעהייבן, האָט ער אויך געקענט אָנוואַרפן אַ מורא און אַ שרעק. אויסערלעך האָט קאַ־מינסקי אַפילו אויסגעזען אַ גאַנץ רואיק און מיושבדיק מענטשל, אָבער אינעווייניק האָט ער זיך תּמיד געפונען אין אַ צושטאַנד פון סטאַבילער אויפרעגונג. זיין באַציונג אַפילו צו די בעסטע תּלמידים איז געווען אַ באַציונג פון באַוואָפנטער נייטראַליטעט. און אַזוי האָט

ער זיך אויך באַצויגן צו מיר. אַלס פיזיקער האָט קאַמינסקי דערפונדן אַן אייגענעם אַפּאַראַט אויף צו דערווייזן דאָס בויל־מאַריאָט־געזעץ וועגן דער עלאַסטישקייט פון די גאַזן. נאָכן דעמאָנסטרירן דעמדאָזיקן אַפּאַראַט האָבן זיך תּמיד געפונען אַ צווי, דריי תּלמידים, וואָס האָבן מיט אַ גוט אויסגערעכנטן שעפּטשען געזאָגט איינאַנדער: „שוין איינמאָל אַן אַפּאַראַט!" האָט זיך עמעץ אויפגעהייבן און אומזיכער אַ פרעג געטאָן: „און ווער איז דער דערפינדער פון דעמדאָזיקן אַפּאַראַט?" קאַמינסקי האָט געענטפערט, ווי כּלאחר־יד, מיט זיין הייזעריקן פאַלצעט: „איך האָב אים געבויט". אַלע האָבן זיך איבערגעקוקט, און די צרהדיקע שילער האָבן הויך אָפּגעזיפצט פון גרויס התפּעלות.

אַז שוואַנעבאַך האָט, צוליב רוסיפיקאַטאָרישע צוועקן, געמוזט אָפּטרעטן זיין פּלאַץ קאַמינסקין, איז אַנטאָן וואַסיליעוויטש קריזשאַנאָווסקי, דער לערער פון ליטעראַטור, געוואָרן אינספּעקטאָר. דאָס איז געווען אַ רויטבערדיקער כיטרער פוקס, אַ געוועזענער סעמינאַריסט, אַ גרויסער ליבהאָבער פון מתּנות, אַ שטיקל ליבעראַל, וואָס האָט זייער געשיקט באַהאַלטן זיינע הינטערגעדאַנקען אונטער אַ געמאַכטער גוטמוטיקייט. באַקומען דעם אינספּעקטאָר־פּאָסטן, איז ער תּיכּף־ומיד געוואָרן שטרענגער און קאָנסערוואַטיווער. קריזשאַנאָווסקי האָט געלערנט רוסיש, אָנהייבנדיק פון דעם ערשטן קלאַס. ער האָט מיך אויסגעצייכנט פאַר מיינע קענטענישן און פאַר מיין ליבע צו דער שפּראַך. מיינע שריפטלעכע אַרבעטן פלעגט ער רעגלמעסיק פאָרלייענען אין קלאַס אויפן קול און מיר שטעלן אַ פינף מיט אַ פּלוס.

דער לערער פון מאַטעמאַטיק, יורטשענקאָ, איז געווען אַ פעסט־געבויטער פלעגמאַטיקער, אַ מענטש אַ כיטרער; מען האָט אים גערופן „בינדיוזשניק", וואָס אויפן אָדעסער דיאַלעקט האָט עס געהייסן משא־פורמאַן. יורטשענקאָ האָט אַלע תּלמידים געדוצט, פון דעם ערשטן קלאַס ביז דעם לעצטן, און האָט זיך בכלל נישט גערעכנט מיט זיינע אויסדרוקן. מיט זיין מיושבדיקער גראָבקייט האָט ער דערוועקט צו זיך אַ געוויסע אַכטונג, וואָס איז אָבער מיט דער צייט שוואַכער געוואָרן, ווייל די קינדער האָבן זיך דערוואוסט, אַז יורטשענקאָ נעמט לאַפּקע־געלט. איבעריקנס, האָבן אויך אַנדערע גענומען לאַפּקע־געלט אין פאַרשיידענע פאָרמען. אַן אָפּגעשטאַנענעם שילער, אויב ער איז געווען פון דער פרעמד, האָט מען על־פּי־רוב אָפּגעגעבן

אויף פּענסיאָן צו יענעם לערער, פון וועלכן ער איז אָממיינסטן געווען אָפּהענגיק. אויב דער שילער איז אָבער געווען אַן אָרטיקער, האָט ער גע־נומען פּאָר אַ הויכן פּרייז פּריוואַטע לעקציעס ביי יענעם לערער, פון וועלכן עס האָט אים געדראָט די גרעסטע געפאַר.

דער צווייטער מאַטעמאַטיקער, זלאָטשאָנסקי, איז געווען דער קאָנטראַסט פון יורטשענקאָן: אַ מאָגערער, מיט שטעכעדיקע וואָנסן אויפן גרינלעך-געלן פּנים, מיט שטענדיק טריבע אויגן-ווייסלען און מידע באַוועגונגען, ווי ער וואָלט זיך נאָר וואָס האָבן אויפגעכאַפּט פון שלאָף, האָט ער געהאַלטן אין איין כראַקען און שפּייען אין די ווינקלען. וועגן אים האָט מען געוואוסט, אַז ער פירט עפּעס אַן אומגליקלעכן ראָמאַן, אַז ער הוליעט און שיכורט. זלאָטשאָנסקי איז אַפילו נישט געווען קיין שלעכטער מאַטעמעטיקער, דאָך האָט ער געקוקט ערגעץ איבער די שילער, ערגעץ איבער די לימודים און אַפילו איבער דער מאַטעמאַטיק. אין עטלעכע יאָר אַרום האָט ער זיך איבערגעשניטן דעם האַלז מיט אַ ראַזירמעסער.

די באַציונגען צווישן מיר און די ביידע מאַטעמאַטיקער זענען אַלעמאָל געווען גלייכע און גינסטיקע, ווייל איך בין געווען שטאַרק אין דער מאַטעמאַטיק. אין די העכערע קלאַסן פון רעאַלשולע האָב איך אַפילו געהאַט בדעה צו שטודירן ריינע מאַטעמאַטיק.

געשיכטע האָט געלערנט ליובימאָוו, אַ הויך-געוואַקסענער און פיין-געבויטער מענטש, מיט גאָלדענע בריקן אויף אַ קליינער נאָז און אַ מענלעך יונג בערדל אַרום פולן פּנים. און נאָר דעמאָלט, ווען ער האָט געשמייכלט, איז פלוצלונג קלאָר געוואָרן, אַפילו פאַר אונז, יינגלעך, אַז דאָס חשובע אויסזען פון דעמדאָזיקן מענטשן איז נישט מער ווי אַן אָנשטעל, אַז ער האָט קיין שום ווילן נישט, איז שרע־קעוודיק, איז אינעווייניק צעריסן און לעבט אין שטענדיקער אַנגסט, אַז עפּעס ווייס מען וועגן אים אָדער מען קען זיך דערוויסן.

אין געשיכטע האָב איך מיך אַפילו אַריינגעצויגן מיט אַ שטייגנדיקן, דאָך אָבער זייער צעשוואומענעם אינטערעס. איך האָב בהדרגהדיק פאַרברייטערט דעם קרייז פון מיינע לימודים, פאַרלאָזט די צרהדיקע אָפּיציעלע לערנביכער און זיך גענומען צו די אוניווער־סיטעט-קורסן אָדער צו שלאָסערס דיקע בענדער. אין מיין ליבע צו געשיכטע איז זיכער געווען אַן עלעמענט פון ספּאָרט: איך האָב איינגעחזרט אַ מענגע אומנויטיקע נעמען און פּרטים, וואָס באַשווערן

דעם זכּרון, כּדי פֿון צייט צו צייט אָפּצושטעלן דעם לערער אין אַ שווערער לאַגע. פֿירן די לימודים איז ליובימאָוו נישט געווען בכּוח. אינמיטן די לעקציעס פֿלעגט ער זיך פֿלוצלונג אָנצינדן, ווי אַ פֿייער, און ווילד זיך אַרומקוקן; ער פֿלעגט זיך בעת מעשה צוהערן צו דעם שעפּטשען פֿון די תּלמידים, פּונקט ווי עמעץ וואָלט זיך אַרויסגעכאַפּט מיט אַ באַליידיקט וואָרט אויף זיין חשבון. די תּלמידים האָבן געשוויגן מיט אָנגעשפּיצטע אויערן. ליובימאָוו האָט אויך געלערנט אין איינער פֿון די פּרויען-גימנאַזיעס, און באַלד האָט מען אויך דאָרט באַמערקט זיין משונהדיקע האַלטונג. געענדיקט האָט זיך עס דערמיט: בעת אַן אָנפֿאַל פֿון משוגעת האָט זיך ליובימאָוו אויפֿגעהאָנגען אויפֿן פֿענסטער-אייזן.

פֿאַר זשוקאָווסקין, דעם לערער פֿון געאָגראַפֿיע, האָט מען געציטערט, ווי פֿאַר פֿייער. ער האָט געשניטן די שילער, ווי אַן אויטאָמאַטישע פֿלייש-מאַשינקע. אין דער צייט פֿון די לעקציעס האָט זשוקאָווסקי געפֿאָדערט עפּעס אַן אומנאַטירלעכע שטילקייט. נישט זעלטן, איבעררייסנדיק דעם שילערס ענטפֿער, פֿלעגט ער אָנשפּיצן די אויערן, ווי אַ רויב-חיה, וואָס הערט זיך צו צום קלאַנג פֿון אַ ווייטער סכּנה. אַלע האָבן געוואוסט, וואָס דאָס באַדייט: מען טאָר זיך נישט רירן פֿון אָרט און ווי מעגלעך נישט אָטעמען. בלויז איין איינציק מאָל, אויף וויפֿל איך געדענק, האָט זשוקאָווסקי אויף אַ מאָמענט אָפּגעלאָזן די לייטשעס; ס'איז, שיינט מיר, געווען אין זיין געבוירן-טאָג, עמעץ פֿון די שילער האָט אים עפּעס געזאָגט, דאָס הייסט עפּעס אַזוינס, וואָס ס'האָט נישט געהאַט קיין דירעקטע שייכות צו דער לעקציע. זשוקאָווסקי האָט עס דורכגעלאָזן. דאָס גופֿא איז שוין געווען אַ געשעעניש. באַלד האָט זיך אַ הייב געטאָן וואַקער, אַ ייִנגל אַ קריכער, און מיט אַ חניפֿהדיקן שמייכל זיך אָנגערופֿן: „ביי אונדז זאָגן אַלע, אַז ליובימאָוו איז נישט ווערט זשוקאָווסקיס פּאָדעשוועס.‟ זשוקאָווסקי האָט זיך באַלד געוואַלדיק פֿאַראינטערעסירט. „וואָס איז געשען? זעצט זיך!‟ תּיכּף ומיד איז געוואָרן שטיל מיט יענער באַזונדערער שטילקייט, וואָס איז געווען מעגלעך נאָר אויף די לעקציעס פֿון געאָגראַפֿיע. וואַקער האָט זיך אַוועקגעזעצט, ווי עמעץ וואָלט אים דערלאַנגט איבערן קאָפּ. פֿון אַלע זייטן האָבן זיך אויסגעדרייט צו אים פּנימער מיט פֿאָרוואורף אָדער עקל. „ביי גאָט, ס'איז אַן אמת!‟ האָט וואַקער אַרויסגעשעפּטשעט; ער האָט נאָך אַלץ געהאָפּט

טראָצקי אלס 11 יאָריק יינגל.

צו רירן דאָס האַרץ פון געאָגראַף, וואָס האָט אים פאַררעכנט צווישן די שלעכטע שילער.

דער אייגנטלעכער לערער פון דער דייטשער שפּראַך איז געווען סטרואווע, אַ ריזיקער דייטש מיט אַ גרויסן קאָפּ און אַ באָרד, וואָס האָט אים דערגרייכט ביזן גאַרטל. אויף קליינע, כמעט קינדערשע פיסלעך האָט זיך געוויגט זיין שווערער גוף, וואָס האָט אויסגעוויזן ווי אַ געפּעס פון גאָלע גוטמוטיקייט. סטרואווע איז געווען דער ערלעכסטער מענטש און האָט באמת געליטן, ווען זיינע תלמידים האָבן געהאַט אַ שוואַכע פּעולה; ער האָט זיך אויפגערעגט, איינגעטענהט מיטן תלמיד און פּיינלעך איבערגעלעבט יעדן צוויי, וואָס ער האָט אַוועקגעשטעלט: צו קיין איינס אָבער האָט ער זיך נאָך קיינמאָל נישט אַראָפּגעלאָזן. ער האָט זיך אויך שטאַרק באַמיט קיינעם נישט איבערצולאָזן אויפן צווייטן יאָר. ער האָט אויך איינגעאָרדנט אין שולע זיין קעכינס אַ אַ פּלימעניק, טאַקע דעם דערמאָנטן וואַקער, וואָס האָט זיך, איבעריקנס, אַרויסגעוויזן פאַר אַ ווייניק פּעאיקן און פאַר אַ נאָך ווייניקער סימפּאַטישן יינגל. סטרואווע איז געווען אַ ביסל אַ קאָמישע, בכלל אָבער אַ סימפּאַטישע געשטאַלט.

פראַנצויזיש האָט געלערנט גוסטאַוו סאַמאָילאָוויטש ביורנאַנד, — אַ שווייצער, אַ מענטש הויט און ביין, מיט אַ פלאַכן פּראָפיל, ווי מען וואָלט אים אַרויסגעצויגן פון אונטערן פּרעס, מיט אַ קליינעם פּליך, מיט דינע, בלויע און בייזע ליפּן, מיט אַ שאַרפער נאָז און מיט אַ געהיימנישפולן גרויסן שניט אויפן שטערן אין דער פאָרם פונם אות „איקס”. ביורנאַנדן האָבן אַלע ווי איינער שרעקלעך פיינט געהאַט, און ס׳איז געווען, פאַרוואָס. ליידנדיק אויף אַ מאָגן-קראַנקהייט, האָט ער בעת דער לעקציע כסדר געשלונגען עפּעס אַזעלכע צוקערלעך און אין יעדן שילער האָט ער געזען אַ פּערזענלעכן שונא. דער שניט אויף זיין שטערן האָט תמיד געדינט פאַר אַ קוואַל פון פאַרשיידענע השערות און היפּאָטעזן. מען האָט געשמועסט, אַז אין דער יוגנט האָט זיך גוסטאַוו געשלאָגן אויף אַ דועל, און דער קעגנער האָט אים מיט אַ ראַפּיר אָנגעצייכנט אויפן שטערן אַ קרומען צלם. אין אַ פּאָר חדשים אַרום איז דידאָזיקע ווערסיע אָפּגעלייקנט געוואָרן.

קיין דועל איז אין פלוג נישט געווען, נאָר אַ כירורגישע אָפּעראַציע,ביי וועלכער מען האָט געמוזט אויסשניידן אַ שטיקל שטערן, כדי צו רעפּאַרירן די נאָז. דער עולם שילער האָט זיך גוט

צוגעקוקט צו דער נאָז פון פראַנצויז, און די דרייסטערע האָבן פאַרזיכערט, אַז זיי זעען דייטלעך די ליניע פונם נאָז. עס זענען אַפילו געווען רואיקע מוחות, וואָס האָבן דערקלערט די סיבה פון שניט מיט אַן אַוואַנטורע פון די קינדעריאָרן: ער איז אַראָפּגעפאַלן פון די טרעפּ און זיך צעמזיקט. אָבער דידאָזיקע דערקלערונג איז אָפּגעוואָרפן געוואָרן אַלס צו פּראָזאַישע. דערצו איז ממש געווען אוממעגלעך זיך פאָרצושטעלן ביורנאַנדן אַלס קינד.

דער עלטסטער שווייצאַר, וואָס האָט געשפּילט נישט קיין קליינע ראָל אין אונזער לעבן, איז געווען דער געלאַסענער דייטש אַנטאָן, מיט זיינע העכסט אימפּאָנירנדיקע גרויע באַקנבערד. בנוגע דעם אַלעם, ווי פאַרשפּעטיקן, איבערלאָזן אָן מיטאָג, אַריינזעצן אין קאַרצער, איז אַנטאָנס פונקציע, ווי עס האָט אויסגעזען, געווען אַ ריין טעכנישע, פאַקטיש אָבער האָט ער געהאַט אַ גרויסע מאַכט. און מיט אים האָט מען געמוזט אונטערהאַלטן פריינטשאַפטלעכע באַציונגען. איך האָב זיך, איבעריקנס, באַצויגן צו אים זייער גלייכגילטיק, ווי אויך ער צו מיר, ווייל איך האָב כלל נישט געהערט צו דער קאַטעגאָריע פון זיינע קליענטן: אין שולע בין איך געקומען פּינקטלעך, מיין רוקזאַק האָב איך געהאַלטן אין אָרדענונג און מיין שילער-בילעט איז רואיק געלעגן אין דער לינקער קעשענע פון מיין קורטקע. אָבער צענדליקער שילער זענען טאָג-טעגלעך אַרונטערגעפאַלן אונטער אַנטאָנס מאַכט, זענען געוואָרן אָפּהענגיק פון אים, און אויף פאַרשיידענע וועגן געקויפט זיין סימפּאַטיע. לכל הדעות איז ער אָבער פון אונז אַלע באַטראַכט געוואָרן פאַר איינעם פון די יסודות פון דער רעאַלשולע. ווי גרויס איז דעריבער געווען אונזער פאַרוואונדערונג, ווען מיר האָבן זיך דערוואוסט, קומענדיק פון די פעריען אין שולע, אַז דער אַלטער אַנטאָן האָט, צוליב תאווה און אייפערזוכט, געשאָסן אין דער אַכצניעריקער טאָכטער פון אַ צווייטן שווייצאַר, און אַז ער זיצט איצט אין תפיסה.

אַזוי האָבן זיך אין דער גלייכמעסיקער שול-עקזיסטענץ, ווי בכלל אין דעם דעמאָלדיקן פאַרשלאָסענעם לעבן פון דער געזעלשאַפט, אַריינגעריסן איינצלנע פערזענלעכע קאַטאַסטראָפעס און אַרויסגערופן יעדעס מאָל אַ גוזמאדיקן איינדרוק, ווי אַ געיאָמער אין אַ ליידיק געוועלבטן בנין.

ביי דער קירכע פון הייליקן פאַוועל האָט עקזיסטירט אַ יתומים-

הויז. פאַר אים איז געווען אָפּגעטיילט אַ ווינקל פון אונזער שולע־הויף. אין בלויע פּאַרוואָשענע לייוונטענע אָנציגלעך פלעגן זיך די יינגלעך פון יתומים־הויז באַווייזן אויפן הויף מיט זייערע אומעטיקע פּנימער, אַרומבלאָנקען דערשלאָגענע אין זייער ווינקל און נאָכדעם מיט אַראָפּגעלאָזטע קעפּ אַרויפגיין אויף די טרעפּ צוריק אין הויז. נישט געקוקט אויף דעם, וואָס דער הויף איז געווען אַ געמיינזאַמער, און דאָס יתומים־ווינקל איז נישט געווען אַרומגעצוימט, האָבן דאָך די רעאַליסטן און די „דערציִונגס־קינדער," ווי זיי האָבן געהייסן, פאַרגעשטעלט מיט זיך צוויי באַזונדערע וועלטן. איך האָב אַפילו אַ פּאָר מאָל געפּרוּווט פאַרפירן אַ שמועס מיט די יינגלעך אין בלויען לייוונט, אָבער זיי האָבן געענטפערט בייז, נישט גערן און געשווינט זיך אָפּגעטראָגן: זיי איז געווען שטרענג פאַרבאָטן זיך אַריינצומישן אין די אָנגעלעגנהייטן פון די רעאַליסטן. אַזוי האָב איך אין משך פון זיבן יאָר אַרומגעשפּאַצירט איבער דעמדאָזיקן הויף און נישט געוואוסט דעם נאָמען פון קיין איין יתום. מען דאַרף משער זיין, אַז דער פּאַסטאָר בינעמאַן האָט זיי אוודאי אָנהייב יאָר געבענטשט לויט אַ פאַרקירצטן נוסח.

אויף יענעם טייל הויף, וואָס איז געלעגן האַרט ביים יתומים־הויז, האָבן זיך געהייבן קאָמפּליצירטע גימנאַסטישע איינריכטונגען: ריינגען, שטאַנגען, ווערטיקאַלע און אָנגעבויגטע לייטערס, טראַפּעציעס, פּאַראַלעלע בעלקעס א. ד. גל. באַלד נאָך מיין אַריינטרעטן אין שולע האָב איך געוואָלט איבערחזרן אַן איבונג, וואָס איינער פון די יינגלעך פון יתומים־הויז האָט דורכגעמאַכט אויף מיינע אויגן. איך בין אַרויף אויפן ווערטיקאַלן לייטער, זיך פאַרטשעפּעט מיט די שפּיצן פיס אָן דער אויבערשטער קוואַר־בעלקע און געבליבן הענגען מיטן קאָפּ אַראָפּ. פאַרכאַפּנדיק מיט די הענט די אונטערשטע קוואַר־בעלקע פון לייטער וואָס נידעריקער, האָב איך מיך אָפּגעשטויסן מיט די שפּיצן פיס, כדי אַזויאַרום צו מאַכן אין לופטן אַ בויגן פון 180 גראַד און מיט אַן עלאַסטישן שפּרונג בלייבן שטיין מיטביידע פיס אויף דער ערד. איך האָב אָבער אין דער ריכטיקער צייט נישט אַרויסגעלאָזט פון די הענט די אונטערשטע קוואַר־בעלקע, און מאַכנדיק דעם בויגן, האָב איך מיך מיטן גאַנצן גוף אָפּגעקלאַפּט אָן לייטער. די ברוסט האָט זיך מיר פאַרדריקט, ווי מיט צוואַנגען, דער אָטעם האָט זיך פאַרשטיקט, איך האָב מיך געדרייט אויף דער ערד, ווי אַ

וואָרעם, געכאַפּט פּאַר די פּיס די אַרומיקע יינגלעך און פאַרלוירן דאָס באַוואוסטזיין. נאָך דעמדאָזיקן צופאַל בין איך געוואָרן פאַר־זיכטיקער מיט דער גימנאַסטיק.

איך האָב זייער ווייניק געלעבט מיטן לעבן פון דער גאַס, פון אָפּענעם פּלאַץ, פון ספּאָרט און פאַרווײַלונגען אויף דער פרייער לופט. דאָס האָב איך אָבער אָנגעיאָגט בעת די פּעריען אין דאָרף. די שטאָט האָט זיך מיר פאָרגעשטעלט ווי געשאַפן פאַר לערנען און לייענען. די געשלעגן פון די יינגלעך אויף די גאַסן האָבן מיר אויס־געזען העסלעך. דאָך האָבן קיינמאָל נישט געפעלט קיין סיבות, וואָס האָבן אַרויסגערופן דידאָזיקע געשלעגן.

די גימנאַזיסטן מיט זייערע זילבער־גלאַנצנדיקע קנעפּ און הערבן האָבן געהייסן „הערינג", און די מעשגעלע רעאַליסטן האָט מען גע־רופן „געריכערטע הערינג". גייענדיק אַהיים איבער דער יאַמסקאַיאַ־גאַס, איז מיר עקשנותדיק נאָכגעגאַנגען אַ לאַנגפיסיקער גימנאַזיסט און כסדר געפרעגט: „וואָס קאָסטן ביי אייך געריכערטע הערינג?" און אַז ער האָט נישט באַקומען קיין ענטפער אויף זיין געשעפט־לעכער פראַגע, האָט ער מיך געשטויסן מיטן אַקסל. „וואָס האָט איר זיך אָנגעזעצט אויף מיר?" האָב איך אים אַ פרעג געטאָן מיט אַ טאָן פון אויפגערויצטער העפלעכקייט. דער גימנאַזיסט האָט זיך פאַרלוירן, אַ ווײַלע געטראַכט, און נאָכדעם געפרעגט:

און אַ ראַגאַטקע האָט איר?

אַ ראַגאַטקע? — האָב איך איבערגעפרעגט. — וואָס איז עס אַזוינס?

דער לאַנגפיסיקער גימנאַזיסט האָט שווייגנדיק אַרויסגענומען פון קעשענע אַ קליין אינסטרומענטל: אַן האָלצגאָפּעלע מיט אַ גומע און אַ שטיקל בליי. „פון פענסטער ממית איך דערמיט די טויבן אויפן דאַך און דערנאָך בראָט איך זיי." איך האָב געקוקט אויף מיין נייעם באַקאַנטן מיט גרויס חידוש. אַזאַ מין באַשעפטיקונג האָט מיר אַפילו אויסגעוויזן נישט אומאינטערעסאַנט, דאָך אָבער נישט אויפן אָרט און אַפילו נישט אַנשטענדיק אין דער שטאָטישער אַטמאָספער.

אַ סך יינגלעך פאָרן אַרום מיט אַ שיפל איבערן ים און כאַפּן מיט וועגטקעס פיש. פון אַזעלכע תענוגים האָב איך לגמרי נישט גע־וואוסט. אויף אַ וואונדערבאַרן אופן האָט דער ים אין יענעם פעריאָד בכלל נישט פאַרנומען אין מיין לעבן קיין שום אָרט, כאָטש איך האָב

אויף זיין ברעג אָפּגעלעבט גאַנצע זיבן יאָר. פאַר דער גאַנצער צייט בין איך קיין איין מאָל נישט געפאָרן אויף קיין שיפל, נישט גע־כאַפּט קיין פיש און בכלל זיך געטראָפן מיטן ים נאָר בעת מיין פאָרן אין דאָרף און צוריק אין שטאָט אַריין. אַז קאַרלסאָן פלעגט קומען מאַנטיק מיט אַן אָפּגעבּרענטער נאָז, אויף וועלכער עס האָט זיך געשיילט די הויט, און פלעגט זיך באַרימען, אַז ער האָט נעכטן פון אַ שיפל געכאַפּט פיש, האָבן מיר דידאָזיקע שמחות אויסגעזען אומפאַרשטענדלעך און לחלוטין נישט אינטערעסאַנט. דעמאָלט האָט זיך נאָך אין מיר נישט דערוועקט דער ליידנשאַפטלעכער יעגער און פיש־פאַנגער.

אין דער פאַר־שולע האָב איך מיך שטאַרק געחברט מיט קאָסטיאַ ר., אַ דאָקטאָרס אַ זון. קאָסטיאַ איז געווען מיט אַ יאָר יינגער פון מיר, נידעריקער אין וואוקס, פון אויסזען אַפילו אַ שטילער, אָבער אַ שטיפער און אַ היצקאָפּ מיט שאַרפע אויגלעך. ער האָט גוט געקענט די שטאָט און איז אויף דעם געביט געשטאַנען אַ סך העכער פון מיר. מיט קיין הסמדה האָט ער זיך נישט אויסגעצייכנט. אָבער איך, אַזוי ווי איך האָב אָנגעהייבן פון דעם ערשטן טאָג, האָב איך שוין כסדר געלערנט אויף פינפן. אינדערהיים האָט קאָסטיאַ געהאַלטן אין איין דערציילן וועגן זיין נייעם חבר. געענדיקט האָט זיך עס דערמיט, וואָס קאָסטיעס מאַמע, אַ דאַרינקע, קליינינטשקע פרוי, איז געקומען צו פאַני סאָלאָמאָנאָוונען מיט אַ בקשה: „צי וואָלטן זיך די יינגלעך נישט לערנען צוזאַמען?" נאָך דער באַראַטונג, צו וועלכער מען האָט מיך אויך אייַנגעלאַדן, האָט מען באַשלאָסן, אַז מיר קענען לערנען צוזאַמען. אין פאַרלויף פון צוויי אָדער דריי יאָר זענען מיר געזעסן אויף איין באַנק, ביז קאָסטיאַ איז געבליבן אין קלאַס אויפן צווייטן יאָר און אַזוי־אַרום זיך אָפּגעריסן פון מיר. איבעריקנס, זענען אונזערע באַציונגען געבליבן דיזעלבע אויף ווייטער.

קאָסטיאַ האָט געהאַט אַ שוועסטער, אַ גימנאַזיסטין, מיט אַ צוויי יאָר עלטער פון אים. די שוועסטער האָט געהאַט חברטעס. די חברטעס ברידער. די שוועסטער האָבן געלערנט מוזיק. די ברידער האָבן זיך געדרייט אַרום די חברטעס פון זייערע שוועסטער. צום געבוירנטאָג האָבן די עלטערן אייַנגעלאַדן געסט. עס האָט זיך גע־שאַפן אַ קליין וועלטל פון סימפּאַטיעס, קאָנקורענץ, וואַלסן, פאַנטן, קנאה און שנאה. דער צענטער פון דעמדאָזיקן וועלטל איז געווען

די פאַמיליע פון אַ רייכן סוחר אַ., וואָס האָט געוואוינט אין דעמזעלבן הויז, וואו קאָסטיעס פאַמיליע און אויף דעמזעלבן שטאָק, אַזוי, אַז די קאָרידאָרן פון די וואוינונגען זענען אַרויסגעגאַנגען אויפן הויף אויף דערזעלבער הענג-גאַלעריע, וואו עס פלעגן טאַקע פאָרקומען די צופעליקע און נישט צופעליקע באַגעגענישן. אין דער פאַמיליע אַ. האָט געהערשט גאָר אַן אַנדער אַטמאָספער, ווי די, צו וועלכער איך בין צוגעוויינט געוואָרן אין דער פאַמיליע שפּענצער. דאָרט האָבן שטענדיק פאַרקערט פיל גימנאַזיסטן און גימנאַזיסטינס, וואָס האָבן זיך איינגעאיבט אין פלירט אונטערן לייטזעליקן שמייכל פון דער מוטער. אין די שמועסן האָט מען אָפט דערמאָנט, ווער צו וועמען ס'איז נישט גלייכגילטיק. איך האָב צו דערדאָזיקער פראַגע שטענדיק אַרויסגעוויזן די גרעסטע פאַראַכטונג, וואָס איז, איבעריקנס, געווען נישט מער ווי צביעות. „אויב איר וועט אייך אין עמעצן פאַרליבן״,—פלעגט מיר זאָגן מיט אַ טאָן פון אַ לערערין די פערצניעריקע גימנאַזיסטין, די עלטסטע פון די שוועסטער אַ. — „מוזט איר מיר עס זאָגן״. „אַזוי ווי איך ריזיקיר דערביי נישט מיט קיין זאַך, קען איך עס אייך צוזאָגן״, האָב איך געענטפערט מיט דעם שטאָלץ פון אַ מענטשן, וואָס פאַרשטייט זיין ווערט: איך בין שוין דאַן געווען אין צווייטן קלאַס. אין אַ וואָך צוויי אַרום האָבן די מיידלעך איינגעאָרדנט לעבעדיקע בילדער. אויפן פאָן פון אַ גרויסער שוואַרצער טוך, באַזייט מיט שטערן פון זילבערפאַפיר, האָט די יינגערע שוועסטער, מיט אַ הויך אויפגעהייבענער האַנט, פאָרגעשטעלט די נאַכט. „זעט נאָר, ווי שיין זי איז״, — האָט די עלטערע שוועסטער געזאָגט און מיך לייכט אַ שטויס געטאָן. איך האָב מיך צוגעקוקט, איינגעפונען, אַז זי איז טאַקע שיין און פלוצלונג באַשלאָסן: ס'איז געקומען די שעה צו דערפילן די הבטחה. באַלד האָט מיך די עלטערע גענומען אויפן פאַרהער: „איר האָט מיר גאָרנישט וואָס צו זאָגן?״ או-וואַ, אַראָפּלאָזנדיק די אויגן, האָב איך געענטפערט: „איך האָב״.

— ווער זשע איז זי?...

אָבער איך האָב פאַרלאָרן דעם לשון. זי האָט מיר פאָרגעלייגט, איך זאָל בלויז אָנרופן דעם ערשטן אות. דאָס איז געווען לייכטער. די עלטערע האָט געהייסן אַנאַ. די יינגערע שוועסטער בערטאַ. איך האָב אָנגערופן דעם צווייטן, נישט דעם ערשטן אות פון אלף-בית.

— בע?—האָט זי איבערגעחזרט מיט אַנטטוישונג, און דערמיט האָט זיך דער שמועס געענדיקט.

צומאָרגנס בין איך געגאַנגען צו קאָסטיען זיך לערנען דורכן לאַנגן קאָרידאָר פון דריטן שטאָק, ווי תמיד, פון הויף. שוין אויף די טרעפּ האָב איך באַמערקט, אַז ביידע שוועסטער מיט דער מוטער זיצן פאַר זייער טיר אויף דער גאַלעריע. אַז מיר זענען געבליבן בלויז עטלעכע טריט ביז צו דער פרויען-גרופּע, האָב איך דערפילט זייערע איראָנישע בליקן, וואָס האָבן מיר דורכגעשטאָכן ווי מיט נאָדלען. די יינגערע האָט נישט געשמייכלט. פאַרקערט, זי האָט אָפּ-געקערט די אויגן ערגעץ אין אַ זייט מיט אַן אויסדרוק פון שרעק-לעכער גלייכגילטיקייט. דאָס האָט מיך באַלד איבערצייגט, אַז איך בין פאַרראַטן. די מוטער און די עלטערע האָבן מיר דערלאַנגט די הענט מיט אַזאַ אויסדרוק, וואָס האָט דייטלעך געזאָגט: „ביזט אַ ריכטיקער פייגל, איצט ווייסן מיר שוין, וואָס עס ליגט פאַרבאַהאַלטן אונטער דיין ערנסט". און די יינגערע האָט מיר אויסגעצויגן די האַנט, ווי אַ ברעטעלע, נישט קוקנדיק אויף מיר און נישט ענטפערנדיק אויף מיין האַנט-דרוק. איך האָב נאָך געהאַט דורכצוגיין אַ שטיק גאַלעריע, זיך פאַרקערעווען, און, פאַר די אויגן פון מיינע פייניקער, דורכצומאַכן דעם וועג לענגאויס דער גאַנצער קוואַר-זייט. די גאַנצע צייט האָב איך געפילט דיזעלבע מערדערישע נאָדלען הינטער מיין רוקן. נאָך דעמדאָזיקן אומדערהערטן פאַרראַט האָב איך באַשלאָסן אינ-גאַנצן איבערצורייסן מיט דעם פאַלשן פאָלק, מער נישט גיין צו זיי, פאַרגעסן אין זיי, אַרויסרייסן זיי אויף אייביק פון מיין האַרצן. דערין האָבן מיר צוגעהאָלפן די פעריען, וואָס זענען באַלד אָנגע-קומען.

גאַנץ אומגעריכט פאַר מיר האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז איך בין קורצזיכטיק. מען האָט מיך אַוועקגעפירט צו אַן אויגן-דאָקטאָר, און ער האָט מיר פאַרשריבן ברילן. מען קאָן נישט זאָגן, אַז דאָס זאָל מיר האָבן באַזונדערס געקרענקט: ווי דאָס איז, האָבן מיר דאָך די ברילן צוגעגעבן מער אָנזען. מיט הנאה האָב איך געטראַכט פון דעם איינ-דרוק, וואָס איך וועל מאַכן, אַראָפּקומענדיק קיין יאַנאָווקע אין ברילן. פאַרן פאָטער אָבער זענען מיינע ברילן געווען אַ שטאַרקער קלאַפּ. ער האָט געהאַלטן, אַז דאָס איז בלויז אַן אָנשטעל, בלויז גאווה, און האָט קאַטעגאָריש געפאָדערט, איך זאָל אַראָפּנעמען די ברילן. אומ-

זיסט האָב איך אים געפּרואווט איבערצייגן, אַז איך זע נישט אין קלאַס די אותיות אויפן טאָוול, און קען נישט איבערלייענען די שילדן אויף דער גאַס. אַזויאַרום האָב איך שוין אין יאַנאָווקע געמוזט טראָגן די ברילן נאָר בסוד.

אין דאָרף בין איך אָבער געווען אַ סך דרייסטער, שוואונג־פולער און אונטערנעמערישער. איך האָב מיך געפילט אַזוי, ווי איך וואָלט אַראָפּגעוואָרפן פון מיינע פּלייצעס די דיסציפּלין פון דער שטאָט. איך בין געפאָרן רייטנדיק קיין באָברינעץ און דעמזעלבן אָוונט גע־קומען צוריק אַהיים. דאָס איז אַ שטח פון 50 קילאָמעטער. אין באָברינעץ האָב איך אויף די גאַסן געוויזן מיינע ברילן און האָב לגמרי נישט געצווייפלט אין דעם איינדרוק, וואָס זיי דאַרפן מאַכן. אין באָברינעץ איז נישט געווען מער ווי אַ שטאָטישע שולע פאַר יינגלעך. די נאָענטסטע גימנאַזיע איז געווען אין יעליזאַוועטגראַד, 50 קילאָמעטער פון באָברינעץ. דערפאַר האָט אָבער באָברינעץ פאַר־מאָגט אַ פּראָגימנאַזיע פאַר מיידלעך. די פּאַרטנערן פון די גימנאַ־זיסטינס זענען געווען די תלמידים פון דער שטאָטישער שולע. זומער אָבער האָט זיך דאָס בילד געענדערט. פון יעליזאַוועטגראַד זענען אָנגעקומען די גימנאַזיסטן און רעאַליסטן, און מיט דעם רייץ פון זייערע אוניפאָרמען און מיט די שיינע מאַנירן האָבן זיי אַוועקגע־שטויסן די היימישע שילער. דער אַנטאַגאָניזם איז געווען זייער אַ פאַרביסענער. די באַליידיקטע באָברינעצער שילער האָבן זיך אָרגאַני־זירט אין קליינע קאַמף־גרופּעס און ביי אַ געלעגנהייט זיך באַנוצט נישט בלויז מיט שטעקנס און שטיינער, נאָר אויך מיט מעסערס. אין גאָרטן פון אַ באַקאַנטער פאַמיליע בין איך מיר איינמאָל רואיק געזעסן אויף אַ צווייג פון אַ מוילבערבוים און געגעסן יאַגדעס, האָט מיר עמעץ מכבד געווען פון הינטערן פּאַרקאַן מיט אַ גאָר נישקשה־דיקן שטיין אין קאָפּ אַריין. דאָס איז געווען אַן עפּיזאָד פון אַ לאַנגן קאַמף, וואָס האָט געקאָסט בלוט און וואָס איז ליקווידירט גע־וואָרן ערשט דאַן, ווען דער פּריווילעגירטער קלאַס איז נאָך די פעריען אַוועקגעפאָרן צוריק קיין יעליזאַוועטגראַד. אין יעליזאַוועט־גראַד איז דערדאָזיקער ענין צוגעגאַנגען גאָר אַנדערש. דאָרט האָבן די גימנאַזיסטן און רעאַליסטן באַהערשט די גאַסן און די הערצער אין פאַרלויף פון דעם גאַנצן שוליאָר. אָבער אויף זומער זענען פון כאַרקאָוו, אָדעס און פון נאָך ווייטערע אוניווערזיטעט־שטעט אָנגע־

פאָרן סטודענטן אַהיים און מיטאַמאָל אַוועקגעשטויסן די גימנאַזיסטן אויפן לעצטן אָרט. אויך דאָ איז דער אַנטאַגאָניזם געווען זייער אַ פאַרביסענער. דער פאַרראַט פון די גימנאַזיסטינס איז ממש געווען אין לשער. אָבער לויטן אַלגעמיינעם כלל האָט זיך דער קאַמף געפירט אויסשליסלעך מיט גייסטיקן געווער.

אין דאָרף האָב איך געשפּילט אין קראָקעט, אין קעגלעס, אָנגעפירט מיטן מיידלעך חוצפה־שפּיל אין פאַנטן און אַריינגעוואָרפן די מיידלעך חוצפה־דיקע ווערטער. אין דאָרף האָב איך זיך אויך אויסגעלערנט צו פאָרן אויף אַ צווייערדערדיקן ראָווער, וואָס איוואַן וואַסיליעוויטש האָט אים אַליין צונויפגעזאַמענגעשטעלט. און נאָר אַ דאַנק דעם האָב איך מיך שפּעטער דערוועגט צו מאַכן איבונגען אויפן אָדעסער טרעק. נאָכמער, אין דאָרף האָב איך אַליין אָנגעטריבן אַ ראַסן־אָגער, איינגעשפּאַנט אין אַ לויף־וועגל. אין יענער צייט זענען שוין אין יאַנאָווקע געווען גוטע אויסגעפּאָרענע פערד. איך האָב אַפילו פאַרגעלייגט דעם פּעטער בראָדסקין — אַ בירברויער־זיך אַ ביסל דורכפאָרן שפּאַצירן. „אָבער דו ווילסט מיך נישט אַרויסוואַרפן?“ פרעגט מיך דער פּעטער, וואָס האָט לויט זיין כאַראַקטער לגמרי נישט געהאַט קיין נטיה צו ריזיקאַלישע אונטערנעמונגען. „וואָס רעדט איר עפּעס, פּעטער“, זאָג איך מיט אַזאַ מונטערן טאָן, אַז דער פּעטער ציט אָפּ דעם אָטעם און זעצט זיך אָן שום ווערטער אַוועק הינטער מיין רוקן. איך פאָר אַרויס מיטן טאָל, פאַרביי דער מיל, איבערן וועג, וואָס איז עטוואָס דורכגעווייקט פון זומערדיקן רעגן. דעם ברוינעם אָגער ווילט זיך פרייהייט, עס דענערווירט אים, וואָס מען דאַרף פאָרן באַרג־אַרויף און ער רייסט זיך באַלד פון אָרט. צי איך אָן די לייטשעס, שפּאַר איין די פיס אין דייקסל און הייב זיך אויף פונקט אויף אַזויפיל, אַז דער פּעטער זאָל נישט באַמערקן, ווי איך הענג אויף די לייטשעס. דער יונגער אָגער האָט אָבער זיין אַמביציע. ער איז מער ווי דריי מאָל יינגער פון מיר, אינגאַנצן איז ער אַלט פיר יאָר. כאַפּט דאָס ברוינע אָגערל דאָס לייכטע לויפוועגל און לויפט מיט דעם באַרג־אַרויף, ווי אַ צערייצטע קאַץ, וואָס וויל אַלץ פּטור ווערן פון בלעכל, וואָס מען האָט איר אָנגעבונדן אויפן עק. איך שפּיר, ווי דער פּעטער הינטער מיין רוקן האָט אויפגעהערט צו רויכערן, אָטעמט עפּעטער און האָט בדעה מיר צו שטעלן אַן אולטימאַטום. זעץ איך זיך אַוועק פעסטער, לאָז נאָך די לייטשעס, און,

כדי אויסצוווייזן מוטיק און זיכער, קנאַק איך צו מיט דער צונג צום טאַקט פון דער מילך, וואָס שפּילט ביים ברוינעם אָגערל גאָר אויסגעצייכנט. „שטיף נישט, יינגל", רוף איך מיך אָן צום אָגערל מיט אַ טאָן פון אַ באַשיצער, בעת ער האָט בדעה איבערצוגיין אין אַ גאַלאָפּ, און איך צעשפּרייט מיר ברייטער די עלנבויגנס. איך פיל, ווי דער פּעטער האָט זיך באַרואיקט און ציט ווידער דעם פּאַפּיראָס. דאָס שפּיל איז געוואונען, כאָטש דאָס האַרץ שפּרינגט מיר, ווי דעם אָגערס מילך.

קום איך אָבער צוריק אין שטאָט אַריין, בויג איך ווידער איין דעם קאַרק אונטערן יאָך פון דער דיסציפּלין. איך טו עס אָן שום אָנשטרענגונג. שפּיל און ספּאָרט טרעטן אָפּ זייער פּלאַץ פאַר ביכער און טעאַטער. איך וואַרף זיך אונטער דער שטאָט, כמעט נישט קומענדיק מיט איר אין באַרירונג. דאָס לעבן פון דער שטאָט גייט אומבאַמערקט פאַרביי מיר. איבעריקנס, נישט בלויז פאַרביי מיר איינעם. אויך די דערוואַקסענע איינוואוינער האָבן זיך באַמיט נישט אַרויסצורוקן צופיל דעם קאָפּ פון פענסטער. אָדעס איז אפשר געווען די סאַמע פּאָליציייאישע שטאָט אין פּאָליציייאישן רוסלאַנד. די וויכטיקסטע פּערזאָן איז געווען דער גראַדאָנאַטשאַלניק, דער געוועזענער קאָנטער-אַדמיראַל זעליאָני דער צווייטער. די אומבאַשרענקטע מאַכט האָט זיך אין אים פאַרייניקט מיט אַ ווילדן טעמפּעראַמענט. וועגן אים זענען אַרומגעגאַנגען אומצייליקע אַנעקדאָטן, וואָס די אָדעסער איינוואוינער פלעגן איינער דעם צווייטן איבערגעבן אינג־דערשטיל. אין אַ פרייער דרוקעריי, אין אויסלאַנד, האָט מען אין יענע יאָרן אַרויסגעלאָזט אַ גאַנץ זאַמלבוך וועגן די העלדישע מעשים פונם קאָנטער-אַדמיראַל זעליאָני דעם צווייטן. איך האָב אים געזען נאָר איין איינציק מאָל, און דאָס אויך זיין רוקן. אָבער אויך דאָס איז פאַר מיר געווען גאַנץ גענוג. דער גראַדאָנאַטשאַלניק איז געשטאַנען אין זיין גאַנצער גרויס אין אַ קאַרעטע, געשאָטן מיט אַ הייזעריקער שטימע זידלווערטער פאַר דער גאַנצער גאַס און געטרייסלט מיט אַן אויסגעצויגענער פויסט. פאַר אים זענען געשטאַנען סאַלוטירנדיקע פּאָליציייליט, סטרוזשעס מיט די היטלען אין די הענט, און פון הינטער די גאַרדינען האָבן אַרויסגעקוקט איבערגעשראָקענע פּנימער. איך האָב פאַרצויגן די רימענס פון מיין רוקזאַק און געמאַכט פיס אַהיים.

ווען איך וויל אויפשטעלן אין זכרון דאָס בילד פון דעם אָפּי־ציעלן רוסלאַנד פאַר די יאָרן פון מיין פריער יוגנט, זע איך באַלד דעם רוקן פונם גראַדאָנאַטשאַלניק, זיין אויסגעשטרעקטע פויסט איני־דערלופטן און איך זהער הייזעריקע זידלווערטער, וועלכע מען איז זיך נישט נוהג צו דרוקן אין אַ לעקסיקאָן.

פערטער קאַפּיטל

ביכער און די ערשטע קאָנפליקטן

נאַטור און מענטש האָבן נישט בלויז אין די שוליאָרן, נאָר אויך אין מיינע שפּעטערדיקע יוגנטיאָרן, פאַרנומען אין מיין גייסטיקן לעבן אַ סך אַ קלענערן אָרט, ווי ביכער און געדאַנקען. נישט גע-קוקט אויף מיין דאָרפישער אָפּשטאַמונג, האָב איך דאָך נישט געהאַט קיין חוש פאַר דער נאַטור. די אויפמערקזאַמקייט און דאָס פאַר-שטענדעניש פאַר איר האָב איך אַנטוויקלט אין זיך ערשט שפּעטער, ווען נישט בלויז די קינדהייט, נאָר אויך דער ערשטער טייל פון מיין יוגנט איז שוין געלעגן הינטער מיר. מענטשן האָבן זיך לאַנג געגליטשט איבער מיין באַוואוסטזיין, ווי צופעליקע שאָטנס. איך האָב געקוקט אין זיך און אין די ביכער, אין וועלכע איך האָב ווידער-אַמאָל געזוכט זיך אָדער מיין צוקונפט.

לייענען האָב איך אָנגעהייבן אין יאָר 1887, בעת מאָיסיי פיליפּאָוויטש איז געקומען קיין יאַנאָווקע און מיטגעבראַכט אַ פּאַק ביכער, צווישן וועלכע ס'האָבן זיך אויך געפונען טאָלסטאָיס פאָלקס-דערציי-לונגען. זיך אַריינצולייענען די ערשטע צייט אין דידאַזיקע ביכער איז געווען מער אַ שווערע אַרבעט, ווי אַ זיסע. יעדעס נייע בוך האָט געבראַכט נייע שטערונגען: אומבאַקאַנטע ווערטער, אומפאַר-שטענדלעכע לעבנסבאַציונגען, וואַקלעניש, וואָס טיילט אָפּ דאָס רעאַלע פונם פאַנטאַסטישן. פרעגן איז על-פּי-רוב נישט געווען ביי וועמען. איך האָב זיך פאַרלוירן, אָנגעהייבן און געוואָרפן און ווידער

אָנגעהייבן, צונויפגיסנדיק די אומזיכערע פרייד פון דערקענטעניש מיטן פּחד פאַרן אומבאַקאַנטן. מיין לייענען דעמאָלט קאָן מען אפשר אַמבעסטן פאַרגלייכן מיטן פאָרן ביינאַכט איבער די סטעפּישע טראַקטן: מען הערט אַ סקריפּען פון רעדער, שטימען, וואָס שלאָגן איבער איינאַנדער, פאַרלייגטע פייערן ביים וועג, וואָס טרעטן אַרויס פון דער פינסטער. אַלץ זעט אויס אַזוי ווי באַקאַנט, און דאָך אַזוי אומפאַרשטענדלעך: וואָס קומט דאָ פאָר, ווער פאָרט דאָ און צו וועלכן צוועק, און ס'איז אפילו נישט קלאָר, וואוהין דו פאָרסט אַליין, פאָרויס אָדער צוריק. און ס'איז נישטאָ קיינער, וואָס זאָל דיר, ווי דער פעטער גריגאָריע, דערקלערן: דאָס פירן אונזערע „טשומאַקעס" ווייץ.

אין אָדעס איז דער אויסוואַל פון די ביכער געווען אַן אומפאַרגלייכלעך גרעסערער, און אויך די לייטונג איז געווען אַן אויפמערקזאַמע און סימפּאַטישע. איך האָב געגומען לייענען, ווי אַ שיכּור. מען האָט מיך געמוזט אָפּרייסן פון בוך מיט געוואַלד — איך זאָל מיך איבערגיין. און גייענדיק האָב איך אַדורכגעלעבט דאָס איבערגעלייענטע און געלאָפן צוריק צום בוך. אין די אָוונטן האָב איך זיך געבעטן, מען זאָל מיר דערלויבן צו זיצן נאָך אַ פערטל שעה, נו, כאָטש פינף מינוט, ביז איך וועל ענדיקן דעם קאַפּיטל. אָוונט נאָך אָוונט זענען אויף דעמדאָזיקן באָדן פאָרגעקומען קליינע רייבונגען.

דער אויפוואַכנדיקער דורשט צו זען, צו וויסן, צו באַהערשן האָט זיך געפונען אַן אויסוועג אין דעמדאָזיקן אומדערמידלעכן פאַרשלינגען געדרוקטע שורות, אין דידאָזיקע הענט און ליפּן, וואָס זענען תּמיד געווען אויסגעשטרעקט צום קוואַל פון דער ליטעראַרישער פאַנטאַזיע. אַלץ, וואָס דאָס ווייטערדיקע לעבן האָט געגעבן אינטערעסאַנטעס, פאַרכאַפּנדיקס, פריידיקס אָדער טרויעריקס, איז שוין געלעגן אין די איבערלעבענישן פון לייענען, ווי אַ רמז, ווי אַ הבטחה, ווי אַ פאָרזיכטיקער ליכטער בלייפעדער-סקיץ אָדער אַקוואַרעל.

דאָס לייענען אין די אָוונטן אויפן קול אין די ערשטע יאָרן פון מיין לעבן אין אָדעס, האָט באַלאַנגט צו די בעסטע שעהן אָדער, ריכטיקער, האַלבע שעהן, צווישן די פאַרענדיקטע לעקציעס אינדערהיים און דעם שלאָף. געלייענט האָט מאָיסיי פיליפּאָוויטש געווייגלעך פּושקינען אָדער ניעקראַסאָוון, ס'רוב דעם לעצטן. אָבער צו דער באַשטימטער שעה האָט פאַני סאָלאָמאָנאָוונאַ געזאָגט: „צייט דיר, ליאָוווּשקאַ,

צו שלאָפן". איך האָב געקוקט אויף איר מיט תחנונים. „מען מוז גיין שלאָפן, יינגעלע," האָט מאָיסיי פיליפּאָוויטש געזאָגט. „נאָך פינף מינוט," האָב איך מיך געבעטן, און מען האָט מיך געלאָזן נאָך פינף מינוט. דערנאָך האָב איך זיך צעקושט און בין אַוועק מיט אַזאַ געפיל, אַז איך וואָלט נאָך קענען הערן לייענען אַ גאַנצע נאַכט. איינגעשלאָפן האָב איך אָבער תיכף-ומיד, ווי איך האָב נאָר צוגעטראָגן דעם קאָפּ צו דעם קישן.

סאָפיע, אַ גימנאַזיסטין פון אַכטן קלאַס, אַ ווייטע קרובה, איז אַריינגעפאַלן אויף עטלעכע וואָכן צו די שפּענצערס, וואו זי האָט געדאַרפט איבערוואַרטן די שקאַרלאַטין-קראַנקהייט, וואָס האָט זיך באַוויזן אין איר פאַמיליע. דאָס איז געווען זייער אַ פּעאיק און באַלעזן מיידל. עס האָט איר אָבער געפעלט אָריגינעלקייט און כאַראַקטער, און שפּעטער איז זי גאַנץ גיך פאַרוועלקט געוואָרן. איך האָב פון איר געכאַפּט גרויס התפעלות, טאָג-טעגלעך אַנטדעקט אין איר אַלץ ניי׳ע קענטעניישן און מעלות, און דערביי כסדר געפילט לגבי איר מיין אייגענע נישטיקייט.

איך האָב פאַר איר איבערגעשריבן אַ פּראָגראַם צו די עקזאַמענס און בכלל געטאָן פאַר איר פאַרשיידענע קלייניקייטן. דערפאַר האָט זי מיר אין די מיטאָגס-שעהן, ווען די עלטערע האָבן גערוט, פאָרגעלייענט אויפן קול, און דערנאָך האָבן מיר צוזאַמען אָנגעשריבן אַ סאַטירישע פּאָעמע אין פערזן: „די נסיעה אויף דער לבנה." ביי דערדאָזיקער אַרבעט האָב איך די גאַנצע צייט פאַרלוירן דעם טעמפּאָ. איך האָב בלויז געדאַרפט אויפגעבן עפּעס אַ באַשיידענעם פּלאַן, ווי מיין עלטערע מיטאַרבעטערין האָט אים תיכף אונטערגעכאַפּט, באַלד אים ווייטער אַנטוויקלט, אַריינגעטראָגן פאַרשיידענע וואַריאַנטן, לייכט צוגעפּאַסט גראַמען, שלעפּנדיק מיך נאָך זיך אויפן בוקסיר. אַז עס האָבן זיך געענדיקט די באַשטימטע זעקס קאַראַנטין-וואָכן, און סאָפיע איז צוריק אַוועק אַהיים, האָב איך מיך דערשפּירט מער אויסגעוואַקסן.

צו די מער אויסגעצייכנטע באַקאַנטע פון דער פאַמיליע שפּענצער האָט געהערט סערגיי איוואַנאָוויטש סיטשעווסקי, אַן אַלטער זשורנאַליסט, אַ ראָמאַנטיקער, וואָס איז געווען באַקאַנט אין דרום אַלס בקי און אינטערפּרעטאַטאָר פון שעקספּירן. דאָס איז געווען אַ באַגאַבטער מענטש, וואָס איז אָבער אַראָפּ פון גלייכן וועג דורכן

ביטערן טראָפּן. דערפֿאַר, וואָס ער האָט שטאַרק געטרונקען, האָט ער זיך באַצויגן צו מענטשן, אפילו צו קינדער, מיט עפּעס אַ פֿאַרשולדיקט געפֿיל. פֿאַני סאָלאָמאָנאָווען האָט ער נאָך געקענט אַלס יונג מיידעלע און האָט זי גערופֿן פֿאַניטשקע. סערגיי איוואַנאָוויטש האָט מיך שטאַרק ליב געקריגן באַלד פֿון דעם ערשטן טאָג. איינמאָל, ווען דער אַלטער האָט מיך געפֿרעגט, וואָס מיר לערנען אין שולע, האָט ער מיר אויפֿגעגעבן אַ טעמע: פֿאַרגלייכן פּושקינס „פּאָעט און מוכר־ספֿרים" מיט ניעקראַסאָווס „פּאָעט און בירגער". איך בין נשתומם געוואָרן. דאָס צווייטע ווערק האָב איך אַפֿילו נישט געלייענט, און בעיקר האָב איך מיך געשראָקן פֿאַר סיטשעווסקין, ווי פֿאַר אַ ש ר י פֿ ט ש ט ע ל ע ר. דאָס וואָרט גופֿא האָט מיר געקלונגען ווי פֿון אַן אומדערגרייכבאַרער הויכקייט. „מיר וועלן עס אַלץ גלייך דאָ אויפֿן אָרט איבערלייענען," האָט סערגיי איוואַנאָוויטש געזאָגט און טאַקע באַלד גענומען לייענען. און געלייענט האָט ער אויסגעצייכנט. „נו, האָסט פֿאַרשטאַנען? און איצט זעץ זיך אַוועק און שרייב." מען האָט מיך אַוועקגעזעצט אין קאַבינעט, געגעבן פּושקינען און ניעקראַסאָוון, פּאַפּיר און טינט. „איך קאָן דאָך אָבער נישט", האָב איך מיך מיט אַ טראַגישן שעפּטשען געשוואוירן פֿאַר פֿאַני סאָלאָמאָנאָווען, „וואָס וועל איך דאָ אָנשרייבן?" „זיי נאָר נישט אויפֿגערעגט", האָט זי געענטפֿערט, און בעת־מעשה געגלעט מיר איבערן קאָפּ. „שרייב אָן רואיק, פּראָסט־פּשוט, ווי דו האָסט פֿאַרשטאַנען." זי האָט געהאַט אַ צאַרטע האַנט און אַ צאַרטע שטים. איך האָב זיך אַ ביסל באַרואיקט, דאָס הייסט באַהערשט מיין אָנגעשראָקענע אייגנליבע און אָנגעהייבן שרייבן. בערך אין אַ שעה אַרום האָט מען מיך אַריינגערופֿן. איך האָב אַריינגעטראָגן אַ גרויס פֿאַרשריבן זייטל מיט אַזאַ אימה, וואָס איז מיר אומבאַקאַנט געווען אין שולע, און האָב עס דערלאַנגט דעם ש ר י פֿ ט ש ט ע ל ע ר. סערגיי איוואַנאָוויטש איז דורכגעלאָפֿן מיט די אויגן עטלעכע שורות אינדערשטיל, נאָכדעם האָבן מיך זיינע אויגן אָפּגעשפּריצט מיט העלע פֿונקען, און ער האָט אויסגעשריגן: „אָבער הערט נאָר, וואָס ער האָט דאָ אָנגעשריבן, באמת אַ מאָדים אַ יונג." און ער האָט אָנגעהייבן לייענען אויף קול: „דער דיכטער האָט געלעבט מיט דער נאַטור, וואָס ער האָט זייער ליב געהאַט און וואָס יעדער קלאַנג אירער, אַ פֿריילעכער, צי אַן אומעטיקער, האָט געפֿונען אַן אָפּקלאַנג אין זיין נשמה." סערגיי איוואַנאָוויטש האָט אויפֿגעהייבן

אַ פינגער אין דער הויך. „ער האָט דאָך אויסגעצייכנט געזאָגט״: „וואָס יעדער קלאַנג אירער — איר הערט — אַ פריילעכער, צי אַן אומעטיקער, האָט געפונען אַן אָפּקלאַנג אין זיין נשמה״. דידאָזיקע ווערטער האָבן זיך דעמאָלט אַזוי טיף אַריינגעשניטן אין מיין נשמה, אַז זיי געדענקען זיך מיר אויף מיין גאַנץ לעבן.

ביים מיטאָג האָט זיך סערגיי איוואַנאָוויטש שטאַרק געוויצלט, דערציילט, דערמאָנט מאַנכע פּרטים פון זיין לעבן און זיך בעת־מעשה שטאַרק דערוואָרעמט פון דער כוסה: שנאַפּס איז פאַר אים שטענדיק געשטאַנען אָנגעגרייט. פון צייט צו צייט האָט ער מיך אָנגעקוקט איבערן טיש און אויסגערופן: „אָבער ווי זשע האָסטו דאָס אַלץ אַזוי שיין אויפגעשריבן, איך מוז דיר דערפאַר אַ קוש טאָן״. און ער האָט גענומען גוט אויסווישן מיטן סערוועטל די וואָנסן און די ליפּן, זיך אויפהייבן פון אָרט און מיט אומזיכערע טריט זיך געלאָזט גיין אַרום טיש. איך בין געזעסן ווי אונטער דעם קלאַפּ פון אַ פריילעכער קאַטאַסטראָפע, נאָר פאָרט אַ קאַטאַסטראָפע. „שטיי אויף, ליאָוועטשקע, גיי אים אַנטקעגן,״ האָט מיך מאָיסיי פיליפּאָוויטש אינדערשטיל געלערנט. נאָך מיטאָג האָט סערגיי איוואַנאָוויטש געלייענט אויף אויסנ־ווייניק די סאַטירע „פּאָפּאָווס חלום.״ מיט געשפּאַנטער אויפמערקזאַמ־קייט האָב איך מיך צוגעקוקט צו די גרויע וואָנסן, פון אונטער וועלכע עס האָבן זיך געטראָגן אַזעלכע קאָמישע ווערטער. דער האַלב־שכורער צושטאַנד פונם שריפטשטעלער האָט לגמרי נישט פאַרקלענערט אין מיינע אויגן זיין אויטאָריטעט. קינדער פאַרמאָגן אַ גרויסע קראַפט פאַר אַבסטראַקטע ענינים.

טיילמאָל, פאַרנאַכט, פלעג איך שפּאַצירן מיט מאָיסיי פיליפּאָוויטשן, און אַז ער איז געווען אין גוטער הומאָר, פלעגט ער מיט מיר רעדן פון פאַרשיידענע זאַכן. איינמאָל האָט ער מיר איבערגע־געבן דעם אינהאַלט פון דער אָפּערע „פויסט״, וואָס ער האָט זייער ליב געהאַט. מיט דורשט האָב איך געשלונגען די דערציילונג און פאַנטאַזירט פון דעם, ווי אַזוי איך וועל אַליין אַמאָל הערן דידאָזיקע אָפּערע אויף דער בינע. לויטן טאָן פון דערציילער האָב איך געפילט, אַז דער ענין דערנענטערט זיך עפּעס צו אַ קיצלדיקן פונקט. איך האָב מיך אויפגערעגט פאַרן דערציילער און האָב מורא געהאַט, אַז איך וועל נישט הערן דעם המשך. אָבער מאָיסיי פיליפּאָוויטש האָט זיך באַהערשט און האָט ווייטער געזאָגט: „און אָט האָט גרעטכען

געבוירן אַ קינד פֿאַר דער חתונה"... אַז מיר זענען אַריבער בשלום דעמדאָזיקן שטיין, איז אונז ביידן געוואָרן לייכטער, און די דער־ציילונג איז רויִק פֿאַרענדיקט געוואָרן.

איך בין געלעגן מיט אַ פֿאַרבונדענעם האַלז און אַלס טרייסט האָט מען מיר געגעבן „אָליווער טוויסט" פֿון דיקענס. אָבער די ערשטע פּראָזע, וואָס דער דאָקטאָר האָט אינם הויז פֿאַר קימפּעטאָרינס געזאָגט מכּוח דעם, וואָס די פּרוי טראָגט נישט אויף דער האַנט קיין רינג, האָט מיר צעמישט די רעיונות. „וואָס באַדייט עס?" האָב איך געפֿרעגט מאַיסיי פֿיליפּאָוויטשן. „וואָס פֿאַר אַ שייכות האָט עס מיט אַ רינג?" — „דאָס הייסט," האָט ער מיר געענטפֿערט אַ ביסל מטושטש,—אַז אויב ס'איז נישט געווען קיין חופּה און קדושין, טראָגט מען נישט קיין רינג." איך האָב זיך דערמאָנט אין גרעטכען. אויך דער גורל פֿון אָליווער טוויסט האָט זיך אין מיין דמיון אַנטוויקלט פֿון אַ רינג, פֿון יענעם רינג, וואָס ס'איז נישט געווען. די פֿאַרבאָ־טענע וועלט פֿון מענטשלעכע באַציִונגען איז דורך איינצלנע שטויסן פֿון ביכער אַריינגעדרונגען אין מיין באַוואוסטזיין און אַ סך, וואָס איך האָב שוין פֿריִער געהערט אין אַ צופֿעליקער, על־פּי־רוב אָבער גראָבער און אומאַנשטענדיקער פֿאָרם, איז איצט דורך דער ליטעראַטור פֿאַראַלגעמיינערט און פֿאַראיידלט געוואָרן און זיך אויפֿגע־הייבן אין עפּעס אַ העכערער ספֿערע.

אין יענער צייט האָט שטאַרק אויפֿגערודערט די מוחות טאָלסטאָיס נייע דראַמע „די מאַכט פֿון פֿינסטערניש." מען האָט ערנסט געשמועסט פֿון דעראָזיקער פּיעסע און מען האָט זיך אַזש פֿאַרפֿלאָנטערט אין חקירות. פּאָביעדאָנאָסצעוו האָט געפּועלט ביי אַלעקסאַנדער III, ער זאָל נישט דערלויבן צו שפּילן דידאָזיקע פּיעסע אין טעאַטער. איך האָב געוואוסט, אַז מאַיסיי פֿיליפּאָוויטש און פֿאַני סאָלאָמאָנאָוונאַ האָבן געלייענט די דראַמע אין דערבייאיקן צימער, נאָכדעם, ווי איך בין געגאַנגען שלאָפֿן: איך האָב קוים געהערט דעם קלאַנג פֿון זייערע שטימען. „און איך מעג עס לייענען?" האָב איך געפֿרעגט. „ניין, טייערינקער, פֿאַר דיר איז עס נאָך אַ ביסל צופֿרי," האָט מען מיר געענטפֿערט אַזוי קאַטעגאָריש, אַז מער האָב איך שוין נישט גערעדט דערפֿון. איך האָב אָבער באַמערקט, אַז דאָס נייע דינע ביכעלע ליגט שוין אויף דער פּאָליצקע, וואָס איז מיר אַזוי גוט באַקאַנט. און אָט, אין די שעהן, ווען די דערוואַקסענע זענען נישט געווען אין שטוב,

האָב איך געכאַפּט און אין אַ פּאָר טעג דורכגעלייענט טאָלסטאָיס דראַמע. זי האָט אָבער אויף מיר נישט געמאַכט אַזאַ טיפן רושם, ווי ס'האָבן זיך, קענטיק, געשראָקן מיינע דערציער. די סאַמע טראַגישע ערטער, אַ שטייגער, ווי דאָס דערשטיקן ס'קינד און דער שמועס וועגן די קנאַקנדיקע ביינער, האָב איך אויפגעפאַסט נישט ווי אַ שרעקלעכע ווירקלעכקייט, נאָר ווי אַ בוך-פאַנטאַזיע, ווי אַ צוגעטראַכטע זאַך פאַר דער בינע, דאָס הייסט, אַז אין פלוג האָב איך עס בכלל נישט אויפגעפאַסט.

בעת די פּעריען האָב איך צופעליק געפאַקט אויף דער דאָרפישער שאַפע, סאַמע אונטערן סופיט, צווישן אַלטע פּאַפּירן, אַ קליין ביכעלע, וואָס דער עלטערער ברודער האָט עס געבראַכט פון יעליזאַוועטגראַד. און באַלד, ווי איך האָב עס נאָר אָן עפן געטאָן, האָב איך דערפילט דערין עפּעס אומגעוויינלעכס און געהיימעס. דאָס איז געווען אַ באַריכט פון אַ פּראָצעס, און עס האָט זיך געהאַנדלט וועגן אַ מאָרד פון אַ קליין מיידעלע אויפן סעקסועלן באָדן. איך האָב געלייענט דאָס ביכעלע, וואָס איז געווען אָנגעפּיקעוועט מיט מעדיצינישע און יורידישע פּרטים, אין אַ צושטאַנד פון געוואַלדיקער אויפרעגונג, פונקט ווי איך וואָלט אינמיטן נאַכט אַריינגעפאַלן אין אַ וואַלד און וואָלט אַרומגעבלאָנקעט צווישן געשפּענסטער-ביימער, האַלב פאַרגאָסן פון לבנה-שטראַלן, און וואָלט נישט געפונען קיין אויסוועג. דערדאָזיקער איינדרוק האָט זיך אָבער באַלד אויסגעוועבט. די מענטשלעכע פּסיכאָלאָגיע, און דער עיקר טאַקע די קינדערשע, האָט אירע ספּעציעלע בופערן, טאָרמאַזן, פאַרהיטונגס-קלאַפּאַנעס און אַמאָרטיזאַטאָרן—אַ גרויס און גוט באַאַרבעט סיסטעם, וואָס פאַרהיט פון שטאַרקע אָדער נישט צייטמעסיקע דערשיטערונגען.

אין טעאַטער בין איך דאָס ערשטע מאָל געווען נאָך אַלס שילער פון דער פאָרשולע. דאָס איז געווען אויסערגעוויינלעך און עס לאָזט זיך גאָרנישט שילדערן. אין דער באַגלייטונג פונם שולע-דינער גריגאָריע כאָלאָד האָט מען מיך געשיקט אויף אַן אוקראַאינישער פאָרשטעלונג. איך בין געזעסן בלייך, ווי קאַלך — דאָס האָט גריגאָריע שפּעטער איבערגעגעבן פאַני סאָלאָמאָנאָווגען—און האָב מיך געפּייניקט פון שמחה, וואָס איך האָב זי, אָט די גרויסע שמחה, נישט געקאָנט אַריינגעמען אין זיך. בעת די אַנטראַקטן בין איך נישט אויפגעשטאַנען פון אָרט, כדי איך זאָל, חס-ושלום, עפּעס נישט אַדורכלאָזן. צולעצט האָט מען

געשטעלט אַ וואָדעוויל „דער שכן מיטן טרומייטער.” די שפּאַנונג פון
דער דראַמע האָט זיך דאָ אויפגעלייזט דורך אַ שטורמישן געלעכטער.
איך האָב זיך געשאָקלט אויף מיין אָרט, פאַרוואָרפן דעם קאָפּ אַהינ-
טער און נאָכדעם ווידער אָנגעשטעלט די אויגן אויף דער בינע.
אינדערהיים האָב איך איבערגעגעבן דעם אינהאַלט פון דעם „שכן
מיטן טרומייטער,” צוגעגעבן כסדר אַלץ נייע פּרטים, כדי אַרויסצו-
רופן אַזאַ געלעכטער, וואָס איז מיך באַפאַלן אין טעאַטער. איך האָב
אָבער איינגעזען מיט גרויס קרענקונג, אַז איך דערגרייך נישט
מיין ציל.

„נאַזאַר סטאָדאָלאַ” איז דיר, אפנים, גאָרנישט געפעלן גע-
וואָרן?” האָט מאָיסיי פיליפּאָוויטש געפרעגט. איך האָב דערפילט די-
דאָזיקע ווערטער, ווי אַן אינערלעכן פאָרוואורף: איך האָב זיך דער-
מאָנט אין נאַזאַרס ליידן און געזאָגט: „ניין, דאָס איז באמת געווען
מערקווירדיק”.

איידער איך בין אַריבער אין דריטן קלאַס, האָב איך פאַר-
בראַכט אַ קורצע צייט אויף אַ זומערוואוינונג, אונטער אָדעס, ביי
אַ פעטער אַן אינזשיניער און איך בין דאָרט מגולגל געוואָרן אויף
אַן אַמאַטאָרן-פאָרשטעלונג, וואו קריגליאַקאָוו, אַ תּלמיד פון אונזער
שולע, האָט געשפּילט די ראָל פון אַ דינער. דאָס איז געווען אַ
יינגל מיט אַ שוואַכער ברוסט, מיט זומערשפּרענקלעך, מיט קלוגע
אויגן, אָבער גאָר אַ חלוש. איך האָב זיך צו אים צוגעבונדן מיט
דער גאַנצער נשמה און האָב אים ממש געבעטן מיט תחנונים, אַז
מיר זאָלן צוזאַמען שטעלן עפּעס אַ ספּעקטאַקל. מיר האָבן זיך אָפּ-
געשטעלט אויף פּושקינס „דעה קאַרגער ריטער”. מיר איז אויסגע-
פאַלן די ראָל פון דעם זון, און קרוגליאַקאָוו האָט געשפּילט דעם
פאָטער. איך האָב זיך אינגאַנצן אונטערגעוואָרפן זיין לייטונג און
גאַנצע טעג געלערנט אויף אויסנווייניק פּושקינס פּערזן. וואָס פאַר אַ
מין זיסע אויפרעגונג דאָס איז געווען! באַלד איז אָבער גאָרנישט
געוואָרן פון דעם גאַנצן ענין: די עלטערן האָבן קרוגליאַקאָוון, צוליב
זיין שוואַכן געזונט, נישט דערלויבט צו שפּילן. בשעת די לימודים
האָבן זיך אָנגעהייבן, פלעגט ער נאָך די ערשטע פאָר וואָכן קומען
אין שולע. איך פלעג אים יעדן טאָג אָפּוואַרטן ביי דער טיר, כדי
איך זאָל קענען, גייענדיק צוזאַמען אַהיים, פירן מיט אים אַ ליטע
ראַרישן שמועס. אינגיכן איז קרוגליאַקאָוו אינגאַנצן פאַרשוואונדן גע

ווארן. איך האב זיך דערוואוסט, אַז ער ליגט קראַנק און אין עט־לעכע חדשים אַרום איז געקומען אַ ידיעה, אַז ער איז געשטאָרבן פון שווינדזוכט.

דער טעאַטער־כּישוף האָט מיך באַהערשט אין משך פון עטלעכע יאָר. שפּעטער בין איך געוואָרן אַ ליידנשאַפטלעכער אָנהענגער פון דער איטאַליענישער אָפּערע, מיט וועלכער אָדעס האָט שטאַרק שטאָל־צירט. אין זעקסטן קלאַס האָב איך אַפילו גענומען אַ געצאָלטע לעקציע בלויז דערויף, איך זאָל האָבן געלט אויפן טעאַטער. אין משך פון עטלעכע חדשים בין איך געווען שטום פאַרליבט אין דער זינ־גערין מיט דעם קאָלאָראַטור־סאָפּראַן, וואָס האָט געטראָגן דעם גע־היימנישפולן נאָמען דזשוזעפּינאַ אוגעט און וואָס האָט מיר אויס־געזען, ווי זי וואָלט צייטווייליק אַראָפּגענידערט פון הימל אויף די ברעטער פון דעם אָדעסער טעאַטער.

קיין צייטונגען האָב איך נישט געטאָרט לייענען, אָבער אין דעם פּרט איז דער רעזשים געווען נישט זייער קיין האַרבער, און ביסלעכווייז האָב איך, מיט קליינע אָפּוויכונגען, זיך דערוואָרבן דאָס רעכט צו לייענען צייטונגען, דער עיקר אָבער פעליעטאָנען. אין דער אָדעסער פּרעסע האָט דעם מיטלפּונקט פון די אינטערעסן פאַרנומען דאָס טעאטער, דער עיקר די אָפּערע, און די וויכטיקסטע גרופּירונגען פון דער עפנטלעכער מיינונג זענען דעמאָלט געלעגן אויף דער ליניע פון די טעאַטער־ליידנשאַפטן. בלויז אויף דעמדאָזיקן געביט איז די צייטונגען געווען דערלויבט אַרויסצוווייזן עפּעס אַזוינס, וואָס איז ענלעך צו טעמפּעראַמענט.

אין יענע טעג האָט זיך הויך אויפגעהייבן דער שטערן פון דעם פעליעטאָניסט דאָראָשעוויטש. אין פאַרלויף פון אַ קורצער צייט איז ער געוואָרן דער מושל פון אַלעמענס רעיונות, כאָטש ער האָט געשריבן וועגן קליינינקייטן און נישט זעלטן וועגן נאַרישקייטן. ער איז אָן שום ספק געווען אַ טאַלענט און מיט דער חוצפּהדיקער פאָרם פון פאַקטיש אומשולדיקע פעליעטאָנען האָט ער אַזוי ווי גע־עפנט אַ לופטשיק אין דער שטאָט אָדעס, וואָס זעליאָני דער צווייטער האָט זי אײַנגעאָנצן צוגעדריקט. מיט גרויס אומגעדולד פלעג איך מיך אַרויפ־וואַרפן אויף דער פרימאָרגנדיקער צייטונג, זוכנדיק דאָראָשעוויטשעס נאָמען. אין דער באַגייסטערונג פאַר זיינע אַרטיקלען האָבן זיך דע־

מאָלט צונויפגעטראָפן די מעסיקע ליבעראַלע פּאַטערס און די קינדער,
וואָס האָבן נאָך נישט באַוויזן צו ווערן אוממעסיק.

די ליבע צום וואָרט האָט מיך באַגלייט פון מיין פריסטער
יוגנט אָן, דאָ שוואַכער, דאָ שטאַרקער, בכלל אָבער האָט זי זיך כסדר פאַר-
פעסטיקט. שריפטשטעלער, זשורנאַליסטן, אַרטיסטן זענען פאַר מיר
געווען אַ וועלט פול מיט רייץ, אָבער צו דערדאָזיקער וועלט זענען
זוכה נאָר יחידי-סגולה.

אין צווייטן קלאַס איז אונז איינגעפאַלן אַרויסצוגעבן אַ זשור-
נאַל. איך האָב זיך וועגן דעם גאַנץ לאַנג באַראַטן מיט מאָיסיי פּי-
ליפּאָוויטשן, וואָס האָט אַפילו צוגעטראַכט אַ נאָמען: „דער טראָפּן".
דער זין פון דעמדאָזיקן נאָמען איז אייגנטלעך געווען אַזאַ: דער
צווייטער קלאַס פון דער רעאַלשולע פון הייליקן פּאַוועל טראָגט
אַריין זיין טראָפּן אין דעם אוקינוס פון דער ליטעראַטור. אויף דער-
דאָזיקער טעמע האָב איך אָנגעשריבן אַ שיר, וואָס האָט געדאַרפט
דינען פאַר אַ פּראָגראַם-אַרטיקל. עס זענען געווען שירים און דער-
ציילונגען על-פּי-רוב טאַקע מיינע. איינער פון די צייכענער האָט באַ-
פּוצט די הילע מיט אַ קאָמפּליצירטן אָרנאַמענט. עמעצער האָט פאַר-
געלייגט צו ווייזן „דעם טראָפּן" קריזשאַנאָווסקין. דידאָזיקע מיסיע
האָט גענומען אויף זיך דער שילער יו., וואָס האָט געוואוינט ביי
קריזשאַנאָווסקין. ער האָט דערפילט זיין אויפגאַבע מיט גרויס פּאָמ-
פּע: זיך אויפגעהייבן פון אָרט, איז ער צוגעגאַנגען צו דעם לערער-
טיש, מונטער אַוועקגעלייגט דערויף „דעם טראָפּן", העפלעך זיך
פאַרנויגט און מיט מונטערע טריט אַוועק צוריק אויף זיין אָרט. אַלע
זענען ווי פאַרגליווערט געוואָרן. קריזשאַנאָווסקי האָט אַ קוק געטאָן
אויף דער הילע, האָט אַ צי געטאָן מיט די וואָנסן, מיט די ברעמען
און מיט דער באָרד און גענומען לייענען אינדערשטיל. אין קלאַס
איז געווען טויט-שטיל און עס האָט זיך קוים געהערט דער שאָרך
פון די „טראָפּן"-בלעטלעך. דערנאָך איז קריזשאַנאָווסקי אויפגעשטאַנען
און דאָ, פון לערער-טיש, מיט געפיל איבערגעלייענט מיין „ריין
טראָפּנדל". „ס'איז גוט?" האָט ער אַ פרעג געטאָן. „גוט", האָבן
אַלע אין איין קול געענטפערט. „גוט איז עס גוט", האָט קריזשאַ-
נאָווסקי געזאָגט, „אָבער דער מחבר קען נישט קיין פערזן-מאָס. נו,
זאָג נאָר, צי ווייסטו, וואָס ס'איז אַזוינס אַ דאַקטיל"? האָט ער זיך
אָנגערופן צו מיר, דערקענענדיק דעם אויטאָר אונטער דעם גע-

נוג דורכזיכטיקן פסעוודאָנים. „ניין, איך ווייס נישט", האָב איך זיך מודה געווען. „נו, אויב אַזוי, וועל איך עס דערקלערן". אוועק־וואַרפנדיק אויף עטלעכע לעקציעס די גראַמאַטיק און דעם סינטאַקסיס, האָט קריזשאַנאָווסקי דערקלערט די שילער פון צווייטן קלאַס די סודות פון מעטרישע פערזן. „און וואָס איז שייך דעם זשורנאַל", האָט ער זיך צוגעצט אָנגערופן, „איז טאַקע גלייכער, אַז עס זאָל גאָרנישט זיין קיין זשורנאַל און מען דאַרף אויך נישט דעם אוקינוס פון ליטעראַטור, נאָר זאָל דאָס פּראָסט־פּשוט זיין אַ העפט פון אייערע איבונגען". די מעשה איז אָבער דאָס, וואָס די קינדער־זשורנאַלן זענען דעמאָלט געווען פאַרבאָטן. די פראַגע איז אָבער געלייזט געוואָרן גאָר פון אַן אַנדער זייט. דער פרידלעכער גאַנג פון מיינע לימודים האָט זיך פלוצלונג איבערגעריסן. מ'האָט מיך אויסגעשלאָסן פון דער שולע פון הייליקן פּאַוועל.

* * *

פון מיינע קינדעריאָרן אָן האָב איך געהאַט אין לעבן נישט ווייניק קאָנפליקטן, וואָס זענען אַנטשטאַנען, ווי אַ יוריסט וואָלט זיך אויסגעדריקט, אויפן באָדן פון אַ קאַמף פאַר אונטערגעדריקט רעכט. דאָס איז אויך געווען די סיבה, וואָס איך בין מיך נישט זעלטן צונויפגעקומען אָדער זיך פאַנאַנדערגעגאַנגען מיט מיינע חברים. איבערגעבן דאָ איינצלנע עפּיזאָדן וואָלט געווען אַ צו לאַנגער ענין. עס זענען אָבער פאָרגעקומען אין שולע צוויי קאָנפליקטן, וואָס האָבן געטראָגן אַן ערנסטן כאַראַקטער.

דער גרעסטער קאָנפליקט האָט זיך אָפּגעשפּילט אין צווייטן קלאַס מיט ביורנאַנדן, וועלכן מען האָט גערופן פראַנצויז, הגם ער איז גאָר געווען אַ שווייצער. די דייטשע שפּראַך האָט אין שולע אין אַ געוויסער מאָס קאָנקורירט מיט רוסיש. דאַקעגן מיט פראַנצויזיש איז עס צוגעגאַנגען אַ ביסל שווערער. דאָס רוב תּלמידים האָבן זיך אין דער שולע צום ערשטן מאָל באַקענט מיט פראַנצויזיש.

און די דייטשע קאָלאָניסטן האָבן לגמרי נישט געקאָנט איינבייסן
דעמדאָזיקן לשון. ביורנאַנד האָט קעגן די דייטשן געפירט אַ פאַר-
ביטערטן קאַמף. זיין שטענדיקער קרבן איז געווען וואַקער. דער
לעצטער האָט זיך טאַקע שלעכט געלערנט. אָבער דאָסמאָל האָבן
זייער פיל, אויב נישט אַלע, געהאַט דעם איינדרוק, אַז ביורנאַנד
האָט וואַקערן צוגעשטעלט אַ נישט פאַרדינטן איינס. אין יענעם טאָג
האָט ביורנאַנד בכלל אַרויסגעוויזן אַ סך אכזריות און האָט אַפילו
איינגעשלונגען אַ טאָפּעלע פּאָרציע פאַרדייונגס-צוקערלעך.

„לאָמיר אים מאַכן אַ קאָנצערט", האָבן זיך די תלמידים גע-
שושקעט און בעת-מעשה צוגעוואונקען און צוגעשטויסן אייננאַנדער
מיט די עלנבויגנס. איך האָב צווישן זיי פאַרנומען נישט דעם לעצטן
אָרט, אפשר גאָר דעם ערשטן. אַזעלכע קאָנצערטן זענען אויך פריער
איינגעאָרדנט געוואָרן, באַזונדערס לכבוד דעם לערער פון צייכענען,
וואָס קיינער האָט אים נישט ליב געהאַט צוליב זיין אויסטערלישער
טפשות. איינאָרדענען אַ קאָנצערט האָט געהייסן באַגלייטן דעם לערער,
בעת זיין אַוועקגיין, מיט אַ שטילן, איינהייטלעכן ברומען מיט גע-
שלאָסענע ליפּן, כדי מען זאָל נישט באַמערקן, ווער עס באַטייליקט
זיך אין כאָר. אַ פּאָר מאָל האָט מען אויך ביורנאַנדן אויף אַזאַ
מין אופן באַגלייט, אָבער מיט אַ גאַנץ שטילן זשומען, ווייל פאַר אים
האָט מען פשוט מורא געהאַט. דאָסמאָל האָט מען זיך אָבער אָנ-
גענומען מיט מוט. ווי נאָר דער פראַנצויז האָט אַ נעם געטאָן אונ-
טערן אָרעם דעם זשורנאַל, האָט זיך תיכף-ומיד אויף דער לעצטער
זייט אָנגעהייבן אַ וואָיען, וואָס האָט זיך, ווי אַ שטאַרקע כוואַליע
דערקייקלט ביז צו דער באַנק ביי דער טיר. איך, פון מיין זייט,
האָב געטאָן, וואָס איך האָב געקאָנט. ביורנאַנד, וואָס האָט שוין מיט
איין פוס אַריבערגעטרעטן די שוועל, האָט זיך אָבער באַלד אויסגע-
דרייט, אַריינגעלאָפן אינמיטן קלאַס און געבליבן שטיין, אַ גרין-
בלייכער, פנים אל פנים מיט זיינע שונאים, געוואָרפן אַרום זיך מער-
דערישע בליקן, אָבער נישט גערעדט קיין וואָרט. די יינגלעך הינטער
די בענק האָבן געמאַכט אַן אומשולדיקע מינע, דער עיקר יענע,
וואָס זענען געזעסן אין דער ערשטער שורה; די הינטערשטע, ווי-
דער, האָבן זיך געפּאָרעט אין די רוקזעק, פונקט ווי עס וואָלט קיין
זאַך נישט געשען. געשטאַנען אַ ווײַלע, איז ביורנאַנד צולעצט אַוועק-
געלאָפן צו דער טיר מיט אַזאַ אימפּעט, אַז די פּאָלעס פון זיין

פראַק האָבן זיך צעפלאַטערט ווי זעגלען. דאָסמאָל האָט דעם פראַנ־צויז באַגלייט אַן איינהייטלעך באַגייסטערט וואָיען, וואָס האָט אים פאַרפאָלגט ווייט אין קאָרידאָר.

אין אָנהייב פון דער צווייטער לעקציע איז אַריין אין קלאַס ביורנאַנד, שוואַנעבאַך און דער קלאַסן־אויפזעער מאַיער, וועלכן מען האָט אויפן פּשוטן לשון גערופן באָק, פאַר זיינע אויסגעגלאָצטע אויגן, פאַר זיין האַרטן שטערן און פאַר זיין טעמפּקייט. שוואַנעבאַך האָט געהאַלטן אַ מין איינלייטונגס־רעדע און זיך בעת־מעשה שטאַרק באַמיט אויסצומיידן די אונטערוואַסערדיקע ריפן פון די רוסישע צייט־ווערטער און בויגפאַלן. ביורנאַנד האָט געאָטעמט מיט דורשט פון נקמה. מאַיער האָט מיט אויסגעגלאָצטע אויגן אויסגעפאָרשט די פּנימער פון די שילער, אָנגערופן די נעמען פון די באַרימטע שטי־פערס און צוגעוואָרפן: „דו ביזט אוודאי געווען דערביי". אייניקע האָבן אָפּגעלייקנט, אַנדערע האָבן געשוויגן. אַזוי־אַרום האָט מען אי־בערגעלאָזט אין קלאַס „אַן מיטאָג" אַ צען־פופצן יינגלעך, וועמען אויף אַ שעה, וועמען אויף צוויי. די איבעריקע האָט מען אָפּגעע־לאָזט, צווישן זיי אויך מיך, הגם ביורנאַנד האָט ביי דער נאָמען־קאָנטראָלירונג, ווי מיר האָט זיך געדאַכט, מיך גוט אָנגעקוקט מיט אַ פאָרשנדיקן בליק. איך האָב נישט געטאָן קיין שום זאַך פאַר מיין באַפרייונג. אָבער איך האָב אויך נישט דערלאַנגט קיין מסירה אויף מיר. אַוועקגעגאַנגען בין איך פון קלאַס גיכער מיט באַדויערונג, ווייל ס'האָט אויסגעזען צו זיין גאַנץ פריילעך צו פאַרבלייבן מיט די פאַרהאַלטענע שילער.

צומאָרגנס, ווען איך בין אַוועק אין שולע — אין דעם נעכטיקן אינצידענט האָב איך שוין כמעט ווי פאַרגעסן — האָט מיך, ביים טויער באַגעגנט אַ שילער פון דער באַשטראָפטער גרופּע. „הער נאָר אויס", האָט ער געזאָגט, „דו האָסט דאָ אַ גוטע צרה. נעכטן האָט דאַנילאָוו אָנגעמסרט אויף דיר פאַר מאַיערן, מאַיער האָט אַרויסגע־רופן ביורנאַנדן, דערנאָך איז געקומען דער דירעקטאָר און מען האָט נאָכגעפאָרשט, צי דו ביזט נישט געווען דער איניציאַטאָר".

דאָס האַרץ איז מיר געפאַלן. עס איז גראָד אָנגעקומען דער קלאַסן־אויפזעער פּיאָטער פּאַוולאָוויטש. „גייט צום דירעקטאָר", האָט ער געזאָגט. דאָס, וואָס דער אויפזעער האָט מיך אָפּגעוואַרט ביי דער שוועל און אויך דער טאָן, מיט וועלכן ער האָט זיך אָנגערופן צו

מיר, זענען לגמרי נישט געווען קיין גוטע סימנים. געוואָר ווערנדיק
ביי די שווייצאַרן, ווי מען גייט דאָ צום דירעקטאָר, בין איך אַריין
אין אַן אומבאַקאַנטן קאָרידאָר, וואו ס'האָט זיך געפונען דעם די-
רעקטאָרס קאַבינעט, און בין געבליבן שטיין ביי דער טיר. דער
דירעקטאָר איז פאַרבייגעגאַנגען, האָט מיך אָנגעקוקט מיט אַ באַדיי-
טונגספולן בליק און צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ. איך בין געשטאַנען נישט
טויט, נישט לעבעדיק. דער דירעקטאָר איז ווידער אַרויס פון קאַ-
בינעט און נאָר אַ זאָג געטאָן: „גוט, גוט". איך האָב פאַרשטאַנען,
אַז אינדערהאמתן איז עס טאַקע נישט גוט. אין עטלעכע מינוט אַרום
האָבן די לערער אָנגעהייבן אַרויסצוגיין פונם דערבייאיקן לערער-
צימער. דער גרעסטער טייל פון זיי האָט זיך שטאַרק געאיילט אין
די קלאַסן און מיך גאָרנישט באַמערקט. קריזשאַנאָווסקי האָט גע-
ענטפערט אויף מיין גרוס מיט אַ ביטערער מינע, וואָס האָט געזאָלט
זאָגן: „ביזט גוט אַריינגעפאַלן און ס'איז אַפילו אַ רחמנות אויף
דיר, אָבער איך קען דיר גאָרנישט העלפן". פאַרקערט, ביורנאַנד
איז נאָך מיין העפלעכער באַגריסונג צוגעגאַנגען צו מיר גאַנץ נאָנט,
אַריבערגעבויגן איבער מיר זיין בייז בערדל און, צעפּירנדיק מיט
די הענט, געזאָגט: „דער ערשטער שילער פון צווייטן קלאַס איז —
אַ מאָראַלישער קריפּל". נאָכדעם איז ער נאָך אַ ווײַלע געשטאַנען,
האָט מיך אָפּגעגאָסן מיט זיין אומריינעם אָטעם, ווידעראַמאָל גע-
זאָגט: „מאָראַלישער קריפּל", זיך אויסגעדרייט און אַוועקגעגאַנגען.
אין אַ ווײַלע אַרום איז צוגעגאַנגען דער באָק. „אַזאַ פייגל ביזטו",
האָט ער אַ זאָג געטאָן מיט קענטיקער הנאה, „מיר וועלן דיר שוין
ווייזן". און דאָ האָט זיך פאַר מיר אָנגעהייבן אַן אמתע אינקוויזיציע.
אין מיין קלאַס, וואוהין מען האָט מיך נישט אַריינגעלאָזט, זענען
קיין לעקציעס נישט געווען: דאָרט האָט מען געהאַלטן ביי דער
אויספאָרשונג. ביורנאַנד, דער דירעקטאָר, מאַיער, דער אינספּעקטאָר
קאַמינסקי האָבן געשאַפן אַ העכערע אויספאָרשונג-קאָמיסיע וועגן דעם
ענין פון דעם מאָראַלישן קריפּל.

אָנגעהייבן האָט זיך עס, אַפּנים, דערפון, וואָס בעתן פאַר-
בלייבן אין קלאַס האָט איינער פון די שילער געזאָגט מאַיערן:
„מען האָט אונדז אומגערעכט איבערגעלאָזט, — ווער ס'האָט געשריגן,
יענעם האָט מען באַפרייט. ב. האָט געהעצט אַנדערע און אַליין גע-
שריגן, און אים האָט מען געשיקט אַהיים. קאַרלסאָן וויים עס אויך".

„ס׳קאָן נישט זײן״, האָט מאַיער געענטפערט. „ב. איז אַן אָרנטלעכער יינגל״. און קאַרלסאָן, טאַקע דערזעלבער, וואָס האָט מיר געזאָגט, אַז בינעמאַן איז דער קלוגסטער מענטש אין אָדעס, האָט עס באַשטע־טיקט, און מיט אים—אויך די אַנדערע. דאַן האָט מאַיער אַרויסגערופן ביורנאַנדן. עס האָבן זיך אַרויסגערוקט אַ צען־צוועלף יינגלעך מוסרים, וואָס זענען אונטערגעוואַרעמט און אָנגעהעצט געוואָרן פון אויבן און וואָס האָבן אָנגעשטעקט איינאַנדער מיטן אייגענעם ביישפּיל.

פּאַר איינוועגס האָט מען שוין אַלץ דערמאָנט: — אַ שטייגער, פּאַראיאָרן האָט ב. אויפן שפּאַציר געזאָגט דאָס און דאָס אויפן די־רעקטאָר. — ב. האָט דעם און דעם אונטערגעזאָגט. — ב. האָט זיך באַטייליקט אין קאָנצערט פאַר זמיגאָראָדסקין. וואַקער, וואָס צוליב אים האָט זיך אָפּגעשפּילט די גאַנצע געשיכטע, האָט זייער רירנדיק דערציילט: „ווי איר ווייסט, האָב איך דאָך געוויינט, בעת גוסטאַוו סאַמאָילאָוויטש האָט מיר געשטעלט אַן איינס, איז אָבער צו מיר צוגעגאַנגען ב., אַרויפגעלייגט מיר די האַנט אויפן אַקסל און גע־זאָגט: „וויין נישט, וואַקער, מיר וועלן אָנשרייבן צום קוראַטאָר אַזאַ בריוו, אַז ער וועט ביורנאַנדן אַרויסטרייבן״. „צו וועמען שרייבן?״— „צום קוראַטאָר״. — „ס׳קאָן נישט זיין! און וואָס האָסטו געזאָגט דע־רויף״? — „איך האָב, נאַטירלעך, גאָרנישט געזאָגט״. דאַנילאָוו האָט אונטערגעכאַפּט: „יאָ, יאָ, ב. האָט פאָרגעלייגט אָנצושרייבן אַ בריוו צום קוראַטאָר פון קרייז־שולאַמט, אָבער נישט אונטערשרייבן די פאַמיליע־נעמען, וועט מען נישט אויסגעשלאָסן ווערן. יעדער דאַרף נאָר אַריינשרייבן אין בריוו איין אות״. „אַך, אַזוי גאָר״, האָט זיך ביורנאַנד געקאָכט מיט אַ פאַרכאַפּטן אָטעם, „יעדער דאַרף אַריינשרייבן אַן אות?״ מען האָט אויסגעפאָרשט אַלעמען ביז איינעם. אַ טייל יינגלעך האָט אפילו קאַטעגאָריש אָפּגעלייקנט אי דאָס, וואָס ס׳איז נישט געווען, אי דאָס, וואָס ס׳איז געווען. צווישן דידאָזיקע האָט זיך אויך געפונען קאָסטיא ר., וואָס האָט ביטער געוויינט, צוזעענ־דיק, ווי מען דערדריקט זיין בעסטן פריינט, דעם ערשטן שילער. דידאָזיקע פאַרעקשנטע אָפּלייקענער זענען דורך די מוסרים קאָמפּראָ־מיטירט געוואָרן אַלס מיינע פריינט. אין קלאַס האָט געהערשט אַ פּאַניק. די מערהייט האָט האַרטנעקיק געשוויגן. דאַנילאָוו האָט גע־שפּילט אין קלאַס די ערשטע פידל, וואָס ס׳איז אים קיינמאָל נישט געלונגען — נישט פריער, נישט שפּעטער. איך בין געשטאַנען אין

קאָרידאָר לעבן דעם דירעקטאָר-צימער, ביים געלן, פּאָלירטן שאַנק, ווי אַ שווערער מלוכה-פאַרברעכער. אַהין האָט מען אַריינגערופן איינציקווייז די הויפּט-עדות אויף אַ קאָנפראָנטאַציע מיטן באַשול־דיקטן. געענדיקט האָט זיך עס דערמיט, וואָס מען האָט מיך אָפּגע־שיקט אַהיים.

— גייט און זאָגט אייערע עלטערן, אַז זיי זאָלן קומען אין שולע.

— מיינע עלטערן זענען ווייט, אין דאָרף־

— טאָ זאָגט אייערע דערציער.

נאָך נעכטן בין איך געווען דער אומבאַשטרייטבאַרער ערשטער שילער, דער צווייטער איז געשטאַנען אויף אַ וויטן שטח הינטער מיר. אַפילו מאַיערס חשד האָט מיך נישט באַרירט. און היינט בין איך געפאַלן, און דאַנילאָוו, וואָס איז באַרימט מיט זיין פוילקייט און פאַרדאָרבנקייט, טרעט מיך מיט די פיס פאַרן גאַנצן קלאַס און פאַר דער שול-מאַכט. וואָס איז געשען? דאָס, וואָס איך האָב מיך צו ענערגיש אָנגענומען פאַר אַ באַליידיקטן, וואָס איז מיר גע־ווען נישט נאָענט און נישט סימפּאַטיש? דאָס, וואָס איך האָב זיך צופיל פאַרלאָזן אויף דער אחדות פון קלאַס? מיר זענען, איבע־ריקנס, נישט געקראָכן אין קאָפּ אַריין קיין שום פאַראַלגעמיינערונגען, בעת איך בין געגאַנגען צוריק אַהיים איבערן פאָקראָווער געסל. מיט אַן איבערגעשראָקן פּנים, מיט אַן אָפּשטאַרבנדיקן האַרץ, זיך ווערגנ־דיק מיט די ווערטער און טרערן, האָב איך דערציילט מיינע דער־ציער אַלץ, וואָס ס'איז געווען. זיי האָבן מיך געטרייסט ווי ווייט זיי האָבן געקאָנט, הגם זיי זענען אַליין געווען שטאַרק צעשראָקן. פאַני סאָלאָמאָנאָווינאַ איז געגאַנגען צום דירעקטאָר, צום אינספּעקטאָר קריזשאַנאָווסקין, צו יורטשענקאָן, האָט זיך אויסגעשמועסט מיט זיי, געפּרוּווט זיי דערקלערן, איבערצייגן, זיך פאַררופן אויף איר איי־גענער פּעדאַגאָגישער דערפאַרונג. דאָס אַלץ האָט מען געטאָן אָן מיין וויסן. איך בין געזעסן אין מיין ווינקל, דער צוגעקנעפּלטער רוקזאַק איז געלעגן אויפן טיש, איך האָב שטאַרק געבענקט. אַזוי איז אַוועק אַ טאָג נאָך אַ טאָג. מיט וואָס וועט זיך עס ענדיקן? דער דירעקטאָר האָט געזאָגט: מען וועט צונויפרופן דעם פּעדאַגאָגישן ראַט און מען וועט באַטראַכטן די פראַגע אין איר גאַנצן פאַרנעם. דאָך האָט עס געקלונגען ווי אַ דראָונג. די זיצונג איז פאַרגעקומען.

מאַיסיי פּיליפּאָוויטש איז געגאַנגען געוואָר ווערן, וואָס מען האָט באַשלאָסן. איך האָב געוואָרט אויף זיין צוריקקער מיט אַ סך מער צערודערונג, ווי שפּעטער אויפן אורטייל פונעם צאַריסטישן געריכט. די אונטערשטע גאַס־טיר האָט אַ קלאַפּ געטאָן מיט אַ באַקאַנטן קלאַנג, באַקאַנטע טריט האָט זיך געלאָזט הערן אויף די אייזערנע טרעפּ. עס האָט זיך געעפנט די טיר פון עסצימער, און גלייכצייטיק איז פונעם דערבייאיקן צימער אַרויס אַנטקעגן פּאַני סאָלאָמאָנאָוונאַ. איך האָב עטוואָס אונטערגעהייבן מיין פּאָרהאַנג. „אויסגעשלאָסן", האָט מאַיסיי פּיליפּאָוויטש אַ זאָג געטאָן מיט זייער אַ מידן קול. „אויסגעשלאָסן?" האָט פּאַני סאָלאָמאָנאָוונאַ איבערגעפרעגט מיט אַ פאַרכאַפּטן אָטעם. „אויסגעשלאָסן", האָט נאָך שטילער באַשטעטיקט מאַיסיי פּיליפּאָוויטש. איך האָב גאָרנישט געזאָגט. איך האָב אַ קוק געטאָן אויף מאַיסיי פּיליפּאָוויטשן און אויף פּאַני סאָלאָמאָנאָוונען און זיך אויסגעדרייט הינטער מיין פּאָרהאַנג. זומער, בעת די פעריען, האָט פּאַני סאָלאָמאָנאָוונאַ, וועלכע האָט פאַרבראַכט אין יאַנאָווקע, אַזוי פאַרציילט וועגן מיר: „אַז ס'האָט זיך דערהערט דאָס וואָרט „אויסגעשלאָסן", איז ער אינגאַנצן געוואָרן גרין, אַזוי, אַז איך האָב מיך פאַר אים פּשוט געשראָקן". איך האָב נישט געוויינט, איך האָב נאָר שרעקלעך געליטן.

אויפן פּעדאַגאָגישן ראַט איז געגאַנגען אַ קאַמף וועגן דריי מינים אויסשליסונגען: אָן רעכט אַריינצוטרעטן ערגעץ־וואו אין אַן אַנדער לערן־אַנשטאַלט, אָן רעכט אַריינצוטרעטן אין דער רעאַל־שולע פון הייליקן פּאַוועל, און מיט רעכט צוריק אָנגענומען צו ווערן. אָפּגע־שטעלט האָט מען זיך אויף דער לעצטער, דער מילדערער פאָרם. מיט אַ שוידער האָב איך געטראַכט פון דעם, ווי אַזוי דער פאָטער און די מוטער וועלן רעאַגירן אויף דערדאָזיקער געשיכטע. מיינע דערציער האָבן געטאָן אַלץ, וואָס ס'איז נאָר מעגלעך, כּדי צוצו־גרייטן און אָפּצושוואַכן דעמדאָזיקן קלאַפּ. פּאַני סאָלאָמאָנאָוונאַ האָט אָנגעשריבן דער עלטערער שוועסטער אַן אויספירלעכן בריוו מיט אינ־סטרוקציעס, ווי אַזוי צו אינפאָרמירן די עלטערן. ביזן סוף פון שול־יאָר בין איך פאַרבליבן אין אָדעס און נאָכדעם געקומען אויף די פעריען אַהיים, ווי תּמיד. אין די לאַנגע אָוונטן, בעת דער פאָטער און די מוטער האָבן שוין געשלאָפן, האָב איך דערציילט דער שוועס־טער און דעם עלטערן ברודער, ווי אַזוי דאָס איז פאָרגעקומען און

פֿאַרגעשטעלט זיי בילדלעך די שילער און די לערער. ביים ברודער און דער שוועסטער זענען נאָך געווען פֿריש די זכרונות פֿון זייערע שוליאָרן. גלייכצייטיק אָבער האָבן זיי געקוקט אויף מיר, ווי עלטערע. דאָ צוגעשאָקלט מיט די קעפּ, דאָ געלאַכט פֿון מיין שילדערונג. פֿון געלעכטער איז די שוועסטער אַריינגעפֿאַלן אין אַ געוויין, און לאַנג האָט זי געוויינט, פֿאַרנורנדיק דעם קאָפּ אין טיש. מען האָט באַשלאָסן, איך זאָל ערגעץ אַוועקפֿאָרן צו־גאַסט אויף אַ וואָך אָדער צוויי, און אין מיין אָפּוועזנהייט וועט די שוועסטער אַלץ דערציילן דעם פֿאָטער. זי האָט זיך אַליין געשראָקן פֿאַר דערדאָזיקער מיסיע. נאָכן דורכפֿאַל מיטן שטודיום פֿון דעם עלטערן ברודער, האָט זיך דעם פֿאָטערס גאַנצע אַמביציע קאָנצענטרירט אויסשליסלעך אויף מיר. די ערשטע יאָרן איז דאָס לערנען צוגעגאַנגען מיט גרויס דערפֿאָלג, דערנאָך אָבער איז פּלוצלונג אַלץ אַוועק באַרג אַראָפּ...

קומענדיק אין אַ וואָך אַרום אַהיים מיט מיין פֿריינט גרישען, אַן אייניקל פֿון מאָיסיי כאַריטאָנאָוויטש, וואָס זיין רעכטע האַנט האָט זיך געטויגט פֿאַר קאָנצערטן, האָב איך גלייך פֿאַרשטאַנען, אַז מען ווייס שוין פֿון אַלץ. די מוטער האָט זייער פֿריינטלעך באַגעגנט גרישען און געמאַכט אַן אָנשטעל, אַז מיך זעט זי גאָרנישט. דער פֿאָטער אָבער האָט זיך, להיפּך, געהאַלטן אַזוי, ווי עס וואָלט קיין זאַך נישט געשען. נאָר ערשט מיט עטלעכע טעג שפּעטער, אַז ער איז אין אַ הייסן טאָג געקומען פֿון פֿעלד און זיך אָפּגערוט אין דעם קילן פֿאָרהויז, האָט ער מיך פּלוצלונג פֿאַר דער מוטער אין די אויגן אַ פֿרעג געטאָן: „נו, זאָג מיר, ווי אַזוי האָסטו דיין דירעקטאָר אויסגעפֿייפֿט? אָט אַזוי: מיט צוויי פֿינגער אין מויל?" — האָט ער אַליין געוויזן און זיך פּלוצלונג צעלאַכט. שטאַרק פֿאַרחידושט, האָט די מוטער געקוקט דאָ אויף מיר, דאָ אויפֿן פֿאָטער. אויף איר פּנים האָט דער שמייכל געקעמפֿט מיטן כּעס: צי קאָן מען אַזוי לייכט רעדן וועגן אַזעלכע שרעקלעכע זאַכן? אָבער דער פֿאָטער האָט מיך ווייטער אויסגעפֿרעגט: „ווייז, ווי אַזוי האָסטו געפֿייפֿט?" — און אַלץ מיט מער שמחה געלאַכט. ווי דאָס האָט אים נישט געקרענקט, איז אים דאָך, קענטיק, געווען געפֿעלן דער געדאַנק, אַז זיין יורש, הגם דער ערשטער שילער אין קלאַס, האָט געהאַט די עזה אויסצופֿייפֿן די הויכע באַאַמטע. אומזיסט האָב איך אים אַלץ פֿאַרזיכערט, אַז

קיינער האָט בכלל נישט געפּייפט, נאָר מען האָט בלויז פּריילעך און אומשולדיק געוואָיעט... דער פּאָטער האָט זיך אָבער אַלץ געהאַלטן ביים פּייפן. די סצענע האָט זיך געענדיקט דערמיט, וואָס די מוטער האָט זיך צעוויינט.

צו די עקזאַמענס האָב איך מיך דעם זומער כּמעט נישט גע־גרייט. דאָס, וואָס עס האָט פּאַסירט, האָט מיר צייטווייליק צוגענומען דעם חשק צום לערנען. איך האָב פאַרבראַכט אַן אומרואיקן זומער, אין כּסדרדיקע קריגערייען און צאַנקערייען, און קיין אָדעס האָב איך מיך אומגעקערט מיט אַ צוויי וואָכן פאַר די עקזאַמענס. אָבער אויך דאָ האָב איך מיך שוואַך געלערנט. באַזונדערס פלייסיק האָב איך זיך געגרייט צום עקזאַמען פון פראַנצויזיש. אָבער אויפן עקזאַמען האָט זיך ביורנאַנד באַגרענעצט בלויז מיט עטלעכע נישט וויכטיקע פראַגן. אַנדערע האָבן געפּרעגט נאָך ווייניקער. מען האָט מיך צוגענומען אין דריטן קלאַס. דאָרט האָב איך געפונען ס׳רוב יענע שילער, וואָס האָבן מיך פאַרראַטן, פאַרטיידיקט אָדער זיך געהאַלטן אָן אַ זייט. דאָס האָט אויף אַ לאַנגער צייט באַשטימט די פּערזענלעכע באַציונגען. מיט אַ סך פון זיי האָב איך נישט גערעדט און זיך אַפילו נישט געגריסט. מיט די אָבער, וואָס האָבן מיך אין די שווערע מאָ־מענטן אונטערגעהאַלטן, בין איך געוואָרן זייער נאָענט.

אָט אַזוי האָט אין אַ געוויסער מאָס אויסגעזען מיין ערשטער פּאָליטישער נסיון. די גרופּירונגען, וואָס האָבן זיך געשאַפן אַרום דעמדאָזיקן עפּיזאָד: רכילותניקעס און נישט פאַרגינער אויף איין פּאָל, אָפענע, מוטיקע ייִנגלעך אויפן צווייטן פּאָל, און אַ נייטראַלע שוואַכע וואַקלדיקע מאַסע אינמיטן — דידאָזיקע דריי גרופּירונגען האָבן זיך אויך אין די שפּעטערדיקע יאָרן פולשטענדיק נישט אויפגעהערט. אין מיין ווייטערדיקן לעבן האָב איך זיי נישט איינמאָל באַ־געגנט אין פאַרשיידענע אומשטענדן.

* * *

דער שנײ איז נאָך נישט אַראָפּגעפּירט געוואָרן פון די גאַסן — אָבער עס איז שוין געווען וואַרעם. דעכער, בײמער און ווערבײטשיקעס האָבן שוין געאָטעמט מיט פרילינג. דער שילער פון פערטן קלאַס איז געגאַנגען אַהײם, האַלטנדיק אין האַנט, אויף צו להכעיס די אַלע כּללים, דעם רימען פון רוקזאַק, ווײל עס האָט זיך אָפּגעריסן דער האַטשעק. דעם לאַנגן מאַנטל האָט ער געשפּירט ווי עפּעס אַן איבעריקע, אומנוציקע, שווערע זאַך, פון וועלכער דאָס לײב האָט זיך באַדעקט מיט אַ שווײס. צוזאַמען מיטן שווײס האָט ער אויך געשפּירט עפּעס אַן אומבאַשטימטע בענקשאַפט. דאָס ײנגל האָט אויף זײן שטײגער דערזען אַלץ אַרום און קודם־כּל זיך גופא אין אַ נײעם ליכט. די פרילינגס־זון האָט אים דערמאָנט, אַז ס'איז פאַראַן עפּעס אַזוינס, וואָס איז גאָר אָן אַ פאַרגלײך מעכטיקער, ווי די שולע, ווי דער אינספּעקטאָר און ווי דער רוקזאַק, וואָס זיצט נישט ווי געהעריק אויפן רוקן, ווי דאָס לערנען, ווי דער שאַך, ווי די מיטאָגן, אַפילו ווי דאָס לײענען און דאָס טעאַטער, ווי בכלל דאָס גאַנצע טאָג־טעגלעכע לעבן. און אַ בענקעניש נאָכן דאָזיקן אומבאַקאַנטן, באַפעלערישן, וואָס דערהײבט זיך איבערן אײנצעלנעם מענטשן, האָט פאַרכאַפּט דעם ײנגלס מהות ביזן מאַרך פון די בײנער און אַרויסגערופן אַ זיסן ווײטיק פון אויסשעפּונג.

אַהײם איז ער געקומען מיט אַ זשומענדיקן קאָפּ, מיט אַ קרענקלעכער מוזיק אין די שלײפן, אַ וואָרף געטאָן דעם רוקזאַק אויפן טיש, זיך אַוועקגעלײגט אין בעט און גאָר אומבאַמערקט פאַר זיך — צעווײנט זיך אין קישן אַרײן. כּדי צו געפינען אַ פאַרענטפערונג פאַר די טרערן, האָט ער אָנגעהײבן אַרויסצורופן אין זכרון טרויעריקע סצענעס פון די ביכער און פון זײן אײגענעם לעבן, פּונקט ווי ער וואָלט צוגעוואָרפן צום פײער פרישן ברען־מאַטעריאַל, און האָט געווײנט, געווײנט מיט טרערן פון פרילינגס־בענקשאַפט. אַלט איז ער דאַן געווען נישט קײן גאַנצע פערצן יאָר.

פון זײנע קינדעריאָרן אָן האָט דאָס ײנגל געליטן אויף אַ קראַנקהײט, וואָס איז אין די אָפיציעלע פאַפּירן באַצײכנט געוואָרן פון די דאָקטוירים אַלס כראָנישער קאַטאַר פון מאָגן און געדערם

און וואָס האָט זיך ענג צוזאַמענגעפלאָכטן מיט זיין גאַנצן לעבן. גאַנץ אָפט איז אים אויסגעקומען צו נעמען רפואות אין צו זיין אויף אַ דיעטע. יעדע נערוועזע אויפרעגונג האָט זיך כמעט שטענדיק אָפּגערופן אויף די געדערם. אין פערטן קלאַס האָט זיך די קראַנק-הייט אַזוי פאַרשאַרפט, אַז זי האָט פּאַראַליזירט דאָס לייענען. נאָך אַ לאַנגער, אָבער אומנוצלעכער קוראַציע האָבן די דאָקטוירים אַרויס-געזאָגט זייער אורטייל: אַרויסצושיקן דעם קראַנקן אין דאָרף.

דעם אורטייל פון די דאָקטוירים האָב איך אויפגענומען אין יענעם מאָמענט גיכער מיט צופרידנהייט, איידער מיט עגמת-נפש. מען האָט נאָך אָבער געדאַרפט אויסקעמפן דעם הסכם פון די עלטערן. מען האָט געמוזט אויסגעפונען אין דאָרף אַ רעפּעטיטאָר, כדי נישט צו פאַרלירן דעם שוליאָר. דאָס האָט געהייסן איבעריקע הוצאות, און קיין איבעריקע הוצאות האָט מען אין יאַנאָווקע נישט ליב געהאַט. אָבער אַ דאַנק דער הילף פון מאַיסיי פיליפּאָוויטשן איז דער ענין סוף-כל-סוף דורכגעפירט געוואָרן. אַ רעפּעטיטאָר האָט מען געפונען אין דער פּערזאָן פון דעם געוועזענעם סטודענט ג., אַ קליין מענטשל מיט אַ גרויסאַרטיקער שעוועליורע, וואָס איז אָבער ביי די שלייפן אַריינגעפאַלן אין אַ גאָר נישקשהדיקער גרויקייט. דאָס איז געווען אַ מענטש אַ ביסעלע אַ באַרימערישער, אַ ביסעלע אַ פאַנ-טאַסטישער, אַ באַרעדעוודיקער און כאַראַקטערלאָזער, מיט האַלבער אוניווערזיטעט-בילדונג, פון דער קאַטעגאָריע „שלים-מזלס". ער האָט געשריבן שירים און צוויי פון זיי אַפילו אָפּגעדרוקט אין אָדעסער צייטונג. ביידע נומערן פון דער צייטונג האָט ער שטענדיק געהאַלטן ביי זיך און זייער גערן זיי געוויזן. זיין באַציונג צו מיר איז געווען נישט קיין אויסגעהאַלטענע, מיט אַ שטענדיקער טענדענץ זיך צו פאַרערגערן. לכתחילה איז ג. געוואָרן מיט מיר זייער פאַמיליאַר, אונטערשטרייכנדיק ביי יעדער געלעגנהייט, אַז ער וויל ווערן מיין פריינט. צו דעם צוועק האָט ער מיר געוויזן דאָס בילד פון עפּעס אַ קלאַווידיע און דערציילט וועגן זיינע קאָמפּליצירטע באַציונגען צו איר. דערנאָך אָבער האָט ער זיך פּלוצלונג גענומען צוריקציען און געפאָדערט פון מיר דרך-ארץ, ווי פון אַ תּלמיד צום לערער. געענ-דיקט האָט זיך דערדאָזיקער אַבסורד שלעכט: מען האָט זיך שטאַרק צעקריגט און זיך אינגאַנצן פאַנאַנדערגעגאַנגען. אָבער אויך דער עפּיזאָד מיטן רעפּעטיטאָר האָט איבערגעלאָזט אַ געוויסן שפּור. ווי

דאָס איז, האָט מיר דערדאָזיקער מענטש מיט די גרויסע שלייפן אָנפאַרטרויט די סודות וועגן זיין באַציונג צו אַ פרוי, וואָס האָט אויפן בילד אויסגעזען זייער אימפּאָזאַנט. איך האָב זיך געפילט ווי אַ מער דערוואַקסענער מענטש.

אין די העכערע קלאַסן איז דער לימוד וועגן ליטעראַטור איבערגעגאַנגען פון קריזשאַנאָווסקין צו גאַמאָוון. דאָס איז נאָך געווען אַ יונגער, פּוכקער, זייער קורצזיכטיקער און קרענקלעכער בלאָנדין, אָן אַ שום פּייערל און אָן ליבע צו זיין קעגנשטאַנד. אָן שום מוט האָבן מיר זיך אים נאָכגעשלעפּט, ביי זיינע לעקציעס, פון קאַפּיטל צו קאַפּיטל. דערצו איז נאָך גאַמאָוו געווען נישט קיין פּינקטלעכער, און אונזערע שריפטלעכע אַרבעטן, וועלכע ער האָט געדאַרפט דורכקוקן, זענען ביי אים געלעגן חדשים-לאַנג. אין פינפטן קלאַס זענען געווען אָבליגאַטאָריש פיר שריפטלעכע „אויפזאַצן.” צו זיי האָב איך געפילט עפּעס אַ ליידנשאַפט, וואָס האָט געהאַלטן אין איין וואַקסן. איך האָב געליינט נישט בלויז די מקורים, וואָס דער לערער האָט אָנגעוויזן, נאָר אויך אַ גאַנצע ריי אַנדערע ביכער, נאָטירט פאַקטן און ציטאַטן, אומגעענדערט און באַנוצט פרעמדע אויסדרוקן, וואָס זענען מיר געפעלן געוואָרן, געאַרבעט בכלל מיט גרויס ברען, און נישט תמיד געבליבן שטיין אויף דער גרענעץ פון אומשולדיקן פּלאַגיאַט. עס זענען געווען נאָך עטלעכע שילער, וואָס האָבן זיך נישט באַצויגן צו די אויפזאַצן, ווי צו אַן אומאַנגענעמער לאַסט. מיט גרויס היץ — יענע אומרואיק, די מיט האָפענונג — האָט דער פינפטער קלאַס געוואַרט אויף דער אָפּשאַצונג פון זיינע אַרבעטן. די אָפּשאַצונג איז אָבער נישט געקומען. דאָסזעלבע האָט זיך אויך איבערגעחזרט אין צווייטן פערטל יאָר. צו דעם דריטן פערטל יאָר האָב איך דערלאַנגט אַלס אויפזאַץ אַ גאַנצן העפט. ס'איז אַוועק אַ וואָך, צוויי, דריי — וועגן אונזער אַרבעט איז, ווי אַלעמאָל, אין קול ואין עונה. פּאָרזיכטיק האָט מען גאַמאָוון דערמאָנט. ער האָט געענטפערט מיט אַן אויסמיידנדיקער פראַזע. אויף דער צווייטער לעקציע האָט יאַבלאָנאָווסקי, אויך איינער פון די ליידנשאַפטלעכע מחברים, הארב אַ פרעג געטאָן גאַמאָוון: מיט וואָס דערקלערט זיך דאָס, וואָס מיר קענען זיך בשום אופן נישט דערוויסן וועגן דעם גורל פון אונזערע שריפטלעכע אַרבעטן, און וואָס אייגנטלעך קומט מיט זיי פאָר? גאַמאָוו האָט אים שאַרף אָפּגעהאַקט. יאַבלאָנאָווסקי האָט זיך אָבער נישט אונטערגעגעבן.

פאַרציענדיק זיינע אַזוי אויך געדיכט צונויפגעוואַקסענע ברעמען, האָט ער אָנגעהייבן נערוועיש צו צופּן דאָס אויבערשטע ברעטל פון דער באַנק און מיט אַ העכערן קול איבערגעחזרט, אַז אויף אַזאַ אופן איז אוממעגלעך צו אַרבעטן. „איך לייג אייך פאָר, איר זאָלט בעסער שווייגן און זיך אָוועקזעצן," האָט געענטפערט גאַמאָוו. יאַבלאָנאָווסקי האָט זיך אָבער נישט אַנידערגעזעצט און נישט געשוויגן. „זייט אַזוי גוט און טראָגט זיך אַרויס פון קלאַס", האָט גאַמאָוו אויף אים גע-שריגן. מיין באַציונג צו יאַבלאָנאָווסקין איז שוין לאַנג קאַליע גע-וואָרן. די געשיכטע מיט ביורנאַנדן אין צווייטן קלאַס האָט מיך אויס-געלערנט צו זיין פאָרזיכטיקער. אָבער איצט האָב איך געפילט, אַז איך טאָר נישט שווייגן. „אַנטאָן מיכאַליאָוויטש", האָב איך מיך אָנגערופן, „יאַבלאָנאָווסקי איז גערעכט, מיר אַלע האַלטן מיט אים..." „ריכטיק", האָבן זיך דערהערט קולות. גאַמאָוו האָט זיך לכתחילה פאַרלוירן, נאָכדעם אָבער איז ער אַריינגעפאַלן אין גרויס גרימצאָרן. וואָס איז עס עפּעס אַזוינס?" האָט ער זיך צעשריען נישט מיט זיין קול. „איך ווייס אַליין ווען און וואָס איך האָב צו טאָן... איר קענט מיר נישט באַפעלן. איר שטערט נאָר די אָרדענונג..." מיר האָבן אָנגעטראָפן אויף זיין קראַנקן אָרט.

— מיר ווילן זען אונזערע אויפזאַצן, נישט מער, — האָט זיך אויפגעהייבן אַ דריטער.

גאַמאָוו איז געווען אויסער זיך. „יאַבלאָנאָווסקי, אַרויס פון קלאַס". יאַבלאָנאָווסקי האָט זיך נישט גערירט פון אָרט. — „אָבער גיי, גיי, וואָס אַרט עס דיר," — האָט מען אים אונטערגעזאָגט איי-דערשטיל פון אַלע זייטן. יאַבלאָנאָווסקי האָט גענומען צוקן מיט די אַקסלען, דרייען מיט די אויגן-ווייסלען אויפן טונקעלן פּנים, און קלאַפּנדיק מיט די שיך, איז ער אַרויס פון קלאַס און בעת-מעשה מיטן גאַנצן כּוח אַ טראַסקע געטאָן מיט דער טיר. צום אָנהייב פון דער צווייטער לעקציע איז קאַמינסקי שטיל אַריינגעפאָרן אין קלאַס אויף זיינע גומי-פאַדעשוועס. דאָס איז גאָרנישט געווען קיין גוטער סימן. תּיכף-ומיד איז געוואָרן שטיל. מיט אַ הייזעריקן פאַלצעט, ווי ער וואָלט גע-ווען אַ ביסל בגילופין, האָט דער דירעקטאָר געמאַכט אַ קורצע, אָבער שטרענגע התראה, געדראָט מיט אויסשליסן פון שולע און געמאָלדן די שטראָף: יאַבלאָנאָווסקין אין קאַרצער אויף פיר און צוואַנציק שעה מיט אַ דריי פאַר אויפפירונג, מיך אויף פיר און צוואַנציק שעה, און

דעם דריטן פון די פּראָטעסטאַנטן אויף צוועלף שעה. אַזוי האָט אויס־געזען דער צווייטער גרוב אויף מיין וועג פון לערנען. צו קיין ערנסטערע פאָלגן איז עס דאַסמאָל נישט געקומען. אונזערע אויפ־זאַצן האָט אונז גאַמאָוו, נאַטירלעך, נישט אָפּגעגעבן. מיר האָבן אויף זיי אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט.

אין דעמזעלבן יאָר איז געשטאָרבן דער צאַר. דאָס געשעעניש האָט אויסגעזען צו זיין אומגעהייער, שיער נישט אומגלויבלעך, אָבער ווייט, ווי אַ מין ערדציטערניש אין אַ פרעמדן לאַנד. מיטלייד צום קראַנקן צאַר, סימפּאַטיעס פאַר אים אָדער עגמת-נפש צוליב זיין טויט האָב איך נישט געשפּירט און נישט די אַרומיקע. אַז איך בין צו־מאָרגנס געקומען אין שולע, האָט דאָרט געהערשט עפּעס אַ מין גרויסע משוגנה-ווילדע פּאַניק. — „דער צאַר איז געשטאָרבן," האָבן די תּלמידים דערציילט איינער דעם צווייטן און נישט געוואוסט וואָס צוצוגעבן, נישט געפונען דעם געהעריקן אויסדרוק פאַר זייער געפיל, ווייל זיי האָבן נישט געוואוסט, וואָס דאָס איז אייגנטלעך פאַר אַ גע־פיל. דערפאַר האָט מען אָבער געוואוסט, אַז עס וועלן נישט זיין קיין לעקציעס, און אינדערשטיל זיך געפרייט, באַזונדערס די-יעניקע, וואָס האָבן נישט צוגעגרייט זייערע לעקציעס און האָבן מורא געהאַט, מען זאָל זיי נישט אַרויסרופן צום טאָוול. אַלע געקומענע שילער האָט דער שווייצאַר משלח געווען אין גרויסן זאַל אַריין, וואו מען האָט זיך מכין געווען צו דער הזכרה. אַ פּאָפּ מיט גאָלדענע ברילן אויף דער נאָז האָט געזאָגט עטלעכע פּאַסנדיקע ווערטער: קינדער טרויערן, ווען עס שטאַרבט זיי דער פאָטער, הייגט אַ פּשיטא שוין, ווי גרויס דאַרף זיין דער טרויער, ווען עס שטאַרבט דער פאָטער פון אַ גאַנצן פאָלק. קיין טרויער איז אָבער כלל נישט געווען. די הזכרה האָט זיך פאַרצויגן. עס איז געווען לאַנגווייליק און ס'האָט איינגע־מידט. אַלעמען האָט מען געהייסן אָנטייען אויפן לינקן אַרבל אַ טרויער־באַנד און באַדעקן מיט קרעפּ דעם הערב אויפן היטל. ווייטער איז אַלץ אַוועק אויפן אַלטן שטייגער.

אין פינפטן קלאַס האָבן שוין די שילער געשמועסט וועגן די הויכשולן און וועגן דעם, וואָס מען זאָל זיך אויסקלויבן אין לעבן. עס איז פיל געשמועסט געוואָרן וועגן די קאָנקורס-עקזאַמענס, וועגן דעם, ווי די פּעטערבורגער פּראָפעסאָרן האַלטן אין איין שניידן, שטעלן אומגעקומפּערטע פראַגן, און פאַראַן אַפילו אַזעלכע פּעטער־

בורגער ספעציאַליסטן, וואָס קענען צעמישן די רעיונות ביי די עקזאַמענירנדיקע. צווישן די יונגעלייט זענען געווען אַזעלכע, וואָס זענען יאָר־יערלעך געפאָרן קיין פעטערבורג, זענען דאָרט דורכגעפאַלן, אָבער ווידער זיך געגרייט און ווידער דורכגעפאַלן.ביים געדאַנק וועגן דידאַקטישע פאַרשטייענדיקע נסיונות איז ביי אַנדערע אָפּגעשטאָרבן דאָס האַרץ נאָך מיט צוויי יאָר פאַר דער צייט.

דער זעקסטער קלאַס איז אַריבער אָן אוואַנטורעס. יעדערער האָט געוואָלט וואָס גיכער זיך באַפרייען פונם שול־יאָך. די מאַטורע־עקזאַמענס האָבן געטראָגן אַ פייערלעכן כאַראַקטער: זיי זענען פאַרגעקומען אינם אַקט־זאַל מיטן אָנטייל פון אוניווערזיטעט־פּראָפעסאָרן, וואָס זענען געשיקט געוואָרן פונם קרייז־שולאַמט. דער דירעקטאָר האָט יעדעס מאָל פייערלעך געעפנט דעם פּאַקעט, וואָס מען האָט צוגעשיקט פון קוראַטאָר און וואָס האָט אַנטהאַלטן די טעמע פון דער שריפטלעכער אַרבעט. נאָכדעם, ווי זי איז פאַרגעלייענט געוואָרן, האָט זיך דערהערט אַן אַלגעמיינער קרעכץ פון פחד, פונקט ווי מען וואָלט אַלע פאַראַמאָל אַרונטערגעטונקען אין קאַלט וואַסער. ביי דער נערוועזער שפּאַנונג האָט זיך געדאַכט, אַז די גאַנצע אויפגאַבע איז בכלל נישט צוגעפּאַסט צו די כוחות. באַלד האָט זיך אָבער אַרויסגעוויזן, אַז ס'איז גאָרנישט אַזוי שרעקלעך. צום סוף פון די באַשטימטע צוויי שעה האָבן אונז די לערער צוגעהאָלפן אָפּצונאַרן די וואַכזאַמקייט פונם קרייז־שולאַמט. אַז איך בין פאַרטיק געוואָרן מיט מיין אַרבעט, האָב איך זי נישט אָפּגעגעבן, נאָר לויט אַ שטומען אָפּמאַך מיטן אינספּעקטאָר קריזשאַנאָווסקי, געבליבן אין זאַל און געפירט אַ לעבעדיקע קאָרעספּאָנדענץ מיט די שילער, וואָס ביי זיי איז מיט דעמדאָזיקן ענין נישט געווען אַזוי פריילעך.

דער זיבעטער קלאַס האָט געגאָלטן אַלס דערגאַנצונגס־קלאַס. די שולע פון הייליקן פּאַוועל האָט קיין זיבעטן קלאַס נישט געהאַט,— האָט מען דעריבער געמוזט איבערגיין אין אַן אַנדער שולע. אין דעם בין־הזמנים זענען מיר דערוויילע געווען פרייע בירגער. אויף דעם פאַל האָט זיך יעדער צוגעגרייט ציוויל־קליידער. אין דעם טאָג, ווען מיר האָבן באַקומען די באַשייניקונגען, זענען מיר שוין, אַ גרויסע גרופּע, אין אָוונט געזעסן אין זומערגאָרטן, וואו שאַנסאָנעטקעס האָבן געזונגען אויף דער עסטראַדע און וואו דער צוטריט פאַר אַ שילער איז געווען שטרענג פאַרבאָטן. אַלע האָבן געטראָגן

קראַוואַטן, אויפן טיש זענען געשטאַנען צוויי פלעשער ביר, אין מויל האָבן געשטעקט פּאַפּיראָסן. אין האַרצן האָבן מיר זיך אַליין געשראָקן פאַר אונזער דרייסקייט. מיר האָבן קוים באַוויזן צו עפענען די ערשטע פלאַש, ווי ביי אונזער טיש איז אויסגעוואַקסן דער קלאַסן-אויפזעער ווילהעלם, וואָס האָט געהייסן ציג צוליב זיין מעקעדיקער שטימע. מיר האָבן געמאַכט אַן אינסטינקטיווע באַוועגונג אויפצושטיין, און ביי אַלעמען האָט זיך אָפּגעריסן אין האַרצן. ס'איז אָבער אַריבער רואיק. „איר זענט שוין דאָ?" האָט ווילהעלם אַ פרעג געטאָן מיט עפּעס אַן אומעטיקלעכן טאָן און האָט אונז גיטיקס געדריקט די הענט. דער עלטסטער צווישן אונז ק., מיט אַ רינג אויפן קליינעם פינגער, האָט פאַמיליאַר איינגעלאַדן דעם אויפזעער צו טרינקען מיט אונז אַ גלאָז ביר. דאָס איז שוין געווען צופיל. ווילהעלם האָט זיך מיט ווירדע אָפּגעזאָגט, געשווינט זיך אָפּגעזעגנט מיט אונז און זיך אַוועק-געקאָזט זוכן יענע שילער, וואָס האָבן אַריבערגעטרעטן די פאַרבאָטענע שוועל פון דעמדאָזיקן גאָרטן. מיט אַ טאָפּעלן זעלבסט-באַוואוסטזיין האָבן מיר זיך אַ נעם געטאָן צו די גלעזער ביר.

אין די זיבן יאָר, וואָס איך האָב פאַרבראַכט אין דער רעאַל-שולע, אָנגעהייבן פון דער פאָרשולע, זענען אויך געווען גוטע מאָמענטן. דידאָזיקע מאָמענטן זענען אָבער געווען נישט אַזוי אָנ-זעעוודיק, ווי די ליידן. בכלל טראָגט די דערינערונג פון דער שולע, אויב נישט קיין שוואַרצע, איז אַ גרויע פאַרב. איבער אַלע שול-עפּיזאָדן, די שמערצלעכע, ווי די פריידיקע, האָט געהערשט אַ רעזשים פון ענגהאַרציקייט און ביוראָקראַטישן פאָרמאַליזם. ס'איז שווער אָנ-צורופן כאָטש איין לערער, וועלכן איך זאָל באמת קאָנען דערמאַנען מיט ליבע. און דאָך איז אונזער שולע נאָך נישט געווען די ערגסטע. עפּעס האָט זי מיך דאָך אויסגעלערנט: זי האָט מיר געגעבן די עלעמענטאַרע קענטענישן, די געוויינהייט צו סיסטעמאַטישער אַרבעט און די אויסערלעכע דיסציפּלין. דאָס אַלץ איז שפּעטער צוניץ געקומען. חוצדעם, האָט זי, אויף צו להכעיס איר דירעקטער באַ-שטימונג, פאַרזייט אין מיר די זוימען פון פיינטשאַפט צו דעם, וואָס עס עקזיסטירט. דידאָזיקע זוימען זענען, לכל-הדעות, נישט געפאַלן אויף אַ שטיינערדיקן באָדן.

פינפטער קאַפּיטל

דאָרף און שטאָט

אין דאָרף האָב איך פאַרבראַכט אָן הפסקות די ערשטע נײַן יאָר פון מײַן לעבן. אין פאַרלויף פון די ווײַטערדיקע זיבן יאָר בין איך יאָר־יערלעך געקומען אַהער אויף זומער, אָפּטמאָל אויך אויף ווײַנאַכט און אויף פּסח. כּמעט ביז אַכצן יאָר בין איך געווען ענג פאַרבונדן מיט יאַנאָווקע און מיט אַלץ אַרום איר. אין די ערשטע קינדעריאָרן איז די השפּעה פון דאָרף געווען זייער שטאַרק. אין דעם שפּעטערדיקן פּעריאָד האָט זי געקעמפט מיט דער ווירקונג פון דער שטאָט און זיך צוריקגעצויגן פאַר איר אויף דער גאַנצער ליניע.

דאָס דאָרף האָט מיך באַקענט מיט דער דאָרפישער באַלעבאַטישקייט, מיט דער מיל, מיט דער אַמעריקאַנישער סנאָפּעס־בינד־מאַשין. דאָס דאָרף האָט מיך דערנענטערט מיט די פּויערים, סײַ מיט די אָרטיקע און סײַ מיט יענע, וואָס פלעגן קומען צופאָרן אין מיל, און סײַ מיט די גאָר ווײַטע, פון די אוקראַינישע גובערניעס, וואָס זענען געקומען אויף אַרבעט מיט קאָסעס און טאָרבעס אויף די פּלייצעס. אַ סך איז פונם דאָרפישן לעבן שפּעטער ווי פאַרגעסן געוואָרן, אַרויסגעפאַלן פון זכּרון, אָבער ביי יעדער ווענדונג פון לעבן איז אַרויסגעשוואומען דאָס אָדער יענץ און אין געוויסע פאַלן מיטגעהאָלפן.

דאָס דאָרף האָט מיר אין דער נאַטור געוויזן די טיפן פון פאַראָרעמטן אַדל און קאַפּיטאַליסטישער עשירות. עס האָט אַנטפּלעקט

פאַר מיר אַ סך זייטן פון די מענטשלעכע באַציונגען אין זייער נאַטירלעכער גראָבקייט און דערמיט געגעבן דייטלעכער צו פילן דעם צווייטן טיף פון דער קולטור, דעם שטאָטישן, דעם העכערן, אָבער אויך דעם מער סתּירותדיקן.

שוין די ערשטע פעריען האָבן אין מיין באַוואוסטזיין אַוועקגעשטעלט די שטאָט און דאָס דאָרף אויף אַ קאָנפראָנטאַציע. איך בין געפאָרן אַהיים מיט דער גרעסטער אומגעדולד. דאָס האַרץ האָט געשפרונגען פון שמחה. איך האָב זיך געריסן אַלעמען ווידער צו זען און זיך אַליין צו ווייזן. אין נאָווי בוג האָט מיך אָפּגעוואַרט דער פאָטער. איך האָב אים געוויזן מיינע „פינפן," האָב אים דערציילט, אַז איך בין שוין אין ערשטן קלאַס און מוז אומבאַדינגט האָבן אַ גאַלאַ־אוניפאָרם. מיר זענען געפאָרן ביינאַכט אין אַ גרויסן פורגאָן, אויף דעם אָרט פונם אָנטרייבער איז געזעסן אַ יונגער הויף־אָנגעשטעלטער. אין סטעפּ, באַזונדערס אויף די בעלקעס*), האָט געצויגן אַ פייכטע קאַלטקייט, און מען האָט מיך איינגעוויקלט אין אַ גרויסן פּילצענעם מאַנטל. פאַרשיכּורטע פון דער נייער סביבה, פון פאָרן, פון זכרונות און איינדרוקן, האָב איך אָן אַן אויפהער דערציילט: וועגן דער שולע, וועגן דער באָד, וועגן מיין נייעם חבר קאָסטיאַ ר., וועגן טעאַטער. איך האָב קיין איין מינוט נישט געשוויגן, פריער האָב איך איבערגעגעבן דעם גאַנצן אינהאַלט פון „נאַזאַר סטאָדאָלאַ" און נאָכדעם דעם „שכן מיטן טרומייטער." דער פאָטער האָט זיך צוגעהערט, פון צייט צו צייט צוגעדרעמלט, זיך באַלד דערויף אַ כאַפּ געטאָן און צעפרידן געלאַכט. דער יונגער אָנגעשטעלטער האָט עפּטער צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ, זיך צוגעקוקט צום פאָטער, ווי ער וואָלט געוואָלט זאָגן: „שוין איינמאָל אַ מעשה!" באַגינען האָב איך איינגעשלאָפן און זיך אויפגעכאַפּט אין יאַנאָווקע. דאָס הויז האָט מיר אויסגעזען געוואַלדיק קליין, דאָס דאָרפישע ווייצן־ברויט גרוי און דער גאַנצער דאָרפישער שטייגער — אי אייגן, אי פרעמד. איך האָב דערציילט דער מוטער און די שוועסטער פון טעאַטער, אָבער שוין נישט מיט אַזאַ התלהבות ווי ביינאַכט דעם פאָטער. אין וואַרשטאַט האָב איך געפונען וויטיען און דודן כמעט נישט צו דערקענען. זיי זענען זייער אויסגעוואַקסן, געוואָרן געזונט און שטאַרק. אָבער אויך

*) בעלקעס — אויסגעטריקנטע טײַך־שטחים אין סטעפּ.

איך האָב מיך שטאַרק פאַרענדערט אין זייערע אויגן. זיי האָבן מיר פּלוצלונג אָנגעהייבן זאָגן איר. איך האָב פּראָטעסטירט.

— נו, ווי דען אַנדערש?—האָט דער טונקלהויטיקער, מאָגערער און שטילער דוד געענטפערט. — איצט זענט איר דאָך אַ געלערנטער.

איוואַן וואַסיליעוויטש האָט פאַר דער צייט חתונה געהאַט. די אַרבעטער-קיך, לעבן דעם וואַרשטאַט, האָט מען איבערגעמאַכט פאַר אים אויף אַ וואוינונג, און די קיך איבערגעטראָגן אין אַ נייעם ליים-הייזל, הינטערן וואַרשטאַט.

אָבער נישט דערין האָט זיך עס געהאַנדלט. צווישן מיר און דעם, מיט וואָס ס'איז געווען פאַרבונדן מיין קינדהייט, האָט זיך אַוועקגעשטעלט עפּעס אַזוינס, וואָס איז געווען גאָר ניי. אַלץ איז געווען אי דאָס, אי נישט דאָס. זאַכן און מענטשן האָבן אויס-געזען ווי פאַרטוישט. נאַטירלעך, האָבן זיך אין פאַרלויף פון יאָר אַ סך זאַכן באמת געענדערט. אָבער אַ סך מער האָט זיך געענדערט מיין אויג. פון אָט דעם ערשטן מאָל, וואָס איך בין געקומען קיין יאַנאָווקע, האָט זיך אָנגעהייבן אַרויסצווייזן אַ מין פרעמדקייט צווישן מיר און מיין פאַמיליע, לכתחילה אין קליינינקייטן, און מיט יאָרן — אַלץ ערנסטער און טיפער.

די צווייפאַכע השפעה, וואָס איז געגאַנגען אי פון שטאָט, אי פון דאָרף, האָט באַפאַרבט דעם גאַנצן פעריאָד פון מיינע ערשטע שוליאָרן. אין שטאָט האָב איך מיך געשפירט אומפאַרגלייכלעך געזעצטער אין דער באַציונג צו מענטשן, און חוץ איינצלנע, נאָר דערפאַר שטורמישע קאָנפליקטן, ווי, למשל, מיטן לערער פון פראַנצויז אָדער מיטן לערער פון ליטעראַטור, בין איך געוויינלעך רואיק געגאַנגען אין שפאַן פון דער פאַמיליע- און שול-דיסציפּלין. די סיבה דערפון איז נישט געווען בלויז דער לעבנס-שטייגער אין דער פאַמיליע שפּענצער, וואו ס'האָבן געהערשט פאַרנונפטיקע פּאַדערונגען און פאַרהעלטעניש-מעסיק הויכע קריטעריומס פון פערזענלעכע באַציונגען, נאָר אויך דער שטאָטישער לעבנס-שטייגער בכלל. אמת, דאָ זענען די סתירות לגמרי נישט געווען קלענער, ווי אין דאָרף, פאַרקערט, אפשר נאָך גרעסער, אָבער אין שטאָט זענען זיי געווען מער פאַרדעקט, אויסגעבעסערט און רעגלאַמענטירט. מענטשן פון פאַרשיידענע קלאַסן זענען דאָ גע-קומען אין באַרירונג נאָר אין געשעפטלעכע ענינים, דערנאָך אָבער האָט מען איינער פאַרן אַנדערן מער נישט עקזיסטירט. אין דאָרף

אָבער זענען אַלע געווען אויפֿן אויג, די קנעכטישע אָפּהענגיקייט פֿון איין מענטשן לגבי דעם צווייטן האָט דאָ אַרויסגעטאַרטשעט, ווי די פּרוזשינעס פֿון אַן אַלטן דיוואַן. איך דאַרף בין איך שוין נישט גע-ווען אַזוי מיושבדיק, ווי אין שטאָט, און אין דאַרף האָב איך אויך געהאַט מער חשק זיך אַרומצוקריגן. אַפּילו מיט פֿאַני סאָלאָמאָנאָווענען, אַז זי איז געווען ביי אונז אין דאַרף צו גאַסט און האָט גאַנץ פֿאַר-זיכטיק אָנגענומען דער מוטערס אָדער דער שוועסטערס צד, האָב האָב איך מיך נישט איינמאָל אַרומגעקריגט און איר גאַנץ גראָב געענטפֿערט, בעת אין שטאָט זענען מיינע באַציִונגען צו איר געווען תּמיד גוטע און אַפּילו צאַרטע. קאָנפֿליקטן פֿלעגן אַמאָל אַרויסקומען צוליב נאַרישקייטן. אָפֿטמאָל אָבער האָבן זיי באַזירט אויף וויכטיקע סיבות.

איך טראָג אַ פֿריש אויסגעוואַשענעם לייוונטענעם אָנצוג, אַ לעדערנעם פּאַסעק מיט אַ מעשענעם בלעכל, אויפֿן ווייסן היטל—אַ געלער הערב, וואָס גלאַנצט אויף דער זון — ממש אַ גדולה. דאָס מוז מען אַלעמען ווייזן. פֿאַר איך אַרויס מיטן פֿאָטער אין פֿעלד, אין רעכטן ברעג פֿון ווינטערווייץ-שניט. דער עלטסטער שניטער, אַרכיפּ, אַן אָנגעברוגזטער און צוגלייך אַ ווייכער מענטש, גייט דער ערשטער איבערן בערגל, און הינטער אים 11 שניטער און 12 סנאָ-פּעס-בינדערינס. צוועלף קאָסעס שניידן די ווינטערווייץ און די לופֿט איז אַן אָנגעגליטע. אַרכיפּ טראָגט אונטערהויזן, צוגעשפּיליעט אויף איין האָרן-קנעפּל. די סנאָפּעס-בינדערינס טראָגן צעריסענע קליידלעך, אָדער בלויז גרויע-לייוונטענע העמדער. עס דאַכט זיך פֿונדערווייטנס, אַז דער קלאַנג פֿון די קאָסעס איז דער קלאַנג פֿון דער גרויסער היץ.

„נו, גיב נאָר אַהער”, זאָגט דער פֿאָטער, „לאָמיר אויך פּרואוון, ווי זעט אויס דאָס ווינטער-שטרוי...” נעמט ער ביי אַרכיפּן די קאָסע און שטעלט זיך אַוועק אויף זיין אָרט. איך קוק מיך צו מיט אַ פֿאַרצאַפּלטן האַרץ. דער פֿאָטער מאַכט פּשוטע היימישע באַוועגונגען, ווי ער וואָלט גאָרנישט געאַרבעט, נאָר זיך ערשט גרייטן צו דער אַרבעט, און זיינע טריט זענען לייכטע, פּרואוונדיקע, ווי ער וואָלט געזוכט אַן אָרט, וואו זיך ערשט רעכט אַ נעם טאָן מיט אַלע כּוחות צו דער אַרבעט. די קאָסע גייט ביי אים גלאַט פֿון דער האַנט, נישט גאָר כוואַטיש, אַפּילו נישט גאַנץ זיכער, אָבער ער קאָשעט נידעריק-נידעריק, גלייך-גלייך — ראַזירט און וועק לייגט אַוועק דאָס אָפּגעקאָשעטע

מיט איין קלאַפּ, ווי אַ גלייכע לענטע ביי דער יינקער האַנט. אַרכיפּ קוקט זיך צו מיט איין אויג, רעדט נישט קיין וואָרט, אָבער מען זעט באַלד, אַז די אַרבעט געפעלט אים. די איבעריקע קוקן יעדער אויף זיין שטייגער. מאַנכע פּלומרשט מיט סימפּאַטיע: דער באַלעבאָס קען די מלאכה. אַנדערע, ווידער, קוקן זיך צו קאַלט: ס'איז אים גוט צו קאָשען זיין אייגנס און דאָס נאָר בלויז לפנים. איך קען עס אַפילו נישט איבערגעבן געגוי מיט ווערטער, אַזוי ווי עס איז. דאָך אָבער פיל איך שאַרף די קאָמפּליצירטע מעכאַניק פון די באַציונגען. נאָכדעם, ווי דער פאָטער גייט איבער אויף אַן אַנדער טייל פעלד, נעם איך מיך אַליין צו דער קאָסע.

— פאַרכאַפּט דאָס שטרוי מיטן שאַרף, מיטן שאַרף, דעם שפּיץ אָבער לאָזט פריי, דריקט נישט צו.

פון גרויס היץ באַנעם איך אַפילו נישט, וואו איז ער, דער דאָזיקער שאַרף, און ביי דעם דריטן שניט קריכט דער שפּיץ אַריין אין דער ערד.

— עהע, אַזוי וועט די קאָסע לאַנג נישט לעבן ביי אייך, —זאָגט אַרכיפּ, —לערנט זיך פריער אַ ביסל ביים פאָטער.

איך שפּיר אויף זיך די חוזקדיקע אויגן פון דער טונקלהויטיקער און פאַרשטויבטער סנאָפּעס-בינדערין און טראָג מיך אָפּ געשווינט פון די שניטער-שורות מיט מיין הערב אויפן היטל, פון אונטער וועלכן עס רינט מיר דער שוויס.

„ניי בעסער צו דער מאַמען לעקעך עסן”, — הער איך הינטער מיין רוקן מוטוזאָקס חוזקדיקע שטימע. איך קען דעמדאָזיקן שניטער, וואָס איז שוואַרץ, ווי אַ שטיוול: ער אַרבעט אין יאַנאָווקע דאָס דריטע יאָר, שטאַמט פון דער קאָלאָניע, אַ יונג מיט ביינער, רעדט תמיד מיט חוצפה, און פאַראַיאָרן האָט ער אומישנע אין מיין קעגנוואָרט געוערעדט שאַרפע דיבורים וועגן די באַלעבאַטים און דווקא געטראָפן אין פינטל. מוטוזאַק געפעלט מיר אַפילו מיט זיין געשיקטקייט און מוט, אָבער אין דערזעלבער צייט דערוועקט ער אין מיר אַ הילפלאָזן האַס פאַר זיין חוצפהדיקן חוזק. עס ווילט זיך מיר זאָגן עפּעס אַזוינס, אַז איך זאָל קענען איבערציען מוטוזאָקן אויף מיין זייט, אָדער, פאַרקערט, צווינגען אים צו שווייגן מעשה באַלעבאָס, אָבער איך געפין נישט דעם ריכטיקן אויסדרוק.

און קום איך צוריק פון פעלד, דערזע איך ביי דער שוועל פון

אונזער הויז אַ בּאַרוועסע פרוי. זי זיצט לעבן שטיין, אָנגעשפּאַרט אָן וואַנט, זי האָט נישט דעם מוט צו זיצן אויפן שטיין, — דאָס איז די מוטער פון דעם האַלב-משוגענעם פּאַסטוך איגנאַטקע. זי איז געקומען פאַר זיבן וויאָרסט נאָך אַ רובל. קיינער איז אָבער נישטאָ אין שטוב און קיינער קען איר נישט געבן דעם רובל. זי וועט אַזוי זיצן און וואַרטן ביזן אָוונט. עפּעס קלעמט מיר דאָס האַרץ, קוקנדיק אויף דערדאָזיקער פיגור, וואָס שטעלט מיט זיך פאַר די פאַרקערפּערונג פון אָרעמקייט און הכנעה.

אין אַ יאָר אַרום איז נישט געוואָרן בעסער, פּונקט פאַרקערט. קומענדיק אַהיים פון קראָקעט-שפּיל, טרעף איך אויפן הויף דעם פאָטער, וואָס איז נאָר וואָס געקומען פון פעלד, אַ מידער און אַן אויפגערעגטער, באַדעקט אינגאַנצן מיט שטויב, און הינטער אים קריכט אַ געשטופּלטער פּויער מיט באָרוועסע פיס און שוואַרצע ליטקעס. „גיט מיר אָפּ די בהמה, ווי גאָט איז אייך ליב", בעט ער זיך מיט תּחנונים און שווערט מיט אַלע שבועות, אַז מער וועט ער זי נישט לאָזן אין תּבואה. און דער פאָטער ענטפערט: „דיין קו פרעסט אויף פאַר צען קאָפּיקעס און שאָדן מאַכט זי פאַר צען רובל". דער פּויער חזרט אָבער כּסדר דאָס זייניקע, און אין זיינע תּחנונים שפּירט זיך האַס. דידאָזיקע סצענע האָט מיך אַדורכגענומען דורך און דורך, ביזן מאַרך פון די ביינער. די קראָקעט-שטימונג, וואָס איך האָב גע-בראַכט פון שפּילפּלאַץ צווישן די באַרנבוימער, וואו איך האָב מיט גרויס נצחון צעקלאַפּט מיינע שוועסטער, האָט זיך באַלד פאַרוואַנדלט אין אַ פּיינלעכער פאַרצווייפלונג. איך האָב מיך אַדורכגעשוואַרצט פאַרביי מיין פאָטער, זיך אַריינגעקריגן אין שלאָפצימער, אַ פּאַל גע-טאָן מיטן פּנים אין בעט און ביטער געוויינט, נישט געקוקט אויף מיין בילעט פון צווייטן קלאַס. דער פאָטער איז דורכן פאָרהויז אַריין אין עסשטוב, און הינטער אים איז ביז דער שוועל נאָכגעקראָכן דאָס פּויערל. עס האָבן זיך געהערט קולות, דערנאָך איז דער פּויער אַוועק. די מוטער איז געקומען פון מיל, איך האָב דערקענט איר שטים, געהערט ווי מען האָט דערלאַנגט צום טיש די טעלער, ווי די מוטער האָט מיך גערופן... איך האָב זיך אָבער נישט אָפּגערופן און—געוויינט. די טרערן האָבן סוף-כּל-סוף באַקומען אַ ליימזעליקן טעם. די טיר האָט זיך געעפנט, און די מוטער האָט זיך אָנגעבויגט צו מיר:

— וואָס איז מיט דיר, ליאָוועטשקע? — איך האָב נישט גע־ענטפערט. די מוטער האָט זיך געשושקעט מיטן פאָטער.

— דו וויינסט צוליב דעמדאָזיקן פויער? מען האָט אים דאָך די קו אָפּגעגעבן צוריק און מען האָט אים אויך נישט באַשטראָפט מיט געלט.

— איך וויין גאָרנישט צוליב דעם, — האָב איך געענטפערט פון קישן אַרויס און בעת־מעשה זיך פיינלעך געשעמט מיט דער סיבה פון מיינע טרערן.

— און מען האָט דאָך אים אויך נישט באַשטראָפט מיט געלט,— האָט די מאַמע אַלץ געטענהט.

דאָס האָט דער פאָטער זיך אָנגעשטויסן אויף דער סיבה פון מיין פיינלעכער איבערלעבונג און האָט עס געזאָגט דער מוטער. פאַרבייגייענדיק, מיט איין שאַרפן בליק, האָט ער אַ סך זאַכן באַמערקט.

איינמאָל איז אין דער אָפּוועזנהייט פון באַלעבאָס אָנגעפאָרן דער אוריאַדניק, אַ מענטש אַ גראָבער, אַ גיריקער, אַ חוצפּהדיקער, און האָט געפאָדערט די פּעסער פון די אַרבעטער. ער האָט געפונען צוויי פּעסער, וואָס זייער טערמין האָט זיך שוין געענדיקט. ער האָט באַלד אַרויסגערופן די צוויי אַרבעטער פון פעלד, האָט זיי דער־קלערט, אַז זיי זענען אַרעסטירט און אַז זיי וועלן אָפּגעשיקט ווערן מיטן עטאַפּ אַהיים. איינער איז געווען אַ זקן מיט טיפע קנייטשן אויפן ברוינעם האַלז, דער צווייטער אַ יונגער, דעם אַלטנס אַ פּלי־מעניק. זיי האָבן זיך אַ וואָרף געטאָן אין פאָרהויז מיט די אויסגעדאַרטע קני אויף דער ליימענער פּאָדלאָגע, פריער דער אַלטער, נאָך אים דער יונגער, געבויגן די קעפּ צו דער ערד און האָבן אַלץ געחזרט: „האָט רחמנות, מאַכט אונז נישט אומגליקלעך". דער גופיקער און פאַרשוויצטער אוריאַדניק האָט זיך געשפּילט מיטן שווערד, געזופּט דאָס קאַלטע מילך, וואָס מען האָט אים עקסטרע אַרויפגעבראַכט פון קעלער, און געענטפערט די פויערים: „איך האָב רחמנות נאָר אום יום־טוב, היינט איז אַ וואָכעדיקער טאָג". איך בין געזעסן ווי אויף הייסע קוילן און מיט אַן אָפּגעהאַקטן קול אַרויסגעזאָגט אַ פּאָר פראַ־טעסטירנדיקע ווערטער. „צו אייך, יונגערמאַן, באַלאַנגט עס גאָרנישט", האָט דער אוריאַדניק שאַרף און שטרענג אונטערגעשטראָכן, און די

עלטערע שוועסטער האָט מיר פון ווייטן צוגעוואונקען אומרואיק מיטן פינגער. די אַרבעטער האָט דער אוריאַדניק אַרעסטירט.

בעת די פעריען האָב איך געאַרבעט אַלס בוכהאַלטער, דאָס הייסט אַמאָל מיט דעם עלטערן ברודער, אַמאָל מיט דער עלטערער שוועס־טער, איינגעשריבן אין בוך די נעמען פון די די אָנגעדונגענע אַרבע־טער, דעם אָפּמאַך מיט זיי און די אויסצאָלונגען מיט פּראָדוקטן אָדער מזומנים. בעת דער אויסצאָלונג האָב איך אָפטמאָל דעם פאָטער צוגעהאָלפן ביי דער אַרבעט, און דאָ פלעגן אָפטער פאָרקומען צווישן אונז קאָנפליקטן, וואָס פלעגן אָבער לאַנג נישט אָנהאַלטן צוליב דער אָנוועזנהייט פון די אַרבעטער. ביי די אויסצאָלונגען האָט מען די אַרבעטער קיינמאָל נישט באַשווינדלט, אָבער די פונקטן פונם אָפּמאַך זענען תמיד האַרב אויסגעטייטשט געוואָרן. די אַרבעטער, באַזונדערס די עלטערע, האָבן גלייך באַמערקט, אַז דאָס יינגל איז אויף זייער זייט, און דעם פאָטער האָט עס אויפגערעגט.

נאָך שאַרפע קאָנפליקטן פלעג איך אַוועקגיין פון שטוב מיט אַ בוך אין דער האַנט און פלעג טיילמאָל נישט קומען צום מיטאָג. איינמאָל, נאָך אַזאַ שאַרפער מחלוקת, האָט מיך פאַרכאַפּט אין פעלד אַ שטורם: עס האָט געדונערט אָן אַן אויפהער, דער סטעפּ־רעגן האָט געגאָסן ווי מיט צעבערס, די בליצן האָבן ווי געצילט דווקא אין מיר דאָ פון איין זייט, דאָ פון אַ צווייטער. איך האָב אַרומגעשפּאַנט אַהין און צוריק, נאַס ווי אַ האָן, אין קוויטשעדיקע שיך און אין אַ היטל, וואָס איז אַוודאַי געווען ענלעך צו אַ רער פון אַ וואַסערליי־טונג, וואָס פליוכעט מיט וואַסער. אַז איך בין געקומען אַהיים, האָבן אַלע געקוקט קרום אויף מיר און נישט גערעדט קיין וואָרט. די שוועסטער האָט מיר דערלאַנגט וועש און עסן.

נאָך די פעריען פלעג איך געווייַנלעך פאָרן צוריק מיטן פאָטער. און אַז מען האָט זיך געדאַרפט איבערזעצן פון איין צוג אין אַ צווייטן, האָט מען קיין טרעגער נישט גענומען. די זאַכן האָט מען אַליין געטראָגן. דער פאָטער האָט גענומען די שווערערע פעקלעך, און פון זיין רוקן און די אויסגעשטרעקטע אָרעמס האָב איך געזען, אַז ס׳איז אים שווער. מיר איז געווען אַ רחמנות אויפן פאָטער, און איך האָב זיך באַמיט צו טראָגן, וואָס איך האָב נאָר געקאָנט. אַז מיר האָבן אָבער געהאַט אַ גרויסן קאַסטן מיט דאָרפישע מתנות פאַר די אָדעסער קרובים, האָט מען שוין גענומען אַ טרעגער. געצאָלט

האָט דער פאָטער קנאַפּלעך, דער טרעגער פלעגט זיין אומצופרידן און האָט בייז געשאָקלט מיטן קאָפּ. איך האָב עס תמיד זייער פיינלעך איבערגעלעבט. אַז איך בין געפאָרן אַליין און האָב געמוזט נעמען אַ טרעגער, האָב איך באַלד געמאַכט אַ תּכלית פון מיין קליינגעלט. איך האָב זיך שטענדיק געשראָקן, אַז איך גיב צו ווייניק און אומרואיק געקוקט דעם טרעגער אין די אויגן. דאָס איז געווען די רעאַקציע פאַר דער קמצנות פון אונזער הויז, און זי איז מיר פאַרבליבן אויף מיין גאַנץ לעבן.

סיי אין דאָרף, סיי אין שטאָט האָב איך געלעבט אין אַ קליינבירגערלעכער סביבה, וואו די כוחות זענען דער עיקר אָנגעווענדט געוואָרן אויף אָנצולעבן אַ פאַרמעגן. אויף דערדאָזיקער ליניע בין איך אָפּגעשטויסן געוואָרן אי פון דאָרף — פון מיין פריסטער קינדהייט, אי פון שטאָט — פון מיינע שוליאָרן. די אינסטינקטן זיך אָנצולעבן, דער קליינבירגערלעכער לעבנס-שטייגער און די וועלטבאַנעמונג—פון זיי האָב איך מיך אָוועקגעקערט דורך אַ שאַרפן שטויס און אָוועקגעקערט אויפן גאַנצן לעבן.

אויפן רעליגיעזן און נאַציאָנאַלן געביט איז צווישן דער שטאָט און דאָרף נישט געווען קיין שום סתירות; פון פאַרשיידענע זייטן האָבן זיי, פאַרקערט, איינאַנדער דערגאַנצט. קיין פרומקייט האָט אין אונזער פאַמיליע נישט עקזיסטירט. תּחילת האָט זיך נאָך די פרומקייט לפנים געהאַלטן מיטן כוח פון אינערציע: אויף די גרויסע ימים-טובים פלעגן די עלטערן פאָרן אין דער שול פון דער קאָלאָניע, שבת האָט די מאַמע נישט געניייט, ווייניקסטנס בפרהסיה. אָבער אויך דידאָזיקע ריטועלע פרומקייט איז מיט דער צייט שוואַכער געוואָרן, אויף וויפל עס זענען אונטערגעוואַקסן געוואָרן די קינדער און צוזאַמען מיט זיי אויך די עשירות פון דער פאַמיליע. דער פאָטער האָט נישט געגלויבט אין גאָט נאָך פון די יונגע יאָרן אָן און שפּעטער, אַז ער איז עלטער געוואָרן, האָט ער שוין גערעדט פון דעם גאַנץ אָפן פאַר דער מוטער און די קינדער. די מוטער האָט זיך באַמיט דידאָזיקע פראַגע אויסצומיידן, און ביי אַ פּאַסנדיקער געלעגנהייט פלעגט זי אויפהייבן די אויגן צום הימל.

אַז איך בין אַלט געווען זיבן-אַכט יאָר, האָט נאָך דער גלויבן אין גאָט, לכל-הדעות, אָפיציעל געגאָלטן אַלס זעלבסטפאַרשטענדלעך. איינמאָל האָט אַ גאַסט, פאַר וועלכן די עלטערן האָבן, ווי געוויינלעך

זיך באַרימט מיט זייער זון און געזעגנענדיק מיר צו ווייזן מיינע צייכענונגען און צו דעקלאַמירן שירים, מיך אַ פרעג געטאָן:

— נו, און וואָס איז אַזוינס גאָט?

— גאָט, — האָב איך געענטפערט אָן שום קווענקלעניש, — דאָס איז אַ מענטש.

אָבער דער גאַסט האָט אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ: ניין, גאָט איז נישט קיין מענטש.

— היינט וואָס איז אַזוינס גאָט? — האָב איך, פון מיין זייט, אַ פרעג געטאָן, ווייל אויסער מענטשן האָב איך נאָר געקענט חיות און גע־וויקסן. דער גאַסט, דער פאָטער און די מוטער האָבן זיך איבערגע־קוקט מיט אַ מטושטשן שמייכל, ווי עס טרעפט געוויינלעך מיט דערוואַקסענע, בעת די קינדער הייבן אָן צו טרייסלען די אומדער־שיטערלעכע אַלגעמיינע באַגריפן.

— גאָט — דאָס איז אַ גייסט, — האָט דער גאַסט געזאָגט. איצט האָב איך שוין מיט אַ מטושטשן שמייכל געקוקט אויף די דערוואַקסענע, כדי איבערצולייענען אויף זייערע פּנימער, צי טרייבן זיי נישט מיט מיר קיין קאַטאָוועס. אָבער ניין, קיין שפּאַס איז עס נישט געווען. איך האָב מיך געמוטשט אונטערגעבן. באַלד האָב איך זיך דערצו צו־געוויינט, אַז גאָט איז אַ גייסט. ווי עס שיקט זיך מיט אַ קליינעם פּרא־אדם, האָב איך גאָט פאַרבונדן מיט מיין אייגענעם „גייסט", אָנרופנדיק אים נשמה, און איך האָב שוין געוואוסט, אַז דער גייסט, דאָס הייסט דאָס אָטעמען, הערט אויף מיטן טויט. דעמאָלט אָבער האָב איך נאָך נישט געוואוסט, אַז דידאָזיקע תורה הייסט אַנימיזם.

בעת מיינע ערשטע פּעריען פלעג איך מיך אַריינלאָזן אין אַ שמועס וועגן גאָט מיטן סטודענט ז., וואָס איז געווען אין יאַנאָוווקע צו גאַסט. דאָס פלעגט פּאַרקומען אַקוראַט דעמאָלט, ווען איך פלעג מיך לייגן שלאָפן אויף דער קושעטקע און ער אויפן דיוואַן. אין דער עקזיסטענץ פון גאָט האָב איך אין יענער צייט יאָ געגלויבט און נישט געגלויבט, בכלל דערמיט זיך ווייניק אָפּגעגעבן, דאָך אָבער האָב איך געוואָלט געפינען אַ דעפיניטיווע לייזונג פון דער פראַגע.

— און וואו קומט אַהין די נשמה נאָכן טויט? — האָב איך גע־פרעגט, אַראָפּבויגנדיק דעם קאָפּ צום קישן. — „און וואו קומט זי אַהין, בעת דער מענטש שלאָפט?" — איז געווען דער ענטפער. — „נו, דעמאָלט איז דאָך..." האָב איך איינגעווענדט, קעמפנדיק מיטן שלאָף. —

„און וואו קומט אַהין די נשמה פון אַ פערד, ווען עס פּגרט אַוועק?" האָט מיך ז. אַטאַקירט. דערדאָזיקער ענטפער האָט מיך לחלוטין באַפרידיקט, און איך האָב רואיק איינגעשלאָפן.

אין דער פאַמיליע שפּענצער איז פון פרומקייט קיין זכר נישט געווען, אויב מען זאָל נישט רעכענען די אַלטע מומע, וואָס איז אָבער נישט געקומען אין באַטראַכט. דער פאָטער האָט דאָך געוואָלט, אַז איך זאָל קענען תּנ"ך אין אָריגינאַל. דאָס איז געווען איינער פון די פּונקטן פון זיין פּאָטערלעכער אַמביציע, און אין אָדעס האָב איך געלערנט תּנ"ך ביי אַ גרויסן אַלטן למדן. געלערנט האָב איך אינ־גאַנצן עטלעכע חדשים, און די תּנ"ך־לעקציעס האָבן נישט פאַר־שטאַרקט אין מיר דעם גלויבן פון די אבות. אויפכאַפּנדיק אין דעם רבי'ס ווערטער עפּעס אַ צווייפעלהאַפטיקייט בנוגע דעם טעקסט, וואָס מיר האָבן געלערנט, האָב איך פאָרזיכטיק און דיפּלאָמאַטיש געפרעגט: „אויב מיר זאָלן אָננעמען, ווי דאָס זאָגן אַנדערע, אַז ס'איז נישטאָ קיין גאָט, היינט ווי אַזוי איז אַנטשטאַנען די וועלט?"

— הם, — האָט דער רבי געענטפערט, — איר קאָנט דאָך דידאָ־זיקע פראַגע שטעלן ווען אים אַליין אויך. — אַט ווי שאַרפזיניק דער אַלטער האָט זיך אויסגעדריקט. ס'איז מיר קלאָר געוואָרן, אַז מיין מדריך גלויבט נישט אין גאָט, און איך האָב זיך אינגאַנצן באַ־רואיקט.

די תּלמידים אין רעאַלשולע האָבן געהערט צו פאַרשיידענע אומות און אמונות. דעם למוד פון רעליגיע האָבן דעריבער געפירט די פאָרשטייער פון די פאַרשיידענע רעליגיעס: ביי די פּראַוואָ־סלאַווגע — אַ פּאָפּ, ביי די פּראָטעסטאַנטן — אַ פּאַסטאָר, ביי די קאַ־טאָליקן—אַ קסיאָנדז, און ביי די יידן—אַ רעליגיע־לערער. דער פּאָפּ, וואָס איז געווען דעם אַרכיערייס אַ פּלימעניק, און ווי מען האָט געשמועסט, אַ גרויסער תּקיף ביי דאַמען, איז געווען אַ יונגער בלאָנ־דיק, אויסערגעוויינלעך שיין, מיט אַ קריסטוס־פּנים, אָבער אין סאַלאָן־סטיל, מיט גאָלדענע ברילן און געדיכטע גאָלדבלאָנדע האָר, — בכלל אַ געשטאַלט פון אומדערטרעגלעכער שיינקייט. פאַר דער לעק־ציע פון רעליגיע פלעגן זיך די תּלמידים פאַנאַנדערטיילן. די אַנ־דערש־גלויביקע האָבן געמוזט אַרויסגיין פון קלאַס, אָפטמאָל סאַמע אונטער דער נאָז פון פּאָפּ. ער האָט דערביי תּמיד געמאַכט עפּעס אַ מאָדנע מינע, קוקנדיק אויף די אַרויסגייענדיקע מיט אַן אויסדרוק

פֿון פֿאַראַכטונג, וואָס איז דאָך עטוואָס אויסגעווייכט געוואָרן פֿון דער עכט קריסטלעכער נאָכגיביקייט. „וואוהין לויפֿט איר?״ פֿלעגט ער אַ פֿרעג טאָן עמעצן פֿון די אַרויסגייענדיקע. „מיר זענען קאַטאָליקן״, — האָט יענער געענטפֿערט. „אַ, קאַטאָליקן״, פֿלעגט ער איבערחזרן, שאָקלענדיק מיטן קאָפּ, „אַזוי, אַזוי, אַזוי... און איר?״ — „מיר זענען יידן״... „יידעלעך, יידעלעך, אַזוי, אַזוי, אַזוי״... צו די קאַטאָליקן פֿלעגט זיך אַריינגנבענען דער קסיאָנדז, ווי אַ שוואַרצער שאָטן, תּמיד הארט ביי דער וואַנט, און פּונקט אַזוי אומבאַמערקט פֿאַר-שווינדן, אַזוי, אַז פֿאַר די אַלע יאָרן איז מיר נישט געלונגען צו זען זיין ראַזירט פּנים. אַ גוטמוטיקער מענטש, וואָס האָט געהייסן ציגעלמאַן, האָט געלערנט מיט די יידישע שילער תּנ״ך אויף רוסיש און די געשיכטע פֿון יידישן פֿאָלק. דעמדאָזיקן לימוד האָט אָבער קיינער נישט גענומען ערנסט.

דער נאַציאָנאַלער מאָמענט האָט אין מיין פּסיכאָלאָגיע נישט פֿאַרנומען קיין זעלבסטשטענדיקן אָרט, ווייל אין טאָג-טעגלעכן לעבן האָב איך אים גאַנץ ווייניק געשפּירט. נאָך די אויסנאַמס-געזעצן פֿון יאָר 1881 האָט מיין פֿאָטער, אמת, נישט געקאָנט מער צוקויפֿן קיין באָדן, צו וואָס ער האָט אַזוי שטאַרק געשטרעבט, און האָט אים נאָר געקענט אַרענדירן אונטער עפּעס אַ מאַסקע. אָבער מיך האָט עס אַלץ ווייניק באַרירט. אַלס זון פֿון אַ פֿאַרמעגלעכן גוטבאַזיצער האָב איך גיכער געהערט צו די פּריווילעגירטע, ווי צו די אונטערגעדריקטע. די שפּראַך פֿון דער פֿאַמיליע און פֿון הויף איז געווען רוסיש-אוקראַיניש. בשעת איך האָב געדאַרפֿט אַריינטרעטן אין שולע, האָט, אמת, פֿאַר יידן עקזיסטירט אַ פּראָצענט-נאָרמע, צוליב וועלכער איך האָב פֿאַרלאָרן אַ יאָר. אָבער ווייטער בין איך כּסדר געגאַנגען אַלס ערשטער שילער און די נאָרמע דירעקט נישט געשפּירט. קיין אָפֿענע נאַציאָנאַלע העצע איז אין שולע נישט געווען. דערצו האָט אין אַ געוויסער מאָס געשטערט די נאַציאָנאַלע פֿאַרשיידנפֿאַרביקייט נישט בלויז פֿון די שילער, נאָר אויך פֿון די לערער. אַ פֿאַרבאָרגענער שאָוויניזם האָט זיך אָבער יאָ געשפּירט און פֿון צייט צו צייט פֿלעגט ער זיך אויך אַרויסווייזן אָפֿן. דער היסטאָריקער ליובימאָוו פֿלעגט באַזונדערס ליידנשאַפֿטלעך אויספֿרעגן אַ פּוילישן שילער וועגן די רדיפֿות פֿון די פּראַוואָסלאַוונע דורך די פּאָליאַקן אין ווייסרוסלאַנד און ליטע. מיצקעוויטש, אַ טונקלהויטיק, מאָגער יינגל, איז גע-

שטאַנען אַ גרינער פון אויפרעגונג, מיט פאַרביסענע ציין און האָט נישט געענטפערט קיין איין וואָרט. „נו, וואָס שווייגט איר?״ האָט אים ליובימאָוו געמינטערט מיט עפּעס אַ תאווהדיקער הנאה. „וואָס זשע שווייגט איר?״ איינער פון די שילער האָט אפילו נישט אויסגעהאַלטן: „מיצקעוויטש איז דאָך אַליין אַ פּאָליאַק און אַ קאַטאָליק". „אַ... אַ...״ האָט ליובימאָוו אַרויסגעזאָגט מיט אַ פאַלשער פאַרוואונדערונג, „אָבער מיר מאַכן דאָך נישט קיין שום אונטערשייד״...

מיט דערזעלבער שאַרפקייט האָב איך געשפּירט די פאַרמאַס־קירטע געמיינהייטן פונם היסטאָריקער ליובימאָוו בנוגע די פּאָליאַקן, ווי די בייזוויליקע אויפרעגונג פונם פראַנצויז ביורנאַנד קעגן די דייטשן און דעם פּאָפּס שאָקלען מיטן קאָפּ לגבי די „יידעלעך״. די נאַציאָנאַלע אומגלייכהייט האָט, משמעות, געדינט אַלס איינער פון די פאַרבאָרגענע שטויסן צו דער אומצופרידנהייט מיט דער עקזיסטירנ־דיקער אָרדענונג, אָבער דערדאָזיקער מאָטיוו האָט זיך לגמרי אויפ־געלייזט אין די אַנדערע דערשיינונגען פון סאָציאַלער אומגערעכטי־קייט און האָט בכלל נישט געשפּילט קיין שום זעלבסטשטענדיקע ראָל, און וועגן אַ הויפּט־ראָל איז דאָ אוודאי נישטאָ וואָס צו רעדן.

דאָס געפיל וועגן פאַרצוג פון כלל איבערן פרט, פון געזעץ איבערן פאַקט, פון דער טעאָריע איבער דער פערזענלעכער דערפאַרונג האָט זיך זייער פרי אַנטוויקלט אין מיר און האָט זיך מיט די יאָרן כסדר פאַרשטאַרקט. אין דער פאָרמירונג פון דעמדאָ־זיקן געפיל, וואָס איז שפּעטער געוואָרן דער יסוד פון מיין וועלט־באַנעמונג, האָט די שטאָט געשפּילט אַ דעפיניטיווע ראָל. ווען די יינגלעך, וואָס האָבן געלערנט פיזיק און נאַטורוויסנשאַפט, האָבן גע־מאַכט אַבערגלויבישע באַמערקונגען בנוגע דעם „שווערן״ מאַנטיק אָדער וועגן דעם פּאָפּ, וואָס איז זיי איבערגעגאַנגען דעם וועג, פלעגט מיך באַפאַלן עפּעס אַ כעס, אַ פאַרדראָס פאַר אַ באַליידיקטן געדאַנק. איך בין געווען גרייט צו קריכן אויף די ווענט, כדי זיי אָפּצוווענדן פון די שענדלעכע אַבערגלויבערייען.

אַז מען האָט זיך אין יאַנאָווקע אַ צייט לאַנג געפּאָגט מיטן אויסמעסטן אַ פעלד־שטח אין דער פאָרם פון אַ טראַפּעציע, האָב איך עס געמאַכט, לויט עווקלידוסעס סיסטעם, אין צוויי מינוט. אָבער מיין רעזולטאַט האָט נישט געשטימט מיט דעם, וואָס ס׳האָט זיך באַקומען „פון דער פּראַקטיק״, און מען האָט מיר נישט געגלויבט.

איך האָב געבראַכט דאָס געאָמעטריע-בוך, געשוואוירן אין נאָמען פון דער וויסנשאַפט, זיך אויפגערעגט, גערעדט גראָבקייטן, אָבער איך האָב איינגעזען, אַז ס'איז אוממעגלעך די מענטשן איבערצוצייגן און בין אַריינגעפאַלן אין יאוש.

איך פלעג מיך לאַנג און ווילד אַרומרייסן מיט אונזער דאָרפישן מאַשיניסט איוואַן וואַסיליעוויטשן, וואָס האָט זיך אַריינגעהאַקט אין קאָפּ אַריין, אַז ער איז בכוח צו קאָנסטרואירן אַ „פּערפּעטואום מאָ-בילע", אַ מאַשין פון אייביקער באַוועגונג. דאָס געזעץ פון דער דערהאַלטונג פון ענערגיע איז פאַר אים געווען עפּעס אַ מין פאַנ-טאַזיע, וואָס האָט קיין שום שייכות נישט געהאַט מיט דעמדאָזיקן ענין. „דאָס בוך איז איין זאַך, און די פּראַקטיק איז אַ צווייטע זאַך..." פלעגט ער זאָגן. מיר האָט עס אויסגעזען אומפאַרשטענדלעך און אומדערטרעגלעך, וואָס מענטשן ווערן צוריקגעשטויסן פון אומ-דערשיטערלעכע אמתן אין נאָמען פון קאָנווענציאָנעלע טעותים אָדער נאַרישע פאַנטאַזיעס.

שפּעטער איז דאָס פּאַרצוג-געפיל פון כלל איבערן פּרט אַריין אַלס אינטעגראַלער טייל אין מיין ליטעראַרישן שאַפן און פּאָליטישער טעטיקייט. דער טעמפּער עמפּיריזם, די קריכעריי פאַרן פאַקט, וואָס איז טיילמאָל בלויז אַן איינגעבילדעטער און אַמאָל גאָר אַ פאַלש פאַרשטאַנענער, זענען מיר שטענדיק געווען עקלהאַפט. איך האָב גע-זוכט געזעצן פאַר די פאַקטן. דאָס האָט, פאַרשטייט זיך, נישט איינ-מאָל געפירט צו איבעראייַלנדיקע און פעלערהאַפטע פאַראַלגעמיינע-רונגען, באַזונדערס אין די יונגע יאָרן, ווען דערצו האָבן מיר גע-פעלט אי בוך-וויסנשאַפט, אי לעבנס-דערפאַרונג. אָבער אויף אַלע גע-ביטן, אָן אַן אויסנאַם, בין איך נאָר דאַן געווען בכוח זיך פריי צו באַוועגן און צו ווירקן, ווען איך האָב געהאַלטן אין די הענט די פעדעם פונם אַלגעמיינעם כלל. דער סאָציאַל-רעוואָלוציאָנערער ראַדי-קאַליזם, וואָס איז געוואָרן מיין גייסטיקער אַקס אויפן גאַנצן לעבן, איז, נעמלעך, אויסגעוואַקסן פון דערדאָזיקער אינטעלעקטועלער שנאה צו ברעקלעך-קלויבעריי, צום עמפּיריזם, בכלל צו אַלעם אידעיש אומ-געפאָרעמטן, טעאָרעטיש אומפאַראַלגעמיינערטן.

איך פּרואוו מיך אומקוקן אויף מיר פון דער עבר-זייט. דאָס יינגל איז זיכער געווען שטאַרק פאַרריסן ביי זיך, אימפּולסיוו, אַפילו אומדער-טרעגלעך. אַריינטרעטנדיק אין שולע, האָט ער זיכער נישט געהאַט

דאָס געפיל, אַז ער שטייט העכער פון זיינע חברים, וואָס זענען אין איין עלטער מיט אים. אמת, אין דאָרף האָט מען זיך מיט אים געצאַצקעט פאַר די געסט, אָבער דאָרט איז נישט געווען מיט וועמען זיך צו פאַרגלייכן, און די שטאָטישע יינגלעך, וואָס פלעגן קומען קיין יאַנאָווקע, האָבן תמיד געהאַט דעם אומדערגרייכבאַרן פּאָרצוג פון גימנאַזיסטן, וואָס איז אויך געווען פאַרבונדן מיטן פאָרצוג פון עלטער, אַזוי, אַז קוקן אויף זיי האָט מען אַנדערש נישט געקאָנט ווי נאָר פון אונטן אַרויף. אָבער די שולע איז אַן אָרענע פאַר דער פאַר־ביסנסטער קאָנקורענץ. מיטן מאָמענט, ווען ער האָט זיך אַרויסגעוויזן פאַר דעם ערשטן שילער, וואָס איז געשטאַנען אויף אַ מהלך רב פונם צווייטן, האָט דער קליינער יאַנאָווקער אויסוואַנדערער דער־שפּירט, אַז ער קאָן מער פון די איבעריקע. די יינגלעך, וואָס זענען מיט אים געוואָרן באַקענט, האָבן אַנערקענט זיין אויבערהערשאַפט. דאָס האָט געמוזט ווירקן אויף זיין כאַראַקטער. די לערער האָבן אויך פון אים געהאַלטן, און אַנדערע, אַ שטייגער, קריזשאַנאָווסקי, האָבן אים אַפילו שטאַרק אַרויסגערוקט. בכלל אָבער האָבן זיך די לערער באַצויגן צו אים אויב אַפילו גוט, איז פאָרט אַ ביסעלע טרוקן. די שילער האָבן זיך צעטיילט: עס זענען געווען צווישן זיי הייסע פריינט, אָבער אויך קעגנער.

דאָס יינגל האָט געוואוסט פון זעלבסטקריטיק. ער האָט אַפילו געהאַט תרעומות צו זיך. זיינע קענטענישן און כאַראַקטער־שטריכן האָבן אים נישט באַפרידיקט, און וואָס ווייטער, אַלץ ווייניקער. ווילד־בייז פלעגט ער זיך כאַפּן דערויף, אַז ער האָט געזאָגט אַ ליגן, און אויף יעדן טריט און שריט געמאַכט זיך פאָרוואורפן דערפאַר, וואָס ער האָט נישט געלייענט די ביכער, וועגן וועלכע אַנדערע האָבן אַזוי זיכער דערמאָנט. דאָס איז, נאַטירלעך, געווען שטאַרק פאַרבונדן מיט זיין אייגנליבע. דער געדאַנק, אַז מען מוז ווערן בעסער, העכער, באַלעזענער, האָט אים כסדר געדריקט דאָס האַרץ. ער האָט געטראַכט פון דעם מענטשנס באַשטימונג בכלל און פון זיינער בפרט.

איינמאָל, אין אָוונט, האָט מיך מאָסיי פיליפּאָוויטש, פאַרביי־גייענדיק, פייערלעך אַ פרעג געטאָן: „נו, וואָס, ברודער, פאַרטראַכסטו זיך אַמאָל וועגן לעבן?" מיין דערציער פלעגט זיך אָפט באַנוצן מיט אַזאַ מין שפּאַסיקער רעטאָריק, מיט אַן איראָניש־טעאַטראַלישן טאָן. מיך אָבער האָט עס אַזוי ווי אָנגעצונדן. יאָ, איך האָב טאַקע געטראַכט

פון לעבן, אָבער איך האָב נישט געקאָנט אָנרופן מיט דעמדאָזיקן נאָמען מיין יינגלשע זאָרג וועגן דער צוקונפט. מיר האָט זיך גע־דאַכט, אַז מיין דערציִער האָט מיך אונטערגעהערט. „אפנים, אַז איך האָב געטראָפן אין פינטל אַריין", האָט ער זיך אָנגערופן שוין מיט אַן אַנדער טאָן, האָט מיר ווייך אַ קלאַפּ געטאָן אין פּלייצע און אַוועק צו זיך אין צימער.

האָט די פאַמיליע שפּענצער געהאַט געוויסע פּאָליטישע אָנשויי־גען? די מעסיק־ליבעראַלע אָנשויונגען אויף אַ הומאַניטאַרן אונ־טערשלאַק האָבן זיך ביי מאָיסיי פיליפּאָוויטשן פאַרוואַנדלט אין נ״ל האַלב־סאָציאַליסטישע סימפּאַטיעס, פּאָלקיסטיש און טאָלסטאָיִש באַ־פאַרבט. קיין פּאָליטישע פראַגן האָט מען בכלל קיינמאָל נישט באַ־רירט, באַזונדערס אין מיין קעגנוואַרט: מעגלעך, אַז מען האָט זיך פּשוט געשראָקן, איך זאָל זיך, חלילה, נישט אַרויסכאַפּן מיט אַן איבעריק וואָרט פאַר די חברים און נישט אָנמאַכן עפּעס אַ צרה דערמיט. ווען די דערוואַקסענע פלעגן זיך אָבער אין זייערע שמועסן צופעליק פאַררופן אויף די געשעענישן פון דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג, ווי, למשל: „דאָס איז געווען אין יאָר פון דעם אַטענטאַט אויף אַלעקסאַנדער II"— האָט עס געקלונגען אַזוי פאַרעלטערט, ווי מען וואָלט, אַ שטייגער, געזאָגט: „דאָס איז געווען אין דעם יאָר, ווען קאָלומבוס האָט אַנ־דעקט אַמעריקע". די סביבה, אין וועלכער איך האָב געלעבט, איז געווען אַן אַפּאָליטישע. אין מיינע שוליאָרן האָב איך נישט געהאַט קיין פּאָליטישע אָנשויונגען, און אַפילו נישט געפילט קיין באַדער־פעניש זיי צו האָבן. אָבער מיינע אומבאַוואוסטע שטרעבונגען זענען געווען אָפּאָזיציאָנעלע. עס איז געווען אַ טיפע פיינטשאַפט צו דער עקזיסטירנדיקער אָרדענונג, צו אומגערעכטיקייט און הפקרות. פונוואַנען האָט זי זיך גענומען? פון די באַדינגונגען פון אַלעקסאַנדער דעם דריטנס עפּאָכע, פון דער פּאָליציייִשער הפקרות, פון דער פריצישער עקספּלואַ־טאַציע, פונם לאַפּקע־געלט פאַר די באַאַמטע, פון די נאַציאָנאַלע באַ־גרענעצונגען, פון די אומגערעכטיקייטן אין שולע און אויף דער גאַס, פון דער נאָענטער פריינטשאַפט מיט די פויערשע יינגלעך, מיט דער דינערשאַפט, מיט די אַרבעטער, פון די שמועסן אין וואַרשטאַט, פון דעם הומאַניטאַרן גייסט אין דער פאַמיליע שפּענצער, פון לייענען ניעקראַסאָווס שירים און פון אַנדערע ביכער און בכלל פון דער גאַנצער געזעלשאַפטלעכער אַטמאָספער. דידאָזיקע אָפּאָזיציאָנעלע שטי־

מונגען האָב איך אומגעריכט ביי זיך אַנטדעקט, קומענדיק אין באַ-רירונג מיט צוויי שול-חברים: ראָדזעוויטש און קאָלאָגריוואָוו.

וולאַדימיר ראָדזעוויטש איז געווען דער זון פון אַ פּולקאָווניק און אַ געוויסע צייט דער צווייטער שילער אין קלאַס. ער האָט גע-פּועלט ביי זיינע עלטערן, זיי זאָלן אים דערלויבן מיך איינצולאַדן צו זיי אויף אַ זונטיק. מען האָט מיך אויפגענומען אַ ביסל טרוקן, אָבער גוט. דער פּולקאָווניק און די פּולקאָווניצע האָבן גערעדט מיט מיר ווייניק און אַזוי ווי אויספאָרשנדיק. און די דריי, פיר שעה וואָס איך האָב פאַרבראַכט אין דער פאַמיליע ראָדזעוויטש, האָב איך זיך אַמאָל צוויי אָנגעשטויסן אויף עפּעס אַזוינס, וואָס איז מיר גע-ווען פרעמד און באַאומרואיקלעך, אַפילו פיינטלעך. דאָס איז געווען, ווען מען האָט אַזוי, כּלאחר-יד, באַרירט די רעליגיע און די מאַכט. אין דער פאַמיליע ראָדזעוויטש האָט געהערשט אַ טאָן פון קאָנסער-וואַטיווער גאָטספאָרכטיקייט, וואָס איך האָב דערשפּירט, ווי אַ שטויס אין הארצן. די עלטערן האָבן וולאַדימירן נישט דערלויבט, ער זאָל מיך באַזוכן און אונזערע באַציונגען האָבן זיך איבערגעריסן. נאָך דער ערשטער רעוואָלוציע איז אין אָדעס שטאַרק פּאָפּולער געוואָרן דער נאָמען פון אַ שוואַרצמאַהניק ראָדזעוויטש, מסתּמא אַ מיטגליד פון דערדאָזיקער משפּחה.

נאָך שאַרפער איז געווען דער פאַל מיט קאָלאָגריוואָוון. ער איז באַלד אַריינגעטראָטן אין צווייטן קלאַס צום צווייטן האַלב יאָר און האָט זיך געוואָרפן אין די אויגן, ווי אַ פרעמד-געקומענער, מיט זיין משונהדיקן וואוקס און אומגעלומפּערטקייט. זיין התמדה איז גע-ווען אַן אויסערגעוויינלעכע. וואו און וואָס מען האָט געקאָנט, האָט ער אויסגעלערנט אויף אויסנווייניק. אין פאַרלויף פון דעם ערשטן חודש איז ער אָבער אינגאַנצן טעמפּ געוואָרן פון זובערעוען. אַז דער לערער פון געאָגראַפיע האָט אים אַרויסגערופן צו דער מאַפּע, האָט קאָלאָגריוואָוו, נישט דערוואַרטנדיק זיך אויף אַ פראַגע, באַלד אַ האַק געטאָן: „יעזוס קריסטוס האָט געגעבן דער וועלט פאַלגנדיקע געבאָטן". גענומען האָט זיך עס דערפון, וואָס נאָך דער לעקציע האָט געדאַרפט קומען די לעקציע פון רעליגיע. אין אַ שמועס מיט דעמדאָזיקן קאָלאָגריוואָוון, וואָס האָט זיך צו מיר, ווי צו דעם ערשטן שילער, באַצויגן מיט אַ געוויסער אַכטונג, האָב איך אַרויסגעזאָגט אַ קריטישע מיינונג וועגן דעם דירעקטאָר, צי וועגן אַן אַנדערן. „מעג מען דען אַזוי רעדן וועגן אַ דירעקטאָר?"

האָט קאָלאָגריוואָוו אַ פרעג געטאָן מיט אויפריכטיקער אויפרעגונג. „און פאַרוואָס דען נישט?” האָב איך געענטפערט מיט אַ נאָך אויפריכטיקערער פאַרוואונדערונג. „ער איז דאָך עפּעס דיין נאַטשאַלניק, און אַז אַ נאַטשאַלניק באַפעלט צו גיין אויפן קאָפּ, ביזטו מחויב צו גיין, און נישט קריטיקירן”. אָט אַזוי פּראָסט־פּשוט האָט ער עס געזאָגט. דידאָזיקע דעפיניטיווע פאָרמולירונג האָט מיך איבערראַשט. איך האָב מיך דעמאָלט נישט אָנגעשטויסן, אַז דאָס יינגל האָט נאָר איבערגעחזרט דאָס, וואָס ער האָט, משמעות, נישט איינמאָל געהערט אין זיין משפּחה פון לייבאייגנטימער. און כאָטש קיין אייגענע אָנשוויונגען האָב איך נאָך דעמאָלט נישט געהאַט, דאָך האָב איך געפילט, אַז עס זענען פאַראַן אַזעלכע אָנשויונגען, וואָס איך קאָן זיי נישט אָננעמען, פּונקט ווי איך קאָן נישט עסן קיין ווערעמדיקע מאכלים.

פּאַראַלעל מיט דער טעמפּער פיינטשאַפט צום פּאָליטישן רעזשים אין רוסלאַנד האָט זיך ביסלעכווייז אַנטוויקלט אויף אַן אומבאַמערקבאַרן אופן די אידעאַליזירונג פון אויסלאַנד, פון מערב־איראָפּע און אַמעריקע. פון איינצלנע באַמערקונגען און שטיקלעך, דערגאַנצטע דורך דער פאַנטאַזיע, האָט זיך געשאַפן אַ פאָרשטעלונג פון אַ הויכער, גלייכמעסיקער קולטור, וואָס כאַפּט אַרום אַלעמען אָן אַן אויסנאַם. שפּעטער האָט זיך דערמיט פאַרבונדן די פאָרשטעלונג וועגן אַ אידעאַלער דעמאָקראַטיע. דער יונגער ראַציאָנאַליזם האָט געזאָגט: קוים איז עפּעס פאַרשטענדלעך, הייסט עס, אַז מען קען עס אויך פאַרווירקלעכן. דעריבער האָט עס אויסגעוויזן אומוואַרשיינלעך, אַז אין איראָפּע זאָלן עקזיסטירן אַבערגלויבנס, אַז די קירכע זאָל דאָרט קאָנען שפּילן אַ גרויסע ראָל, אַז אין אַמעריקע זאָל מען קאָנען פאַרפאָלגן די שוואַרצע. דידאָזיקע אידעאַליזירונג, וואָס איז אומבאַמערקט איינגעזייגט געוואָרן פון דער אַרומיקער קליינבירגערלעך־ליבעראַלער סביבה, האָט זיך געהאַלטן אויך שפּעטער, ווען איך האָב מיך שוין אָנגעהייבן דורכצודרינגען מיט רעוואָלוציאָנערע אידעען. איך וואָלט זיך, מסתמא, שטאַרק געוואונדערט, ווען איך זאָל אין יענע יאָרן הערן, — אויב איך וואָלט עס געקאָנט הערן — אַז די דייטשע רעפּובליק, געקרוינט מיט אַ סאָציאַל־דעמאָקראַטישער רעגירונג, לאָזט אַריין אין לאַנד מאָנאַרכיסטן, און זאָגט אָפּ אין אַזילרעכט די רעוואָלוציאָנערן. פון יענער צייט אָן האָב איך אָבער,

צום גליק, אויפגעהערט נתפעל צו ווערן פון אַ סך זאַכן. דאָס לעבן האָט אויסגעוואָרצלט פון מיר דעם ראַציאָנאַליזם און געלערנט מיט מיר דיאַלעקטיק. אַפילו הערמאַן מילער איז שוין נישט פעאיק מיך איבערצוראַשן.

זעקסטער קאַפּיטל

דער איבערברוך

די פּאָליטישע אַנטוויקלונג פון רוסלאַנד האָט זיך, זינט דעם מיטן פון פאַריקן יאָרהונדערט, געמאָסטן מיט יאָרצענדליקער. די זעכציקער יאָרן — נאָך דעם קרימער קריג, — זענען געווען אַן אויפקלערונגס-עפּאָכע, אונזער קורצער אַכצעטער יאָרהונדערט. אין די ווייטערדיקע צען יאָר האָט זיך שוין די אינטעליגענץ אַפילו געפּרואווט צו מאַכן פּראַקטישע אויספירונגען פון די אויפקלערונגס-אידעען. זי האָט אָנגעהייבן פון גיין אין פאָלק מיט רעוואָלוציאָנערער פּראָפּאַגאַנדע און פאַרענדיקט מיט טעראָריזם. די זיבעציקער יאָרן זענען אַריין אין דער געשיכטע בעיקר אַלס יאָרן פון „פּאָלקס-ווילן“. די בעסטע עלעמענטן פון דערדאָזיקער גענעראַציע זענען פאַרברענט געוואָרן אויפן פייער פונם דינאַמיט-קאַמף. דער שונא איז פאַרבליבן ביי אַלע זיינע פּאָזיציעס. עס איז געקומען דער יאָרצענדליק פון ירידה, אַנטוישונג, פּעסימיזם, פון רעליגיעזע און עטישע זוכענישן— די אַכציקער יאָרן. אונטערן שוץ פון דער רעאַקציע איז זיך געגאַנגען די שטילע אַרבעט פון די קאַפּיטאַליסטישע קרעפטן. די ניינציקער יאָרן ברענגען מיט זיך די אַרבעטער-שטרייקן און די מאַרקסיסטישע אידעען. דער נייער שטראָם דערגרייכט זיין העכסטן פּונקט אין דעם ערשטן יאָרצענדליק פון נייעם יאָרהונדערט: דאָס איז געווען דאָס יאָר 1905.

די אַכציקער יאָרן זענען געשטאַנען אונטערן צייכן פון פּאָביעדאָנאָסצעוון, דעם אָבער-פּראָקוראָר פון הייליקן סינאָד, דעם קלאַסיקער פון דער אַבסאָלוטער מאַכט און דער אַלגעמיינער סטאַגנאַציע. די ליבעראַלן האָבן אים געהאַלטן פאַר אַ ריינעם טיפּ פון אַ ביוראָקראַט, וואָס קען נישט דאָס לעבן. ס'איז אָבער נישט אַזוי געווען. פּאָביעדאָנאָסצעוו האָט אָפּגעשאַצט די סתירות, וואָס זענען געלעגן פאַרבאָרגן אין די טיפענישן פונם פאָלקסלעבן אַ סך בעסער און ערנסטער, ווי די ליבעראַלן. ער האָט פאַרשטאַנען, אַז אויב מען זאָל אָפּשוואַכן די שרייפלעך, וועט דער דרוק פון אונטן לחלוטין אַראָפּרייסן דעם סאָציאַלן דאַך און דעמאָלט וועט ווערן אַ תּל פון דעם אַלעם, וואָס נישט בלויז פּאָביעדאָנאָסצעוו אַליין, נאָר אויך די ליבעראַלן האָבן באַטראַכט פאַר די הויפּט-יסודות פון קולטור און עטיק. פּאָביעדאָנאָסצעוו האָט, אויף זיין שטייגער, געזען טיפער פון די ליבעראַלן. עס איז נישט זיין שולד, וואָס דער היסטאָרישער פּראָצעס האָט זיך אַרויסגעוויזן מעכטיקער, ווי יענס ביזאַנטישע סיסטעם, וועלכעס עס האָט מיט אַזאַ ענערגיע פאַרטיידיקט דער אינספּיראַטאָר פון אַלעקסאַנדער III און ניקאָלאַי II. אין די טויב-שטילע אַכציקער יאָרן, ווען די ליבעראַלן האָט זיך געדאַכט, אַז אַלץ איז אָפּגעשטאָרבן, האָט פּאָביעדאָנאָסצעוו געפילט אונטער די פיס אַ שטילע באַוועגונג פון כוואַליעס און פאַרשטיקטע אונטערערדישע קלעפּ. ער איז נישט געווען רואיק אין די רואיקסטע יאָרן פון אַלעקסאַנדער דעם דריטנס ממשלה. „עס איז געווען שווער און עס איז שווער, — און ס'איז ביטער צו זאָגן — עס וועט נאָך זיין שווער" — אַזוי האָט ער געשריבן צו זיינע פאַרטרויונגס-לייט. „עס פעלט מיר נישט אַראָפּ די לאַסט פון דער נשמה, ווייל איך זע און פיל יעדע שעה, וואָס עס איז געוואָרן מיטן גייסט פון דער צייט און מיט די מענטשן... פאַרגלייכנדיק דאָס היינטיקע מיטן לאַנג פאַרגאַנגענעם, פילן מיר, אַז מיר לעבן עפּעס אין אַן אַנדער וועלט, וואו אַלץ גייט אויף צוריק צום אורשפּרינגלעכן תהו-ובהו, — און מיר, אינמיטן פון דעמדאָזיקן יוירן, פילן זיך לגמרי אָנמעכטיק". פּאָביעדאָנאָסצעוון איז באַשערט געווען צו דערלעבן ביזן יאָר 1905, ווען די אונטערערדישע כוחות, וואָס האָבן אים אַזוי געשראָקן, האָבן זיך אַרויסגעריסן אין דרויסן, און דער פונדאַמענט מיט די מאַסיווע ווענט פון גאַנצן אַלטן בנין האָבן באַקומען די ערשטע טיפע שפּאַלטן.

דאָס יאָר 1891 ווערט אָפיציעל גערעכנט פאַרן יאָר פון פּאָליטישן איבערברוך אין לאַנד; דאָסדאָזיקע יאָר האָט זיך אויסגעצייכנט מיט אומגערעטעניש און מיט הונגער. דער נייער יאָרצענדליק האָט זיך נישט בלויז אין רוסלאַנד געדרייט אַרום דער אַרבעטער-פּראַגע. אין יאָר 1891 האָט די דייטשע סאָציאַליסטישע פּאַרטיי אָנגענומען אין ערפורט איר פּראָגראַם. דער פּויפּסט לעאָ XIII האָט אַרויסגעלאָזט אַן ענציקליקע, געווידמעט דער לאַגע פון די אַרבעטער. ווילהעלם האָט זיך אַרומגעטראָגן מיט סאָציאַלע אידעען, וואו ווילדע עם-הארצות האָט זיך צונויפגעגאָסן מיט ביוראָקראַטישער ראָמאַנטיק. די דערנענטערונג פון צאַר מיט פראַנקרייך האָט געזיכערט דעם צופלוס פון קאַפּיטאַל קיין רוסלאַנד. די שטורמישע אַנטוויקלונג פון קאַפּיטאַליזם האָט אַרויסגערופן יענעם „צייט-גייסט", וואָס האָט אַזוי געפּייניקט פּאָביעדאָנאָסצעוון מיט דראָענדיקע פאָרגעפילן.

דער פּאָליטישער איבערבויג אין דער זייט פון אַקטיווקייט האָט זיך קודם-כל אָנטפּלעקט אין די קרייזן פון דער אינטעליגענץ. אַלץ עפּטער און אַנטשיידענער האָבן אָנגעהייבן אַרויסצוטרעטן יונגע מאַרקסיסטן. גלייכצייטיק האָבן זיך אויך גענומען אויפכאַפּן די איינגעשלאָפענע אידעען פון די נאַראָדניקעס. אין יאָר 1893 איז דערשינען דאָס ערשטע לעגאַלע מאַרקסיסטישע בוך, וואָס סטרואווע האָט אָנגעשריבן. איך בין דעמאָלט אַלט געווען קנאַפּע פערצן יאָר, און איך בין געווען ווייט פון דידאָזיקע פראַגן.

אין יאָר 1894 איז געשטאָרבן אַלעקסאַנדער III. ווי תמיד אין אַזעלכע פאַלן, האָבן די ליבעראַלע האָפענונגען געוואָלט געפינען עפּעס אַן אָנשפּאַר אינם טראָניורש. ער האָט געענטפערט מיט אַ הינטערפלעצל. בשעת מען האָט אויפגענומען די פאָרשטייער פון דער זעמסטווע, האָט דער יונגער צאַר אָנגערופן די קאָנסטיטוציאָנעלע האָפענונגען „אומזיניקע פאַנטאַזיעס". דידאָזיקע רעדע איז געווען געדרוקט אין אַלע צייטונגען. פון מויל האָט מען איבערגעגעבן, אַז אויפן פּאַפּירל, פון וועלכן דער צאַר האָט אַראָפּגעלייענט זיין דרשה, איז געשטאַנען: „באָדנלאָזע פאַנטאַזיעס", נאָר מחמת אויפרעגונג האָט זיך דער צאַר אויסגעדריקט גרעבער, ווי ער האָט געוואָלט. איך בין אין יענער צייט אַלט געווען פופצן יאָר. נישט קאָנענדיק זיך אָפּגעבן קיין חשבון פאַרוואָס, בין איך דאָך געווען אויף דער זייט פון די „אומזיניקע פאַנטאַזיעס" און נישט אויף דער זייט פון צאַר. איך

האָב טונקל געגלויבט אין דער בהדרגהדיקער פאַרפולקומונג, וואָס מוז דערנענטערן דאָס אָפּגעשטאַנענע רוסלאַנד צו דער פּראָגרעסיווער אייראָפּע. ווייטער פון דעם זענען מיינע פּאָליטישע אידעען נישט געגאַנגען.

דאָס הענדלערישע, פאַרשיידנפעלקערדיקע, בונטע און שרייענדיקע אָדעס איז פּאָליטיש געוואַלדיק אָפּגעשטאַנען אין פאַרגלייך מיט אַנדערע צענטערס. אין פּעטערבורג, מאָסקווע, קיעוו האָבן שוין צו יענער צייט עקזיסטירט אין די לערנאַנשטאַלטן צאָלרייכע סאָציאַליסטישע קרייזלעך. אין אָדעס איז נאָך פון זיי קיין זכר נישט געווען. אין יאָר 1895 איז געשטאָרבן פ ר י ד ר י ך ע נ ג ע ל ס. אין פאַרשיידענע שטעט פון רוסלאַנד האָבן די סטודענטן און שילער-פאַריינען געווידמעט ענגעלסעס טויט געהיימע רעפעראַטן. מיר איז שוין אין יענער צייט געגאַנגען דאָס זעכצעטע יאָר. איך האָב אַפילו נישט געוואוסט ענגעלסעס נאָמען, און מסתמא גאָרנישט געקאָנט זאָגן עטוואָס באַשטימטעס וועגן מאַרקסן: אפשר איז ער מיר נאָך דעמאָלט איינגאַנצן נישט געווען באַקאַנט.

מיינע פּאָליטישע שטימונגען אין שולע זענען געווען טונקל-אָפּאָזיציאָנעלע און נישט מער. וועגן רעוואָלוציאָנערע פראַגן איז נאָך אין מיינע צייטן אין שולע קיין רייד נישט געווען. בסוד האָט מען נאָר פאַרציילט, אַז אין פּריוואַטן זאַל פאַר גימנאַסטיק, וואָס האָט אָנגעהערט צום טשעך נאָוואַק, פלעגן זיך עפּעס פאַרזאַמלען קרייזלעך, אַז דאָרט זענען פאָרגעקומען אַרעסטן, אַז נאָוואַקן, וואָס האָט ביי אונז געלערנט גימנאַסטיק, האָט מען אַרויסגעשיקט פון שולע און אים פאַרביטן מיט אַן אָפיציר. אין דעם קרייז מענטשן, מיט וועלכע איך בין געווען פאַרבונדן דורך דער פאַמיליע שפּענצער, איז מען מיטן רעזשים געווען אומצופרידן, אָבער מען האָט אים געהאַלטן פאַר אומדערשיטערלעך. די סאַמע דרייסטע האָבן געחלומט פון אַ קאָנסטיטוציע ערשט אין עטלעכע צענדליק יאָר אַרום. פון יאַנאָווקע איז דאָך בכלל אָפּגערעדט. ווען איך בין, נאָכן ענדיקן די שולע, אַראָפּגעקומען אין דאָרף מיט נעפּלהאַפטע דעמאָקראַטישע אידעען, האָט דער פאָטער גלייך אָנגעשפּיצט די אויערן און פײַנטלעך געזאָגט: „דאָס וועט נאָך נישט זיין אַפילו אין דריי הונדערט יאָר אַרום". ער איז געווען איבערצייגט אין דער אומנוצלעכקייט פון די

רעפּאָרמאַטאָרישע שטרעבונגען און זיך געשראָקן פאַרן גורל פון זיין זון.

אַז מיין פאָטער איז אין יאָר 1921 אַנטלאָפן פון די ווייסע און רויטע סכנות און איז געקומען צו מיר אין קרעמל, האָב איך אים אין שפּאַס געזאָגט: „געדענקט איר, ווי איר פלעגט זאָגן, אַז דער צאַרישער רעזשים וועט נאָך אָנהאַלטן דריי הונדערט יאָר?" דער אַלטער האָט כיטרע אַ שמייכל געטאָן און געענטפערט אויף אוקראַיִניש: „זאָל דאָס מאָל זיין דיין אמת דער עלטערער"...

אין אָנהייב פון די ניינציקער יאָרן זענען ביי דער אינטעליגענץ ביסלעכווייז אָפּגעשטאָרבן די טאָלסטאָישע שטימונגען, דער מאַרקסיזם האָט מיט גרויס נצחון אַטאַקירט די אידעען פון די „נאַראָדניקעס". מיטן אָפּקלאַנג פון דעמדאָזיקן אידעישן קאַמף איז געווען פול די פרעסע פון אַלע ריכטונגען. אומעטום האָט מען גערעדט פון די יונגע מענטשן, וואָס גלויבן אין זייערע אייגענע כוחות און רופן זיך מאַטעריאַליסטן. אויף דעם אַלעם האָב איך מיך צום ערשטן מאָל אָנגעשטויסן אין יאָר 1896.

די פראַגן פון פערזענלעכער עטיק, וואָס זענען געווען אַזוי ענג פאַרבונדן מיט דער פּאַסיווער אידעאָלאָגיע פון די אַכציקער יאָרן, האָבן מיך באַרירט אין אַזאַ פּעריאָד, ווען די „זעלבסטפאַרפולקומונג" איז פאַר מיר געווען נישט אַזוי ווייט אַן אידעישע ריכטונג, ווי אַן אָרגאַנישע באַדערפעניש פון מיין גייסטיקן וואוקס. די זעלבסט-פאַרפולקומונג האָט זיך אָבער תיכף אָנגעשלאָגן אָן דער פראַגע פון אַ „וועלטבאַנעמונג", וואָס האָט מיך, פון איר זייט, דערפירט צו דער גרונט-אַלטערנאַטיווע: די אידעען פון די „נאַראָדניקעס" אָדער דער מאַרקסיזם. דער קאַמף פון דידאָזיקע ריכטונגען האָט מיך פאַרכאַפּט בלויז מיט אַ פאַרשפּעטיקונג אויף עטלעכע יאָר בנוגע דעם אַלגעמיינעם אידעישן איבערברוך אין לאַנד. ווען איך האָב ערשט געהאַלטן ביי דעם אלף-בית פון דער עקאָנאָמישער וויסנשאַפט און האָב מיך געפרעגט, צי דאַרף רוסלאַנד דורכמאַכן דעם פּראָצעס פון קאַפּיטאַליזם, האָבן שוין די מאַרקסיסטן פון דער עלטערער גענעראַציע באַוויזן צו געפינען דעם וועג צו די אַרבעטער און זיך פאַרוואַנדלען אין סאָציאַל-דעמאָקראַטן.

צום ערשטן גרויסן קרייצוועג פון מיין לעבן בין איך צוגעגאַנגען פאָליטיש ווייניק צוגעגרייט, אַפילו פאַר מיין דעמאָלדיקן

זיבעצניאָריקן עלטער. צופיל פראַגן זענען פאַר מיר אויפגעשטאַנען מיט איין מאָל, אָן דער גויטוועגדיקער קאָנזעקווענטקייט און אָן דעם גויטיקן סדר. איך האָב מיך אַרומגעוואָרפן ווי אין אַ פיבער. איינס קאָן אָבער געזאָגט ווערן מיט זיכערקייט: דאָס לעבן האָט שוין אָפּגעלייגט אין מיין באַוואוסטזיין אַ היפּשן רעזערוו פון סאָציאַלן פּראָטעסט. פון וואָס איז ער באַשטאַנען? פון מיטגעפיל צו די באַליידיקטע און פון כעס צו דער אומגערעכטיקייט. דאָס לעצטע געפיל איז אפשר געווען דאָס שטאַרקסטע. אין אַלע מיינע טאָג-טעגלעכע איינדרוקן, אָנגעהייבן פון דער פריסטער קינדהייט, איז די מענטשלעכע אומגלייכקייט אַרויסגעטרעטן אין באַזונדערס גרויסע און נאַקעטע פאָרמען, די אומגערעכטיקייט האָט נישט זעלטן געטראָגן דעם כאַראַקטער פון חוצפּהדיקער אומבאַשטראָפטקייט, די מענטשלעכע ווירדע איז אויף יעדן טריט און שריט געטרעטן געוואָרן מיט די פיס. ס'איז גענוג צו דערמאָנען, אַז מען האָט געשמיסן די פּויערים. דאָס אַלץ איז שאַרף אויפגענומען געוואָרן נאָך פאַר אַלע טעאָריעס, און האָט געשאַפן אַ רעזערוו פון איינדרוקן מיט אַ גרויסער עקספּלאָזיוו-קראַפט. עס קען זיין, אַז טאַקע דערפאַר האָב איך מיך אַ געוויסע צייט געוואַקלט פאַר יענע גרויסע אויספירונגען, צו וועלכע מען האָט אומבאַדינגט געמוזט קומען נאָך די באַאָבאַכטונגען אין דעם ערשטן פּעריאָד פון מיין לעבן.

אין מיין אַנטוויקלונג איז אָבער אויך געווען אַ צווייטע זייט. ווען עס בייטן זיך די גענעראַציעס, כאַפּט דער טויטער נישט זעלטן דעם לעבעדיקן. אַזוי איז אויך געווען מיט יענער גענעראַציע פון די רוסישע רעוואָלוציאָנערן, וואָס זייער יוגנט האָט זיך פאָרמירט אונטערן דרוק פון דער אַטמאָספער פון די אַכציקער יאָרן. נישט געקוקט אויף די גרויסע פּערספּעקטיוועס, וואָס האָבן זיך געעפנט דורך דער נייער תורה, האָבן זיך די מאַרקסיסטן פאַקטיש כסדר געפונען אין געפאַנגענשאַפט ביי די קאָנסערוואַטיווע שטימונגען פון די אַכציקער יאָרן, האָבן אַרויסגעוויזן זייער אומפעאיקייט פאַר אַ דרייסטער איניציאַטיווע, האָבן קאַפּיטולירט פאַר די מניעות, האָבן פאַררוקט די רעוואָלוציע אין אַן אומבאַשטימטער צוקונפט און געהאַט בדעה צו באַטראַכטן דעם סאָציאַליזם אַלס עוואָלוציע-אַרבעט פון הונדערטער יאָרן.

אין אַזאַ הויז, ווי די פאַמיליע שפּענצער, וואָלט די שטימע

פון דער פּאָליטישער קריטיק מיט עטלעכע יאָר פריער אָדער שפּעטער געקלונגען אַ סך העכער. אויף מיין גורל זענען אויסגעפאַלן די סאַמע טויב-שטילע יאָרן. קיין פּאָליטישע שמועסן האָט די פאַמיליע בכלל נישט געפירט, און די גרויסע פראַגן האָט מען אויסגעמיטן. אין שולע איז אויך געווען דאָסזעלבע. איך האָב זיכער איינגעזייגט אין זיך זייער פיל פון דער אַטמאָספער פון די אַכציקער יאָרן. און שפּעטער, בעת איך האָב מיך גענומען פאַרמירן אַלס רעוואָלוציאָנער, פלעג איך מיך כאַפּן אויף דעם אומצוטרוי צו דער אַרבעט פון די מאַסן, אויף דער ביכערדיקער, אַבסטראַקטער און דעריבער סקעפּטישער באַציונג צו דער רעוואָלוציע. מיט דעם אַלעם האָב איך געמוזט קעמפן אין זיך גופא — דורך טראַכטן, לייענען, אָבער דער עיקר דורך דער דערפאַרונג,—ביז איך האָב סוף-כל-סוף באַזיגט אין זיך די עלעמענטן פון פּסיכישער פאַרגליווערטקייט.

ס'איז אָבער נישטאָ קיין שלעכטס אָן גוטס. עס קאָן טאַקע זיין, אַז דערדאָזיקער אומשטאַנד, וואָס איך האָב געמוזט באַוואוסטזיניק גובר זיין אין זיך די אָפּקלאַנגען פון די אַכציקער יאָרן, האָט מיר געגעבן די מעגלעכקייט ערנסטער, קאָנקרעטער און טיפער צוצוגיין צו די גרונט-פּראָבלעמען פון די מאַסן-אַקציעס. פונדאַמענטאַל איז נאָר דאָס, וואָס ווערט דעראָבערט אין קאַמף. דאָס אַלץ באַציט זיך אָבער אויף די שפּעטערדיקע קאַפּיטלען פון מיין דערציילונג.

דעם זיבעטן קלאַס האָב איך שוין נישט דורכגעמאַכט אין אָדעס, נאָר אין ניקאָלאַיעוו. ניקאָלאַיעוו איז געווען מער פּראָווינץ. די שולע איז געשטאַנען אויף אַ נידעריקער מדרגה. אָבער דאָס שול-יאָר אין ניקאָלאַיעוו — 1896, — איז געוואָרן דאָס איבערברוכס-יאָר פון מיין יוגנט, ווייל עס האָט אויפגעשטעלט פאַר מיר די פראַגע וועגן מיין אָרט אין דער מענטשלעכער געזעלשאַפט. איך האָב געלעבט אין אַ פאַמיליע, וואו עס זענען געווען דערוואַקסענע קינדער, וועלכע זענען שוין אַ ביסל פאַרכאַפּט פון די נייע אידעען. אַ מערקווירדיקע זאַך: די ערשטע צייט האָב איך אין אַ שמועס קאַטעגאָריש אָפּגעוואָרפן די „סאָציאַליסטישע אוטאָפּיעס”. איך האָב געמאַכט דעם אָנשטעל פון אַ סקעפּטיקער, וואָס איז שוין דאָס אַלץ מכּלומרשט דורכגעגאַנגען. אויף פּאָליטישע פראַגן האָב איך רעאַגירט נישט אַנדערש ווי מיט אַן איראָנישן טאָן פון אַן העכער-שטייענדיקן מענטשן. די באַלעבאָסטע, ביי וועלכער איך האָב געוואוינט, פלעגט מיך באַ-

וואונדערן און אפילו שטעלן אלס ביישפיל, הגם נישט גאר זיכער, פאר אירע אייגענע קינדער, וואס זענען געווען א ביסל עלטער פון מיר און האבן געצויגן אויף לינקס. אבער דאס איז געווען פון מיין זייט נישט מער ווי אן אומגלייכער קאמף פאר מיין זעלבסטשטענדי- קייט. איך האב געפרואווט אויסמיידן די השפעה פון יענע יונגע סאציאליסטן, מיט וועלכע דער גורל האט מיך צונויפגעפירט. דער אומגלייכער קאמף האט אינגאנצן געדויערט עטלעכע חדשים. די אידעען, וואס האבן זיך געטראגן אינדערלופטן, זענען געווען שטאר- קער פון מיר. בפרט נאך, אז אין דער טיפעניש פון מיין נשמה האב איך קיין זאך אזוי שטארק נישט געוואלט, ווי זיך אונטערצו- ווארפן זיי. שוין אין די ערשטע עטלעכע חדשים ארום אין ניקא- לאיעוו האט זיך מיין האלטונג לגמרי געענדערט. איך האב רעזיגנירט פון מיין כלומרשטן קאנסערוואטיזם און זיך געטראגן אויף לינקס מיט אזא אימפעט, וואס האט אפילו איבערגעשראקן עטלעכע פון מיינע נייע פריינט. „וואס הייסט? — האט מיין באלעבאסטע גע- פרעגט.—„אומזיסט, אפנים, האב איך אייך געשטעלט פאר א ביישפיל פאר מיינע קינדער?”

די שול-לימודים האב איך פארנאכלעסיקט. איבעריקנס, זענען די קענטעניש, וואס איך האב מיטגעבראכט פון אדעס, געווען גע- נוג, איך זאל קענען איינהאלטן די אפיציעלע פאזיציע פון אן ערשטן שילער. אין שולע האב איך כסדר געפעלט. איינמאל איז דער אינ- ספעקטאר געקומען צו מיר מיט א וויזיט: ער האט געוואלט געוואר ווערן די סיבה, פארוואס איך קום נישט אפט אין שולע. איך האב מיך געפילט דערנידעריקט אויפן העכסטן גראד. דער אינספעקטאר איז אבער געווען העפלעך און האט איינגעפונען, אז אין דער פא- מיליע, וואו איך האב געוואוינט, ווי אויך ביי מיר אין צימער איז אלץ אָרדענונג, און איז בשלום אוועקגעגאנגען. אבער אונטערן מאט- ראץ זענען געלעגן עטלעכע אומלעגאלע בראשורן.

אויסער דער יוגנט, וואס איז געווען גענייגט צום מארקסיזם, האב איך אין ניקאלאיעוו צום ערשטן מאל באגעגנט געוועזענע פאר- שיקטע, וואס האבן דא געלעבט אונטער דער פאליצייאישער השגחה. דאס זענען געווען צווייטראנגיקע געשטאלטן פונם ירידה-פעריאד פון דער נאראדניקעס-באוועגונג. די סאציאל-דעמאקראטן זענען נאך דע- מאלט פון פארשיקונג נישט צוריקגעקומען, זיי זענען נאר וואס ערשט

פֿאַרשיקט געוואָרן. צווײ שטראָמען, וואָס האָבן זיך קעגן אײנאַנדער גע־טראָפֿן אין גאַנג, האָבן געשאַפֿן די אידעישע וואַסער־שפּרודלען. אַ קורצע ווײלע האָב איך זיך אויך אין זײ אַרומגעדרײט. פֿון די „נאַראָדניקעס־אידעען" האָט זיך געטראָגן אַ פֿאַרדומפּענער ריח. דער מאַרקסיזם האָט אָפּגעשראָקן מיט זײַן אַזוי־גערופֿענער „שמאָלקײט". ברענענדיק פֿון אומגעדולד, האָב איך געפּרוּווט אויפֿכאַפּן די אי־דײען מיטן געפֿיל. עס איז אָבער נישט געגאַנגען אַזוי פּשוט. אַרום זיך האָב איך נישט געפֿונען קײנעם, וואָס זאָל מיר קאָנען דינען פֿאַר אַ זיכערן שטיצפּונקט. און, חוצדעם, האָט מיר יעדער נײער שמועס געבראַכט די ביטערע, באַליידיקעכע און פֿאַרצווײפֿלונגס־פֿולע איבערצײַגונג אין מײַן עם־הארצות.

איך האָב מיך באַקאַנט און בין געוואָרן נאָענט מיטן גערטנער שוויגאָווסקי, אַ טשעך לויט דער אָפּשטאַמונג. אין זײַן פֿערזאָן האָב איך צום ערשטן מאָל דערזען אַן אַרבעטער, וואָס באַקומט צײַטונגען, לייענט דײַטש, קען די קלאַסיקער און באַטײליקט זיך פֿרײַ אין דיסקוסיעס צווישן מאַרקסיסטן און נאַראָדניקעס. זײַן הײַזל אין גאָרטן, וואָס איז באַשטאַנען פֿון אײן צימער, איז געווען דער אָרט, וואו ס'פֿלעגן זיך טרעפֿן צוגעפֿאָרענע סטודענטן, געוועזענע פֿאַרשיקטע אין די אַרטיקע יוגנט. דורך שוויגאָווסקין האָט מען געקאָנט באַקו־מען אַ פֿאַרבאָטן בוך. אין די געשפּרעכן פֿון די פֿאַרשיקטע האָבן זיך אַדורכגעוואָרפֿן די נעמען פֿון די „נאַראָדאָוואָלצעס": זשעליאַבאָוו, פּעראָווסקאַיאַ, פֿיגנער, נישט ווי העלדן פֿון אַ לעגענדע, נאָר ווי לעבעדיקע מענטשן, מיט וועלכע עס האָבן זיך באַגעגנט, אויב נישט די פֿאַרשיקטע גופֿא, איז, לפּחות, זײערע עלטערע פֿרײַנט. איך האָב געהאַט אַזאַ געפֿיל, ווי איך וואָלט מיך אײַנשליסן אַלס קלײנער רינג אין אַ גרויסער קײט.

איך האָב מיך אַרויפֿגעוואָרפֿן אויף די ביכער מיט אַזאַ אימ־פּעט, פּונקט ווי איך וואָלט מורא געהאַט, אַז מײַן גאַנץ לעבן וועט נישט קלעקן אויף די הכנות צו דער טעטיקײט. געלײענט האָב איך נערוועיש, אומגעדולדיק און נישט סיסטעמאַטיש. פֿון די אומלעגאַלע בראָשורן פֿון דער פֿאַרגאַנגענער עפּאָכע האָב איך זיך געוואָרפֿן אויף דזשאָן סטיוּאַרט מילס „לאָגיק", דערנאָך זיך גענומען צו לי־פּערטס „אוראַלטע קולטור", און אַפֿילו קײן העלפֿט נישט איבערגע־לײענט פֿון דער לאָגיק. בענטאַמס אוטיליטאַריזם איז געווען אין

מיינע אויגן דאָס לעצטע וואָרט פון מענטשלעכן געדאַנק. עטלעכע חדשים נאָכאַנאַנד האָב איך זיך געשפּירט אַלס אומדערשיטערלעכער בענטאַמיסט. אויף דערזעלבער ליניע איז געלעגן די באַגייסטערונג פאַר טשערנישעווסקיס רעאַליסטישער עסטעטיק. איידער איך בין נאָך פאַרטיק געוואָרן מיט ליפּערטן, האָב איך זיך אַ וואָרף געטאָן אויף מיניעס „געשיכטע פון דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע". יעדעס בוך האָט געלעבט מיט זיין באַזונדער לעבן, נישט געפינענדיק זיך קיין אָרט אין סיסטעם. דער קאַמף פאַר אַ סיסטעם האָט געטראָגן אַן אָנגעשטרענגטן, צייטנווייז אַ משונה-ווילדן כאַראַקטער. אין דערזעלבער צייט האָב איך מיך אָפּגעשטויסן פון מאַרקסיזם, טיילווייז טאַקע בלויז דערפאַר, וואָס ער האָט פאָרגעשטעלט מיט זיך אַ פאַרענדיקט סיסטעם.

גלייכצייטיק האָב איך אָנגעהייבן לייענען צייטונגען, אָבער נישט אַזוי ווי אין אָדעס, נאָר פון אַ געוויסן פּאָליטישן שטאַנדפּונקט. פאַר דעם גרעסטן אויטאָריטעט האָט דאַן גענאָסן די מאָסקווער ליבעראַלע צייטונג „רוסקייאַ וויעדאָמאָסטי". מיר האָבן זי נישט געלייענט, נאָר פּשוט שטודירט, אָנגעהייבן פון די אימפּאָטענטע פּראָפעסאָרישע לייטאַרטיקלען ביז צו די וויסנשאַפטלעכע פעליעטאָנען. דער שטאָלץ פון דער צייטונג זענען אָבער געווען די קאָרעספּאָנדענציעס פון אויסלאַנד, דער עיקר פון בערלין. דורך די „רוסקייאַ וויעדאָמאָסטי" האָב איך באַקומען די ערשטע פאָרשטעלונג וועגן דעם פּאָליטישן לעבן אין מערב-אייראָפּע, קודם-כל וועגן די פּאַרלאַמענטאַרישע פּאַרטייען. איצט איז אַפילו שווער זיך פאָרצושטעלן יענע איבערגעבונג, מיט וועלכער מיר האָבן געלייענט בעבעלס און אַפילו אייגען ריכטערס רעדעס. נאָך עד-היום געדענק איך די פראַזע, וואָס דאַשינסקי האָט געוואָרפן די פּאָליציסטן, וועלכע זענען אַריין אין פּאַרלאַמענט-בנין: „איך בין דער פאָרשטייער פון 30,000 אַרבעטער און פויערים אין גאַליציע, ווער האָט עס די חוצפה מיך אָנצורירן!" מיר האָט זיך דערביי פאָרגעשטעלט די טיטאַנישע געשטאַלט פונעם גאַליציאַנער רעוואָלוציאָנער. די טעאַטראַלישע ברעטער פון פּאַרלאַמענטאַריזם — אָך און וויי — האָבן אונז אַזוי ביטער אָפּגענאַרט. די דערפאָלגן פון דעם דייטשן סאָציאַליזם, די פּרעזידענטן-וואַלן אין די פאַראייניקטע שטאַטן, די רייסערייען אין עסטרייכישן רייכסראַט, די אינטריגעס פון די פראַנצויזישע ראָיאַליסטן, — דאָס אַלץ האָט אונז

פאַרכאַפּט אַ סך מער, ווי דער פערזענלעכער גורל פון יעדער איינעם פון אונז.

בינו-לבינו האָבן זיך מיינע באַציונגען מיט די קרובים פאַרערגערט. קומענדיק קיין ניקאָלאַיעוו פאַרקויפן תבואה, האָט זיך מיין פאָטער עפּעס דורך זייטיקע וועגן דערוואוסט פון מיינע נייע באַקאַנטע. ער האָט געשפּירט, אַז עס רוקט זיך אָן אַ געפאַר, אָבער ער האָט נאָך געהאָפט זי אָפּצווענדן מיטן כוח פון דעם פאָטערלעכן אויטאָריטעט. מיר האָבן געהאַט עטלעכע שטורמישע וויכוחים. מיט עקשנות האָב איך געקעמפט פאַר מיין זעלבסטשטענדיקייט, פאַר דאָס רעכט אַליין אויסצוווילן מיין וועג. געענדיקט האָט זיך עס דערמיט, וואָס איך האָב זיך אָפּגעזאָגט פון דער מאַטעריעלער הילף מצד דער פאַמיליע, פאַרלאָזן מיין שילער-וואוינונג און אַריבערגעפאָרן צו שוויגאָווסקין, וועלכער האָט פאַר דער צייט אָנגעדונגען אַן אַנדער גאָרטן מיט אַ גרעסערן הייזל. דאָ האָבן מיר געלעבט זאַלבעזעקסט אין אַ „קאָמונע“. זומער האָט זיך אונזער צאָל פאַרגרעסערט מיט אַ צוויי, דריי שווינדזיכטיקע סטודענטן, וואָס האָבן געזוכט פרישע לופט. איך האָב אָנגעהייבן צו געבן לעקציעס. מיר האָבן געלעבט ווי די ספּאַרטאַנער, אָן בעט-וועש, און זיך גענערט מיט אַ קרופּניק, וואָס מיר האָבן אַליין אויפגעקאָכט. מיר האָבן געטראָגן בלויע בלוזעס, קיילעכדיקע שטרויהיט און שוואַרצע שטעקנס. אין שטאָט האָט מען געהאַלטן, אַז מיר געהערן צו אַ געהיימער סעקטע. מיר האָבן אומסיסטעמאַטיש געלייענט, ווילד דיסקוטירט, ליידנשאַפטלעך אַריינגעקוקט אין דער צוקונפט און געווען אויף אונזער שטייגער גליקלעך.

אין אַ קורצער צייט אַרום האָבן מיר אָרגאַניזירט אַ געזעלשאַפט צו פאַרשפּרייטן אין פאָלק נוצלעכע ביכער. מיר האָבן צונויפגענומען מיטגלידס-אָפּצאָלונגען, איינגעקויפט ביליקע אויסגאַבן, אָבער נישט געקאָנט זיי פאַרשפּרייטן. ביי שוויגאָווסקין אין גאָרטן האָט געאַרבעט אַ לוין-אַרבעטער און אַ געזעלן. אונזער אויפקלערונגס-ענערגיע האָבן מיר קודם-כל אָנגעווענדט אויף זיי. דער אַרבעטער האָט זיך אָבער אַרויסגעוויזן פאַר אַן איבערגעטאָנענעם זשאַנדאַרם, וועלכן מען האָט עקסטרע אַריינגעשמוגלט צו אונז אין גאָרטן, כדי אונז נאָכצושפּיאָנעווען. געהייסן האָט ער קיריל טכאָרזשעווסקי. ער האָט אויך דעם געזעלן אַריינגעצויגן צו די זשאַנדאַרמען. דאָס יינגל האָט אונז אַוועקגעלקחנט אַ פּעקל פאָלקס-ביכער און אַוועקגעטראָגן

עס אין דער זשאַנדאַרמעריע-פּאַרוואַלטונג. דער אָנהייב איז באַלד געווען נישט קיין געלונגענער. מיר האָבן אָבער שטאַרק געהאָפט אויף דער פּעולה אין דער צוקונפט.

איך האָב אָנגעשריבן פאַר אַן אָדעסער אויסגאַבע פון די „נאַראָדניקעס" אַ פּאָלעמישן אַרטיקל קעגן דעם ערשטן מאַרקסיסטישן זשורנאַל. דער אַרטיקל איז געווען פול מיט ציטאַטן, עפּיגראַמען און גיפט. אינהאַלט האָט ער אָבער געהאַט אַ סך ווייניקער. איך האָב דעם אַרטיקל איבערגעשיקט מיט דער פּאָסט, און אין אַ וואָך אַרום אליין צוגעפאָרן נאָך אַן ענטפער. דער רעדאַקטאָר האָט דורך זיינע גרויסע ברילן אָנגעקוקט מיט סימפּאַטיע דעם מחבר מיט דעם גרויסן קאָפּ האָר, אָבער לגמרי אָן איין הערעלע אויפן פּנים. דער אַרטיקל האָט נישט אָנגעזען די ליכטיקע וועלט. קיינער האָט דערפון נישט געליטן און ווייניקער פון אַלע — איך אַליין.

ווען די אויסגעווײלטע פאַרוואַלטונג פון דער עפנטלעכער ביבליאָטעק האָט געהעכערט דעם יערלעכן אַבאָנאַמענט-אָפּצאָל פון פינף אויף זעקס רובל, האָבן מיר אײנגעזען דערין אַ פּרואוו זיך אָפּצוזוימען פון דער דעמאָקראַטיע און געמאַכט אַ געוואַלד. עטלעכע וואָכן נאָכאַנאַנד זענען מיר אויסשליסלעך געווען פאַרנומען מיט דער אַרבעט, אָרגאַניזירנדיק די ביבליאָטעק-מיטגלידער צו דער אַלגעמײנער פאַרזאַמלונג. מיר האָבן אויסגעטרייסלט אַלע אונזערע דעמאָקראַטישע קעשענעס, געזאַמלט רובלס און האַלבע רובל און מיט דעם געלט איינגעשריבן נייע, מער ראַדיקאַלע מיטגלידער, וואָס אַ גרויסן טייל פון זיי האָבן געפעלט נישט בלויז די זעקס רובל, נאָר אויך די נויטיקע צוואָנציק יאָר לויטן סטאַטוט. דאָס ביבליאָטעק-בוך פאַר מעלדונגען און פּרעטענזיעס האָבן מיר פאַרוואַנדלט אין אַ זאַמלונג פון פייערדיקע פּאַמפלעטן. אויף דער יערלעכער פאַרזאַמלונג האָבן געקעמפט צוויי פּאַרטייען: באַאַמטע, לערער, ליבעראַלע גוטבאַזיצער און פלאָט-אָפיצירן, פון איין זייט, און מיר, די דעמאָקראַטיע, פון דער צווייטער. מיר האָבן אָפּגעהאַלטן אַ נצחון אויף דער גאַנצער ליניע: צוריק איינגעפירט דעם פינפרובלדיקן אָפּצאָל און אויסגעוויילט אַ נייע פאַרוואַלטונג.

זיך וואַרפנדיק פון איין זאַך אויף דער אַנדערער, האָבן מיר באַשלאָסן צו גרינדן אַן אוניווערסיטעט אויף די יסודות פון אַ קעגנזייטיקן לערנסיסטעם. עס זענען געווען אַ מאַן צוואַנציק צוהערער.

מיר האָט מען איבערגעגעבן די לעקציעס איבער סאָציאָלאָגיע. דאָס האָט געקלונגען שטאָלץ. איך האָב זיך געגרייט צו מיין קורס מיט אַלע מיינע כּוחות. נאָך אַ צוויי לעקציעס, וואָס זענען אַפילו בשלום דורכגעגאַנגען, האָב איך מיטאַמאָל דערפילט, אַז מיינע רעסורסן זענען אויסגעשעפּט. דער צווייטער לעקטאָר, אויף וועלכן עס איז אויסגעפאַלן דער קורס פון דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע, איז מבולבל געוואָרן גלייך ביי די ערשטע פראַזן פון דער לעקציע און האָט מבטיח געווען, אַז ער וועט זי אָנשרייבן און לייענען פון פּאַ-פּיר. זיין הבטחה האָט ער, נאַטירלעך, נישט מקיים געווען. דערמיט האָט זיך די אונטערנעמונג געענדיקט.

מיט דעמדאָזיקן צווייטן לעקטאָר, דעם עלטערן ברודער סאָקאָ-לאָווסקי, האָב איך באַשלאָסן אָנצושרייבן אַ דראַמע. צו דעם צוועק זענען מיר אַפילו ציטווייליק אַרויסגעטרעטן פון דער קאָמונע, זיך פאַרשטעקט אין אַ באַזונדערן צימער, און קיינעם נישט אויסגעזאָגט אונזער אַדרעס. די פּיעסיע איז געווען דורכגעדרונגען מיט סאָציאַלע טענדענצן אויפן הינטערגרונט פון קאַמף צווישן די גענעראַציעס. הגם ביידע דראַמאַטורגן האָבן זיך נאָך באַצויגן צום מאַרקסיזם מיט האַלבן צוטרוי, האָט דאָך דער נאַראָדניק אין דער פּיעסע פאַרגע-שטעלט מיט זיך אַן אינוואַלידישע פיגור, בעת די מונטערקייט, פרישקייט און האָפענונג זענען געווען אויף דער זייט פון די יונגע מאַרקסיסטן. אַזוי איז שוין דער כּוח פון דער צייט! דער ראָמאַנ-טישער עלעמענט האָט געפונען זיין אויסדרוק דערין, וואָס דער רע-וואָלוציאָנער פון עלטן דור, אַ צעבראָכענער פון לעבן, האָט זיך פאַרליבט אין אַ מאַרקסיסטין, אָבער זי איז אים מכבד מיט אַן אומ-ברחמנותדיקן מאָנאָלאָג וועגן דעם חורבן פון די נאַראָדניקעס-אידעען.

די אַרבעט ביי דער פּיעסיע איז געווען נישט קיין קליינע. טיילמאָל האָבן מיר געשריבן צוזאַמען, איינער דעם צווייטן אונטער-געפייערט און קאָרעגירט, טיילמאָל, ווידער, האָבן מיר זיך איינגע-טיילט מיט די סצענעס, און יעדער פון אונז האָט אין פאַרלויף פון טאָג צוגעגרייט אַן אויפטריט אָדער אַ מאָנאָלאָג. און מען מוז זאָגן דעם אמת, אַז אין מאָנאָלאָגן איז קיין דוחק נישט געווען. אין אָוונט איז סאָקאָלאָווסקי געקומען אהיים פון זיין פּאָסטן, וואָס האָט אים דערלויבט פריי צו באַאַרבעטן די יאָמערדיקע דרשות פונם העלד פון די זיבעציקער יאָרן, וואָס דאָס לעבן האָט אים צעבראָכן. איך

פלעג קומען פון די לעקציעס אָדער פון שוויגאָווסקין. דער באַלעבאָסטעס טאָכטער האָט אונז דערלאַנגט דעם סאַמאָוואַר. סאָקאָלאָווסקי האָט אַרויסגענומען פון די קעשענעס ברויט און וואורשט. אָפּגעשיידט מיט אַ פּאַנצער פון דער גאַנצער וועלט, פלעגן די דראַמאַטורגן פאַרברענגען דעם איבעריקן טייל פון אָוונט ביי דער אָנגעשטרענגטער אַרבעט. דעם ערשטן אַקט האָבן מיר אָנגעשריבן אינגאַנצן, אַפילו מיטן געהעריקן עפעקט אונטערן פאָרהאַנג. די איבעריקע אַקטן, פיר לויט דער צאָל, זענען געווען בלויז סקיצן. אָבער וואָס ווייטער מיר האָבן זיך גערוקט פאָרויס, אַלץ קעלטער זענען מיר געוואָרן צו אונזער אַרבעט. אין אַ געוויסער צייט אַרום זענען מיר געקומען צום באַשלוס, אַז מען מוז ליקווידירן אונזער צימער און ערשט שפּעטער פאַרענדיקן די דראַמע. דאָס פּעקל מאַנוסקריפּטן האָט סאָקאָלאָווסקי אַוועקגעטראָגן אין אַן אַנדער דירה. שפּעטער, בעת מיר זענען שוין געזעסן אין אָדעסער תּפיסה, האָט סאָקאָלאָווסקי געפּרוּאווט, מיט דער הילף פון זיינע קרובים, אָפּצוזוכן דעם כּתב-יד. אפשר איז אים איינגעפאַלן דער געדאַנק, אַז די פאַרשיקונג וועט אוודאי זיין די ריכטיקע צייט, צו באַאַרבעטן דאָס דראַמאַטישע ווערק. דעם מאַנוסקריפּט האָט מען אָבער נישט געפונען. ער איז אינגאַנצן פאַרשוואונדן געוואָרן. מסתּמא האָבן די באַלעבאַטים, וואָס האָבן אים ערגעץ ביי זיך פאַרשטעקט, געהאַלטן, אַז נאָך דעם אַרעסט פון די אומגליקלעכע מחברים, איז גלייכער אים צו פאַרברענען. קיין גרויס צער דערפון האָב איך נישט, בפרט נאָך, אַז אויף מיין ווייטערדיקן, נישט תּמיד גלאַטן לעבנסוועג זענען מיר פאַרלאָרן געגאַנגען מאַנוסקריפּטן פון אַ סך אַ גרעסערער באַדייטונג.

זיבעטער קאַפּיטל

מײַן ערשטע רעוואָלוציאָנערע אָרגאַניזאַציע

אין הערבסט 1896 בין איך דאָך אַרויסגעפאָרן אין דאָרף. דער ענין האָט זיך אייגנטלעך באַגרענעצט מיט אַ קורצן וואָפנשטילשטאַנד מיט דער פאַמיליע. דער פאָטער האָט געוואָלט, אַז איך זאָל ווערן אַן אינזשיניער. און איך האָב זיך נאָך געוואַקלט צווישן דער ריינער מאַטעמאַטיק, צו וועלכער איך האָב געפילט אַ שטאַרקע נייגונג, און דער רעוואָלוציע, וואָס האָט מיך ביסלעכווייז באַהערשט. יעדע באַרירונג פון דערדאָזיקער פראַגע האָט געפירט צו אַ שאַרפן קריזיס אין דער פאַמיליע. אַלע זענען געווען אָנגעברוגזט, אַלע האָבן געליטן, די עלטערע שוועסטער האָט אינדערשטיל געוויינט, און קיינער האָט נישט געוואוסט וואָס צו טאָן. אַ פעטער, וואָס איז גראָד געווען צו גאַסט ביי אונז אין דאָרף, אַן אינזשיניער און אַן אייגנטימער פון אַ פאַבריק אין אָדעס, האָט מיך איינגערעדט צו פאָרן אויף אַ צייט צו אים. דאָס איז, לכּל-הפּחות, געווען אַ צייטווייליקער אויסוועג פון דער געשאַפענער שווערער לאַגע. איך האָב פאַרבראַכט ביים פעטער עטלעכע וואָכן. מיר האָבן זיך אַרומגעאַמפּערט וועגן ריווח און מערווערט. מײַן פעטער איז געווען אַ סך אַ גרעסערער בריה אין מאַכן ריווח, איידער אין זיינע דערקלערונגען וועגן דעם. מײַן אַריינטרעטן אינם מאַטעמאַטישן פאַקולטעט האָט זיך דערווייל פאַרצויגן. איך האָב געלעבט אין אָדעס און אַרומגעזוכט. וואָס? דער עיקר טאַקע זיך אַליין. איך האָב פאַרפירט צופעליקע באַקאַנטשאַפטן

מיט אַרבעטער, זיך פאַרשאַפט אומלעגאַלע ליטעראַטור, געגעבן לעק־ציעס, געהאַלטן אינדערשטיל פאַרטראַגן פאַר די עלטערע תלמידים פון דער האַנדווערקער־שולע, געפירט דיסקוסיעס מיט די מאַרקסיסטן און זיך נאָך אַלץ נישט געוואָלט אונטערגעבן. מיטן לעצטן האַרבסט־דאַמפער בין איך אַוועקגעפאָרן צוריק קיין ניקאָלאַיעוו און ווידער זיך באַזעצט מיט שוויגאָווסקין אין גאָרטן.

און ווידער האָט מען אָנגעהייבן פון אָלטן. מיר האָבן דיסקו־טירט איבער די לעצטע ביכער פון די ראַדיקאַלע זשורנאַלן, זיך אַרומגעאַמפּערט וועגן דאַרוויניזם, זיך געגרייט צו עפּעס אומבאַ־שטימטעס און געוואַרט. וואָס האָט אייגנטלעך געדינט פאַר אַן אומ־מיטלבאַרן שטויס אויפצונעמען די רעוואָלוציאָנערע פּראָפּאַגאַנדע? אויף דעם איז שווער צו ענטפערן. דער שטויס איז געווען אַן אי־נערלעכער. אין יענער אינטעליגענטישער סביבה, וואו איך האָב פאַר־קערט, האָט קיינער נישט געפירט קיין ערנסטע רעוואָלוציאָנערע אַרבעט. מיר האָבן זיך אָפּגעגעבן אַ גענויען דין־וחשבון וועגן דעם, אַז צווישן אונזערע אומענדלעכע דיסקוסיעסביים טיי און דער רע־וואָלוציאָנערער אָרגאַניזאַציע — ליגט אַ גאַנצער תהום. מיר האָבן געוואוסט, אַז דער קאָנטאַקט מיט די אַרבעטער פאָדערט אַ גרויסע קאָנספּיראַציע. דאָסדאָזיקע וואָרט האָבן מיר אַרויסגערעדט ערנסט, מיט אַכטונג, כמעט מיסטיש. מיר האָבן נישט געצווייפלט, אַז סוף־כל־סוף וועלן מיר איבערגיין פונם טיי־טרינקען צו קאָנספּיראַציע. קיינער האָט אָבער נישט גערעדט קיין קלאָרע דבורים ווען און ווי אַזוי דאָס וועט געשען. כדי צו פאַרענטפערן די פאַרשלעפּענישן, פלעגן מיר זאָגן איינער דעם אַנדערן: מיר מוזן זיך צוגרייטן. און דאָס איז שוין דווקא נישט געווען אַזוי פאַלש.

עפּעס האָט זיך, קענטיק, איבערגערוקט אין דער לופט, און מיטאַמאָל פאַרגיכערט אונזער איבערגאַנג אויפן וועג פון רעוואָלו־ציאָנערער פּראָפּאַגאַנדע. דערדאָזיקער שטויס איז פאָרגעקומען נישט בלויז אין ניקאָלאַיעוו, נאָר איבגאַנצן לאַנד, קודם־כל אין די הויפּט־שטעט און האָט אָפּגעהילכט אויף ביי אונז. אין יאָר 1896 האָבן אין פּעטערבורג אויסגעבראָכן די באַרימטע מאַסן־שטרייקן פון די וועבער. דאָס האָט צוגעגעבן מוט דער אינטעליגענץ. די סטודענטן האָבן דער־פילט, אַז עס שטייען אויף די שווערע רעזערוון, און זענען געוואָרן דרייסטער. זומער, אויף ווייַנאַכט און אויף פּאַסכע זענען אַראָפּגע־

קומען קיין ניקאָלאַיעוו צענדליקער סטודענטן און מיטגעבראַכט מיט זיך די ווידערקולות פון די פעטערבורגער, מאָסקווער און קיעווער קאַמפן. עטלעכע האָט מען אויסגעשלאָסן פון אוניווערזיטעט, און די נעכטיקע גימנאַזיסטן האָבן זיך אומגעקערט מיט אַן אַרעאָל פון קעמפער. אין פעברואַר 1897 האָט זיך די קורסיסטקע וועטראָווא פאַרברענט אין דער פעטראָפּאַוולער פעסטונג. דידאָזיקע טראַגעדיע, וואָס איז געבליבן נישט אויפגעקלערט ביזן סוף, האָט אַלעמען שטאַרק אויפגעטרייסלט. אין די אוניווערזיטעט-שטעט האָבן זיך אָנגעהייבן אומרוען. די אַרעסטן און פאַרשיקונגען האָבן זיך געמערט.

צו דער רעוואָלוציאָנערער אַרבעט בין איך צוגעטראָטן אונטערן אַקאָמפּאַנימענט פון די „וועטראָווישע" דעמאָנסטראַציעס. געשען איז עס אויף אַזאַ אופן: איך בין געגאַנגען אין גאַס מיט גריגאָרי סאָקאָלאָווסקי, דעם יינגסטן מיטגליד פון אונזער קאָמונע, אַ יינגל אין מיינע יאָרן.—„סוף-כל-סוף האָבן מיר שוין אויך געדאַרפט אָנהייבן",— האָב איך אַ זאָג געטאָן. „יאָ, שוין טאַקע צייט אָנצוהייבן", האָט ער געענטפערט, „אָבער ווי אַזוי?"—„אָט דאָס איז טאַקע די פראַגע: ווי אַזוי?" — „מען דאַרף געפינען אַרבעטער, אויף קיינעם נישט וואַרטן, קיינעם נישט פרעגן, נאָר געפינען אַרבעטער און אָנהייבן".— „איך מיין, אַז מען קאָן געפינען", האָט סאָקאָלאָווסקי געזאָגט. „איך האָב אויפן בולוואַר אַ באַקאַנטן וועכטער, אַן אָנהענגער פון דער ביבל. איך וועל מיך טאַקע אַראָפּכאַפּן צו אים".

נאָך אין דעמזעלבן טאָג איז סאָקאָלאָווסקי אַוועק אויפן בולוואַר צום ביבל-אָנהענגער. יענער איז שוין דאָרט אָבער נישט געווען. ער האָט געטראָפן אַ פרוי, און די פרוי האָט געהאַט אַ באַקאַנטן, אויך אַ סעקטאַנט. דורך דעמדאָזיקן באַקאַנטן פון דער אונז אומבאַקאַנטער פרוי איז סאָקאָלאָווסקי נאָך אין דעמזעלבן טאָג זיך צונויפגעקומען מיט עטלעכע אַרבעטער, צווישן וועלכע עס האָט זיך געפונען דער עלעקטראָטעכניקער איוואַן אַנדרייעוויטש מוכין, וואָס איז באַלד געוואָרן די הויפּט-פיגור פון דער אָרגאַניזאַציע. סאָקאָלאָווסקי איז צוריקגעקומען פון זיינע זוך-נסיעות מיט ברענענדיקע אויגן. „אָט דאָס זענען מענטשן, אַזוינע מענטשן!"

אויפן צווייטן טאָג זענען מיר, אַ גרופּע פון אַ מאַן פינף, זעקס, געזעסן אין אַ שענק. די מוזיק-מאַשין האָט ווילד געדונערט איבער אונזערע קעפּ און באַשיצט אונזער שמועס פון פרעמדע

אויערן. מוכין, אַ מאָגערער, מיט אַ שפּיציק בערדל, פאַרזשמורעט דאָס כיטרע קלוגע לינקע אויג, קוקט פריינטלעך, אָבער עטוואָס שרעקעוודיק צוליב מיין יונג פּנים, אויף וועלכן עס איז נאָך נישטאָ קיין סימן פון אַ באָרד, און דערקלערט מיר באריכות מיט איבער־געשפּיצטע פּאַוזעס: „די צוואַנגעליע איז פאַר מיר אין דעמדאָזיקן ענין אַ מין האַטשעק. איך הייב אָן מיט דער רעליגיע און טראָג זי איבער אויפן לעבן. איך האָב די טעג אויף בעבלעך אויפגעדעקט די שטונדיסטן דעם גאַנצן אמת".

— „אויף בעבלעך?" — „פּראָסט־פּשוט: איך לייג אַוועק אויפן טיש אַ בעבל — אָט דאָס איז דער צאַר, נאָכדעם לייג איך אים אַרום מיט בעבלעך: דאָס זענען די מיניסטאָרן, אַרכיערייען, גענע־ראַלן, ווייטער — די פּאָמיעשטשיקעס, די קופּצעס, און נאָך ווייטער אַ גאַנצער באַרג מיט בעבלעך — דאָס איז דאָס פּשוטע פאָלק. פרעג איך: וואו איז דער צאַר? ווייזט ער אָן אויפן מיטן. און וואו זענען די מיניסטאָרן? ווייזט ער מיר אויפן קרייז. אָט ווי איך האָב אים געזאָגט, אַזוי זאָגט ער מיך אויך. נו, איצט שטיי נאָר, — זאָגט איוואַן אַנדרייעוויטש, — וואַרט נאָר צו אַ ביסל. — ער פאַרמאַכט איינגאַנצן דאָס לינקע אויג זיינס און שווייגט אַ ווײַלע. — „דאָ האָב איך מיט דער האַנט אויסגעמישט אַלע בעבלעך. נו, איצט ווייז נאָר, וואו איז דער צאַר? וואו זענען די מיניסטאָרן?" — „ווער, זאָגט ער, קאָן אים איצט דערקענען? איצט וועסטו אים שוין נישט גע־פינען..." — „אָט דאָס איז טאַקע די מעשה, זאָג איך, וואָס דו וועסט אים נישט געפינען. אָט דאָס, זאָג איך, דאַרף מען טאַקע טאָן—אויס־מישן אַלע בעבלעך".

איך האָב מיך אַפילו באַגאָסן מיט אַ שווייס פון התפעלות, בעת איך האָב מיך צוגעהערט, ווי איוואַן אַנדרייעוויטש רעדט. אָט דאָס איז דאָס ריכטיקע, און מיר האָבן זיך געקליגט און געפּשטלט און געוואָרט. די מאַשין שפּילט—דאָס איז קאָנספּיראַציע. איוואַן אַנדרייעוויטש וואַרפט אום מיט בעבלעך די קלאַסן־מעכאַניק — דאָס איז רעוואָלוציאָנערע פּראָפּאַגאַנדע. — „אָבער ווי אַזוי מישט מען זיי צונויף, — די פליגן זאָלן זיי פרעסן — אָט דאָס איז אַ פראַגע?" זאָגט מוכין שוין מיט אַן אַנדער טאָן, און קוקט מיך אָן שטרענג מיטביידע אויגן. „דאָס זענען דאָך עפּעס נישט קיין בעבלעך, וואָס?" — און איצט וואַרט ער שוין אויף אַן ענטפער פון מיין זייט.

פון דעם טאָג אָן האָבן מיר זיך אַריינגעוואָרפן איבערן קאָפּ אין דער אַרבעט. מיר האָבן נישט געהאַט קיין עלטערע פירער. אונזער אייגענע דערפאַרונג האָט נישט געקלעקט, מיר האָבן אָבער כמעט קיינמאָל נישט געשפּירט נישט קיין שוועריקייטן, נישט קיין ספקות. איינס איז אַרויסגעפּלאָסן פון צווייטן, פונקט אַזוי זיכער און לאָגיש ווי אינם שמועס מיט מוכינען אין שענק.

דאָס עקאָנאָמישע לעבן אין רוסלאַנד האָט זיך צום סוף פונם פאָריקן יאָרהונדערט שטאַרק אַ רוק געטאָן קיין דרום-מזרח. אין דרום זענען אויפגעשטעלט געוואָרן איינער נאָכן אַנדערן גרויסע זאַוואָדן, און אַ צוויי פון זיי אויך אין ניקאָלאַיעוו. אין יאָר 1897 האָבן זיך אין ניקאָלאַיעוו געפונען ביז 8000 זאַוואָד-אַרבעטער און בערך 2000 וואַרשטאַט-אַרבעטער. דער קולטורעלער ניוואָ פון די אַרבעטער, ווי אויך זייער לוין זענען לפי-ערך געווען גאַנץ הויך. עס איז געווען זייער אַ קליינער פּראָצענט אַנאַלפאַבעטן. דעם אָרט פון די רעוואָלוציאָנערע אָרגאַניזאַציעס האָט, אין אַ געוויסער מאָס, פאַר-נומען דאָס סעקטאַנטנטום, וואָס האָט געפירט אַ נצחונדיקן קאַמף מיט דער אָפיציעלער פּראַוואָסלאַוויע. אַזוי ווי קיין גרויסע אומרוען זענען נישט פאָרגעקומען, האָט די זשאַנדאַרמעריע אין ניקאָלאַיעוו רואיק געדרעמלט. דאָס איז אונז געווען זייער אויף דער האַנט. ביי אַן ערנסטער פירונג פון שפּיאָנאַזש וואָלט מען אונז אַוודאי אַרעסטירט אין די ערשטע וואָכן. אָבער מיר זענען פּאָרט געווען פּיאָנערן, און דעריבער האָבן מיר טאַקע אויסגענוצט די אַלע מעלות פון דעם-דאָזיקן פאַקט. די זשאַנדאַרמען האָבן מיר ערשט דאַן אויפגעטרייסלט, ווען מיר האָבן רעכט אַ טרייסל געטאָן די ניקאָלאַיעווער אַרבעטער.

ביי דער באַקאַנטשאַפט מיט מוכינען און זיינע פריינט האָב איך מיך אָנגערופן לוואָוו. דערדאָזיקער ערשטער קאָנספּיראַטיווער ליגן איז מיר נישט אַנגעקומען לייכט: ס'איז ממש געווען פיינלעך „אָפּצונאַרן" מענטשן, מיט וועלכע מען קומט זיך צוזאַמען פאַר אַזאַ גרויסער און גוטער זאַך. אָבער דער נאָמען לוואָוו האָט זיך גיך פאַרפעסטיקט אַזוי, אַז איך אַליין האָב מיך אויך צו אים צוגעוווינט.

די אַרבעטער האָבן זיך צו אונז געצויגן, ווי אַ שטראָם, פונקט ווי מען וואָלט אויף אונז שוין לאַנג אויסגעקוקט אין די זאַוואָדן. יעדער איינער האָט מיטגעבראַכט אַ פריינט, אַנדערע זענען געקומען מיט די ווייבער, עטלעכע עלטערע אַרבעטער זענען אַריין אין די

קרײזלעך צוזאַמען מיט זײערע זין. נישט מיר האָבן געזוכט די אַרבעטער, נאָר זײ אונז. יונגע און אומדערפאַרענע פירער, האָבן מיר זיך באַלד אָנגעהײבן טרינקען אין דער באַװעגונג, װאָס מיר האָבן אַרויסגערופן. יעדעס װאָרט האָט געפונען אַן אָפּקלאַנג. אויף די געהײמע פאַרזאַמלונגען און דיסקוסיעס, װאָס זענען אײנגעאָרדנט געװאָרן אין די װאַרשעװער, אין װאַלד, בײם טײך פלעגן זיך צונויפקומען ביז 20—25 נפשות און אַמאָל נאָכמער. על־פּי־רוב זענען עס געװען הויך קװאַליפיצירטע אַרבעטער, װאָס האָבן נישט שלעכט פאַרדינט. אינם ניקאָלאַיעװער זאַװאָד פאַר שיפבוי איז שוין דעמאָלט געװען אײנגעפירט אַן אַכט־שעהדיקער אַרבעטסטאָג. מיט קײן שטרײקן האָבן זיך דידאָזיקע אַרבעטער נישט אינטערעסירט, זײ האָבן נאָר געזוכט דעם אמת פון די סאָציאַלע באַציִונגען. עטלעכע פון זײ האָבן זיך גערופן באַפּטיסטן, שטונדיסטן, עװאַנגעלישע קריסטן. דאָס איז אָבער נישט געװען קײן דאָגמאַטיש סעקטאַנטנטום. די אַרבעטער האָבן זיך פּראָסט־פּשוט אָפּגערוקט פון דער פּראַװאָסלאַװיע און דער באַפּטיזם איז געװאָרן פאַר זײ אַ קורצער עטאַפּ אויפן רעװאָלוציאָנערן װעג. אין די ערשטע װאָכן פון אונזערע שמועסן האָבן זיך נאָך אַ סך פון זײ באַנוצט מיט סעקטאַנטישע אויסדרוקן און געבראַכט ראַיות פון דער עפּאָכע פון די ערשטע קריסטן. אָבער כּמעט אַלע האָבן זיך באַלד באַפרײט פון דערדאָזיקער פּראַזעאָלאָגיע, פון װעלכער די ייִנגערע אַרבעטער האָבן פּשוט געחוזקט.

די ליכטיקערע געשטאַלטן שטײען נאָך הײנט װי לעבעדיקע פאַר מײנע אויגן. דער סטאָליאַר קאָראָטקאָװ, אין אַ האַרטן הוט, װאָס האָט זיך שוין לאַנג אָפּגעפאַרטיקט מיט דער מיסטיק, אַ װיצלינג און אַ גראַמען־שרײבער. — „איך בין אַ ראַציאַליסט" (ראַציאָנאַליסט), פלעגט ער פײערלעך דערקלערן. און אַז טאַראַס סאַװעליעװיטש, אַן עלטערער עװאַנגעליסט, װאָס האָט שוין געהאַט אײניקלעך, פלעגט צום הונדערטסטן מאָל אָנהײבן רעדן פון די ערשטע קריסטן, װעלכע פלעגן זיך אויך, פּונקט װי מיר, פאַרזאַמלען געהײם, האָט אים קאָראָטקאָװ איבערגעהאַקט: „אָט װאָס איך טו מיט דײן טעאָלאָגיע!" און ער פלעגט אַראָפּנעמען פון קאָפּ דעם הוט און מיט כּעס אַ שלײדער געטאָן אים ערגעץ אין דער הויך צװישן די בײמער. נאָכדעם, אָפּװאַרטנדיק אַ װײלע, פלעגט ער גײן אָפּזוכן זײן קאָפּ־פּוץ. דאָס איז פאָרגעקומען אין װאַלד אויפן זאַמד

אַ סך אַרבעטער, פאַרכאַפּט פון די נייע געפילן, האָבן אָנגעהייבן שרייבן שירים. קאָראָטקאָוו האָט אָנגעשריבן אַ „פּראָלעטאַרישן מאַרש”, וואָס האָט זיך אָנגעהייבן מיט די ווערטער: „מיר זענען די אַלפעס און אָמעגעס, דער אָנהייב און דער סוף”. נעסטערענקאָ, אויך אַ סטאָליאַר, וואָס האָט זיך באַטייליקט, צוזאַמען מיט זיין זון, אין קרייזל פון אַלעקסאַנדראַ לוואָוונאַ סאָקאָלאָווסקאַיאַ, האָט אָנגעשריבן אַן אוקראַיניש פאָלקס-ליד וועגן קאַרל מאַרקסן. מען האָט עס געזונגען מיטן כאָר. אָבער נעסטערענקאָ אַליין האָט געענדיקט שלעכט: ער האָט אָנגעקניפּט באַציונגען מיט דער פּאָליציי און אַרויסגעגעבן די גאַנצע אָרגאַניזאַציע.

דער יונגער טאָגאַרבעטער יעפימאָוו, אַ ריז מיט העלבלאָנדע האָר און בלויע אויגן, וואָס האָט געשטאַמט פון אַן אָפיצירן-משפחה, האָט געקאָנט גוט לייענען און שרייבן און האָט אַפילו אַ היפּש ביסל געלייענט. געוואוינט האָט ער אין אַ לעצט, שמוציק און פאַרוואָרפן געסל. איך האָב אים געפונען אין אַ פּרעסאַרניע פון באָסיאַקעס. יעפימאָוו האָט געאַרבעט אין פּאָרט אַלס טרעגער. ער האָט נישט געטרונקען, נישט גערויכערט, איז געווען איינגעהאַלטן און העפלעך, אָבער אין אים האָט זיך גענעסטיקט עפּעס אַ סוד, וואָס האָט אָנגעוואָרפן אויף אים אַן אומעט, נישט געקוקט אויף זיינע איין און צוואָנציק יאָר. יעפימאָוו האָט מיר גלייך פאַרטרויט, אַז ער האָט זיך באַקאָנט מיט דער געהיימער אָרגאַניזאַציע פון די „נאַראָדאָוואָלצעס” און האָט מיך געוואָלט צונויפפירן מיט זיי. זאַלבעדריט — איך, מוכין און יעפימאָוו האָבן מיר געטרונקען טיי אינם רוישיקן שענק „רוסלאַנד”, געהערט די באַטויבנדיקע מוזיק פון דער מאַשין און געוואַרט. צולעצט האָט אונז יעפימאָוו אַ וויז געטאָן מיט די אויגן אויף אַ הויכן, דיקן פאַרשוין מיט אַ בערדל פון אַ קופּיעץ. „ער”. דערדאָזיקער פאַרשוין האָט לאַנג געטרונקען טיי ביי אַ באַזונדער טישל, נאָכדעם איז ער אויפגעשטאַנען, אָנגעטאָן דעם מאַנטל און מיט אַן אויטאָמאַטישן זשעסט זיך איבערגעצלמט פאַר די הייליקע בילדער. „אויך מיר אַ נאַראָדאָוואָליעץ!” האָט מוכין שטיל געגאַפּט. „דער נאַראָדאָוואָליעץ” האָט זיך אויסגעדרייט פון אונזער באַקאַנטשאַפט, איבערגעבנדיק דורך יעפימאָוון עפּעס אַ נעפּלהאַפטע דערקלערונג. דידאָזיקע געשיכטע איז שוין אַזוי פאַרבליבן אַ סוד אויף אייביק. יעפימאָוו אַליין האָט אינגיכן אונטערגעפירט אַ סך-הכל

פון זיין לעבן און האָט זיך פאַרסמט מיט קוילן-גאַז. מעגלעך, אַז דער ריז מיט די בלויע אויגן איז פּשוט געווען אַ שפּילצייג אין די הענט פון אַ שפּיאָן, אָדער אפשר נאָך עפּעס ערגערס...

מוכין, פון פאַך אַן עלעקטראָטעכניקער, האָט איינגעאָרדנט ביי זיך אין דירה אַ קאָמפּליצירטן סיגנאַלן-סיסטעם אויפן פאַל, טאָמער וועט פּלוצלונג אָנקומען די פּאָליציי. מוכין איז אַלט געווען 27 יאָר, האָט אַ ביסל אונטערגעהוסט מיט בלוט, איז געווען שטאַרק דערפאַרן אין לעבן, האָט זיך אויסגעצייכנט מיט אַ סך פּראַקטישער חכמה און האָט אויסגעזען כמעט אַ זקן. מוכין איז געבליבן אַ רעוואָלוציאָנער אויפן גאַנצן לעבן. נאָך זיין ערשטער פאַרשיקונג איז געקומען אַ פרישע תפיסה און נאָכדעם ווידער פאַרשיקונג. איך האָב זיך מיט אים גע-טראָפן, נאָך אַ הפסקה פון 23 יאָר, אויף דער קאָנפערענץ פון דער אוקראַינישער קאָמוניסטישער פּאַרטיי אין כאַרקאָוו. מיר זענען לאַנג געזעסן אין אַ ווינקל, איבערגעלופטערט די אַלטע צייטן, זיך דער-מאַנט אין איינצעלנע עפּיזאָדן און דערציילט איינער דעם צווייטן וועגן דעם גורל פון יענע מענטשן, מיט וועלכע מיר האָבן זיך פאַרבונדן בעתן באַגינען פון דער רעוואָלוציע. אויף דערדאָזיקער קאָנפערענץ איז מוכין אויסגעוויילט געוואָרן אין דער צענטראַלער קאָנטראָל-קאָ-מיסיע פון דער אוקראַינישער פּאַרטיי. ער האָט מיט זיין גאַנץ לעבן ערלעך פאַרדינט דעמדאָזיקן אויסוואַל. אָבער באַלד נאָך דער קאָנפע-רענץ האָט זיך מוכין אַוועקגעלייגט און איז שוין מער נישט אויפ-געשטאַנען.

נאָך אין אָנהייב פון אונזער באַקאַנטשאַפט האָט מיך מוכין תיכף צונויפגעפירט מיט זיין פריינט באַבענקאָ, וואָס האָט אויך אָנ-געהערט צו די סעקטאַנטן; ער האָט געהאַט אַ קליין הייזל און אַ גאָרטן פון עפּלביימער. באַבענקאָ, אַ קוליאַווער, אַ לאַנגזאַמער, תמיד אַ ניכטערער, האָט מיר אויסגעלערנט צו טרינקען טיי מיט עפּל אַנ-שטאָט ציטרין. צוזאַמען מיט אַנדערע איז ער אויך אַרעסטירט גע-וואָרן, אָפּגעזעסן אַ היפּשע צייט און איז נאָכדעם געקומען צוריק קיין ניקאָלאַיעוו. דער גורל האָט אונז שפּעטער צעשיידט. צופעליק האָב איך אין יאָר 1925 איבערגעלייענט אין אַ צייטונג, אַז אין קובאַן וואוינט איינער אַ באַבענקאָ, אַ געוועזענער מיטגליד פונם דרום-רוסישן אַרבעטער-בונד. אין יענער צייט איז ער פּאַראַליזירט געוואָרן אויףביידע פיס. מיר איז געלונגען אויסצווירקן — אין יאָר

1925 איז עס מיר שוין נישט געווען אַזוי לייכט — מען זאָל איבער־פירן דעם אַלטן באַבענקאָן קיין יעסענטוקי אויף קוראַציע. ער האָט ווידער אָנגעהייבן גיין. איך האָב באַזוכט באַבענקאָן אין זיין סאַנאַטאָריע. ער האָט לגמרי נישט געוואוסט, אַז טראָצקי און לוואָוו איז דיזעלבע פערזאָן. ווידער האָבן מיר געטרונקען צוזאַמען טיי מיט עפּל און דערמאַנט די פאַרגאַנגענהייט. אָט האָט ער זיך דאָס אַ ביסל געמוזט חידושן, ווען ער האָט באַלד דערויף דערהערט, אַז טראָצקי — איז אַ קאָנטר־רעוואָלוציאָנער!

עס זענען געווען אַ סך אינטערעסאַנטע מענטשן, ווער קאָן זיי דאָ אַלעמען אויסרעכענען. עס איז געווען אַן אויסגעצייכטע יוגנט, זייער אַ קולטורעלע, וואָס איז אַדורכגעגאַנגען די טעכנישע שולע ביי דעם זאַוואָד פאַר שיפּבוי. זי האָט פאַרשטאַנען דעם פירער אויפן וואונק. די רעוואָלוציאָנערע פּראָפּאַגאַנדע האָט זיך אויף דעם אופן אַרויסגעוויזן אַ סך צוטריטלעכער, ווי מיר האָבן זיך עס פאָרגעשטעלט אין אונזער פאַנטאַזיע. אונז האָט איבערראַשט און פאַרשיכורט די הויכע פּראָדוקטיווקייט פון דער אַרבעט. פון די דערציילונגען וועגן דער רעוואָלוציאָנערער טעטיקייט האָבן מיר געוואוסט, אַז דורך פּראָפּאַגאַנדע געלינגט בלויז צו פאַראַגיטירן געציילטע אַרבעטער. אַ רעוואָלוציאָנער, וואָס האָט צוגעצויגן אַ צוויי, דריי אַרבעטער, האָט עס שוין געהאַלטן פאַר אַ דערפאָלג. ביי אונז איז אָבער די צאָל אַרבעטער, וואָס האָבן געהערט צו די קרייזלעך און זיך געריסן אַהין, געווען כמעט אַן אומבאַגרענעצטע. עס האָבן נאָר געפעלט פירער. און ס'איז געווען אַ דוחק אין ליטעראַטור. די פירער האָבן געריסן איינער ביים אַנדערן פון די הענט דעם איינציקן צעשמאַדערטן געשריבענעם עקזעמפּלאַר פונם קאָמוניסטישן מאַניפעסט פון מאַרקס און ענגעלס; דערדאָזיקער עקזעמפּלאַר איז איבערגעשריבן געוואָרן מיט פאַרשיידענע האַנטשריפטן און מיט אַ סך בלויזן און פעלערן.

באַלד אָבער האָבן מיר זיך אַליין גענומען שאַפן ליטעראַטור. דאָס איז אייגנטלעך געווען די התחלה פון מיין ליטעראַרישער אַרבעט. איך האָב געשריבן פּראָקלאַמאַציעס אָדער אַרטיקלען, דערנאָך זיי איבערגעשריבן מיט געדרוקטע אותיות פאַרן העקטאָגראַף. פון שרייבמאַשינען האָט מען נאָך דעמאָלט קיין אַנונג נישט געהאַט. איך האָב געצייכנט די געדרוקטע אותיות מיט דער גרעסטער פּינקטלעכקייט, ווייל איך האָב געהאַלטן פאַר אַ כבוד־זאַך צו מאַכן מיין

אַרבעט אַזוי, אַז אויך דער אַרבעטער, וואָס איז שוואַך אין די שוואַרצע פֿינצטערע, זאָל קענען לייכט לייענען אונזערע העקטאָגראַפֿירטע פּראָקלאַמאַציעס. יעדעס זייטל האָט פֿאַרנומען ווייניקסטנס אַ צוויי שעה צייט. אָפֿטמאָל בין איך אָפּגעזעסן ביי דערדאָזיקער אַרבעט אַ גאַנצע וואָך צייט, זיך פּשוט נישט אויסגעגלייכט דעם רוקן און זיך אַרויסגעכאַפּט בלויז אויף פֿאַרזאַמלונגען אָדער צו דער אַרבעט פֿון די קרייזלעך. וואָס פֿאַר אַ געפֿיל פֿון באַפֿרידיקונג האָבן אונז אָבער דערפֿאַר פֿאַרשאַפֿט די ידיעות פֿון די זאַוואָדן און צעכן, אַז די אַרבעטער האָבן דורשטיק געשלונגען די סודותפֿולע בלעטלעך מיט די פּיאָלעטע אותיות, איבערגעגעבן זיי איינער דעם צווייטן און גע־פֿירט וועגן זיי פֿייערדיקע דיסקוסיעס. זיי האָבן זיך פֿאַרגעשטעלט דעם מחבר פֿון דידאָזיקע פֿלוגבלעטער פֿאַר זייער אַ מעכטיקן און געהיימניספֿולן מענטשן, וואָס דרינגט אַריין אין אַלע זאַוואָדן, ווייס, וואָס ס׳טוט זיך אין די צעכן, און אין משך פֿון 24 שעה ענט־פֿערט ער שוין אויף די געשעענישן מיט נייע פֿלוגבלעטער.

לכתחילה פֿלעגן מיר נאָר ביינאַכט, ביי זיך אין צימער, קאָכן די העקטאָגראַפֿן-מאַסע און דרוקן די פּראָקלאַמאַציעס. איינער איז בעת-מעשה געשטאַנען אין הויף אויף דער וואַך. אין אַן אָפֿענעם אויוון זענען געווען צוגעגרייט נאַפֿט און זאַפּאַלקעס, כּדי אין אַ מאָמענט פֿון געפֿאַר צו פֿאַרברענען די ממשותדיקע באַווייזן. אַלץ איז, נאַטירלעך, געווען זייער נאַיוו. אָבער די ניקאָלאַיעווער זשאַנ־דאַרמען זענען דעמאָלט נישט געווען קיין סך דערפֿאַרענער פֿון אונז. שפּעטער האָבן מיר אַריבערגעטראָגן אונזער העקטאָגראַף אין דער דירה פֿון אַן עלטערן אַרבעטער, וואָס האָט בעת אַן אומגליקספֿאַל אין וואַרשטאַט פֿאַרלוירן די ראיה. זיין דירה האָט ער אונז אָפּגע־געבן אָן אַ שום וואַקלעניש. „פֿאַר אַ בלינדן איז יעדער אָרט אַ תּפֿיסה" האָט ער אַ זאָג געטאָן מיט אַ רואיקן שמייכל. ביסלעכווייז האָבן מיר אָנגעזאַמלט ביי אים אַ היפּשן רעזערוו פֿון גליצערין, זשעלאַטין און פּאַפּיר. געאַרבעט האָבן מיר דורך די נעכט. דאָס אָפּגעלאָזענע צימער מיטן נידעריקן סופֿיט איבערן קאָפּ האָבן באמת אויסגעזען זייער צרהדיק און קבצניש. אויפֿן אייזערנעם אויוועלע האָבן מיר צוגעגרייט דאָס רעוואָלוציאָנערע געקעכץ און שפּעטער עס אויסגעגאָסן אויף אַן אייזענבלעך. דער בלינדער האָט זיך בעסער פֿון אַלע אָריענטירט אין האַלב פֿינסטערן צימער און האָט אונז צוגע־

האַלפּן. אַ יונגער אַרבעטער און אַן אַרבעטערין האָבן מיט גרויס יראת־הכבוד געקוקט אויף איינאַנדער, בעת איך האָב אַראָפּגענומען פון העקטאָגראַף דעם פריש אָפּגעדרוקטן בויגן. ווען עמעצער, אַ שטייגער, זאָל דאַן מיט אַ „ניכטערן" בליק אַראָפּקוקן פון דער הויך אויף דערדאָזיקער יונגער גרופּקע, וואָס פּאָרעט זיך אַרום אינדער־פינסטער מיט אַ צרהדיקן העקטאָגראַף, וואָלט ער זיכער געהאַלטן פאַר אַ נאַרישע פאַנטאַזיע דעמדאָזיקן איינפאַל אומצווואַרפן אַ מעכ־טיקע מלוכה, וואָס שטייט שוין הונדערטער יאָרן. און דאָך איז דער־דאָזיקער איינפאַל געלונגען און טאַקע בלויז אין פאַרלויף פון איין מענטשלעכער גענעראַציע: ביזן יאָר 1905 זענען פון יענער נאַכט פאַרלאָפן סך־הכל אַכט יאָר, און ביזן יאָר 1917 – נישט קיין גאַנצע צוואַנציק יאָר.

די מינדלעכע פּראָפּאַגאַנדע האָט מיר דעמאָלט נישט געגעבן אַזאַ באַפרידיקונג, ווי די שריפטלעכע. די ידיעות זענען געווען צו קנאַפּע, און ס'האָט געפעלט די בריהשאַפט זיי איבערצוגעבן אויף אַ געהעריקן אופן. קיין רעדעס, אין פּאַקטישן זין פון וואָרט, האָט מען נאָך ביי אונז נישט געהאַלטן. נאָר איין איינציק מאָל, דעם ערשטן מאַי, האָב איך אין וואַלד געמוזט האַלטן עפּעס אַ מין רעדע. איך בין געווען אין אַ גרויסער פאַרלעגנהייט. יעדעס וואָרט מיינס האָט מיר, איידער ס'איז אַרויס פון מיין מויל, געקלונגען אומגעהייער פאַלש. דערפאַר אָבער זענען די שמועסן אין די קרייזלעך אָפטמאָל געווען גאַנץ געלונגען. בכלל איז די רעוואָלוציאָנערע אַרבעט געגאַנגען זייער ענערגיש. דעם קאָנטאַקט מיט אָדעס האָב איך שטאַרק אונטערגעהאַלטן און כסדר אנטוויקלט. אין אָוונט בין איך אַוועק צום ניקאָלאַיעווער האַפן, געקויפט פאַר אַ רובל אַ בילעט פון דריטן קלאַס, זיך אַוועקגעלייגט אויפן דעק, נענטער צום קוימען, צוקאָפּנס אַרונטערגעלייגט די מאַרינאַרקע און זיך צוגעדעקט מיטן מאַנטל. אינ־דערפרי פלעג איך זיך אויפכאַפּן אין אָדעס און זיך אַוועקלאָזן לויט די באַקאַנטע אַדרעסן. די צווייטע נאַכט האָב איך ווידער פאַרבראַכט אויפן דאַמפער. אַזוי־אַרום האָב איך נישט געפּטרט קיין איבעריקע צייט אויף די נסיעות. מיינע באַקאַנטשאַפטן אין אָדעס זענען אומגע־ריכט באַרייכערט געוואָרן. אויף דער שוועל פון דער עפנטלעכער ביבליאָטעק האָב איך מיך באַקענט מיט אַן אַרבעטער אין ברילן: מיר האָבן איינער דעם צווייטן שאַרף אָנגעקוקט און זיך פאַרשטאַנען.

דאָס איז געווען אַלבערט פּאָליאַק, אַ זעצער, דער אָרגאַניזאַטאָר פון דער שפּעטער באַרימט געוואָרענער צענטראַלער דרוקעריי פון דער פּאַרטיי. מיין באַקאַנטשאַפט מיט אים האָט געשאַפן אַ נייע עפּאָכע אין לעבן פון אונזער אָרגאַניזאַציע. שוין אין עטלעכע טעג אַרום האָב איך אַראָפּגעבראַכט קיין ניקאָלאַיעוו אַ פולע וואַליזע מיט אומלעגאַלער ליטעראַטור פון די אויסלענדישע אויסגאַבן. דאָס זענען אַלץ געווען נייעקע אַגיטאַציע-בראָשורן אין פרייַלעכע קאָלירטע הילעס. מיר האָבן כסדר געהאַלטן אין איין אויפמאַכן די וואַליזע, כדי זיך אָנצופרייען מיט אונזער אוצר. די בראָשורן זענען געשווינט פאַרשפרייט געוואָרן און האָבן שטאַרק אויפגעהייבן אונזער אויטאָריטעט אין די אַרבעטער-קרייזן.

פון אַ שמועס מיט פּאָליאַקן האָב איך זיך צופעליק דערוואוסט, אַז דער טעכניקער שרענצל, וואָס האָט זיך אָנגעגעבן פאַר אַן אינזשעניער און האָט זיך שוין לאַנג געריבן אַרום אונז—איז אַן אַלטער פּראָוואָקאַטאָר. דאָס איז געווען אַ נאַריש און נמאסדיק מענטשעלע אין אַן אוניפאָרם-היטל מיט אַ קאָקאַרדע. מיר האָבן אים אינסטינקטיוו נישט געטרויט, אָבער עפּעס וואָס האָט ער יאָ געוואוסט און וועמען פון אונז אויך געקענט. איך האָב איינגעלאַדן שרענצלען צו מוכינען אַהיים. דאָ האָב איך אויספירלעך איבערגעגעבן שרענצלס ביאָגראַפיע, נישט אָנרופנדיק דערביי זיין נאָמען, אַזוי, אַז ער איז פשוט געבליבן זיצן אַ מטושטשער. מיר האָבן אים מתרה געווען, אַז אין פאַל פון אַ פּראָוואָקאַציע, וועלן מיר זיך זייער שנעל אָפּרעכענען מיט אים. דאָס האָט, אַפּנים, געווירקט, ווייל ביי אַ דריי חדשים נאָכדעם האָט מען אונז געלאָזט צורו. דערפאַר אָבער האָט שרענצל, נאָך אונזער אַרעסט, אָנגעהאַקט אויף אונז אין זיינע באַווייזן גאַנצע בערג מיט שרעקלעכע גוזמאות.

די אָרגאַניזאַציע האָבן מיר אָנגערופן מיטן נאָמען „דרום-רוסישער אַרבעטער-בונד”, האָבנדיק בדעה אַריינצוציען אויך אַנדערע שטעט. איך האָב געשאַפן דעם סטאַטוט פון בונד אין סאָציאַלדעמאָקראַטישן גייסט. די אַדמיניסטראַציע פון די זאַוואָדן האָט זיך אַפילו געפרואווט אַרויסצוטרעטן קעגן אונז מיט רעדעס. אויפן צווייטן טאָג האָבן מיר געענטפערט אויף דעם מיט פּראָקלאַמאַציעס. דערדאָזיקער דועל האָט אויפגערעגט נישט בלויז די אַרבעטער, נאָר אויך די ברייטע קרייזן פון דער שטאָטישער באַפעלקערונג. די גאַנצע שטאָט

האָט דערנאָך געערדט ·וועגן די רעוואָלוציאָנערן, וואָס פאַרפּלייצן די זאַוואָדן מיט זייערע פלוגבלעטלעך. אונזערע נעמען האָבן געקלונגען פון אַלע זייטן. די פּאָליציי האָט זיך אָבער נישט געאיילט, זי האָט נישט געגלויבט, אַז די „יינגלעך פון גאָרטן" זענען פעאיק צו פירן אַזאַ קאַמפּאַניע, און האָט משער געווען, אַז הינטער אונזערע פּלייצעס שטייען מער דערפאַרענע פירער. זיי האָבן, אַפּנים, חושד געווען די אַלטע פאַרשיקטע. דאָס האָט אונז געגעבן אַ צווייַ, דריי חדשים איבעריקע צייט. סוף־כּל־סוף האָט מען אונז אָבער גענומען גוט נאָכ־שפּיאָנעווען און די זשאַנדאַרמען האָבן דערקענט איין קרייזל נאָכן צווייטן. מיר האָבן באַשלאָסן זיך אָפּצוטראָגן אויף עטלעכע וואָכן פון ניקאָלאַיעוו, כּדי איבערצורייסן ביי דער פּאָליציי דעם פאָדעם. איך האָב געזאָלט אַוועקפאָרן צו די עלטערן אין דאָרף אַריין, סאָקאָ־לאָווסקאַיאַ מיטן ברודער קיין יעקאַטערינאָסלאַוו א. אַז. וו. גלייכצייטיק האָבן מיר אָבער פעסט באַשלאָסן — זיך נישט אויסצובאַהאַלטן אין פאַל פון מאַסן־אַרעסטן, נאָר לאָזן זיך אַרעסטירן, כּדי די זשאַנדאַרמען זאָלן נישט קאָנען זאָגן די אַרבעטער: „אייערע פירער האָבן אייך פאַרלאָזן".

פאַר מיין אַוועקפאָר האָט נעסטערענקאָ געפאָדערט, איך זאָל אים איבערגעבן אַ פּעקל פּראָקלאַמאַציעס. ער האָט באַשטימט אַן אָרט הינטערן בית־עולם, וואו מיר זאָלן זיך טרעפן שפּעט אין אָוונט. ס'איז געלעגן אַ טיפער שניי. די נאַכט איז געווען אַ ליכטיקע. הינטערן בית־עולם האָט זיך געצויגן אַ נאַקעטער ווייסטער פּלאַץ. נעסטערענקאָן האָב איך געפונען אויפן באַשטימטן אָרט, אָבער אין דעם מאָמענט, ווען איך האָב אים דערלאַנגט דאָס פּעקל, וואָס איך האָב אַרויסגעצויגן פון אונטערן מאַנטל, האָט זיך פון דער בית־עולם־וואַנט אָפּגערוקט אַ געשטאַלט און איז פאַרביי האַרט לעבן אונז, באַרירנדיק נעסטערענקאָן מיטן עלנבויגן. — „ווער איז דאָס?" האָב איך פאַר־וואונדערט אַ פרעג געטאָן. — „איך ווייס נישט", האָט נעסטערענקאָ געענטפערט און נאָכגעקוקט מיט די אויגן דעם אַוועקגייענדיקן. ער איז שוין דעמאָלט געשטאַנען אין פאַרבינדונג מיט דער פּאָליציי. אָבער מיר איז גאָרנישט איינגעפאַלן צו פאַרדעכטיקן אים.

דעם 28 יאַנואַר 1898 זענען דורכגעפירט געוואָרן מאַסן־אַרעסטן. אַרום און אַרום האָט מען אַרויסגעכאַפּט 200 מענטשן. מען האָט זיך אָנגעהייבן אָפּצורעכענען מיט די רעוואָלוציאָנערן. סאָקאָלאָוון,

איינעם פון די אַרעסטירטע, אַ זעלנער, האָט מען אַזוי אָנגעשראָקן, אַז ער איז אַרויסגעשפּרונגען דורכן פענסטער פון צווייטן שטאָק פון תּפיסה־קאָרידאָר, אָבער ער איז אָפּגעקומען בלויז מיט שווערע וואונדן. אַ צווייטן פון די אַרעסטירטע, לעוואַנדאָווסקין, האָבן די זשאַנדאַרמען פשוט דערפירט צו משוגעת. עס זענען געווען נאָך קרבנות.

צווישן די אַרעסטירטע איז געווען אַ גרויסער עולם צופעליקע מענטשן. עטלעכע פון זיי, אויף וועלכע מיר האָבן דווקא גערעכנט, האָבן זיך פון אונז אָפּגעזאָגט און אַפילו פאַרראַטן. פאַרקערט, אַנדערע, וואָס זענען גאָר געשטאַנען אָן אַ זייט, האָבן זיך פעסט געהאַלטן. דער טאָקער אויגוסט דאָרן, אַ דייטש, אַ מענטש פון אַ יאָר 50, וואָס האָט אפשר אַ פּאָר מאָל באַזוכט אונזערס אַ קרייזל, איז אַריינגעשלעבט געוואָרן אויף אַ לענגערער צייט. ער האָט זיך אויסגעצייכנט געהאַלטן, האָט געזונגען איבערן גאַנצן תּפיסה־בנין לוסטיקע, הגם נישט תּמיד אָנשטענדיקע לידלעך, זיך געוויצלט אויף אַ געבראָכענעם רוסיש און אויפגעמונטערט די יונגע. אין מאָסקווער עטאַפּן־תּפיסה, וואו מיר זענען געזעסן אין אַ געמיינזאַמער קאַמער, האָט דאָרן איינגערעדט דעם סאַמאָוואַר, ער זאָל זיך דערנענטערן צו אים און פאַרענדיקט זיין דיאַלאָג מיט דידאָזיקע ווערטער: „דו ווילסט נישט? נו, וועט דאָרן גיין צו דיר!" און כאָטש דידאָזיקע סצענע פלעגט זיך איבערחזרן טאָג־טעגלעך, האָבן דאָך אַלע גוטמוטיק געלאַכט.

די ניקאָלאַיעווער אָרגאַניזאַציע האָט געקריגן אַ שטאַרקן קלאַפּ, זי איז זיך אָבער נישט צעפאַלן. אונז האָבן באַלד פאַרטראַטן אַנדערע. סיי די רעוואָלוציאָנערן און סיי די זשאַנדאַרמען זענען געוואָרן פּראַקטישער.

אַכטער קאַפּיטל

מיינע ערשטע תפיסות

בעת דער אַלגעמיינער אָבלאַווע בין איך אַרעסטירט געוואָרן נישט אין ניקאָלאַיעוו, נאָר אינם גוט פון אַ גרויסן גוטבאַזיצער סאָקאָווניק, וואו שוויגאָווסקי האָט געאַרבעט אַלס גערטנער. איך בין פאַרפאָרן צו אים אויפן וועג פון יאַנאָווקע קיין ניקאָלאַיעוו, מיט אַ גרויסער טעקע, אָנגעפּאַקט מיט מאַנוסקריפּטן, צייכענונגען, בריוו און מיט כלערליי אומלעגאַלן מאַטעריאַל. אויף דער נאַכט האָט שוויגאָווסקי באַהאַלטן דאָס געפּערלעכע פּעקל אין אַ גרוב מיט קרויט, און באַגינען, בעת ער איז אַוועק פאַרזעצן ביימער אין וואַלד, האָט ער אַרויסגענומען דאָס פּעקל פון גרוב, כדי מיר אים איבערצוגעבן צו דער אַרבעט. אַקוראַט אין דעם מאָמענט זענען אָנגעפלויגן די זשאַנדאַרמען. שוויגאָווסקי האָט נאָך באַוויזן צו פאַררוקן דאָס פּעקל אין פאָרהויז אונטער אַ פאַס וואַסער. דער עקאָנאָמקע, וואָס האָט אונז אונטער דער השגחה פון די זשאַנדאַרמען דערלאַנגט דעם מיטאָג, האָט שוויגאָווסקי ווי עס איז אַריינגעשושקעט אין אויער, זי זאָל צונעמען פון אונטערן פאַס דאָס פּעקל און זאָל עס בעסער באַהאַלטן. די אַלטע האָט נישט געפונען קיין קליגערע זאַך, ווי צו פאַרגראָבן די טעקע אין גאָרטן, אין שניי. מיר זענען געווען פעסט איבערצייגט, אַז די פּאַפּירן וועלן נישט אַריינפאַלן צום שונא אין די הענט. עס איז געקומען דער פרילינג, דער שניי איז צעגאַנגען, עס איז אָנגעוואַקסן גראָז און האָט ווידער פאַרדעקט די טעקע, וואָס

איז אָנגעשוואָלן געוואָרן פון פרילינג-וואַסער. מיר זענען זיך דער־
וויל געזעסן אין תּפיסה. נאָכדעם איז געקומען דער זומער. אַן אַר־
בעטער האָט געקאָשעט אין גאָרטן דאָס גראָז, זיינע צוויי ייִנגלעך,
וואָס האָבן זיך דערביי געשפּילט, האָבן דערזען דאָס פּעקל און
האָבן עס איבערגעגעבן דעם פאָטער; דער אַרבעטער האָט עס אַריינ־
געטראָגן אינעם פּריצישן הויז, און דער ליבעראַלער פּריץ, וואָס האָט
זיך איבערגעשראָקן צום טויט, האָט תּיכּף-ומיד אַוועקגעפירט די פּאַ־
פּירן קיין ניקאָלאַיעוו צום זשאַנדאַרמען-פּולקאָווניק. דער כּתב פון די
מאַנוסקריפּטן האָט, נאַטירלעך, געדינט אַלס באַווייז קעגן עטלעכע פּערזאָן.

די אַלטע ניקאָלאַיעווער תּפיסה איז לגמרי נישט געווען צו־
געפּאַסט פאַר פּאָליטישע, און דערצו נאָך אין אַזאַ גרויסער צאָל.
איך בין אַריינגעפאַלן אין איין קאַמער מיט יאַוויטשן, אַ יונגן איינ־
בינדער. די קאַמער איז געווען זייער גרויס, פאַר אַ מאַן דרייסיק,
אָן שום מעבל און כּמעט נישט באַהייצט. אין טיר איז געווען אַ
גרויסער פּירקאַנטיקער אויסשניט אין קאָרידאָר אַריין, וואָס האָט
אַרויסגעפירט אין הויף. ס'זענען געווען די אמתע יאַנואַר-פרעסט.
אויף ביינאַכט האָט מען אונז אַוועקגעלייגט אויף דער פּאָדלאָגע
שטרויזעק און זעקס אַ זייגער באַגינען פלעגט מען זיי צוריק אַרויס־
טראָגן. דאָס אויפשטיין און זיך אָנטאָן איז געווען אַן אמתע אָפּקוי־
מעניש. אין די מאַנטלען, היטלען און קאַלאָשן זענען מיר געזעסן
מיט יאַוויטשן אויף דער פּאָדלאָגע, אַקסל צו אַקסל, מיט די רוקנס
צוגעשפּאַרט צו דעם עטוואָס וואַרעמען אויוון און ביי אַ פּאָר שעה פאַנ־
טאַזירט אָדער געדרעמלט. דאָס איז אפשר טאַקע געווען די גליק־
לעכסטע צייט פון טאָג. אויפן פאַרהער האָט מען אונז נישט אַרויסגערופן.
מיר זענען געלאָפן פון איין ווינקל צום צווייטן, כּדי זיך צו דער־
וואַרעמען, זיך געקוויקט מיט זכרונות, השערות און האָפענונגען. איך
האָב מיך אָנגעהייבן לערנען מיט יאַוויטשן. אַזוי זענען אַוועק דריי
וואָכן. דערנאָך איז פאָרגעקומען אַ שנוי. מען האָט מיך אַרויסגערופן
מיט די זאַכן אין דער תּפיסה-קאַנטאָר און איבערגעגעבן אין די
הענט פון צוויי לאַנגע זשאַנדאַרמען, וואָס האָבן מיך אַוועקגעפירט
אויף אַ פור אין דער כערסאָנער תּפיסה. דאָס איז געווען נאָך אַן
עלטערער בנין. די קאַמער איז אַפילו געווען אַ גערוימע, אָבער מיט
אַ שמאָלן פעסט פאַרהאַקטן פענסטער, אין אַ שווערן אייזן-געפלעכט,
וואָס האָט כּמעט נישט אַדורכגעלאָזט קיין שיין. די איינזאַמקייט איז

געוועזן אַ פולשטענדיקע, אַן אַבסאָליוטע, אַ האָפנונגסלאָזע. נישט קיין שפּאַציר, נישט קיין שכנים. פון פאַרהאַקטן פענסטער האָט מען קיין שום זאַך נישט געזען. קיין פּעקלעך פון דער פריי האָב איך נישט באַקומען. איך האָב נישט געהאַט נישט קיין טיי, נישט קיין צוקער. בלויז איינמאָל אין טאָג, צום מיטאָג, פלעגט מען געבן אַ ביסל וואַסער מיט גרויפּן. די פּאָרציע קאָרן-ברויט מיט זאַלץ איז געווען מיין פרישטיק און מיין אָוונטברויט. איך האָב געפירט מיט זיך אַליין לאַנגע דיאַלאָגן, צי האָב איך רעכט צו פאַרגרעסערן די פרישטיק-פּאָרציע אויפן חשבון פון אָוונטברויט. די אינדערפריִענדיקע אַרגומענטן האָבן מיר אויסגעזען אין אָוונט נאַריש און פאַרברעכעריש. צום אָוונטברויט האָב איך פיינט געהאַט תּכלית-שנאה דעמיעניקן, וואָס האָט געפרישטיקט. איך האָב נישט געהאַט קיין צוויי פּאָר וועש. דריי חדשים נאָכאַנאַנד האָב איך געטראָגן בלויז איין פּאָר וועש. איך האָב נישט געהאַט קיין זייף. די תּפיסה-פּאַראַזיטן האָבן מיך אויפגעפרעסן לעבעדיקערהייט. איך האָב מיר אַליין געמאַכט אַ באַשטעלונג: אַדורכצושפּאַנען אין דער קוויער טויזנט הונדערט און עלף טריט. איך בין אַלט געווען קנאַפּע נייַנצן יאָר. די איזאָלירונג איז געווען אַן אַבסאָליוטע, אַזעלכע, וואָס איך האָב קיינמאָל אין ערגעץ שפּעטער נישט איבערגעלעבט, הגם איך בין געזעסן אין אַ צוואָנציק תּפיסות. איך האָב נישט געהאַט קיין איינציק בוך, נישט קיין בלייפעדער און נישט קיין פּאַפּיר. די קאָמער האָט מען קיינמאָל נישט אויסגעלופטערט. וואָס פאַר אַ לופט עס איז געווען אין דער קאָמער — דאָס האָט מיר געזאָגט די פאַרקרימטע מינע פונם שעף-געהילף, אַז ער פלעגט אַריינקומען צו מיר. איך פלעג אָפּבייסן אַ שטיקל אַרעסטאַנטן-ברויט, גיין אין דער קוויער און פאַרפאַסן לידלעך. דאָס ליד פון די נאַראָדניקעס „דאָס דובינעלע" האָב איך איבער־געמאַכט אויפן פּראָלעטאַרישן „דאָס מאַשינעלע". איך האָב פאַרפאַסט אַ רעוואָלוציאָנערע „קאַמאַרינסקע". דידאַקטישע לידלעך, פון אַ גאַנץ מיטלמעסיקן ווערט, זענען שפּעטער געוואָרן שטאַרק פּאָפּולער. זיי ווערן נאָך איצט איבערגעדרוקט אין אַ סך לידער-זאַמלונגען. אָפטמאָל פלעגט מיך אָבער דער שרעקלעכער אומעט פון דער איינזאַמקייט פייניקן צום טויט. דעמאָלט האָב איך מיט גרויס גוזמא אַדורכגעשפּאַנט מיט מיינע אויסגעטרעטענע פּאַדעשוועס טויזנט הונדערט און עלף טריט. צום סוף פונם דריטן חודש, ווען דאָס תּפיסה-ברויט, דער

שטרוי-זאַק און די לייז זענען שוין געוואָרן די אומטיילבאַרע עלעמענטן פון מיין עקזיסטענץ, אַ שטייגער, ווי דער טאָג און די נאַכט, האָבן מיר די וועכטער אין אָוונט אַריינגעבראַכט אַ גאַנצן באַרג זאַכן פון אַן אַנדער פאַנטאַסטישער וועלט: פרישע וועש, אַ קאָלדרע, אַ קישן, ווייס ברויט, טיי, צוקער, שינקע, קאָנסערוון, פאָמעראַנצן, עפּל, יאָ, גרויסע העלפאַרביקע פאָמעראַנצן... און אַפילו איצט, אין 31 יאָר אַרום, ווער איך אויפגערעגט, בשעת איך רעכן אויס דידאָזיקע מערקווירדיקע זאַכן און דערמאַן מיך, אַז איך האָב דאָ נישט אַריינגערעכנט אַ סלויעק מיט איינגעמאַכץ, זייף און אַ קעמעלע. „דאָס האָט אייך אייער מוטער געשיקט", האָט מיר דער געהילף געמאָלדן. און ווי שלעכט איך האָב דעמאָלט פאַרשטאַנען אַ מענטשלעכע נשמה, דאָך האָב איך לויט זיין טאָן תיכּף געכאַפּט מיטן שכל, אַז ער האָט געקריגן אין יד אַריין.

באַלד נאָכדעם האָט מען מיך אויף אַ דאַמפּער איבערגעפירט קיין אָדעס און אַריינגעזעצט אין אַן איינצל-תּפיסה, וואָס איז אויסגעבויט געוואָרן מיט עטלעכע יאָר פאַר דעם, לויטן לעצטן וואָרט פון דער טעכניק. נאָך ניקאָלאַיעוו און כערסאָן האָט מיר די אָדעסער איינצל-תּפיסה אויסגעזען ווי אַ אידעאַלע אינסטיטוציע. דאָס אָנקלאַפּן אין וואַנט, די צעטלעך, „דער טעלעפאָן", אַ פּשוטער געשריי דורך די פענסטער — בקיצור, דער פּאָסט-פּאַרקער האָט פונקציאָנירט כּמעט אָן אַן אויפהער. איך האָב אויסגעקלאַפּט די שכנים מיינע כערסאָנער לידער, און זיי האָבן מיר, אַלס ענטפער, פאַרזאָרגט מיט נייעס. פון שוויגאָווסקין האָב איך מיך דורכן פענסטער דערוואוסט, אַז מיין פעקל פּאַפּירן איז אַריינגעפאַלן צו די זשאַנדאַרמען אין די הענט, און דעריבער האָב איך אָן שום מי צעשטערט דעם פּלאַן פון פּאָדפּולקאָווניק דרעמלינגאַ, וואָס האָט מיר געוואָלט אונטערשטעלן אַ פּיסק. מען דאַרף זאָגן, אַז אין יענעם פעריאָד האָבן מיר נאָך נישט אָנגענומען די טאַקטיק, אַז מען דאַרף נישט געבן קיין שום ענטפער, ווי אין עטלעכע יאָר אַרום.

נאָך די מאַסן-אַרעסטן, וואָס זענען פאָרגעקומען פרילינגסצייט אין גאַנץ רוסלאַנד, איז די תּפיסה געווען איבערפולט. דעם ערשטן מערץ 1898, בעת איך בין געזעסן אין דער כערסאָנער תּפיסה, איז אין מינסק פאָרגעקומען דער גרינדונגס-צוזאַמענפאָר פון דער סאָציאַל-דעמאָקראַטישער פּאַרטיי. סך-הכּל איז ער באַשטאַנען פון ניין מענטשן,

און איז גלייך דערטרונקען געוואָרן אין אַ כוואַליע פון ערעסטן. אין עטלעכע חדשים אַרום האָט מען שוין וועגן אים גאָרנישט גערעדט. אָבער זיינע שפעטערדיקע פאָלגן האָבן משפיע געווען אויף דער געשיכטע פון דער גאַנצער מענטשהייט... דער אָנגענומענער מאַניפעסט האָט אָנגעצייכנט אַזאַ מין פערספעקטיוו פון פאָליטישן קאַמף: „... וואָס ווייטער אין מזרח-אייראָפע, אַלץ פחדנותדיקער און געמיינער ווערט די בורזשואַזיע און אַלץ גרעסערע קולטורעלע און פאָליטישע אויפגאַבן וואַקסן פאַרן פראָלעטאַריאַט". היסטאָריש פיקאַנט איז דער פאַקט, וואָס דער מחבר פון מאַניפעסט איז געווען דער נישט אומבאַקאַנטער פיאָטער סטרואַווע, וועלכער איז שפעטער געוואָרן דער לידער פון ליבעראַליזם, און נאָך שפעטער — דער פובליציסט פון דער קירכלעכער און מאָנאַרכיסטישער רעאַקציע.

די ערשטע חדשים אין דער תפיסה האָב איך נישט באַקומען פון דרויסן קיין ביכער און בין געווען געצוואונגען זיך צו באַנוגענען מיט דער תפיסה-ביבליאָטעק. זי איז באַשטאַנען דער עיקר פון קאָנסערוואַטיוו-היסטאָרישע און רעליגיעזע זשורנאַלן פאַר אַ סך יאָרן. איך האָב זיי שטודירט מיט אַן אומגעהייערער התמדה. איך האָב באַלד געקענט אַלע סעקטעס און די גאַנצע אַפיקורסות פון דער אַלטער און דער נייער צייט, אַלע מעלות פון דעם פראַוואָסלאַוונעם גאָט-דינסט, די בעסטע אַרגומענטן קעגן קאַטאָליציזם, פראָטעסטאַנטיזם, קעגן טאָלסטאָיס לערע, קעגן דאַרוויניזם.

דאָס קריסטלעכע באַוואוסטזיין, האָב איך געלייענט אין דער „פראַוואָסלאַווער איבערזיכט", האָט ליב די אמתדיקע וויסנשאַפטן און צוזאַמען מיט זיי די נאַטורוויסנשאַפט, אַלס גייסטיקע קרובה פון גלויבן. דער וואונדער מיט בלעמס אייזל, וואָס האָט געפירט אַ דיסקוסיע מיטן נביא, קאָן נישט אָפגעלייקנט ווערן אויך פון נאַטורוויסנשאַפטלעכן שטאַנדפונקט: „עס זענען דאָך פאַראַן רעדנדיקע פאַפוגייען און אַפילו קאַנאַריקעס". דערדאָזיקער אַרגומענט פון אַרציבישאָף ניקאַנאָר האָט מיך באַשעפטיקט גאַנצע טעג נאָכאַנאַנד און טיילמאָל איז ער מיר אויך געקומען צו חלום ביינאַכט. די אויספאָרשונגען וועגן שדים, בייזע גייסטער און זייערע פירשטן, וועגן טייוול און וועגן זייער פינסטערער שדים-מלוכה האָבן יעדעס מאָל פון דאָסניי איבערראַשט און אויף זייער שטייגער אַנטציקט דעם יונגן ראַציאָנאַליסטישן געדאַנק, וואָס איז קאָדיפיצירט געוואָרן מיט די נאַ-

רישקייטן פון טויזנטער יאָרן. אַן אויספּירקעכץ שילדערונג פון גן-עדן, פון זיין אינערלעכער איינריכטונג און דעם אָרט, וואו ער געפינט זיך, האָט זיך פאַרענדיקט מיט אַ מעלאַנכאָלישער נאָטע: „קיין געניע אָנווייזונגען וועגן דעם אָרט, וואו דער גן-עדן געפינט זיך, זענען נישט פאַראַן". דידאַקטיקע פּראַזע פלעג איך איבערחזרן צום מיטאָג, צום טיי און אויפן תפיסה-שפּאַציר. די געאָגראַפישע לעגנגראַדן פון די גן-עדנדיקע לייטזעליקייטן זענען אויך אומבאַקאַנט. מיטן זשאַנדאַרמישן אונטעראָפיציר מיקלין פלעג איך מיך ביי יעדער געלעגנהייט אַריינלאָזן אין טעאָלאָגישע וויכוחים. מיקלין איז געווען גיריק, ליגנעריש, פאַרביסן, נאָר באַהאַוונט אין די הייליקע ספרים און פרום גאָר אָן אַ מאָס. אַדורכלויפנדיק מיט די שליסלען איבער די הילכעדיקע אייזערנע טרעפּ, פלעגט ער אונטערזינגען אַ קלויסטער-ניגון. „פאַר איין-איינציק וואָרט קריסטוסעס מוטער אָנשטאָט גאָטס מוטער", האָט מיר מיקלין איינגערעדט, „האָטביים אפּיקורוס אריה געפּלאַצט דער בויך". „טאָ פאַרוואָס פּלאַצן איצט נישט די בייכער ביי די אפּיקורסים? — „איצט, איצט..." האָט מיקלין באַליידיקט געענטפערט, „איצט זענען אַנדערע צייטן".

מיין שוועסטער, וואָס איז געקומען פון דאָרף, האָט מיר געבראַכט אויף מיין בקשה — פיר עוואַנגעליעס אין פרעמדע שפּראַכן. מיט דער הילף פון מיינע שולקענטענישן אין דייטש און פראַנצויזיש, האָב איך זיי געלייענט, פּסוק נאָך פּסוק, אויך אין ענגליש און איטאַליעניש. אין פאַרלויף פון עטלעכע חדשים האָב איך אַזוי־אַרום געהאַט אַ גרויסע פּעולה. איך מוז אָבער זאָגן, אַז מיינע לינגוויסטישע פעאיקייטן זענען גאַנץ מיטלמעסיקע. פונקטום קען איך אויך איצט נישט קיין איין פרעמדע שפּראַך, הגם איך האָב יאָרנלאַנג געלעבט אין פאַרשיידענע אייראָפּעישע לענדער.

ביי די זעונגען מיט די קרובים האָט מען די אַרעסטירטע אַריינגעלאָזט אין ענגע הילצערנע שטייגן, אָפּגעטיילט פון די באַזוכער, מיט טאָפּעלע קראַטן. אַז מיין פאָטער האָט מיך דערזען צום ערשטן מאָל, האָט ער געמיינט, אַז די גאַנצע צייט פון מיין אַרעסט שטיי איך אַוודאי אַזוי אין דעמדאָזיקן ענגן קאַסטן. אַן אינעװלעכער שוידער האָט ביי אים אָפּגענומען דעם לשון. אויף מיינע פראַגן האָט ער בלויז געמאַכט מיט די ליפּן און נישט געקאָנט אַרויסברענגען קיין איין וואָרט. איך וועל קיינמאָל נישט פאַרגעסן דאָסדאָזיקע פּנים זיינס.

די מוטער איז שוין געווען דערצו צוגעגרייט און האָט זיך דערייבער געהאַלטן אַ סך רואיקער.

דער אָפּקלאַנג פון די וועלטגעשעענישן איז צו אונז דערגאַנגען בלויז ברעקלעכווייז. דער דרום־אַפריקאַנישער קריג האָט אונז קוים באַרירט. מיר זענען נאָך געווען פּראָווינצער אין פולסטן זין פון וואָרט. דעם קאַמף פון די ענגלענדער מיט די בורן זענען מיר געווען נוטה צו דערקלערן בעיקר פון שטאַנדפּונקט פון דעם אומפּאַרמיידלעכן נצחון פון גרויסקאַפּיטאַל. די דרייפוס־אַפערע, וואָס האָט אין יענעם מאָמענט דערגרייכט דעם העכסטן פּונקט, האָט אונז פון צייט צו צייט פאַרכאַפּט מיט איר דראַמאַטיזם. איינמאָל איז צו אונז דערגאַנגען אַ ידיעה, אַז אין פראַנקרייך איז פאָרגעקומען אַן איבערקערעניש און ס׳איז צוריק פאַרפעסטיקט געוואָרן די קעניגלעכע מאַכט. ס׳האָט אונז אָרומגעכאַפּט עפּעס אַ געפיל פון אומגעהייערער בושה. די זשאַנדאַרמען זענען אַרומגעלאָפן צעטראָגענע איבער די אייזערנע קאָרידאָרן און טרעפּ, כדי צו באַרואיקן די קולות און געוואַלדן. זיי האָבן געמיינט, אַז מ׳האָט אונז ווידער געגעבן נישט קיין פרישן מיטאָג. ניין, דער פּאָליטישער פליגל פון דער תפיסה האָט שטורמיש פּראָטעסטירט קעגן דער רעסטאַווראַציע פון דער מאָנאַרכיע אין פראַנקרייך.

די אַרטיקלען אין די טעאָלאָגישע זשורנאַלן וועגן פּריימוערייי האָבן מיך פאַראינטערעסירט. פונוואַנען האָט זיך גענומען דידאָזיקע משונהדיקע שטרעמונג? האָב איך מיך געפרעגט. ווי וואָלט זי דערקלערט דער מאַרקסיזם? איך האָב מיך לפי־ערך גאַנץ לאַנג גערangלט מיטן היסטאָרישן מאַטעריאַליזם און זיך געקלאַמערט אין דער טעאָריע פון דער מערהייט פון היסטאָרישע פאַקטאָרן, וואָס איז נאָך אויך איצט, ווי מיר ווייסן, די אַממייסטן פאַרשפּרייטע טעאָריע פון דער סאָציאַלער וויסנשאַפט. פאַרשיידענע זייטן פון געזעלשאַפטלעכער טעטיקייט רופן די מענטשן פ אַ ק ט אָ ר ן, גיבן צו דעמדאָזיקן באַגריף אַן איבערסאָציאַלן כאַראַקטער און זייער אייגענע געזעלשאַפטלעכע טעטיקייט דערקלערן זיי שפּעטער אַבערגלויביש, אַלס פּראָדוקט פון קעגנזייטיקער ווירקונג פון דידאָזיקע זעלבסטשטענדיקע קרעפטן. פונוואַנען האָבן זיך גענומען די פאַקטאָרן, דאָס הייסט, אונטער וועלכע באַדינגונגען האָבן זיי זיך אַנטוויקלט אין דער פּרימיטיווער מענטש-

לעכער געזעלשאַפט — דערויף שטעלט זיך די אָפּיציעלע עקלעקטיק*) כמעט נישט אָפּ. מיט באַגייסטערונג האָב איך געלייענט אין מיין קאַמער צווייִ באַקאַנטע שילדערונגען פונם אַלטן איטאַליענישן העגעליאַנער־מאַרקסיסט אַנטאָניאָ לאַבריאָלאָ, וואָס זענען אַריינגעשמוגלט געוואָרן אין תּפיסה אין אַ פראַנצויזישער איבערזעצונג. לאַבריאָלאָ האָט, ווי בלויז געציילטע לאַטייניש שריפטשטעלער, באַהערשט די מאַטעריאַ־ליסטישע דיאַלעקטיק, אויב נישט אין דער פּאָליטיק, וואו ער איז געווען שוואַך, איז אויפן געביט פון געשיכטס־פילאָזאָפיע. אונטערן גלאַנצפולן דילעטאַנטיזם פון זיין שילדערונג האָט זיך פּאַקטיש פאַר־באָרגן אַן אמתע טיפקייט. מיט דער טעאָריע פון די צאָלרייכע פּאַקטאָרן, וואָס באַפעלקערן דעם אָלימפּ פון דער געשיכטע און פירן אַן פון דאָרט מיט אונזערע שיקזאַלן, האָט זיך לאַבריאָלאָ אויסגע־צייכנט אַן עצה געגעבן. כאָטש פון דער צייט, זינט איך האָב גע־לייענט זיינע טראַקטאַטן, זענען שוין אַריבער גאַנצע דרייסיק יאָר, האָט זיך אָבער זיין אַלגעמיינער געדאַנקען־גאַנג, ווי אויך דער שטענ־דיקער רעפרען „אידעען פאַלן נישט פון הימל", פעסט איינגעקריצט אין מיין זכרון. אָנמעכטיק האָבן מיר נאָכדעם אויסגעזען די רוסישע טעאָרעטיקער פון דער פילפאַלטיקייט פון די פאַקטאָרן, ווי לאַוראָוו, מיכאַיילאָווסקי, קאַרייעוו און אַנדערע. אַ סך שפּעטער האָב איך בשום־אופן נישט געקאָנט פאַרשטיין יענע מאַרקסיסטן, אויף וועלכע ס'האָט משפיע געווען דאָס אומפּרוכטבאַרע בוך פון דייטשן פּראָפעסאָר שטאַמלער: „ווירטשאַפט און רעכט", דאָסדאָזיקע בוך, וואָס שטעלט פאַר איינעם פון די צאָלרייכע פּרוואוון דורכצוזעצן דעם גרויסן נאָ־טורגעשיכטלעכן און היסטאָרישן שטראָם, וואָס פירט פון דער אַמעבע צו אונז און פון אונז ווייטער, דורך געשלאָסענע קרייזן פון אייביקע קאַטעגאָריעס, וועלכע זענען פאַקטיש נישט מער, ווי אַן אָפּדרוק פון לעבעדיקן פּראָצעס אין דעם מוח פון פּעדאַנט.

און אָט אין דעם פּעריאָד האָט מיך גראָדע פאַראינטערעסירט די פראַגע וועגן פריימויעריי. אין פאַרלויף פון עטלעכע חדשים האָב איך כסדר געלייענט ביכער איבער דער געשיכטע פון פריימוי־עריי, וואָס קרובים און פריינט האָבן מיר צוגעשטעלט פון דער

*) עקלעקטיק — די פילאָזאָפיע, וואָס האָט נישט קיין אייגענעם סיסטעם, נאָר נעמט פון יעדן פילאָזאָפישן סיסטעם דאָס, וואָס עס זעט איר אויס צו זיין דאָס בעסטע.

שטאַט. פּאַרוואָס און צו וועלכן צוועק האָבן זיך די סוחרים, קינסט-לער, באַנקירן, באַאַמטע און אַדוואָקאַטן אָנגעהייבן רופן פריימוי-ערער, זינט דעם ערשטן פערטל פון XVII-טן יאָרהונדערט, און גע-שאַפן צוריק דעם ריטואַל פון מיטלאַלטערלעכן צעך? פונוואַנען שטאַמט דערדאָזיקער משונהדיקער מאַסקאַראַד? ביסלעכווייז האָט זיך מיר דאָס בילד אויפגעקלערט. דער אַלטער צעך איז געווען נישט בלויז אַ ווירטשאַפטלעכע אָרגאַניזאַציע, נאָר ער האָט אויך געהאַט אַ שייכות צו דער עטיק און צום לעבנסשטייגער. דער צעך האָט אַרומ-געכאַפּט דאָס לעבן פון דער שטאָטישער באַפעלקערונג פון אַלע זייטן, באַזונדערס דער צעך פון האַלבע בעלי-מלאכות און האַלבע אַרטיסטן פון בוי-פאַך. די צעפאַלונג פון דער צעך-ווירטשאַפט איז אייגנטלעך געווען אַ מאַראַלישער קריזיס פון דער געזעלשאַפט, וואָס האָט זיך נאָר וואָס געהאַט אויסגעשיילט פון מיטלאַלטער. די נייע עטיק האָט זיך אַנטוויקלט אַ סך לאַנגזאַמער, ווי די אַלטע האָט זיך געבראָכן. פונדאַנען שטאַמט דער אָפטער פּרואוו אין דער מענטשלעכער גע-שיכטע צו קאָנסערווירן יענע פאָרמען פון דער עטישער דיסציפּלין, וואָס דער היסטאָרישער פּראָצעס האָט שוין לאַנג אונטערגעגראָבן אירע סאָציאַלע — אין דעם פאַל — ווירטשאַפטלעכע צעך-ידיעות. די אַפּעראַטיווע מאַסאָנעריע האָט זיך פאַרוואַנדלט אין אַ ספּעקולאַטיווער. אָבער ווי תמיד אין אַזעלכע פאַלן, האָבן די אָפּגעלעבטע עטישע לעבנספאָרמען, אָן וועלכע די מענטשן האָבן זיך געקלאַמערט בלויז צוליב זיי גופא, באַקומען אונטערן דרוק פון לעבן גאָר אַ נייעם אינהאַלט. אין איינצלנע צווייגן פון דער פריימויערײַ זענען נאָך געווען שטאַרק די עלעמענטן פון דער דירעקטער פעאָדאַלער רע-אַקציע, ווי, למשל, אינם שטאָטישן סיסטעם. אין XVIII-טן יאָרהונ-דערט פיקן זיך אָן די פאָרמען פון דער פריימויערײַ אין אַ ריי לענדער מיט קריגערישער השכלה, מיט פּאָליטישער און רעליגיעזער אויפקלערונג, וואָס שפּילן אַ פּאָר-רעוואָלוציאָנערע ראָל, און אויפן דינקן פליגל גייען זיי איבער אין דער קאַרבאָנאַרן*)-באַוועגונג. צו די פריימויערער האָט געהערט לודוויג XVI, אָבער אויך דער דאָקטאָר גילאָטין, דער דערפינדער פון דער גילאָטינע. אין דרום-דייטשלאַנד האָט די פריימויערײַ אָנגענומען אַן אָפענעם רעוואָלו-

*) קאַרבאָנאַרן — פּאָליטישע פּאַרטיי אין איטאַליע, וואָס איז אַרויסגעטרעטן קעגן דער רעגירונג.

ציאָנערן כאַראַקטער, און אין יעקאַטערינעס הויף איז זי געוואָרן אַ
מין מאַסקן-אָפּשפּיגלונג פון דער אַדל-ביוראָקראַטישער יעראַרכיע.
דעם פריימויערער נאָוויקאָוו האָט די פריימויערישע קייזערין פאַר-
שיקט קיין סיביר.

אויב איצט, אין דער עפּאָכע פון פאַרטיקע און ביליקע קליי-
דער, טראָגט שוין נישט קיינער דעם רעדינגאָט *) פון זיין זיידן,
פאַרנעמען נאָך אָבער אויפן אידעישן געביט די רעדינגאָטן און קרי-
נאָלינעס זייער אַ גרויסן אָרט. דער אידעישער אינוועטאַר גייט
איבער פון דור צו דור, נישט געקוקט דערויף, וואָס פון דער באָבעס
קישנס און קאָלדרעס שפּירט זיך שוין אַ זויערער ריח. אַפילו די
מענטשן, וואָס ווערן געצוואונגען צו ענדערן דעם מהות פון זייערע
מיינונגען, שטופּן אים אויך אָפּט אַריין אין אַלטע פאָרמען. אין דער
טעכניק פון אונזער פּראָדוקציע איז פאָרגעקומען אַ פיל מעכטיקערע
איבערקערעניש, ווי אין דער טעכניק פון אונזער דענקען, וואָס וויל
בעסער צירעווען און איבערניצעווען, איידער בויען פונדאָסניי. און
דערפאַר טאַקע האָבן די פראַנצויזישע קליינבירגערלעכע פּאַרלאַמענ-
טאַריער, וואָס האָבן געוואָלט אַנטקעגנשטעלן דער צעשטערנדיקער
קראַפט פון די מאָדערנע פאַרהעלטענישן עפּעס אַ מין עטישע פאַר-
בינדונג צווישן מענטשן, האָבן דאָך נישט געקאָנט אויסקלערן עפּעס
בעסערס, ווי אָנטאָן אַ ווייסן פאַרטוך און זיך באַוואָפענען מיט אַ
צירקל אָדער אַ ריכטשנור. אייגנטלעך האָבן זיי דערביי גאָרנישט
געהאַט בדעה צו בויען אַ נייעם בנין, נאָר האָבן פשוט געוואָלט
אַריינדרינגען אין דעם שוין לאַנג אויסגעבויטן בנין פון פּאַרלאַמענט
אָדער מיניסטעריום.

אַזוי ווי אין תפיסה פלעגט מען ביים אַרויסגעבן אַ נייעם
העפט צונעמען דעם אויסגעשריבענעם, האָב איך מיר פאַר דער
פריימויערײ פאַרשאַפט אַ העפט פון טויזנט נומערירטע זייטלעך, און
מיט אַ קליינעם פערל-כתב אַריינגעשריבן דערין די אויסצוגן פון אַ
סך ביכער צוזאַמען מיט מיינע אייגענע השערות וועגן דער פריי-
מויערײ און דער מאַטעריאַליסטישער אויפפאַסונג פון דער געשיכטע.
דידאַזיקע אַרבעט האָט אַרום און אַרום אָפּגענומען אַ יאָר צייט. איך
האָב באַאַרבעט איינצלנע קאַפּיטלעך, זיי איבערגעשריבן אין אַריינ-
געשמוגלטע העפטן און איבערגעשיקט זיי אויף דורכצוזען צו מיינע

*) רעדינגאָט — אַלטפראַנקישער לאַנגער קאַפּטאַן.

פריינט אין די איבעריקע קאַמערן. צו דעם צוועק האָבן מיר גע־שאַפן אַ זייער קאָמפּליצירט סיסטעם, וואָס האָט געהייסן טעלעפאָן. דער אַדרעסאַט, אויב זיין קאַמער איז געווען נישט ווייט, האָט צוגע־בונדן צו אַ שטריקל עפּעס אַ שווערע זאַך און געלאָזט עס אײַנ־דרויסן אין באַוועגונג, אַרויסרוקנדיק דערביי די האַנט וואָס ווייטער פון די פענסטער־קראַטעס. לויט אַ פריער אָפּגעמאַכטן קלאַפּ־סיגנאַל, האָב איך אַרויסגערוקט פון מיין פענסטער דעם בעזעם ווי ווייט ס'האָט זיך נאָר געלאָזט, און אַז דאָס געוויכט האָט זיך אַרומגעוויקלט אַרום שטעקן, האָב איך אַ ציי געטאָן דעם בעזעם צו זיך און אָנ־געבונדן מיין כתב־יד ביים עק פון שטריקל. האָט זיך אָבער דער אַדרעסאַט געפונען ווייט, האָט מען שוין דאָס פּעקל געמוזט איבערגעבן דורך פאַרשיידענע עטאַפּן, און דאָס האָט, נאַטירלעך, דעם גאַנצן ענין שטאַרק באַשווערט.

צום סוף פון מיין תּפיסה־לעבן אין אָדעס איז דאָס דיקע העפט, קאָנטראָלירט און באַפעסטיקט מיט דער חתימה פון זשאַנדאַר־מישן אונטער־אָפיציר אוסאָוו, געוואָרן אַן אמתער קוואַל פון היסטאָ־רישער ערודיציע און פילאָזאָפישער טיפקייט. איך ווייס נישט, צי וואָלט מען עס היינט געקאָנט אין אַזאַ פאָרם דרוקן, ווי עס איז דעמאָלט אָנגעשריבן געוואָרן. צופיל זאַכן האָב איך מיך גלייכצייטיק דערוואוסט פון פאַרשיידענע געביטן, תּקופות און לענדער, און איך האָב מורא, אַז אין מיין ערשטער אַרבעט האָב איך צופיל געוואָלט זאָגן פאַר איינמאָל. איך מיין אָבער, אַז די גרונט־געדאַנקען און מסקנות זענען געווען ריכטיק. איך האָב זיך שוין דעמאָלט געשפּירט זייער פעסט אויף די פיס, און דאָס דאָסדאָזיקע געפיל איז געוואַקסן מיטן גאַנג פון דער אַרבעט. איך וואָלט אַ סך איצט געגעבן, ווען איך זאָל קאָנען געפינען דאָסדאָזיקע דיקע העפט. אָט דאָס העפט האָט מיך אַרויס־באַגלייט אין מיין פאַרשיקונג, וואו איך האָב, אמת, אַוועקגעוואָרפן די אַרבעט וועגן דער פריימויערריי און האָב מיך גענומען שטודירן דאָס עקאָנאָמישע סיסטעם פון מאַרקסן. נאָך מיין אַנטלויפן קיין אויסלאַנד האָט מיר אַלעקסאַנדראַ לוואָוואַ צוגעשיקט דאָסדאָזיקע העפט דורך מיינע עלטערן, וועלכע האָבן מיך אין יאָר 1903 באַזוכט אין פּאַריז. דאָס העפט איז צוזאַמען מיט מיין באַשיידענעם עמי־גראַנטן־אַרכיוו געבליבן אין גענף. בעת איך בין אומלעגאַל אַוועק־געפאָרן קיין רוסלאַנד, איז עס איבערגעגאַנגען אין דעם „איסקראַ"־

אַרכיוו *) וואָס איז געוואָרן זיין פּריצייטיקער קבר. נאָך מיין צווייטן ויברח פון סיביר קיין אויסלאַנד האָב איך מיך אומזיסט געפּרואווט אָפּזוכן מיין העפט. מיין שווייצאַרישע באַלעבאָסטע, וועלכער מען האָט איבערגעגעבן צו היטן דעם אַרכיוו, האָט, אַפּנים, פאַרנוצט מיין אַרבעט אונטערצוהייצן דערמיט די אויוונס, אָדער אויף אַנדערע צוועקן. איך קאָן נישט פאַרשווייגן און מוז דאָ יענער חשובער פּרוי מאַכן אַ פאַרוואורף.

דער אומשטאַנד, וואָס איך האָב די אַרבעט איבער דער פּריי-מויעריי דורכגעפירט אין תּפיסה-באַדינגונגען, האָבנדיק אונטער דער האַנט בלויז זייער אַ קליינע צאָל ביכער, האָט מיר געבראַכט אַ גרויסן נוצן. מיט דער מאַרקסיסטישער גרינטלעכער ליטעראַטור בין איך ביז יענער צייט בכלל נישט געווען באַקאַנט. די שילדערונגען פון אַנטאָניאָ לאַבריאָלאָ האָבן געטראָגן אַ כאַראַקטער פון פילאָזאָ-פישע פּאַמפלעטן. זיי האָבן פאַרויסגעזען אַזעלכע קענטענישן, וועלכע איך האָב נישט פאַרמאָגט און האָב זיי געמוזט דערגאַנצן מיט השערות. פון לאַבריאָלאָס פאַרשונגען בין איך אַוועק מיט אַ גאַנצן באַרג היפּאָטעזן אין קאָפּ. די אַרבעט איבער דער פריימויעריי האָט מיר געדינט אַלס קאָנטראָל איבער מיינע אייגענע היפּאָטעזן. איך האָב אָבער קיין זאַך נישט מחדש געווען. אַלע יענע מעטאָדאָ-לאָגישע מסקנות, צו וועלכע איך בין געקומען, זענען שוין לאַנג גע-ווען געמאַכט און זענען דורכגעפירט געוואָרן אין דער פּראַקטיק. אָבער איך בין דערגאַנגען צו זיי טאַפּנדיק אינדערפינסטער און אין אַ געוויסער מאָס זעלבסטשטענדיק. איך האַלט, אַז דאָס האָט געהאַט אַ באַדייטונג אויף מיין גאַנצער ווייטערדיקער אידעישער אַנטוויקלונג. איך האָב שפּעטער געפונען ביי מאַרקסן, ענגעלסן, פּליע-כאַנאָוון און מערינגען אַ הסכמה צו דעם, וואָס האָט מיר אין תּפיסה אויסגעזען, ווי מיין אייגענע השערה און וואָס האָט זיך בלויז געבויטיקט אין אַ קאָנטראָל און אַ באַגרינדונג. דעם היסטאָרישן מאַטער-יאַליזם האָב איך נישט אויפגעפּאַסט מיטאַמאָל אין אַ דאָגמאַטישער פאָרם. די דיאַלעקטיק האָט זיך לכתחילה אַנטפּלעקט נישט אין אירע אַבסטראַקטע פאָרמולירונגען, נאָר ווי אַ לעבעדיקע פּרוזשינע, וואָס

---

*) „איסקרא“ — באַרימטע סאָציאַל-דעמאָקראַטישע רוסישע צייטשריפט, וואָס איז אַרויסגעגעבן געוואָרן אין דער שווייץ.

איך האָב געפונען אין דעם היסטאָרישן פּראָצעס, אויף וויפל איך האָב מיך באַמיט אים צו פאַרשטיין.

אין לאַנד האָט זיך בינו-לבינו אָנגעהייבן אַ שטאַרקע אויפלע-בונג. די היסטאָרישע דיאַלעקטיק האָט דאָ אויך אויסגעצייכנט געאַר-בעט, אָבער דער עיקר פּראַקטיש, אין אַ זייער גרויסן מאַסשטאַב. די סטודענטישע באַוועגונג האָט זיך אויסגעגאָסן אין דעמאָנסטראַציעס. די קאָזאַקן האָבן די סטודענטן געקנוטעוועט. די ליבעראַלן האָבן זיך שטאַרק אויפגערעגט, ווייל מען האָט באַליידיקט זייערע זין. די סאָציאַל-דעמאָקראַטיע איז געוואָרן שטאַרקער, כסדר זיך צונויפגעגאָסן מיט דער אַרבעטער-באַוועגונג. די רעוואָלוציע האָט אויפגעהערט צו זיין די פּריווילעגירטע באַשעפטיקונג פון די אינטעליגענטע קרייזן. די צאָל פון די אַרעסטירטע אַרבעטער איז געוואַקסן. אין תּפיסה איז, נישט געקוקט אויף דער ענגשאַפט, לייכטער געוואָרן צו אָטעמען. צום סוף פון צווייטן יאָר האָבן מיר באַקומען דעם אורטייל וועגן דעם פּראָצעס פון דרום-רוסישן בונד: פיר פון די הויפּטשולדיקע האָבן באַ-קומען צו פיר יאָר פאַרשיקונג קיין מזרח-סיביר. העכער אַ האַלב יאָר האָבן מיר נאָך געמוזט פאַרברענגען אין דער מאָסקווער עטאַפּן-תּפיסה. דאָס איז געווען אַ צייט פון אינטענסיווער טעאָרעטישער אַרבעט. דאָ האָב איך צום ערשטן מאָל געהערט וועגן לענינען און דורכגעשטודירט זיין בוך וועגן דער אַנטוויקלונג פונם רוסישן קאַפּי-טאַליזם, וואָס איז נאָר וואָס דערשינען פון דרוק. דאָ האָב איך אויך אָנגעשריבן און אַריבערגעשמוגלט אויף דער פריי מיין בראָשור וועגן דער אַרבעטער-באַוועגונג אין ניקאָלאַיעוו, וואָס איז טאַקע באַלד אָפּגע-דרוקט געוואָרן אין גענף. פון דער מאָסקווער עטאַפּן-תּפיסה האָט מען אונז אַרויסגעפירט אינמיטן זומער. אונטערוועגס האָבן מיר זיך אָפּגעשטעלט אין פאַרשיידענע תּפיסות. ערשט אין האַרבסט 1900 האָבן מיר זיך צולעצט דערשלאָגן צו דעם אָרט פון אונזער פאַר-שיקונג.

ניינטער קאַפּיטל

די ערשטע פאַרשיקונג

מיר זענען געפאָרן מיטן וואַסער־אַראָפּ איבער דער לענאַ. דער שטראָם האָט לאַנגזאַם געטראָגן עטלעכע באַרקעס מיט אַרעס־טירטע און די וואַך. ביינאַכט איז געווען שרעקלעך קאַלט, און די פּעלצן, מיט וועלכע מיר האָבן זיך צוגעדעקט, זענען באַ־צויגן געוואָרן מיט ווייסן פראָסט. אויפן וועג האָט מען די פאַרשיקטע אין די פאָרויס באַשטימטע דערפער איינציקווייז אָדער פּאָרווייז אַראָפּגעזעצט. ווי עס געדענקט זיך מיר, זענען מיר ביזן דאָרף אוסט־קוט געשוואומען בערך אַ וואָך דריי. דאָ האָט מען מיך אַראָפּ־געזעצט צוזאַמען מיט יענער, וואָס איז מיר געווען נאָענט און איז אויך פאַרמשפּט געוואָרן אויף פאַרשיקונג אינם ניקאָלאַיעווער פּראָ־צעס. אַלעקסאַנדראַ לוואָוואַ האָט פאַרנומען איינעם פון די ערשטע ערטער אין דרום־רוסישן אַרבעטער־בונד. דאָס, וואָס זי האָט זיך איבערגעגעבן מיט לייב און לעבן דעם סאָציאַליזם און זיך אינגאַנצן אָפּגעזאָגט פונם פערזענלעכן לעבן, האָט איר געשאַפן אַן אומבאַ־שרייטבאַרן מאָראַלישן אויטאָריטעט. די געמיינזאַמע אַרבעט האָט אונז ענג צונויפגעבונדן. כּדי מען זאָל אונז נישט באַזעצן אין באַזונדערע ערטער, האָבן מיר אין דער מאָסקווער עטאַפּן־תּפיסה חתונה געהאַט.

אין דאָרף זענען געווען ביי אַ הונדערט הייזלעך. מיר האָבן זיך באַזעצט אין עק דאָרף. אַרום און אַרום איז געווען וואַלד, אונטן — דער טייך. ווייטער צו צפון, לענגאויס דער לענאַ האָבן

זיך געפונען די גאָלד־גרובן. דער אָפּגלאַנץ פון גאָלד האָט געשפּילט איבער דער גאַנצער לענאַ. אויסט־קוט האָט פריער געהאַט בעסערע צייטן — פון ווילדער אויסגעלאַסנקייט, גזילות און רציחות. אָבער אין אונזער צייט האָט זיך דאָס דאָרף געהאַט בארואיקט. די שיכּרות איז, איבעריקנס, געבליבן. דער באַלעבאָס און די באַלעבאָסטע פון אונזער הייזל זענען קיינמאָל נישט געווען ניכטער. עס איז געווען אַ חושכדיק פאַרוואָרפן לעבן, אָפּגעריסן פון דער גאַנצער וועלט. בײַנאַכט פלעגן די טאַראַקאַנעס אָנפילן דאָס הייזל מיט אַן אומרואיקן גערויש, אַרומקריכן איבערן טיש, איבערן בעט, איבערן פּנים. פון צייט צו צייט האָט מען זיך געמוזט אַרויסטראָגן פון שטוב און ביי אַ דריי־סיק גראַד פראָסט פאַנאַנדערעפענען אויף אַ טאָג צוויי די טירן און די פענסטער. זומער האָבן געפּייניקט די מאָסקיטן. די מאָסקיטן האָבן צעפרעסן אויף טויט אַ קו, וואָס האָט זיך פאַרבלאָנדזשעט אין וואַלד. די פויערים האָבן געטראָגן אויף די פּנימער שאַטקעס פון פערדישע האָר אָנגעשמירט מיט דזיעגאַכץ. פרילינג און האַרבסט האָט זיך דאָס דאָרף ממש געטרונקען אין בלאָטע. דערפאַר איז אָבער די נאַטור געווען אַ הערלעכע. אָבער אין יענע יאָרן האָב איך מיך ווייניק אינטערעסירט מיט איר. מיר איז אַזוי ווי געווען אַ שאָד צו פאַר־שווענדן אויף דער נאַטור די אויפמערקזאַמקייט און די צייט. איך האָב געלעבט צווישן וואַלד און טייך און כמעט זיי נישט באַמערקט. ביכער און פערזענלעכע באַציונגען האָבן לגמרי אויסגעפילט מיין לעבן. איך האָב שטודירט מאַרקסן, אַראָפּטרייבנדיק די טאַראַקאַנעס פון זיינע זייטלעך.

די לענאַ איז געווען דער גרויסער וואַסערוועג פון די פאַר־שיקטע. ווער עס האָט געענדיקט זיין טערמין, האָט זיך מיטן טייך געקאָנט אומקערן קיין דרום. דער קאָנטאַקט צווישן איינצלנע פאַר־שיקונגס־נעסטן, וואָס האָבן געוואַקסן צוזאַמען מיט דער רעוואָלוציאָ־נערער אויפלעבונג, האָט זיך כמעט נישט איבערגעריסן. די פאַרשיקטע האָבן געשריבן איינאַנדער בריוו, וואָס זענען אויסגעוואַקסן אין טעאָרעטישע טראַקטאַטן. דער אירקוטסקער גובערנאַטאָר האָט גאַנץ לייכט דערלויבט צו טוישן איין אָרט אויף אַ צווייטן. איך מיט אַלעקסאַנדראַ לוואָוונאַ האָבן זיך אַריבערגעפּעקלט אויף 250 וויאָרסט ווייטער קיין מזרח, ביים טייך אילים, וואו מיר האָבן געהאַט פריינט. דאָרט האָב איך אַ קורצע צייט געאַרבעט אַלס ביוראָ־אָנגעשטעלטער

בײַ אַ סוחר אַ מיליאָנער. זײַנע לאַגערן פון רויכוואַרג, זײַנע געװעלבער און שענקען זענען געװען צעװאָרפן אויף אַ שטח, װאָס איז געװען אַזוי גרויס װי בעלגיע און האָלאַנד צוזאַמען. דאָס איז געװען אַ מעכטיקער האַנדלס־פּעאָדאַל. די פיל טויזנטער טונגוסן, װאָס זענען אים געװען אונטערגעװאָרפן, פלעגט ער רופן „מײַנע טונגוסעלעך”. אונטערשרײַבן דעם נאָמען האָט ער אָבער נישט געקאָנט און אַנשטאָט דעם פלעגט ער אויסמאָלן אַ צלם. דאָס גאַנצע יאָר האָט ער געלעבט קאַרג און אָרעם און נאָכדעם פאַרהולטײַעװעט צענדליקער טויזנטער אויפן יריד אין ניזשני־נאָװגאָראָד. איך האָב אָפּגעדינט בײַ אים אַנדערט־האַלבן חדשים. אײנמאָל האָב איך אַנשטאָט אַ פּונט קופּערפאַרב אָנגעשריבן אַ פּוד און איבערגעשיקט דעמדאָזיקן משונהדיקן חשבון צו אַ װײַטן קונד. מײַן רעפּוטאַציע איז באַלד געפאַלן און מען האָט מיך משלח געװען. מיר האָבן זיך אומגעקערט צוריק קײן אוסט־קוט. עס איז געװען אַ מוראדיקער װינטער, דער פראָסט איז דערגאַנגען ביז 44 גראַד לויט רעאָמיור. דער פורמאַן האָט מיט זײַנע הענטשקעס אַראָפּגעריסן די שטיקלעך אײַז פון די פערדישע מאָרדעס. אויפן שויס האָב איך געהאַלטן אַ מײדעלע פון צען חדשים. זי האָט געאָטעמט דורך אַ פּעלץ־קוימען, װאָס מיר האָבן אויסגעמײַסטרעװעט איבער איר קאָפּ. אויף יעדער סטאַציע האָבן מיר אומרואיק אַרויסגענומען דאָס מײדעלע פון די זאַכן, מיט װעלכע זי איז געװען אַרומגעװיקלט. די נסיעה איז דאָך אַריבער גליקלעך. אָבער אין אוסט־קוט זענען מיר פאַרבליבן נישט לאַנג. אין עטלעכע חדשים אַרום האָט אונז דער גובערנאַטאָר דערלויבט זיך אַריבערצופּעקלען מער קײן דרום, קײן װערכאָלענסק, װאו מיר האָבן אויך געהאַט פרײַנט.

די אַריסטאָקראַטיע פון דער פאַרשיקונג איז באַשטאַנען פון די אַלטע נאַראָדניקעס, װאָס האָבן באַװיזן אין משך פון לאַנגע יאָרן אַזוי אָדער אַנדערש זיך דאָרט אײַנצוּאָרדענען. די יונגע מאַרקסיסטן האָבן געבילדעט מיט זיך אַ באַזונדערן שיכט. פאַר מײַנע צײַטן האָבן זיך שוין אַ לאָז געטאָן קײן צפון אַרבעטער, װאָס זענען פאַרמשפּט געװאָרן פאַר שטרײַקן, צופעליק אַרויסגעריסענע פון דער מאַסע, דאָס רוב האַלבע אַנאַלפאַבעטן. פאַר דידאָזיקע אַרבעטער איז די פאַרשיקונג געװען אַן אומפאַרבײַטלעכע שולע פון פּאָליטיק און אַלגעמײנער קולטור. די אידעישע חלוקי־דעות האָבן זיך, װי תמיד, בעת מען צװינגט מענטשן צו זיצן אין אײן אָרט, שטאַרק קאָמפּליצירט

דורך פאַרשיידענע סכסוכים. פערזענלעכע, באַזונדערס ראָמאַנטישע קאָנפליקטן, האָבן אָפט אָנגענומען אַ דראַמאַטישן כאַראַקטער. אויף דעמדאָזיקן באָדן זענען אַפילו פאָרגעקומען זעלבסטמאָרדן. אין ווער־כאָלענסק האָבן מיר כסדר לויט דער ריי אָפגעהיט אַ קיעווער סטו־דענט. איך האָב דערזען ביי אים אויפן טיש גלאַנציקע מעטאַל־שפּענדלעך. דערנאָך האָט זיך גאָר אַרויסגעוויזן, אַז ער האָט עס געהעב־לעוועט בלייענע קוילן פאַר זיין יאַגד־ביקס. מיר האָבן אים אָבער נישט איינגעהיט. צוגעשטעלט דעם ביקס צו דער ברוסט, האָט ער אָראָפּגעדריקט דאָס צינגל מיטן פינגער פון פוס. שווייגנדיק האָבן מיר אים מקבר געווען אויף אַ בערגל. מיט די רעדעס האָבן מיר זיך נאָך דעמאָלט זשענירט, ווי מיט עפּעס אַ מין פּאַלשקייט. אין אַלע גרויסע פאַרשיקונגס־קאָלאָניעס זענען געווען קברים פון זעלבסט־מערדער. עטלעכע פאַרשיקטע האָבן זיך אויפגעלייזט אין דער אָרומי־קער סביבה, באַזונדערס אין די שטעט. אַנדערע, ווידער, זענען גע־וואָרן אָפּגעקלאָגטע שיכּורים. נאָר די אינטענסיווע אַרבעט איבער זיך האָט מציל געווען אין פאַרשיקונג, ווי אין תּפיסה. מען מוז אָבער זאָגן, אַז טעאָרעטיש האָבן געאַרבעט כּמעט בלויז די מאַרקסיסטן.

אויפן גרויסן לענער וועג האָב איך זיך באַקענט אין יענע יאָרן מיט דזערזשינסקין, מיט די אוריצקיס און מיט נאָך אַנדערע יונגע רעוואָלוציאָנערן, וואָס אויף זיי איז אויסגעפאַלן צו שפּילן אין דער צוקונפט אַ גרויסע ראָל. אויף יעדער נייער פּאַרטיע האָבן מיר געוואַרט מיט דער גרעסטער שפּאַנונג. אין אַ פינסטערער פרילינגס־נאַכט, ביי אַ פייער אויפן ברעג פון דער ברייט־צעגאָסענער לענאַ, האָט דזערזשינסקי פאָרגעלייענט זיין פּאָעמע אין דער פוילישער שפּראַך. זיין פּנים און שטימע זענען געווען הערלעך, אָבער די פּאָעמע איז געווען אַ שוואַכע. דאָס לעבן גופא פון דעמדאָזיקן מענטשן איז שפּעטער געוואָרן איינע פון די שטרענגסטע פּאָעמעס.

באַלד נאָך מיין קומען קיין אוסט־קוט, האָב איך אָנגעהייבן מיטצואַרבעטן אין דער אירקוטסקער צייטונג „וואָסטאָטשנאָיע אָבאָ־זרעניע.” דאָס איז געווען אַ לעגאַלע פּראָווינצער צייטונג, וואָס די נאַראָדניקעס האָבן געגרינדעט אין דער פאַרשיקונג און וואָס איז אָבער ביסלעכווייז פאַרכאַפּט געוואָרן פון די מאַרקסיסטן. איך האָב אָנגעהייבן פון דאָרפישע קאָרעספּאָנדענציעס, געוואַרט אין גרויס אויפרעגונג אויף דער ערשטער קאָרעספּאָנדענץ, און נאָכדעם, אויפ־

געמונטערט פון דער רעדאַקציע, בין איך איבערגעגאַנגען צו ליטע־ראַרישער קריטיק און פּובליציסטיק. כדי צו געפינען אַ פּסעוודאָנים, האָב איך, ווי כּלאחר־יד, אָן עפּן געטאָן אַן איטאַליעניש ווערטערבוך— און געפאַלן אויפן וואָרט antidoto, און אין משך פון לאַנגע יאָרן האָב איך אונטערגעשריבן מיינע אַרטיקלען מיטן נאָמען אַ נ ט י ד אָ ט אָ; מיינע פריינט האָב איך אין שפּאַס דערקלערט, אַז איך וויל אַריינפירן דעם מאַרקסיסטישן קעגנגיפט אין דער לעגאַלער פּרעסע. אומגעריכט האָט די צייטונג געהעכערט מיין האָנאָראַר פון צוויי אויף פיר קאָפּיקעס פון שורה. דאָס איז געוועזן דער העכסטער אויסדרוק פון דערפאָלג. איך האָב געשריבן וועגן פּויערטום, וועגן די רוסישע קלאַסיקער, וועגן איבסען, הויפּטמאַן און ניטשע, וועגן מאַפּאַסאַן און עסטאָניע, וועגן לעאָניד אַנדרייעוו און גאָרקי. איך בין אָפּגעזעסן גאַנצע נעכט, געשטריכן מיינע מאַנוסקריפּטן אין דער לענג און אין דער ברייט און געזוכט אַלץ אַ נויטיקן געדאַנק אָדער אַ וואָרט, וואָס האָט מיר פאַרפעלט. ביסלעכווייז בין איך געוואָרן אַ שריפטשטעלער.

פון יאָר 1896, ווען איך האָב מיך געוואָלט אָפּשלאָגן פון די רעוואָלוציאָנערע אידעען, און פון יאָר 1897, ווען איך האָב שוין געפירט אַ רעוואָלוציאָנערע אַרבעט, אָבער נאָך אַלץ זיך געוועהרט קעגן דער טעאָריע פון מאַרקסיזם, האָב איך דורכגעמאַכט אַ היפּש שטיק וועג. צו דער צייט פון מיין פאַרשיקונג איז דער מאַרקסיזם ענדגילטיק געוואָרן דער יסוד פון מיין וועלטבאַנעמונג און דער מעטאָד פון מיין דענקען. איצט, אין דער פאַרשיקונג, האָב איך גע־פּרואווט, אונטער מיין אויסגעאַרבעטן שטאַנדפּונקט, צוצוגיין צו די אַזויגערופענע „אייביקע" פראַגן פון מענטשלעכן לעבן: ליבע, טויט, פריינטשאַפט, אָפּטימיזם, פּעסימיזם און ד. גל. דער מענטש ליבט, האַסט און האָפט פאַרשיידן אין פאַרשיידענע עפּאָכעס און פאַרשיי־דענע סביבות. ווי דער בוים, וואָס נערט דורך די וואָרצלען זיינע בלומען און פּירות מיט די זאַפטן פון דער ערד, אַזוי געפינט אויך די פערזענלעכקייט די יניקה פאַר אירע געפילן און געדאַנקען, אַפילו פאַר די סאַמע „הויכע", אין עקאָנאָמישן פונדאַמענט פון דער גע־זעלשאַפט. אין מיינע דעמאָלדיקע אַרטיקלען איבער ליטעראַטור האָב איך בעיקר באַאַרבעט כּמעט נאָר איין טעמע: פּערזענלעכקייט און געזעלשאַפט. נישט לאַנג זענען די דאָזיקע אַרטיקלען דערשינען אין אַ באַזונדער באַנד. ווען איך זאָל זיי שרייבן היינט, וואָלט איך זיי,

נאַטירלעך, אַנדערש געשריבן. אָבער אין תּוך וואָלט איך נישט גע-
האַט וואָס צו ענדערן אין זיי.

דער אָפיציעלער אָדער לעגאַלער רוסישער מאַרקסיזם האָט אין
יענער צייט איבערגעלעבט אַ מוראדיקן קריזיס. איצט האָב איך שוין
געזען אויף אַ לעבעדיקן ביישפּיל ווי אומזשענירט די נייע סאָציאַלע
באַדערפעניש שאַפן פאַר זיך אידעישע בגדים פון טעאָרעטישן שטאָף,
וואָס איז געווען באַשטימט גאָר פאַר אַן אַנדער צוועק. ביז צו די
ניינציקער יאָרן האָט די רוסישע אינטעליגענץ על-פּי-רוב געגליווערט
אין די אידעען פון די נאַראָדניקעס מיט זייער לייקענען אין דעם
קאַפּיטאַליזם און מיט דער אידעאַליזירונג פון דער פּויערים-געמיינדע.
דער קאַפּיטאַליזם האָט אָבער בינו-לבינו געקלאַפּט אין אַלע טירן
און צוגעזאָגט דער אינטעליגענץ אין דער צוקונפט כלערליי מאַטער-
יעלע גליקן און אַ גרויסע פּאָליטישע ראָל. די בורזשואַזע אינטעליגענץ
האָט געמוזט האָבן דאָס שאַרפע מעסער פון מאַרקסיזם, כדי איבער-
צושניידן די נאָפּל-שנור פון די נאַראָדניקעס, וואָס האָט פאַרבונדן די
אינטעליגענץ מיטן נמאס געוואָרענעם עבר. דערפון שטאַמט די שנעלע
און נצחונדיקע פאַרשפּרייטונג פון די מאַרקסיסטישע אידעען אין די
לעצטע יאָרן פון פאָריקן יאָרהונדערט. קוים האָט די מאַרקסיסטישע טע-
אָריע דערפילט דידאָזיקע אויפגאַבע אירע, האָט זי תּיכף גענומען
באַלעסטיקן די אינטעליגענץ. די דיאַלעקטיק איז געווען גוט, כדי
צו באַווייזן די פּראָגרעסיווקייט פון די קאַפּיטאַליסטישע אַנטוויקלונגס-
מעטאָדן. אָבער דאָרט, וואו עס האָט זיך אָנגעהייבן די פאַרלייקע-
נונג פון דעם קאַפּיטאַליזם גופא, האָט זיך די דיאַלעקטיק אַרויסגע-
וויזן פאַר אַ שטערונג און איז דערקלערט געוואָרן פאַר אַ פאַרעלטערטע.
אויף דער גרענעץ פון צוויי יאָרהונדערטער — פאַר מיר איז עס צו-
זאַמענגעפאַלן מיט די יאָרן פון תּפיסה און פאַרשיקונג — האָט די
רוסישע אינטעליגענץ דורכגעמאַכט אַ פּעריאָד פון אַלגעמיינער קרי-
טיק פון מאַרקסיזם. זי האָט גענומען ביים מאַרקסיזם די היסטאָרישע
באַרעכטיקונג פון קאַפּיטאַליזם און אָפּגעוואָרפן זיין רעוואָלוציאָנערע
פאַרניינונג. אויף אַזעלכע אומוועגן האָט זיך די אַנאַרכיש-פּאָלקיסטישע
אינטעליגענץ פאַרוואַנדלט אין אַ ליבעראַלער בורזשואַזער אינטעליגענץ.

די אייראָפּעישע קריטיק פון מאַרקסיזם האָט איצט געפונען אין
רוסלאַנד אַ ברייטן אָפּזאָץ, וואָס איז לגמרי אומאָפּהענגיק פון זיינע
מעלות. עס איז גענוג צו זאָגן, אַז עדוואַרד בערנשטיין איז געוואָרן

איינער פון די פּאָפּולערסטע פירער פון סאָציאַליזם צום ליבעראַליזם.
די נאַרמאַטיוועו*) פילאָזאָפיע האָט אַלץ מיט אַ גרעסערן נצחון ארויסגעשטופּט די מאַטעריאַליסטישע דיאַלעקטיק. די עפנטלעכע מיינונג פון דער זיך פאַרמירנדיקער בורזשואַזיע האָט געמוזט האָבן אומבויגזאַמע נאָרמען נישט בלויז קעגן דער בייזוויליקייט פון דער אַליינהערשנדיקער ביוראָקראַטיע, נאָר אויך קעגן דער הפקרות פון די רעוואָלוציאָנערע מאַסן. אומוואָרפנדיק העגעלן, האָט זיך אָבער קאַנט אויך נישט געקאָנט האַלטן לאַנג אויף די פיס. דער רוסישער ליבעראַליזם איז געקומען שפּעט און האָט פון אָנהייב אָן געלעבט אויף אַ ווולקאַנישן באָדן. דער קאַטעגאָרישער אימפּעראַטיוו האָט זיך אַרויסגעוויזן פאַר אים, ווי אַ צו אַבסטראַקטע און אומזיכערע אַסעקוראַנץ. קעגן די רעוואָלוציאָנערע מאַסן האָט מען געמוזט האָבן שטאַרקער ווירקנדיקע מיטלען. די טראַנסצענדענטאַלע**) אידעאַליסטן האָבן זיך פאַרוואַנדלט אין פּראַוואָסלאַווע קריסטן. דער פּראָפעסאָר פון פּאָליטישער עקאָנאָמיע, בולגאַקאָוו, האָט אָנגעהייבן מיט דער רעוויזיע פון מאַרקסיזם אין צוזאַמענהאַנג מיט דער אַגראַר-פראַגע, איז איבערגעגאַנגען צום אידעאַליזם און געענדיקט דערמיט, וואָס ער האָט זיך אַריינגעוואָרפן אין אַ מאַנטל פון אַ גלח. דער גלחישער מאַנטל איז, אמת, געקומען ערשט אין עטלעכע יאָר אַרום.

אין די ערשטע יאָרן פונם יאָרהונדערט האָט רוסלאַנד פאַרגעשטעלט מיט זיך אַן אומגעהייערע לאַבאָראַטאָריע פון געזעלשאַפטלעכע אידעאָלאָגיעס. מיין אַרבעט איבער דער געשיכטע פון פריימויעריי האָט מיך גענוג באַוואָפנט, אַז איך זאָל קענען באַגרייפן די אונטערגעאָרדנטע פונקציע פון די אידעען אין היסטאָרישן פּראָצעס. „אידעען פאַלן נישט פון הימל", האָב איך כסדר געחזרט לאַבריאָלאָס ווערטער. איצט האָט זיך עס שוין נישט געהאַנדלט וועגן אַ ריין וויסנשאַפטלעכן אינטערעס, נאָר וועגן דעם אויסוואַל פון אַ פּאָליטישן וועג. די רעוויזיע פון מאַרקסיזם, וואָס איז געגאַנגען אין אַלע ריכטונגען, האָט מיר, ווי אַ סך אַנדערע רעוואָלוציאָנערן, געהאָלפן קאָנצענטרירן די געדאַנקען און שאַרפער אָנשלייפן דאָס געווער. מיר האָבן געדאַרפט דעם מאַרקסיזם נישט בלויז דערויף, אַז מיר זאָלן זיך אָפּרעכענען מיט די נאָראָדניקעס, וואָס האָבן אונז אייגנטלעך

*) נאָרמאַטיוו — וואָס גילט אַלס נאָרמע.

**) טראַנסצענדענטאַל — וואָס איז איבער די גרענעצן פון פּראַקטישן שכל.

קיים באַריכט, נאָר קודם-כּל דערויף, אַז מיר זאָלן אָנהייבן אַ פּאַר-עקשנטן קאַמף מיטן קאַפּיטאַליזם אויף זיין אייגענער טעריטאָריע. דער קאַמף קעגן דער רעוויזיע האָט אונז פאַרהאַרטעוועט ניט בלויז טע-אָרעטיש, נור אויך פּאָליטיש. מיר זענען געוואָרן פּראָלעטאַרישע רע-וואָלוציאָנערן.

אין יענעם פּעריאָד האָבן מיר זיך אויך צוזאַמענגעשטויסן מיט דער קריטיק פון לינקס. אין איינער פון די וויטערע צפון-קאָלאָניעס, דאַכט זיך, אין ווילויסק, האָט געלעבט דער פאַרשיקטער מיכאַיסקי, וואָס האָט זיך טאַקע אינגיכן קונה שם געווען. מיכאַיסקי האָט אָנגעהייבן מיט דער קריטיק פון דעם סאָציאַל-דעמאָקראַטישן אָפּאָרטוניזם. זיין ערשט העקטאָגראַפירט העפט, וואָס האָט שטאַרק אָנגעגריפן דעם אָפּאָרטוניזם פון דער דייטשער סאָציאַל-דעמאָקראַטיע, האָט צווישן די פאַרשיקטע אין די קאָלאָניעס געהאַט אַ גרויסן דערפאָלג. דאָס צווייטע העפט איז געווען אַ קריטיק איבער מאַרקסעס עקאָנאָמישן סיסטעם און האָט צוגע-פירט צו דערדאָזיקער אומגעריכטער מסקנה, אַז דער סאָציאַליזם איז אַזאַ געזעלשאַפטלעכע אָרדענונג, וואָס באַזירט אויף דער עקספּלאָאַטאַציע פון די אַרבעטער דורך דער פּראָפעסיאָנעלער אינטעליגענץ. דאָס דריי-טע העפט איז געווען געווידמעט דער פאַרניינונג פונם פּאָליטישן קאַמף אין גייסט פונם אַנאַרכאָ-סינדיקאַליזם. עטלעכע חדשים נאָכאַנאַנד איז מיכאַיסקיס אַרבעט געשטאַנען אין רעכטן צענטער פון אַלעמענס אויפמערקזאַמקייט צווישן די פאַרשיקטע ביי דער לענאַ. פאַר מיר האָט זי געדינט, ווי אַן אמתער סערום קעגן דעם אַנאַרכיזם, וואָס קאָן זיך וואַרפן מיט ווערטער ביים אָפלייקענען עפּעס, אָבער איז גאָר אָן לעבן און אפילו פּחדנותדיק אין פּראַקטישע מסקנות.

מיט אַ לעבעדיקן אַנאַרכיסט האָב איך מיך צום ערשטן מאָל גע-טראָפן אין דער מאָסקווער עטאַפּן-תּפיסה. דאָס איז געווען דער פאָלקס-לערער לוזין, אַ פאַרשלאָסענער, וואָרטקאַרגער, האַרטער מענטש. אין תּפיסה האָט ער תמיד אַרויסגעוויזן אַ נייגונג צו די קרימינעלע און מיט אינטערעס זיך צוגעהערט צו זייערע מעשיות וועגן רציחות און גזילות. אין טעאָרעטישע וויכּוחים האָט ער זיך זעלטן אַריינגעלאָזן. נור איינמאָל, בעת איך בין צו אים שטאַרק צוגעשטאַנען מיט דער פראַגע וועגן דעם, וויאַזוי וועלן ביי די אויטאָנאָמע געמיינדעס אָנגעפירט ווערן די אייזנבאַנען, האָט לוזין געענטפערט: „אָבער צו וואָס פאַר אַ שוואַרציאָר וועל איך, ביי דער אַנאַרכיסטישער אָרדענונג, דאַרפן

ארומפאָרן מיט באַנען?" דערדאָזיקער ענטפער איז פאַר מיר געווען גאַנץ גענוג. לוזין האָט געפּרואווט אַריבערצוציען אויף זיין זייט די אַר־בעטער און צווישן אונז איז געגאַנגען א באַהאַלטענער קאַמף, וואָס האָט זיך אפילו אויסגעצייכנט מיט אַ געוויסער שנאה. מיר האָבן צוזאַ־מען דורכגעמאַכט דעם וועג קיין סיביר. בעת די לענאַ האָט זיך אויפ־געהייבן, האָט לוזין באַשלאָסן אַריבערצופאָרן דעם טייך אויף א שיפל. ער איז געווען נישט אינגאַנצן ניכטער און האָט מיר צוגעוואָרפן אַן אַרויספאָדערונג. איך האָב איינגעשטימט מיט אים צו פאָרן. איבערן טייך, וואָס איז אַרויס פון די ברעגעס, האָבן זיך געטראָגן ביימער־שטאַמען און טויטע קערפּער פון חיות. עס זענען אויך געווען גענוג וואַסערשפּרודלען. די נסיעה האָבן מיר דורכגעמאַכט נישט אָן אויפ־רעגונג, אָבער בשלום. אַן אָנגעברוגזטער האָט מיר לוזין אַרויסגעגעבן א מין מינדלעכע באַשייניקונג: אַ גוטער חבר, צי עפּעס אַנדערש אין דעם זין; אונזערע באַציונגען זענען ווייכער געוואָרן. אינגיכן האָט מען אים, איבעריקנס, אַרויסגעשיקט ווייטער קיין צפון. דאָרט איז ער אין עטלעכע חדשים אַרום אַריינגעפאָרן דעם איספּראַווניק מיט א מעסער אין זייט. דער איספּראַווניק איז נישט געווען קיין שלעכטער און די וואונד נישט קיין געפערלעכע. פאַרן געריכט האָט לוזין גע־טענהט, אז צו דעם איספּראַווניק גופא האָט ער גאָרנישט, נאָר דורך זיין פּערזאָן האָט ער זיך געוואָלט נוקם זיין אין דעם ווילקיר פון דער מלוכה. ער איז אוועק אויף קאַטאָרגע.

בעת מען האָט אין די ווייטע, מיט שניי פאַרשאָטענע קאָלאָניעס פון דער סיבירער פאַרשיקונג ליידנשאַפטלעך דיסקוטירט וועגן דער דיפערענצירונג פונם רוסישן פויערטום, וועגן די ענגלישע טרייד־יוניאָנען, וועגן דער באַציונג פון קאַטעגאָרישן אימפּעראַטיוו צו די קלאַסן־אינ־טערעסן, וועגן דאַרוויניזם און מאַרקסיזם, האָט זיך אין די רעגירונגס־ספערן געפירט אַן אַנדער אידעאָלאָגישער קאַמף. דער הייליקער סינאָד האָט אין פעברואַר 1901 אָפּגעשיידט ליעוו טאָלסטאָיען פון דער צערקווע. דער דעקרעט פון סינאָד איז געווען געדרוקט אין אַלע צייטונגען. טאָלסטאָ־יען האָט מען פאָרגעוואָרפן זעקס חטאים:

1) „ער לייקנט אין דעם פּערזענלעכן לעבעדיקן גאָט, דעם גע־לויבטן אין דער הייליקער דריי־אייניקייט". 2) „ער לייקנט אין דעם גאָט־מענטש קריסטוסן, וואָס איז אויפגעשטאַנען תחית־המתים". 3) „ער לייקנט אין דער אומזאָמענדיקער פאַרשוואַנגערונג און אין

דער בתולהשאַפט פון גאָטס מוטער — פאַר און נאָך קריסטוסעס געבורט". 4) „ער אנערקענט נישט דאָס השארת־הנפש און דעם שכר ועונש". 5) „ער לייקנט אין דער לייטזעליקער ווירקונג פון הייליקן גייסט". 6) ער לעסטערט דעם סוד פון אָוונטמאָלצייט.

די בערדיקע, גרויהאָריקע מיטראָפּאָליטן, פּאָביעדאָנאָסציעוו, וועלכער האָט זיי אינספּירירט און די אַלע זיילן פון דער מלוכה, וואָס האָבן אויף אונז, רעוואָלוציאָנערן, געקוקט נישט בלויז ווי אויף פאַרברעכער, נאָר אויך ווי אויף ווילדע פאַנאַטיקער. און אויף זיך — ווי אויף די פאַרטרעטער פון דעם ניכטערן געדאַנק, וואָס שטיצט זיך אויף דער היסטאָרישער דערפאַרונג פון דער גאַנצער מענטשהייט, — דידאָזיקע מענטשן האָבן געפאָדערט פון גרויסן קינסטלער־רעאַליסט, אַז ער זאָל גלויבן אין דער אומזאָממענדיקער פאַרשוואַנגערונג און אין הייליקן גייסט, וואָס אנטפּלעקט זיך אין די ברויט־אַבלאַטקעס. ווידער און אָבער האָבן מיר געלייענט די רשימה פון טאָלסטאָיס חטאים — יעדעס מאָל מיט פרישער שטוינונג און בעת מעשה במחשבה זיך געזאָגט: ניין, דווקא מיר זענען עס די־יעניקע, וואָס שטיצן זיך אויף דער דערפאַרונג פון דער גאַנצער מענטשהייט; די צוקונפט פאַרקערפּערן מיר — און דאָרט, אויבן, זיצן נישט בלויז פאַרברעכער, נאָר אויך מאַניאַקן. און מיר האָבן געהאַט די פעסטע איבערצייגונג, אַז מיר וועלן זיך אַן עצה געבן מיט דעמדאָזיקן משוגעים־הויז.

דער אַלטער מלוכה־בנין האָט געפּלאַצט אין אַלע זייטן. די ראָל פון די ערשטע שיסער אין קאַמף האָט נאָך אַלץ געשפּילט די סטודענטנשאַפט. געטריבן פון אומגעדולד, האָט זי זיך אַ וואָרף געטאָן אויף טעראָריסטישע אַקטן. נאָכדעם, ווי קאַרפּאָוויטש און באַלמאַשאָוו האָבן געשאָסן פון זייערע רעוואָלווערן, האָט זיך אויפגעטרייסלט די גאַנצע פאַרשיקונג, פּונקט ווי זי וואָלט דערהערט אַ טרומייטער־סיגנאַל פון אַליאַרעם. עס האָבן זיך אָנגעהייבן דיסקוסיעס וועגן דער טאַקטיק פון טעראָר. נאָך די וואַקלענישן פון איינצלנע מענטשן האָט זיך דער מאַרקסיסטישער טייל פון די פאַרשיקטע אַרויסגעזאָגט קעגן טעראָריזם. די כעמיע פון די אויפרייס־שטאָפן קען נישט פאַרבייטן קיין מאַסן, האָבן מיר געזאָגט. יחידים וועלן פאַרברענט ווערן אין העלדישן קאַמף, זיי וועלן נישט אויפהייבן אויף די פיס דעם אַרבעטער־קלאַס. אונזער זאַך איז — נישט דער מאָרד פון דעם צאַרס מיניסטאָרן, נאָר די רע־

וואָלוציאָנערע אומשליידערונג פונם צאַריזם. אויף דערדאָזיקער ליניע האָבן זיך אָנגעהייבן חלוקי־דעות צווישן די סאָציאַל־דעמאָקראַטן און סאָציאַל־רעוואָלוציאָנערן. אויב די תפיסה איז פאַר מיר געווען א צייט פון טעאָרעטישער פאָרמירונג, איז די פארשיקונג געוואָרן די צייט פון פאָליטישער זעלבסטבאַשטימונג.

אזוי זענען אַוועקגעפלויגן צוויי יאָר לעבן. פאַר דער צייט איז פיל וואַסער אַוועקגעפלאָסן אונטער די בריקן אין פעטערבורג, מאָסקווע און וואַרשע. פון די אונטערערדישע באַהעלטענישן האָט זיך די באַוועגונג אָנגעהייבן ארויסגיסן אויף די גאַסן פון די שטעט. אין עטלעכע גובערניעס האָט זיך א ריר געטאָן דאָס פויערטום. סאָציאַל־דעמאָקראַטישע אָרגאַניזאַציעס זענען אויך אויסגעוואַקסן אין סיביר, לענגאויס דער אייזנבאַן. זיי האָבן אָנגעבונדן מיט מיר א קאָנטאַקט. איך האָב פאַר זיי געשריבן אויפרופן און פלוגבלעטלעך. נאָך א דריי־יאָריקער הפסקה בין איך ווידער צוגעשטאַנען צום אַקטיוון קאַמף.

די פארשיקטע האָבן נישט געוואָלט לענגער בלייבן אויף זייערע ערטער. עס האָט זיך אָנגעהייבן אַן עפּידעמיע פון פליטות. מען האָט געמוזט איינפירן א ריי. כמעט אין יעדן דאָרף האָבן זיך געפונען איינצלנע פויערים, וואָס זענען נאָך אַלס יינגלעך ארונטערגעפאַלן אונטער דער השפעה פון די רעוואָלוציאָנערן פון דער עלטערער גענעראַציע. זיי פלעגן אינדערשטיל אריבערפירן די פּאָליטישע אויף שיפלעך, פורן אָדער שליטנס און זיי איבערגעבן פון האַנט צו האַנט. די סיבירישע פּאָליציי איז פּאַקטיש געווען אַזוי הילפלאָז, פונקט ווי מיר. די אומגעהייערע ריזן־שטחים זענען געווען אירע פאַרבינדעטע, אָבער אויך אירע שונאים. כאַפּן אַן אַנטלאָפענעם פארשיקטן איז געווען שווער. גיכער אָבער האָט ער געקאָנט דערטרונקען ווערן אין טייך, אָדער דערפרוירן ווערן אין טייגע.

זיך שטאַרק פארשפרייט אין דער ברייט, איז אָבער דאָך די רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג געבליבן צעשפּליטערט: יעדער ראַיאָן, יעדע שטאָט האָט געפירט איר באַזונדערן קאַמף. דער צאַריזם האָט געהאַט אַן אומגעהייערן איבערגעוויכט צוליב דער איינהייטלעכקייט פון זיינע האַנדלונגען. די נויטווענדיקייט צו שאַפן א צענטראַלע פּאַרטיי האָט שטאַרק געצעבערט די מוחות אין יענער צייט. איך האָב אויפגעשריבן אויף דערדאָזיקער טעמע א רעפעראַט, וואָס איז אין קאָפּיעס געגאַנגען איבער די קאָלאָניעס און האָט אַרויסגערופן א הייסע דיסקוסיע. אונז

האָט אויסגעוויזן, אז די אידעען־חברים סיי אין לאַנד און סיי אין דער עמיגראַציע פאַרטראַכטן זיך נישט ווי געהעריק מכוח דערדאָזיקער פראַגע, אָבער זיי האָבן געטראַכט און געווירקט. זומער, אין יאָר 1902 האָב איך באַקומען דורך אירקוטסק ביכער, און אין זייערע איינבונדן זענען געווען באַהאַלטן די בייסטע אויסלענדישע אויסגאַבן, געדרוקט אויפן דינסטן פאַפיר. מיר האָבן זיך דערוואוסט, אז אין אויסלאַנד איז געגרינדעט געוואָרן אַ מאַרקסיסטישע צייטונג „איסקראַ” (דער פונק), וואָס האָט זיך געשטעלט פאַר אַ ציל צו שאַפן א צענטראַלע אָרגאַניזאַציע פון פראָפעסיאָנעלע רעוואָלוציאָנערן, פאַרייניקט דורך דער אייזערנער דיסציפּלין פון טעטיקייט. עס איז אָנגעקומען לעניגס ביכל „וואָס דאַרף מען טאָן”? דאָס ביכל איז דערשינען אין גענף און האָט טאַקע באַהאַנדלט דידאָזיקע פראַגע. מיינע געשריבענע רעפעראַטן, צייטונגס־אַרטיקלען און פּראָקלאַמאַציעס פאַרן סיבירישן בונד, האָבן מיר איצט אויסגעזען קליין און נישטיק לגבי דער בייער גראַנדיעזער אויפגאַבע. מען האָט געמוזט זוכן א נייעם אַרבעטס־פעלד און מען האָט געמוזט מאַכן א ויברח.

מיר האָבן שוין דעמאָלט געהאַט צוויי מיידעלעך. די יינגערע איז נאָך נישט אַלט געווען קיין גאַנצע פיר חדשים. עס איז נישט געווען קיין לייכט לעבן אין די סיבירישע באַדינגונגען. מיין אַנטלויפן האָט געדאַרפט אַרויפלייגן אויף אַלעקסאַנדראַ לוואָוואַ א טאָפּעלע משא. אָבער זי האָט געענטפערט אויף דערדאָזיקער פראַגע מיטן איינאיינציקן וואָרט: „מען מוז”. די רעוואָלוציאָנערע פליכט איז פאַר איר געווען וויכטיקער, ווי אַלע אַנדערע מאָטיוון, קודם־כל פּערזענלעכע. זי האָט די ערשטע אַרויסגעזאָגט דעם געדאַנק, אז איך דאַרף אַנטלויפן, נאָכדעם, ווי מיר האָבן זיך אָפּגעגעבן אַ גענויעם דין־וחשבון פון די נייע גרויסע אויפגאַבן, זי האָט באַזייטיקט די אַלע ספקות, וואָס זענען אַנטשטאַנען אויף דעמדאָזיקן וועג. עטלעכע טעג האָט זי זייער געלונגען פאַרמאַסקירט מיין אַנטלויפן פאַר דער פּאָליציי. פון אויסלאַנד האָב איך כמעט מיט איר נישט געקאָנט קאָרעספּאָנדירן. פאַר איר האָט זיך דערנאָך אָנגעהייבן די צווייטע פאַרשיקונג. שפּעטער האָבן מיר זיך געטראָפן נאָר פון צייט צו צייט. דאָס לעבן האָט אונז צעשיידט, אָבער נישט צעשטערט אונזער אידעישע פאַרבינדונג און אונזער פריינטשאַפט.

צענטער קאַפּיטל

דאָס ערשטע אַנטלויפן

עס האָט זיך אָנגערוקט דער האַרבסט און מיט אים צוזאַמען די צייט פון שלעכטע וועגן. כדי צו פאַרשנעלערן מיין אַנטלויפן, האָט מען באַשלאָסן צו מאַכן פון ביידע רייען איינע. א גוטער פריינט א פויער האָט זיך אונטערגענומען אַרויסצופירן פון ווערכאָלענסק מיך און ע. ג., די איבערזעצערין פון מאַרקסן. ביינאַכט אין פעלד האָט ער אונז אין זיין וואָגן גוט פאַרדעקט מיט היי און ראָגאָזשעס, פונקט ווי עפּעס אַן אוצר. כדי צו געווינען צוויי טעג ביי דער פּאָליציי, האָט מען אין בעט, ביי מיר אין צימער, אַוועקגעלייגט אונטער דער קאָלדרע, אַן אויסגעשטאָפּטע פיגור וואָס זאָל אויסזען ווי א חולה. דער פויער האָט אונז געפירט אויפן סיבירישן שטייגער. דאָס הייסט מיט א שנעלקייט פון צוואַנציק וויאָרסט א שעה. מיטן רוקן האָב איך געציילט אַלע וועג-גריבער און געהערט די איינגעהאַלטענע קרעכצן פון מיין שכנה. די פערד האָט מען אונטערוועגס צוויי מאָל געביטן. פאַר דער באַן-סטאַציע האָב איך מיך מיט מיין מיטפאָרערין צעשיידט, כדי נישט צו פאַרגרעסערן בשותפות אונזערע פעלערן און סכנות. גאַר אָן שום פּאַסירונגען האָב איך מיך אַריינגעזעצט אין וואַגאָן, וואוהין מיינע איר־קוטסקער פריינט האָבן מיר אַריינגעבראַכט א וואַליזע מיט געפּרעסטע וועש, א קראַוואַט מיט די איבעריקע אַטריבוטן פון דער ציוויליזאַציע. אין דער האַנט האָב איך געהאַלטן האָמערן אין גנעדיטשעס רוסישע

העקזאמעטערס, אין קעשענע א פאס אויפן נאמען טראצקי, וואס איך האב אזוי, אויף מזל, אליין אנגעשריבן, און בעת מעשה נישט פארגע־זען, אז דאס וועט בלייבן מיין נאמען אויף מיין גאנץ לעבן. איך בין געפארן מיט דער סיבירישער אייזנבאן אין דער מערב־ריכטונג. די וואק־זאל־זשאנדארמען האבן מיך יעדעס מאל גלייכגילטיק אדורכגעלאזט פארביי די אויגן. די הויך געוויקסיקע סיבירישע ווייבער האבן געבראכט אויף די סטאציעס געבראטענע הינער און חזירימלעך, פלעשער מילך, און גאנצע בערג מיט ברויט. יעדע סטאציע האט אויסגעזען ווי אן אויסשטעלונג פון דער סיבירישער שפע. אויף דעם גאנצן שטח פון דעם לאנגן וועג האבן די אלע מענטשן אין וואגאן געהאלטן אין איין טרינקען טיי און פארביסן מיט ביליקע סיבירישע פאנטשקעס. איך האב געלייענט די העקזאמעטערס און געקלערט פון אויסלאנד. אין דער גאנצער פליטה־אונטערנעמונג זענען נישט פארגעקומען קיין שום ראמאנטישע זאכן: זי האט זיך אינגאנצן אויפגעלייזט אין דער וואקכאנאליע פון טיי־טרינקען.

איך האב מיך אפגעשטעלט אין סאמאר, וואו עס האט זיך דע־מאלט קאנצענטרירט דער אינלענדישער, ד. ה. דער נישט עמיגראנטי־שער שטאב פון „איסקרא". אונטערן קאנספיראטיוון נאמען קלער איז דארט געשטאנען בראש דער אינזשעניער קושיזשאנאווסקי, דער איצ־טיקער פארזיצער פון גאספלאן. ער און זיין פרוי זענען געווען לע־בינס פריינט זינט זייער געמיינזאמער סאציאל־דעמאקראטישער ארבעט אין פעטערבורג אין די יארן 1895—4 און בעת דער סיבירישער פאר־שיקונג. אין א קורצער צייט נאך דער מפלה פון דער רעוואלוציע, אין יאר 1905, איז קלער, צוזאמען מיט נאך טויזנטער אנדערע, אוועק פון דער פארטיי און האט אלס אינזשעניער פארנומען א זייער אנגעזעע־נעם ארט אין דער אינדוסטריעלער וועלט. די אומלעגאלע פארטיי־מענטשן האבן זיך באקלאגט, אז ער זאגט זיך אפילו אפ פון יעגבער הילף, וואס זיי פלעגן פריער באקומען פון די ליבעראלן. נאך א הפסקה פון א יאר 10—12 איז קושיזשאנאווסקי צוריקגעקומען אין דער פארטיי, ווען זי האט שוין אבער דערווארבן די מאכט. דאס איז דער וועג פון זייער א ברייטער שיכט אינטעליגענטן, וואס זענען איצט סטאלינס וויכ־טיקסטער שטיצפונקט. אין סאמאר האב איך מיך, אזוי צו זאגן, אפי־ציעל אנגעשלאסן אן דער ארגאניזאציע „איסקרא", אונטערן קאנספי־ראטיוון נאמען „פעדער", מיט וועלכן קלער האט מיך געקרויגט: דאס איז געווען דער שכר פאר מיינע סיבירישע דערפאלגן אלס זשורנא־

ליסט. די אָרגאַניזאַציע „איסקראַ" האָט פון דאָסניי געבויט די פּאַרטיי; דעם ערשטן צוזאַמענפאָר, וואָס איז זיך צונויפגעקומען קיין מינסק אין מערץ 1899, איז נישט געלונגען צו שאַפן אַ צענטראַליזירטע פּאַרטיי-אָרגאַניזאַציע. די מאַסן-אַרעסטן האָבן צעבראָכן דעם יונגן אַפּאַראַט, וואָס האָט נאָך נישט געהאַט קיין פּערפעסטיקטע באַזע אויף די ערטער. די רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג האָט דערנאָך געוואָקסן אַ צעוואָרפענע און אַ צעשפּליטערטע און איז געבליבן ביי איר פּראָווינציעלן כאַראַקטער. גלייכצייטיק איז אויך געפאַלן איר אידעאישער ניוואָ. אין קאַמף פאַר דער מאַסע האָבן די סאָציאַל-דעמאָקראַטן אָפּגעשטופּט אַהינטער זייערע פּאָליטישע לאָזונגען. עס האָט זיך געבילדעט די אַזויגערופענע „עקאָנאָמישע" ריכטונג, וואָס האָט געצויגן איר יניקה פון דער געוואַלדיק-שנעלער אַנטוויקלונג פון האַנדל און אינדוסטריע און פון די כּסדר וואַקסנדיקע שטרייקן. צום סוף פון פאַרגאַנגענעם יאָרהונדערט איז אויסגעבראָכן אַ קריזיס, וואָס האָט פאַרשאַרפט אַלע אַנטאַגאָניזמען אין לאַנד און אַ שטויס געטאָן די פּאָליטישע באַוועגונג. די „איסקראַ" האָט געפירט אַ דעצידירנדיקן קאַמף מיט די פּראָווינציעלע „עקאָנאָמיסטן" פאַר דער שאַפונג פון אַ צענטראַליזירטער רעוואָלוציאָנערער פּאַרטיי. דער הויפּט-שטאַב פון דער „איסקראַ", וואָס האָט זיך געפונען אין אויסלאַנד, האָט גאַראַנטירט די אידעאישע פעסטקייט פון דער אָרגאַניזאַציע, וואָס איז צוזאַמענגעשטעלט געוואָרן פון די אַזויגערופענע „פּראָפעסיאָנעלע" רעוואָלוציאָנערן, ענג פאַרבונדן צווישן זיך דורך דער איינהייט פון דער טעאָריע און דורך די פּראַקטישע אויפגאַבן. אין יענער צייט זענען נאָך די „איסקראָווצעס" על-פּי-רוב באַשטאַנען פון אינטעליגענטן. זיי האָבן געקעמפט פאַר דער דעראָבערונג פון די לאָקאַלע סאָציאַל-דעמאָקראַטישע קאָמיטעטן און פאַר דער אָרגאַניזירונג פון אַזאַ פּאַרטיי-צוזאַמענפאָר, וואָס זאָל זיכערן דער „איסקרע" דעם נצחון פון אירע אידעען און מעטאָדן. דאָס איז געווען, אַזוי צו זאָגן, דער ערשטער סקיץ פון יענער רעוואָלוציאָנערער אָרגאַניזאַציע, וואָס האָט זיך שפּעטער כּסדר צעוואַקסן און פאַרהאַרטעוועט, האָט דאַ אָנגעגריפן און דאָ צוריקגעטרעטן, בעת-מעשה אָבער זיך אַלץ פעסטער פאַרבונדן מיט די אַרבעטער-מאַסן און, שטעלנדיק זיך אַלץ ברייטערע אויפגאַבן, האָט זי אין פופצן יאָר ארום אומגעוואָרפן די בורזשואַזיע און פאַרכאַפּט די מאַכט אין אירע הענט.

אין דער שליחות פונם סאַמאַרער ביוראָ האָב איך באַזוכט כאַ־קאָוו,

פּאָלטאַווע און קיִעוו, וואו איך האָב מיך געקאָנט טרעפן מיט מערערע רעוואָלוציאָנערן, וואָס האָבן שוין אָנגעהערט צו דער „איסקראַ"-אָרגאַניזאַציע, אָדער אַזעלכע, וואָס מען האָט זיי געדאַרפט ערשט צוציען צו דער אָרגאַניזאַציע. קיין סאַמאַר בין איך צוריקגעקומען מיט גאַנץ מאָגערע רעזולטאַטן: די פאַרבינדונגען אין דרום זענען נאָך געווען גאָר שוואַכע, אין כאַרקאָוו איז דער אָנגעגעבענער אַדרעס געווען נישט קיין גילטיקער, אין פּאָלטאַווע האָב איך זיך אָנגעשטויסן אויף אַ שטאַרקן אָרטיקן פּאַטריאָטיזם. אין אייליעניש האָט מען גאָרנישט געקאָנט אויפטאָן. עס האָט זיך געפאָדערט אַן ערנסטע אַרבעט. דערווייל האָט לעניִן, מיט וועלכן דאָס סאַמאַרער ביוראָ איז געשטאַנען אין אַ לעבהאַפטן שריפטלעכן קאָנטאַקט, געפאָדערט דורכאויס, איך זאָל וואָס גיכער ארויספאָרן קיין אויסלאַנד. קלער האָט מיר פאַרזאָרגט מיט הוצאות-הדרך און געגעבן די נויטיקע אָנווייזונגען, ווי אַזוי איך זאָל שוואַרצן די עסטרייכישע גרענעץ ביי קאַמעניעץ-פּאָדאָלסק.

אַ קייט פון אַוואַנטורעס, מער קאָמישע, ווי טראַגישע, האָט זיך נאָך אָנגעהייבן אויפן סאַמאַרער וואָקזאַל. כדי זיך נישט צו וואַרפן אין די אויגן די זשאַנדאַרמען, האָב איך באַשלאָסן צו קומען אַקוראַט אין דעם לעצטן מאָמענט, ווען דער צוג גייט אָפּ. דער סטודענט סאָלאָוויאָוו, איינער פון די היינטיקע אָנפירער מיטן נעפט-סינדיקאַט האָט געדאַרפט פאַרנעמען פאַר מיר אַ פּלאַץ אין וואַגאָן און מיך אָפּוואַרטן מיט מיין וואַליזע. איך האָב רואיק אַרומגעשפּאַצירט אין פעלד, ווייט הינטערן וואָקזאַל, געקוקט אויפן זייגער און פלוצלונג דערהערט דעם צווייטן קלונג. מיינענדיק, אַז מען האָט מיך זיכער שלעכט אינפאָרמירט וועגן דעם אָפּגאַנג פון צוג, האָב איך מיך אַ לאָז געטאָן העגדום-פּענדום צום וואָקזאַל. סאָלאָוויאָוו האָט מיך ערלעך אָפּגעוואַרט אין וואַגאָן, אָבער ווען דער צוג האָט שוין גערירט, איז סאָלאָוויאָוו אַרויסגעשפּרונגען אויף די שינעס מיט דער וואַליזע אין האַנט. די באַן-אַדמיניסטראַציע און די זשאַנדאַרמען האָבן אים אַרומגערינגלט פון אַלע זייטן. אָבער די מראה פון אַ פאַרסאָפּעטן מענטשן — דאָס בין איך געווען — וואָס איז געקומען צו לויפן, ווען דער צוג איז שוין אַוועק, האָט צוגעצויגן די אַלגעמיינע אויפמערקזאַמקייט. דער פּראָטאָקאָל, מיט וועלכן די זשאַנדאַרמען האָבן געסטראַשעט סאָלאָוויאָוון, איז דערטרונקען געוואָרן אינם אומבאַרחמנותדיקן חוזק איבער אונז ביידן.

ביזן גרענעץ-פּאַס בין איך דערפאָרן בשלום. אויף דער לעצטער

סטאַציע האָט דער פּאָליציי-באַאַמטער געפּאָדערט מיין פּאַס. איך האָב באמת געגאַפּט, ווען ער האָט איינגעפונען, אַז דער דאָקומענט, וואָס איך אַליין האָב אים פּאַבריצירט, איז אין דער בעסטער אָרדענונג. די אָנפירונג מיט דער אומלעגאַלער גרענעץ-טראַנספּאָרטירונג איז געלעגן אין די הענט פון אַ גימנאַזיסט. איצט איז ער אַן אָנגעזעענער כעמיקער, וואָס שטייט בראש פון אַ וויסנשאַפטלעכן אינסטיטוט אין דער סאָוויעטן-רעפּובליק. לויט זיינע סימפּאַטיעס איז דערדאָזיקער גימנאַזיסט געווען אַ סאָציאַל-רעוואָלוציאָנער. דערהערנדיק פון מיר, אַז איך געהער צו דער אָרגאַניזאַציע „איסקראַ", האָט ער באַלד אָנגענומען דעם טאָן פון אַ שטרענגן באַשולדיקער. — „איז אייך באַוואוסט, אַז אין די לעצטע נומערן פירט די „איסקראַ" אַן אומווירדיקע פּאָלעמיק קעגן טעראָריזם?" איך האָב נאָך ערשט געהאַט בדעה זיך אריינצולאָזן אין אַ פּרינציפּיעלן וויכוח, ווי דער גימנאַזיסט האָט ביין צוגעגעבן: „די גרענעץ וועל איך אייך נישט אַריבערפירן!" דערדאָזיקער אַרגומענט האָט מיך איבערראַשט מיט זיין אומגעריכטקייט. און דאָך איז ער געווען גאַנץ קאָנזעקווענט. מיט פופצן יאָר שפּעטער האָבן מיר מיט געווער אין דער האַנט געמוזט איינברעכן די מאַכט פון די סאָציאַל-רעוואָלוציאָנערן. אָבער אין יענעם מאָמענט זענען מיר אין קאָפּ נישט געקראָכן קיין שום היסטאָרישע פּערספּעקטיוון. איך האָב אים אויפגעוויזן, אַז מען קאָן מיך נישט באַשטראָפן פאַר אַן אַרטיקל אין „איסקראַ", און סוף-כל-סוף האָב איך געמאָלדן, אַז איך ריר זיך נישט פון אָרט ביז מען וועט מיר נישט געבן קיין פירער. דער גימנאזיסט איז ווייכער געוואָרן. „גוט", האָט ער א זאָג געטון, „זאָל מיינס איבערגיין, אָבער זאָגט זיי דאָרט, אַז דאָס איז לעצטע מאָל!"

דער גימנאַזיסט האָט מיך איינגעאָרדנט אויף נאַכטלעגער אין אַ ליידיקער דירה פון אַן איינזאמען קאָמי-וואָיאַזשער, וואָס האָט געזאָלט צוריקקומען ערשט אויפן צווייטן טאָג. איך געדענק ווי דורכן חלום, אַז אין דער פאַרשלאָסענער דירה האָט מען געמוזט אַריינקריכן דורכן פענסטער. אינמיטן נאַכט האָב איך מיך אויפגעכאַפּט פון אַ פּלוצלונגער שיין. איבער מיר האָט זיך אנגעבויגן אַן אומבאַקאַנט קליין מענטשעלע אין אַ הארטן קאַפּעליוש, מיט אַ ליכט אין איין האַנט און מיט אַ שטעקן אין דער צווייטער. פון סופּיט איז אויף מיר געקראָכן אַ שאָטן אין אַ ריזיק-גרויסן הארטן קאַפּעליוש.

— ווער זענט איר? — האָב איך געפרעגט, אַן אויפגערעגטער.

— דאָס געפעלט מיר, — האָט דער אומבאַקאַנטער געענטפערט — ער ליגט אין מיין בעט און פרעגט, ווער איך בין!

קלאָר: פאַר מיר איז געשטאַנען דער באַלעבאָס פון דער דירה. ווען איך האָב גענומען איינטענהן מיט אים, אַז ער האָט דאָך געזאָלט ערשט קומען אויפן צווייטן טאָג, האָט עס גאָרנישט געהאָלפן.

— איך ווייס אַליין, ווען איך האָב צו קומען, — האָט ער מיר געענטפערט אין מיט פולן רעכט.

די לאַגע איז געוואָרן זייער אַ פּאַרוויקלטע.

— איך פאַרשטיי, — האָט דער באַלעבאָס אויסגערופן און בעת־מעשה כסדר באַלויכטן מיין פנים, — דאָס זענען אַלעקסאַנדערס קונצ־שטיק. מיר וועלן זיך מיט אים מאָרגן אַדורכשמועסן!

איך האָב שטאַרק אונטערגעהאַלטן דעם גליקלעכן געדאַנק, אַז דער שולדיקער אין די אַלע מיספאַרשטענדענישן איז, נאַטירלעך, דער אַפּוועזנדיקער אַלעקסאַנדער. פונדעסטוועגן האָב איך שוין פאַרענדיקט די נאַכט ביים קאָמי־וואָיאַזשער, וואָס האָט מיר אפילו מכבד געווען מיט טיי.

אויף צומאָרגנס אינדערפרי האָט מיך דער גימנאַזיסט, נאָך אַ הייסן וויכּוח מיט מיין באַלעבאָס, איבערגעגעבן צו די קאָנטראַבאַנדיסטן פון שטעטל בראָד. דעם גאַנצן טאָג בין איך געלעגן אויף שטרוי, אין אַ שייער, ביי אַ פויער, וואָס האָט מיך געשטאָפּט מיט אַרבוזן. אינמיטן נאַכט האָט ער מיך, אין אַ שלאַקס־רעגן, אַוועקגעפירט צו דער גרענעץ. לאַנג האָט מען מיך געשלעפּט אינדערפינסטער און געהאַלטן אין איין פאַלן.

— נו, איצט זעצט זיך אויף מיין רוקן, — האָט דער פירער אַ זאָג געטון — ווייטער וועלן מיר דאָ האָבן וואַסער.

איך האָב נישט געוואָלט.

— אָבער קיין נאַסער טאָרט איר אויף דער צווייטער זייט נישט קו־מען! — האָט זיך דער פויער געעקשנט.

איך בין געווען געצוואונגען צו מאַכן אַ נסיעה אויפן רוקן פון אַ מענטשן און דערביי דאָך אָננעמען פולע שיך מיט וואַסער. אין אַ מי־נוט פונפצן אַרום האָבן מיר זיך שוין געטריקנט אין אַ יידישן הייזל, אויף דער עסטרייכישער זייט פון בראָד. דאָרט האָט מען מיך פאַרזי־כערט, אַז דער באַגלייטער האָט מיך מיט אַ כיוון געפירט דורך אַ טיפן וואַסער, כדי צו באַקומען מער געלט. פון זיין זייט, ווידער, האָט מיך דער פויער, ביים געזעגענען זיך, פריינטלעך געוואָרנט פאַר די

זשידעס, וואָס האָבן ליב צו רייסן דריי מאָל אַזויפיל. מיינע רעסורסן
זענען באמת גיך צערונען. איך האָב נאָך בייַנאַכט געדאַרפט אדורכ־
מאכן אַכט קילאָמעטער ביז דער סטאַציע. שווער און געפערלעך איז
געווען די נסיעה אויפן שטח פון די ערשטע צוויי קילאָמעטער ביזן
שאָסיי, לענגאויס דער גרענעץ, אויף אַ דורכגעווייקטן וועג פון רעגן. אַן
אַלטער יידישער אַרבעטער האָט מיך געפירט אויף אַ קליינעם צוויי־
רעדערדיקן וועגעלע.

— סוף־כּל־סוף וועל איך דאָך פאָרט ברענגען האַלז און נאַקן ביי
דעמדאָזיקן עסק, — האָט ער געמורמלט.

— פאַרוואָס?

— די זעלנער פרעגן פון וויטן, און אַז די ענטפערסט נישט,
שיסן זיי. דאָרט איז זייער פייערל. היינט איז נאָך, צום גליק, אַ גו־
טע נאַכט.

די נאַכט איז באמת געווען אַ גוטע: אַ געדיכטע בייזע האַרבסט־
פינסטערניש, אַן אומאויפהערלעכער רעגן האָט געשמיסן אין פּנים, די
קאַפּיטעס פון די פערד האָבן הילכיק געקנאַקט די טיפע בלאָטעס. מיר
זענען געפאָרן באַרג־ארויף, דער אַלטער האָט מיט אַ הייזעריקן שעפּ־
טשען צוגעטריבן דאָס פערדל, די רעדער זענען געזונקען אין בלאָטע,
דער לייכטער וואָגן האָט זיך כּסדר געבויגן אויף אַ זייט און פּלוצלונג
— זיך איבערגעקערט. די בלאָטע איז געווען אַן אמתע חשון־בלאָטע: אַ
טיפע און אַ קאַלטע. איך בין אַריינגעפאַלן אין איר מיטן פּנים אַראָפּ
ביזן האַלבן גוף און דערצו נאָך פאַרלאָרן די פּענסנע. דאָס שרעקלעכ־
סטע איז אָבער געווען דאָס, וואָס באַלד דערויף האָט זיך דערהערט
אַ דורכדרינגענדיקער געשריי, ערגעץ גאָר נאָענט, לעבן אונז, אַ געיאָ־
מער פון פאַרצווייפלונג, אַ תּחנונימדיקע בקשה וועגן הילף, אַ מיסטי־
שער רוף צום הימל, און מען האָט לגמרי נישט געקאָנט באַגרייפן אין
דערדאָזיקער שוואַרצער נאַכט, צו וועמען עס געהערט דידאָזיקע גע־
היימנישפולע שטימע, וואָס איז אַזאַ אויסדרוקפולע און דאָך נישט
קיין מענטשלעכע.

— ער וועט אונז אומברענגען, זאָג איך אייך, — האָט דער אַל־
טער געמורמלט מיט פאַרצווייפלונג, — ער וועט אונז אומברענגען...

— אָבער וואָס איז אַזוינס געשען? — האָב איך אַ פרעג געטאָן
מיט אַ פאַרהאַקטן אָטעם.

— דאָס איז דער האָן, אַ כּפּלה זאָל אויף אים קומען, דער האָן,

וואָס די באַלעבאָסטע האָט מיר מיטגעגעבן צום שוחט, ער זאָל אים שעכטן אויף שבת...

דידאָזיקע דורכדרינגענדיקע קולות האָבן זיך איצט געהערט אין רעגלמעסיקע הפסקות.

— ער וועט אונז אומברענגען. מיר געפינען זיך ביי אַ צוויי הונדערט טריט פון וואַכפּאָסטן, באַלד וועט אַרויסשפּרינגען אַ זעלנער... „דערשטיקט אים!"... האָב איך געשיפּעט אין ווילדן גרימצאָרן. „וועמען?" „דעם האָן!" „אָבער ווי געפינט מען אים? עפּעס האָט אים דאָ צוגעשטיקט"...ביידע זענען מיר אַרומגעקראָכן אינדערפינסטער, געטאַפּט מיט די הענט אין בלאָטע. דער רעגן פון אויבן האָט געכליאַפּעט, מיר האָבן פאַרשאָלטן דעם האָן און דעם גורל. ענדלעך האָט דער אַלטער באַפרייט דעם אומגליקלעכן קרבן פון אונטער מיין קאָלדרע. דער דאַנקבאַרער האָן איז תיכף-ומיד אַנטשוויגן געוואָרן. מיט געמיינזאַמע כּוחות האָבן מיר אויפגעהייבן דאָס וועגעלע און ווייטער געפאָרן. אויף דער סטאַציע האָב איך מיך דריי שעה געטריקנט און געריייניקט, ביז ס'איז אָנגעקומען דער צוג.

נאָכן אויסבייטן דאָס געלט האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז עס פעלט מיר אויף הוצאות ביז דעם באַשטימטן פּונקט, ד. ה. ביז ציריך. וואו איך דאַרף מיך זען מיט אַקסעלראָדן. האָב איך גענומען אַ בילעט ביז ווין: דאָרט וועל איך מיך שוין ווי עס איז אַן עצה געבן. ווין האָט מיך בעיקר איבערראַשט דערמיט, וואָס נישט געקוקט אויף מיינע שול-קענטעניש פון דייטש, האָב איך קיינעם נישט פאַרשטאַנען. די פאַרביייגייער האָבן מיר אויך דאָס רוב געצאָלט מיט דער אייגענער מטבע. דאָך איז מיר געלונגען אַריינצוהאַקן אין קאָפּ אַריין עפּעס אַן אַלטן מאַן אין אַ רויטער היטל, אַז איך דאַרף אין דער רעדאַקציע פון דער „Arbeiter-Zeitung" איך האָב באַשלאָסן, אַז איך דאַרף איבערשמועסן מיט וויקטאָר אַדלערן אַליין, דעם לידער פון דער עסטרייכישער סאָציאַל-דעמאָקראַטיע, אַז די אינטערעסן פון דער רוסישער רעוואָלוציע פאָדערן דורכאויס, איך זאָל גלייך אַרויספאָרן ווייטער קיין ציריך. דער באַגלייטער האָט צוגעזאָגט, אַז ער וועט מיך אָפּפירן אין דעם נויטיקן אָרט. מיר זענען געגאַנגען אַ שעה צייט. עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז די רעדאַקציע האָט זיך נאָך מיט צוויי יאָר צוריק אַריבערגעצויגן אויף אַן אַנדער אָרט. זענען מיר געגאַנגען נאָך אַ האַלבע שעה. דער פּאָרטיער האָט אונז געמאָלדן, אַז היינט נעמט מען נישט אָן. איך

האָט נישט געהאַט מיט וואָס צו באַצאָלן דעם באַגלייטער, איך בין געווען הונגעריק, און דער עיקר — איך האָב געמוזט זיין אין ציריך. פון די טרעפ איז אַראָפּ אַ הויכער הער מיט נישט גאָר קיין פריינטלעכן פנים. האָב איך אים געפרעגט וועגן אַדלערן. — „ווייסט איר וואָס פאַר אַ טאָג הייַנט איז?" — האָט ער מיך שטרענג אַ פרעג געטאָן. איך האָב נישט געוואוסט. אין וואַגאָן, אויף דער פור, ביים קאָמי-וואָיאַזשער, ביים פויער אין שייער, אין דעם נאַכט-געראַנגל מיטן האָן האָב איך פאַרגעסן דעם חשבון פון די טעג.

— הייַנט איז זונטיק! — האָט דער הויכער הער שאַרף אַרויסגעזאָגט און געוואָלט אַוועקגיין. „נו, איז וואָס", האָב איך מיך אָנגערופן, „איך מוז אָבער זען אַדלערן". דער הער האָט מיר אָבער געענטפערט מיט אַזאַ טאָן, פונקט ווי ער וואָלט, אַ שטייגער, אין אַ שטורעם קאָמאַנדעווען מיט אַ גאַנצן באַטאַליאָן: „זונטיק, זאָגט מען אייך, קען מען דעם דאָקטאָר אַדלער נישט זען!" „איך האָב אָבער אַ וויכטיקן ענין", האָב איך געענטפערט מיט עקשנות.

— ווען אייער ענין זאָל אפילו זיין צען מאָל אַזוי וויכטיק, איר פאַרשטייט, צי ניין?

דאָס איז געווען פריץ אויסטערליץ, די סטראַשידלע פון זיין רעדאַקציע, וועמעס ווערטער עס באַשטייען, ווי וויקטאָר הוגאָ וואָלט געזאָגט, פון גאָלע בליצן.

— ווען איר זאָלט אפילו ברענגען אַ ידיעה, — איר הערט? — אַז מ'האָט דערהרגעט אייער צאַר, און אַז ביי אייך האָט זיך דאָרט אָנגעהייבן אַ רעוואָלוציע — איר הערט? — וואָלט איר אויך נישט געהאַט קיין רעכט צו שטערן דעם דאָקטאָרס זונטיק-רו!

דערדאָזיקער הער האָט מיך פשוט אימפּאָנירט מיט זיין דונערדיקער שטימע. פונדעסטוועגן האָב איך געהאַלטן, אַז ער רעדט נאַרישקייטן. עס קען נישט זיין, אַז די זונטיקדיקע מנוחה זאָל שטיין העכער פאַר די פאָדערונגען פון דער רעוואָלוציע. איך האָב באַשלאָסן זיך נישט אונטערצוגעבן. איך האָב געמוזט פאָרן קיין ציריך. די רעדאַקציע פון דער „איסקראַ" האָט געוואַרט אויף מיר. אויסערדעם, בין איך אַנטלאָפן פון סיביר. דאָס האָט אויך עפּעס וואָס צו זאָגן. שטייענדיק אונטן ביי די טרעפּ, האָב איך פאַרשטעלט דעם וועג פאַר דעם שטרענגן הער און סוף-כל-סוף האָב איך פאָרט דערגרייכט דאָס מיינע. אויסטערליץ האָט מיר געגעבן דעם נויטיקן אַדרעס. אין דער באַ-

דאַקציע פון דער „איסקראַ״ האָט געוואָרט אויף מיר. אויסערדעם, בין איך אַנטלאָפן פון סיביר: דאָס האָט אויך עפּעס וואָס צו זאָגן. שטייענדיק אונטן, ביי די טרעפּ, האָב איך פאַרשטעלט דעם וועג פאַר דעם שטרענגן הער און סוף-כּל-סוף האָב איך פּאָרט דערגרייכט דאָס מייניקע. אויסטערליך האָט מיר געגעבן דעם נויטיקן אַדרעס: אין דער באַגלייטונג פון דעמזעלבן פירער בין איך אַוועק צו אַדלערן אַהיים:

צו מיר איז אַרויס נישט קיין הויכער מענטש, מיט אַן אויסגעבויגענער פּלייצע, כּמעט אַ הויקער, מיט געשוואָלענע אויגן אויף אַ מידן פּנים. אין ווין האָט זיך גראָד געקאָכט מיט די וואַלן צום לאַנדטאַג. אַדלער איז מיט אַן אָוונט פריער אַרויסגעטרעטן אויף עטלעכע פאַרזאַמלונגען, און ביינאַכט געשריבן אַרטיקלען און אויפריפן. דאָס האָב איך זיך דערוואוסט אין אַ פערטל שעה אַרום פון זיין שנור.

— אַנטשולדיקט, דאָקטאָר, וואָס איך האָב געשטערט אייער זונטאָג-רו...

— ווייטער, ווייטער, — האָט ער אַ זאָג געטאָן מיט אַן אויסערלעכער שטרענגקייט, אָבער מיט אַזאַ טאָן, וואָס האָט לגמרי נישט געשראָקן, נאָר, פאַרקערט, האָט אויפגעמונטערט. די פּקחות האָט פון אַלע קנייטשעלעך אַרויסגעלויכטן ביי דעמדאָזיקן מענטשן.

— איך בין אַ רוסישער...

— נו, דאָס פאַרשפּאָרט איר מיר שוין צו זאָגן. איך האָב שוין געהאַט צייט זיך אָנצושטויסן וועגן דעם.

איך האָב דערציילט דעם דאָקטאָר, וואָס האָט מיך געלויפיק אַדורכגעפּאָרשט מיט די אויגן, פון מיין שמועס ביי דער טיר פון דער רעדאַקציע.

— גאָר אַזוי? אַזוי האָט מען אייך געזאָגט? ווער האָט עס געקאָנט זיין? אַ הויכער? געשריגן? דאָס איז אויסטערליך. ער שרייט, זאָגט איר? דאָס איז אויסטערליך. נעמט עס נישט אַזוי ערנסט. אויב איר וועט ברענגען ידיעות וועגן אַ רעוואָלוציע אין רוסלאַנד, מעגט איר מיר אַפילו אָנקלינגען אינמיטן נאַכט... קאַטיאַ, קאַטיאַ, — האָט ער פּלוצלונג אַ רוף געטאָן. עס איז אַריין זיין שנור, אַ רוסישע פרוי. — „איצט וועט שוין אייער ענין צוגיין אַ ביסל לייכטער״, האָט ער זיך אָנגערופן, איבערלאָזנדיק אונדז אַליין.

מיין ווייטערדיקע נסיעה איז שוין געווען געזיכערט.

עלפטער קאַפּיטל

די ערשטע עמיגראַציע

קיין לאָנדאָן — פון ציריך איבער פּאַריז — בין איך געקומען אין האַרבסט 1902, משמעות, אין אָקטאָבער, גאַנץ באַגינען. דער קעב, וואָס איך האָב אָנגעדונגען מער אויפן וואונק, ווי מיט ווערטער, האָט מיך צוגעשטעלט אויפן באַשטימטן אָרט לויט דעם אַדרעס, וואָס איז געווען אויפגעשריבן אויף אַ שטיקל פּאַפּיר. דאָסדאָזיקע אָרט איז געווען לענינס וואוינונג. מען האָט מיר נאָך פריער, אין ציריך, געזאָגט, אַז איך דאַרף אָנקלאַפּן דריי מאָל מיטן טיר-רינגל. די טיר האָט מיר געעפנט נאַדיעזשדאַ קאָנסטאַנטינאָוונאַ. איך האָב זי מסתמא מיט מיין קלאַפּן אויפגעהייבן פון בעט. עס איז נאָך געווען זייער פרי, און יעדער מענטש, וואָס איז געוויינט צו קולטורעלע לעבנס-פאָרמען, וואָלט אוודאי בעסער צוגעוואַרט רואיק אַ צוויי שעה אויפן וואָקזאַל, איידער צו לויפן פאַרטאָג קלאַפּן אין פרעמדע טירן. אָבער איך בין נאָך כסדר געווען פול אָנגעלאָדן מיט מיין אַנטלויפן פון ווערכאָלענסק. אויפן זעלבן באַרבאַרישן אופן בין איך אויך אין ציריך אַריינגעפאַלן צו אַקסעלראָדן אין וואוינונג, אָבער נישט באַגינען, נאָר דווקא אינמיטן נאַכט. לענין איז נאָך געלעגן אין בעט, און אויף זיין פּנים האָט זיך צוזאַמען מיט אַ מינע פון פריינטלעכקייט באַוויזן אויך אַ באַרעכטיקטער אויסדרוק פון שטוינונג. ביי אַזעלכע באַדינ-

גונגען איז פאָרגעקומען אונזער ערשטע באַגעגעניש און אונזער ערשטער שמועס. וולאַדימיר איליטש און נאַדיעזשדאַ קאָנסטאַנטינאָוונאַ האָבן מיך שוין אייגנטלעך געקענט פון קלערס בריוו און געוואַרט אויף מיר. אַזוי האָט מען מיך טאַקע באַגעגנט: „געקומען די פעדער". איך האָב גלייך דאָ אויפן אָרט אַרויסגעלייגט דעם באַשיידענעם באַגאַזש פון מיינע רוסישע איינדרוקן: די פאַרבינדונגען אין דרום זענען שוואַך, די אַדרעסן אין כאַרקאָוו זענען נישט קיין גילטיקע, די רעדאַקציע פון „דרום-אַרבעטער" איז קעגן אַ פאַרייניקונג, די עסטרייכישע גרענעץ געפינט זיך אין די הענט פון אַ גימנאַזיסט, וואָס וויל נישט קומען צו הילף די איסקראָווצעס. די פאַקטן גופא האָבן אַפילו נישט דערוועקט קיין גרויסע האָפענונגען, דערפאַר איז אָבער דער גלויבן אין דער צוקונפט געווען אייזנפעסט.

אין דעמזעלבן פרימאָרגן, אָדער אפשר אויפן צווייטן טאָג, האָב איך מיט וולאַדימיר איליטשן געמאַכט אַ גרויסן שפאַציר איבער לאָנדאָן. פון אַ בריק האָט ער מיר געוויזן דעם וועסטמינסטער און נאָך אַנדערע מערקווירדיקע בנינים. איך געדענק אַפילו נישט, ווי ער האָט געזאָגט, אָבער דער ניואַנס איז געווען אַזאַ: „דאָס איז ביי זיי דער באַרימטער וועסטמינסטער". „ביי זיי" האָט, נאַטירלעך, באַטייט נישט ביי די ענגלענדער, נאָר ביי די הערשנדיקע קלאַסן. דער דאָזיקער ניואַנס, וואָס איז אויף אַ האָר נישט אונטערגעשטראָכן געוואָרן, נאָר איז געווען אַ טיף אָרגאַנישער, וואָס דריקט זיך אויס דער עיקר אינם טעמבר פון דער שטימע, האָט זיך ביי לענינען שטענדיק געפילט, בעת ער האָט גערעדט פון געוויסע קולטור-ווערטן אָדער נייע דערגרייכונגען, פון דער ביכער-עשירות אינם בריטישן מוזיי, פון די אינפאָרמאַציעס אין דער אייראָפעישער פרעסע אָדער מיט יאָרן שפעטער — פון דער דייטשער אַרטילעריע אָדער פון דער פראַנצויזישער אַוויאַציע: זיי קאָנען אָדער זיי האָבן, זיי מאַכן אָדער זיי דערגרייכן, — אָבער וואָס פאַר אַ פיינט! אַן אומזעעוודיקער שאָטן פונם הערשנדיקן קלאַס איז אין זיינע אויגן אַזוי ווי געפאַלן אויף דער גאַנצער מענטשלעכער קולטור, און דעמדאָזיקן שאָטן האָט ער תמיד געשפירט מיט אַזאַ דייטלעכקייט, ווי די ליכטיקייט פון טאָג.

איך האָב דעמאָלט זיכער אַרויסגעוויזן פאַר דער לאָנדאָנער אַרכיטעקטור אַ מינימאַלן אינטערעס. אַריבערגעוואָרפן מיט איינמאָל פון ווערכאָלענסק קיין אויסלאַנד, וואו איך בין בכלל געווען צום ערשטן

מאָל, האָב איך אויפגענומען ווין, פּאַריז און לאָנדאָן זייער סומאַריש און ס'איז מיר סתּם נישט געלעגן אין קאָפּ צו פאַראינטערעסירן זיך מיט די „פּרטים", ווי, למשל, דער וועסטמינסטער־פּאַלאַץ. און אויך לענין האָט מיר, באַטירלעך, נישט צו דעם צוועק מיטגענומען אויף דעמדאָזיקן גרויסן שפּאַציר. ער איז דער עיקר אויסן געווען מיט מיר זיך נענטער צו באַקענען און אומבאַמערקט מיך צו עקזאַמענירן. און דערדאָזיקער עקזאַמען האָט באמת אַרומגעכאַפּט „דעם גאַנצן קורס".

איך האָב דערציילט פון אונזערע סיבירישע דיסקוסיעס, הויפּטזעכלעך וועגן דער פראַגע פון אַ צענטראַליסטישער אָרגאַניזאַציע, וועגן מיין שריפטלעכן רעפעראַט אויף דערדאָזיקער טעמע; וועגן מיין שטורמישן צוזאַמענשטויס מיט די אַלטע נאַראָדניקעס אין אירקוטסק, וואו איך האָב פאַרבראַכט עטלעכע וואָכן; וועגן מיכאַיסקיס דריי העפטן א. ד. גל. לענין האָט געקאָנט הערן. — „און ווי האָט עס געהאַלטן מיט דער טעאָריע?" איך האָב אים דערציילט, ווי אַזוי מיר האָבן אין דער מאָסקווער עטאַפּן־תּפיסה שטודירט צוזאַמען זיין בוך „דער קאַפּיטאַליזם אין רוסלאַנד", און אין פאַרשיקונג געאַרבעט איבערן „קאַפּיטאַל", אָבער ביים צווייטן באַנד געבליבן שטיין. מיר האָבן אויך פלייסיק אַדורכגעשטודירט לויט די ערשטע קוועלן די גאַנצע פּלוגתּא צווישן בערנשטיינען און קאַוטסקין. בערנשטיין האָט נישט געהאַט קיין אָנהענגער צווישן אונז. אויפן געביט פון פילאָזאָפיע האָבן מיר זיך אַנטציקט מיט באָגדאַנאָווס בוך, אין וועלכן דער מחבר האָט פאַרבונדן מיטן מאַרקסיזם די דערקענטעניש־טעאָריע פון מאַך־אַווענאַריוס. אויך לענין האָט דעמאָלט געהאַלטן פון דעמדאָזיקן בוך. „איך בין נישט קיין פילאָזאָף", האָט ער באַזאָרגט אַ זאָג געטאָן, — „אָבער פּליעכאַנאָוו פאַרמשפּט שאַרף באָגדאַנאָווס פילאָזאָפיע ווי אַ פאַרשטעלטע פאַריעטעט פון אידעאַליזם". אין עטלעכע יאָר אַרום האָט לענין געווידמעט דער פילאָזאָפיע פון מאַך־אַווענאַריוס אַ גרויס ווערק. דעם מהות פון דערדאָזיקער פילאָזאָפיע האָט ער אָבער אַזוי אָפּגעשאַצט, ווי פּליעכאַנאָוו. בעתן שמועס האָב איך מיך אָנגערופן, אַז אויף די פאַרשיקטע האָט געמאַכט אַ שטאַרקן רושם דער געוואַלדיקער סטאַטיסטישער מאַטעריאַל, וואָס לענין האָט באַאַרבעט אין זיין בוך וועגן רוסישן קאַפּיטאַליזם. „דאָס איז דאָך אָבער נישט געמאַכט געוואָרן פאַר איין מאָל..." האָט וולאַדימיר איליטש געענטפערט מיט

אַ געוויסער פאַרלעגנהייט. עס איז אים אָבער געווען אָנגענעם, וואָס די ייִנגערע חברים האָבן אָפּגעשאַצט די גיגאַנטישע אַרבעט, וועלכע ער האָט אַריינגעלייגט אין זיין וויכטיקסטער עקאָנאָמישער אויספאָרשונג. וועגן מיין אַרבעט איז דאָסמאָל גערעדט געוואָרן נאָר אין אַלגעמיינע שטריכן. מען האָט גערעכנט, אַז איך וועל בלייבן אַ געוויסע צייט אין אויסלאַנד, זיך באַקענען מיט דער ניי-דערשינענער ליטעראַטור, זיך אַרומקוקן, און דערנאָך וועט מען זען וואָס ווייטער צו טאָן. אין אַ געוויסער צייט אַרום האָב איך, לכל-הדעות, גערעכנט זיך אומצוקערן אומלעגאַל קיין רוסלאַנד צו דער רעוואָלוציאָנערער אַרבעט.

אַ דירה האָט מיר נאַדיעזשדאַ קאָנסטאַנטינאָוונאַ געפונען אין אַ ווייטערן קוואַרטאַל, אין אַ הויז, וואו עס האָט געוואוינט זאַסוליטש, מאַרטאָוו און בלומענפעלד, דער פירער פון דער „איסקראַ"-דרוקעריי. דאָרט האָט זיך גראַדע געפונען אַ פריי צימער. די חדרים זענען דאָרט געשטאַנען, לויטן ענגלישן טיפּ, נישט האָריזאָנטאַל, איינער לעבן צווייטן, נאָר ווערטיקאַל, איינער איבערן צווייטן. אין דעם אונטערשטן צימער האָט געוואוינט די באַלעבאָסטע, און די קוואַרטיראַנטן — איינער איבער דעם אַנדערן. עס איז געווען אַ געמיינזאַם צימער, וואו מען האָט געטרונקען קאַווע, געראויכערט און געפירט אומענדלעכע שמועסן און וואו עס האָט געהערשט אַ גאַנצער תהו-ובהו. דערין האָט שטאַרק צוגעהאָלפן מאַרטאָוו און אויך זאַסוליטש איז נעווען אַ ביסעלע שולדיק. פּליעכאַנאָוו האָט נאָך זיין ערשטן וויזיט אָנגערופן דאָסדאָזיקע צימער שמוצהייזל.

אַזוי האָט זיך אָנגעהייבן דער קורצער לאָנדאָנער פּעריאָד פון מיין לעבן. איך האָב ממש געשלונגען די נומערן „איסקראַ" און די ביכלעך „זאַריאַ", וואָס זענען דערשינען אונטער דערזעלבער רעדאַקציע. דאָס איז געווען אַ גלאַנצפולע ליטעראַטור, וואָס האָט פאַרבונדן וויסנשאַפטלעכע טיפקייט מיט רעוואָלוציאָנערער ליידנשאַפט. איך האָב מיך פאַרליבט אין דער „איסקראַ", זיך געשעמט מיט מיין עם-הארצות און געשטרעבט מיט אַלע כוחות וואָס גיכער אַרויסצוקריכן פון איר. אינגיכן האָב איך אָנגעהייבן מיטצואַרבעטן אין דער „איסקראַ". לכתחילה זענען עס געווען קליינע נאָטיצן, דערנאָך זענען געקומען פּאָליטישע אַרטיקלען און אַפילו לייטאַרטיקלען.

דעמאָלט בין איך אויך אַרויסגעטרעטן מיט אַ רעפעראַט אין

ווייטשעפּל, וואו איך האָב מיך געראַנגלט מיט טשייקאָווסקין, דעם פּאַטריאַרך פון דער עמיגראַציע און מיטן אַנאַרכיסט טשערקעזאָוו, שוין אויך נישט קיין יונגערמאַן. איך בין באמת נשתומם געוואָרן פון די קינדערשע אַרגומענטן, מיט וועלכע דידאָזיקע חשובע זקנים האָבן זיך געפּרואווט איינצוברעכן דעם מאַרקסיזם. איך געדענק, אַז איך האָב זיך אומגעקערט אַהיים אין אַ געהייבענער שטימונג, ממש נישט געשפּירט דעם טראָטואַר אונטער די פּאָדעשוועס פון די שיך. אַ קאָנטאַקט מיטן ווייטשעפּל און בכלל מיט דער אויסערלעכער וועלט האָט מיר געשאַפן דער לאַנגיאָריקער לאָנדאָנער איינוואוינער אַלעקסייעוו, אַן עמיגראַנט און אַ מאַרקסיסט, וואָס איז געשטאַנען נאָענט צו דער רעדאַקציע פון דער „איסקראַ". ער האָט זיך באַקענט מיטן ענגלישן לעבן און איז בכלל געווען פאַר מיר אַ מקור פון אַלע מינים ידיעות. צו לענינען האָט זיך אַלעקסייעוו באַצויגן מיט דער גרעסטער אַכטונג. „איך האַלט", האָט ער מיר געזאָגט, „אַז פאַר דער רעוואָלוציע איז לענין וויכטיקער, ווי פּליעכאַנאָוו". לענינען האָב איך עס, נאַטירלעך, נישט געזאָגט, אָבער מאַרטאָוון האָב איך עס יאָ געזאָגט. יענער האָט גאָרנישט געענטפערט.

אין אַ זונטיק בין איך אַוועק מיט לענינען און קרופּסקאַיאַ אין אַ לאָנדאָנער קירכע, וואו אַ סאָציאַל־דעמאָקראַטישער מיטינג האָט זיך געמישט מיט תהילים־געזאַנג. דער אָראַטאָר איז געווען אַ זעצער, וואָס איז צוריקגעקומען פון אַוסטראַליע. ער האָט גערעדט וועגן דער סאָציאַלער רעוואָלוציע. דערנאָך זענען אַלע אויפגעשטאַנען און געזונגען: „אַלמעכטיקער גאָט, מאַך אַזוי, אַז עס זאָלן נישט זיין קיין מלכים און קיין גבירים". איך האָב נישט געגלויבט מיינע אייגענע אויגן און אויערן. „אין דעם ענגלישן פּראָלעטאַריאַט זענען פאַרשפּרייט אַ מאַסע עלעמענטן פון רעוואָלוציע און סאָציאַליזם", האָט לענין געזאָגט, אַז מיר זענען אַרויס פון דער קירך, „אָבער דאָס אַלץ איז צונויפגעמישט מיט קאָנסערוואַטיזם, רעליגיע, פאַראורטיילן און קאָן זיך בשום אופן נישט אַרויסקריגן כלפּי־חוץ און זיך פאַראַלגעמיינערן".

קומענדיק פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער קירכע, האָבן מיר געגעסן מיטאָג אין אַ קליינער גאָרקיך, וואָס איז באַשטאַנען פון צוויי צימערן. מען האָט זיך געוויצלט, ווי תמיד, צי וועל איך טרעפן אַליין אַהיים: איך האָב מיך זייער שלעכט אָריענטירט אין די גאַסן און, מחמת מיין נייגונג צו סיסטעמאַטיזאַציע, האָב איך אָנגערופן מיין דאָזיקע

איינגנשאַפט „טאָפּאָגראַפישער קרעטיניזם". שפּעטער האָב איך אָפילו געהאַט אַ געוויסע פּעולה אויף דעמדאָזיקן געביט, זי איז מיר אָבער נישט לייכט אָנגעקומען.

מיינע באַשיידענע ידיעות אין דער ענגלישער שפּראַך, וואָס איך האָב מיר דערוואָרבן אין דער אָדעסער תּפיסה, זענען אין משך פון דעם לאָנדאָנער פּעריאָד כּמעט נישט פאַרגרעסערט געוואָרן. איך בין געווען צופיל אַריינגעטאָן אין די רוסישע ענינים. דער ענגלישער מאַרקסיזם האָט נישט דערוועקט מיין אינטערעס. דער אידעישער מיטלפּונקט פון דער סאָציאַל-דעמאָקראַטיע איז דאַן געווען דייטשלאַנד און מיט דער גרעסטער שפּאַנונג האָבן מיר נאָכגעפאָלגט דעם קאַמף צווישן די אָרטאָדאָקסן מיט די רעוויזיאָניסטן.

אין לאָנדאָן, ווי אויך שפּעטער, אין גענף, פלעג איך מיך אָפטער באַגעגענען מיט זאַסוליטשן און מאַרטאָוון, ווי מיט לענינען. אין לאָנדאָן, וואו מיר האָבן געוואוינט אין דערזעלבער דירה, און אין גענף, וואו מיר האָבן געווײנלעך געמיטאָגט און געגעסן אָוונטברויט אין דיזעלבע קליינע רעסטאָראַנדלעך, פלעגן מיר זיך טרעפן מיט מאַרטאָוון און זאַסוליטשן עטלעכע מאָל אין טאָג. לענין אָבער האָט געפירט אַ רעגלמעסיק פאַמיליע-לעבן און יעדע באַגעגעניש מיט אים, אויסער די אָפיציעלע זיצונגען, איז שוין טיילוויז געווען אַ קליינע געשעעניש. די געוויינהייטן און ליידנשאַפטן פון דער באָהעמע, צו וועלכע מאַרטאָוו האָט געהאַט אַזאַ שטאַרקע נייגונג, זענען לענינען געווען לחלוטין פרעמד. ער האָט געוואוסט, אַז די צייט, נישט געקוקט אויף איר גאַנצער רעלאַטיוויטעט — איז דער אַבסאָלוטסטער ווערט פון אַלע ווערטן. לענין האָט פאַרבראַכט זייער פיל צייט אין דער ביבליאָטעק פונם בריטישן מוזיי, וואו ער האָט זיך באַשעפטיקט טעאָרעטיש און געווײנלעך אויך געשריבן זיינע צייטונגס-אַרטיקלען. אַ דאַנק זיין מיטהילף, האָב איך אויך באַקומען אַ צוטריט אין דעמדאָזיקן טעמפּל. איך האָב געהאַט אַ געפיל פון אוממיטלבאַרן הונגער, און האָב זיך ממש געטרונקען אין דערדאָזיקער שפע פון ביכער. אָבער באַלד האָב איך געמוזט אַרויספאָרן אויפן קאָנטינענט.

נאָך מיינע „פּראָבע-אויפטריטן" אין ווייטשעפּל האָט מען מיך אַרויסגעשיקט מיט אַ רעפעראַט קיין בריסעל, ליעזש און פּאַריז. מיין רעפעראַט איז געווען געווידמעט דער פאַרטיידיקונג פונם היסטאָרישן מאַטעריאַליזם קעגן דער קריטיק פון דער אַזויגערופענער רוסישער

סוביעקטיווער שולע. לענין האָט זיך שטאַרק פאַראינטערעסירט מיט מיין טעמע. איך האָב אים געגעבן דורכצוזען מיין אויספירלעכן קאָנספעקט, און ער האָט מיר געראָטן צו באַאַרבעטן דעם רעפעראַט אין דער פאָרם פון אַן אַרטיקל פאַרן קומענדיקן ביכל פון דער „זאַריאַ“. איך האָב אָבער נישט געהאַט דעם מוט אַרויסצוטרעטן מיט אַ טעאָרעטישן אַרטיקל צוזאַמען מיט פּליעכאַנאָוון און אַנדערע.

פון פּאַריז האָט מען מיך באַלד טעלעגראַפיש אַרויסגערופן צוריק קיין לאָנדאָן. ס'האָט זיך געהאַנדלט וועגן דעם, מען זאָל מיך אַרויסשיקן אומלעגאַל קיין רוסלאַנד. פון דאָרט האָט מען זיך געקלאָגט אויף די מאַסן-אַרעסטן, אויף אַ דוחק אין מענטשן און מען האָט געפאָדערט, איך זאָל מיך אומקערן צוריק קיין רוסלאַנד. אָבער נאָך איידער איך בין דערפאָרן קיין לאָנדאָן, איז שוין דער פּלאַן געענדערט געוואָרן. דייטש, וואָס האָט דעמאָלט געוואוינט אין לאָנדאָן און האָט זיך זייער גוט באַצויגן צו מיר, האָט מיר דערציילט, ווי ער האָט זיך פאַר מיר „אָנגענומען“, אָנווייזנדיק, אַז דאָס „יינגל“ (אַנדערש האָט ער מיך נישט גערופן) מוז נאָך בלייבן אַ ביסל צייט אין אויסלאַנד און זיך לערנען, און אַז לענין איז באַשטאַנען דערויף. עס האָט אַפילו שטאַרק געלאָקט צו אַרבעטן אין דער רוסישער אָרגאַניזאַציע פון דער „איסקראַ“, דאָך אָבער בין איך זייער גערן פאַרבליבן נאָך אויף אַ געוויסער צייט אין אויסלאַנד. איך האָב זיך אומגעקערט קיין פּאַריז, וואו עס איז געווען, להיפך פון לאָנדאָן, אַ גרויסע רוסישע סטודענטן-קאָלאָניע. די רעוואָלוציאָנערע פּאַרטייען האָבן געפירט צווישן זיך אַ העפטיקן קאַמף פאַר דער השפעה אויף דער סטודענטנשאַפט. אָט איז אַ צייטל זכרונות פון נ. י. סעדאָווע, וואָס באַלאַנגען צו יענער צייט.

„דער האַרבסט פון יאָר 1902 איז געווען רייך מיט רעפעראַטן אין דער רוסישער קאָלאָניע פון פּאַריז. די גרופּע פון דער „איסקראַ“, צו וועלכער איך האָב געהערט, האָט לכתחילה געזען מאַרטאָוון און נאָכדעם לענינען. עס איז געגאַנגען אַ קאַמף קעגן די „עקאָנאָמיסטן“ און סאָציאַל-רעוואָלוציאָנערן. אין אונזער גרופּע האָט מען געשמועסט וועגן דעם, אַז עס איז געקומען אַ יונגער חבר, וואָס איז אַנטלאָפן פון סיביר. ער איז געקומען אין דער וואוינונג פון י. מ. אַלעקסאַנדראָווע, אַ געוועזענע „נאַראָדאָוואָלקע“, וואָס איז צוגעשטאַנען צו דער „איסקראַ“. מיר, יונגע, האָבן זייער ליב געהאַט יעקאַטערינאַ

מיכאַילאָוונען, מיט גרויס אינטערעס צו איר זיך צוגעהערט און זיך געפונען אונטער איר השפּעה. אַז קיין פּאַריז איז אָנגעקומען דער יונגער מיטאַרבעטער פון דער „איסקראַ", האָט מיך יעקאַטערינאַ מיכאַילאָוונאַ געבעטן, איך זאָל פאַר אים אויסגעפינען אַ צימער נישט ווייט פון אונז. אינם הויז, וואו איך האָב געוואוינט, איז גראַדע געווען אַ פריי צימער פאַר צוועלף פראַנק אַ חודש, אָבער זייער אַ קליינס, אַן ענגס, אַ פינסטערס, ווי אַ תפיסה-קאַמער. אַז איך האָב יעקאַטערינאַ מיכאַילאָוונען געזאָגט, וואָס דאָס איז פאַר אַ צימער, האָט זי מיר איבערגעהאַקט אינמיטן רעדן: „נו, נו, געגוג צו שילדערן, עס וועט שוין זיין גוט, זאָל ער אַריבערפאָרן". אַז דער יונגער מענטש (זיין פאַמיליע-נאָמען האָט מען אונז נישט אָנגערופן) האָט זיך איינגעאָרדנט אינם דאָזיקן צימער, האָט מיך יעקאַטערינאַ מיכאַילאָוונאַ געפרעגט: „נו, וואָס, ער גרייט זיך צו זיין רעפעראַט?" — „איך ווייס נישט, מסתמא גרייט ער זיך". האָב איך געענטפערט. „נעכטן ביינאַכט, אַראָפגייענדיק פון די טרעפ, האָב איך געהערט, ווי ער האָט צוגעפייפט אין זיין צימער. — „זאָגט אים, ער זאָל נישט פייפן, נאָר ווי געהעריק זיך צוגרייטן". יעקאַטערינאַ מיכאַילאָוונאַ איז געווען שטאַרק פאַראינטערעסירט, אַז „ער" זאָל האָבן דערפאָלג. זי האָט זיך אָבער אומזיסט דענערווירט. ער האָט געהאַט זייער אַ גרויסן דערפאָלג, די קאָלאָניע איז ממש געווען באַגייסטערט, דער יונגער איסקראָוויעץ האָט איבערגעשטיגן אַלע דערוואַרטונגען".

פאַריז האָב איך שטודירט אַ סך אויפמערקזאַמער, ווי לאָנדאָן. דאָס איז געשען אונטערן איינפלוס פון נ. י. סעדאָוואַ. איך בין געבוירן געוואָרן און געוואַקסן אין אַ דאָרף, צו דער נאַטור האָב איך זיך אָבער דערנענטערט אין פאַריז. דאַן בין איך אויך צום ערשטן מאָל אין לעבן געשטאַנען פנים אל פנים מיט דער אמתער קונסט. דאָס פאַרשטענדעניש פאַר מאַלעריי, ווי אויך פאַר דער נאַטור האָט זיך ביי מיר אַנטוויקלט זייער לאַנגזאַם. פון די שפּעטערדיקע סעדאָוואַס פאַרנאָטירונגען: „זיין אַלגעמיינער איינדרוק פון פאַריז: „ענלעך צו אָדעס, אָבער אָדעס איז שענער". דידאָזיקע משונהדיקע מיינונג דערקלערט זיך דערמיט, וואָס ל. ד. איז געווען אינגאַנצן אַריינגעטאָן אין פּאָליטישן לעבן און יעדעס אַנדערע לעבן האָט ער באַמערקט נאָר אויף אַזויפיל, אויף וויפיל עס האָט זיך אים אַליין אָנגעוואָרפן, און ער האָט עס אויפגעפאַסט ווי אַ לאַסט, ווי עפּעס

אַזוינס, וואָס עס לאָזט זיך נישט אויסמיידן. אין דער אָפּשאַצונג פון פּאַריז בין איך מיט אים נישט מסכים געווען און האָב פון אים אַ ביסל חוזק געמאַכט.

יאָ, אַזוי איז עס טאַקע געווען. איך בין אַריין אין דער אַט־מאָספערע פונם וועלט־צענטער, זיך אָבער שטאַרק איינגעקשנט און אַנטקעגנגעשטעלט. לכתחילה האָב איך „אָפּגעלייקנט" פּאַריז, און אפילו געפרוווט אים איגנאָרירן. אין פלוג איז עס געווען אַ קאַמף פון אַ באַרבאַר פאַר זיין זעלבסטדערהאַלטונג. איך האָב געשפּירט, אַז אויב מען זאָל וועלן זיך דערנענטערן צו פּאַריז און אַרומכאַפּן אים, ווי געהעריק, דאַרף מען זיך דערצו צופיל אויסברענגען. איך האָב אָבער געהאַט מיין געביט, וואָס האָט נישט דערלאָזט קיין שום קאָנקורענץ: די רעוואָלוציע. ביסלעכווייז און מיט גרויס מי האָב איך מיך באַהעפט מיט דער קונסט. איך האָב מיך געראַנגלט מיטן לוואוור, מיטן לוקסעמבורג און מיט די אויסשטעלונגען. רובענס האָט מיר אויסגעזען צו זאַט און צופרידן, פּיווי־דע־שאַוואַן צו אָפּגעבליאַקירט און אַסקעטיש. קאַריערס פּאָרטרעטן האָבן מיך אויפגערעגט מיט זייער טונקעלער נישט דערזאָגטקייט. דעמזעלבן איינדרוק האָב איך אויך געהאַט פון דער סקולפּטור און אַרכיטעקטור. פּאַקטיש האָב איך זיך געראַנגלט מיט דער קונסט, פּונקט ווי פריער מיט דער רעוואָלוציע און נאָכדעם מיטן מאַרקסיזם, פּונקט ווי איך האָב זיך אין פאַרלויף פון אַ ריי יאָרן אַנטקעגנגעשטעלט לענינען און זיינע מעטאָדן. די רעוואָלוציע פון יאָר 1905 האָט באַלד איבערגעריסן דעם פּראָצעס פון מיין באַהעפטונג מיט אייראָפּע און איר קולטור. ערשט בעת מיין צווייטער עמיגראַציע בין איך צוגעגאַנגען נענטער צו דער קונסט, איך האָב מיך צוגעקוקט, געלייענט און אויך עפּעס געשריבן. וויי־טער ווי ביז דילעטאַנטיזם בין איך אָבער נישט דערגאַנגען.

אין פּאַריז האָב איך געהערט זשאָרעסן. דאָס איז געווען אינם פּעריאָד פון וואַלדעק־רוסאָ מיט מיליעראַנען, אַלס פּאָסט־מיניסטער, און גאַליפע, אַלס קריגס־מיניסטער. איך האָב זיך באַטייליקט אין אַ גאַסן־מאַניפעסטאַציע צוזאַמען מיט די געדיסטן און מיט חשק אויסגעשריען פאַרשיידענע זידלווערטער צוזאַמען מיט אַלע אַנדערע אויפן אַדרעס פון מיליעראַנען. זשאָרעס האָט אין דעמאָזיקן פּעריאָד נישט געמאַכט אויף מיר דעם געהעריקן איינדרוק: איך האָב אים צו אומ־מיטלבאַר געשפּירט אַלס קעגנער. ערשט אין עטלעכע יאָר אַרום האָב

איך מיך אויסגעלערנט, ווי געהעריק, צו שעצן דידאָזיקע הערלעכע געשטאַלט, אָבער דאָך נישט געענדערט מיין שטעלונג צום זשאָ-רעסיזם.

לענין האָט אויפן פאַרלאַנג פון מאַרקסיסטישן טייל פון דער סטודענטנשאַפט געזאָלט האַלטן דריי לעקציעס איבער דער אַגראַר-פראַגע אין דער רוסישער הויכשול, וואָס די אַרויסגעטריבענע פראָ-פעסאָרן פון די רוסישע אוניווערזיטעטן האָבן געגרינדעט אין פּאַריז. די ליבעראַלע פּראָפעסאָרן האָבן געבעטן דעם אומבאַקוועמען לעקטאָר ווי וויים מעגלעך זיך נישט אַריינצולאָזן אין פּאָלעמיק. אָבער לענין האָט זיך אין דער הינזיכט נישט געוואָלט בינדן און האָט אָנגעהייבן זיין ערשטע פאַרלעזונג דערמיט, אַז דער מאַרקסיזם איז אַ רעוואָ-לוציאָנערע און במילא — לויט זיין עצם מהות — אַ פּאָלעמישע טעאָריע. פאַר דער ערשטער לעקציע, געדענק איך, איז וולאַדימיר איליטש געווען זייער אויפגערעגט. אָבער אויף דער טריבונע האָט ער זיך תיכף-ומיד באַהערשט, לפחות, אויסערלעך. פראָפעסאָר גאָמ-באַראָוו, וואָס איז אים געקומען הערן, האָט אַזוי פאָרמולירט פאַר דייטשן זיין איינדרוק פון דער לעקציע: „אַן אמתער פּראָפעסאָר!" ער האָט, אַפּנים, געהאַלטן, אַז דאָס איז דער גרעסטער שבח.

מען האָט באַשלאָסן צו ווייזן לענינען די אָפּערע. סעדאָוואַ האָט עס געדאַרפט דורכפירן. לענין איז אַוועק אין דער Opera Comique מיט דערזעלבער טעקע, וואָס ער האָט תמיד מיטגענומען אויף זיינע פאַרלעזונגען. געזעסן זענען מיר אַלע אויף דער גאַלעריע. חוץ לע-נינען, סעדאָוואַ און מיר, איז נאָך, שיינט מיר, געווען אויך מאַר-טאָוו. מיט דעמדאָזיקן באַזוך פון דער אָפּערע איז פאַרבונדן נישט גאָר קיין מוזיקאַלישע דערינערונג. לענין האָט זיך אין פאַריז גע-קויפט אַ פּאָר שיך, וואָס זענען אים געווען ענג. דער גורל האָט גע-וואָלט, אַז אויך מיינע שיך האָבן שטאַרק געפאָדערט אַ באַנייונג. איך האָב באַקומען לעניגס שיך, און לכתחילה האָט מיר אויסגעוויזן, אַז זיי זענען אַקוראַט אויף מיין מאָס. דער וועג אין דער אָפּערע איז אַפילו אַריבער בשלום. אָבער שוין אין טעאַטער האָב איך דער-שפּירט, אַז עס איז שלעכט מיט מיינע נייע שיך. גייענדיק צוריק אַהיים, האָב איך שרעקלעך געליטן, און לענין האָט אָן רחמנות דעם גאַנצן וועג פון מיר געחוזקט, בפרט, אַז ער אַליין האָט זיך עטלעכע שעה נאָכאַנאַנד געענוג אָנגעמוטשעט פון דידאָזיקע שיך.

פון פּאַריז האָב איך געמאַכט אַ נסיעה מיט מײַנע רעפּעראַטן איבער די רוסישע סטודענטן-קאָלאָניעס פון בריסעל, ליעזש, אין דער שווייץ און אין די דײַטשע שטעט. אין הײַדעלבערג האָב איך גע-הערט דעם אַלטן קונאָ פישער, פונם קאַנטיאַניזם האָב איך אָבער קיין התפּעלות נישט געכאַפּט. די נאָרמאַטיווע פילאָזאָפיע איז מיר אָרגאַניש געווען פרעמד. ווי קאָן מען אויסקלײַבן טרוקענע שטרוי, ווען דערבײַ וואַקסט ווייץ, זאָפּטיק גראָז?... הײַדעלבערג האָט געשמט פאַר אַ נעסט פון רוסישע סטודענטן-אידעאַליסטן. צווישן זיי האָט זיך אויך געפונען אַקסענטיעוו, דער שפּעטערדיקער אינערן-מיניסטער פאַר קערענסקין. נישט איין מעסער האָב איך דאָרט צעבראָכן אין דעם הייסן קאַמף פאַר דער מאַטעריאַליסטישער דיאַלעקטיק.

צוועלפטער קאַפּיטל

דער פּאַרטיי־קאָנגרעס און די שפּאַלטונג

לענין איז געקומען קיין אויסלאַנד שוין אַלס רייפער דרייסיקיאָריקער מענטש. אין רוסלאַנד, אין די סטודענטן־קרייזלעך, אין די ערשטע סאָציאַל־דעמאָקראַטישע גרופּעס, אין די פּאַרשיקונגס־קאָלאָניעס — אומעטום האָט ער פאַרנומען דעם ערשטן אָרט. ער האָט נישט געקענט נישט פילן זיין קראַפט, שוין צוליב דעם אַליין, ווייל עס האָבן זי אָנערקענט די אַלע, מיט וועלכע ער האָט זיך באַגעגנט און מיט וועלכע ער האָט געאַרבעט. ער איז שוין אַוועקגעפאָרן קיין אויסלאַנד מיט אַ גרויסן טעאָרעטישן באַגאַזש און מיט אַ היפּשן רעזערוו פון רעוואָלוציאָנערער דערפאַרונג. אין אויסלאַנד האָט ער געדאַרפט מיטאַרבעטן מיט דער „גרופּע פון דער באַפרייונג פון דער אַרבעט”, און קודם־כל מיט פּליעכאַנאָוון, מיט דעם גלאַנצפולן אינטערפּרעטאַטאָר פון מאַרקסן, מיט דעם לערער פון עטלעכע גענעראַציעס, מיטן טעאָרעטיקער, פּאָליטיקער און פּובליציסט, מיטן אָראַטאָר, וואָס האָט געהאַט אַן אייראָפּעישן נאָמען און אייראָפּעישע באַקאַנטשאַפטן. לעבן פּליעכאַנאָוון זענען געשטאַנען צוויי פון די גאָר גרויסע אויטאָריטעטן: זאַסוליטש און אַקסעלראָד. נישט נאָר איר העלדישער עבר האָט אַרויסגערוקט וויערע איוואַנאָוונען אין דער ערשטער ריי. דאָס איז געווען אַ שאַרפער מוח מיט אַ געוואַלדיקער, הויפּטזעכלעך

היסטאָרישער בילדונג צוזאַמען מיט אַ זעלטענער פּסיכאָלאָגישער אינ־טואיציע. דורך זאַסוליטשן איז זיינער צייט געגאַנגען די פֿאַרבינדונג פֿון דער „גרופּע" מיטן אַלטן ענגעלס. להיפּוך פֿון פּליעכאַנאָוון און זאַסו־ליטשן, וואָס זענען געווען צום שטאַרקסטן פֿאַרבונדן מיטן ראָמאַ־נישן סאָציאַליזם, האָט אַקסעלראָד פֿאַרטרעטן אין דער גרופּע די אידעען און דערפֿאַרונגען פֿון דער דייטשער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע. פֿאַר פּליע־כאַנאָוון האָט זיך שוין אָבער אין יענע יאָרן אָנגעהייבן די צייט פֿון זיין ירידה. אים האָט אונטערגעגראָבן גראַדע דאָס, וואָס האָט לעגינען צוגעגעבן כּוחות: די דערנענטערונג פֿון דער רעוואָלוציע. פּליעכאַנאָווס גאַנצע טעטיקייט האָט געטראָגן אַן אידעאָלאָגישן צוגרייטונגס־כאַראַק־טער. ער איז געווען אַ פּראָפּאַגאַנדיסט און פּאָלעמיקער פֿון מאַרק־סיזם, אָבער נישט קיין רעוואָלוציאָנערער פּאָליטיקער פֿון פּראָלעטאַר־יאַט. וואָס אוממיטלבאַרער עס האָט זיך אָנגערוקט די רעוואָלוציע, אַלץ דייטלעכער האָט פּליעכאַנאָוו פֿאַרלוירן דעם באָדן פֿון אונטער זיינע פֿיס. ער אַליין האָט עס געמוזט פֿילן, און דערפֿון האָט גע־שטאַמט זיין אויפֿגערעגטע באַציִונג צו די יונגע.

דער פּאָליטישער פֿירער פֿון דער „איסקראַ" איז געווען לענין, די וויכטיקסטע פּובליציסטישע קראַפֿט פֿון דער צייטונג איז געווען מאַרטאָוו. ער האָט געשריבן לייכט און אומאויפֿהערלעך — אַזוי ווי ער האָט גערעדט. זייט ביי זייט מיט לענינען האָט זיך מאַרטאָוו, זיין דעמאָלדיקער נאָענטסטער מיטאַרבעטער, נישט איבעריק גוט גע־פֿילט. זיי האָבן זיך נאָך אַפֿילו געדוצט, אָבער אין די באַציִונגען האָט זיך שוין געשפּירט אַ קעלט. מאַרטאָוו האָט מער געלעבט מיטן היינטיקן טאָג, מיט די ברענענדיקע טאָג־פֿראַגן, מיט דער אַקטועלער ליטעראַ־רישער אַרבעט, מיט דער פּובליציסטיק, מיט די נייעסן און געשפּרעכן. אָבער לענין, וואָס האָט געטראָטן מיט די פֿיס דעם היינטיקן טאָג, האָט זיך אַריינגעשניטן מיטן רעיון אין מאָרגנדיקן טאָג. מאַרטאָוו האָט געהאַט אומצייליקע, טיילמאָל שאַרפֿזיניקע איינפֿאַלן, היפּאָטעזן, פּלע־נער, וואָס זענען אים טאָקע באַלד אַרויסגעפֿאַלן פֿון זכּרון. לענין אָבער האָט גענומען דאָס, וואָס ער האָט געדאַרפֿט, און דאַן, ווען ער האָט געדאַרפֿט. אויף מאַרטאָווס דורכזיכטיקע קרישלדיקע געדאַנקען האָט לענין נישט איינמאָל געמוזט צושאָקלען מיטן קאָפּ. די פֿאַרשיי־דענע פּאָליטישע ליניעס האָבן דעמאָלט נישט בלויז נאָך נישט באַ־וויזן זיך אויסצופֿאָרמירן, נאָר מען האָט נאָך אַפֿילו נישט אַרויס־

געזעצן זייערע קאָנטורן. שפּעטער, ביי דער שפּאַלטונג אויפן צווייטן קאָנגרעס, האָבן זיך די איסקראָווצעס צעטיילט אויף „האַרטע" און „ווייכע". דידאָזיקע נעמען, ווי באַוואוסט, האָבן אין דער ערשטער צייט שטאַרק קורסירט. דאָס האָט עדות געזאָגט, אַז אויב עס איז נאָך נישט געווען קיין אויסגעשפּראָכענע גרענעץ־ליניע, איז אָבער געווען אַן אונטערשייד אין דעם צוגאַנג, אין דער אַנטשלאָסנקייט, אין דער גרייטקייט צו גיין ביזן סוף. בנוגע לענינען און מאַרטאָוון קאָן מען זאָגן, אַז נאָך פאַר דער שפּאַלטונג און פאַרן צוזאַמענפּאַר, איז לענין געווען אַ „האַרטער" און מאַרטאָוו — אַ „ווייכער". און ביידע האָבן דאָס געוואוסט. לענין האָט קריטיש און כמעט פאַרדעכטיק געקוקט אויף מאַרטאָוון, וועלכן ער האָט זייער געשעצט, און מאַרטאָוו, וואָס האָט געפילט דעמדאָזיקן בליק, איז געווען אויפגערעגט און נערוועז געצופּט מיט דעם מאָגערן אַקס־. בעת ביידע האָבן זיך געטראָפן און געכאַפּט אַ שמועס צווישן זיך, האָבן זיך שוין דעמאָלט נישט געהערט יענע פריינטלעכע אינטאָנאַציעס, אָדער לצנות, לפּחות, אין מיין קעגנוואַרט. לענין האָט גערעדט, און בעת־מעשה געקוקט ערגעץ פאַרביי מאַרטאָוון, און מאַרטאָווס אויגן זענען אין דעם מאָמענט ווי פאַרגלעזערט געוואָרן אונטער די אַראָפּהענגענדיקע פּענסנע, וואָס זענען קיינמאָל נישט אויסגעווישט געוואָרן. און בעת לענין האָט מיט מיר געשמועסט פון מאַרטאָוון, האָט זיין שטימע געקלונגען מיט עפּעס אַ באַזונדערן ניואַנס: „וואָס, יולי האָט עס געזאָגט?" און דערביי איז דער נאָמען יולי אַרויסגערעדט געוואָרן אויף אַ באַזונדערן שטייגער, מיט אַ לייכטער באַטאָנונג, ווי ער וואָלט געוואָלט וואָרענען: „טויגן טויג ער, אַפילו זייער גוט, אָבער שוין צו ווייך." און אויף מאַרטאָוון האָט אויך זיכער געווירקט וויעראַ איוואַנאָוונאַ זאַסוליטש דערמיט, וואָס זי האָט נישט פּאָליטיש, נאָר פּסיכאָלאָגיש אָפּגעגרענעצט אים פון לענינען.

די פאַרבינדונגען מיט רוסלאַנד האָט לענין קאָנצענטרירט אין זיינע הענט. דער רעדאַקציע־סעקרעטאַר איז געווען זיין פרוי, נאַדיעזשדאַ קאָנסטאַנטינאָוונאַ קרופּסקאַיאַ. זי איז געשטאַנען אין צענטער פון דער גאַנצער אָרגאַניזאַציאָנעלער אַרבעט, האָט אויפגענומען די געקומענע חברים, איינגעטענהט און אַרויסגעטראַנספּאָרטירט די אָפּפאָרנדיקע, באַזאָרגט דעם עולם מיט אַ קאָנספּיראַטיוון מעלדונגס־פּונקט, געשריבן בריוו, זיי שיפרירט און דעשיפרירט. אין איר צימער האָט זיך כמעט

שטענדיק געשפּירט אַ ריח פון צוגעברענטן פּאַפּיר צוליב דעם, וואָס מען פלעגט דאַרפן צוואַרעמען די קאָנספּיראַטיווע בריוו. און נישט זעלטן פלעגט זי זיך מיט איר ווייכער, אָבער פעסטער שטימע באַקלאָגן, אַז מען שרייבט ווייניק, אָדער אַז מען האָט פאַרביטן דעם שיפר, אָדער אַז מען האָט אָנגעשריבן מיט כעמישן טינט אַזוי, אַז איין שורה איז אַרויפגעקראָכן אויף דער צווייטער א. ד. גל.

לענין האָט אין דער אָרגאַניזאַטאָריש-פּאָליטישער אַרבעט גע-שטרעבט צו אַ מאַקסימאַלער אומאָפּהענגיקייט פון די זקנים און, קודם-כל, פון פּליעכאַנאָוון, מיט וועלכן ער האָט שוין, צוליב פאַרשיידענע טעמים, געהאַט שאַרפע קאָנפליקטן, באַזונדערס ביים באַאַרבעטן דעם פּראָיעקט פון דעם פּאַרטיי-פּראָגראַם. לענינס ערשטער פּראָיעקט, וואָס איז אָנטקעגנגעשטעלט געוואָרן פּליעכאַנאָווס פּראָיעקט, איז מצד דעם לעצטן שאַרף קריטיקירט געוואָרן מיט אַ גאַווהדיק-חוזקדיקן טאָן, מיט וועלכן געאָרגי וואַלענטינאָוויטש האָט זיך אין אַזעלכע פאַלן בכלל שטאַרק אויסגעצייכנט. אָבער לענינען האָט מען דערמיט, נאַטירלעך, נישט געקאָנט אָראָפּשלאָגן די פּליגלען און נישט אָפּשרעקן. דער קאַמף האָט אָנגענומען זייער אַ דראַמאַטישן כאַראַקטער. אַלס פּאַרמיטלער זענען אַרויסגעטרעטן זאַסוליטש און מאַרטאָוו: זאַסוליטש מצד פּליעכאַנאָוון און מאַרטאָוו מצד לענינען. ביידע פּאַרמיטלער זענען געווען זייער פרידלעך געשטימט און, אויסערדעם, שטאַרק באַפריינדעט צווישן זיך. וויערא איוואַנאָוונאַ האָט, ווי זי אַליין גיט איבער, זיך אָנגערופן צו לענינען: „זשאָרזש (פּליעכאַנאָוו) איז אַ ווינט-הונט: ער רייסט, רייסט און לאָזט אָפּ, איר אָבער זענט אַ בולדאָג: איר בייסט זיך איין אין יענעם ביז צום טויט.‟ ווען וויערא איוואַנאָוונאַ האָט מיר שפּעטער איבערגעגעבן דעמדאָזיקן דיאַלאָג, האָט זי מוסיף געווען: „אים (לע-נינען) איז עס זייער געפעלן געוואָרן. „בייסט זיך איין ביז צום טויט?‟ — האָט ער אַ צופרידענער איבערגעפרעגט. און וויערא איוואַנאָוונאַ האָט גוטמוטיק איבערגעקרימט לענינס אינטאָנאַציע און זיין שלעכט אַרויסגערעדטע „ר‟.

די אַלע שאַרפע צוזאַמענשטויסן האָבן זיך אָפּגעשפּילט פאַר מיין קומען קיין אויסלאַנד. איך האָב פון זיי קיין אַנונג נישט געהאַט. איך האָב אויך נישט געוואוסט דעם סוד, אַז די באַציונגען צווישן די רעדאַקציע-מיטגלידער האָבן זיך נאָכמער פאַרשאַרפט אויף דער פראַגע

וועגן מיר. אין פיר חדשים אַרום נאָך מיין קומען האָט לענין געשריבן פּליעכאַנאָוון:

(פּאַריז) 2. III. 03

איך לייג פאָר אַלע רעדאַקציע-מיטגלידער צו קאָאָפּטירן די „פּעדער" אַלס גלייכבאַרעכטיקטן מיטגליד פון דער רעדאַקציע. (איך מיין, אַז פאַר דער קאָאָפּטאַציע איז נויטיק נישט אַ מערהייט, נאָר אַן איינשטימיקער באַשלוס). מיר דאַרפן זייער נויטיק אַ זיבעטן מיטגליד, ווי פאַר דער באַקוועמלעכקייט פון דער אָבשטימונג (6 — איז גראָד), אַזוי אויך פאַר דער דערגאַנצונג פון די קרעפטן. „די פּעדער" שרייבט שוין נישט דעם ערשטן חודש אין יעדן נומער. ער אַרבעט בכלל פאַר דער „איסקראַ" מיט דער גרעסטער ענערגיע, האַלט רעפעראַטן (מיט אַן אומגעהייערן דערפאָלג). אין דער רובריק פאַר אַרטיקלען און נאָטיצן איבער אַקטועלע פראַגן וועט ער אונדז זיין נישט בלויז נוצלעך, נאָר אויך זייער נויטווענדיק. ער איז אָן שום ספק אַ מענטש מיט אויסערגעוויינלעכע פעאיקייטן, אָן איבערצייגטער, ענערגישער, וואָס וועט נאָך זיכער ווייט אַוועקגיין. אויך אויפן געביט פון איבערזעצונגען און אין דער פּאָפּולערער ליטעראַטור וועט ער קאָנען נישט ווייניק אויפטאָן.

די עווענטועלע אַרגומענטן קעגן: 1) די יונגקייט, 2) דער אָפּפאָר אינגיכן (מעגלעך) קיין רוסלאַנד, 3) די פּעדער (אָן גענזנפיסלעך) באַזיצט טיילמאָל אַ פעליעטאָנישן סטיל און אַ גוזמאדיקע געצירקלטקייט א. אַז. וו.

אַד. 1) די „פּעדער" ווערט נישט אָנגעגעבן אויף אַ זעלבסטשטענדיקן פּאָסטן, נאָר אין אַ קאָלעגיע. אין דער קאָלעגיע וועט ער ווערן מער דערפאַרן. דעם „חוש" פון אַ פּאַרטיי-מענטש, פון אַ פראַקציע-מענטש פאַרמאָגט ער אָן שום ספק. ידיעות און דערפאַרונג זענען זאַכן, וואָס מען קאָן דערווערבן. אַז ער שטודירט און אַרבעט, איז אויך אַ פאַקט. די קאָאָפּטאַציע איז נויטווענדיק, כדי אים ענדגילטיק צו געווינען און צו דערמונטערן.

אַד. 2) אויב די „פּעדער" זאָל אַריין אין קורס פון דער אַרבעט, וועט ער אפשר אַזוי גיך נישט אַוועקפאָרן. ווען ער זאָל אַפילו אַוועקפאָרן, איז אויך דאַן די אָרגאַניזאַציאָנעלע פאַרבינדונג מיט דער קאָלעגיע, דאָס אונטערוואַרפן זיך איר, נישט קיין מינוס, נאָר אַ גרויסער פּליוס.

אד. 3) די פעלערן פון סטיל זענען נישט אַזאַ וויכטיקער דעפעקט. דאָס וועט זיך מיט דער צייט אויסבעסערן. איצט נעמט ער אָן די „אויסבעסערונגען" שווייגנדיק (און נישט זייער גערן). אין קאָלעגיע וועלן פאָרקומען וויכּוחים, אָפּשטימונגען, און די „אָנווייזונגען" וועלן אָננעמען אַ מער קאָנקרעטן און דרינגלעכן כאַראַקטער.

איך לייג דעריבער פאָר: 1) אַלע זעקס מיטגלידער פון דער רעדאַקציע זאָלן אָפּשטימען די פראַגע וועגן דער פולער קאָאָפּטאַציע פון דער „פעדער"; 2) צוטרעטן נאָכדעם, אויב ער וועט אָנגענומען ווערן, צו דער ענדגילטיקער פאָרמירונג פון די אינערלעך-רעדאַקציאָנעלע באַציונגען און אָפּשטימונגען, און צו דער אויסאַרבעטונג פון אַ גענויעם סטאַטוט. דאָס דאַרפן מיר פאַר זיך און אויך פאַרן צוזאַמענפאָר. איז עס זייער וויכטיק.

פּ. ס. אָפּלייגן די קאָאָפּטאַציע האַלט איך פאַר זייער אומבאַקוועם און זייער אומגעשיקט, ווייל איך האָב שוין באַמערקט ביי דער „פעדער" אַ שטאַרקע אומצופרידנקייט (נאַטירלעך, ווייזט ער עס נישט אַרויס אָפן) דערמיט, וואָס ער הענגט נאָך אַלץ אין דער לופטן, וואָס מען באַציט זיך צו אים נאָך אַלץ (ווי עס דאַכט זיך אים) ווי צו אַ „וויונאָשאַ" *). אויב מיר וועלן די „פעדער" תּיכּף נישט אָננעמען און ער וועט אַוועקפאָרן, לאָמיר זאָגן, אין אַ חודש אַרום קיין רוסלאַנד, בין איך זיכער, אַז ער וועט עס פאַרשטיין אַזוי, אַז מיר האָבן אים פּשוט נישט געוואָלט אַריינגעמען אין רעדאַקציע. מיר קאָנען „פאַרשפּעטיקן", און דאָס וואָלט געווען זייער שלעכט".

דעמדאָזיקן בריוו, וועגן וועלכן איך אַליין בין ערשט נישט לאַנג געוואָר געוואָרן, ברענג איך דאָ כמעט וואָרט ביי וואָרט (דורכלאָזנדיק בלויז די טעכנישע פּרטים), ווייל ער איז אויף דעם העכסטן גראַד כאַראַקטעריסטיש פאַר די אינערלעכע פאַרהעלטענישן אין דער רעדאַקציע, פאַר לענינען גופא און פאַר זיין באַציונג צו מיר. וועגן קאַמף, וואָס עס האָט זיך געפירט הינטער מיינע פּלייצעס אַרום דער פראַגע וועגן מיין באַטייליקונג אין דער רעדאַקציע, האָב איך, ווי געזאָגט, קיין שום אַנונג נישט געהאַט: לענינס ווערטער וועגן מיין

---

*) יונאָשאַ — יונג בחורל, יינגל. ל. דייטש פלעגט אין יענע צייטן רופן טראָצקין בדרך הלצה „וויונאָשאַ" אַנשטאָט יונאָשאַ. אויך לענין באַנוצט זיך מיט דערדאָזיקער לצונתדיקער וואָרט-ענדערונג אין זיין בריוו.

„שטאַרקער אומצופרידנקייט" דערפֿאַר, ווייל מען נעמט מיך נישט אַריין אין רעדאַקציע, שטימען נישט מיט דער ווירקלעכקייט און אַנטשפּרעכן לגמרי נישט מיין דעמאָלדיקער שטימונג. פּאַקטיש איז עס מיר אפילו אויפן געדאַנק נישט געקומען. מיין באַציונג צו דער רעדאַקציע איז געווען אַ באַציונג פון אַ תּלמיד צו זיינע לערער. איך בין אַלט געווען 23 יאָר. מאַרטאָוו, דער ייִנגסטער פון די רעדאַקציע-מיטגלידער, איז געווען מיט זיבן יאָר עלטער פון מיר. לענין — מיט צען יאָר. איך בין געווען אויף דעם העכסטן גראַד צופרידן מיט מיין גורל, וואָס האָט מיך צונויפגעפירט אַזוי נאָענט מיט דערדאָזיקער מערקווירדיקער גרופּע מענטשן. ביי יעדערן פון זיי האָב איך געקאָנט עפּעס לערנען און האָב מיך טאַקע פלייסיק גע־לערנט.

פונוואַנען האָט אייגנטלעך געשטאַמט לענינס השערה וועגן מיין אומצופרידנקייט? איך האַלט, אַז דאָס איז פּשוט געווען אַ טאַק־טישער שאָכצוג. לענינס גאַנצער בריוו איז דורכגעדרונגען מיט דער שטרעבונג צו דערווייזן, איבערצוצייגן און דורכצוזעצן זיין ווילן. לענין שרעקט מיט אַ כּיוון די איבעריקע קאָלעגיע-מיטגלידער מיט מיין כּלומרשטער אומצופרידנקייט און מיין עווענטועלער צוריקציונג פון דער „איסקראַ". דאָס איז ביי אים נישט מער ווי אַ דערגאַנצנ־דיקער אַרגומענט: דאָסזעלבע איז אויך מיטן אַרגומענט וועגן „וויו־נאָשאַ". מיט דעמדאָזיקן נאָמען האָט מיך אָפּט גערופן דער אַלטער דייטש, און נאָר ער איינער. אָבער גראָד מיט דייטשן, וואָס האָט פּאָליטיש נישט געהאַט און נישט געקאָנט האָבן אויף מיר קיין שום השפּעה, האָב איך מיך שטאַרק געחברט. לענין באַנוצט זיך מיטן אַרגומענט „ייִנגל" בלויז דערויף, כּדי גורם צו זיין די זקנים, אַז מען דאַרף זיך דורכאויס רעכענען מיט מיר, ווי מיט אַ פּאָליטיש רייפן מענטשן.

אין צען טעג אַרום נאָך לענינס בריוו שרייבט מאַרטאָוו צו אַקסעלראָדן: „דעם 10 מערץ 1903. לאָנדאָן. וולאַדימיר איל־איטש לייגט אונז פאָר אַריינצונעמען די אייך באַקאַנטע „פּעדער", אַלס פולבאַרעכטיקטן מיטגליד, אין רעדאַקציע-קאָלעגיע. זיינע לי־טעראַרישע אַרבעטן ווייזן אַרויס זיכערע פעאיקייטן, לויט דער ריכטונג איז ער אינגאַנצן אַן „אונזעריקער", איז מיט לייב און לעבן אַריינ־געטאָן אין די אינטערעסן פון דער „איסקראַ" און האָט שוין

דאָ (אין אויסלאַנד) אַ גרויסן איינפלוס, אַ דאַנק זיינע אומגעווײנלעכע רעדנערישע פעאיקייטן. ער רעדט אויסגעצייכנט — בעסער קאָן מען זיך גאָרנישט ווינטשן. דערין האָבן מיר זיך איבערצייגט, ווי איך, אַזוי אויך וולאַדימיר איליאיטש. ער באַזיצט קענטענישן און באַמיט זיך זיי צו פאַרפולקומען. איך שליס מיך אָן אומבאַדינגט צו וולאַדימיר איליאיטשעס פאָרשלאַג." אין דעמדאָזיקן בריוו מאַרטאָווס איז דאָ בלויז אַ ריכטיקער אָפּקלאַנג פון לעניגנען. ער חזרט אבער נישט איבער דעם אַרגומענט וועגן מיין אומצופרידנקייט. איך האָב געוווינט מיט מאַרטאָוון אין איין דירה, זייט ביי זייט, און ער האָט מיך צו נאָענט געזען, אַז ער זאָל מיך קאָנען חושד זיין, אַז איך שטרעב מיט דער גרעסטער אומגעדולד צו ווערן אַ רעדאַקציע-מיטגליד.

פאַרוואָס האָט לענין אַזוי דרינגענדיק געפאָדערט, מען זאָל מיך אַריינגעמען אין קאָלעגיע? ער האָט געוואָלט דערגרייכן אַ פעסטע מערהייט. אין אַ ריי וויכטיקע פראַגן האָט זיך די רעדאַקציע צוטיילט אויף צוויי דרייעלעך: די זקנים: (פּליעכאַנאָוו, זאַסוליטש, אַקסעלראָד), און די יונגע: (לענין, מאַרטאָוו, פּאָטרעסאָוו). לענין האָט נישט געצווייפלט, אַז ביי די שאַרפערע פראַגן וועל איך זיין מיט אים. איינמאָל, ווען מען האָט געמוזט אַרויסטרעטן קעגן פּליעכאַנאָוון, האָט מיך לענין אָפּגערופן אָן אַ זייט און כיטרע אַ זאָג געטאָן: „זאָל שוין טאַקע בעסער אַרויסטרעטן מאַרטאָוו, ער וועט שמירן און איר וועט האַקן". ער האָט אָבער, קענטיק, באַמערקט אויף מיין פנים אַן אויסדרוק פון פאַרוואונדערונג און האָט באַלד צוגעגעבן: „איך האַלט אַפילו מער פון האַקן, אָבער קעגן פּליעכאַנאָוון איז שוין דאָס מאָל טאַקע גלייכער צו שמירן".

לענינס פאָרשלאַג, אַז מען זאָל מיך אַריינגעמען אין רעדאַקציע, איז דורכגעפאַלן צוליב פּליעכאַנאָווס ווידערשטאַנד. נאָך ערגער: דערדאָזיקער פאָרשלאַג איז געוואָרן די הויפּט-סיבה פון פּליעכאַנאָווס אומפריינטלעכקייט צו מיר. פּליעכאַנאָוו האָט זיך אָנגעשטויסן, אַז לענין זוכט צו שאַפן אַ פעסטע מערהייט — קעגן אים. די פראַגע וועגן די שינויים אין דער רעדאַקציע איז אָפּגעלייגט געוואָרן ביזן צוזאַמענפאָר. די רעדאַקציע האָט אָבער באַשלאָסן, נישט וואַרטנדיק אויפן צוזאַמענפאָר, מיך צוצוציען צו די זיצונגען מיט באַראַטונגס-רעכט. פּליעכאַנאָוו האָט זיך קאַטעגאָריש אַרויסגעזאָגט אויך קעגן

דעם. אָבער וויערא איוואַנאָוונאַ האָט אים געזאָגט: „און איך וועל אים יאָ ברענגען אַהער". און זי האָט מיך טאַקע „געבראַכט" צו דער באַקאַנטער זיצונג. נישט האָבנדיק קיין שום אַנונג פון דער־דאָזיקער הינטערקוליסן-פּאָליטיק, בין איך אַ רעכט ביסל מטושטש גע־וואָרן, ווען געאָרגי וואַלענטינאָוויטש האָט מיך באַגעגנט מיט אַ ראַ־פינירטער קאַלטקייט, אויף וואָס ער איז געווען אַ שטאַרקער בריה. פּליעכאַנאָווס אומפּריינטלעכע פאַרהאַלטונג צו מיר האָט אָנגעהאַלטן אַ צייט נאָכאַנאַנד, פּאַקטיש האָט זי קיינמאָל נישט אויפגעהערט. אין אַפּריל 1904 שרייבט מאַרטאָוו אין אַ בריוו צו אַקסעלראָדן וועגן דער „פּערזענלעכער, אים (פּליעכאַנאָוון) דערנידערנדיקער און אומאיידע־לער שנאה צו דער באַטרעפנדיקער פּערזאָן (עס האָט זיך געהאַנדלט וועגן מיר).

אינטערעסאַנט איז די באַמערקונג אין לעניגס בריוו וועגן מיין דעמאָלדיקן סטיל. זי איז ריכטיק איןביידע הינזיכטן: אי וועגן דער געוויסער געצירקלטקייט, אי וועגן דעם, וואָס איך האָב נישט זייער ליב אָנצונעמען פרעמדע אויסבעסערונגען. מיין שריפטשטעלעריי איז דעמאָלט אַלט געווען אינגאַנצן אַ וואָסערע צוויי יאָר, און די פראַגן וועגן סטיל האָבן פאַרנומען אין מיין אַרבעט אַ גרויסן און זעלבסטשטענ־דיקן אָרט. איך בין נאָר וואָס אַריין אין געשמאַק פון וואָרט-מאַטער־יאַל. ווי קינדער, ביי וועלכע עס שניידן זיך אַרויס ציינדלעך, שפּירן אַ באַדערפעניש אָנצורייבן די דזיאָסלעס אַפּילו מיט נישט קיין געהעריקע מכשירים, אַזוי האָט דער שטאַרקער גייעג נאָך אַ וואָרט, נאָך אַ פאָרמול, נאָך אַ בילד, אַנטשפּראָכן דעם פּעריאָד, ווען ביי מיר האָבן זיך געשניטן מיינע שריפטשטעלערישע ציין. די ריינייקונג פון סטיל האָט נאָר געקענט קומען מיט דער צייט. און דערפאַר, ווייל דער קאַמף פאַר דער פאָרם איז נישט געווען — נישט קיין צופעלי־קער און נישט קיין אויסערלעכער, נאָר האָט אַנטשפּראָכן די אינערלעכע גייסטיקע פראָצעסן, איז דעריבער קיין וואונדער נישט, וואָס ביי מיין גאַנצער אַכטונג צו דער רעדאַקציע, האָב איך אינסטינקטיוו פאַרטיי־דיקט מיין פאָרמירנדיקע שריפטשטעלערישע אינדיווידואַליטעט קעגן דער השפעה פון יענע מחברים, וועלכע האָבן זיך שוין אינ־גאַנצן פאָרמירט, אָבער אויף אַ גאַנץ אַנדער שטייגער...

דער טערמין פון צוזאַמענפאָר האָט זיך בינו-לבינו דערנענט, און לסוף איז באַשלאָסן געוואָרן איבערצוטראָגן די רעדאַקציע אין

דער שווייך, אין גענף: דאָרט איז דאָס לעבן געווען אַ סך ביליקער און די פאַרבינדונג מיט רוסלאַנד פיל לייכטער. מיט אַ שווער געמיט האָט לענין דערצו מסכּים געווען. „אין גענף האָבן מיר זיך איינגעאָרדנט אין צוויי קליינינקע דאַך־צימערלעך", שרייבט סעדאָוואַ. „ל. ד. האָט זיך אינגאַנצן אַריינגעטאָן אין דער צוגרייטונגס־אַרבעט צום קאָנגרעס. איך האָב זיך מכין געווען אַרויסצופאָרן קיין רוסלאַנד צו דער פאַרטיי־אַרבעט". עס זענען זיך צונויפגעקומען די ערשטע דעלעגאַטן צום קאָנגרעס און עס האָבן זיך אָנגעהייבן אומענדלעכע באַראַטונגען. אין דערדאָזיקער צוגרייטונס־אַרבעט האָט לענינען זיכער געהערט די אָנפירונג, הגם נישט אַלעמאָל איז זי געווען קענטיק. אַ טייל דעלעגאַטן זענען געקומען מיט ספקות אָדער מיט פּרעטענזיעס. די צוגרייטונגס־אַרבעט האָט אָפּגענומען פיל צייט. בײַ די באַראַטונגען האָט מען אָפּגעגעבן אַ גרויסן פּלאַץ דעם סטאַטוט, דערבײַ איז דער וויכטיקסטער פּונקט אין די אָרגאַניזאַטאָרישע סכעמעס געווען די קעגנזייטיקע באַציִונגען צווישן דעם צענטראַל־אָרגאַן (פון דער „איסקראַ") און דעם צענטראַל־קאָמיטעט אין רוסלאַנד. איך בין געקומען קיין אויסלאַנד מיטן געדאַנק, אַז די רעדאַקציע דאַרף זיך אונטערוואַרפן דעם צ. ק. אַזוי איז אויך געווען געשטימט דער גרעסטער טייל פון די רוסישע איסקראָווצעס.

— ס'וועט נישט אַדורכגיין, — האָט מיר לענין איינגעווענדט, — עס פעלט די געהעריקע פּראָפּאָרציע פון די כּוחות. נו, וויאַזוי וועלן זיי מיט אונז אָנפירן פון רוסלאַנד? ס'וועט נישט אַדורכגיין... מיר זענען אַ פעסטער צענטער, מיר זענען אידעאָלאָגיש שטאַרקער, און מיר וועלן פון דאַנען אָנפירן.

— אַזוי־אַרום באַקומט זיך דאָך אַ פולשטענדיקע דיקטאַטור פון דער רעדאַקציע? — האָב איך געפרעגט.

— מיט וואָס איז עס אַזוי שלעכט? — האָט לענין איינגעווענדט. — בײַ דער איצטיקער לאַגע מוז עס אַזוי זיין.

לענינס אָרגאַניזאַציאָנעלע פּלענער האָבן בײַ מיר אַרויסגערופן געוויסע ספקות. אָבער ווי ווייט בין איך געווען פון דעם געדאַנק, אַז צוליב דידאָזיקע פראַגן וועט זיך אויפרייסן דער פאַרטיי־קאָנגרעס.

* * *

איך האָב באַקומען אַ מאַנדאַט פון דעם סיבירישן בונד, מיט וועלכן איך בין בעת מיין פאַרשיקונג געשטאַנען אין נאָענטע באַ־ציונגען. צוזאַמען מיטן טולער דעלעגאַט, דעם דאָקטאָר אוליאַנאָוו, לעבינס אַ יינגערער ברודער, בין איך אַרויסגעפאָרן צום קאָנגרעס נישט פון געגנט, בכדי נישט נאָכצושלעפּן נאָך זיך קיין „עקן". נאָר פון דער נאָענטסטער קליינער סטאַציע ניאָן, וואו דער שנעלצוג איז אין גאַנצן געשטאַנען אַ האַלבע מינוט. ווי די אמתע רוסישע פּראָווינצער, האָבן מיר אָפּגעוואַרט דעם צוג נישט אויף יענער זייט, וואו מען האָט באַדאַרפט וואַרטן, און אַז דער עקספּרעס האָט זיך אָפּגעשטעלט, האָבן מיר זיך אַ וואָרף געטאָן צום וואַגאָן דורכן בופער. אָבער איי־דער מיר האָבן נאָך באַוויזן זיך איבערצוכאַפּן אויף די טרעפּלעך, האָט זיך שוין דער צוג גערירט פון אָרט. דער סטאַציע-שעף, וואָס האָט באַמערקט צוויי פּאַסאַזשירן צווישן די בופערן, האָט געגעבן אַן אַליאַרעם-סיגנאַל. דער צוג האָט זיך אָפּגעשטעלט. ווי נאָר מיר זענען אַריין אין וואַגאָן, האָט אונז דער קאָנדוקטאָר תיכף געגעבן צו פאַר־שטיין, אַז אַזעלכע אומגעלומפּערטע ברואים זעט ער דאָס ערשטע מאָל אין זיין לעבן און אַז מיר דאַרפן באַצאָלן 50 פראַנק פאַר אָפּ־שטעלן דעם צוג. מיר, פון אונזער זייט, האָבן אים געגעבן צו פאַר־שטיין, אַז מיר קענען נישט קיין איין וואָרט פראַנצויזיש. פאַקטיש איז עס נישט געווען אינגאַנצן ריכטיק, אָבער — צוועקמעסיק. דער דיקער שווייצער האָט זיך געזידלט נאָך אַ פּאָר מינוט און דערנאָך אונז געלאָזט צורו. אַזוי האָט ער אוודאי קלוג געטאָן, ווייל קיין 50 פראַנק האָבן מיר בכל אופן נישט פאַרמאָגט. נאָר שפּעטער, ביים קאָנ־טראָלירן די בילעטן, האָט ער ווידעראַמאָל אַרויסגעזאָגט פאַר די איבעריקע פּאַסאַזשירן זיין העכסט פאַרניכטנדיקע מיינונג וועגן דידאָזיקע צוויי הערן, וועלכע מען האָט געדאַרפט אַראָפּנעמען פון בופער. דער שלים-מזל האָט גאָרנישט געוואוסט, אַז מיר זענען געפאָרן שאַפן אַ פּאַרטיי.

די זיצונגען פון צוזאַמענפאָר האָבן זיך געעפנט אין בריסעל, אינם לאָקאַל פון אַרבעטער-קאָאָפּעראַטיוו, אין Maisou du pouple אין דעם גרויסן לאַגער-צימער, וואָס איז אונז אָפּגעגעבן געוואָרן צו דער אַרבעט און וואו מען האָט זיך געקענט באַוואָרענען פאַר פרעמדע אויגן, זענען געלעגן פּעק מיט וואָל, און מיר האָבן געמוזט אויסהאַלטן אַ שאַרפע אַטאַקע פון אומצייליקע מחנות פליי. מיר האָבן

זיי גערופן די קריגס-חיילות פון אַנזעלן, וואָס זענען מאָביליזירט געוואָרן צו שטורמען די בירגערלעכע געזעלשאַפט. די זיצונגען האָבן פאָרגעשטעלט מיט זיך אַן אמתע פיזישע אינקוויזיציע. נאָך ערגער איז געווען דאָס, וואָס באַלד אין די ערשטע טעג האָבן די דעלע־גאַטן באַמערקט, אַז זיי ווערן שטאַרק נאָכגעשפּיאָנירט. איך האָב מיך באַזאָרגט מיט אַ פּאַס פון אַן אומבאַקאַנטן בולגאַר סאַמאָקאָוו־ליעוו. אויף דער צווייטער וואָך, שפּעט ביינאַכט, בין איך אַרויס צוזאַמען מיט וויערא זאַסוליטש פון אַ קליין רעסטאָראַנדל „דער גאָל־דענער פאַזאַן“. דער אָדעסער דעלעגאַט ז. האָט אונז איבערגעהאַקט דעם וועג, און נישט קוקנדיק אויף אונז, האָט ער אַרויסגעשיפּעט: „אייך גייט נאָך אַ שפּיצל. גייט אייך פונאַנדער אין פאַרשיידענע זייטן. דער שפּיצל וועט נאָכגיין נאָך דעם מאַנספּערשוין“. ז. איז געווען אַ גרויסער מומחה אויף שפּיאָנען, און אַן אויג האָט ער פאַר דעם געהאַט, פּונקט ווי אַן אסטראָנאָמישער אינסטרומענט. ער האָט געוואוינט אויף אַן אויבערשטן שטאָק, לעבן דעם „פאַזאַן“ און האָט פאַרוואַנדלט זיין פענסטער אין אַן אָבסערוואַציע־פּונקט. איך האָב מיך באַלד גע־זעגנט מיט זאַסוליטשן און בין מיר אַוועק פאָרויס. אין קעשענע האָב איך געהאַט דעם בולגאַרישן פּאַס און פינף פראַנק. דער שפּיצל, אַ הויכער, דאַרער פלאַמער מיט אַ נאָז פון אַ קאַטשקע, איז מיר נאָכגעגאַנגען. עס איז שוין געווען נאָך האַלבער נאַכט און די גאַס איז אינגאַנצן אָפּגעליידיקט געוואָרן פון מענטשן. — „M'sieur“ ווי הייסט דידאָזיקע גאַס?“ דער פלאַמער איז מטושטש געוואָרן און זיך צוגעדריקט מיטן רוקן צו דער וואַנט. „Je ne sais pas“ *) ער האָט אָן שום ספק געוואַרט אויף אַ שאָס פון אַ רעוואָלווער. איך בין אַוועק ווייטער גלייך צום בולוואַר צו. ערגעץ האָט אַ זייגער אויסגעשלאָגן איינס. צוקומענדיק צו דעם ערשטן קווער־געסל, האָב איך מיך פאַרקירעוועט און זיך געלאָזט לויפן מיט אַלע כוחות. דער פלאַמער איז מיר נאָכגעלאָפן. אַזוי האָבן זיך צוויי אומבאַקאַנטע מענטשן געיאָגט אינמיטן דער נאַכט איינער נאָך דעם אַנדערן איבער די גאַסן פון בריסעל. אויך איצט הער איך נאָך דעם קלאַנג פון זייערע טריט. אַדורכגעלאָפן דעם קוואַרטאַל פון דריי זייטן, האָב איך ווידער אַרויס־געפירט דעם פלאַמער אויפן בולוואַר. ביידע זענען מיר געוואָרן מיד;

*) איך ווייס נישט.

ביז און פאַרצאַרנט זענען מיר אַוועק ווייטער. אויף דער גאַס זענען געשטאַנען אַ צוויי, דריי דראָזשקעס. ווען איך זאָל נעמען איינע פון זיי, וואָלט עס קיין זין נישט געהאַט, ווייל דער שפּיצל וואָלט זיכער גענומען די צווייטע. זענען מיר ווייטער אַוועק. דער אומענדלעכער בולוואַר האָט זיך אַזויווי געענדיקט, און מיר זענען אַרויס אונטער דער שטאָט. לעבן אַ קליינער נאַכטקנייפּע איז געשטאַנען אַן איינצלנע דראָזשקע. מיט אימפּעט בין איך אַריינגעשפּרונגען אין איר. „פּאַרט געשווינט, איך אייל זיך זייער!" „וואוהין ווילט איר פאָרן?" דער שפּיצל האָט זיך צוגעהערט. איך האָב אָנגערופן אַ פּאַרק ביי אַ פינף מינוט וועג פון מיין וואוינונג.

„הונדערט סו!"

„פּאָרט!"

דער קוטשער האָט אַ נעם געטאָן די לייטשעס אין די הענט. דער שפּיצל איז אַריינגעלאָפן אין קנייפּע, באַלד אַרויס פון דאָרט מיט אַ קעלנער און אים אָנגעוויזן אויף זיין שונא. אין אַ האַלבער שעה אַרום בין איך שוין געווען ביי זיך אין צימער. אַז איך האָב אָנגעצונדן אַ ליכט, האָב איך דערזען אויפן נאַכטטישל אַ בריוו, אַדרע-סירט אויף מיין בולגאַרישן נאָמען. ווער האָט עס מיר געקאָנט שרייבן אַהער? עס האָט זיך אַרויסגעשטעלט, אַז דער sieur Samokowlieff ווערט געבעטן צו קומען מאָרגן, צען אַ זייגער אינדערפרי, מיטן פּאַס אין דער פּאָליציי. האָט מיך שוין, הייסט עס, אַן אַנדער שפּיצל נאָך מיט אַ טאָג פריער אויסגעשפּיאָנירט, און דער גאַנצער נאַכט-געיעג איבערן בולוואַר איז געווען פאַרביידע אָנטיילנעמער אַן אומנוצלעכע איבונג. אַזאַ מין איינלאַדונג האָבן אין דערזעלבער נאַכט זוכה געווען אויך אַנדערע דעלעגאַטן. די, וואָס זענען אַוועק אין דער פּאָליציי, האָבן באַקומען אַ באַפעל אין פאַרלויף פון 24 שעה צו פאַרלאָזן די גרענעצן פון בעלגיע. איך בין אין פּאָליציי-צירקל נישט געגאַנגען, נאָר פשוט אַוועקגעפאָרן גלייך קיין לאָנדאָן, וואוהין עס האָט זיך אויך איבערגעטראָגן דער קאָנגרעס.

האַרטינג, וואָס האָט אָנגעפירט מיט דער רוסישער שפּיאָנאַזש-אַגענטור אין בערלין, האָט געמאָלדן דעם פּאָליציי-דעפּאַרטאַמענט, אַז די ברישעלער פּאָליציי איז שטאַרק נתפעל געוואָרן פון דער גרויסער צאָל אויסלענדער, וואָס זענען מיטאַמאָל אָנגעקומען אין דערדאָזיקער שטאָט, דערביי האָט זי פאַרדעכטיקט אַ מאַן צען אין „אַנאַרכיסטישע

כוונות". די בריסעלער פּאָליציי איז „נתפּעל" געוואָרן פון האַרטינגען גופא, וואָס האָט גאָר פּאַקטיש געהייסן העקלמאַן און איז געווען אַ פּראָוואָקאַטאָר—טעראָריסט; דאָס פּראַנצויזישע געריכט האָט אים אונ־טער די אויגן פאַרמשפּט אויף קאַטאָרגע, איז ער שפּעטער געוואָרן אַן אָכראַנקע־גענעראַל פון צאַריזם און אַ קאַוואַליער פון פּראַנצויזישן ערן־לעגיאָן אונטער אַ פאַלשן נאָמען. האַרטינגען, ווידער, האָט אינפאָרמירט דער אַגענט־פּראָוואָקאַטאָר דאָקטאָר זשיטאָמירסקי, וואָס האָט, זיצנדיק אין בערלין, גענומען אַן אַקטיוון אָנטייל אין דער אָר־גאַניזירונג פון דעם צוזאַמענפאָר. דאָס אַלץ איז אָבער אַנטדעקט גע־וואָרן ערשט אין יאָרן אַרום. עס האָט אויסגעזען, ווי אַלע פעדעם וואָלטן זיך געפונען אין די הענט פון צאַריזם. און דאָך האָט עס נישט געהאָלפן...

אין פאַרלויף פון קאָנגרעס האָבן זיך אַרויסגעוויזן די סתירות אין דער קערן-גרופּע פון דער „איסקראַ". עס זענען אַרויסגעשוואומען „ווייכע" און „האַרטע". די חלוקי-דעות האָבן זיך לכתחילה קאָנצענ־טרירט אַרום דעם ערשטן פּונקט פון סטאַטוט: ווער דאַרף באַטראַכט ווערן אַלס מיטגליד פון דער פּאַרטיי? לענין איז געווען פּאַר דעם, מען זאָל אידענטיפיצירן די פּאַרטיי מיט דער אומלעגאַלער אָרגאַני־זאַציע. מאַרטאָוו האָט געוואָלט, אַז אַלס פּאַרטיי-מיטגלידער זאָלן גע־רעכנט ווערן אויך יענע, וואָס אַרבעטן אונטער דער לייטונג פון דער אומלעגאַלער אָרגאַניזאַציע. קיין דירעקטע פּראַקטישע באַדייטונג האָט דידאָזיקע סתירה נישט געהאַט, ווייל מיט דעצידירנדיקע שטימ־רעכט זענען, לויט ביידע פאָרמולעס, באַפולמעכטיקט געוואָרן נאָר די מיטגלידער פון די אומלעגאַלע אָרגאַניזאַציעס. און דאָך האָבן זיך די צוויי פאַנאַנדערגייענדיקע טענדענצן געוואָרפן אין די אויגן. לענין האָט געוואָלט אַ געשלאָסענע פאָרם און אַ שאַרפע קלאָרקייט אין די פּאַרטיי־באַציונגען. מאַרטאָוו איז געווען גענייגט צו צושוואומענקייט. די גרופּירונג אין דערדאָזיקער פראַגע האָט באַשטימט דעם גאַנצן ווייטערדיקן גאַנג פון קאָנגרעס און בפרט דעם צוזאַמענשטעל פון די לייטנדיקע פּאַרטיי־אינסטיטוציעס. הינטער די קוליסן איז געגאַנגען אַ קאַמף פאַר יעדן איינצלנעם דעלעגאַט. לענין האָט נישט געשפּאָרט קיין מי אַריבערצוציען מיך אויף זיין זייט. ער האָט מיט מיר און קראַסיקאָוון געמאַכט אַ גרויסן שפּאַציר און ביידע האָבן זיך באַמיט מיך איבערצוצייגן, אַז איך דאַרף נישט גיין מיט מאַרטאָוון צוזאַמען

ווײַל מאַרטאָוו איז אַ „ווײכער״. די כאַראַקטעריסטיקעס, וואָס קראַ־סיקאָוו האָט געגעבן וועגן די מיטגלידער פון דער רעדאַקציע „איס־קראַ״, זענען געווען אַזוי אומזשעגירט, אַז לענין האָט זיך פאַרקרימט און איך בין געוואָרן אַן אויפגעציטערטער. אין מײַן באַציִונג צו דער רעדאַקציע איז נאָך געלעגן זייער פיל יוגנטלעך־סענטימענטאַלעס. דערדאָזיקער שמועס האָט מיך מער אָפּגעשטויסן, ווי צוגעצויגן. די דיפערענצן זענען נאָך געווען אומקלאָר, אַלע האָבן געטאַפּט אינדער־פינסטער און אָפּערירט מיט אומוועגבאַרע סכומים. עס איז באַ־שלאָסן געוואָרן צונויפצורופן אַ באַראַטונג פון דער קערן־גרופּע פון דער „איסקראַ״, כדי זיך צו פאַרשטענדיקן. אָבער שוין דער אויסוואַל פון פּאָרזיצער האָט אַרויסגערופן שוועריקייטן. „איך לייג פאָר אויס־צווײַלן אײַער בנימינען״, האָט דײַטש זיך אָנגערופן, זוכנדיק אַן אויסוועג. אַזוי־אַרום איז מיר אויסגעקומען צו פירן דעם פּאָרזיץ אויף יענער פאַרזאַמלונג פון די איסקראָווצעס, וואו עס האָט זיך אָנגע־צייכנט די צוקונפטיקע שפּאַלטונג צווישן די באָלשעוויקעס און מענ־שעוויקעס. די נערוון זענען בײַ אַלעמען געווען אָנגעשטרענגט אויפן העכסטן גראַד. לענין איז אַוועק פון דער פאַרזאַמלונג און האָט אַ טראַסק געטאָן מיט דער טיר. דאָס איז דער איינציקער פאַל, ווען ער האָט אויף מײַנע אויגן פאַרלוירן די זעלבסטבאַהערשונג אין אַ שאַרפן אינערלעך־פּאַרטייאישן קאַמף. די לאַגע האָט זיך נאָך מער פאַרשאַרפט. די חלוקי־דעות האָבן זיך אָפּן אַרויסגעוויזן אויפן צוזאַ־מענפאָר גופא. לענין האָט געמאַכט נאָך אַ פּרוּוו אַריבערצוציִען מיך אויף דער זייט פון די „האַרטע״. ער האָט געשיקט צו מיר די דעלעגאַטן ז. און זײַן יינגערן ברודער דמיטרי. דער שמועס מיט זיי אין אַ פּאַרק האָט געדויערט עטלעכע שעה. די שליחים האָבן מיך פאַר קיין פאַל נישט אָפּגעלאָזן. „מיר מוזן אײַך ברענגען, וואָס עס זאָל נישט זײַן, אַזאַ באַפעל האָבן מיר״. סוף־כל־סוף האָב איך זיך קאַטעגאָריש אָפּגעזאָגט מיט זיי צו גיין.

די שפּאַלטונג איז פאַר אַלע אָנטײלנעמער פון קאָנגרעס אויס־געבראָכן אומגעריכט. לענין, די אַקטיווסטע פיגור אין קאַמף, האָט די שפּאַלטונג נישט פאָרויסגעזען און נישט געוואָלט. ביידע צדדים האָבן זייער שווער איבערגעלעבט די אָנגעלאָפענע געשעענישן. לענין האָט נאָכן קאָנגרעס עטלעכע וואָכן געקרענקט אויף אַ נערוון־מחלה. „פון לאָנדאָן האָט ל. ד. געשריבן כמעט יעדן טאָג״, — ווערט געזאָגט

אין סעדאָוואַס נאָטיצן, — „די בריוו זענען כסדר געוואָרן צ״ל אומ־רוּאיקערע, און צולעצט האָט אַ בריוו וועגן דער שפּאַלטונג פון דער „איסקראַ״ פאַרצווייפלט מודיע געווען, אַז די „איסקראַ״ איז מער נישטאָ, אַז זי איז געשטאָרבן... די שפּאַלטונג אין דער „איסקראַ״ האָבן מיר אַלע זייער שמערצלעך איבערגעלעבט. נאָכדעם, ווי ל. ד. האָט זיך צוריקגעקערט פון קאָנגרעס, בין איך באַלד אַוועקגעפאָרן קיין פעטערבורג און מיטגענומען מיט זיך די מאַטעריאַלן וועגן קאָנגרעס, וואָס זענען געמאַכט געוואָרן מיט אַ מיניאַטור־כתב אויפן דינסטן פּאַפּיר און אַריינגעטאָן געוואָרן אינם איינבונד פון דעם פראַנצויזישן ווערטערבוך לאַרוס״.

פאַרוואָס בין איך אויפן קאָנגרעס געווען מיט די „ווייכע״? פון די רעדאַקציע־מיטגלידער זענען מיר צום נאָענטסטן געווען מאַר־טאָוו, זאַסוליטש און אַקסעלראָד. זיי האָבן זיכער משפּיע געווען אויף מיר. אין רעדאַקציע זענען פאַרן קאָנגרעס געווען בלויז שאַטירונגען, אָבער נישט קיין אויסגעשפּראָכענע דיפערענצן. פון פּליעכאַנאָוון בין איך געשטאַנען ווייטער ווי פון אַלעמען: נאָך די ערשטע, אין פלוג צווייטראַנגיקע צוזאַמענשטויסן, האָט מיך פּליעכאַנאָוו פּשוט נישט געקאָנט פאַרטראָגן. לענין האָט זיך צו מיר באַצויגן זייער גוט. אָבער דווקא ער האָט איצט אין מיינע אויגן אָרגאַניזירט אַן אַטענטאַט אויף דער רעדאַקציע, וואָס איז פאַר מיר געווען די איינציק גאַנצע זאַך און האָט נאָך דערצו געטראָגן דעם רייצפולן נאָמען „איסקראַ״. דער געדאַנק וועגן אַ שפּאַלטונג אין קאָלעגיע האָט מיר ממש אויס־געזען ווי אַ חלול־הקודש.

דער רעוואָלוציאָנערער צענטראַליזם איז אַ האַרטער, אַ באַפע־לערישער און אַ פאָדערלעכער פּרינציפּ. בנוגע איינצלנע מענטשן און גאַנצע גרופּעס פון נעכטיקע אידעען־חברים נעמט ער אָפּט אָן אומ־ברחמנותדיקע פאָרמען. נישט אומזיסט וואַרפן זיך אַזוי אָפּט דורך אין לענינס וואָרט־אוצר די ווערטער: אומשלומדיקער און אומברחמנותדיקער. נאָר די העכסטע רעוואָלוציאָנערע ציל־שטרעבונג, וואָס איז פריי פון די אַלע קליינלעך־פּערזענלעכע זאַכן, באַרעכטיקט אַזאַ מין סוביעקטיווע אכזריות. אין יאָר 1903 האָט זיך עס סך־הכל געהאַנדלט וועגן דעם, אַז אַקסעלראָד און זאַסוליטש זאָלן אַוועקגעשטעלט ווערן מחוץ דער רעדאַקציע פון דער „איסקראַ״. מיין באַציונג צו זיי ביידע איז געווען דורכגעדרונגען נישט בלויז מיט

אַכטונג, נאָר אויך מיט פּערזענלעכער צאַרטקייט. לענין האָט זיי אויך ווי געהעריק אָפּגעשאַצט פאַר זייער עבר. אָבער ער איז געקומען צו דעם אויספיר, אַז וואָס ווייטער, ווערן זיי אַלץ אַ גרעסערע שטערונג אויפן וועג צו דער צוקונפט. און ער האָט געמאַכט אַ סך-הכל לטובת דער אָרגאַניזאַציע: מען דאַרף זיי דערווייטערן פון די אָנפירנדיקע פּאָסטנס. דערצו האָב איך נישט געקאָנט מסכים זיין. מיין גאַנצער מהות האָט פּראָטעסטירט קעגן דערדאָזיקער אומברחמנותדיקער דערווייטערונג פון די זקנים, וואָס האָבן זיך ענדלעך צוגעקריגן צו דער שוועל פון דער פּאַרטיי. צוליב דערדאָזיקער אויפרעגונג איז עס טאַקע געקומען צו מיין איבעררייס מיט לענינען אויפן צווייטן קאָנגרעס. זיין האַלטונג האָט מיר אויסגעזען אומדערלאָזבאַר, מאויימדיק, אויפרעגנדיק. דער איבעררייס מיט די זקנים, וואָס זענען פאַרגליווערט געוואָרן אין דער צוגרייטונגס-עפּאָכע, איז אָבער, לכל-הדעות, געווען אומפאַרמיידלעך. לענין האָט עס פאַרשטאַנען פריער פון די אַנדערע. ער האָט נאָך געמאַכט אַ פּרואוו איינצוהאַלטן פּליעכאַנאָוון, אָפּטיילנדיק אים פון זאַסוליטשן און אַקסעלראָדן. אָבער אויך דערדאָזיקער פּרואוו, ווי די געשעענישן האָבן עס באַלד באַוויזן, האָט נישט געבראַכט די געהעריקע רעזולטאַטן.

מיין איבעררייס מיט לענינען איז אַזויאַרום ווי פאָרגעקומען אויף אַ „מאָראַלישן" און אַפילו אויף אַ פּערזענלעכן באָדן. עס האָט אָבער בלויז אַזוי אויסגעזען. אין גרונט גענומען, האָט אונזער איבעררייס געטראָגן אַ פּאָליטישן כאַראַקטער, וואָס האָט זיך בלויז אַדורכגעריסן כלפּי-חוץ אויף אַן אָרגאַניזאַטאָרישן געביט.

איך האָב זיך געהאַלטן פאַר אַ צענטראַליסט. אָבער איך האָב מיך אָן שום ספק אין יענעם פּעריאָד נישט אָפּגעגעבן קיין ריכטיקן דין-וחשבון וועגן דעם, וואָס פאַר אַן אָנגעשטרענגטן און באַפעלערישן צענטראַליזם עס מוז פאַרמאָגן אַ רעוואָלוציאָנערע פּאַרטיי, כדי צו פירן מיליאָנען-מאַסן אין קאַמף קעגן דער אַלטער געזעלשאַפט. מיין פריע יוגנט איז אַדורכגעלאָפן אין אַ בין-השמשותדיקער אַטמאָספערע פון רעאַקציע, וואָס האָט זיך אין אָדעס פאַרשפּעטיקט אויף גאַנצע פינף יאָר. לענינס יוגנט אָבער פירט צו דער „נאַראָדנאַיאַ וואָליאַ". די-יעניקע, וואָס זענען געווען מיט עטלעכע יאָר יינגער פון מיר, האָבן שוין געוואַקסן אין אַ סביבה פון פּאָליטישער עליה. אין דער צייט פון דעם לאָנדאָנער קאָנגרעס, אין יאָר 1903, איז נאָך די רע-

וואָלוציע, אין איר גרעסערער העלפט, פאַר מיר כּסדר געווען אַ טעאָרעטישע אַבסטראַקציע. דער לעגינישער צענטראַליזם איז נאָך נישט אַרויסגעפלאָסן פאַר מיר פון אַ קלאָרער און זעלבסטשטענדיק דורכ־געטראַכטער קאָנצעפּציע. אָבער דאָס באַדערפעניש אַליין אויפצופּאַסן אַ פּראָבלעם און צו מאַכן פון אים די נויטיקע אויספירונגען, איז, ווי מיר שיינט, געווען דאָס סאַמע דרינגענדיקע באַדערפעניש פון מיין גייסטיקן לעבן.

די שאַרפקייט פונם קאָנפליקט, וואָס האָט אויסגעבראָכן אויפן קאָנגרעס, האָט, אויסער דער קוים אָנגעצייכנטער פּרינציפּיעלער זייט, געשטאַמט אויך פון דער פאַלשער אויגנמאָס, מיט וועלכער די זקנים האָבן אָפּגעשאַצט די גרויס און באַדייטונג פון לעגינען. אין פאַרלויף פון קאָנגרעס און גלייך נאָך אים האָט זיך די אויפרעגונג פון אַק־סעלראָדן און די אַנדערע רעדאַקציע-מיטגלידער קעגן לעגינס האַלטונג צונויפגעגאָסן מיט אַ געפּיל פון שטוינונג, ווי אַזוי האָט ער זיך גע־קאָנט אויף דעם באַשליסן? „ער איז דאָך ערשט נישט לאַנג געקומען קיין אויסלאַנד, ווי אַ תּלמיד", האָבן די זקנים געטענהט, „און זיך טאַקע פאַרהאַלטן, ווי אַ תּלמיד. פונוואַנען האָט זיך פּלוצלונג גענומען דידאָזיקע זיכערקייט אין זיך? וויאַזוי האָט ער זיך געקאָנט אויף דעם באַשליסן?"

אָבער לעגין האָט געקאָנט און געוואַגט. דערצו האָט ער זיך בלויז געדאַרפט איבערצייגן אין דער אומפעאיקייט פון די זקנים צו נעמען אין זייערע הענט די אוממיטלבאַרע אָנפירונג מיט דער קאַמף-אָרגאַניזאַציע פון פּראָלעטאַרישן אַוואַנגאַרד, אונטער די באַדינ־גונגען פון דער רעוואָלוציע, וואָס איז אַלץ נאָענטער געוואָרן. די זקנים, און נישט בלויז די זקנים אַליין, האָבן זיך טועה געווען: דאָס איז נישט געווען בלויז אַן אומגעוויינלעך פעאיקער אַרבעטער, דאָס איז געווען אַ פירער, דורך און דורך אַ צילבאַשטרעבטער, וואָס האָט זיך, ווי עס שיינט, ערשט דאַן ענדגילטיק דערשפּירט אַלס פּי־רער, ווען ער האָט זיך אַוועקגעשטעלט זייט ביי זייט מיט די על־טערע, מיט די לערער און זיך איבערצייגט, אַז ער איז שטאַרקער און נויטיקער פון זיי. אין יענע נאָך גאַנץ אומקלאָרע שטימונגען, וואָס האָבן זיך גרופּירט אַרום דער פאָן פון דער „איסקראַ", האָט בלויז לעגין אַליין פולשטענדיק פאַרטרעטן דעם מאָרגנדיקן טאָג מיט

אַלע זיינע ערנסטע אויפגאַבן, גרויזאַמע צוזאַמענשטויסן און צאָלרייכע קרבנות.

אויפן קאָנגרעס האָט לעניין געוואונען פּליעכאַנאָוון, אָבער נישט אויף זיכער; גלייכצייטיק האָט ער פאַרלאָרן מאַרטאָוון, און — אויף שטענדיק. פּליעכאַנאָוו האָט, מסתמא, אויפן קאָנגרעס עפּעס דערשפּירט, לכל-הפּחות האָט ער דעמאָלט געזאָגט אַקסעלראָדן וועגן לעניניען: „פון אַזאַ טייג ווערן געמאַכט ראָבעספּיערס". פּליעכאַנאָוו אַליין האָט אויפן קאָנגרעס געשפּילט אַ גאַנץ קנאַפּע ראָל. נאָר איינאיינציק מאָל איז מיר אויסגעקומען צו זען און צו הערן פּליעכאַנאָוון אין זיין גאַנצער פּראַכט: דאָס איז געווען אין דער פּראָגראַם-קאָמיסיע פון קאָנגרעס. מיט אַ קלאָרער, וויסנשאַפטלעך-אויסגעשליפענער פּראָגראַם-סכעמע אין קאָפּ, זיכער אין זיך, אין זיינע קענטעניש, אין זיינע איבערשטייגנדיקע מעלות, מיט אַ פרייליכן איראָנישן פייערל אין די אויגן, מיט שטעכעדיקע גרוילעכע וואָנסן, מיט עטוואָס טעאַטראַלישע, אָבער לעבעדיקע, אויסדרוקספולע זשעסטן, האָט פּליעכאַנאָוו, פירנדיק דעם פאָרזיץ, באַלויכטן מיט זיך די גאַנצע פילקעפּיקע סעקציע, ווי אַ לעבעדיק פייערווערק פון וויסן און שאַרפזין.

מאַרטאָוו, דער לידער פון די מענשעוויקעס, האָט מיט זיך פאָרגעשטעלט איינע פון די טראַגישסטע פיגורן אין דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג. אַ באַגאַבטער שריפטשטעלער, אַ פּאָליטיקער מיט פיל איניציאַטיוו, אַ שאַרפער מוח, איז מאַרטאָוו געשטאַנען אַ סך העכער פון יענער אידעאָלאָגישער שטרעמונג, וועלכע ער האָט פאַרטרעטן. אָבער זיינע אידעען האָט געפעלט מוט, זיין דורכדרינגלעכקייט — ווילן. די פעאיקייט זיך אָנצוקלאַמערן האָט זיי נישט געקאָנט פאַרבייטן. מאַרטאָווס ערשטער ענטפער אויף אַ געשעעניש האָט שטענדיק אַרויסגעוויזן אַ רעוואָלוציאָנערן כאַראַקטער. אָבער זיין געדאַנק, וואָס איז נישט אונטערגעהאַלטן געוואָרן דורך די פּרוזשינעס פון ווילן, איז תיכף געזונקען. אונזער נאָענטקייט האָט נישט אויסגעהאַלטן דעם נסיון פון די ערשטע גרויסע געשעענישן פון דער אָנקומענדיקער רעוואָלוציע.

ווי עס זאָל נישט זיין, אָבער דער צווייטער קאָנגרעס איז אַריין אין מיין לעבן, ווי אַ גרויסער ווענדפּונקט, שוין דערמיט אַליין, וואָס ער האָט מיך אויף אַ גאַנצער ריי יאָרן צעשיידט מיט לענינען ווען איך כאַפּ איצט אַרום דעם עבר אין זיין גאַנצן פאַרנעם, באַ

דויער איך עס נישט. איך בין צום צווייטן מאָל געקומען צו לעני־
נען שפּעטער פון אַ סך אַנדערע, איך בין אָבער געקומען מיט איי־
גענע וועגן, און אַדורכגעלעבט און אַדורכגעטראַכט דעם פּרואוו פון דער
רעוואָלוציע, קאָנטער־רעוואָלוציע און דער אימפּעריאַליסטישער מלחמה.
אַ דאַנק דעם בין איך צו אים געקומען זיכערער און ערנסטער, ווי
יענע „תּלמידים", וואָס האָבן אפילו ביי זיין לעבן נישט תּמיד אײ־
בערגעחזרט אויפן ריכטיקן אָרט דעם לערערס ווערטער און זשעסטן,
און נאָך זיין טויט אוודאי זיך אַרויסגעוויזן אַלס אומבאַהאָלפענע עפּיגאָנען
און אומבאַוואוסטזיניקע כּלי־זיין אין די הענט פון פיינטלעכע כּוחות.

דרייצנטער קאַפּיטל

דער צוריקקער קיין רוסלאַנד

מיין בונד מיט דער מינדערהייט פון צווייטן קאָנגרעס איז געווען אַ קורצטערמיניקער. שוין אין פאַרלויף פון די נאָענטסטע חדשים זענען אין דערדאָזיקער מינדערהייט אָנגעצייכנט געוואָרן צוויי ליניעס. איך בין געווען פאַר דער צוגרייטונג פון אַ גיכער פאַראייניקונג מיט דער מערהייט, און האָב אין דער שפּאַלטונג איינגעזען נישט מער ווי אַ גרויסן עפּיזאָד. פאַר די אַנדערע איז די שפּאַלטונג אויפן צווייטן קאָנגרעס געווען אַן אויסגאַנגספּונקט פאַר דער אַנטוויקלונג אין דער זייט פונם אָפּאָרטוניזם. דאָס גאַנצע יאָר 1904 בין איך געשטאַנען אין פּאָליטישע און אָרגאַניזאַציאָנעלע קאָנפליקטן מיט דער אָנפירנדיקער גרופּע פון די מענשעוויקעס. די קאָנפליקטן האָבן זיך געדרייט אַרום צוויי פּונקטן: די שטעלונג צום ליבעראַליזם און די שטעלונג צו די באָלשעוויקעס. איך האָב געהאַלטן, אַז מען מוז זיך אומבאַדינגט אַנטקעגנשטעלן די פּרוּאוון פון די ליבעראַלן זיך צו שטיצן אויף די מאַסן, און גלייכצייטיק — און טאַקע צוליב דעם — אַלץ ענערגישער געפאָדערט די פאַראייניקונג פון ביידע סאָציאַל-דעמאָקראַטישע פראַקציעס. אין סעפּטעמבער האָב איך אָפיציעל געמאָלדן וועגן מיין אַרויסטרעטן פון דער מינדערהייט, צו וועלכער איך האָב שוין אייגנטלעך נישט געהערט פון אַפּריל 1904. פאַר דערדאָזיקער

צייט האָב איך פאַרבראַכט עטלעכע הדשים ווייט פון דער רוסישער עמיגראַציע, אין מינכען, וואָס האָט דעמאָלט געגאָלטן פאַר דער סאַמע דעמאָקראַטישער און קינסטלערישער שטאָט אין דייטשלאַנד. איך האָב גוט געקענט די בייערישע סאָציאַל־דעמאָקראַטיע, די מינכענער גאַלע־רייען און — די קאַריקאַטוריסטן פון „סימפּליציסימוס".

שוין בעת די זיצונגען פון פּאַרטיי־צוזאַמענפאָר איז גאַנץ דרום־רוסלאַנד געווען פאַרכאַפּט פון אַ מעכטיקער שטרייק־באַוועגונג. די פּויערים־אומרוען האָבן אויסגעבראָכן אַלץ עפטער און עפטער. אין די אוניווערזיטעטן האָט געקאָכט ווי אין אַ קעסל. דער רוסיש־יאַפּאַנישער קריג האָט אויף אַ ווײַלע אָפּגעהאַלטן די באַוועגונג, אָבער דער מיליטערישער צוזאַמענבראָך פון צאַריזם איז באַלד געוואָרן דער מעכטיקער מאָטאָר פון דער רעוואָלוציע. די פּראָצעס איז כּסדר געוואָרן דרייסטער, די טעראָריסטישע אַקטן עפטער, די ליבעראַלן האָבן זיך אַ ריר געטאָן פון אָרט, עס האָט זיך אָנגעהייבן אַ באַנקעט־קאַמפּאַניע. די גרונט־פראַגן פון דער רעוואָלוציע זענען געוואָרן אַקטועל. די אַבסטראַקציעס האָבן זיך פאַר מיר פאַקטיש אָנגעהייבן אָנצופילן מיט רעוואָלוציאָנערן שטאָף. די מענשעוויקעס, באַזונדערס זאַסוליטש, האָבן אַלץ מער און מער אַרויפגעלייגט זייערע האָפענונגען אויף די ליבעראַלן.

נאָך פאַרן צוזאַמענפאָר, נאָך איינער פון די רעדאַקציע־זיצונגען אין קאַפע „לאַנדאָלד", האָט זיך זאַסוליטש מיט יענער באַזונדערער שרעקעוודיק־איינדרינגלעכער שטימע, וואָס איז נאָר פאַר איר אַליין געווען כאַראַקטעריסטיש אין אַזעלכע פאַלן, באַקלאָגט, אַז מיר באַפאַלן צו שטאַרק די ליבעראַלן. דאָס איז געווען איר סאַמע קראַנקער פונקט.

— זעט נאָר, ווי זיי באַמיען זיך, — האָט זי געזאָגט און בעת מעשה נישט געקוקט אויף לענינען, הגם זי האָט נאָר אים קודם־כּל געהאַט אין זינען. — סטרואַווע פאָדערט, אַז די רוסישע ליבעראַלן זאָלן נישט איבעררייסן מיטן סאָציאַליזם, ווײַל אַנדערש שטייט זיי פאָר דער קלאָגעדיקער גורל פון דעם דייטשן ליבעראַליזם; זאָלן זיי זיך בעסער נעמען פאַר אַ מוסטער די פראַנצויזישע ראַדיקאַל־סאָציאַליסטן.

— באַדאַרף מען זיי דאָך טאַקע נאָכמער ברעכן די ביינער, — האָט לענין געזאָגט און בעת־מעשה פריילעך געשמייכלט, ווי ער וואָלט זיך געוואָלט רייצן מיט וויערא איוואַנאָוונען.

— אַט אַזוי, אַזוי, — האָט זי אויסגערופן אַ פאַרצווייפלטע. — זיי קומען אונז אָנטקעגן, און מיר זאָלן זיי ברעכן די ביינער!

אין דערדאָזיקער פראַגע, וואָס האָט אַלץ מער און מער אָנגענומען אַ דעצידירנדיקן כאַראַקטער, האָב איך געהאַלטן מיט לענינען.

בעת דער ליבעראַלער באַנקעט־קאַמפּאַניע, וואָס האָט טאַקע אינגיכן באַנקראָטירט, האָב איך אין האַרבסט 1904 געשטעלט די פראַגע: „וואָס פאָרט ווייטער?" און אויף דעם געענטפערט: דער אויסוועג ליגט נאָר אין דעם אַלגעמיינעם שטרייק, און נאָך אים — אַן אויפשטאַנד פון פּראָלעטאַריאַט, וואָס וועט זיך שטעלן בראָש פון די פאָלקסמאַסן קעגן דעם ליבעראַליזם. דאָס האָט פאַרטיפט די שפּאַלטונג צווישן מיר און די מענשעוויקעס.

דעם 23 יאַנואַר (1905) האָב איך מיך, נאָך אַ רעפּעראַטן־נסיעה, צוריקגעקערט אינדערפרי קיין גענף, אַ מידער און אַ צעבראָכענער, נאָך אַ נאַכט נישט שלאָפן אין וואַגאָן. אַ יינגל האָט מיר דערלאַנגט אַ נעכטיקע צייטונג. וועגן דער פּראָצעסיע פון די אַרבעטער צום ווינטער־פּאַלאַץ האָט זיך גערעדט ווי וועגן אַ שפּעטערדיקער זאַך. איך האָב משער געווען, אַז די פּראָצעסיע איז נאָך נישט פאָרגעקומען. אין אַ צוויי שעה אַרום בין איך אַריין אין דער רעדאַקציע פון דער „איסקראַ". מאַרטאָוו איז געווען גוואַלדיק צעטראָגן.

„נישט פאָרגעקומען?" האָב איך אים אַ פרעג געטאָן. — „וואָס הייסט נישט פאָרגעקומען?" איז ער אויף מיר אָנגעפאַלן. „מיר זענען די גאַנצע נאַכט געזעסן אין קאַפע, געלייענט אַלץ די פרישע טעלעגראַמעס. צי דען ווייסט איר נישט? אָט, אָט, אָט..." — און ער האָט מיר אונטערגערוקט די צייטונג. איך בין דורכגעלאָפן די ערשטע צען שורות פונם טעלעגראַפישן באַריכט וועגן דעם בלוטיקן זונטיק. אַ הייסע כוואַליע האָט מיר אַ זעץ געטאָן אין קאָפּ.

פאַרבלייבן לענגער אין אויסלאַנד האָב איך שוין נישט געקאָנט. מיט די באָלשעוויקעס האָב איך פון פּאַרטיי־צוזאַמענפאַר אָן נישט געהאַט קיין שום פאַרבינדונג. מיט די מענשעוויקעס האָב איך אָרגאַניזאַציאָנעל איבערגעריסן. איך האָב נאָר געקאָנט האַנדלען אויף אייגענער אחריות. די סטודענטן האָבן מיר געשאַפט אַ פּאַס. מיט מיין פרוי, וואָס איז אין האַרבסט 1904 צוריקגעקומען קיין אויסלאַנד, בין איך אַרויסגעפאָרן קיין מינכען. פּאַרוואוס האָט אונז אויפגענומען צו זיך. דאָ האָט ער דורכגעלייענט מיין מאַנוסקריפּט, געווידמעט די גע־

שעענישן ביזן 9-טן יאַנואַר, און האָט געכאַפּט גרויס התפּעלות פֿון אים. „די געשעענישן האָבן פֿולשטענדיק באַשטעטיקט דעם פּראָגנאָז. איצט וועט קיינער נישט קענען אָפּלייקענען, אַז דער אַלגעמיינער שטרייק איז דער גרונטלייגנדיקער קאַמפּס-מעטאָד. דער נײַנטער יאַנואַר איז דער ערשטער פּאָליטישער שטרייק, ווען אַפילו אונטער דעם שירם פֿון אַ פּאָפּ-מאַנטל. מען דאַרף נאָר דערזאָגן, אַז די רעוואָלוציע אין רוסלאַנד קאָן ברענגען צו דער מאַכט אַ דעמאָקראַטישע אַרבעטער-רעגירונג". אין דעם זין האָט פּאַרוואוס אָנגעשריבן אַ הקדמה צו מײַן בראָשור.

פּאַרוואוס איז אָן שום ספק געווען אַ מערקווירדיקע פיגור צווישן די מאַרקסיסטן אין סוף פֿון פֿאָריקן און אָנהייב פֿונם איצטיקן יאָרהונדערט. ער האָט פֿולשטענדיק באַהערשט דעם מאַרקסיסטישן מעטאָד, האָט געהאַט אַ ברייטן קוק, האָט נאָכגעפֿאָלגט אַלץ, וואָס עס האָט זיך נאָר אויסגעצייכנט אויף דער וועלט-אַרענע, — און דאָס האָט אים, בײַ זײַן אויסערגעוויינלעכער דרייסטקייט פֿון געדאַנק און בײַ זײַן מענלעכן, מוסקולדיקן סטיל באמת געמאַכט פֿאַר אַ מערקווירדיקן שריפֿטשטעלער. זײַנע אַלטע אַרבעטן האָבן מיך דערנענטערט צו די פֿראַגן פֿון דער סאָציאַלער רעוואָלוציע, און ענדגילטיק האָט ער פֿאַרוואַנדלט פֿאַר מיר די מאַכט-דעראָבערונג דורכן פּראָלעטאַריאַט פֿון אַן אַסטראָנאָמישן „ענדציל" אין אַ פּראַקטישער אויפֿגאַבע פֿון אונזער צײַט. און דאָך איז אין פּאַרוואוסן תּמיד געווען עפּעס פֿון אַ מטורף און פֿון אַן אומזיכערן מענטשן. אויסער דעם אַלעם איז דער דאָזיקער רעוואָלוציאָנער סתּם געווען באַהערשט פֿון אַ משונהדיקער פֿאַנטאַזיע: ווערן רײַך. און די דאָזיקע פֿאַנטאַזיע האָט ער אין יענע יאָרן אויך פֿאַרבונדן מיט זײַן סאָציאַל-רעוואָלוציאָנערער קאָנצעפּציע. „דער פּאַרטיי-אַפּאַראַט איז פֿאַרגליווערט געוואָרן", האָט ער זיך געקלאָגט. „אַפילו אין בעבעלס קאָפּ איז שווער אַרײַנצודרינגען. מיר, רעוואָלוציאָנערע מאַרקסיסטן, מוזן האָבן אַ גרויסע טעגלעכע צײַטונג, וואָס זאָל גלײַכצײַטיק אַרויסגיין אויף דריי אייראָפּעישע שפּראַכן. אָבער דערצו דאַרף מען האָבן געלט, אַ סך געלט". אַזוי האָבן זיך אין דעם דאָזיקן פֿליישיקן שווערן קאָפּ פֿון אַ בולדאָג צונויפֿגעפֿאָרט די געדאַנקען וועגן אַ סאָציאַלער רעוואָלוציע מיט די רעיונות וועגן עשירות. אין מינכען האָט ער אַפילו געעפֿנט אַן אייגענעם פֿאַרלאַג, אָבער ער האָט זיך געענדיקט פֿאַר אים גאַנץ טרוי-

צריק. דערנאָך קומט פּאַרוואָוסעס נסיעה קיין רוסלאַנד און זיין אָנ־טייל אין דער רעוואָלוציע פון יאָר 1905. נישט געקוקט אויף זיין געדאַנקען־איניציאַטיוו און דערפינדערישקייט, האָט ער דאָך נישט אַרויסגעוויזן די אייגנשאַפטן פון אַ פירער. נאָך דער מפּלה פון דער רעוואָלוציע אין יאָר 1905 הייבט זיך אָן פּאַרוואָוסעס ירידה. פון דייטשלאַנד עמיגרירט ער קיין ווין, פון דאָרט קיין קאָנסטאַנטינאָפּאָל, וואו עס פאַרכאַפּט אים די וועלט־מלחמה. אין דער מלחמה ווערט פּאַרוואָוס מיטאַמאָל אַן עושר פון זיינע קריגס־געשעפטן. גלייכצייטיק טרעט ער עפנטלעך אַרויס אַלס פּאַרטיידיקער פון דער פּראָגרעסיווער מיסיע פון דייטשן מיליטאַריזם, רייסט אינגאַנצן איבער מיט די לינקע און ווערט איינער פון די אינספּיראַטאָרן אין עקס־רעכטן פליגל פון דער דייטשער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע. עס איז איבעריק צו זאָגן, אַז אין דער צייט פון דער מלחמה האָב איך איבערגעריסן מיט אים נישט בלויז די פּאָליטישע, נאָר אויך די פּערזענלעכע באַציונגען.

פון מינכען זענען מיר מיט סעדאָוואַן אַרויסגעפאָרן קיין ווין. דער שטראָם פון די עמיגראַנטן האָט זיך אַ ריס געטאָן צוריק קיין רוסלאַנד. וויקטאָר אַדלער האָט זיך אינגאַנצן פאַרזונקען אין די רוסישע ענינים: ער האָט צוגעשטעלט די עמיגראַנטן געלט, פּעסער, אַדרעסן. ביי אים אין דער וואוינונג האָט דער פריזירער געענדערט מיין פּרצוף, וואָס די רוסישע שפּיצלען אין אויסלאַנד האָבן אים שוין צו גוט געקענט.

— נאָר וואָס האָב איך באַקומען אַ טעלעגראַמע פון אַקסעלראָדן, — האָט מיר אַדלער מודיע געווען, — אַז גאַפּאָן איז געקומען קיין אויסלאַנד און האָט זיך דערקלערט אַלס סאָציאַל־דעמאָקראַט... אַ שאָד... ווען ער, אַ שטייגער, פאַרשווינדט מיטאַמאָל אויף אייביק, וואָלט געבליבן אַ שיינע לעגענדע. אין דער עמיגראַציע וועט ער אָבער זיין אַ קאָמישע פיגור. איר ווייסט, — האָט ער צוגעגעבן און אין זיינע אויגן האָט אויפגעפלאַמט יענס פייערל, וואָס האָט אויסגעוויכט זיין האַרטע איראָניע, — אַזעלכע מענטשן איז בעסער צו האָבן אַלס היסטאָרישע קדושים, איידער אַלס פּאַרטיי־חברים...

אין ווין האָט מיך אויך אָנגעיאָגט די ידיעה וועגן דעם אַטענטאַט אויפן גרויספירשט סערגיי. די געשעענישן האָבן געיאָגט איינע די צווייטע. די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פּרעסע האָט געווענדט אירע בליקן קיין מזרח. מיין פרוי איז אַוועקגעפאָרן פריער, כּדי צוצוגרייטן אין קיעוו אַ דירה און פאַרבינדונגען. מיט אַ פּאַס אויפן נאָמען אַרבוזאָוו, אַ פּראָפּאָרשטשיק אויסערן דינסט, בין איך אין פעברואַר

אָנגעקומען קיין קיעוו, וואו איך האָב אין משך פֿון עטלעכע וואָכן כּסדר אַרומגעוואַנדערט פֿון איין דירה אין אַ צווייטער, פֿריער ביי אַ יונגן אַדוואָקאַט, וואָס האָט זיך געשראָקן פֿאַר זיין אייגענעם שאָטן, דערנאָך ביי אַ פּראָפֿעסאָר פֿון טעכנאָלאָגישן אינסטיטוט און שפּעטער ביי עפּעס אַ ליבעראַלער אלמנה. אַ געוויסע צייט האָב איך מיך אַפֿילו אויסבאַהאַלטן אין אַן אויגן-קליניק. לויט דער פֿאַרשריפֿט פֿון הויפּט-דאָקטאָר, וואָס איז געווען גוט אינפֿאָרמירט וועגן מיר, האָט מיר די קליניק-שוועסטער געמאַכט פֿוס-בעדער און אומשולדיקע איינשפּריצונגען אין די אויגן, וואָס האָט מיך תּמיד אַריינגעבראַכט אין גרויס פֿאַרלעגנ יט. איך האָב געמוזט קאָנספּירירן אויף אַ טאָפּעלן אופֿן: די פּראָקלאַמאַציעס האָב איך געשריבן, זיך אויסבאַהאַלטנדיק פֿאַר דער שוועסטער, וועלכע האָט שטאַרק אַכטונג געגעבן, אַז איך זאָל מיר נישט אָנשטרענגען די אויגן. בעת זיין וויזיט אין קליניק פֿלעגט דער פּראָפֿעסאָר שנעל זיך באַפֿרייען פֿון זיין אומזיכערן אַסיסטענט, זיך אַריינכאַפּן אין מיין צימער מיט זיין אָנגעטרויטער אַסיסטענטין, האַסטיק פֿאַרשליסן די טיר און פֿאַרהענגען דאָס פֿענסטער, ווי ער וואָלט כּלומרשט געוואָלט אונטערזוכן מיינע אויגן. נאָכדעם האָבן מיר אַלע דריי פֿאָרזיכטיק, אָבער פֿריילעך געלאַכט. — „פּאַפּיראָסן האָט איר?" האָט דער פּראָפֿעסאָר געפֿרעגט. „יאָ", האָב איך געענטפֿערט. „Quantum satis?" *) האָט דער פּראָפֿעסאָר געפֿרעגט. „Quantum satis!" — האָב איך געענטפֿערט. מיר האָבן ווידער געלאַכט. דערמיט האָט זיך געענדיקט די אונטערזוכונג, און איך האָב זיך צוריק אַ נעם געטאָן צו די פּראָקלאַמאַציעס. דאָסדאָזיקע לעבן האָט מיך זייער געוויילט. עס איז מיר נאָר געווען אַ ביסל אומבאַקוועם פֿאַר דער פֿריינטלעכער אַלטער שוועסטער, וועלכע האָט מיר אַזוי געוויסנהאַפֿט געמאַכט די פֿוסבעדער.

אין קיעוו האָט דעמאָלט עקזיסטירט אַ באַרימטע אומלעגאַלע דרוקעריי, וואָס האָט זיך געהאַלטן, נישט געקוקט אויף די כּסדרדיקע אַרעסטן, עטלעכע יאָר נאָכאַנאַנד סאַמע אונטער דער נאָז פֿונם זשאַנדאַמעריע-גענעראַל נאָוויצקי. אין דערדאָזיקער דרוקעריי האָבן זיך אין פֿרילינג 1905 געדרוקט אויך מיינע פּראָקלאַמאַציעס. גרעסערע אויפֿרופֿן האָב איך ביסלעכוויז אָפּגעגעבן דעם יונגן אינזשעניער קראַסין, מיט וועלכן

*) אין אַ גענוגער מאָס.

איך האָב מיך אין קיעוו באַקאַנט. קראַסין האָט געהערט צום באָל־שעוויסטישן צענטראַל־קאָמיטעט און האָט געהאַט צו זיין דיספּאָזיציע אַ גרויסע, גוט־איינגעאָרדנטע דרוקעריי אין קאַווקאַז. אין קיעוו האָב איך אָנגעשריבן אַ גאַנצע ריי פלוגבלעטער, וואָס זענען אין דערדאָ־זיקער דרוקעריי, נישט געקוקט אויף די אומלעגאַלע באַדינגונגען, אויסערגעוויינלעך זויבער און קלאָר געדרוקט געוואָרן.

די פּאַרטיי, ווי די רעוואָלוציע, זענען נאָך אין יענער צייט געווען זייער יונג, און סיי אין די מענטשן און סיי אין זייערע מעשים האָט זיך געוואָרפן אין די אויגן די אומדערפאַרונג און אומ־פולקומענהייט. אויך קראַסין איז, נאַטירלעך, נישט געווען אינגאַנצן פריי פון דעמדאָזיקן חותם. ער האָט שוין אָבער געהאַט אין זיך עפּעס פעסטעס, אַנטשלאָסענעס און „אַדמיניסטראַטיוועס”. ער איז גע־ווען אַן אינזשיניער מיט אַ געוויסן סטאַזש, האָט געהאַט אַ פּאָסטן, האָט גוט דערפילט זיינע פונקציעס, מען האָט אים זייער געשעצט און דער קרייז פון זיינע באַקאַנטע איז אָן אַן ערך געווען ברייטער און פאַרשיידנאַרטיקער. ווי ביי יעדן איינעם פון די דעמאָלטיקע יונגע רעוואָלוציאָנערן. אין די אַרבעטער־קוואַרטאַלן, אין די וואוינונגען פון די אינזשינירן, אין די פּאַלאַצן פון די ליבעראַלע מאָסקווער פאַב־ריקאַנטן, אין די ליטעראַרישע קרייזן — אומעטום האָט קראַסין גע־האַט זיינע באַקאַנטע. ער האָט עס אַלץ זייער גוט קאָמבינירט, און פאַר אים האָבן זיך געעפנט אַזעלכע פּראַקטישע מעגלעכקייטן, וואָס זענען פאַר אַנדערע לגמרי נישט געווען צוטריטלעך. אין יאָר 1905 האָט קראַסין, חוץ זיין אָנטייל אין דער אַלגעמיינער פּאַרטיי־אַרבעט, אָנגעפירט מיט די געפערלעכסטע אונטערנעמונגען: מיט די קאַמף־דרוזשינעס, מיט די געווער־קניות, מיט דער צוגרייטונג פון די אויפ־רייס־מאַטעריאַלן א. אַז. וו. נישט געקוקט אויף זיין ברייטן בליק, איז קראַסין אין דער פּאָליטיק, ווי בכלל אין לעבן, דאָך געווען אַ מענטש פון אוממיטלבאַרע דערגרייכונגען. אין דעם איז באַשטאַנען זיין קראַפט, אָבער אין דעם איז אויך געלעגן זיין שוואַכער פונקט. קלויבן צו־ביסלעך לאַנגע יאָרן נאָכאַנאַנד, פּאָליטיש זיך ביסלעכווייז אויסבילדן, טעאָרעטיש באַאַרבעטן די דערפאַרונגען, — ניין, דערצו איז ער נישט געווען באַרופן. אַז די רעוואָלוציע פון יאָר 1905 האָט נישט דערפילט די האָפענונגען, האָבן זיך פאַר קראַסינען אויפן ערשטן פּלאַץ אַרויס־גערוקט די עלעקטראָטעכניק און די אינדוסטריע בכלל. קראַסין האָט

זיך אויך דאָ באַוויזן, ווי אַן אויסגעצייכנטער רעאַליזאַטאָר, ווי אַ מענטש מיט אַן אויסערגעוויינלעכער דערגרייכונגס-קראַפט. די אומגע-הייערע דערפאָלגן אין זיין אַרבעט, אַלס אינזשיניער, האָבן אים זי-כער געגעבן יענע פערזענלעכע באַפרידיקונג, וואָס דער רעוואָלוציאָ-נערער קאַמף האָט אים פאַרשאַפט אין די פריערדיקע יאָרן. די אָק-טאָבער-איבערקערעניש האָט ער אויפגענומען מיט אַ פיינטלעכער שטוינונג, ווי אַן אַוואַנטורע, וואָס איז לכתחילה פאַרמשפּט דורכצו-פאַלן. ער האָט אַ צייט לאַנג נישט געגלויבט אין אונזער פעאיקייט צו באַהערשן די אומרוען. שפּעטער האָט אים אָבער די גרויסע אַרבעטס-מעגלעכקייט מיטגעריסן...

פאַר מיר איז די פאַרבינדונג מיט קראַסינען אין יאָר 1905 געווען אַן אמתער אוצר. מיר האָבן אָפּגערעדט זיך צו טרעפן אין פּעטערבורג. פון אים האָב איך אויך באַקומען די קאָנספּיראַטיווע מעלדונגספּונקטן. דער ערשטער און וויכטיקסטער מעלדונגספּונקט איז געווען אין דער קאָנסטאַנטינער אַרטילעריע-שולע ביי דעם הויפּט-דאָקטאָר אַלעקסאַנדער אַלעקסאַנדראָוויטש ליטקענס, וואָס מיט זיין פאַ-מיליע האָט מיך דער גורל פאַרבונדן אויף לאַנגע יאָרן. אין ליט-קענסעס וואוינונג אויפן זאַבאַלקאַנער פּראָספּעקט, אין שול-בנין, האָב איך זיך אין די אומרואיקע טעג און נעכט פון יאָר 1905 נישט איינמאָל אויסבאַהאַלטן. צייטנווייז זענען אין דער וואוינונג פונם הויפּט-דאָקטאָר, אויף די אויגן פון הויז-אויפזעער, אַריינגעקומען צו מיר אַזעלכע פאַרשוינען, וואָס דער הויף און די טרעפּ פון דער מיליטע-רישער שולע האָט זיי פריער קיינמאָל נישט אָנגעזען. אָבער דער נידעריקער דינסטפּערסאָנאַל האָט זיך באַצויגן צום הויפּט-דאָקטאָר מיט סימפּאַטיע, קיין מסירות זענען נישט פאָרגעקומען, און אַלץ איז אַרי-בער בשלום. דעם דאָקטאָרס עלטסטער זון, אַלעקסאַנדער, וואָס איז דעמאָלט אַלט געווען 18 יאָר, האָט שוין אָנגעהערט צו דער פאַרטיי און האָט אָנגעפירט אין עטלעכע חדשים אַרום מיט דער פויערים-באַוועגונג אין דער אָרלאָווער גובערניע. ער האָט אָבער נישט אויס-געהאַלטן די נערוועישע דערשיטערונגען, איז קראַנק געוואָרן און געשטאָרבן. דער יינגערער זון יעווגראַף, וואָס איז צו יענער צייט געווען אַ גימנאַזיסט, האָט שפּעטער געשפּילט אַ באַדייטנדיקע ראָל אין בירגערקריג און אין דער קולטור-אַרבעט פון דער ראַטן-רעפּובליק.

ער איז אָבער אין יאָר 1921 דערמאָרדעט געוואָרן פון באַנדיטן אין קרים.

אָפיציעל האָב איך געוואוינט אין פעטערבורג אויפן פּאַספּאָרט פונם גוטבאַזיצער וויקענטיעוו. אין רעוואָלוציאָנערע קרייזן בין איך אַרויסגעטרעטן אַלס פּיאָטער פּעטראָוויטש. איך האָב נישט אָנגעהערט צו קיין שום פראַקציע. איך האָב געאַרבעט ווייטער מיט קראַסינען, וואָס איז צו יענער צייט געווען אַ באָלשעוויק, וואָס האָט געוואָלט שלום מאַכן צווישן ביידע פראַקציעס. דאָס האָט אונז נאָך דערנענטערט צוליב מיין דעמאָלדיקער פּאָזיציע. גלייכצייטיק בין איך געשטאַנען אין קאָנטאַקט מיט דער לאָקאַלער גרופּע מענשעוויקעס, וואָס האָט געפירט זייער אַ רעוואָלוציאָנערע ליניע. אונטער מיין השפעה האָט זיך די גרופּע געשטעלט אויפן שטאַנדפּונקט, אַז מען דאַרף באָיקאָטירן די ערשטע געזעצגעבעריש־אַטנדיקע דומע און איז געקומען אין אַ קאָנפליקט מיט איר צענטער אין אויסלאַנד. די מענשעוויסטישע גרופּע איז אָבער באַלד דורכגעפאַלן. זי איז אַרויסגעגעבן געוואָרן דורך איר אַקטיוון מיטגליד דאָבראָסקאָק, „ניקאָלאַי די גאָלדענע ברילן”, וועלכער האָט זיך אַרויסגעוויזן פאַר אַ פּראָפעסיאָנעלן פּראָוואָקאַטאָר. ער האָט געוואוסט, אַז איך בין אין פּעטערבורג און האָט מיך געקענט פּערזענלעך. מיין פרוי איז אַרעסטירט געוואָרן אויף דער ערשטער מאַי־פאַרזאַמלונג אין וואַלד. מען האָט געמוזט זיך אָפּטראָגן אויף אַ געוויסער צייט. זומער בין איך אויך אַוועקגעפאָרן קיין פינלאַנד. דאָרט האָב איך געפונען אַ ביסל אָפּרו, וואָס איז באַשטאַנען אין אָנגעשטרענגטער ליטעראַרישער אַרבעט און אַ קורצן שפּאַציר. איך האָב געשלונגען די צייטונגען, אויפמערקזאַם זיך צוגעקוקט צו דער פאָרמירונג פון די פּאַרטייען, געמאַכט אויסשניטן, גרופּירט פאַקטן. אין דעמדאָזיקן פּעריאָד האָט זיך ענדגילטיק פאַרפעסטיקט מיין בליק אויף די אינערלעכע כוחות פון דער רוסישער געזעלשאַפט און אויף די פּערספּעקטיוון פון דער רוסישער רעוואָלוציע. רוסלאַנד שטייט, האָב איך דעמאָלט געשריבן, פאַר אַ בירגערלעך־דעמאָקראַטישער רעוואָלוציע. דער באַזיס פון דערדאָזיקער רעוואָלוציע איז דאָס אַגראַר־פּראָבלעם. די מאַכט וועט באַקומען יענער קלאַס, יענע פּאַרטיי, וואָס וועט אויפהייבן דאָס פּויערטום קעגן דעם צאַריזם און קעגן די גוטבאַזיצער. נישט דער ליבעראַליזם, נישט די דעמאָקראַטישע אינטעליגענץ וועלן נישט זיין בכוח דאָס צו טאָן: זייער היסטאָרישע מיסיע האָט זיך געענדיקט. דעם

רעוואָלוציאָנערן פּאָדערגרונט האָט שוין פאַרנומען דער פּראָלעטאַר-
יאַט. נאָר די סאָציאַל-דעמאָקראַטיע איז בכּוח אויפצוהייבן דאָס פּויער-
טום דורך די אַרבעטער. דאָס עפנט פאַר דער רוסישער סאָציאַל-דע-
מאָקראַטיע די פּערספּעקטיוו צו דערוואָרבן די מאַכט אין רוסלאַנד
פריער, ווי אין די אַנדערע מערב-מלוכות. די אוממיטלבאַרע אויפגאַבע
פון דער סאָציאַל-דעמאָקראַטיע וועט זיין — דאָס פאַרענדיקן די דע-
מאָקראַטישע רעוואָלוציע. אָבער נאָכן דערווערבן די מאַכט וועט זיך
די פּאַרטיי פון פּראָלעטאַריאַט נישט קענען באַגרענעצן מיט אַ דע-
מאָקראַטישן פּראָגראַם. זי וועט זיין געצוואונגען אַרויפצוגיין אויפן
וועג פון סאָציאַליסטישע אַקציעס. ווי ווייט זי וועט אַוועק מיט דעמ-
דאָזיקן וועג, וועט זיין אָפּהענגיק נישט בלויז פון די אינערלעכע
כּוחות-פאַרהעלטענישן, נאָר אויך פון דער גאַנצער אינטערנאַציאָנאַלער
סיטואַציע. די סטראַטעגישע גרונט-ליניע פאָדערט דעריבער, אַז די
סאָציאַל-דעמאָקראַטיע, פירנדיק אַ פאַרביסענעם קאַמף מיטן ליבעראַ-
ליזם פאַר דער השפּעה אויפן פּויערטום, זאָל זיך שוין באַצייטנס,
בעת דער בירגערלעכער רעוואָלוציע, שטעלן אַלס אויפגאַבע די דע-
ראָבערונג פון דער מאַכט.

די פראַגע וועגן דער אַלגעמיינער פּערספּעקטיוו פון דער רע-
וואָלוציע איז געווען זייער ענג פאַרבונדן מיט די טאַקטישע פּראָב-
לעמען. דער צענטראַלער פּאָליטישער לאָזונג פון דער פּאַרטיי איז
געווען די גרינדונגס-פאַרזאַמלונג. אָבער דער גאַנג פון רעוואָלוציאָ-
נערן קאַמף האָט אויפגעהייבן די פראַגע, ווער און וויאַזוי זאָל צו-
נויפגערופן ווערן די גרינדונגס-פאַרזאַמלונג. פון דער פּערספּעקטיוו
פון אַ פאָלקסאויפשטאַנד, געפירט דורכן פּראָלעטאַריאַט, האָט זיך
אַרויסגעוויזן פאַר נויטיק צו שאַפן אַ צייטווייליקע רעוואָלוציאָנערע
רעגירונג. דידאָזיקע טעמע האָט אַרויסגערופן צווישן די פירער פון
דער פּאַרטיי גרויסע חילוקי-דעות. און איך מיט קראַסינען האָבן זיך
אויך געשפּאַרט דעריבער. איך האָב אנגעשריבן טעזיסן, אין וועלכע
איך האָב באַוויזן, אַז דער פולשטענדיקער נצחון פון דער רעוואָלוציע
איבערן צאַריזם וועט הייסן ענטוועדער די מאַכט פון פּראָלעטאַריאַט,
געשטיצט אויפן פּויערטום, אָדער די אוממיטלבאַרע הכנות* צו אַזאַ
מאַכט. קראַסין האָט זיך דערשראָקן פאַר אַזאַ אַנטשיידענער שטעלונג
פון דער פראַגע. ער האָט אַקצעפּטירט דעם לאָזונג פון אַ צייטווי-
ליקער רעוואָלוציאָנערער רעגירונג, ווי אויך דאָס אַרבעטס-פּראַגראַם

פון אַזאַ רעגירונג, וואָס איך האָב אָנגעצייכנט, ער איז אָבער נישט מסכים געווען צו באַשטימען פּאָרויס די פראַגע וועגן אַ סאָציאַל־דעמאָקראַטישער מערהייט אין דער רעגירונג. אין דערדאָזיקער פאָרם זענען מיינע טעזיסן אָפּגעדרוקט געוואָרן אין פעטערבורג און קראַסין האָט זיך מתחייב געווען צו פאַרטרעטן זיי אין מאַי אויפן אַלגעמיינעם פּאַרטיי־צוזאַמענפאָר אין אויסלאַנד, וואָס איז דעמאָלט געפּלאַנט געוואָרן. דער אַלגעמיינער צוזאַמענפאָר איז אָבער נישט צושטאַנד געקומען. קראַסין האָט זיך אויפן צוזאַמענפאָר פון די באָלשעוויקעס אַקטיוו באַטייליקט אין די באַראַטונגען וועגן דער פראַגע פון אַ צייטווייליקער רעגירונג און האָט אַריינגעטראָגן מיינע טעזיסן אַלס אויסבעסערונג צו לענינס רעזאָלוציע. דערדאָזיקער עפּיזאָד איז פּאָליטיש אויף אַזויפיל אינטערעסאַנט, אַז איך בין געצוואונגען צו ציטירן די פּראָטאָקאָלן פון דעם דריטן צוזאַמענפאָר.

„וואָס איז שייך דער רעזאָלוציע פון חבר לענין", האָט קראַסין געזאָגט, „זע איך איר פעלער גראָד אין דעם, וואָס זי שטרייכט נישט אונטער די פראַגע וועגן דער צייטווייליקער רעגירונג און ווייזט נישט אָן גענוג קלאָר אויפן צוזאַמענהאַנג צווישן דער צייטווייליקער רעגירונג און דעם באַוואָפנטן אויפשטאַנד. אין דערווירקלעכקייט ווערט די צייטווייליקע רעגירונג אַרויסגערוקט דורך דעם אויפשטאַנד פון פאָלק אַלס זיין אָרגאַן... ווייטער האַלט איך פאַר נישט ריכטיק די מיינונג, וואָס ווערט אויסגעדריקט אין דער רעזאָלוציע, אַז די צייטווייליקע רעוואָלוציאָנערע רעגירונג טרעט אַזוי ווי אַרויס ערשט נ אָ כ ן ענדגילטיקן נצחון פון באַוואָפנטן אויפשטאַנד און נ אָ כ ן פאַלן פון צאַריזם. ניין, זי אַנטשטייט דווקא אין פּראָצעס פון אויפשטאַנד און נעמט דעם אַקטיווסטן אַנטייל אין זיין דורכפירונג, גאַראַנטירנדיק זיין נצחון דורך איר אָרגאַניזירנדיקער מיטאַרבעט. איך מיין, אַז עס איז זייער נאַיוו צו קלערן, אַז פאַר דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע וועט זיין מעגלעך זיך צו באַטייליקן אין דער צייטווייליקער רעוואָלוציאָנערער רעגירונג ערשט מיט דעם מאָמענט, ווען די אַליינהערשונג וועט ענדגילטיק פאַלן: אויב די קאַשטאַנעס וועלן אַרויסגענומען ווערן פון פייער דורך אַנדערע, וועט זיי קיינמאָל נישט איינפאַלן מיט אונז זיך צו טיילן". דאָס אַלץ זענען כמעט די בוכשטעבלעכע פאָרמולירונגען פון מיינע טעזיסן.

לענין, וואָס האָט אין זיין הויפּט־רעפעראַט באַהאַנדלט די פראַגע

ריין טעאָרעטיש, האָט זיך באַצויגן מיט דער גרעסטער סימפּאַטיע צו קראָסינס פאָרמולירונגען. אָט וואָס ער האָט געזאָגט: „אין כּלל בין איך לגמרי מסכּים מיט דער מיינונג פון חבר קראָסין. נאַטירלעך, האָב איך, אַלס שריפטשטעלער, גענומען אין באַטראַכט די ליטעראַרישע פאָרמולירונג פון דער פראַגע. די ציל-וויכטיקייט פונם קאַמף איז דורכן חבר קראָסין זייער ריכטיק אָנגעוויזן געוואָרן, און איך בין אינגאַנצן מיט אים איינשטימיק. מען קאָן נישט קעמפן, אויב מען זאָל בעת-מעשה נישט האָבן אין זינען צו פאַרנעמען יענעם פונקט, פאַר וועלכן מען קעמפט...״

די רעזאָלוציע איז אויפן געהעריקן אופן איבערגעאַרבעט געוואָרן. עס איז נישט איבעריק צו באַמערקן, אַז אין דער פּאָלעמיק פון די לעצטע יאָרן איז די רעזאָלוציע פון דריטן צוזאַמענפאָר וועגן דער צייטווייליקער רעגירונג הונדערטער מאָל אַנטקעגנגעשטעלט געוואָרן דעם „טראָצקיזם״. די „רויטע פּראָפעסאָרן״ פון סטאַלינס פאַרמאַציע האָבן גאָר קיין אָנונג נישט וועגן דעם, אַז אַלס מוסטער פון לעניניזם ציטירן זיי קעגן מיר יענע שורות, וואָס איך האָב זיי אַליין אָנגעשריבן.

* * *

די סביבה, אין וועלכער איך האָב געלעבט אין פינלאַנד, האָט וויניק וואָס דערמאָנט אין דער פּערמאַנענטער רעוואָלוציע: בערגלעך, סאָסנעבויימער, יעזשערעס, אַ דורכזיכטיקע האַרבסט-לופט, מנוחה. סוף סעפּטעמבער האָב איך מיך פאַרקליבן נאָך טיפער אין פינלאַנד און זיך באַזעצט אין אַ וואַלד, אויפן ברעג ים, אין אַן איינזאַמען פּענסיאָנאַט „Rauha״, דערדאָזיקער נאָמען באַדייט אויף פיניש מנוחה. דער גרויסער פּענסיאָנאַט איז אין האַרבסט אינגאַנצן אָפּגעליידיקט געוואָרן פון מענטשן. אַ שוועדישער שריפטשטעלער מיט אַן ענגלישער אַקטריסע האָבן פאַרבראַכט די לעצטע טעג, זענען נאָכדעם אַוועקגעפאָרן און נישט באַצאָלט. דער באַלעבאָס האָט זיי נאָכגעיאָגט אין העלסינגפאָרס. די באַלעבאָסטע איז געלעגן שווער קראַנק, דאָס האַרץ איז איר קינסטלעך אונטערגעהאַלטן געוואָרן דורך שאַמפּאַניער. איך האָב זי, איבעריקנס, קיינמאָל נישט געזען. אין דער אָפּוועזנהייט פון באַלעבאָס איז זי געשטאָרבן. איר קערפּער איז געלעגן אין צימער איבער מיר. דער עלטערער קעלנער איז געפאָרן קיין העל-

סינגפּאָרס זוכן דעם באַלעבאָס. צום באַדינען איז געבליבן נישט מער ווי איין יינגל. באַצייטנס איז אַרויסגעפאַלן אַ געדיכטער שניי. די סאָסנעביימער זענען געווען באַדעקט מיט תּכריכים. די סענאַטאָריע איז געווען טויט. דאָס יינגל פלעגט פאַרפאַלן ווערן אין קיך, ערגעץ אונטער דער ערד. איבער מיר איז געלעגן די טויטע באַלעבאָסטע. איך בין געווען איינער אַליין. און אַלץ צוזאַמען איז געווען „rauha"— מנוחה. קיין ילוד-אשה, קיין שום קלאַנג. איך האָב געשריבן און גע־שפּאַצירט. אינאָוונט האָט דער בריוועטרעגער געבראַכט אַ פּעקל פּע־טערבורגער צייטונגען. איך האָב זיי פאַנאַנדערגענומען איינע נאָך דער אַנדערער. פּונקט ווי אין אַן אָפענעם פענסטער וואָלט זיך אַריינגע־ריסן אַ ווילדער שטורעם. דער שטרייק האָט זיך ברייט צעוואָקסן, און זיך אַריבערגעוואָרפן פון איין שטאָט אין אַ צווייטער. אין דער שטילקייט פון האָטעל האָט דאָס שאָרכן פון די צייטונגען אָפּגעהילכט אין מיינע אויערן, ווי דער מאויזמדיקער קלאַפּ פון אַ לאַווינע. די רעוואָלוציע האָט זיך געפונען אין פולן גאַנג. איך האָב געפאָדערט ביים יינגל אַ רעכענונג, באַשטעלט אַ פערד, און פאַרלאָזנדיק מיין „מנוחה", בין איך אַנטקעגנגעפאָרן דער לאַווינע. אינאָוונט בין איך שוין אין פּעטערבורג אַרויסגעטרעטן אינם אַקט-זאַל פון דעם פּאָלי־טעכנישן אינסטיטוט.

פערצנטער קאַפּיטל

דאָס יאָר 1905

דער אָקטאָבער-שטרייק האָט זיך פאַנאַנדערגעוויקלט לגמרי אָן א פּלאַן. ער האָט זיך אָנגעהייבן פון די דרוקערײַ-אַרבעטער אין מאָסקווע, דערנאָך אָבער פסדר שוואַכער געוואָרן. דעצידירנדיקע קאַמפן האָבן די פּאַרטייען געגרייט צו די יאָרצייטן פון 9-טן און 22-טן יאַנואַר. דערפאַר טאַקע האָב איך מיך נישט שטאַרק געאײַלט ביים פאַרענדיקן די אַרבעטן אין מיין פינלענדישן מקום-מקלט. אָבער דער צופעליקער שטרייק, וואָס האָט שוין געהאַלטן אין אָפּשטאַרבן, האָט זיך פּלוצלונג אַריבערגעוואָרפן אויף די אייזנבאַנען — און עס האָט זיך אָנגעהייבן. פון ניינטן אָקטאָבער אָן פאַרשפּרייטן זיך די שטרייקן, שוין אונטער פּאָליטישע לאָזונגען, פון מאָסקווע איבערן גאַנצן לאַנד. אַזאַ מין גענעראַל-שטרייק האָט נאָך די וועלט נישט געזען. אין אַ סך שטעט זענען פאָרגעקומען אָפענע צוזאַמענשטויסן מיטן מיליטער. אַרום און אַרום אָבער זענען די אָקטאָבער-געשעענישן פאַרבליבן אין די ראַמען פון אַ פּאָליטישן שטרייק, און זיך נישט פאַרוואַנדלט אין אַ באַוואָפנטן אויפשטאַנד. און דאָך האָט דער אַבּ-סאָלוטיזם פאַרלוירן דעם קאָפּ און זיך אָנגעהייבן צוריקצוציען. עס איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן דער קאָנסטיטוציאָנעלער מאַניפעסט פון 17—30 אָקטאָבער. אמת, דער געשלאָגענער צאַריזם האָט נאָך געהאַלטן די

מאַכט-מאַשינעריע אין זיינע הענט. די רעגירונגס-פּאָליטיק איז, לויט וויטעס אויסדרוק, „מער, ווי ווען נישט איז, געווען אַ נעץ פון פּחדנות, בלינדקייט, פאַלשקייט און טפּשות". און דאָך האָט די רעוואָלוציע אָפּגעהאַלטן דעם ערשטן נצחון, וואָס איז, אמת, נישט געווען קיין פולשטענדיקער, דערפאַר אָבער אַ פּיל צוזאַגנדיקער.

„דער סאַמע ערנסטער טייל פון דער רוסישער רעוואָלוציע פון יאָר 1905, — האָט דערזעלבער וויטע שפּעטער געשריבן, — איז, נאַטירלעך, באַשטאַנען... אין דעם פאָרערשן לאָזונג: גיט אונז ערד." ד'ערמיט קאָן מען מסכּים זיין. אָבער וויטע גייט ווייטער: „דעם אַרבעטער-ראַט'', זאָגט ער, „האָב איך נישט צוגעגעבן קיין איבעריקע באַדייטונג. ער האָט טאַקע נישט געהאַט אַזאַ באַדייטונג". דאָס באַווייזט נאָר, אַז דער פּעאיקסטער פון די ביוראָקראַטן האָט נישט פאַרשטאַנען דעם זין פון יענע געשעענישן, וואָס זענען געווען אַ לעצטע התראה פאַר די הערשנדיקע קלאַסן. וויטע איז נאָך געשטאָרבן צו דער ריכטיקער צייט, אַנישט וואָלט ער אוודאי געווען געצוואונגען צו ענדערן זיינע מיינונגען וועגן דער באַדייטונג פון די אַרבעטער-ראַטן.

געקומען בין איך קיין פּעטערבורג אין רעכטן ברען פון אָקטאָבער-שטרייק. די שטרייק-כוואַליעס האָבן זיך אַלץ צעוואַקסן, עס איז אָבער פאָרגעשטאַנען אַ סכּנה, אַז די באַוועגונג, וואָס איז נישט אָנגעפירט דורך אַ מאַסן-אָרגאַניזאַציע, וועט זיך ענדיקן מיט גאָרנישט. איך בין געקומען פון פינלאַנד מיט אַ פּלאַן פון אַ געקליבענעם אומפּאַרטייאישן אָרגאַן, צו איין דעלעגאַט אויף 1000 אַרבעטער. דורכן שריפטשטעלער יאָרדאַנסקי, דעם שפּעטערדיקן סאָוויעט-געזאַנדטן אין איטאַליע, האָב איך זיך אין טאָג פון מיין קומען דערוואוסט, אַז די מענשעוויקעס האָבן שוין אַרויסגערוקט דעם לאָזונג פון אַ געקליבענעם רעוואָלוציאָנערן אָרגאַן, צו איין דעלעגאַט אויף 500 מאַן. דאָס איז געווען ריכטיק. דער טייל פון באָלשעוויסטישן צענטראַל-קאָמיטעט, וואָס האָט זיך געפונען אין פּעטערבורג, איז געווען דורכאויס קעגן אַ געקליבענעם אומפּאַרטייאישן אָרגאַן, מורא האָבנדיק, אַז דאָס זאָל נישט שאַפן אַ קאָנקורענץ פאַר דער פּאַרטיי. די אַרבעטער-באָלשעוויקעס איז דידאָזיקע מורא געווען לגמרי פרעמד. די סעקטאַנטישע באַציונג פון די באָלשעוויסטישע פירער צום סאָוויעט האָט אָנגעהאַלטן ביז לענינס קומען קיין רוסלאַנד. וועגן דער

פירערשאַפט פון די „לעניניסטן" אָן לענינען האָט מען בכלל געקאָנט אָנשרייבן זייער אַ באַלערנדיקן אַרטיקל. לענין האָט אין אַזאַ געוואַלדיקער מאָס איבערגעשטיגן זיינע נאָענטסטע תּלמידים, אַז אין זיין קעגנוואַרט האָבן זיי זיך געשפּירט, אַז זיי ווערן איינמאָל פאַר אַלעמאָל באַפרייט פון דער נויטווענדיקייט צו לייזן זעלבסטשטענדיק די טעאָרעטישע און טאַקטישע פּראָבלעמען. אָפּגעריסן אין אַ קריטישן מאָמענט פון לענינען, האָבן זיי ממש איבערראַשט מיט זייער אומבאַהאָלפנקייט. אַזוי איז געווען אין האַרבסט 1905. אַזוי איז אויך געווען אין פרילינג 1917. אין דידאָזיקע ביידע פאַלן, ווי אין אַ סך אַנדערע, היסטאָריש ווייניקער וויכטיקע, האָבן די ברייטע פּאַרטיי-קרייזן אויפגעכאַפּט מיטן חוש אַ סך ריכטיקער די אמתע ליניע, איידער די האַלבפירער, וואָס זענען אָנגעוויזן געוואָרן אויף זייערע אייגענע כּוחות. דאָס, וואָס לענין האָט פּאַרשפּעטיקט מיט זיין קומען פון אויסלאַנד, איז געווען איינע פון די סיבות, פאַרוואָס דער באָלשעוויסטישער פראַקציע איז נישט געלונגען אָנצונעמען אַן אָנפירנדיקע שטעלונג אין די געשעענישן פון דער ערשטער רעוואָלוציע.

איך האָב שוין דערמאָנט, אַז נ. י. סעדאָוואַ איז בעתן ערשטן מאַי-מיטינג אין וואַלד אַרעסטירט געוואָרן ביי אַ קאָזאַקן-אָבלאַווע. זי איז אָפּגעזעסן בערך אַ האַלב יאָר אין תּפיסה און איז דערנאָך אַרויסגעשיקט געוואָרן קיין טווער אונטער דער השגחה פון דער פּאָליציי. נאָכן אָקטאָבער-מאַניפעסט איז זי צוריקגעקומען קיין פּעטערבורג. אונטער דעם פאַמיליע-נאָמען וויקענטיעוו האָבן מיר אָנגעדונגען אַ צימער ביי אַ בערזע-שפּעקולאַנט, ווי עס האָט זיך שפּעטער אַרויסגעוויזן. די בערזע-שפּעקולאַציעס זענען געגאַנגען זייער שלעכט. אַ סך שפּעקולאַנטן האָבן זיך געמוזט אַ ביסל איינקוועטשן אין זייערע וואוינונגען. אַ טרעגער פלעגט אונז אינדערפרי אַריינברענגען אין שטוב אַלע פרישע צייטונגען. דער באַלעבאָס פלעגט זיי אָפּטמאָל נעמען ביי מיין פרוי, פלעגט ער לייענען און קריצן מיט די ציין. זיינע שפּעקולאַציעס זענען כּסדר געגאַנגען ערגער. איינמאָל האָט ער זיך פראָסט-פּשוט אַריינגעריסן צו אונז אין צימער און גענומען טרייסלען מיט דער צייטונג אינדערלופטן. „נאַט, קוקט", האָט ער געוואָיעט און געטייטלט מיטן פינגער אויף מיין נייעם אַרטיקל: „גוט-מאָרגן, פּעטערבורגער סטרוזש!" — נאַט, זעט, אַפילו צו די סטרוזשעס ווילן זיי זיך שוין אויך דערקריגן. ווען דערדאָזיקער קאַטאָרזשניק קומט מיר אויף די אויגן,

וואָלט איך אים אָט מיט דעם דערשאָסן אויפן אָרט." ער האָט אַרויס־געכאַפּט פון קעשענע אַ רעוואָלווער און געטרייסלט מיט אים אינדער־לופטן. ער האָט געהאַט אַ פּנים פון אַ מענטשן, וואָס איז משוגע גע־וואָרן. ער האָט געזוכט מיטגעפיל. מיין פרוי איז געקומען צו מיר אין רעדאַקציע מיט דערדאָזיקער אומרואיקער ידיעה. מען האָט געמוזט זוכן אַן אַנדער דירה. מיר האָבן אָבער נישט געהאַט קיין פרייע מי־נוט און זיך דעריבער פאַרלאָזט אויפן גורל. און אַזוי האָבן מיר אָפּ־געוואוינט ביי דעמדאָזיקן פאַרצווייפלטן בערזע־שפּעקולאַנט ביז מיין אַרעסט. צום גליק, איז נישט דער באַלעבאָס און נישט די פּאָליציי ביזן סאַמע סוף נישט געוואָר געוואָרן, ווער עס האָט געוואוינט אונ־טער דעם נאָמען וויקענטיעוו. נאָך מיין אַרעסט האָט מען אין אונזער דירה אפילו קיין רעוויזיע נישט געמאַכט.

אין סאָוויעט פלעג איך אַרויסטרעטן אונטער דער פאַמיליע יאַ־נאָווסקי, אויפן נאָמען פון דאָרף, וואו איך בין געבוירן געוואָרן. אין דער פּרעסע האָב איך געשריבן אַלס טראָצקי. אַרבעטן איז מיר אויס־געקומען אין דריי צייטונגען. צוזאַמען מיט פּאַרוואוסן האָבן מיר זיך געשטעלט בראש פון דער קליינער „רוסישער צייטונג" און האָבן זי פאַר־וואַנדלט אין אַ קאַמפּס־אָרגאַן פאַר די מאַסן. אין משך פון עטלעכע טעג איז דער טיראַזש פון 30.000 געשטיגן ביז 100.000. אין אַ חודש אַרום זענען די באַשטעלונגען אויף דער צייטונג דערגאַנגען ביז אַ האַלבן מיליאָן. די טעכניק האָט אָבער נישט באַוויזן אַנצויאָגן דעם וואוקס פון דער צייטונג. פון דערדאָזיקער סתירה האָט אונז סוף־כל־סוף אַרויסגעפירט די רעגירונג, וואָס האָט געמאַכט אַ תּל פון אונזער אונטערנעמונג. דעם 13־טן נאָוועמבער האָבן מיר צוזאַמען מיט די מענ־שעוויקעס געגרינדעט אַ גרויסן פּאָליטישן אָרגאַן „דער אָנהייב". דער טיראַזש פון דער צייטונג איז געוואַקסן נישט פון טאָג, נאָר פון שעה. דאָס באָלשעוויסטישע „נייע לעבן" איז אָן לענינען געווען גענוג גרוי. „דער אָנהייב", אָבער, האָט געהאַט אַ קאָלאָסאַלן דערפאָלג. איך האַלט, אַז מער ווי אַן אַנדער צייטונג האָט זיך „דער אָנ־הייב", אין פאַרלויף פון לעצטן האַלבן יאָרהונדערט, דערנענטערט צו זיין פּראָטאָטיפּ — צו „דער נייער ריינישער צייטונג" פון מאַרקסן פאַרן יאָר 1848. קאַמעניעוו, וואָס האָט געהערט צו דער רעדאַקציע פון „נייעם לעבן", האָט מיר שפּעטער דערציילט, אַז איינמאָל, פאָרנ־דיק מיט דער באַן, האָט ער זיך אויף די וואָקזאַלן צוגעקוקט צום

פאַרקויף פון די פרישע צייטונגען. אומענדלעכע רייען מענטשן האָבן אָפּגעוואַרט דעם פּעטערבורגער צוג. דער עולם האָט געזוכט נאָר רע־וואָלוציאָנערע אויסגאַבן. „דער אָנהייב! דער אָנהייב! דער אָנהייב!" האָבן זיך געהערט קולות פון די רייען. — „דאָס נייע לעבן!" — און ווידער: „דער אָנהייב! דער אָנהייב! דער אָנהייב!" „דעמאָלט", האָט זיך קאָמעניעוו מודה געווען, „האָב איך מיר געזאָגט מיט ער־גערניש: יאָ, זיי שרייבן אין „אָנהייב" בעסער, ווי מיר".

הוץ אין דער „רוסישער צייטונג" און „דעם „אָנהייב" האָב איך נאָך געשריבן לייט־אַרטיקלען אין „איזוועסטיאַ" *), דעם אָפיציעלן אָר־גאַן פון סאָוויעט, און אויך מאַסן־אויפרופן, מאַניפעסטן און רעזאָ־לוציעס. די צוויי און פופציק־טאָגיקע עקזיסטענץ פון דעם ערשטן סאָוויעט איז געווען אָנגעפילט מיט אַרבעט ביז איבערן האַלז: דער סאָוויעט, דער עקזעקוטיוו־קאָמיטעט, די כסדרדיקע מיטינגען און דריי צייטונגען. וויאַזוי מיר האָבן אין דעמדאָזיקן ווירבל געלעבט, איז מיר אַליין אויך נישט קלאָר. אין דער פאַרגאַנגענהייט זענען אָבער אַ סך זאַכן אומבאַגרייפלעך, ווייל אין די זכרונות פאַלט אַרויס דער עלעמענט פון אַקטיוקייט: דו קוקסט אויף זיך ווי אויף אַ זייטיקן מענטשן. מיר זענען אָבער אין יענע טעג געווען גענוג אַקטיוו. מיר האָבן זיך נישט בלויז געדרייט אין ווירבל, נאָר מיר האָבן אים אויך געשאַפן. אַלץ איז געמאַכט געוואָרן אין איילעניש, דאָך אָבער גאָר־נישט אַזוי שלעכט, און אַנדערע זאַכן אפילו זייער גוט. דאָקטאָר ד. מ. הערצענשטיין, אונזער פאַראַנטוואָרטלעכער רעדאַקטאָר, אַן אַלטער דעמאָקראַט, פלעגט אָפּטמאָל אַריינקומען אין רעדאַקציע אין אַן עלע־גאַנטן שוואַרצן ראָק, זיך אַוועקשטעלן אינמיטן צימער און אָנקוקן דעם גאַנצן כאַאָס אונזערן מיט אויגן פול ליבע. אין אַ יאָר אַרום האָט ער אין געריכט געמוזט געבן אַן ענטפער פאַר דעמדאָזיקן רע־וואָלוציאָנערן ברען פון דער צייטונג, אויף וועלכער ער האָט נישט געהאַט די מינדסטע השפעה. דער אַלטער האָט זיך פון אונז נישט אָפּגעשאָקלט. פאַרקערט, מיט טרערן אויף די אויגן האָט ער געשיל־דערט פאַרן געריכט, ווי מיר, די רעדאַקטאָרן פון דער פּאָפּולערסטער צייטונג, האָבן זיך געגערט ביי דער אַרבעט מיט טרוקענע קיכלעך, וואָס דער סטרוזש פלעגט אַרויפברענגען, איינגעוויקלט אין פּאַפּיר, פון

*) ידיעות, נאַכריכטן.

דער דערבייאיקער בעקערײַ. דער אַלטער האָט געמוזט אָפּקומען אַ יאָר תּפיסה — פאַר דער רעוואָלוציע, וואָס האָט נישט געזיגט, פאַר די עמיגראַנטישע חברים און פאַר די אויסגעטריקנטע קיכלעך.

אין זײַנע זכרונות האָט וויטע שפּעטער געשריבן, אַז אין יאָר 1905 איז „די גרעסטע מערהייט פון רוסלאַנד אַזויווי משוגע געוואָרן". די רעוואָלוציע איז אין די אויגן פון קאָנסערוואַטאָר אַ קאָלעקטיווער שגעון נאָר דערפאַר, ווײַל זי דערפירט ביז צו דער העכסטער אָנשטרענגונג די „נאָרמאַלע" משוגעת פון די סאָציאַלע סתירות. אָט אַזוי ווילן מענטשן זיך נישט דערקענען אין אַ דרייסטער קאַריקאַטור. די גאַנצע מאָדערנע אַנטוויקלונג פאַרשטאַרקט בינו-לבינו די סתירות, פאַרגרעסערט זיי, פאַרשאַרפט זיי, מאַכט זיי אומדערטרעגלעך און גרייט צו אויף דעם אופן אַזאַ צושטאַנד, ווען די גרויסע מערהייט „ווערט משוגע". אָבער אין אַזעלכע פאַלן טוט די משוגענע מערהייט אָן אַ צוואַנגסהעמד אויף דער קלוגער מינדערהייט. און אַ דאַנק דעם באַוועגט זיך די געשיכטע ווייטער.

דער רעוואָלוציאָנערער כאַאָס איז לגמרי נישט דאָס, וואָס אַן ערד-ציטערניש אָדער אַ פאַרפלייצונג. אין דעם תּהו-ובֹהו פון דער רעוואָלוציע הייבט זיך תּיכּף אָן אויסצופאָרמירן אַ נייער סדר, מענטשן און אידעען אָרדענען זיך אײַן נאַטירלעך אַרום נייע אַקסן. נאָר דיינער, וואָס די רעוואָלוציע וואַרפט זיי אום און קערט זיי אַוועק, זעען אין איר אײַן אַן אַבסאָלוטן שגעון. פאַר אונז איז די רעוואָלוציע געווען אַ היימישע סטיכיע, הגם זייער אַ שטורמישע. אַלץ האָט געהאַט זײַן שעה און זײַן אָרט. אַנדערע האָבן נאָך אפילו געפונען צײַט פאַר אַ פּערזענלעך לעבן: זיי האָבן זיך פאַרליבט, געשלאָסן נייע באַקאַנטשאַפטן און אפילו באַזוכט רעוואָלוציאָנערע טעאַטערס. פאַרוואָוסן איז אַזוי געפעלן געוואָרן אַ נייע סאַטירישע פּיעסע, אַז ער האָט פאַר אײַנמאָל אײַנגעקויפט 50 בילעטן פאַר זײַנע פרײַנט אויף דער נאָענטסטער פאָרשטעלונג. מען מוז אַפילו זאָגן, אַז מיט אַ טאָג פריער האָט ער גראַדע באַקומען דעם האָנאָראַר פאַר זײַנע ביכער. בעת מען האָט פאַרוואָוסן אַרעסטירט, האָט מען געפונען בײַ אים אין קעשענע 50 טעאַטער-בילעטן. די זשאַנדאַרמען האָבן זיך אַ צײַט געבראָכן די קעפּ מכּוח דעמדאָזיקן רעוואָלוציאָנערן רעטעניש.

זיי האָבן נישט געוואוסט, אַז פּאַרוואוס פּלעגט אַלץ טאָן מיט אַ גרויסן פּאַרנעם.

דער סאָוויעט האָט אויפגעהייבן אויף די פיס ריזיקע מאַסן. די אַרבעטער האָבן געהאַלטן פאַר אים שטאָל און אייזן. אין דאָרף זענען פאַר־געקומען אומרוען, פּונקט ווי אין די אָרמען, וואָס האָבן זיך צוריק־געקערט פון ווייטן מזרח נאָכן פאַרטסמוטער שלום. אָבער די גוואַרדיע און קאָזאַקן־פאָלקן זענען נאָך אַלץ געווען פעסט. אַלע עלעמענטן פון אַ נצחונפולער רעוואָלוציע זענען געווען אויף דער האַנט, אָבער די־דאָזיקע עלעמענטן זענען נאָך נישט געווען רייף.

דעם 18־טן אָקטאָבער, אויפן צווייטן טאָג נאָכן פאַרעפנטלעכן דעם מאַניפעסט, זענען פאַרן פעטערבורגער אוניווערזיטעט געשטאַנען צענדליקער טויזנטער מענטשן, וואָס זענען נאָך נישט אָפּגעקילט גע־וואָרן פון קאַמף און וואָס די שמחה פון דעם ערשטן נצחון האָט זיי אינגאַנצן פאַרשיכורט. איך האָב צו זיי אַראָפּגעשריגן פון באַל־קאָן, אַז אַ נצחון גיט נאָך נישט די געהעריקע זיכערקייט, אַז דער שונא וויל נישט קיין שלום, אַז מען האָט אונז אונטערגעשטעלט אַ פּאַסטקע, און איך האָב געריסן דעם צאַרישן מאַניפעסט און צעוואָרפן די שטיקלעך אין דער לופטן. אָבער אַזעלכע פּאָליטישע התראות לאָזן איבער אין באַוואוסטזיין פון דער מאַסע נישט מער ווי קליינע קראַ־צעלעך. זי דאַרף האָבן אַ שולע פון גרויסע געשעענישן.

איך דערמאָן מיך ביי דער געלעגנהייט אין צוויי סצענעס פונם סאָוויעט־לעבן אין פעטערבורג. איין סצענע האָט זיך אָפּגעשפּילט דעם 29־סטן אָקטאָבער, בעת די שטאָט איז געווען פול מיט ידיעות וועגן אַ פּאָגראָם, וואָס ווערט צוגעגרייט דורך דער שוואַרצער מאה. די דעפּוטאַטן, וואָס זענען געקומען פון זייערע זאַוואָדן צו דער זיצונג פון סאָוויעט, האָבן געוויזן פון דער טריבונע די מוסטערן פון גע־ווער, וואָס די אַרבעטער האָבן צוגעגרייט קעגן דער שוואַרצער מאה. זיי האָבן געפאָכעט אין דער לופט מיט פינישע מעסערס, קאַסטעטן, שפּיזן, דראָט־ריטער, אָבער דאָס אַלץ איז געמאַכט געוואָרן נישט אַזוי ערנסט, ווי פריילעך, מיט וויצן און המצאות. זיי האָבן, אפנים, גע־מיינט, אַז בלויז זייער גרייטקייט צו שטעלן אַ ווידערשטאַנד איז שוין גענוג, כדי צו לייזן די אויפגאַבע. דער רוב איז נאָך אַלץ נישט געווען דורכגעדרונגען מיטן געדאַנק, אַז דאָס איז אַ קאַמף אויף לעבן

און טויט. וועגן דעם האָבן זיי ערשט באַקומען אַ לעקציע פון די דעצעמבער-טעג.

דעם 3-טן דעצעמבער איז אָנגעוויזן דער פעטערבורגער סאָוויעט אַרומגערינגלט געוואָרן פון מיליטער. אַלע טירן און וועגן פון דעם בנין זענען פאַרשפּאַרט געוואָרן.

פון דער אויבערשטער גאַלעריע, וואו עס איז געזעסן דער עקזעקוטיוו-קאָמיטעט, האָב איך אַ געשריי געטאָן אונטן, וואו עס האָבן זיך שוין געשטויסן הונדערטער דעפּוטאַטן: „קיין ווידערשטאַנד נישט שטעלן, דאָס געווער דעם שונא נישט אַרויסגעבן". געווען איז עס בלויז האַנט-געווער: רעוואָלווערן. און אָט האָבן זיך די אַרבעטער אין זיצונגס-זאַל, וואָס איז שוין פון אַלע זייטן אַרומגערינגלט געוואָרן מיט גוואַרדיע-אינפאַנטעריע, קאַוואַלעריע און אַרט, לעריע, אַ נעם געטאָן קאַליע צו מאַכן זייער געווער. מיט געשיקטע הענט האָבן זיי געקלאַפּט דעם מאַוזער אָן דעם בראַונינג און דעם בראַונינג אָן דעם מאַוזער. און דאָס האָט שוין גאָרנישט געקלונגען מיט קיין וויצן און חוזק, ווי דעם 29-סטן אָקטאָבער. אין דער קלינגעריי און טראַסקעריי, אין דער קריצעריי פון פאַרניכטעטן מעטאַל האָט זיך געהערט די ציין-קריצעריי פון פּראָלעטאַריאַט, וואָס האָט צום ערשטן מאָל דערשפּירט ביזן סוף, אַז עס איז נויטיק אַן אַנדערע, פיל מעכטיקערע און אומברחמנותדיקע קראַפט-אָנשטרענגונג, כדי אומצוואַרפן און צעטרעטן דעם שונא.

דער האַלבער נצחון פון אָקטאָבער-שטרייק האָט פאַר מיר, אויסער דער פּאָליטישער, געהאַט אויך אַן אומגעהייערע טעאָרעטישע באַדייטונג. נישט די אָפּאָזיציאָנעלע באַוועגונג פון דער ליבעראַלער בורזשואַזיע, נישט דער סטיכישער אויפשטאַנד פון די פּויערים, נישט די טעראָריסטישע אַקטן פון דער אינטעליגענץ, נאָר דער אַרבעטער-שטרייק האָט צום ערשטן מאָל אַוועקגעשטעלט דעם צאַריזם אויף די קני. די רעוואָלוציאָנערע העגעמאָניע פון פּראָלעטאַריאַט האָט זיך אַרויסגעוויזן אַלס אומבאַשטרייטבאַרער פאַקט. איך האָב פעסטגעשטעלט, אַז די טעאָריע פון דער פּערמאַנענטער רעוואָלוציע האָט אויסגעהאַלטן דעם ערשטן גרויסן נסיון. די רעוואָלוציע האָט דייטלעך געעפנט פאַרן פּראָלעטאַריאַט די פּערספּעקטיוו פון דער מאַכט-דעראָבערונג. פון דערדאָזיקער פּאָזיציע האָבן מיך שוין די רעאַקציע-יאָרן, וואָס זענען באַלד אָנגעקומען, נישט געקענט אַראָפּשטויסן. אָבער דערפון האָב

איך געמאַכט גשוויסע אויספירונגען אויך פאַרן מערב. אויב אַזוי זעט אויס די קראַפט פון יונגן פראָלעטאַריאַט אין רוסלאַנד, הייבט ווי שטאַרק וועט שוין זיין די רעוואָלוציאָנערע מאַכט אין די פּראָגרעסיווע לענדער?

אויף זיין אייגנאַרטיקן, אומגעניטעם און אָפּגעלאָזענעם שטייגער האָט לונאַטשאַרסקי שפּעטער אַזויאַרום כאַראַקטעריזירט מיין רעוואָלוציאָנערע קאָנצעפּציע: „חבר טראָצקי איז (אין 1905) געשטאַנען אויף דעם שטאַנדפּונקט, אַזביידע רעוואָלוציעס (די בורזשואַזע און די סאָציאַליסטישע), הגם זיי פאַלן נישט צוזאַמען, זענען זיי דאָך איינע מיט דער צווייטער אַזוי פאַרבונדן, אַז מיר האָבן פאַר זיך אַ פּערמאַנענטע רעוואָלוציע. אַריינטרעטנדיק אין דעם רעוואָלוציאָנערן פּעריאָד דורך דער בירגערלעכער פּאָליטישער איבערקערעניש, וועט דער רוסישער טייל פון דער מענטשהייט, און מיט אים אויך די גאַנצע וועלט, שוין נישט קענען אַרויסגיין פון דעמדאָזיקן פּעריאָד ביזן פאַרענדיקן די סאָציאַלע רעוואָלוציע. מען קאָן נישט אָפּלייקענען, אַז פאָרמולירנדיק דידאָזיקע מיינונגען, האָט ח. טראָצקי אַרויסגעוויזן אַ סך שאַרפזין, הגם ער האָט זיך טועה געווען אויף גאַנצע פופצן יאָר”.

די באַמערקונג מכּוח דעם טעות אויף פופצן יאָר ווערט אָבער נישט טיפזיניקער דערפון, וואָס שפּעטער האָט זי אויך ראַדעק איבערגעחזרט. אַלע אונזערע פּערספּעקטיוון און לאָזונגען אין יאָר 1905 זענען געווען אויסגערעכנט אויפן נצחון פון דער רעוואָלוציע, און נישט אויף איר מפּלה. מיר האָבן דעמאָלט נישט רעאַליזירט — נישט די רעפּובליק, נישט די אַגראַר-רעפאָרמען און נישט דעם אַכטשעהדיקן אַרבעטסטאָג. צי הייסט עס אָבער, אַז מיר האָבן זיך טועה געווען, אַרויסרוקנדיק דידאָזיקע פאָדערונגען? די מפּלה פון דער רעוואָלוציע האָט אומגעוואָרפן אַלע פּערספּעקטיוון, נישט בלויז די, וועלכע איך האָב אַנטוויקלט. עס האָט זיך נישט געהאַנדלט וועגן פעסטשטעלן דעם טערמין פון דער רעוואָלוציע, נאָר וועגן דעם אַנאַליז פון אירע אינעווייניקסטע כּוחות און דער פאָרויסזעצונג פון איר אַנטוויקלונג אַלס גאַנצקייט.

ווי האָט עס געהאַלטן מיט די קעגנזייטיקע באַציונגען צווישן מיר און לענינען אין דער רעוואָלוציע פון יאָר 1905? נאָך זייט טויט איז די אָפיציעלע געשיכטע פונדאָסניי איבערגעאַרבעט געוואָרן און דערביי איז אויך פאַרן יאָר 1905 פעסטגעשטעלט געוואָרן דער קאַמף

פון צוויי פּרינציפּן: פון גוט און שלעכט. ווי האָט עס אָבער אויסגעזען אי דער ווירקלעכקייט? אין דער אַרבעט פון סאָוויעט האָט לענין קיי דירעקטן אנטייל נישט גענומען, אין סאָוויעט איז ער נישט אַרויסגעטרעטן. עס איז איבעריק צו זאָגן, אַז ער האָט אויפמערקזאַם פאַרפאָלגט יעדן טריט פון סאָוויעט, משפּיע געווען אויף זיין פּאָלי־טיק דורך די פאַרשטייער פון דער באָלשעוויסטישער פראַקציע און באַלויכטן די טעטיקייט פון סאָוויעט אין זיין צייטונג. אין קיין שום פראַגע זענען נישט געווען קיין שום חלוקי־דעות צווישן לענינען און דער פּאָליטיק פון סאָוויעט. ווי עס באַווייזן אָבער די דאָקומענטן, זענען אַלע החלטות פון סאָוויעט, אויסער אפשר עטלעכע צופעליקע און אומוויכטיקע, געווען פאָרמולירט און אַריינגעטראָגן דורך מיר, לכתחילה אין עקזעקוטיוו־קאָמיטעט און דערנאָך פון זיין נאָמען אין סאָוויעט. בעת עס איז אויפגעקומען די פעדעראַטיווע קאָמיסיע פון די פאַרשטייער פון באָלשעוויקעס און מענשעוויקעס, איז מיר ווידער־אַמאָל אויסגעקומען אַרויסצוטרעטן אין איר נאָמען אין עקזעקוטיוו־קאָמיטעט. קיין שום קאָנפליקט איז דערביי נישט פאָרגעקומען.

פאַר דעם ערשטן פאָרזיצער פון סאָוויעט איז מיט אַ טאָג פריער פאַר מיין קומען פון פינלאַנד אויסגעוויילט געוואָרן דער יונגער אַד־וואָקאַט כרוסטאַליעוו, אַ צופעליקע פיגור אין דער רעוואָלוציע, אַ צווישן־שטאַפּל פון גאַפּאָנען צו דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע. כרוסטאַ־ליעוו האָט געפירט דעם פאָרזיץ, אָבער פּאָליטיש האָט ער נישט אָנ־געפירט. נאָך זיין אַרעסט איז אויסגעוויילט געוואָרן אַ פּרעזידיום מיט מיר אַלס פאָרזיצער. סווערטשקאָוו, איינער פון די געניוג אָנגעזעענע אָנטיילנעמער אין סאָוויעט. שרייבט אין זיינע זכרונות: „דער אידעאָלאָגישער פירער פון סאָוויעט איז געווען ל. ד. טראָצקי. דער פאָרזיצער פון סאָוויעט — נאָסאַר־כרוסטאַליעוו, איז גיכער געווען אַ שירם, ווייל אַליין איז ער נישט געווען אימשטאַנד צו לייזן קיין שום פּרינציפּיעלע פראַגע. אַ מענטש מיט אַ קראַנקער אייגנליבע האָט ער פיינט באַקומען ל. ד. טראָצקין טאַקע נאָר דערפאַר, וואָס ער האָט זיך כסדר געמוזט ווענדן צו אים נאָך עצות און אָנווייזונגען." לונאַטשאַרסקי דערציילט אין זיינע מעמוּאַרן: „איך געדענק, ווי עמעצער האָט אַ זאָג געטאָן אין לע־נינס קעגנוואַרט: „כרוסטאַליעווס שטערן הייבט שוין אָן אונטערצוגיין, און איצט איז דער שטאַרקסטער מענטש אין סאָוויעט — טראָצקי." אויף אַ רגע איז לענינס פּנים אַזוי פינסטער געוואָרן, נאָכדעם אָבער

האָט ער געזאָגט: „נו, יאָ, טראָצקי האָט עס זיך אויסגעקעמפט מיט זיין אומדערמידלעכער און גלאַנצפולער אַרבעט."

די באַציונגען צווישןביידע רעדאַקציעס זענען געווען די סאַמע פריינטלעכסטע. מען האָט נישט געפירט קיין שום פּאָלעמיק צווישן איינאַנדער. „עס איז אַרויס דער ערשטער נומער פון „דעם אָנהייב"", — האָט געשריבן דאָס באָלשעוויסטישע „נייע לעבן". — „מיר באַגריסן דעם קאַמפּס-חבר. אין ערשטן נומער וואַרפט זיך באַזונדערס אין די אויגן די גלענצנדיקע שילדערונג פון נאָוועמבער-שטרייק, וואָס איז אָנגע-שריבן געוואָרן פון חבר טראָצקי". אַזוי שרייבט מען נישט, בעת מען פירט מיט עמעצן אַ קאַמף. קיין קאַמף איז אָבער נישט געווען. פאַר-קערט, די צייטונגען האָבן פּאַרטיידיקט איינאַנדער קעגן דער ביר-גערלעכער קריטיק. „דאָס נייע לעבן" האָט שוין אַפילו נאָך לענינס קומען גענומען אַ וואָרט צו פּאַרטיידיקן מיינע אַרטיקלען וועגן דער פּערמאַנענטער רעוואָלוציע. די צייטונגען האָבן געהאַלטן פון דעם, אַז מען דאַרף זיך צונויפגיסן, ווי דאָס האָבן אויך געהאַלטן ביידע פראַקציעס. דער צענטראַל-קאָמיטעט פון די באָלשעוויקעס האָט, אונטער לענינס מיטווירקונג, איינשטימיק אָנגענומען אַ רעזאָלוציע אין דעם זין, אַז די שפּאַלטונג איז בכלל געווען בלויז אַ רעזולטאַט פון די באַדינגונגען אין דער עמיגראַציע, און אַז די געשעענישן פון דער רעוואָלוציע האָבן אַרויסגעריסן דעם באָדן פון אונטער דעם פראַקציאָנעלן קאַמף. דיזעלבע ליניע האָב איך, ביי מאַרטאָווס פּאַסיוון ווידערשטאַנד, געפירט אויך אין „דעם אָנהייב".

אונטערן דרוק פון די מאַסן האָבן די מענשעוויקעס אין דעם ערשטן פּעריאָד מיט אַלע כּוחות זיך באַמיט צוצופּאַסן אין סאָוויעט צו דעם לינקן פליגל. די ווענדונג איז ביי זיי פאָרגעקומען ערשט שפּעטער, נאָך דעם ערשטן קלאַפּ פון דער רעאַקציע. אין פעברואַר 1906, האָט זיך דער פירער פון די מענשעוויקעס, מאַרטאָוו, געקלאָגט אין אַ בריוו צו אַקסעלראָדן: „אָט זענען שוין אַריבער צוויי חדשים... איך האָב נישט געקאָנט פּאַרענדיקן קיין איין אָנגעהייבן ווערק... צי דאָס איז נייראַסטעניע, צי פּסיכישע מידקייט — אָבער איך האָב זיך נישט געקאָנט קיין עצה געבן מיט מיינע געדאַנקען." מאַרטאָוו האָט נישט געוואוסט ווי אָנצורופן זיין מחלה. זי האָט אָבער געהאַט אַ גענוי אויסגעשפּראָכענעם נאָמען: מ ע נ ש ע וו י ז ם. אין דער עפּאָכע

פון רעוואָלוציע איז דער אָפּאָרטוניזם קודם-כּל — פאַרלוירנקייט און אומפעאיקייט „זיך אַן עצה צו געבן מיט די געדאַנקען".

בעת די מענשעוויקעס האָבן גענומען עפנטלעך זיך שלאָגן על חטא און פאַראורטיילן די פּאָליטיק פון סאָוויעט, האָב איך זי פאַרטיידיקט אין דער רוסישער פּרעסע, און דערנאָך אין דער דייטשער און אין פּוילישן זשורנאַל פון ראָזע לוקסעמבורג. פון דעמדאָזיקן קאַמף פאַר די מעטאָדן און טראַדיציעס פון יאָר 1905 איז אויסגעוואַקסן מיין בוך, וואָס האָט לכתחילה געטראָגן דעם נאָמען „רוסלאַנד אין דער רעוואָלוציע", און איז שפּעטער אַרויסגעגעבן געוואָרן אין עטלעכע אויפלאַגן אין פאַרשיידענע לענדער אונטערן טיטל „1905". נאָך דער אָקטאָבער-איבערקערעניש האָט דאָסדאָזיקע ווערק באַקומען דעם כאַראַקטער פון אַן אָפיציעלן לערנבוך פאַר דער פּאַרטיי, נישט בלויז אין רוסלאַנד, נאָר אויך ביי אַלע קאָמוניסטישע פּאַרטייען אין מערב. ערשט נאָך לענינס טויט, בעת עס האָט זיך אָנגעהייבן די גוט צוגעגרייטע קאַמפּאַניע קעגן מיר, איז אויך מיין בוך „1905" אַריין אין דער ספערע פון פייער. לכתחילה האָט מען זיך באַגרעניצט מיט איינצלנע באַמערקונגען און טענות, קליינלעכע און נישטיקע. ביסלעכווייז אָבער איז די קריטיק געוואָרן דרייסטער, גרעסער, קאָמפּליצירטער, זיך אַלץ שטאַרקער אָנגעזעצט און וואָס מער זי האָט געדאַרפט פאַרשטיקן די שטימע פון איר אייגענער אומרואיקייט, אַלץ העכער האָט זי געשריען. אַזוי איז הינטער-אַרום געשאַפן געוואָרן די לעגענדע וועגן דעם קאַמף פון די ריכטונגען צווישן לענינען און טראָצקין אין דער רעוואָלוציע פון יאָר 1905.

די רעוואָלוציע פון יאָר 1905 האָט געבראַכט אַן איבערברוך אין לעבן פון לאַנד, אין לעבן פון דער פּאַרטיי און אין מיין פּערזענלעכן לעבן. דער איבערברוך איז געגאַנגען אין דער ריכטונג פון רייפקייט. מיין ערשטע רעוואָלוציאָנערע אַרבעט אין ניקאָלאַיעוו איז געווען אַ פּראָווינציעלער פּרואוו, וואָס איז געמאַכט געוואָרן טאַפּנדיק אינדערפינסטער. דערדאָזיקער פּרואוו האָט אָבער געבראַכט געוויסע רעזולטאַטן. אפשר איז מיר נאָך קיינמאָל, אַפילו אין די שפּעטערדיקע יאָרן, נישט אויסגעקומען צו שטיין אין אַזאַ נאָענטן קאָנטאַקט מיט די פּשוטע אַרבעטער, ווי אין ניקאָלאַיעוו. איך האָב נאָך דעמאָלט נישט געהאַט קיין „נאָמען", און קיין שום זאַך האָט מיך פון זיי נישט אָפּגעטיילט. די גרונט-טיפּן פונם רוסישן פּראָלע-

טאַריער זענען אויף שטענדיק אַריין אין מיין באַוואוסטזיין. שפּעטער האָב איך שוין אָנבאַגעגנט בלויז פאַרשיידענע וואַריאַנטן פון דידאָזיקע גרונט-טיפּן. אין תפיסה איז מיר אויסגעקומען אָנצוהייבן דעם רעוואָלוציאָנערן לימוד כמעט פון אלף-בית. צוויי מיט אַ האַלב יאָר תפיסה, צוויי יאָר פאַרשיקונג האָבן געגעבן די מעגלעכקייט צו לייגן דעם טעאָרעטישן פונדאַמענט פאַר מיין רעוואָלוציאָנערער וועלט-באַנעמונג. די ערשטע עמיגראַציע איז געווען אַ גרויסע שולע פון פּאָליטיק. אונטער דער אָנפירונג פון אויסגעצייכנטע מאַרקסיסטן-רעוואָלוציאָנערן האָב איך מיך דאָ געלערנט צוצוגיין צו די געשעענישן מיטן מאַסשטאַב פון אַ גרויסער היסטאָרישער פּערספּעקטיוו און אין אַ אינטערנאַציאָנאַלן צוזאַמענהאַנג. צום סוף פון דער עמיגראַציע האָב איך זיך אָפּגעשיידט פון ביידע אָנפירנדיקע גרופּעס: פון דער באָלשעוויסטישער און מענשעוויסטישער. קיין רוסלאַנד בין איך געקומען אין פעברואַר 1905, בעת די איבעריקע אָנפירנדיקע עמיגראַנטן זענען געקומען ערשט אין אָקטאָבער און נאָוועמבער. צווישן די רוסישע חברים איז נישט געווען קיין איינער, ביי וועלכן איך זאָל מיך קענען לערנען. פאַרקערט, איך בין אַליין אַריין אין דער ראָל פון אַ לערער. די געשעענישן פון שטורעמדיקן יאָר האָבן געיאָגט איינס דאָס אַנדערע. מען האָט געמוזט פאַרנעמען אַ פּאָזיציע גלייך אויפן אָרט. די פּראָקלאַמאַציע איז פון אונטער דער פעדער געגאַנגען דירעקט אין דער אומלעגאַלער דרוקעריי. די טעאָרעטישע יסודות, דערוואָרבן אין תפיסה און פאַרשיקונג, דער פּאָליטישער מעטאָד, וואָס איז איבערגענומען געוואָרן אין דער עמיגראַציע, האָבן דאָ צום ערשטן מאָל געפונען די אוממיטלבאַרע אָנווענדונג אין קאַמף. איך האָב מיך געשפּירט זיכער לגבי די געשעענישן. איך האָב פאַרשטאַנען זייער מעכאַניק — אַזוי האָט זיך מיר, לפּחות, געדאַכט — איך האָב מיר פאָרגעשטעלט, ווי אַזוי זיי דאַרפן ווירקן אויפן באַוואוסטזיין פון די אַרבעטער, און איך האָב פאָרויסגעזען אין די גרונטשטריכן דעם מאָרגנדיקן טאָג. פון פעברואַר ביז אָקטאָבער האָט מיין אָנטייל אין די געשעענישן געטראָגן, דער עיקר, אַ ליטעראַרישן כאַראַקטער. אין אָקטאָבער האָב איך זיך מיטאַמאָל אַרונטערגעטונקט אין דעם ריזעדיקן שפּרודל, וואָס אין פּערזענלעכן זין איז עס אוודאי געווען דער העכסטער נסיון. די החלטות האָט מען געמוזט אָננעמען סאַמע אונטערן פייער. איך מוז דאָ באַמערקן, אַז דידאָזיקע החלטות

טראָצקי אין יאָר 1904.

האָב איך אָנגענומען ווי עטוואָס אַזוינס, וואָס איז זעלבסטפאַרשטענדלעך. איך האָב גאָרנישט געקלערט פון דעם, וואָס עס וועלן אַנדערע זאָגן דערויף. זעלטן ווען האָב איך געהאַט אַ מעגלעכקייט מיט עמעצן זיך מיישב צו זיין — אַלץ איז געטאָן געוואָרן אין דער גרעסטער איילעניש. מיט שטיינונג און פרעמדקייט האָב איך מיך שפּעטער צוגעקוקט צו מאַרטאָוון, דעם קליגסטן פון די מענשעוויקעס, וואָס יעדע גרויסע געשעעניש פלעגט אים פאַרכאַפּן אומגעריכט און אַרויספירן פון די כּלים. נישט קלערנדיק פון דעם, — ס'איז געבליבן זייער ווייניק צייט, אַז איך זאָל מיך קענען עקזאַמענירן — האָב איך אָבער אָרגאַניש דאָך געשפּירט, אַז די שוליאָרן זענען הינטער מיר. זיי האָבן זיך פאַר מיר געענדיקט נישט אין דעם זין, וואָס איך האָב מיך אויפגעהערט צו לערנען. ניין, דאָס באַדערפעניש און גרייטקייט זיך צו לערנען האָב איך מיט דער גאַנצער אינטענסיווקייט און פרישקייט אַדורכגעטראָגן דורך מיין גאַנצן לעבן. אָבער שפּעטער האָב איך זיך שוין געלערנט, ווי אַ לערער און נישט ווי אַ תּלמיד. אין דעם מאָמענט פון מיין צווייטן אַרעסט בין איך אַלט געווען 26 יאָר. און פון דעם אַלטן דייטשן האָב איך באַקומען מיין רייפקייט-אַטעסטאַט: אין תּפיסה האָט ער זיך פייערלעך אָפּגעזאָגט צו רופן מיך ווייטער „יינגל" און איז איבערגעגאַנגען צו מיין נאָמען און פאָטער-נאָמען.

אין דעם פון פריער ציטירטן ביכל „סילועטן", וואָס איז היינט פאַרבאָטן, שאַצט אָפּ לונאַטשאַרסקי די ראָל פון די פירער אין דער ערשטער רעוואָלוציע אויף אַזאַ מין אופן: „זיין (טראָצקיס) פּאָפּולערקייט ביי דעם פּעטערבורגער פּראָלעטאַריאַט בעתן אַרעסט איז געווען זייער גרויס און איז נאָך אויסגעוואַקסן אַ דאַנק זיין אומגעוויינלעך בילדלעכער (?) און העראָישער (?) האַלטונג אויפן געריכט. איך מוז זאָגן, אַז פון אַלע סאָציאַל-דעמאָקראַטישע פירער אין די יאָרן 1905—1906 האָט זיך טראָצקי, נישט נישט געקוקט אויף זיין יוגנט, אַרויסגעוויזן פאַר דעם מער צוגעגרייטן; ווייניקער פון אַלץ איז אויף אים געלעגן דער חותם פון אַ געוויסער עמיגראַנטישער באַגרענעצטקייט, וואָס האָט, ווי איך האָב שוין געזאָגט, געשטערט אַפילו לענינען. ער האָט מער ווי די אַלע אַנדערע געפילט, וואָס דאָס איז אַזוינס אַ קאַמף מיט אַ מלוכה און ער איז אַרויס פון דער רעוואָלוציע מיט דער גרעסטער דעראָבערונג אין זין פון פּאָפּולערקייט: נישט לענין, נישט מאַרטאָוו האָבן אין פלוג גאָרנישט געוואונען. פּליעכאַ-

באַווי האָט זייער פּיל פאַרשפּילט צוליב די האַלב־קאַדעטישע טענדענצן, וואָס האָבן זיך אין אים אַרויסגעוויזן. טראָצקי אָבער האָט פון יענער צייט אָן פאַרנומען אַן אָרט אין דער ערשטער ריי". דידאַקטיקע שורות, געשריבן אין יאָר 1923, האָבן באַזונדערס אַזאַ אויסדרוקס־פולן קלאַנג, ווייל היינט שרייבט שוין דערזעלבער לונאַטשאַרסקי פונקט דעם היפּוך—שוין נישט אַזוי „בילדלעך" און נישט אַזוי „העראָאיש".

קיין שום גרויסע אַרבעט איז נישט מעגלעך אָן אינטואיציע, דאָס הייסט, אָן יענעם אונטערבאַוואוסטזיניקן חוש, וואָס קאָן זיין, אַ דאַנק דער טעאָרעטישער און פּראַקטישער אַרבעט, אַנטוויקלען און באַרייכערן, אָבער מיט וועלכן מען מוז פריער געבוירן ווערן. נישט די טעאָרעטישע בילדונג און נישט די פּראַקטישע רוטין קאָנען נישט פאַרבייטן די פּאָליטישע אויגנמאָס, וואָס גיט די מעגלעכקייט זיך צו אָריענטירן אין דער סיטואַציע, אָפּצושאַצן זי אין דער גאַנצער גרויס און פאָרויסזען איר ווייטערדיקע אַנטוויקלונג. אַ דעצידירנדיקע באַדייטונג באַקומט דידאַקטיקע פעאיקייט אין אַ תקופה פון שאַרפע ווענדונגען און איבערברוכן, ד. ה. אין די באַדינגונגען פון אַ רעוואָלוציע. די געשעענישן פון יאָר 1905 האָבן, ווי מיר שיינט, אַנטפּלעקט אין מיר דידאַקטיקע רעוואָלוציאָנערע אינטואיציע און מיר דערלויבט אויך ווייטער זיכער זיך צו שטיצן אויף איר. איך וויל דאָ נאָר באַמערקן, אַז די פעלערן, וואָס איך האָב געמאַכט, ווי וויכטיק זיי זאָלן נישט זיין — און עס זענען געווען פעלערן פון אומגעהייערער וויכטיקייט — האָבן באַרירט בלויז אָרגאַניזאַטאָרישע אָדער טאַקטישע פראַגן, אָבער נישט פּרינציפּיעלע און סטראַטעגישע. אין דער אָפּשאַצונג פון דער אַלגעמיינער פּאָליטישער סיטואַציע און אירע רעוואָלוציאָנערע פּערספּעקטיוון קאָן איך מיך מיט אַ ריינעם געוויסן נישט באַשולדיקן אין קיין שום ערנסטע פעלערן.

אין לעבן פון רוסלאַנד איז די רעוואָלוציע פון יאָר 1905 געווען אַ מין גענעראַל־רעפּעטיציע פון דער רעוואָלוציע אין יאָר 1917. דיזעלבע באַדייטונג האָט זי אויך געהאַט אין מיין פּערזענלעכן לעבן. אין די געשעענישן פון יאָר 1917 בין איך אַריין מיט דער פולסטער אַנטשלאָסנקייט און זיכערקייט, ווייל פאַר מיר זענען זיי בלויז געווען

דער המשך און די אַנטוויקלונג פון יענער רעוואָלוציאָנערער אַרבעט, וואָס איז איבערגעריסן געוואָרן דורך דעם אַרעסט פון פּעטראָגראַדער סאָוויעט דעם 3-טן דעצעמבער 1905.

דער אַרעסט איז פֿאָרגעקומען אויפן צווייטן טאָג נאָך אונזער פֿאַרעפֿנטלעכן דעם אַזויגערופֿענעם פינאַנץ-מאַניפעסט, וואָס האָט פּראָקלאַמירט דעם אומפֿאַרמיידלעכן פינאַנציעלן באַנקראָט פון צאַריזם און קאַטעגאָריש געוואָרנט, אַז דאָס זיגרייכע פאָלק וועט נישט אָנערקענען די חובות פון די ראָמאַנאָווס. „די אַליינהערשונג האָט קיינמאָל נישט געוואונען דעם צוטרוי פון פאָלק", — האָט מבשר געווען דער מאַניפעסט פון סאָוויעט פון די אַרבעטער-דעפּוטאַטן, — „און נישט באַקומען פון אים קיין שום פולמאַכטן. דעריבער באַשליסן מיר נישט צו דערלאָזן קיין שום חובות-אָפּצאָלונגען פון יענע אַלטע הלוואות, וואָס די צאַרישע רעגירונג האָט געמאַכט אין דער צייט, ווען זי האָט אָפן געפירט אַ קריג מיטן גאַנצן פאָלק". די פראַנצויזישע בערזע האָט אין דריי חדשים אַרום געענטפערט אויף אונזער מאַניפעסט מיט אַ נייער הלוואה פאַרן צאַר אינדערהויך פון דריי פערטל מיליאָן פראַנק. די פרעסע פון דער רעאַקציע און ליבעראַליזם האָט חוזק געמאַכט פון דער אומבאַהאָלפענער דראָונג פון סאָוויעט אויפן אַדרעס פון די צאַרישע פינאַנצן און די אייראָפּעישע באַנקירן, דערנאָך האָט מען זיך באַמיט דעם מאַניפעסט צו פאַרגעסן. ער האָט אָבער אַליין דערמאָנט אָן זיך. דער פינאַנסיעלער באַנקראָט פון צאַריזם, וואָס איז צוגעגרייט געוואָרן דורכן גאַנצן עבר, איז אויסגעבראָכן גלייכצייטיק מיט זיין מיליטערישן חורבן. און שפּעטער, נאָכן נצחון פון דער רעוואָלוציע, האָט דער דעקרעט פון די סאָוויעטישע פאָלקס-קאָמיסאַרן, וואָס איז אַרויסגעגעבן געוואָרן דעם 10-טן פעברואַר 1918, פּראָקלאַמירט די פולשטענדיקע אַנולירונג פון אַלע צאַרישע חובות. דערדאָזיקער דעקרעט איז געבליבן אין קראַפט ביזן היינטיקן טאָג. נישט גערעכט זענען יענע, וואָס טענהן, אַז די אָקטאָבער-רעוואָלוציע אָנערקענט כלומרשט נישט קיין שום פאַרפליכטונגען. *אירע* פאַרפליכטונגען אָנערקענט יאָ די רעוואָלוציע. די פאַרפליכטונג, וואָס זי האָט גענומען אויף זיך דעם 2-טן דעצעמבער 1905, האָט זי פאַרווירקלעכט דעם 10-טן פעברואַר 1918. די בעלי-חובות פון צאַריזם האָט די

רעוואָלוציע דאָס רעכט צו דערמאָנען: „רבותי, מען האָט אייך גע־וואָרנט צו דער ריכטיקער צייט!"

אין דער הינזיכט, ווי אין אַלע אַנדערע, האָט דאָס יאָר 1905 צוגעגרייט דאָס יאָר 1917.

פופצעטער קאַפּיטל

פּראָצעס, פאַרשיקונג, פּליטה

עס האָט זיך אָנגעהייבן דער צווייטער תּפיסה-ציקל. איך האָב אים איבערגעטראָגן אַ סך לייכטער, ווי דעם ערשטן, און אויך די באַדינגונגען זענען געווען פיל גינסטיקער, ווי מיט אַכט יאָר צוריק. איך בין אָפּגעזעסן אַ געוויסע צייט אין „קרעסטי", דערנאָך אין פּעטראָפּאַוולער פעסטונג, און צולעצט אין דער פּרעווענטיוו-תּפיסה. פאַרן אַרויסטראַנספּאָרטירן קיין סיביר האָט מען אונז נאָך איבערגעפירט אין דער עטאַפּן-תּפיסה. אַרום און אַרום האָט עס געדויערט פופצן חדשים. יעדע פון דידאָזיקע תּפיסות האָט געהאַט אירע אייגנאַרטיקייטן, צו וועלכע מען האָט זיך געמוזט צופּאַסן. אָבער דערציילן וועגן דעם וואָלט געווען צו לאַנגווייליק, ווייל ביי זייער גאַנצער פאַרשיידנאַרטיקייט זענען דאָך אַלע תּפיסות ענלעך איינע צו דער צווייטער. ווידער האָט זיך אָנגעהייבן אַ צייט פון סיסטעמאַטישער, וויסנשאַפטלעכער און ליטעראַרישער אַרבעט. איך האָב שטודירט די טעאָריע פון באָדן-רענטע און די געשיכטע פון די סאָציאַלע פאַרהעלטענישן אין רוסלאַנד. אַ גרויסע, אָבער נישט פאַרענדיקטע אַרבעט איבער דער באָדן-רענטע איז פאַרלוירן געגאַנגען נאָך אין די ערשטע יאָרן נאָך דער אָקטאָבער-איבערקערעניש. דאָס איז פאַר מיר געווען דער שווערסטער פאַרלוסט, נאָכדעם, ווי עס איז פאַרלוירן גע-

גאַנגען מיין אַרבעט וועגן דער פּריימויעריי. די אַרבעט איבער דער סאָציאַלער געשיכטע אין רוסלאַנד האָט געפונען איר אויסדרוק אין דעם אַרטיקל „סך־הכּלען און פּערספּעקטיוון", וואָס שטעלט מיט זיך פאָר פאַר יענעם פּעריאָד די אַממייסטן באַגרינדעטע טעאָריע פון דער פּערמאַנענטער רעוואָלוציע.

נאָכדעם, ווי מען האָט אונז איבערגעפירט אין דער פּרעווענטיוו־תּפיסה, האָבן די אַדוואָקאַטן באַקומען צו אונז אַ צוטריט. די ערשטע דומע האָט אַריינגעטראָגן אַן אויפלעבונג אין פּאָליטישן לעבן. די צייטונגען האָבן ווידער אָנגעהייבן רעדן מיט אַ דרייסטערן לשון. עס האָבן אויפגעלעבט די מאַרקסיסטישע פאַרלאַגן. מען האָט זיך געקאָנט אומקערן צוריק צו דער קאַמפּס־פּובליציסטיק. אין תּפיסה האָב איך פיל געשריבן, און די אַדוואָקאַטן האָבן אין זייערע טעקעס אַרויסגעטראָגן אויף דער פריי מיינע מאַנוסקריפּטן. צו יענער צייט געהערט טאַקע מיין פּאַמפלעט „פּיאָטער סטרואווע אין דער פּאָליטיק". איך האָב געאַרבעט איבער אים מיט אַזאַ התמדה, אַז דער תּפיסה־שפּאַציר האָט מיר אויסגעזען, ווי אַ פאַרדריסלעכע לאַסט. געווענדט קעגן דעם ליבעראַליזם, האָט דער פּאַמפלעט פאַקטיש פאָרגעשטעלט מיט זיך אַ פאַרטיידיקונג פון פּעטערבורגער סאָוויעט, פון באַוואָפנטן דעצעמבער־אויפשטאַנד אין מאָסקווע און בכלל פון דער רעוואָלוציאָנערער פּאָליטיק קעגן דער אָפּאָרטוניסטישער קריטיק. די באָלשעוויסטישע פּרעסע האָט אויפגענומען דעם פּאַמפלעט מער ווי סימפּאַטיש, די מענשעוויסטישע אָבער האָט אָנגענומען אַ מויל מיט וואַסער. דער פּאַמפלעט איז זיך אין משך פון עטלעכע וואָכן פאַנאַנדערגעגאַנגען אין צענדליקער טויזנטער עקזעמפּליאַרן.

ד. סווערטשקאָוו, וואָס איז צוזאַמען מיט מיר געזעסן אין תּפיסה, האָט שפּעטער אין זיין בוך „דער באַגינען פון דער רעוואָלוציע" אויף אַזאַ מין אופן געשילדערט יענעם תּפיסה־פּעריאָד: „ל. ד. טראָצקי האָט אַלץ מיט איין אָטעם געשריבן און איבערגעגעבן טיילווייז צום דרוקן זיין בוך „רוסלאַנד און די רעוואָלוציע", וואו ער האָט צום ערשטן מאָל (נישט ריכטיק! ל. ט.) אַרויסגעזאָגט קלאָר דעם געדאַנק, אַז די רעוואָלוציע, וואָס האָט זיך אָנגעהייבן אין רוסלאַנד, קאָן נישט פאַרענדיקט ווערן פריער, כּל־זמן עס וועט דערגרייכט ווערן די סאָציאַליסטישע אָרדענונג. זיין טעאָריע וועגן דער „פּערמאַנענטער רעוואָלוציע" — ווי מען האָט אָנגערופן דעמדאָזיקן געדאַנק —

איז דעמאָלט נישט אָנערקענט געוואָרן פון קיינעם; טראָצקי איז אָבער דאָך געשטאַנען פעסט אויף זיין פּאָזיציע און האָט שוין דע־מאָלט, אין דעם מצב פון די וועלט־מלוכות, געזען אַלע סימנים פון צעפוילטקייט פון דער בירגערלעך־קאַפּיטאַליסטישער ווירטשאַפט און די לפּי־ערכדיקע נאָענטקייט פון דער סאָציאַלער רעוואָלוציע...

„טראָצקיס תּפיסה־קאַמער", זאָגט ווייטער סווערטשקאָוו, „האָט זיך באַלד פאַרוואַנדלט אין אַ מין ביבליאָטעק. מען האָט אים גע־בראַכט אַלע נייע ביכער, וואָס האָבן נאָר געהאַט עפּעס אַ ווערט. ער האָט האָט זיי געלייענט, און דעם גאַנצן טאָג, פון באַגינען ביז שפּעט אין דער נאַכט, געווען פאַרנומען מיט ליטעראַרישער אַרבעט.— „איך פיל מיך אויסגעצייכנט", — פלעגט ער אונז זאָגן. — „איך זיץ מיר און אַרבעט און בין מיר זיכער, אַז מ'קאָן מיך בשום אופן נישט אַרעסטירן... איר מוזט דאָך אַליין איינזען, אַז אין די גרענעצן פון צאַרישן רוסלאַנד איז עס דאָך עפּעס גאָר אַן אומגעוויינלעך געפיל..."

ווען איך האָב מיר געוואָלט אָפּרוען, האָב איך געלייענט די קלאַסיקער פון דער אייראָפּעישער ליטעראַטור. ליגנדיק אויף דער תּפיסה־נאַרע, האָב איך זיי געשלונגען מיט אַזאַ געפיל פון פיזישער הנאה, פונקט ווי די פיינשמעקער טרינקען דעליקאַטן ווייך אָדער זויגן דעם וואויל־שמעקנדיקן ציגאַר. דאָס זענען געווען די בעסטע שעהן אין דער תּפיסה. די שפּורן פון מיין שטודירן די קלאַסיקער וואַרפן זיך אין די אויגן, אַלס עפּיגראַמען און ציטאַטן, אין מיין גאַנ־צער פּובליציסטיק פון יענעם פּעריאָד. דעמאָלט האָב איך זיך צום ערשטן מאָל נאָענט באַקענט אין אָריגינאַל מיט די גראַנדסעניאָרן (grandsseigneurs) פון פראַנצויזישן ראָמאַן. די קונסט פון דער דערציילונג איז קודם־כל אַ פראַנצויזישע קונסט. נישט געקוקט דערויף, וואָס איך באַהערש די דייטשע שפּראַך אַ ביסל בעסער, ווי די פראַנ־צויזישע, דער עיקר אויפן געביט פון דער וויסנשאַפטלעכער טערמינאָלאָגיע, לייען איך דאָך די פראַנצויזישע בעלעטריסטיק אַ סך לייכטער, ווי די דייטשע. די ליבע צום פראַנצויזישן ראָמאַן איז מיר געבליבן עד־היום. אפילו אין וואַגאָן, בעתן בירגערקריג, פלעג איך געפינען צייט פאַר די נייעסטע ווערק פון דער פראַנצויזישער ליטעראַטור.

סוף־כל־סוף קאָן איך מיך אויף מיינע תּפיסות נישט באַקלאָגן. זיי זענען פאַר מיר געווען אַ גוטע שולע. די פּעסט פאַרקאָרקעוועטע

אײנצלקאַמער פֿון דער פּעטראָפּאַװלער פֿעסטונג האָב איך פֿאַרלאָזן מיט אַ
געפֿיל פֿון באַדױערונג: דאָרט איז געװען אַזױ שטיל, אַזױ אױף אײן
שטײגער, אַזױ רױשלאָז, אַזױ אידעאַליש גוט פֿאַר גײסטיקער אַרבעט.
די פּרעװענטיװ-תּפֿיסה איז, פֿאַרקערט, געװען איבערגעפּאַקט מיט
מענטשן און געפּילדער. דאָ זענען געװען נישט װײניק „סמערטני-
קעס״ *). טעראָריסטישע אַקטן און באַװאָפֿנטע עקספּראָפּריאַציעס האָבן
דעמאָלט פֿאַרפֿלײצט דאָס לאַנד, װי אַ ברײטע כװאַליע. דער רעזשים
אין תּפֿיסה, איז, אַ דאַנק דער ערשטער דומע, געװען אַ ליבעראַלער.
די קאַמערן פֿלעגט מען בײטאָג נישט פֿאַרשליסן, מען האָט געשפּאַצירט
צוזאַמען. שעהנלאַנג פֿלעגן מיר מיט גרױס התמדה שפּילן אין הו-
קעפּאַק. די פֿאַרמשפּטע צום טױט פֿלעגן שפּרינגען און אונטערשטעלן
זײערע רוקנס צוזאַמען מיט די אַנדערע. מײן פֿרױ פֿלעגט מיך באַ-
זוכן צװײ מאָל אַ װאָך. די דיזשור-געהילפֿן האָבן זיך געמאַכט נישט זע-
ענדיק, בעת מיר פֿלעגן אײנאַנדער איבערגעבן בריװ און מאַנוסקריפּטן.
אײנער פֿון די געהילפֿן, שױן אַ באַיאָרנטער מענטש, האָט אונז
אַרױסגעװיזן אַ באַזונדערע סימפּאַטיע. אױף זײן בקשה האָב איך אים
געשענקט מײן בוך און מײן בילד מיט אַן אױפֿשריפֿט. „מײנע טעכ-
טער זענען סטודענטקעס״, האָט ער מיט גרױס התפּעלות געשעפּטשעט
און בעת-מעשה געהײמנישפֿול מיר צוגעװאונקען מיט אַן אױג. איך
האָב זיך מיט אים געטראָפֿן בײ דער סאָװיעטן-מאַכט און געטאָן פֿאַר
אים אַלץ, װאָס איך האָב נאָר געקענט אין יענע הונגעריקע יאָרן.

פֿאַרװאָוס פֿלעגט אַרומשפּאַצירן איבערן הױף מיטן אַלטן דײטש.
נישט זעלטן האָב איך מיך אױך באַהעפֿט צו זײ. עס איז פֿאַראַן אַ
אַ בילד פֿון אונז דרײען, װי מיר זיצן אין דער תּפֿיסה-קיך. דער
אומדערמידלעכער דײטש האָט צוגעטראַכט אַ פּליטה-פּלאַן פֿאַר אַ
גאַנצער גרופּע; ער האָט שטאַרק צוגערעדט צו דעם פֿאַרװאָוסן און
האָט מיך אױך נישט אָפּגעלאָזט. איך האָב מיך אָבער אַנטקעגנגעשטעלט,
װײל מיך האָט שטאַרק געלאָקט די פּאָליטישע באַדײטונג פֿון דעם פֿאָר-
שטײענדיקן פּראָצעס. אין דעם פּליטה-פּלאַן איז דאָך אַרײנגעצױגן גע-
װאָרן אַ צו גרױסער עולם. אין דער תּפֿיסה-ביבליאָטעק, װאָס האָט
געשפּילט די ראָל פֿון אַן אָפּעראַציע-צענטער, האָט דער װעכטער גע-
פֿונען אַ קאָלעקציע שלאָסער-אינסטרומענטן. די אַדמיניסטראַציע, האָט,

---

*) פֿאַרמשפּטע צום טױט.

אמת, פאַרריבן דעם ענין, אונטערן חשד, אַז דאָס האָבן מסתמא די זשאַנדאַרמען מיט אַ כּיוון אונטערגעוואָרפן די אינסטרומענטן, כּדי אויסצוווירקן אַן ענדערונג אין דעם תּפיסה־רעזשים. אָבער זיין פּערטע פּליטה איז דייטשן אויסגעקומען צו מאַכן שוין נישט פון דער תּפיסה, נאָר פון סיביר.

די פּראַקציאָנעלע דיפערענצירונגען אין דער פּאַרטיי האָבן זיך פונדאַסניי שאַרף אָנגעהייבן נאָך דער דעצעמבער-מפּלה. דאָס צע־טרייבן די דומע האָט ווידעראַמאָל אַרויסגערוקט אַלע פּראָבלעמען פון דער רעוואָלוציע. איך האָב זיי באַהאַנדלט אין אַ ספּעציעלער טאַק־טישער בראָשור, וואָס לענין האָט אַרויסגעגעבן אין דעם באָלשע־וויסטישן פאַרלאַג. די מענשעוויקעס האָבן זיך שוין אויף דער גאַנ־צער ליניע צוריקגעצויגן. די פּראַקציאָנעלע באַציונגען האָבן אָבער אין תּפיסה נישט געטראָגן אַזאַ פאַרשאַרפטן כאַראַקטער, ווי אויף דער פריי. דאָס האָט אונז געגעבן די מעגלעכקייט אַרויסצולאָזן אַ קאָלעק־טיווע אַרבעט וועגן דעם פּעטערבורגער סאָוויעט, אין וועלכער עס האָבן זיך נאָך באַטייליקט אויך די מענשעוויקעס.

דער פּראָצעס פון די סאָוויעט־דעפּוטאַטן האָט זיך אָנגעהייבן דעם 19-טן סעפּטעמבער, אין די האָניג-וואָכן פון סטאָליפּינס פעלד-גע־ריכטן. דער הויף פון דעם געריכטס-בנין און די דערבייאיקע גאַסן זענען פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ קריגס-לאַגער. די גאַנצע פּעטער־בורגער פּאָליציי איז געווען אויף די פיס. דעם פּראָצעס גופא האָט מען אָבער געפירט גענוג פריי: די רעאַקציע האָט אומבאַדינגט גע־וואָלט קאָמפּראָמיטירן וויטען, אויפדעקנדיק זיין „ליבעראַליזם”, זיין שוואַכקייט צו דער רעוואָלוציע. עס זענען אַרויסגערופן געוואָרן אי־בער 400 עדות, פון וועלכע העכער 200 האָבן זיך געמאָלדן און אָפּגעגעבן זייערע רעלאַציעס. אַרבעטער, פאַבריקאַנטן, זשאַנדאַרמען, אינזשעניערן, דינסטן, סתם בירגער, זשורנאַליסטן, פּאָסט- און טעלע־גראַף־באַאַמטע, פּאָליצמייסטערס, גימנאַזיסטן, ראַטמענער, סטרוזשעס, סענאַטאָרן, כוליגאַנעס, דעפּוטאַטן, פּראָפעסאָרן, זעלנער, האָבן אין משך פון אַ חודש צייט דעפילירט פאַרן געריכט, און, אונטערן קרייז־פייער פון די ריכטער, פּראָקוראַטור, פאַרטיידיקונג און אָנגעקלאָגטע — דער עיקר פון די אָנגעקלאָגטע — איז ליניע נאָך ליניע, שטריך נאָך שטריך, אויפגעשטעלט געוואָרן די עפּאָכע פון אַרבעטער-סאָוויעט. די באַשולדיקטע האָבן געגעבן דערקלערונגען. איך האָב גערעדט וועגן

דער ראָל פֿון באַוואָפֿנטן אויפֿשטאַנד אין דער רעוואָלוציע. דאָס וויכ־טיקסטע איז אויף דעם אופֿן דערגרייכט געוואָרן. אַז דאָס געריכט האָט אונדז אָפּגעזאָגט אַרויסצורופֿן דעם סענאַטאָר לאָפּוכין, וואָס האָט אין האַרבסט 1905 אַנטדעקט אין פּאָליציי-דעפּאַרטאַמענט אַ דרוקעריי פֿאַר פּאָגראָם־צוועקן, האָבן מיר אַראָפּגעריסן דעם פּראָצעס און גע־צוואונגען, מען זאָל אונדז איבערשיקן אין תּפֿיסה. תּיכּף נאָך אונדז זענען אַוועק די פּאַרטיידיקער, די עדות און דאָס פּובליקום. די ריכ־טער זענען געבליבן אַליין אויף איינס מיטן פּראָקוראָר. אין אונדזער אָפּוועזנ־הייט האָבן זיי אַרויסגעטראָגן דעם אורטייל. דער סטענאָגראַפֿישער באַריכט פֿון דעמדאָזיקן אויסערגעוויינלעכן פּראָצעס, וואָס האָט גע־דויערט אַ חודש צייט, איז נאָך עד־היום נישט פֿאַרעפֿנטלעכט געוואָרן און, ווי מיר שיינט, אַפֿילו נישט געפֿונען געוואָרן. אָבער דעם עיקר וועגן דעמדאָזיקן פּראָצעס האָב איך איבערגעגעבן אין מיין בוך „1905".

מיין פֿאָטער און מוטער האָבן בייגעוואוינט דעם פּראָצעס. זיי האָבן געטראַכט און געפֿילט אויף צוויי־ערליי אופֿנים. מען האָט שוין נישט געקאָנט דערקלערן מיין באַנעמונג אַלס יינגעלשן שטות, ווי אַ שטייגער, אין ניקאָלאַיעוו, ביי שוויגאָווסקין אין גאָרטן. איך בין געוועזן אַ צייטונגס־רעדאַקטאָר, אַ פּאָרזיצער פֿון סאָוויעט, איך האָב געהאַט אַ נאָמען אַלס שריפֿטשטעלער. די אַלטע לייט האָט עס אימפּאָנירט. די מוטער האָט געשמועסט מיט די פּאַרטיידיקער און זיך באַמיט צו הערן פֿון זיי נאָך און נאָך אָנגענעמע זאַכן אויף מיין אַדרעס. בעת מיין רעדע, וואָס איר זין האָט פֿאַר מיין מוטער נישט געקאָנט זיין גאַנץ קלאָר, האָט זי אינדערשטיל געוויינט. זי האָט אָנגעהייבן שטאַר־קער צו וויינען, בעת אַ צוויי צענדליק פּאַרטיידיקער זענען אייגנס נאָכן אַנדערן צוגעקומען צו מיר און געדריקט מיר די האַנט. איינער פֿון די אַדוואָקאַטן האָט זיך פֿאַררופֿן אויף דער אַלגעמיינער אויפֿ־רעגונג און האָט געפֿאָדערט איבערצורייסן די זיצונגען. דאָס איז געוועזן א. ס. זארודני. אין קערענסקיס רעגירונג איז ער געוועזן יוס־טיץ-מיניסטער: ער האָט מיך געהאַלטן אין תּפֿיסה און האָט מיך באַ־שולדיקט אין מלוכה-פֿאַרראַט. אָבער דאָס איז שוין געוועזן אין צען יאָר אַרום... בעת די הפֿסקות האָבן די אַלטע געקוקט אויף מיר מיט גליקלעכע אויגן. די מוטער איז געוועזן זיכער, אַז מען וועט מיך נישט בלויז באַפֿרייען, נאָר טאָקע אויך אויסצייכענען. איך האָב אַלץ איינ־

געטענהט מיט איר, אַז מען דאַרף זיין גרייט אויף קאַטאָרגע. מיט שרעק און שטוינונג האָט זי געקוקט דאָ אויף מיר, דאָ אויף די פאַר־טיידיקער, און זיך אַלץ באַמיט צו פאַרשטיין, וויאַזוי איז עס מעג־לעך. דער פאָטער איז געווען בלייך, האָט געשוויגן, איז געווען צו־גלייך גליקלעך און דערשלאָגן.

מען האָט אונז אָפּגענומען אַלע בירגערלעכע רעכט און פאַר־משפּט אויף פאַרשיקונג קיין סיביר. דאָס איז לפי־ערך געווען אַ מילד־דער אורטייל. מיר האָבן זיך גערעכט אויף קאַטאָרגע. אָבער די פאַר־שיקונג קיין סיביר איז לגמרי נישט געווען יענע אַדמיניסטראַטיווע פאַרשיקונג, צו וועלכער מען האָט מיך פאַרמשפּט צום ערשטן מאָל. די איצטיקע פאַרשיקונג האָט געהאַט קיין טערמין, און יעדער פּרוּוו צו אַנטלויפן איז באַשטראָפט געוואָרן מיט דריי יאָר קאַטאָר־גע. די פינף און פערציק שמיץ, אַלס הוספה צו דער קאַטאָרגע, איז מיט אַ צוויי, דריי יאָר פריער סקאַסירט געוואָרן.

„שוין אַ צוויי־דריי שעה, ווי מיר געפינען זיך אין דער עטאַפּן־תפיסה", האָב איך געשריבן צו מיין פרוי דעם 3־טן יאַנואַר 1907. „איך בין מיך מודה און מתוודה, אַז מיט אַ נערוועזער אומרואיקייט שייד איך מיך מיט מיין קאַמער אין דער פּרעווענטיוו־תפיסה. איך האָב זיך אַזוי צוגעוווינט צו דערדאָזיקער קליינער קאַבינע, וואו מען האָט געקענט אַזוי גוט אַרבעטן. אין דער עטאַפּן־תפיסה, ווי מיר האָבן עס גוט געוואוסט, וועט מען אונז ווידער אַריינזעצן אין אַ געמיינ־זאַמער קאַמער. וואָס קאָן זיין דערמידלעכער, ווי דאָס? און ווייטער — שמוץ, געפּילדער און תהו־ובהו פונם עטאַפּן־וועג, וואָס דאָס אַלץ איז מיר אַזוי גוט באַקאַנט. ווער ווייס, ווי לאַנג מיר וועלן זיך שלעפּן ביז צו דעם באַשטימטן אָרט? און ווער קאָן פאָרויסזאָגן, ווען מיר וועלן צוריקקומען? וואָלט דען נישט זיין גלייכער צו זיצן, ווי פריער, אין נומער 462, לייענען, שרייבן און — וואַרטן...

מען האָט אונז היינט אַריבערגעפירט אָהער פּלוצלונג, אָן אַ התראה. אין אויפנאַם־צימער האָט מען אונז געצוואונגען אָנצוטאָן אַרעסטאַנטן־קליידער. מיר האָבן דורכגעמאַכט דידאָזיקע פּראָצעדור מיטן נייגיר פון שול־יינגלעך. עס איז געווען אינטערעסאַנט צו באַטראַכטן איינער דעם צווייטן אין די גרויע הויזן, מיטן גרויען פּלאַשטש און גרויען היטל. די קלאַסישע קאַראָ־טויז אויפן רוקן איז אַפילו נישטאָ. מען האָט אונז דערלויבט מיטצונעמען וועש און אייגן שוכוואַרג. ווי אַ גרויסע

שטאַרק אויפגערודערטע חבריא, האָבן מיר אַריינגעטאַנצט אין קאַמער און אין אונזערע נייע בגדים..."

דאָס, וואָס מען האָט מיר איבערגעלאָזט מיינע אייגענע שיך, האָט פאַר מיר געהאַט נישט קיין קליינע באַדייטונג: אין איין פּאָדעשווע האָב איך געהאַט פאַרבאַהאַלטן אַ גרויסאַרטיקן פּאַס, און אין די הויכע אָפּצאַסן — גאָלדענע טשערוואָנצעס. מען האָט אונז אַלעמען אַרויסגעשיקט אין דאָרף אָבדאָרסק, ווייט הינטערן פּאָל-קרייז. פון אָבדאָרסק ביז צו דער אייזנבאַן איז געלעגן אַ שטח פון אַנדערטהאַלבן טויזנט וויאָרסט, און ביז צו אַ טעלעגראַף-סטאַציע — 800 וויאָרסט. די פּאָסט קומט אָן איינמאָל אין צוויי וואָכן. בעת עס הייבן זיך אָן די שלעכטע וועגן, אין פרילינג און האַרבסט, קומט זי אינגאַנצן נישט אָן אַ וואָ־סערע אַנדערטהאַלבן אָדער צוויי חדשים צייט. אין וועג איז די שמירה געווען אַן אויסערגעוויינלעכע. די פּעטערבורגער וואַך האָט מען געהאַלטן פאַר נישט קיין זיכערע. און באמת, דער אונטער-אָפיציר, וואָס איז אין אונזער אַרעסטאַנטן-וואַגאָן געשטאַנען אויף דער וואַך מיט אַ בלויזן שווערד, האָט אונז דעקלאַמירט די נייעסטע רעוואָלוציאָנערע לידער. אין דערבייאיקן וואַגאָן האָט זיך געפונען אַ גרופּע זשאַנדאַרמען, וואָס פלעגן אויף יעדער סטאַציע אַרומרינגלען אונזער וואַגאָן. אין דער־זעלבער צייט האָבן זיך די תּפיסה-באַאַמטע באַצויגן צו אונז מיט דער גרעסטער העפלעכקייט. די וואָגשאָל פון דער רעוואָלוציע און קאָנטער-רעוואָלוציע האָט זיך נאָך כּסדר געוואַקלט, און מען האָט נישט געקאָנט וויסן, ווער ס'וועט באַקומען די אויבערהאַנט. דער וואַך־אָפּי־ציר האָט אָנגעהייבן דערפון, וואָס ער האָט אונז געוויזן די פאַר־אָרדענונג פון זיין העכערער מאַכט, וועלכע גיט אים דאָס רעכט נישט אָנצוטאָן אונז קיין הענט־קייטן, הגם דאָס פאָדערט זיך לויטן געזעץ. דעם 11-טן יאַנואַר האָב איך פון וועג געשריבן מיין פרוי: „אויב דער אָפיציר איז אויפמערקזאַם און העפלעך, איז דאָך וועגן די זעלנער אוודאי נישטאָ וואָס צו רעדן: כּמעט אַלע האָבן זיי גע־לייענט דעם באַריכט וועגן אונזער פּראָצעס און זיי באַציען זיך צו אונז מיט דעם גרעסטן מיטגעפיל... ביז דער לעצטער מינוט האָבן די זעלנער נישט געוואוסט וועמען און וואוהין זיי דאַרפן באַגלייטן. לויט די פאַרזיכטסמיטלען, מיט וועלכע מען האָט זיי פלוצלונג צו־געשטעלט פון מאָסקווע קיין פּעטערבורג, איז זיי איינגעפאַלן, אַז זיי וועלן אוודאי מוזן אָפּפירן קיין שליסלבורג פאַרמשפּטע צום טויט. אין

אויפנאַמצימער פון דער עטאַפּן-תּפיסה האָב איך באַמערקט, אַז די וואַך איז זייער אויפגערעגט און מאָדנע צוגעלאָזט, מיט עפּעס אַ פאַרשולדיקטער מינע אויפן פּנים. ערשט אין וואַגאָן איז מיר די סיבה קלאָר געוואָרן. ווי האָבן זיי זיך דאָס דערפרייט, ווען זיי האָבן דערהערט, אַז דאָס זענען די „אַרבעטער-דעפּוטאַטן", וועלכע זענען פאַרמשפט געוואָרן נישט מער ווי אויף פאַרשיקונג. די זשאַנדאַרמען, וואָס בילדן מיט זיך אַ מין אויבערוואַך, שמעקן גאָרנישט אַריין אין אונזער וואַגאָן. זיי באַשעפטיקן זיך נאָר מיט דער אויסערלעכער שמירה: זיי רינגלען אַרום דעם וואַגאָן אויף די סטאַציעס, שטייען אויף דער וואַך ביי דער טיר אינדרויסן, און גיבן בעיקר אכטונג אויף דער גאַנצער וואַך". די וואַכזעלנער האָבן טאַקע אינדערשטיל אַריינגעוואָרפן אין קעסטל אונזערע בריוו.

ביז טיומען זענען מיר געפאָרן מיט דער באַן. פון טיומען זענען מיר אַרויסגעפאָרן מיט פערד. אויף 14 פאַרשיקטע האָט מען געגעבן צוויי און פּופּציק וואַכזעלנער, חוץ דעם קאַפּיטאַן, דעם פּריסטאַוו און דעם אוריאַדניק. געפאָרן זענען מיר בערך אויף 40 שליטנס. פון טיומען קיין טאָבאָלסק איז דער וועג געגאַנגען איבערן טייך אָב. „יעדן טאָג", האָב איך געשריבן מיין פרוי, „רוקן מיר זיך לעצטנס פּאָרויס אויף 90—100 וויאָרסט אין דער ריכטונג פון צפון, ד. ה. כמעט אויף איין גראַד. אַ דאַנק דערדאָזיקער אומאויפהערלעכער באַוועגונג פאָרויס, טרעט אַלץ שאַרפער אַרויס פאַר אונז די פאַרמינערונג פון דער קולטור — אויב מען קאָן דאָ בכלל רעדן פון קולטור. יעדן טאָג לאָזן מיר זיך אַראָפּ נאָך אויף אַ שטאַפּל נידעריקער אין דער מלוכה פון קעלט און ווילדעניש".

דורכשניידנדיק אין דער קווער די פון טיפּוס שטאַרק פאַרפעסטעטע ראַיאָנען, זענען מיר דעם 12-טן פעברואַר, אויפן דריי און דרייסיקסטן טאָג פון אונזער נסיעה, אָנגעקומען קיין בעריאָזאָוו, וואוהין עס איז אַמאָל פאַרשיקט געוואָרן דער פירשט מענשיקאָוו, דער מיטאַרבעטער פון פּיאָטער דעם גרויסן. אין בעריאָזאָוו האָט מען אונז געגעבן צוויי טעג רו. מען האָט נאָך געהאַט דורכצומאַכן ביי אַ 500 וויאָרסט ביז אָבדאָרסק. מיר האָבן אַרומגעשפּאַצירט אויף דער פריי. פאַר אַ ויברח פונדאַנען האָט די מאַכט קיין מורא נישט געהאַט. אויף צוריק איז געווען איינאיינציקער וועג איבערן טייך אָב, לענגאויס דער טעלעגראַפן-ליניע: יעדן איינעם, ווער עס זאָל אַנטלויפן, וואָלט

מען דאָ תּיכּף געכאַפּט. אין בעריאָזאָוו האָט געוואוינט אַלס פאַרשיק־טער דער פעלדמעסטער ראָשקאָווסקי. האָב איך מיך מיט אים מיישב געווען מכּוח אַנטלויפן. ער האָט מיר געזאָגט, אַז מען קאָן פּרוּוון אַנטלויפן מיטן וועג, וואָס גייט דירעקט קיין מערב, איבערן טייך סאָסווואַ, אין דער ריכטונג צום אוראַל; מען קען אַדורכמאַכן דעם וועג אויף הירשן ביז די באַרג־זאַוואָדן און דאָרט, ביים באָגאָסלאָוו־סקער זאַוואָד זיך אַריינפּאַקן אין דער שמאָלער אייזנבאַן און צופאָרן אַזויאַרום ביז דער טייך קושוואַ, וואו זי פאַרייניקט זיך מיט דער פּערמער ליניע. נו, און דאָרט איז שוין — פּערם, וויאַטקאַ, וואָלאָ־גדאַ, פּעטערבורג, העלסינגפאָרס... אָבער ס'איז נישטאָ קיין וועג איבער דעם טייך סאָסוואַ. הינטער בעריאָזאָוו הייבט זיך תּיכּף אָן אַ ווילדע וויסטעניש. קיין שום פּאָליציי אויף אַ שטח פון טויזנט וויאָרסט, קיין שום רוסישער ישוב, נאָר צעוואָרפענע יורטעס פון אָסטיאַקן. פון אַ טעלעגראַף איז קיין זכר נישטאָ. אויפן וועג זענען אַפילו נישטאָ קיין פערד. דער טראַקט איז בלויז אַ הירשן־טראַקט. די פּאָליציי קאָן דאָ נישט כאַפּן. דערפאַר קאָן מען זיך פאַרלירן אין דער וויסטעניש, אומקומען אין די שנייען. איצט איז פעברואַר, דער חודש פון שניי־זאַווערוכעס...

דאָקטאָר פייט, אַן אַלטער רעוואָלוציאָנער, איינער פון אונזער גרופּע פאַרשיקטע, האָט מיר אויסגעלערנט צו סימולירן די אישיאַס־מחלה, כּדי אַזויאַרום צו פאַרבלייבן עטלעכע טעג אין בעריאָזאָוו. איך האָב מיט דערפאָלג דורכגעפירט דעמדאָזיקן באַשיידענעם טייל פון דעם פאַרטראַכטן פּלאַן. אישיאַס, ווי באַוואוסט, איז שווער צו קאָנטראָ־לירן. מען האָט מיך אָפּגעפירט אין שפּיטאָל. דער רעזשים איז דאָרט געווען זייער אַ פרייער. איך פלעג אַוועקגיין אויף גאַנצע שעהן, ווען מיר איז געוואָרן „לייכטער". דער דאָקטאָר האָט טאַקע געהייסן, איך זאָל וואָס מער שפּאַצירן. אין דער צייט פון יאָר, האָט מען, ווי גע־זאָגט, נישט מורא געהאַט, אַז עמעץ זאָל נעמען און אַנטלויפן פון בע־ריאָזאָוו. מען האָט זיך געדאַרפט באַשליסן. איך בין געווען פאַר דער מערב־ריכטונג, דירעקט צום אוראַל.

ראָשקאָווסקי האָט צוגעצויגן צו דער באַראַטונג דעם אָרטיקן פויער, וואָס האָט געהייסן „ציגן־פיסל". דאָסדאָזיקע קליינינקע שטעטקע דאָרע באַדאַכטע מענטשל איז געוואָרן דער אָרגאַניזאַטאָר פון מיין פליטה. ער האָט געהאַנדלט לגמרי אומאייגננוציק. אַז זיין ראָל איז

אויפגעדעקט געוואָרן, האָט ער זיך שטאַרק באַצאָלט דערפאַר. נאָך דער אָקטאָבער-רעוואָלוציע האָט ציגן-פּיסל זיך נישט אַזוי גיך דערוואוסט, אַז דאָס האָט ער טאַקע מיר מיט צען יאָר פריער מיט-געהאָלפן צו אַנטלויפן. ערשט אין יאָר 1923 איז ער געקומען צו מיר קיין מאָסקווע, און אונזער באַגעגעניש איז געווען זייער אַ האַרציקע. מען האָט אים אויסגעפוצט אין דער פּאַראַד-אוניפאָרם פון אַ רויט-אַרמייער, אַרומגעפירט אים איבער די טעאַטערן, באַזאָרגט אים מיט אַ גראַמאָפאָן און אַנדערע מתנות. באַלד נאָכדעם איז דער אַלטער געשטאָרבן אין זיין ווייטן צפון.

פון בעריאָזאָוו האָט מען געמוזט פאָרן אויף הירשן. דער עיקר האָט מען געדאַרפט אויסגעפינען אַ באַגלייטער, וואָס זאָל וועלן ריזי-קירן אין דערדאָזיקער צייט פון יאָר און זיך אַוועקלאָזן מיט אַן אומזיכערן וועג. ציגן-פּיסל האָט געפונען אַ זיריאַנער, אַ געשיקטן און דערפאַרענעם מענטשן, ווי דאָס רוב זיריאַנער. — „איז ער אָבער נישט קיין שכּור?“ — „וואָס הייסט נישט קיין שכּור? אַ מוראדיקער שכּור. דערפאַר רעדט ער אָבער גוט רוסיש, זיריאַניש און צוויי אָס-טיאַקישע לשונות: דעם אויבערשטן און דעם אונטערשטן, וואָס זע-נען כּמעט נישט ענלעך צו איינאַנדער. נאָך אַזאַ פאַכמאַן וועסטו נישט געפינען: אַ דורכגעטריבענער יונג. און טאַקע אָט דער דורכגעטריבענער יונג האָט שפּעטער אַרויסגעגעבן דאָס ציגענע פּיסל. אָבער מיך האָט ער אַדורכגעפירט מיט דערפאָלג *).

איך האָב באַדאַרפט אַרויספאָרן, ווי עס איז באַשטימט געוואָרן, זונטיק, אינמיטן נאַכט. אין דעם טאָג האָט די אָרטיקע מאַכט גע-שטעלט אַ ספּעקטאַקל פון אַמאַטאָרן. איך בין אומישנע געקומען אין קאַזאַרמע, וואָס האָט געדינט פאַר אַ טעאַטער. איך האָב געזאָגט דעם איספּראַווניק, וועלכן איך האָב דאָרט אָנגעטראָפן, אַז איך פיל מיך

*) אין מיין בוך „1905“ איז דערדאָזיקער טייל פון מיין אַנטלויפן מיט א פּיזן איבערגעגעבן געוואָרן אין א פאַרענדערטער פאָרם. שילדערן אין יענע צייטן אַלץ אַזוי ווי עס איז פאָרגעקומען, וואָלט געהייסן אַרויספירן די צאַרישע פּאָליציי אויף די שפּורן פון מיינע מיטהעלפער. איצט אָבער פאַרהאָף איך, אַז סטאַלין וועט זיי נישט פאַרפאָלגן, בפרט נאָך, אַז פאַר זייער פאַרברעכן איז שוין לאַנג אויסגעגאַנגען דער שטראָף-טערמין. אויפער-דעם האָט מיר אויפן לעצטן עטאַפּ פון מיין אַנטלויפן, ווי עס וועט זיך שפּעטער אַרויס-ווייזן, מיטגעהאָלפן לענין אַליין.

אַ סך בעסער און חצי שוין בקרוב קאָנען אַרויספּאָרן קיין אָבדאָרסק. דאָס איז אפילו געווען זייער פּאַררעטעריש, אָבער אומבאַדינגט נויטווענדיק.

ווען דער טורעם-זייגער האָט אויסגעשלאָגן צוועלף, בין איך בגניבה אַוועק צו ציגן-פּיסל אין הויף. דער וואָגן איז געשטאַנען גרייט. איך האָב זיך אַוועקגעלייגט אויפן וואָגן-דעק און אונטערגעשפּרייט אונטער זיך נאָך אַ פּעלץ. ציגן-פּיסל האָט מיר צוגעדעקט מיט קאַלטע, געפרוירענע שטרוי, איבערגעבונדן די שטרוי אין דער קווער, און אַזויאַרום זיך געלאָזט אין וועג אַריין. דאָס אייז איז צעגאַנגען אין די שטרוי, איבערן פּנים האָבן גענומען רינען קאַלטע וואַסער-שטראָמעלעך. אָפּגעפאָרן עטלעכע וויאָרסט, האָבן מיר זיך אָפּגעשטעלט. ציגן-פּיסל האָט אויפגעבונדן דעם וואָגן. איך בין אַרויסגעקראָכן פון אונטער די שטרוי. מיין פורמאַן האָט אַ פייף געטאָן. באַלד האָבן זיך דערהערט שטימען, אָבער — אָך און וויי — נישט קיין ניכטערע שטימען. דער זיריאַנער איז געווען שיכור, דערצו איז ער נאָך געקומען מיט חברים. דער אָנהייב איז געווען אַ שלעכטער. ס'איז אָבער נישט געווען קיין אַנדער ברירה. איך האָב מיך אַריבערגעפּעקלט מיט מיין קליינעם באַגאַזש אין לייכטע נאַרטעס. איך האָב געטראָגן אויף זיך צוויי פּעלצן, איינער מיט די האָר פון אונטן, דער צווייטער מיט די האָר פון אויבן, פּעלצענע זאָקן און פּעלצענע שטיוול, אַ היטל פון טאָפּעלן פּעלץ און אַזעלכע הענטשקעס, בקיצור, אַ פולשטענדיקע ווינטער-הלבשה פון אַן אָסטיאַק. אין מיין באַגאַזש האָב איך געהאַט עטלעכע פלאַש שפּירט, ד. ה. דעם זיכערסטן עקוויוואַלענט אין אַ שניי-מדבר.

„פונם פייערלעשער-טורם אין בעריאָזאָוו", — דערציילט סווערטשקאָוו אין זיינע זכרונות — „האָט מען, לפּחות, געזען אויף אַ שטח פון אַ וויאָרסט די מינדסטע באַוועגונג אויף דער ווייסער שניי-ליילעך. ראַשקאָווסקי, וואָס האָט ריכטיק משער געווען, אַז די פּאָליציי וועט אוודאי נעמען אויפן צימבל דעם טורעם-וועכטער און אים אויספרעגן, צי איז עמעצער היינטיקע נאַכט אַרויסגעפאָרן פון שטאָט, האָט עס אַזוי איינגעאָרדנט, אַז אַן אָרטיקער תושב האָט אין דערזעלבער צייט אַוועקגעפירט אויפן טאָבאָליער טראַקט אַ געשאָכטענע קאַלב. דידאָזיקע באַוועגונג, ווי ראַשקאָווסקי האָט עס פאָרויסגעזען, האָט מען טאַקע באַמערקט, און די פּאָליציי, וואָס האָט זיך ערשט אין

צוויי טעג אַרום געכאַפּט, אַז טראָצקי איז אַנטלאָפן, האָט זיך געלאָזט לויפן נאָך דער געשאָכטענער קאַלב און דערווייל פאַרלאָרן בחינם נאָך צוויי טעג..." וועגן דעם אָבער בין איך ערשט געוואָר געוואָרן אין יאָרן אַרום.

מיר זענען געפאָרן איבער דער סאָסוואַ. מיין פירער האָט איינגעקויפט די בעסטע הירשן, געקליבענע איינער אין איינעם פון אַ סטאַדע פון עטלעכע הונדערט שטיק. דער שיכורער פורמאַן האָט תחילת עפּטער איינגעשלאָפן, און די הירשן פלעגן בלייבן שטיין. אונז ביידן האָט געדראָט אַ גרויסע סכנה. סוף-כל-סוף האָט ער לגמרי אויפגעהערט זיך אָפּצורופן אויף מיינע שטויסן, מיט וועלכע איך פלעג אים מינטערן. דאַן האָב איך אים אַראָפּגעכאַפּט פון קאָפּ דאָס היטל. די האָר זענען אים תיכּף אַדורכגענומען געוואָרן מיט געפרוירענעם טוי, און ער האָט זיך ביסלעכווייז אויסגעניכטערט. מיר זענען געפאָרן ווייטער. דאָס איז באמת געווען אַ גרויסאַרטיקע נסיעה איבערן בתולהדיקן שניי-מדבר, צווישן יעגל-ביימער און שפּורן פון חיות. די הירשן זענען געלאָפן מונטער, די צונג אַראָפּגעהאָנגען אָן אַ זייט און האָבן עפּטער געאָטעמט: טשו-טשו-טשו... דער וועג איז געווען אַ שמאָלער, די הירשן האָבן זיך צונויפגעדריקט אין איין קנויל, און עס איז באמת געווען אַ חידוש, וויאַזוי זיי האָבן איינאַנדער נישט געשטערט אין לויפן. וואונדערלעכע באַשעפענישן, — ווייסן נישט פון קיין הונגער און מידקייט. זיי האָבן נישט געפרעסן אַ גאַנצן מעת-לעת פאַר אונזער אַרויספאָרן, און אָט איז שוין באַלד נאָך אַ מעת-לעת, ווי מיר פאָרן אָן אַ פּאַשע-הפסקה. לויט דער דערקלערונג פון דעם פורמאַן, זענען זיי ערשט אַריין אין רעכטן ברען פון „געלויף". זיי לויפן גלייכמעסיק, אומדערמידלעך, אַ וויאָרסט אַכט אין אַ שעה. פּאַשע האָבן זיך די הירשן אויסגעזוכט אַליין. מען האָט זיי אָנגעבונדן אויפן האַלז אַ שייטל האָלץ און געלאָזט פריי. זיי האָבן אויסגעקליבן אַן אָרט, וואו זיי האָבן אונטערן שניי דערשפּירט מעך, אויסגעגראָבן דאָרט מיט די קאָפּיטעס אַ גרויס לאָך, אַריין אַהין כמעט איבער די קעפּ און געפרעסן. איך האָב געהאַט צו דידאָזיקע חיות אַזאַ מין געפיל, ווי, אַ שטייגער, אַ לופט-פליער צו זיין מאָטאָר אויף דער הויך פון עטלעכע הונדערט מעטער איבערן אָקעאַן. דער ראש פון די דריי הירשן, דער פירער, האָט אָנגעהייבן הינקען. וואָס פאַר אַ באַאומרואיקונג! מען האָט אים געמוזט פאַרבייטן מיט אַן אַנדערן. האָבן מיר אָנגע-

הייבן זוכן אַן אָסטיאַקישן וואַנדער־ישוב. זיי זענען אָבער געווען צעוואָרפן אויף אַ שטח פון צענדליקער וויאָרסט איינער פון צווייטן. מיין פירער פלעגט געפינען אַ וואַנדער־ישוב לויט די קלענסטע סימנים. אויף אַ שטח פון עטלעכע וויאָרסט האָט ער געשפּירט דעם ריח פון רויך. ביים איבערטוישן די הירשן האָבן מיר פאַרלאָרן גאַנצע פיר און צוואַנציק שעה. דערפאַר בין איך באַגינען געווען אַן עדות פון אַ הערלעכן בילד: דריי אָסטיאַקעס האָבן מיט דער הילף פון אַ ליאַסאָ אַרויסגעכאַפּט פון אַ רעכטן געלויף די אָנגעמערקטע הירשן פון אַ סטאַדע פון עטלעכע הונדערט שטיק, וואָס די הינט האָבן זיי געיאָגט צו די יעגער. מיר זענען ווייטער געפאָרן אַמאָל מיטן וואַלד, אַמאָל איבער שנייבאַדעקטע זומפּן [redacted] און אַמאָל איבער די וויסטע שטחים פון מאומדיקע וואַלד־שריפות. אויפן שניי האָט מען געקאָכט וואַסער און פון שניי אויך באַקומען וואַסער אויף טיי. מיין פירער האָט, איבעריקנס, בעסער געהאַלטן פון שפּירט, ווי פון טיי, אָבער איך האָב גוט אַכ־טונג געגעבן, ער זאָל נישט איבערכאַפּן די מאָס.

דער וועג האָט אַפילו איין כאַראַקטער, אָבער אין פלוג איז ער תמיד פאַרשיידנאַרטיק. דאָס זעט מען אויף די הירשן. איצט פאָרן מיר איבער אַן אָפענעם פּלאַץ: צווישן אַ בעראָזע־וועלדל און אַ טייך־בעט. דער וועג איז אַ מערדערישער. דער ווינט פאַרשיט פאַר אונ־זערע אויגן דעם שמאָלן סימן, וואָס די נאַרטעס לאָזט איבער הינטער זיך. דער דריטער הירש רוקט זיך ווייל־עוויז אַראָפּ פון וועג. ער פאַרזינקט אין שניי, איבערן בויך און נאָך טיפער, מאַכט עטלעכע פאַרצווייפלטע שפּרונגען, קריכט ווידער אַרויף אויפן וועג, שטויסט אָפּ דעם מיטלסטן הירש און שלאָגט אַראָפּ אין דער זייט דעם פי־רער. אויף איינעם פון די ווייטערדיקע שטחים ווערט דער וועג, דערוואָרעמט פון דער זון, אַזוי באַשווערט, אַז אויף די פאָדערשטע נאַרטעס רייסן זיך אָפּ צוויי מאָל די רימענס; ביי יעדן אָפּשטעל פירן צו די נאַרטעס־שינעס צום וועג, און די נאַרטעס איז אוממעגלעך אַ ריר צו טאָן פון אָרט. נאָך די ערשטע צוויי גרויסע שטחים, וואָס מיר האָבן אַדורכגעמאַכט, זענען שוין די הירשן קענטלעך מיד... אָבער די זון באַהאַלט זיך, דער וועג ווערט צוגעפראָרן, און אַלץ ווערט בעסער. „אַ ווייכער, אָבער נישט קיין זומפּיקער וועג — איז דער בעסטער", זאָגט דער פירער. די הירשן לויפן קוים צו מערקן און ציען די נאַרטעס שפּילנדיק. סוף־כל־סוף האָט מען דעם דריטן

געמוזט אויסשפּאַנען און צובינדן אים פון הינטן, ווייל נישט האָבנדיק קיין אַרבעט, האָבן זיך די הירשן געריסן אין אַ זייט, און האָבן געקאָנט צעברעכן די נאַרטעס. די נאַרטעס האָבן זיך געגליטשט גלייכמעסיק און רואיק, ווי אַ שיפל איבער אַ שפּיגל-גלאַטן טייך. אין דער געדיכטער בין-השמשות האָט דער וואַלד אויסגעזען נאָך ריזעדיקער. דעם וועג האָב איך לגמרי נישט געזען, די באַוועגונג פון די נאַרטעס כמעט נישט געשפּירט. די פאַרכישופטעביימער האָבן זיך האַסטיק געטראָגן אויף אונז, די קוסטעס זענען אַנטלאָפן אָן אַ זייט. אַלטע, מיט שניי באַדעקטע ביימערשטאַמען זענען פאַרבייגעלאָפן פאַר אונזערע אויגן צוזאַמען מיט די שלאַנקע בעריאָזעס. אַלץ איז געווען פאַרזונקען אין טיפע סודות. טשו-טשו-טשו-טשו... האָט זיך געהערט דאָס עפּטע און גלייכמעסיקע אָטעמען פון די הירשן אין דער טויטער שטילקייט פון דער וואַלדנאַכט.

די נסיעה האָט געדויערט אַ וואָך. מיר האָבן דורכגעמאַכט 700 קילאָמעטער און זיך דערנענט צום אוראַל. איצט האָבן מיר שוין ווייטער אָנגעגאַנגען קאַראַוואַנען. איך האָב מיך אָנגעגעבן פאַר אַן אינזשעניער, וואָס האָט זיך באַטייליקט אין דער פּאָלאַר-עקספּעדיציע פון באַראָן טאָל. נישט ווייט פון אוראַל האָבן מיר אָנגעטראָפן איינעם אַן אָנגעשטעלטן, וואָס האָט פריער געדינט אין דערדאָזיקער עקספּעדיציע און געקענט איר גאַנצן פּערסאָנאַל. ער האָט מיך פאַרוואָרפן מיט פראַגן. צום גליק, איז ער אויך נישט געווען ניכטער.

איך האָב מיך געאיילט אַרויסצוּוויקלען פון דערדאָזיקער שווערער סיטואַציע מיט דער הילף פון אַ פלאַש ראָם, וואָס איך האָב מיטגענומען אויף יעדן פאַל. אַלץ איז אַריבער בשלום. איבערן אוראַל איז מען שוין געפאָרן מיט פערד. איצט האָב איך שוין געגאָלטן אַלס באַאַמטער, און צוזאַמען מיט אַן אַקציז-רעוויזאָר, וואָס האָט באַרייזט זיין ראַיאָן, בין איך צוגעפאָרן צו דער שמאָלבאַן. דער סטאַציע-זשאַנדאַרם האָט זיך גלייכגילטיק צוגעקוקט, ווי איך האָב זיך באַפרייט פון מיינע אָסטיאַקישע פעלצן.

אויף דער אוראַלער באַן איז נאָך מיין לאַגע ווייט נישט געווען זיכער: אויף דערדאָזיקער צווייג-ליניע, וואו עס וואַרפט זיך אין די אויגן יעדער „פרעמדער“ מענטש, האָט מען מיך אַ ליאַדע מינוט געקאָנט אַרעסטירן לויט אַ טעלעגראַפישער מיטטיילונג פון טאָבאָלסק. איך בין געפאָרן זייער אומרואיק. אָבער אַז איך בין אין פּיר און

צוואַנציק שעה אַרום שוין געזעסן אין אַ באַקוועמען וואַגאָן פון דער פערמער באַן, האָב איך באַלד דערפילט, אַז די זאַך איז גוט פאַר־ענדיקט. דער צוג איז פאַרבייגעלאָפן דיזעלבע סטאַציעס, וואו עס האָבן אונז נאָך גאָר נישט לאַנג פייערלעך מקבל פנים געווען זשאַנ־דאַרמען, פאָליציאַנטן און איספּראַווניקעס. איצט אָבער איז מיין וועג געלאָפן אין אַן אַנדער ריכטונג, און איך בין געפאָרן מיט אַנדערע געפילן. אין די ערשטע מינוטן האָט מיר אויסגעזען, אַז ס'איז ענג און דושנע אין דעמדאָזיקן גרוימען און כמעט ליידיקן וואַגאָן. איך בין אַרויס אויף דער פּלאַטפאָרם, וואו עס האָט געבלאָזן דער ווינט און עס איז געווען פינסטער, און פון מיין ברוסט האָט זיך נישט ווילנדיק אַרויסגעריסן אַ הויכער אויסגעשריי — פון פרייד און פריי־הייט!

אויף איינער פון די נאָענטסטע סטאַציעס האָב איך טעלעגראַ־פיש אַרויסגערופן מיין פרוי. זי האָט געדאַרפט קומען אויף אַ באַ־שטימטער סטאַציע, וואו די צוגן האָבן זיך געקרייצט. זי האָט זיך נישט געריכט אויף דערדאָזיקער דעפּעשע, על־כל־פנים נישט אַזוי גיך. און עס איז קיין וואונדער נישט. אונזער נסיעה ביז בעריאָזאָוו האָט געדויערט העכער אַ חודש. די פּעטערבורגער צייטונגען זענען געווען פול מיט שילדערונגען פון אונזער נסיעה קיין צפון. די קאָרעספּאָנ־דענץ האָט נאָר וואָס אָנגעהייבן אָנצוקומען. אַלע האָבן געהאַלטן, אַז איך געפין זיך אויפן וועג קיין אָבדאָרסק. בינו־לבינו האָב איך דורכגעמאַכט דעם וועג צוריק אין עלף טעג. קלאָר, אַז אַ באַגעגע־ניש מיט מיר נישט ווייט פון פּעטערבורג האָט געמוזט אויסזען מיין פרוי, ווי אַן אומגלויבלעכע זאַך. און נאָך בעסער: דאָסדאָזיקע באַ־געגעניש איז טאַקע צושטאַנד געקומען.

אָט ווי אַזוי דאָס ווערט דערציילט אין די זכרונות פון נ. א. סעדאָוואַ: „באַקומען די טעלעגראַמע אין טריאָקי, אַ פינלענדיש דאָרף אונטער פּעטערבורג, וואו איך בין געווען איינע אַליין מיט אַ פּיצל קינד אויף די הענט, האָב איך מיר נישט געפונען קיין אָרט פון פרייד און אויפרעגונג. אין דעמזעלבן טאָג האָב איך פון ל. ד. באַ־קומען אַ לאַנגן בריוו פון וועג; חוץ אַ באַשרייבונג פון דער נסיעה, איז אין דעם בריוו אויך געווען אַ בקשה, אַז ווען איך וועל אַרויס־פאָרן קיין אָבדאָרסק, זאָל איך מיטנעמען ביכער און נאָך אַנדערע זאַכן, וואָס מען מוז זיי אומבאַדינגט האָבן אין צפון. עס האָט אויס־

געזעצן, ווי ער זאָל פלוצלונג חרטה האָבן און אָט טראָגט ער זיך צוריק אויף עפעס אַ פאַנטאַסטישן אופן און באַשטימט מיר אַפילו אַ באַגעגעניש אויף אַ סטאַציע, וואו עס קרייצן זיך די צוגן. אָבער מערקווירדיקערווייזע איז פון דער טעלעגראַמע אַרויסגעפאַלן דער נאָמען פון דער סטאַציע. אויפן צווייטן טאָג באַגינען פאָר איך קיין פעטערבורג און באַמי מיך קלאָר צו מאַכן לויטן פאָרפּלאַן ביז וואָסער סטאַציע באַדאַרף איך קויפן אַ בילעט. איך דערוועג מיך נישט צו אינפאָרמירן וועגן דעם און לאָז מיך אַוועק אין וועג אַריין נישט וויסנדיק דעם נאָמען פון דער סטאַציע. איך נעם אַ בילעט ביז וויאַטקאַ, און פאָר אַרויס אינאָוונט. דער וואַגאָן איז פול געפאַקט מיט גוטבאַזיצער, וואָס פאָרן צוריק פון פעטערבורג אין זייערע גיטער, אָנגעלאָדענע מיט פעקלעך, וואָס זיי האָבן אָנגעקויפט אין די דעליקאַטעסן-געשעפטן, צו פייערן די פוטערוואָך; מען שמועסט פון בלינעס, קאַוויאַר, באַליק, וויין א. ד. גל. איך האָב נישט געקאָנט פאַרטראָגן דידאָזיקע שמועסן, — איך האָב מיך אויפגערעגט פון דער פאָרשטייענדיקער באַגעגעניש און האָב מיך געפייניקט פונם געדאַנק וועגן מעגלעכע צופעליקע זאַכן... און דאָך בין איך טיף אין האַרצן געווען זיכער, אַז די באַגעגעניש וועט פאָרט צושטאַנד קומען. איך האָב מיך קוים דערוואַרט אויפן פרימאָרגן, ווען דער קעגן-צוג דאַרף אָנקומען אויף דער סטאַציע סאַמינאָ: ערשט אונטערוועגס האָב איך זיך דערוואוסט דעם נאָמען פון דער סטאַציע און האָב מיר אים איינגעחזרט אין זכרון אויף מיין גאַנץ לעבן. די צוגן האָבן זיך אָפּגעשטעלט, אי אונזערער, אי דער קעגנדיקער. איך בין אַרויסגעלאָפן אויפן פעראָן — נישטאָ קיינער. בין איך אַריינגעשפרונגען אין דעם קעגנדיקן צוג, מיט גרויס האַרצקלאַפעניש אַדורכגעלאָפן אַלע וואַגאָנעס, ניין, נישטאָ קיינער — און פלוצלונג האָב איך אין אַ קופע דערזען ל. ד.ס פעלץ — הייסט עס, אַז ער איז יאָ דאָ, אָבער וואו, וואו? איך בין אַרויסגעשפרונגען פון וואַגאָן און תיכף זיך אָנגעשטויסן אויף ל. ד., וואָס איז אַרויס פון וואָקזאַל, וואו ער האָט מיך געזוכט. ער איז געווען געוואַלדיק אויפגעבראַכט אויף דעם, וואָס מען האָט פאַרדרייט דעם טעקסט פון זיין טעלעגראַמע און האָט אַפילו געוואָלט טאַקע דאָ אויפן אָרט אויפהייבן אַ גאַנצן סקאַנדאַל. איך האָב אים קוים אָפּגעהאַלטן. בעת ער האָט מיר אַרויסגעשיקט די טעלעגראַמע, האָט ער זיך, נאַטירלעך, גערעכנט מיט דער מעגלעכקייט,

אַז אָנשטאָט מיר, קאָנען אים מקבל פּנים זיין זשאַנדאַרמען. ער האָט אָבער געהאַלטן, אַז מיט מיר וועט אים אין פּעטערבורג זיין לייכטער. אַגב, האָט ער זיך פאַרלאָזט אויף אַ גליקלעכן שטערן. מיר זענען אַריין אין קופּע און געפאָרן ווייטער צוזאַמען. איך בין געווען איבערראַשט פון דער פרייהייט און אומגעצוואונגענקייט, מיט וועלכער ל. ד. האָט זיך געהאַלטן, געלאַכט און גערעדט אויפן קול אין וואַגאָן און אויפן וואָקזאַל. איך האָב געהאַט אַ געפיל צו מאַכן אים אינגאַנצן אומזעעוודיק, גוט אויסבאַהאַלטן; פאַרן אַנטלויפן האָט אים דאָך געדראָט קאַטאָרגע. אָבער ער האָט זיך געוויזן אָפן פאַר אַלעמען און האָט פאַרזיכערט, אַז דאָס איז דווקא דער בעסטער שוץ".

פון וואָקזאַל זענען מיר גלייך אַוועק אין דער אַרטילעריע-שולע, צו אונזערע טרייע פריינט. אין מיין לעבן האָב איך נישט געזען אַזוינע מענטשן, וואָס זאָלן קענען אַזוי איבערראַשט ווערן, ווי די פאַמיליע פון דאָקטאָר ליטקענס. איך בין געשטאַנען אין גרויסן עסצימער, ווי אַ געשפּענסט, און אַלע האָבן מיך אָנגעקוקט מיט אַ פאַרכאַפּטן אָטעם. נאָכדעם, ווי מיר האָבן זיך צעקושט, האָבן זיך אַלע אָנגעהייבן וואונדערן און צום צווייטן מאָל נישט געגלויבט זייערע אייגענע אויגן. סוף-כל-סוף האָבן זיי זיך דאָך איבערצייגט, אַז דאָס בין איך. אויך איצט פיל איך עס: דאָס זענען געווען גליקלעכע שעהן. אָבער די געפאַר איז נאָך ווייט נישט געווען באַזייטיקט. דער דאָקטאָר האָט טאַקע דער ערשטער דערמאָנט וועגן דעם. אין אַ געוויסן זין האָט זי זיך גאָר איצט אָנגעהייבן. פון בעריאָזאָוו זענען שוין מסתמא אַרויסגעשיקט געוואָרן טעלעגראַמעס וועגן מיין פאַרשווינדן. אין פּעטערבורג, ווידער, האָט מען מיך צופיל געקענט צוליב דעם סאָוויעט פון די דעפּוטאַטן. מיר האָבן באַשלאָסן זיך אַריבערצופּעקלען קיין פינלאַנד, וואו די פרייהייט דעראָבערט דורך דער רעוואָלוציע, האָט זיך געהאַלטן אַ סך לענגער, ווי אין פּעטערבורג. דער געפערלעכסטער פונקט איז געווען דער פינלענדישער וואָקזאַל. האַרט פאַרן אָפּגאַנג פון צוג זענען אַריין אין אונזער וואַגאָן עטלעכע זשאַנדאַמעריע-אָפיצירן, וואָס האָבן רעווידירט דעם צוג. אין די אויגן פון מיין פרוי, וועלכע איז געזעסן מיטן פּנים צו דער טיר, האָב איך געלייענט, אין וואָס פאַר אַ געפאַר מיר געפינען זיך. מיר האָבן איבערגעלעבט אַ מאָמענט פון שטאַרקער נערוון-באַלאַדונג. די זשאַנדאַרמען האָבן אונז

אָבער גלייכגילטיק אָנגעקוקט און זענען אַוועק ווייטער. דאָס איז געווען דאָס בעסטע, וואָס זיי האָבן געקאָנט טאָן.

ווי לענין, אַזוי אויך מארטאוו, האָבן שוין לאַנג פאַרלאָזן פּעטערבורג און געלעבט אין פינלאַנד. די פאַרייניקונג פון די פראַקציעס, וואָס איז פאָרגעקומען אין אַפּריל 1906 אין שטאָקהאָלם, האָט שוין ווידער אַרויסגעוויזן אַ טיפע שפּאַלטונג. די רעוואָלוציאָנערע ירידה האָט נישט אויפגעהערט. די מענשעוויקעס האָבן זיך געשלאָגן על חטא פאַר זייערע שגיונות אין יאָר 1905. די באָלשעוויקעס האָבן זיך קיין על חטא נישט געשלאָגן און גענומען דעם קורס אויף אַ נייער רעוואָלוציע. איך האָב באַזוכט לענינען און מאַרטאָוון, וועלכע האָבן געוואוינט אין אַ דערבייאיקן דאָרף. אין מאַרטאָווס צימער, האָט, ווי תמיד, געהערשט אַ ווילדע אומאָרדענונג. אין אַ ווינקל זענען געווען אָנגעוואָרפן צייטונגען אין דער הויך פון אַ מענטשן. בעתן שמועס האָט זיך מאַרטאָוו פון צייט צו צייט אַרונטערגעטונקט אין דערדאָזיקער קופּע און אַרויסגעשלעפּט פון דאָרט דעם נויטיקן אַרטיקל. אויפן טיש זענען געלעגן מאַנוסקריפּטן, באַדעקט מיט אַש. די אומגערייניקטע פענסנע איז קרום אַראָפּגעהאָנגען אויף דער דינער נאָז. ווי שטענדיק, האָט מאַרטאָוו געהאַט אַ מאַסע פיינע, גלאַנצפולע געדאַנקען, עס האָט אים אָבער געפעלט איין געדאַנק, דער וויכטיקסטער. ער האָט נישט געוואוסט וואָס פאָרצונעמען. אין לענינס צימער האָט, ווי תמיד, געהערשט אַ מוסטערהאַפטע אָרדענונג. לענין האָט נישט געוויכערט. די נויטיקע צייטונגען מיט די נאָטיצן זענען געלעגן ביי דער האַנט. און דער עיקר — אויף דעמדאָזיקן פּראָזאַישן, אָבער אומגעוויינלעכן פּנים איז געלעגן אַן אומדערשיטערלעכע, הגם אויך אָפּוואַרטנדיקע זיכערקייט. עס איז נאָך נישט געווען קלאָר, צי איז עס טאַקע אַן ענדגילטיקער אָפּפלוס פון דער רעוואָלוציע אָדער בלויז אַ הפסקה פאַר אַ נייער עליה. אָבער אין דעם, ווי אין יענעם פאַל האָט מען אַלצאיינס געדאַרפט אָנפירן אַ קאַמף מיט די סקעפּטיקער, מאַכן אַ טעאָרעטישע רעוויזיע אין די דערפאַרונגען פון יאָר 1905, דערציען די קאַדרעס פאַר אַ נייעם אויפשטייג פון דער כוואַליע אָדער פאַר דער קומענדיקער רעוואָלוציע. לענין האָט בעתן שמועס אַרויסגעזאָגט אַ גוטע מיינונג וועגן מיינע תפיסה-אַרבעטן, אָבער מיר פאָרגעוואָרפן דערפאַר, וואָס איך מאַך נישט די נויטיקע אָרגאַניזאַציאָנעלע מסקנה און שטעל זיך נישט אין די רייען פון די באָלשעוויקעס.

ער איז געווען געדרעכט. פֿאַר מיין אַוועקגיין האָט ער מיר געגעבן אַדרעסן קיין העלסינגפֿאָרס, וואָס זענען מיר שטאַרק צונוץ געקומען. די פֿריינט, אויף וועלכע לענין האָט מיר אָנגעוויזן, האָבן מיר געהאָלפֿן זיך איינצואָרדענען מיט מיין פֿאַמיליע אין אָגלביו, אונטער העלסינגפֿאָרס, וואו עס האָט שפּעטער, נאָך אונז, אַ געוויסע צייט אויך לענין געוואוינט. דער העלסינגפֿאָרסער פּאָליצמייסטער איז געווען אַן אַקטיוויסט, ד. ה. אַ רעוואָלוציאָנערער פֿינישער נאַציאָנאַליסט. ער האָט מיר צוגעזאָגט, אַז ער וועט מיר געבן צו וויסן אין פֿאַל פֿון אַ סכּנה מצד פּעטערבורג. אין אָגלביו האָב איך פֿאַרבראַכט עטלעכע וואָכן צוזאַמען מיט מיין פֿרוי און מיין קליינעם זון, וואָס איז געבוירן געוואָרן, בעת איך בין געזעסן אין תּפֿיסה. דאָ, אין איינזאַמקייט, האָב איך באַשריבן מיין נסיעה אין אַ ביכל „אַהין און צוריק“ און פֿאַרן באַקומענעם האָנאָראַר אַרויסגעפֿאָרן איבער שטאָקהאָלם קיין אויסלאַנד. מיין פֿרוי מיטן זון זענען לעת־עתּה פֿאַרבליבן אין רוסלאַנד. ביז דער גרענעץ האָט מיך באַגלייט אַ יונגע פֿינישע אַקטיוויסטין. אין יענעם פּעריאָד זענען עס געווען אונזערע פֿריינט. אין יאָר 1917 זענען זיי אָבער געוואָרן פֿאַשיסטן און פֿאַרביסענע שונאים פֿון דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע. אויף אַ סקאַנדינאַווישן דאַמפּער בין איך אַריינגעפֿאָרן אין דער נייער עמיגראַציע, וואָס האָט געדויערט צען יאָר.

זעכצנטער קאַפּיטל

די צווייטע עמיגראַציע און דער דייטשער סאָציאַליזם

דער פּאַרטיי־צוזאַמענפאָר פון יאָר 1907 האָט אָפּגעהאַלטן זיינע זיצונגען אין אַ לאָנדאָנער סאָציאַליסטישער קירכע. דאָס איז געווען אַ פּילקעפּיקער, לאַנגער, שטורמישער און כאַאָטישער קאָנגרעס. אין פּעטערבורג האָט נאָך געלעבט די צווייטע דומע. די רעוואָלוציע איז אַלץ מער און מער געפאַלן, דער אינטערעס צו איר איז נאָך אָבער געווען זייער גרויס אַפילו אין די ענגלישע פּאָליטישע קרייזן. די באַרימטע קאָנגרעס־דעלעגאַטן האָבן די אָנגעזעענע ליבעראַלן איינגע־לאַדן צו זיך אַהיים, כּדי זיי צו ווייזן פאַר די געסט. דער אָנגע־הייבענער אָפּפלוס פון דער רעוואָלוציע האָט זיך שוין אַפילו אַרויס־געוויזן אין דער אָפּגעשוואַכטער פּאַרטיי־קאַסע. נישט בלויז אויף הוצאות צוריק, נאָר אַפילו אויף צו דערפירן דעם קאָנגרעס ביזן סוף האָבן נישט געקלעקט קיין מיטלען. ווען דידאָזיקע טרויעריקע ידיעה האָט אָפּגעקלונגען אין דער געוועלבטער קירכע און זיך אַריינגעשניטן אין דער דיסקוסיע ווענן אַ באַוואָפנטן אויפשטאַנד, האָבן די דעלע־גאַטן מיט אַן אומרואיקער שטוינונג אָנגעקוקט איינאַנדער. וואָס טוט מען? מען קאָן דאָך נישט בלייבן אין דער לאָנדאָנער קירכע. אָבער אָן אויסוועג האָט זיך געפונען און גאָר אומגעריכט. איינער פון די ענגלישע ליבעראַלן איז געווען אַ בעלן צו געבן דער רוסישער רע־

וואָלוציע אַ הלוואה, אויב איך בין מיך נישט טועה — דריי טויזנט פונט שטערלינג. ער האָט אָבער געפּאָדערט, אַז אויפן וועקסל פון דער רעוואָלוציע זאָלן זיך אונטערשרייבן אַלע אָנטיילנעמער פון קאָנ־גרעס. דער ענגלענדער האָט באַקומען אין זיינע הענט אַ דאָקומענט, אויף וועלכן עס האָבן פיגורירט עטלעכע הונדערט חתימות אין דער שריפט פון אַלע פעלקער אין רוסלאַנד. אויפן סילוק פון דעמדאָזיקן וועקסל האָט ער אָבער געמוזט לאַנג וואַרטן. אין די יאָרן פון רעאַקציע און קריג האָט די פּאַרטיי אַפילו נישט געקאָנט טראַכטן פון אַזעלכע סומעס. ערשט די סאָוויעט־רעגירונג האָט אויסגעקויפט דעמדאָזיקן וועקסל פון דעם לאָנדאָנער קאָנגרעס. א י ר ע התחייבותן דערפילט די רעוואָלוציע תמיד, ווען אַפילו געוויינלעך מיט אַ פאַרשפּעטיקונג.

אין די ערשטע טעג פון קאָנגרעס האָט מיר אין די קולואַרן פון דער קירכע אָפּגעשטעלט אַ הויכער, עקיקער מענטש מיט אַ קיילעכדיקן פנים און סטאַרטשענדיקע באַקנביינער, אין אַ רונדן הוט. „איך בין אייערער אַ פאַרערער", האָט ער אַ זאָג געטאָן מיט אַ פריינטלעכן שמייכל. — „אַ פאַרערער"? האָב איך אַ פרעג געטאָן מיט שטוינונג. עס האָט זיך אַרויסגעשטעלט, אַז ער מיינט מיינע פּאָליטישע פאַמפלעטן, וואָס איך האָב געשריבן אין תפיסה. געשטאַנען איז פאַר מיר מאַקסים גאָרקי. איך האָב אים דעמאָלט געזען צום ערשטן מאָל. „איך מיין, אַז ס'איז נישטאָ קיין שום נויטווענדיקייט צו זאָגן, אַז איך בין אייער פאַרערער", האָב איך געענטפערט מיט פריינטלעכקייט אויף פריינטלעכקייט. גאָרקי איז אין יענער צייט געשטאַנען נאָענט צו די באָלשעוויקעס. אים האָט באַגלייט די באַקאַנטע שוישפּילערין אַנדרייעוואַ. שפּעטער האָבן מיר צוזאַמען באַטראַכט לאָנדאָן. „איר פאַרשטייט", האָט גאָרקי געזאָגט, אָנווייזנדיק מיט גרויס חידוש אויף אַנדרייעוואַן, „זי רעדט אויף אַלע לשונות". גאָרקי אַליין האָט גערעדט נאָר רוסיש, דערפאַר אָבער זייער גוט. אַז אַ בעטלער האָט הינטער אונדז צוגעמאַכט די טיר פון קעב, האָט זיך גאָרקי בעטנדיק אָנגערופן צו זיין באַגלייטערין: „מען האָט אים טאַקע געדאַרפט געבן דידאָזיקע פענס". אַנדרייעוואַ האָט געענטפערט: „געגעבן, אַליאָשענקאַ, געגעבן".

אויפן לאָנדאָנער קאָנגרעס בין איך מיך צונויפגעקומען מיט ראָזע לוקסעמבורג, וועלכער איך האָב נאָך געקענט פון יאָר 1904.

אַ קליינע, אַ צאַרטע, אַפילו אַ קרענקלעכע, מיט איידעלע געזיכטשטריכן און הערלעכע אויגן, וואָס האָבן געשטראַלט מיט שׂכל, האָט זי פאַרכאַפּט מיט דער קראַפט פון איר כאַראַקטער און דעם מוט פון אירע געדאַנקען. איר סטיל — אַן אָנגעשטרענגטער, אַ געניטער, אַן אומדערבאַרעמלעכער — וועט שטענדיק בלייבן דער שפּיגל פון איר העלדישן גייסט. דאָס איז געווען אַ פילזייטיקע ניואַנסרייכע נאַטור. די רעוואָלוציע און אירע ליידנשאַפטן, דער מענטש און זיין קונסט, די נאַטור, אירע פייגל און גראָזן האָבן אין אַ גלייכער מאָס געקענט אַרויסרופן געזאַנגטענער אין ראָזעס נשמה, וואָס האָט געהאַט אַזויפיל סטרונעס. „איך מוז דאָך אָבער עמעצן האָבן“, — האָט זי געשריבן לואיזע קאַוטסקין, — „וועט ווער מיר גלויבן, אַז בלויז צוליב אַ מיספאַרשטענדעניש דריי איך מיך אַרום אין שפּרודל פון דער וועלטגעשיכטע, אינדעראמתן אָבער בין איך גאָר געבאָרן געוואָרן דערויף, צו פּאַשן גענז“ (173). קיין נעענטערע פּערזענלעכע באַציונגען זענען צווישן מיר און ראָזע לוקסעמבורג נישט געווען: אויף דעם זענען אונזערע באַגעגענישן געווען צו קורץ און צו זעלטן. איך האָב זי באַוואונדערט פון ווייטן. און דאָך קאָן אפשר זיין, אַז איך האָב זי אין יענער צייט נישט גענוג הויך אָפּגעשאַצט... אין דער פראַגע וועגן דער אַזויגערופענער פּערמאַנענטער רעוואָלוציע האָט לוקסעמבורג אָנגענומען דיזעלבע פּרינציפּיעלע שטעלונג, וואָס איך. אין די קולואַרן איז צווישן מיר און לענינען פאָרגעקומען אויף דערדאָזיקער טעמע אַ האַלב שפּאַסיקער וויכּוח. די דעלעגאַטן האָבן אונז אַרומגערינגלט אין אַן ענגען קרייז. — „דאָס איז אַלץ מחמת דעם“, האָט לענין געזאָגט וועגן ראָזען, „וואָס זי רעדט נישט גענוג גוט רוסיש“. — „דערפאַר אָבער“, האָב איך געענטפערט, „רעדט זי גוט מאַרקסיסטיש“. די דעלעגאַטן האָבן געלאַכט און מיר צוזאַמען מיט זיי.

אויף דער זיצונג פון קאָנגרעס האָב איך ווידער געהאַט די געלעגנהייט אויפצוקלערן מיין בליק אויף דער ראָל פון פּראָלעטאַריאַט אין דער בירגערלעכער רעוואָלוציע און בפרט — זיין באַציונג צום פּויערטום. אין זיין שלוסוואָרט האָט לענין וועגן דעם געזאָגט: „טראָצקי שטייט אויפן שטאַנדפּונקט פון די געמיינזאַמע אינטערעסן פון פּראָלעטאַריאַט און דעם פּויערטום אין דער הייַנטיקער רעוואָלוציע“, דעריבער „מערקט זיך דאָ אַ סאָלידאַרקייט אין די גרונטלייגנדיקע פּונקטן וועגן דער באַציונג צו די בירגערלעכע פּאַרטייען“. ווי דאָס איז

ענלעך צו דער לעגענדע, אַז אין יאָר 1905 האָב איך פּלומרשט „איג־נאָרירט" דאָס פּויערטום! עס בלייבט נאָך צוצוגעבן, אַז מיין לאַנדאַ־נער פּראָגראַם־רעדע פון יאָר 1907, וואָס איך באַטראַכט זי נאָך אויך היינט פאַר אַ ריכטיקע, איז נאָך דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע אומצייטיקע מאָל איבערגעדרוקט געוואָרן אַלס מוסטער פון דער באָלשעוויסטישער שטעלונג צום פּויערטום און דער בורזשואַזיע.

פון לאָנדאָן בין איך אַרויסגעפאָרן קיין בערלין, וואו איך האָב געדאַרפט באַגעגענען מיין פרוי, וואָס האָט געזאָלט קומען פון פּעטערבורג. צו דער צייט איז שוין פּאַרוואוס אַנטלאָפן פון סיביר. אין קאָדענס סאָציאַל־דעמאָקראַטישן פאַרלאַג אין דרעזדען האָט פּאַרוואוס אַריינגעגעבן מיין ביכל „אַהין און צוריק". פאַר מיין דאָזיקער בראָשור, געווידמעט מיין אַנטלויפן, האָב איך אָנגעשריבן אַ הקדמה וועגן דער רעוואָלוציע גופא. פון דערדאָזיקער הקדמה איז אין משך פון עטלעכע חדשים אויסגעוואַקסן מיין בוך „Russland in der Revolution" זאַלבעדריט — מיין פרוי, פּאַרוואוס און איך — האָבן מיר זיך אַוועקגעלאָזן צופוס איבער דער זאַקסישער שווייץ. עס איז געווען סוף זומער, די טעג זענען געווען העללעכע, אינדערפרי האָט געבלאָזן אַ קיל ווינטל, מיר האָבן געטרונקען מילך און באַרגלופט. פאַר אונזער פרואוו זיך אַראָפּצולאָזן אין טאָל אָן אַ שום וועג האָב איך מיט מיין פרוי שיעור נישט באַצאָלט מיטן לעבן. מיר זענען געקומען קיין בעמען, אין שטעטל הירשבערג, אַ דאַטשע־אָרט פאַר קליינע באַאַמטע, און געבליבן דאָרט עטלעכע וואָכן. אַז דאָס געלט האָט אָנגעהייבן אויסצוגיין — און דאָס פלעגט געשען פּעריאָדיש — האָט פּאַרוואוס אָדער איך אייליק אָנגעשריבן אַן אַרטיקעלע פאַר דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פּרעסע. אין הירשבערג האָב איך אָנגעשריבן אַ בוך וועגן דער דייטשער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע פאַר אַ באָלשעוויסטישן פאַרלאַג אין פּעטערבורג. דאָ האָב איך צום צווייטן מאָל (דאָס ערשטע מאָל אין יאָר 1905) אַרויסגעזאָגט דעם געדאַנק, אַז די גיגאַנטישע מאַשינעריע פון דער דייטשער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע קאָן זיך אין אַ קריטישן מאָמענט פון דער בירגערלעכער געזעלשאַפט אַרויסווייזן פאַר דעם יסוד פון אַ קאָנסערוואַטיווער אָרדענונג. אין יענער צייט האָב איך אָפילו אַליין נישט פאָרגעזען, ווי ווייט דידאָזיקע טעאָרעטישע סברה קאָן זיך באַשטעטיקן אין דער פּראַקטיק. פון הירשבערג זענען מיר זיך צעפאָרן אין פאַרשיידענע ריכטונגען. איך בין אַרויסגעפאָרן

צום קאָנגרעס קיין שטוטגאַרט. מיין פרוי — קיין רוסלאַנד נאָכן קינד, און פאַרוואוּס — קיין דייטשלאַנד.

אויפן קאָנגרעס פון אינטערנאַציאָנאַל האָט זיך נאָך געשפּירט דער אָטעם פון דער רוסישער רעוואָלוציע אין יאָר 1905. די מער־הייט האָט געצויגן צום לינקן פליגל. עס האָט זיך שוין אָבער גע־מערקט אַן אַנטוישונג אין די רעוואָלוציאָנערע מעטאָדן. צו די רו־סישע רעוואָלוציאָנערן האָט מען זיך נאָך באַצויגן מיט אַ געוויסן אינטערעס, אָבער אין דעמדאָזיקן אינטערעס האָט זיך שוין געשפּירט אַ ניואַנס פון לייכטער איראָניע: ווידער, הייסט עס, געקומען צוריק צו אונז. בעת איך בין אין פעברואַר 1905 געפאָרן דורך ווין קיין רוסלאַנד, האָב איך געפרעגט ביי וויקטאָר אַדלערן, וואָס קלערט ער וועגן דעם אַנטייל פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע אין דער קינפטי־קער פּראָוויזאָרישער רעגירונג. אַדלער האָט מיר געענטפערט אויפן אַדלערישן שטייגער: איר האָט נאָך געווגע אַרבעט מיט דער ע ק ז י ס־ט י ר נ ד י ק ע ר רעגירונג, למאי זאָלט איר אייך ברעכן דעם קאָפּ וועגן דער צ ו ק ו נ פ ט י ק ע ר.

אין שטוטגאַרט האָב איך אַדלערן דערמאָנט אָן די דאָזיקע ווער־טער. „איך בין מיך מודה, אַז איר זענט געווען נעענטער צו אַ פּראָ־וויזאָרישער רעגירונג, ווי איך האָב מיר עס פאָרגעשטעלט“. אַדלער איז בכלל געווען גוט געגייגט צו מיר: די אַלגעמיינע וואַלרעכט אין עסטרייך איז דאָך פאַקטיש אויסגעקעמפט געוואָרן דורכן פעטערבור־גער סאָוויעט פון די אַרבעטער־דעפּוטאַטן.

דער ענגלישער דעפּוטאַט קוועלטש, וואָס האָט מיר אין יאָר 1902 פאַרמעגלעכט דעם צוטריט צום בריטישן מוזיי, האָט בעתן שטוטגאַרטער קאָנגרעס אָנגערופן די דיפּלאָמאַטישע קאָנפערענץ מיט דעם נישט העפלעכן נאָמען: פ אַ ר ז אַ מ ל ו נ ג פ ו ן ר ו י ב ע ר. דאָס האָט נישט געקאָנט געפעלן ווערן דעם פירשט ביל‌אָוו. די ווירטעמ־בערגער רעגירונג האָט, אונטערן דרוק פון בערלין, אַרויסגעשיקט קוועלטשן. בעבעל האָט זיך מיטאָמאָל שלעכט דערשפּירט. די פּאַר־טיי האָט זיך נישט געקאָנט באַשליסן אָנצונעמען מיטלען קעגן דער אַרויסשיקונג. מען האָט אַפילו נישט געמאַכט קיין פּראָטעסט־דעמאָנ־סטראַציע. דער אינטערנאַציאָנאַלער קאָנגרעס איז געוואָרן ענלעך צו אַ שולצימער: אַ חוצפּהדיקן שילער שיקט מען אַרויס פון קלאַס, די איבעריקע שווייגן. הינטער די מעכטיקע ציפערן פון דער דייטשער

סאָציאַל־דעמאָקראַטיע האָט זיך דייטלעך געשפּירט דער שאָטן פון אָנמעכטיקייט.

אין אָקטאָבער (1907) בין איך שוין געווען אין ווין. באַלד איז געקומען מיין פרוי מיטן קינד. וואַרטנדיק אויף אַ נייער רעוואָלוציאָנערער כוואַליע, האָבן מיר זיך באַזעצט הינטער דער שטאָט, אין Hütteldorf. מען האָט געמוזט לאַנג וואַרטן. פון ווין האָט אונז אין זיבן יאָר אַרום אַרויסגעטראָגן נישט קיין רעוואָלוציאָנערע כוואַליע, גאָר אַן אַנדערע, יענע כוואַליע, וואָס האָט אָנגעטרונקען מיט בלוט דעם באָדן פון אייראָפּע. פאַרוואָס האָבן מיר אויסגעקליבן ווין, בעת די גאַנצע עמיגראַציע האָט זיך געהאַט קאָנצענטרירט אין דער שווייץ און פּאַריז? אין יענעם פּעריאָד בין איך געשטאַנען אַמנאָענטסטן צו צו דעם דייטשן פּאָליטישן לעבן. אין בערלין האָט מען זיך נישט געקאָנט באַזעצן צוליב פּאָליציייאישע טעמים. מיר האָבן זיך אָפּגעשטעלט אויף ווין. אָבער אין פאַרלויף פון די גאַנצע זיבן יאָר האָב איך אַ סך אויפמערקזאַמער שטודירט דאָס דייטשע, ווי דאָס עסטרייכישע לעבן, וואָס האָט צופיל דערמאָנט אָן דער מעשה מיט דער וועוועקרע אין ראָד.

וויקטאָר אַלדערן, דעם אָנערקענטן פירער פון דער פּאַרטיי, האָב איך געקענט פון יאָר 1902. איצט איז געקומען די צייט זיך צו באַקענען מיט זיין נאָענטסטער סביבה און מיט דער גאַנצער פּאַרטיי.

מיט הילפערדינגען האָב איך זיך באַקענט זומער 1907 ביי קאַוטסקין אין הויז. הילפערדינג איז דעמאָלט דערגאַנגען צום העכסטן פּונקט פון זיין רעוואָלוציאָנערישקייט, וואָס ס'האָט אים לגמרי נישט געשטערט אַרויסצווייזן שנאה צו ראָזע לוקסעמבורג און פאַראַכטונג צו קאַרל ליבקנעכט. בנוגע רוסלאַנד אָבער איז ער אין יענע צייטן, ווי אַ סך אַנדערע, געווען גרייט אָנצונעמען די ראַדיקאַלסטע מסקנות. ער האָט געלויבט מיינע אַרטיקלען, וואָס די „נייע צייט" האָט נאָך פאַר מיין אַנטלויפן קיין אויסלאַנד באַוויזן איבערצוזעצן פון די רוסישע אויסגאַבן. און גאָר אומגעריכט פאַר מיר, האָט ער מיר תיכף נאָך די ערשטע ווערטער פאָרגעלייגט איבערצוגיין אויף „דו". מחמת דעם האָבן אונזערע באַציונגען אויסערלעך אָנגענומען אַ פאָרם פון אינטימלעכקייט. קיין שום מאָראַליש־פּאָליטישער באַזיס האָט אָבער אונטער דערדאָזיקער נאָענטקייט נישט עקזיסטירט.

מיט דער גרעסטער פאַראַכטונג האָט הילפערדינג אין יענער

צייט זיך אָפּגערופן וועגן דער פאַרגליווערטער און פאַסיווער דייטשער סאָציאַל-דעמאָקראַטיע, אַנטקעגנשטעלנדיק איר די עסטרייכישע אַקטיווקייט. הידאָזיקע קריטיק האָט אָבער געטראָגן אַ היימישן כאַראַקטער. אָפיציעל איז הילפערדינג געבליבן אַ ליטעראַרישער באַאַמטער אין דינסט ביי דער דייטשער פאַרטיי און — נישט מער. אַראָפּקומענדיק קיין ווין, פלעגט מיך הילפערדינג באַזוכן און האָט מיך איינמאָל, אין אָוונט, צונויפגעפירט אין אַ קאַפע מיט זיינע עסטרייכיש-מאַרקסיסטישע פריינט. זיך אַריבערכאַפּנדיק קיין בערלין, פלעג איך, פון מיין זייט, באַזוכן הילפערדינגען. צוזאַמען מיט אים האָבן מיר זיך געטראָפן אין אַ בערלינער קאַפע מיט מאַקדאָנאַלדן. דער דאָלמעטשער איז געווען עדואַרד בערנשטיין. הילפערדינג האָט געשטעלט פראַגן, מאַקדאָנאַלד האָט געענטפערט. איצט געדענק איך נישט — נישט די פראַגן, נישט די תשובות, ווייל זיי האָבן זיך מיט קיין שום זאַך נישט אויסגעצייכנט, סיידן אפשר מיט זייער באַנאַלקייט. אין געדאַנק האָב איך מיך געפרעגט: ווער פון די דריי מענטשן שטייט אָמווייטסטן פון דעם, וואָס איך בין געוויינט צו פאַרשטיין אונטערן באַגריף סאָציאַליזם? און איך האָב נישט געפונען קיין ענטפער דערויף.

בעת די בריסקער שלום-אונטערהאַנדלונגען האָב איך פון הילפערדינגען באַקומען אַ בריוו. איך האָב זיך נישט געקאָנט ריכטן אויף אויסערגעוויינלעכע זאַכן, דאָך אָבער האָב איך מיט אַ געוויסן אינטערעס אויפגעעפנט דעם קאָנווערט: נאָך דער אָקטאָבער-איבערקערעניש איז עס געווען די ערשטע אוממיטלבאַרע שטימע פון סאָציאַליסטישן מערב. און וואָס איז געווען? אין דעמדאָזיקן בריוו האָט מיך הילפערדינג געבעטן, מען זאָל באַפרייען אַ געפאַנגענעם פון דער פאַרשפרייטער ראַסע ווינער „דאָקטוירים". *וועגן דער רעוואָלוציע איז אין בריוו מיט קיין איין וואָרט נישט דערמאָנט געוואָרן.* דער בריוו איז אָבער געווען געשריבן אויף „דו". איך האָב גענוג גוט געקענט הילפערדינגען. מיר שיינט, אַז איך האָב זיך אויף זיין חשבון נישט געמאַכט קיין שום אילוזיעס. און דאָך האָב איך נישט געגלויבט מיינע אייגענע אויגן. איך געדענק, ווי לענין האָט מיך זייער רירעוודיק אַ פרעג געטאָן: „מען שמועסט, אַז איר האָט באַקומען פון הילפערדינגען אַ בריוו?" — „יאָ, באַקומען". — „נו, און וואָס?" — „ער בעט, מען זאָל באַפרייען אַ געפאַנגענעם בן-עיר." — „און וואָס זאָגט ער וועגן דער רעוואָלוציע?" — „וועגן

דער רעוואָלוציע זאָגט ער גאָרנישט." — „ג–אָ–ר–נ–י–ש–ט?" — „גאָרנישט!" — „עס קאָן נישט זיין!" — לענין האָט מיך אָנגעקוקט מיט אויסגעגלאָצטע אויגן. איך האָב מיך געפונען אין אַ בעסערער לאַגע, ווי ער: איך האָב שוין באַוויזן זיך צוצוגעוויינען צום געדאַנק, אַז פאַר הילפערדינגען איז די אָקטאָבער-רעוואָלוציע און די בריסקער טראַגעדיע געווען בלויז אַ געלעגנהייט צו אינטערוועניר וועגן זיינעם אַ בן-עיר. איך פאַרשפּאָר דעם לעזער צו ברענגען יענע צוויי-דריי עפּיטעטן, אין וועלכע עס האָט זיך אויסגעדריקט לענינס שטימונג.

הילפערדינג האָט מיך קודם-כל צונויפגעפירט מיט זיינע ווינער פריינט: אָטאָ בויער, מאַקס אַדלער און קאַרל רענער. דאָס זענען געווען זייער געבילדעטע מענטשן, וואָס האָבן אויף פאַרשיידענע געביטן געוואוסט אַ סך מער, ווי איך. מיט דעם גרעסטן אינטערעס, מען קאָן אפילו זאָגן, מיט יראת-הכבוד האָב איך מיך צוגעהערט צו זייער ערשטן שמועס אין קאַפע „צענטראַל". אָבער גאָר אינגיכן האָט זיך מיין אויפמערקזאַמקייט באַהעפט מיט אַ געפיל פון שטוינונג. דידאַזיקע מענטשן זענען נישט געווען קיין רעוואָלוציאָנערן. נאָך מער: זיי האָבן פאָרגעשטעלט מיט זיך אַ מענטשלעכן טיפּ, וואָס איז פונקט דער היפוך פון אַ רעוואָלוציאָנער. דאָס האָט זיך אויסגעדריקט אין אַלץ: אין זייער צוגאַנג צו אַ פראַגע, אין זייערע פּאָליטישע באַמערקונגען און פּסיכאָלאָגישע אָפּשאַצונגען, אין זייער זעלבסטצופרידנקייט,— נישט קיין זעלבסטזיכערקייט, נאָר זעלבסטצופרידנקייט, — מיר האָט זיך אפילו געדאַכט, אַז איך שפּיר דאָס פיליסטערטום אין דעם טעמבער פון זייערע שטימען.

באַזונדערס האָט מיך איבערראַשט דאָס, וואָס דידאָזיקע געבילדעטע מאַרקסיסטן האָבן זיך אַרויסגעוויזן פאַר אַבסאָלוט אומפעאיק צו באַהערשן דעם מאַרקסיסטישן מעטאָד, קוים זענען זיי נאָר צוגעגאַנגען צו די גרויסע פּראָבלעמען פון דער פּאָליטיק, דער עיקר צו אירע רעוואָלוציאָנערע ווענדונגען. קודם-כל האָב איך מיך איבערצייגט דערין אין באַצוג צו רענערן. מיר זענען זיך פאַרזעסן שפּעט אין קאַפע, קיין טראַמוואַיען אין היטעלדאָרף, וואו איך האָב געוואוינט, זענען שוין נישט געגאַנגען, און רענער האָט מיר פאָרגעלייגט איבערנעכטיקן ביי אים. דעמאָלט איז נאָך דערדאָזיקער געבילדעטער און טאַלאַנטפולער האַבסבורגער באַאַמטער געווען זייער ווייט פון געדאַנק,

אַז דער ביטערער מזל פון עסטרייך-אונגאַרן, וואָס ער איז געווען איר היסטאָרישער אַדוואָקאַט, וועט אים אין צען יאָר אַרום מאַכן פאַרן רייכסקאַנצלער פון דער עסטרייכישער רעפּובליק. גייענדיק פון קאַפּע אַהיים, האָבן מיר גערעדט וועגן די פּערספּעקטיוון פון רוס-לאַנדס אַנטוויקלונג; דאָרט, אין רוסלאַנד האָט זיך שוין אין דעם מאָ-מענט פאַרפּעסטיקט די קאָנטער-רעוואָלוציע. רענער האָט גערעדט וועגן דערדאָזיקער פראַגע מיט דער העפלעכקייט און גלייכגילטיקייט פון אַ געבילדעטן אויסלענדער. דאָס עסטרייכישע מיניסטעריום פון באַראָן בעק האָט אים אַ סך מער אינטערעסירט. דער תּוך פון זיינע מיי-נונגען איבער רוסלאַנד איז געלעגן אין דעם, אַז דער בלאָק פון די גוטבאַזיצער מיט דער בורזשואַזיע, וואָס האָט געפונען זיין אויסדרוק נאָך דער מלוכה-איבערקערעניש אין סטאָליפּינס קאָנסטיטוציע פון דריטן יוני 1907, אַנטשפּרעכט פולשטענדיק דער אַנטוויקלונג פון די פּראָדוקטיווע כּוחות אין לאַנד און האָט דעריבער אַלע שאַנסן זיך צו האַלטן. איך האָב אים געענטפערט, אַז לויט מיין מיינונג גרייט צו דער הערשנדיקער בלאָק פון די גוטבאַזיצער און דער בורזשואַזיע אַ צווייטע רעוואָלוציע, וואָס וועט מסתּמא גיכער ווי אַלץ אַוועק-שטעלן ביי דער מאַכט דעם רוסישן פּראָלעטאַריאַט. איך געדענק רענערס לויפיקן, שטוינענדיקן און עטוואָס נאָכגיביקן בליק אינם ליכט פון דער נאַכט-לאַמטערנע. ער האָט, אַפּנים, געהאַלטן מיין פּראָגנאָז פאַר אַ מין פלוידעריי פון אַ פּאָליטישן אַנאַלפאַבעט, ווי, אָ שטייגער, די אַפּאָקאַליפּטישע נביאות פון יענעם עסטרייכישן מיסטיקער, וואָס האָט אויפן אינטערנאַציאָנאַלן סאָציאַליסטישן קאָנגרעס אין שטוטגאַרט מיט עטלעכע חדשים צוריק פאָרויסגעזאָגט דעם טאָג און די שעה פון דער קומענדיקער סאָציאַלער רעוואָלוציע. — „איר מיינט אַזוי?" האָט רענער געפרעגט. „נאַטירלעך, איך בין אפשר נישט אַזוי גוט באַהאַוונט אין די רוסישע פאַרהעלטענישן", האָט ער צוגעגעבן מיט אַ פאַרניכטנדיקער העפלעכקייט. מיר האָבן נישט געהאַט אונטער די פיס קיין געמיינזאַמען באָדן אויף צו פירן אונזער שמועס. מיר איז קלאָר געוואָרן, אַז דערדאָזיקער מענטש איז פונקט אַזוי ווייט פון דער רעוואָלוציאָנערער דיאַלעקטיק, ווי דער קאָנסערוואַטיווסטער פון די מצרימדיקע פּרעהס.

די ערשטע איינדרוקן האָבן זיך שפּעטער כּסדר פאַרטיפט. די-דאָזיקע מענטשן האָבן געהאַט אַ סך וויסן און זיינען געווען פעאיק —

אין די ראַמען פון פּאָליטישער רוטין צו שרייבן גוטע מאַרקסיס־טישע אַרטיקלען. פאַר מיר אָבער זיינען זיי געווען פרעמדע מענטשן. דערין האָב איך זיך אַליין מער איבערצייגט, וואָס ברייטער עס איז געוואָרן דער קרייז פון מיינע באַקאַנטשאַפטן און באַאָבאַכטונגען. אין אַן אומגעצוואונגענעם שמועס צווישן זיך האָבן זיי אַ סך אויפריכטיקער, ווי אין די אַרטיקלען און רעדעס, אַרויסגעוויזן דאָ אַן אומפאַרדעקטן שאָוויניזם, דאָ באַרימערייַ פון אַ קליינעם אויפגעקומענעם מענטשן, דאָ הייליקן שוידער פאַר דער פּאָליציי, דאָ אַ וואולגאַרע באַציונג צו דער פרוי. און שטאַרק פאַרחידושט, האָב איך אײנערלעך אויסגעשריגן: „אויך מיר רעוואָלוציאָנערן". איך מיין דאָ נישט די אַרבעטער, ביי וועלכע מען קאָן אויך געפינען אַן היפּש ביסל קליינבירגערלעכע אייגנשאַפטן, אָבער פּשוטערע און נאַיווערע. ניין, איך האָב מיך געטראָפן מיט דער עליטע פון דעם פאַרמלחמהדיקן עסטרייכישן מאַרקסיזם, מיט דעפּוטאַטן, שריפטשטעלער און זשורנאַליסטן. בעת דידאָזיקע באַגעגענישן האָב איך מיך אויסגעלערנט צו פאַרשטיין, וואָס פאַר אַ פאַרשיידענע מינים עלעמענטן עס קאָן אין זיך אַריינגעמען די פּסיכיק פון איין און דעמזעלבן מענטשן, און ווי ווייט דאָס איז פון אַ פּאַסיווער איינזאַפּונג פון באַשטימטע טיילן פון אַ סיסטעם, ביז ער ווערט פּסיכאָלאָגיש איבערגעאַרבעט אין זיין גאַנצן פאַרנעם און ביז מען דערציט זיך פונדאַסניי אין גייסט פון דעמדאָזיקן סיסטעם. דער פּסיכאָלאָגישער טיפּ פון אַ מאַרקסיסט קאָן אויפקומען נאָר אין אַ תּקופה פון סאָציאַלע דערשיטערונגען, פון אַ רעוואָלוציאָנערער איבעררייסונג מיט די טראַדיציעס און געוויינהייטן. דער עסטרייכישער מאַרקסיסט אָבער האָט זיך צו אָפט אַרויסגעוויזן פאַר אַ פיליסטער, וואָס האָט שטודירט די אָדער יענע טיילן פון מאַרקסעס טעאָריע, ווי מען שטודירט, למשל, יוריספּרודענץ און מען לעבט פון די פּראָצענטן פון „קאַפּיטאַל". אין אַלטן קייזערלעכן, היעראַרכישן, הבלדיקן און באַרימערישן ווין, האָבן די אַקאַדעמיקער־מאַרקסיסטן איינאַנדער גערופן מיט אַ זיס מינעלע: „Herr Doctor". די אַרבעטער פלעגן נישט זעלטן רופן די אַקאַדעמיקער: „Genosse Herr Doctor" אין משך פון די גאַנצע זיבן יאָר, וואָס איך האָב פאַרבראַכט אין ווין, האָב איך מיט קיין איינציקן פון דידאָזיקע רעדלפירער נישט געקאָנט אָפנהאַרציק זיך אַדורכשמועסן,

כאָטש איך בין געווען אַ מיטגליד פון דער דייטשער סאָציאַל-דעמאָקראַטיע, האָב באַזוכט אירע פאַרזאַמלונגען, זיך באַטייליקט אין אירע דעמאָנסטראַציעס, מיטגעאַרבעט אין אירע אָרגאַנען און אָפטמאָל געהאַלטן קליינע רעפעראַטן אין דער דייטשער שפּראַך. איך האָב געפילט די סאָציאַל-דעמאָקראַטישע לידערס, ווי פרעמדע מענטשן און גלייכצייטיק האָב איך אָן שום מי געפונען אַ געמיינזאַמען לשון מיטן סאָציאַל-דעמאָקראַטישן אַרבעטער אויף די פאַרזאַמלונגען אָדער מאַי-דעמאָנסטראַציעס.

אין אַזוינע באַדינגונגען איז די קאָרעספּאָנדענץ צווישן מאַרקסן און ענגעלסן פאַר מיר געווען דאָס נויטיקסטע און נאָענטסטע בוך — די העכסטע און זיכערסטע רעוויזיע, אָבער אַ רעוויזיע נישט אַזוי פון מיינע מיינונגען, ווי פון מיין גאַנצער וועלט-עמפּינדונג. די ווינער לידערס פון דער דעמאָקראַטיע האָבן זיך באַנוצט מיט דיזעלבע פאָרמולעס, מיט וועלכע איך האָב מיך באַנוצט. עס איז אָבער געווען גענוג אַ דריי צו טאָן די ערשטע, בעסטע פאָרמול אויף פינף גראַד אַרום דער אַקס, ווי עס האָט זיך תיכף אַרויסגעוויזן, אַז מיר האָבן אָנגעפילט דיזעלבע באַגריפן מיט גאָר אַן אַנדער אינהאַלט. אונזער סאָלידאַרישקייט איז געווען אַ צייטווייליקע, אַן אויבערפלעכלעכע און אַ כלומרשטע. די קאָרעספּאָנדענץ פון מאַרקס-ענגעלס איז פאַר מיר געווען נישט קיין טעאָרעטישע, נאָר אַ פסיכאָלאָגישע אַנטפּלעקונג. *) Toutes proportions gardées, האָב איך זיך אויף יעדן זייטל איבערצייגט, אַז מיט דיביידע פאַרבינדט מיך אַן אוממיטלבאַרע פסיכאָלאָגישע קרובהשאַפט. זייערע באַציונג צו מענטשן איז מיר אויך געווען נאָענט. דאָס, וואָס זיי האָבן נישט דערזאָגט, האָב איך מיך אָנגעשטויסן. איך האָב סימפּאַטיזירט מיט דעם, וואָס זיי האָבן סימפּאַטיזירט, און צוזאַמען מיט זיי געצאָרנט און פיינט געהאַט. מאַרקס און ענגעלס זענען געווען רעוואָלוציאָנערן דורך און דורך. דערביי האָבן זיי נישט געהאַט אין זיך קיין זכר פון סעקטאַנטנטום אָדער אַסקעטיזם. ביידע, און באַזונדערס ענגעלס, האָבן אין יעדן מאָמענט געקאָנט זאָגן וועגן זיך, אַז אַלץ, וואָס עס איז מענטשלעך, איז זיי נישט פרעמד. אָבער דער רעוואָלוציאָנערער געזיכטסקרייז, וואָס איז אַריין אין די נערוון, האָט זיי תמיד דערהייבן

*) ווי איך זאָל די זאַך נישט נעמען.

איבער די צופאַלן פון גורל און איבער די מעשים פון מענטשלעכע הענט. די קליינלעכקייט האָט זיך בשום אופן נישט געקענט בינדן נישט נאָר מיט זיי, נאָר אַפילו מיט זייער אָנוועזנהייט. די באַנאַל־קייט האָט זיך אָפילו צו זייערע פאָדעשוועס נישט געקענט צוקלעפּן. זייערע אָפּשאַצונגען, זייערע סימפּאַטיעס, זייערע המצאות, אַפילו די סאַמע וואָכעדיקסטע, זענען תמיד געווען באַהויכט מיט דער באַרגנלופט פון גייסטיקער דערהייבונג. זיי קאָנען אַרויסזאָגן וועגן אַ מענטשן אַ פאַר־ניכטנדיקע מיינונג, אָבער זיי וועלן נישט טרייבן קיין רכילות, זיי קאָנען זיין אומברחמנותדיק, אָבער נישט פאַררעטעריש. פאַר אויסערלעכן גלאַנץ, טיטלען, ראַנגען און כיבודים האָבן זיי נישט מער ווי רואיקע פאַראַכטונג. דאָס, וואָס פיליסטערס און טריוויאַלע מענטשן האָבן געהאַלטן פאַר זייער אַריסטאָקראַטיזם, איז עס אינדעראמתן געווען בלויז זייער רעוואָלוציאָנערער איבערגעוויכט. דער הויפּט־שטריך פון דעמדאָזיקן איבערגעוויכט איז אַלעמאָל און ביי אַלע אומשטענדן געווען — די אַבסאָלוטע אָרגאַנישע אומאָפּהענגיקייט פון דער אָפיציעלער געזעלשאַפטלעכער מיינונג.

ווען איך לייען זייערע בריוו, פיל איך נאָך שטאַרקער און דייטלעכער, ווי ביים לייענען זייערע ווערק: דאָסזעלבע, וואָס האָט מיך אַזוי אינטים פאַרבונדן מיט דער וועלט פון מאַרקס־ענגעלס, האָט מיך לחלוטין אָפּגעשטויסן פון די עסטרייך־מאַרקסיסטן.

דידאָזיקע מענטשן האָבן זיך שטאַרק איבערגענומען מיט זייער רעאַליזם און זאַכלעכקייט. אָבער אויך דאָ האָבן זיי קיין גרויסע זאַכן נישט געוויזן. אין יאָר 1907 האָט די פאַרטיי באַשלאָסן איינצואָרדענען אַן אייגענע ברויט־פאַבריק, כדי צו פאַרגרעסערן איר הכנסה. דאָס איז געווען די משונהדיקסטע אַוואַנטורע, פּרינציפּיעל געפערלעך, פּראַקטיש אומזיכער. איך האָב פון אָנהייב אָן געפירט אַ קאַמף קעגן דערדאָזיקער אונטערנעמונג, אָבער די ווינער מאַרקסיסטן האָבן מיר געענטפערט מיט אַ גוטמוטיקן שמייכל פון מענטשן, וואָס פאַרשטייען בעסער די זאַך. כמעט אין צוואָנציק יאָר אַרום איז די עסטרייכישע פאַרטיי געווען געצוואונגען, נאָך פאַרשידענע פּלאָגערייען מיט היזקות און בושה, איבערצוגעבן דידאָזיקע אונטערנעמונג אין פּריוואַטע הענט. די אַרבעטער, וואָס האָבן געבראַכט אַזויפיל אומזיסטע קרבנות, זענען געווען זייער אומצופרידן, און אָטאָ בויער, וואָס האָט זיך פאַר־ענטפערט און האָט אויפגעוויזן, אַז ס'איז נויטיק זיך אָפּצוזאָגן פון

דער פֿאַבריק, האָט בעת מעשה זיך פֿאַררופֿן אויך אויף יענע וואָרנונגען, וואָס איך האָב געמאַכט נאָך אין יענעם מאָמענט, ווען מען איז צוגעטרעטן צו דערדאָזיקער אונטערנעמונג. ער האָט אָבער נישט דערקלערט די אַרבעטער, פֿאַרוואָס ער האָט נישט געזען דאָס, וואָס איך האָב געזען, און פֿאַרוואָס ער האָט זיך נישט צוגעהערט צו מיינע וואָרנונגען, וואָס זענען לגמרי נישט געווען קיין פּראָדוקט פֿון פּערזענלעכער דורכדרינגלעכקייט. איך בין נישט אַרויסגעגאַנגען פֿון דער קאָניונקטור פֿונם תּבֿואה־מאַרק און נישט פֿון צושטאַנד פֿון דער פּאַרטיי־קאַסע, נאָר אויסשליסלעך פֿון דער לאַגע פֿון דער פּראָלעטאַרישער פּאַרטיי אין דער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפֿט. דאָס האָט אַפֿילו אויסגעזען דאָקטרינעריש, אָבער עס האָט זיך אַרויסגעוויזן פֿאַר דעם רעאַלסטן קריטעריום. די באַשטעטיקונג פֿון מיינע התראות שטרייכט בלויז אונטער דעם איבערגעוויכט פֿון מאַרקסיסטישן מעטאָד איבער דעם עסטרייכישן סוראָגאַט.

וויקטאָר אַדלער איז אין אַלע הינזיכטן געשטאַנען אומפֿאַרגלייכלעך העכער פֿון זיינע מיטאַרבעטער. אָבער ער איז שוין לאַנג געוואָרן אַ סקעפּטיקער. זיין טעמפּעראַמענט פֿון אַ קעמפֿער איז אין עסטרייכישן האַרמידער פֿאַרשווענדט געוואָרן אויף קליניקייטן. קיין פּערספּעקטיוון האָבן זיך נישט געזען, און אַדלער האָט זיך טיילמאָל דעמאָנסטראַטיוו אויסגעדרייט צו זיי מיטן רוקן. „די מלאכה פֿון אַ נביא איז אַן אומדאַנקבאַרע מלאכה, און אין עסטרייך אַוודאי און אַוודאי”. דאָס איז געווען דער שטענדיקער רעפֿרען פֿון די אַדלערשע דרשות. „זאָגט אייך, וואָס איר ווילט”, האָט ער זיך אָנגערופֿן אין די קולוּאַרן פֿון שטוטגאַרטער קאָנגרעס אין צוזאַמענהאַנג מיט דער שוין דערמאָנטער עסטרייכישער נביאות, „אָבער מיר פּערזענלעך איז אַ סך אָנגענעמער די פּאָליטישע נביאות אויפֿן גרונט פֿון דער אַפּאָקאַליפּסע, ווי די וואָרזאָגערײַ אויפֿן סמך פֿון אַ מאַטעריאַליסטישער געשיכטעס־אויפֿפֿאַסונג”. דאָס איז, פֿאַרשטייט זיך, געווען אַ וויץ. פֿונדעסטוועגן נישט אינגאַנצן אַ וויץ. און דאָס האָט מיך אין וויכטיקסטן פּונקט פֿון מיין לעבן אַוועקגעשטעלט אין קעגנזאַץ צו אַדלערן: אָן אַ ברייטן היסטאָרישן פּראָגנאָז שטעל איך מיר נישט פֿאָר אַ פּאָליטישע טעטיקייט: אַפֿילו אַ גייסטיק לעבן אָן דעם קען איך מיר נישט פֿאָרשטעלן. וויקטאָר אַדלער איז געוואָרן אַ סקעפּטיקער, און מיט דערדאָזיקער אייגנשאַפֿט האָט ער זיך צוגעפּאַסט צו אַלץ, באַ־

זונדערס אָבער צום נאַציאָנאַליזם, וואָס האָט צעפרעסן די דייטשע סאָציאַל-דעמאָקראַטיע דורך און דורך.

מיינע באַציונגען מיט די רעדלפירער פון דער פּאַרטיי האָבן זיך שטאַרק פאַרערגערט נאָך דעם, ווי איך בין אַרויסגעטרעטן אָפן קעגן דעם שאָוויניזם פון דער עסטרייך-דייטשער סאָציאַל-דעמאָקראַטיע. דאָס איז געשען אין יאָר 1909. בעת מיינע באַגעגענישן מיט די סאָציאַליסטן פון באַלקאַן, באַזונדערס מיט די סערבן, בפרט מיט דמיטרי טוצאָוויטשן, וואָס איז שפּעטער געפאַלן אַלס אָפיציר אינם באַלקאַנען-קריג, איז מיר נישט איין מאָל אויסגעקומען צו הערן פאַרדראָסיקע טענות, אַז די סערבישע בירגערלעכע פרעסע ציטירט מיט שאָדנפרייד די שאָוויניסטישע אָנפאַלן פון דער „Arbeiter-Zeitung" קעגן די סערבן, און זעט אין דעם אַ ראיה, אַז די אינטערנאַציאָנאַלע סאָלידאַרקייט פון די אַרבעטער איז נישט מער, ווי אַ פאַלשע לעגענדע. איך האָב אָנגעשריבן פאַר דער „Neue Zeit" זייער אַ פאַרזיכטיקן און געמעסיקטן אַרטיקל קעגן דעם שאָוויניזם פון דער „Arbeiter-Zeitung". נאָך לאַנגע וואַקלענישן האָט קאַוטסקי אָפּגעדרוקט דעמדאָזיקן אַרטיקל. דער אַלטער רוסישער עמיגראַנט ס. ל. קליאַטשקאָ, מיט וועלכן איך בין געווען זייער באַפריינדעט, האָט מיר באַלד אויפן צווייטן טאָג איבערגעגעבן, אַז די אָנפירנדיקע פּאַרטיי-קרייזן זענען געוואַלדיק אויפגעבראַכט אויף מיר. „ווי אַזוי האָט ער עס געוואַגט!"... אָטאָ בויער און אַנדערע עסטרייך-מאַרקסיסטן האָבן אין פריוואַטע שמועסן צוגעגעבן, אַז לייטנער, דער רעדאַקטאָר פון דער אויסלענדישער אָפּטיילונג, פאַרקריכט צו ווייט. דאָס איז אייגנטלעך געווען די מיינונג פון אַדלערן, וואָס האָט די שאָוויניסטישע עקסטרעמען, אמת, געדולדעט, איז אָבער מיט זיי נישט מסכים געווען. אָבער אַז אַ זייטיקער זאָל זיך חוצפהדיק אַריינמישן — קעגן דעם האָבן זיך אַלע פירער באַלד דערשפּירט אייניק. אין איינעם פון די נאָענטסטע שבתים איז אָטאָ בויער צוגעגאַנגען צום קאַפעטישל, וואו איך בין געזעסן מיט קליאַטשקאָן, און אָנגעהייבן מיך שטאַרק צו מוסרן. איך בין זיך מודה, אַז איך האָב זיך אונטערן מבול פון זיינע ווערטער כמעט ווי פאַרלאָרן. מיך האָט איבערראַשט נישט אַזוי בויערס מוסר-טאָן, ווי דער כאַראַקטער פון זיינע אַרגומענטאַציעס. „וואָס פאַר אַ באַדייטונג האָבן דען לייטנערס אַרטיקלען?" האָט ער גערעדט מיט קאָמישער גאווה. „די אויסערלעכע פּאָליטיק

עקזיסטירט פאַר עסטרייך־אונגאַרן בכלל נישט. קיין איין אַרבעטער לייענט עס נישט. דאָס האָט נישט קיין שום באַדייטונג"... איך האָב אים אויסגעהערט מיט אויסגעגלאָצטע אויגן. דידאַזיקע מענטשן, ווייזט זיך אַרויס, האָבן נישט געגלויבט נישט נאָר אין דער רעוואָלוציע, נאָר אויך נישט אין קריג. אין זייערע מאַניפעסטן צום ערשטן מאַי האָבן זיי, אמת, געשריבן וועגן קריג און רעוואָלוציע, אָבער קיין מאָל דאָס נישט גענומען ערנסט און לגמרי נישט באַמערקט, אַז אי־בער יענעם מוראַשניק, אין וועלכן זיי האָבן זיך מיט אַזויפיל ברען געגראָבן, האָט שוין די געשיכטע לאַנג אויפגעהייבן איר גיגאַנטישן זעלנערישן שטיוול. מיט זעקס יאָר שפּעטער האָבן זיי זיך געמוזט איבערצייגן, אַז אויך פאַר עסטרייך־אונגאַרן עקזיסטירט אַן אויסערלעכע פּאָליטיק. אַליין אָבער האָבן זיי טאַקע באַלד אין אָנהייב פון קריג גענומען רעדן מיט דעמזעלבן חוצפּהדיקן לשון, ווי עס האָט זיי געלערנט לייטנער און ענלעכע שאָוויניסטן.

אין בערלין האָט שוין געהערשט אַן אַנדער גייסט, אין תּוך אפשר נישט קיין סך אַ בעסערער, אָבער אַן אַנדערער. דאָס לעכער־לעכע ווינער מאַנדאַרינערטום פון די אַקאַדעמיקער האָט זיך דאָרט כּמעט נישט געשפּירט. די באַציונגען זענען געווען פּשוטערע. עס איז געווען ווייניקער נאַציאָנאַליזם, על־כּל־פּנים האָט ער נישט געהאַט קיין געלעגנהייט זיך אַזוי אָפט און אַזוי מאַרקשרייעריש אַרויסצו־ווייזן, ווי אין פיל־פעלקערדיקן עסטרייך. דאָס נאַציאָנאַלע געפיל האָט זיך ביז אַ געוויסער צייט ווי אויפגעלייזט אין פּאַרטיי־שטאָלץ: די מעכטיקסטע סאָציאַל־דעמאָקראַטיע, די ערשטע פידל פון אינטערנאַ־ציאָנאַל!

פאַר אונז, רוסן, איז די דייטשע סאָציאַל־דעמאָקראַטיע געווען די מוטער, די לערערין, דאָס לעבעדיקע ביישפּיל. מיר האָבן זי אי־דעאַליזירט פונדערווייטנס. די נעמען פון בעבעל און קאַוטסקי האָט מען אַרויסגערעדט מיט יראת־הכּבוד. נישט געקוקט אויף מיינע אויבנ־דערמאָנטע אומרויקע טעאָרעטישע פאַרגעפילן בנוגע דער דייטשער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע, האָב איך מיך דאָך אין יענעם פּעריאָד געפונען אונטער איר השפּעה. דערצו האָט אין אַ געוויסער מאָס מיטגעהאָלפן אויך דער פאַקט, וואָס איך האָב געלעבט אין ווין, און אַז איך פלעג מיך אַריבערכאַפּן פון צייט צו צייט קיין בערלין, און פלעג פאַר־

גלייכן ביידע סאָציאַל־דעמאָקראַטישע הויפּטשטעט, פּלעג איך מיר זאָגן מיט טרייסט: „ניין, בערלין איז נישט ווין".

אין בערלין האָב איך אַ פּאָר מאָל געהאַט די געלעגנהייט צו באַזוכן די וועכנטלעכע פאַרזאַמלונגען פון די לינקע. זיי פלעגן פאָר־קומען אַלע פרייטיק אין רעסטאָראַן Rheingold. פראַנץ מערינג איז געווען די הויפּטפיגור אויף דידאָזיקע אָוונטן. טיילמאָל פלעגט זיך אויך באַווייזן קאַרל ליבקנעכט, כמעט תּמיד מיט אַ פאַרשפּעטיקונג, און אַוועקגיין פלעגט ער פריער, ווי די אַנדערע. צום ערשטן מאָל האָט מיר הילפערדינג אָריינגעפירט אויף דידאָזיקע אָוונטן. אין יענער צייט האָט ער זיך נאָך געהאַלטן פאַר אַ לינקן, הגם ער האָט שוין דע־מאָלט פיינט געהאַט ראָזע לוקסעמבורג מיט יענער שנאה, וועלכע דאַשינסקי האָט פאַרפלאַנצט אין עסטרייך. פון די שמועסן איז מיר נישט פאַרליבן אין זכרון קיין שום באַדייטנדיקס. צוקנדיק מיט דער באַק — ער האָט געהאַט אַ טיק — האָט מיך מערינג איראָניש גע־פרעגט, וועלכע פון זיינע „אומשטערבלעכע ווערק" זענען איבערגע־זעצט געוואָרן אין רוסיש? הילפערדינג האָט אינם שמועס גערעדט פון די דייטשע לינקע, ווי פון רעוואָלוציאָנערן. „וואָס זענען מיר פאַר אַ רעוואָלוציאָנערן?" האָט אים מערינג איבערגעהאַקט. „רע־וואָלוציאָנערן זענען זיי!" — און ער האָט אַ וווּנק געטאָן אין מיין זייט. איך האָב צו ווייניק געקענט מערינגען, צו אָפּט זיך באַ־געגנט מיט דער איראָנישער באַציונג פון די פיליסטערס צו דער רוסישער רעוואָלוציע און דעריבער האָב איך נישט געוואוסט, צי מערינג וויצלט זיך עס, צי ער רעדט עס ערנסט. אָבער ער האָט גערעדט ערנסט און האָט עס דערוויזן מיט זיין ווייטערדיקן לעבן.

קאַוטסקין האָב איך געזען צום ערשטן מאָל אין יאָר 1907. געבראַכט האָט מיך צו אים פאַרוואוס. נישט אָן אויפרעגונג האָב איך מיך אויפגעהייבן אויף די טרעפּ פונם זויבערן הייזל אין פרידענאַו, אונטער בערלין. אַ ווייסינקער, לוסטיקער אלטיטשקער מיט העל־בלויע אויגן האָט מיך באַגריסט אויף רוסיש: „זדראַווסטוואויטע". אין צוזאַמענהאַנג דערמיט, וואָס איך האָב געוואוסט וועגן קאַוטסקין פון זיינע ביכער, האָט עס געשאַפן זייער אַ חנעוודיק בילד. באַזונדערס האָט געמאַכט אַ גוטן איינדרוק דאָס, וואָס עס האָט דאָ געפעלט וואָכעדיקייט; ווי איך האָב עס ערשט שפּעטער פאַרשטאַנען, איז עס געווען אַ רעזולטאַט פון זיין אומבאַשטריטענעם אויטאָריטעט אין יע־

נער צייט און פון דער אינערלעכער רואיקייט, וואָס האָט דערפון געשטאַמט. די קעגנער האָבן גערופן קאַוטסקין דער „פויפסט" פון אינטערנאַציאָנאַל. נישט זעלטן האָבן אים אַזוי טיטולירט אויך זיינע פריינט, אָבער מיט אַ געוויסער צערטלעכקייט. קאַוטסקיס אַלטע מו־טער, אַ פאַרפאַסערין פון טענדענציעזע ראָמאַנען, געווידמעט „איר זון און איר לערער", האָט באַקומען צו איר פינף און זעכציקסטן געבוירן־טאָג אַ באַגריסונג פון די איטאַליענישע סאָציאַליסטן: alla mamma del papa („דעם טאַטנס מאַמען").

זיין וויכטיקסטע טעאָרעטישע מיסיע האָט קאַוטסקי געזען אין אַ שלום צווישן די רעפאָרמען און דער רעוואָלוציע. אָבער אַליין האָט ער זיך אידעאָלאָגיש אויסגעפורעמט אין דער רעפאָרם־עפּאָכע. אַ רע־אַלן ווערט האָט פאַר אים נאָר געהאַט די רעפאָרם. די רעוואָלוציע איז געווען אַ פאַרנעפּלטע היסטאָרישע פּערספּעקטיוו. אָננעמענדיק דעם מאַרקסיזם ווי אַ פאַרטיקן סיסטעם, האָט אים קאַוטסקי פּאָפּו־לאַריזירט ווי אַ שול־לערער. צו גרויסע געשעענישן איז ער נישט געווען דערוואַקסן. זיין ירידה האָט זיך שוין אָנגעהייבן מיט דער רעוואָלוציע פון יאָר 1905. אַ פּערזענלעכע אונטערהאַלטונג מיט קאַוטסקין האָט ווייניק וואָס געגעבן. זיין שכל איז עקיק, טרוקן, אָן שום איינפאַל, אומפּסיכאָלאָגיש; זיינע אָפּשאַצונגען סכעמאַטיש, זיינע וויצן באַנאַל. צוליב דידאַקטישע טעמים איז טאַקע קאַוטסקי זייער אַ שוואַכער אָראַטאָר.

זיין פריינטשאַפט מיט ראָזע לוקסעמבורג איז צוזאַמענגעפאַלן מיט דעם בעסטן פּעריאָד פון קאַוטסקיס גייסטיקן שאַפן. אָבער שוין גלייך נאָך דער רעוואָלוציע פון יאָר 1905 האָבן זיך אין זייערע באַ־ציונגען אַרויסגעוויזן די ערשטע סימנים פון אָפּקילונג. קאַוטסקי האָט שטאַרק סימפּאַטיזירט מיט דער רוסישער רעוואָלוציע און גאָר נישט שלעכט זי קאָמענטירט – פונדערווייטנס. אָבער ער איז אָרגאַניש געווען פיינטלעך צו דעם, אַז די רעוואָלוציאָנערע מעטאָדן זאָלן איבערגעטראָגן ווערן אויפן דייטשן באָדן. פאַר דער גאַסן־דעמאָנסטראַציע אין טרעפּטאָווער פּאַרק האָב איך געטראָפן ראָזע לוקסעמבורג ביי קאַוטסקין אין שטוב און ביידע האָבן זיך געאַמפּערט מיט אַ מוראדיקער פאַרביסנקייט. הגם ביידע האָבן זיך נאָך געדוצט און גערעדט מיט אַ טאָן פון נאָענטער פריינט־שאַפט, דאָך האָט זיך שוין אין ראָזעס רעפּליקעס דייטלעך געהערט

אַ פּאַרבאָרגענער צאָרן, און אין קאַוטסקיס רעפּליקעס — אַ טיפע אינערלעכע פאַרלעגנהייט, פאַרמאַסקירט מיט אַן אומבאַהאָלפענעם וויץ.

אויף דער דעמאָנסטראַציע זענען מיר אַוועק צוזאַמען: ראָזע, קאַוטסקי, זיין פרוי, הילפערדינג, דער פאַרשטאָרבענער גוסטאַוו עקשטיין און איך. שאַרפע צוזאַמענשטויסן זענען פאָרגעקומען אויך אונטערוועגס: קאַוטסקי האָט בלויז געוואָלט זיין אַ צוקוקער, ראָזע לוקסעמבורג — אַן אָנטיילנעמערין.

דער אַנטאַגאָניזם צווישן זיי איז אויסגעבראָכן אָפן אין יאָר 1910 אין דער פראַגע וועגן דעם קאַמף פאַרן פרייסישן וואַלרעכט. קאַוטסקי האָט דעמאָלט אַנטוויקלט די פילאָזאָפיע strategie d'usure, וואָס מאַטערט אויס דעם שונא Ermattingsstrategie, אַלס קעגנזאַץ צו דער אומוואַרפונגס סטראַטעגיע (Niederwerfugnsstrategie). עס האָט זיך געהאַנדלט וועגן צוויי פיינטלעכע טענדענצן. קאַוטסקיס ליניע איז געווען אַ ליניע פון אַ כסדרדיקער טיפערער צופּאַסונג צו דעם עקזיסטירנדיקן רעזשים. „אויסגעמאַטערט" איז אָבער דערביי געוואָרן נישט די בירגערלעכע געזעלשאַפט, נאָר דער רעוואָלוציאָנער אידעאַליזם פון די אַרבעטער-מאַסן. אַלע פיליסטערס, אַלע ביוראָקראַטן, אַלע קאַריעריסטן זענען געווען אויף דער זייט פון קאַוטסקין, וואָס האָט געוועבט פאַר זיי אידעאָלאָגישע מאַנטלען, כדי צו פאַרדעקן זייער נאַטירלעכע נאַקעטקייט.

עס איז געקומען דער קריג, די פּאָליטישע אויסמאַטערונגס-סטראַטעגיע איז אַרויסגעשטויסן געוואָרן דורך דער סטראַטעגיע פון די אָקאָפּעס. קאַוטסקי האָט זיך פונקט אַזוי צוגעפּאַסט צום קריג, ווי פריער צום שלום. אָבער ראָזע האָט דערוויזן, וויאַזוי זי האָט פאַרשטאַנען די טרייקייט צו אידעען...

איך דערמאָן מיך, וויאַזוי מען האָט ביי קאַוטסקין אין שטוב געפייערט לעדעבורס זעכציקסטן געבוירנטאָג. צווישן דעם צענדליק געסט איז אויך געווען אויגוסט בעבעל, וואָס האָט שוין דעמאָלט געהאַלטן ביים אַכטן צענדליק יאָרן. דאָס איז געווען אַ פּעריאָד, ווען די פּאַרטיי האָט געהאַט דערגרייכט איר קולמינאַציע. די טאַקטישע איינהייטלעכקייט האָט אויסגעזען צו זיין אַ פולשטענדיקע. די אַלטע האָבן רעגיסטרירט די דערפאָלגן און זיכער געקוקט אין דער צוקונפט אַריין. דער העלד פון דער פייערונג, לעדעבור, האָט געצייכנט ביים אָוונטברויט טשעקאַווע קאַריקאַטורן. אויף דעמדאָזיקן אינטימען יום-

טוב האָב איך מיך באַקענט מיט בעבעלן און זיין יוליע. די אָנ־ווענזנדיקע, צווישן זיי אויך קאַוטסקי, האָבן געשלונגען יעדעס וואָרט פון דעם אַלטן בעבעל. וועגן מיר איז איבעריק צו רעדן.

אין בעבעלס פּערזאָן האָט זיך פאַרקערפּערט די לאַנגזאַמע און עקשנותדיקע באַוועגונג פון דעם נייעם קלאַס — די באַוועגונג, וואָס איז געגאַנגען פון אונטן אַרויף. דערדאָזיקער מאָגערער זקן האָט געמאַכט דעם איינדרוק, ווי ער וואָלט געשאַפן געוואָרן פון געדולדיקן, אָבער אייזנפעסטן ווילן, וואָס גייט נאָר צו איין ציל. אין זיין דענקען, אין זיין רעדן, אין זיינע אַרטיקלען און ביכער האָט בעבעל לגמרי נישט געוואוסט פון אַזעלכע גייסטיקע ענערגיע־הוצאות, וואָס דינען נישט דירעקט די פּאַקטישע אויפגאַבן. אין דעם איז טאַקע געלעגן די באַזונדערע שיינקייט פון זיין פּאָליטישן פּאַטאָס. ער האָט אָפּגעשפּיגלט מיט זיך יענעם קלאַס, וואָס לערנט זיך אין די ווייניקע פרייע שעה, וואָס יעדע מינוט איז בײַ אים טייער און ער שלינגט דורשטיק דאָס, וואָס איז אים אומבאַדינגט נויטיק. וואָס פאַר אַן אומפאַרגלייכלעכע מענטשלעכע געשטאַלט! בעבעל איז געשטאָרבן אין דער צייט פון דער בוקאַרעשטער שלום־קאָנפערענץ, צווישן דעם באַלקאַן־קריג און דעם וועלט־קריג. אויפן וואָקזאַל אין פּלאָעשטי, אין רומעניע, איז דערגאַנגען צו מיר דידאָזיקע ידיעה. עס האָט געקלונגען אומגלויבלעך. „בעבעל איז געשטאָרבן. וואָס וועט זיין מיט דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע?" איך האָב מיך באַלד דערמאָנט אין לעדעבורס ווערטער וועגן דעם אינווייניקסטן לעבן פון דער דייטשער פּאַרטיי: 20 פּראָצענט ראַדיקאַלן, 30 פּראָצענט אָפּאָרטוניסטן, די איבעריקע גייען מיט בעבעלן.

אַלס זיין יורש האָט זיך בעבעל אויסגעקליבן האַזען. דעם אַלטן האָט בלי שום ספק צוגעצויגן האַזעס אידעאַליזם. נישט דער ברייטער רעוואָלוציאָנערער אידעאַליזם, וועלכן האַזע האָט נישט פאַרמאָגט, נאָר דער שמאָלער, פּערזענלעכער און טאָג־טעגלעכער, ווי, למשל, די גרייטקייט זיך אָפּצוזאָגן לטובת די פּאַרטיי־אינטערעסן פון אַ רייכער אַדוואָקאַטן־פּראַקטיק אין קעניגסבערג. וועגן דערדאָזיקער מסירות־נפש, וואָס האָט אין פלוג גאַנץ ווייניק העלדישקייט פאַרמאָגט, האָט בעבעל — צו דער גרויסער בושה פון די רוסישע רעוואָלוציאָנערן — אַפילו דערמאָנט אין זיין רעדע אויפן פּאַרטיי־צוזאַמענפאָר, ווי מיר שיינט, אין יענע, בעת ער האָט דרינגלעך רעקאָמענדירט

האָזען אויפֿן פּאָסטן פֿון צווייטן פּאָרזיצער אין צענטראַל־קאָמיטעט פֿון דער פּאַרטיי. איך האָב האָזען גאַנץ גוט געקענט. נאָך איינעם פֿון די פּאַרטיי־טעג האָבן מיר צוזאַמען געמאַכט אַ קליינע נסיעה איבער דייטשלאַנד, צוזאַמען באַטראַכט נירנבערג. ווייך און אויפֿמערק־זאַם אין פּערזענלעכע באַציונגען, איז האָזע אין דער פּאָליטיק גע־בליבן ביזן סוף דאָס, וואָס ער האָט לויט זיין גאַנצן מהות אייגנט־לעך נאָר געקאָנט זיין: אַן ערלעכע מיטלמעסיקייט, אַ פּראָווינציע־לער דעמאָקראַט אָן אַ רעוואָלוציאָנערן טעמפּעראַמענט און אָן אַ טע־אָרעטישן האָריזאָנט. אויפֿן געביט פֿון דער פֿילאָזאָפֿיע האָט ער מיט אַ געוויסער שעמעריי זיך אָנגעגעבן פֿאַר אַ קאַנטיאַנער. אין יעדער קריטישער סיטואַציע איז ער געווען געניגט זיך אָפּצוהאַלטן פֿון ענדגילטיקע החלטות און האָט זיך בעסער באַנוצט מיט האַלבע מיט־לען און מיט אָפּוואַרטן. עס איז דעריבער קיין וואונדער נישט, וואָס די אומאָפּהענגיקע האָבן אים שפּעטער אויסגעוויילט פֿאַר זייער פֿירער.

גאָר אַן אַנדער טיפּ איז געווען קאַרל ליבקנעכט. איך האָב אים געקענט אין משך פֿון לאַנגע יאָרן, אָבער געטראָפֿן האָבן מיר זיך מיט גרויסע הפסקות. ליבקנעכטס בערלינער וואוינונג איז געווען די שטאַב־קוואַרטיר פֿון די רוסישע עמיגראַנטן. אַז מען האָט גע־דאַרפֿט אויפֿהייבן אַ פּראָטעסט־שטים קעגן די טובות, וואָס ווערן גע־טאָן פֿאַרן צאַריזם דורך דער דייטשער פּאָליציי, האָבן מיר זיך קודם־כּל געווענדט צו ליבקנעכטן, און ער האָט געהאַקט אין אַלע טירן און אין אַלע מוחות. אַ געבילדעטער מאַרקסיסט, איז אָבער ליבקנעכט נישט געווען קיין טעאָרעטיקער. דאָס איז געווען אַ מענטש פֿון מעשים. אַן אימפּולסיווע, ליידנשאַפֿטלעכע, מסירות־נפשדיקע נאַטור, האָט ער פֿאַרמאָגט אַ פּאָליטישע אינטואיציע, אַ חוש פֿאַר דער מאַסע און פֿאַר דער סיטואַציע, און אַ געוואַלדיקע דרייסטקייט פֿאַר אונטערנעמונגען. דאָס איז געווען אַ רעוואָלוציאָנער. דעריבער איז ער טאַקע געבליבן שטענדיק אויף דער העלפֿט אַ פֿרעמדער אינם הויז פֿון דער דייטשער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע, מיט איר ביוראָקראַטי־שער פּראָפּאָרציאָנעלקייט און שטענדיקער גרייטקייט אָפּצוטרעטן. ווי־פֿיל פֿיליסטערס און טריוויאַלע לייט האָבן אויף מיינע אויגן געקוקט אויף ליבקנעכטן איראָניש פֿון אויבן אַראָפּ!

אויפֿן סאָציאַל־דעמאָקראַטישן צוזאַמענפֿאָר אין יענע, אין סעפּ־טעמבער 1911, האָט מען מיר, דורך ליבקנעכטס איניציאַטיוו, פֿאַר־

געלייגט אַרויסצוטרעטן וועגן די פאַרגעוואַלטונגען פון פינלאַנד דורך דער צאַרישער רעגירונג. אָבער איידער עס איז נאָך דערגאַנגען צו מיין רעפעראַט, איז אָנגעקומען אַ טעלעגראַפישע ידיעה וועגן דעם אַטענטאַט אויף סטאָליפינען אין קיעוו. בעבעל האָט מיך תיכף גענומען אויספרעגן: וואָס באַטייט דער אַטענטאַט? וועלכע פאַרטיי קאָן פאַר אים זיין פאַראַנטוואָרטלעך? צי וועל איך מיט מיין אַרויסטרעטן נישט ווענדן אויף זיך די אומגעוואונטשענע אויפמערקזאַמקייט פון דער דייטשער פּאָליציי? — „איר האָט מורא", האָב איך פאַרזיכטיק אַ פרעג געטאָן דעם אַלטן און זיך דערמאָנט אין דער מעשה מיט קוועלטשן אין שטוטגאַרט, „אַז מיין אַרויסטריט קאָן אַרויסרופן געוויסע שוועריקייטן?" — „יאָ", האָט בעבעל געענטפערט, „איך בין מיך מודה, אַז איך וואָלט בעסער געוואָלט, איר זאָלט נישט אַרויסטרעטן". — „אויב אַזוי, איז נישטאָ מער וואָס צו רעדן וועגן מיין אַרויסטרעטן",

בעבעל האָט לייכטער אָפּגעאָטעמט. אין אַ מינוט אַרום איז ליבקנעכט צוגעלאָפן צו מיר אַן אויפגערעגטער. — „צי איז עס טאַקע אמת, אַז זיי האָבן אייך פאָרגעלייגט, איר זאָלט נישט אַרויסטרעטן? און איר זענט איינגעגאַנגען דערויף?" „ווי אַזוי האָב איך נישט געקאָנט איינגיין?" האָב איך מיך פאַרענטפערט. „דאָ איז דאָך בעבעל דער באַלעבאָס, נישט איך". זיין כעס האָט ליבקנעכט שפּעטער אויסגעדריקט אין דער רעדע, אין וועלכער ער האָט אומברחמנותדיק געשטורעמט די צאַרישע רעגירונג, און זיך בעת־מעשה לגמרי נישט אומגעקוקט אויף די סיגנאַלן פון פרעזידיום, וואָס האָט נישט געוואָלט שאַפן קיין קאָמפּליקאַציעס פאַר מאַיעסטעט־באַליידיקונג. די גאַנצע ווייטערדיקע אַנטוויקלונג פון דער פאַרטיי איז געלעגן אין דיזאָזיקע קליינע עפּיזאָדן...

*

אַז די טשעכישע פראָפעסיאָנעלע אָרגאַניזאַציעס האָבן זיך געשטעלט אין אָפּאָזיציע צו דער דייטשער לייטונג, האָבן די עסטרייך־מאַרקסיסטן אַרויסגערוקט קעגן דער שפּאַלטונג פון די פראָפעסיאָנעלע פאַריינען אַזאַ אַרגומענטאַציע, וואָס האָט זיך גאַנץ געשיקט באַדעקט מיט דער מאַרקע פון דעם אינטערנאַציאָנאַליזם. אויפן אינטערנאַציאָ-

נאַלן קאָנגרעס אין קאָפּענהאַגען האָט וועגן דער פראַגע רעפערירט פליעכאַנאָוו. אויך ווי אַלע רוסן, האָט ער אינגאַנצן אָן שום באַשרענקונגען געשטיצט די דייטשע פּאָזיציע קעגן דער טשעכישער. פליעכאַנאָווס קאַנדידאַטור האָט אַרויסגערוקט דער אַלטער אַדלער, פאַר וועלכען עס איז געווען באַקוועמער צו האָבן אין אַזאַ דעליקאַטן ענין אַ רוס אַלס הויפּט-באַשולדיקער פון דעם סלאַווישן שאָוויניזם.

עס פאַרשטייט זיך, אַז איך האָב נישט געקאָנט האָבן קיין שום געמיינזאַמעס מיט דער צרהדיקער נאַציאָנאַלער באַגרענעצטקייט פון אַזעלכע מענטשן, ווי ניעמעץ, סויקופּ אָדער שמעראַל, וואָס האָט מיך דורכאויס איבערציגט, אַז די טשעכן זענען גערעכט. אָבער גלייכצייטיק האָב איך צו נאָענט געקענט דאָס אינעווייניקסטע לעבן פון דער עסטרייכישער אַרבעטער-באַוועגונג, אַז איך זאָל אַרויפוואַרפן די גאַנצע אָדער אַפילו די הויפּטשולד אויף די טשעכן. אַ סך פאַקטן האָבן עדות געזאָגט פאַר דעם, אַז די טשעכישע פאַרטיי איז אין איר מאַסע געווען אַ היפּש ביסל ראַדיקאַלער, ווי די עסטרייך-דייטשע, און אַז די באַרעכטיקטע אומצופרידנקייט פון די טשעכישע אַרבעטער-מאַסן מיט דער אָפּאָרטוניסטישער פירונג פון ווין ווערט געשיקט אויסגענוצט דורך די טשעכישע שאָוויניסטן פון ניעמעצעס שניט.

אויפן וועג פון ווין צום קאָפּענהאַגענער קאָנגרעס האָב איך אויף איינעם פון די וואָקזאַלן, וואו איך האָב זיך געדאַרפט איבערזעצן אין אַן אַנדער צוג, צופעליק באַגעגנט לענינען, וואָס איז געפאָרן פון פאַריז. מיר האָבן געמוזט אַ שעה וואַרטן, און צווישן אונז האָט זיך אָנגעהייבן אַ לאַנגער שמועס, וואָס איז געווען זייער פריינטלעך אין דער ערשטער העלפט און שוין נישט אַזוי פריינטלעך אין דער צווייטער. איך האָב אויפגעוויזן, אַז דערין, וואָס די טשעכישע פראָפעסיאָנעלע פאַריינען האָבן זיך אָפּגעשפּאָלטן, איז אין דער ערשטער ליניע שולדיק די ווינער צייטונג, וואָס רופט מיט גרויס פּאָמפּע די אַרבעטער פון אַלע לענדער, צווישן זיי אויך טשעכיע, צום קאַמף, און ענדיקט תמיד מיט אַ הינטערקוליסן-אָפּמאַך מיט דער מאָנאַרכיע. לענין האָט זיך צוגעהערט מיט גרויס אינטערעס. ער האָט פאַרמאָגט אַ באַזונדערע פעאיקייט אויפמערקזאַם זיך צוצוהערן, בעת ער האָט פון דעם צווייטנס ווערטער דרינגלעך אַרויסגעפונען דאָס, וואָס ער האָט געדאַרפט, נישט קוקנדיק בעת מעשה אויפן מיטשמועסער, נאָר ערגעץ אין מרחק אַריין. אונזער שמועס האָט אָבער אָנגענומען גאָר אַן

אַנדער כאַראַקטער, ווען איך האָב לענינען דערציילט פון מיין לעצטן אַרטיקל אין „פאָרווערטס" וועגן דער רוסישער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע. דער אַרטיקל איז אָגעשריבן געוואָרן צום קאָנגרעס און האָט שאַרף קריטיקירט סיי די מענשעוויקעס און סיי די באָלשעוויקעס. באַזונדערס שאַרף איז אין דעם אַרטיקל באַהאַנדלט געוואָרן די פראַגע וועגן די אַזויגערופענע „עקספּראָפּריאַציעס". נאָך דער געשלאָגענער רעוואָלוציע ווערן די באַוואָפנטע עקספּראָפּריאַציעס און די טעראָריסטישע אָנפאַלן אַ געוועטער פון דעזאָרגאַניזאַציע אין דער רעוואָלוציאָנערער פאַרטיי גופא. דער לאָנדאָנער קאָנגרעס האָט מיט די שטימען פון די מענשעוויקעס, פאָליאַקן און אַ טייל באָלשעוויקעס פאַרבאָטן די עקספּראָפּריאַציעס, אויף די געשרייען פון די ערטער: „און לענין? און לענין?" האָט ער רעטעניש־דיק געשמייכלט. די עקספּראָפּריאַציעס האָבן נאָכן לאָנדאָנער קאָנגרעס ווייטער אָנגעהאַלטן, ברענגענדיק שאָדן דער פאַרטיי. אויף דעם פונקט האָב איך אין „פאָרווערטס" קאָנצענטרירט דעם קלאַפּ. „שוין־זשע האָט איר טאַקע אַזוי געשריבן"? האָט לענין מיט פאָרוואורף געפרעגט, נאָכדעם, ווי איך האָב אים אויף זיין פאַרלאַנג איבערגעגעבן פון זכרון די הויפּטגעדאַנקען און פאָרמולירונגען פון אַרטיקל. — „צי קאָן מען אים נישט טעלעגראַפיש אָפּרופן?" — „ניין", האָב איך געענטפערט, „דער אַרטיקל דאַרף שוין היינט אינדערפרי זיין אָפּגעדרוקט, און צו וואָס זאָל איך אים אָפּרופן? דער אַרטיקל איז אַ ריכטיקער".

אינדעראמתן אָבער איז דער אַרטיקל נישט געווען קיין ריכטיקער, ווייל ער האָט אויסגערעכנט אויף דעם, אַז די פאַרטיי וועט זיך אויספורעמען דורכן צונויפגיסן זיך פון די באָלשעוויקעס מיט די מענשעוויקעס און עס וועלן אָפּפאַלן אַלע עקסטרעמען, בעת אינדעראמתן האָט זיך די פאַרטיי אויסגעפורעמט מיט הילף פון אַן אומברחמנותדיקן קאַמף פון די באָלשעוויקעס קעגן די מענשעוויקעס. לענין האָט זיך געפרואווט אויסצווווירקן ביי דער רוסישער דעלעגאַציע אַ פאַראורטיילונג פון מיין אַרטיקל. דאָס איז געווען אַ מאָמענט פון אונזער שאַרפסטן צוזאַמענשטויס אין מיין גאַנץ לעבן. לענין איז נאָך דערצו געווען קראַנק, געליטן פון שאַרפן צאָן־ווייטיק, דער גאַנצער קאָפּ איז אים געווען אַרומגעבונדן. ביי דער גאַנצער דעלעגאַציע האָט זיך געשאַפן אַ געגנוג פיינטלעכע באַציונג צו דעם אַרטיקל און זיין מחבר, ווייל די מענשעוויקעס זענען נישט געווען ווייניקער אומצו-

פרידן מיטן אַרטיקל, וואָס איז פּרינציפּיעל געווען געווענדעט דער עיקר קעגן זיי. — „וואָס פאַר אַן אויפרעגנדיקן אַרטיקל ער האָט אַריינגעגעבן אין דער „Neue Zeit" האָט אַקסעלראָד געשריבן צו מאַרטאָוון אין יאָר 1910, „אפשר נאָך אויפרעגנדיקער ווי אין „Vorwaerts". „פּליעכאַנאָוו, וואָס האָט טראָצקין אויסדריקלעך נישט געקאָנט פאַרטראָגן", דערציילט לונאַטשאַרסקי, „האָט אויסגענוצט דידאַקיע געלעגנהייט און האָט געמאַכט איבער אים אַ מין משפט. מיר האָט עס אויסגעזען נישט יושרדיק, איך האָב זיך גאַנץ ענער־גיש איינגעשטעלט פאַר טראָצקין און בכלל צוזאַמען מיט ריאַזאַנאָוון מיטגעהאָלפן דערצו, אַז פון גאַנצן פּלאַן זאָל גאָרנישט ווערן". דער רוב פון דער דעלעגאַציע האָט זיך באַקענט מיטן אַרטיקל נאָר דורך פרעמדע מיילער. איך האָב געפאָדערט, מען זאָל פאַר־עפנטלעכן דעם אַרטיקל. זינאָוויעוו האָט אויפגעוויזן, אַז עס איז גאָרנישט נויטיק צו קענען דעם אַרטיקל, כדי אים צו פאַרמשפטן. די מערהייט אָבער איז מיט אים נישט מסכים געווען. ריאַזאַנאָוו, געדענק איך, האָט דעם אַרטיקל פאָרגעלייענט און איבערגעזעצט אים אין רוסיש. ווי מען האָט פריער איבערגעגעבן אין די קולוּאַרן דעם אינהאַלט, האָט דער אַרטיקל אויסגעזען אַלעמען אַזוי שרעק־לעך, אַז דאָס לייענען האָט דווקא געמאַכט אַ פאַרקערטן רושם: מען האָט אים איינגעפונען פאַר אַ גאַנץ אומשולדיקן אַרטיקל. מיט אַ גרויסער מערהייט האָט די דעלעגאַציע אָפּגעוואָרפן די פּאַראורטיי־לונג. דאָס שטערט מיר אָבער נישט, אַז איך זאָל איצט אַליין פאַר־משפטן דעמדאָזיקן אַרטיקל, ווייל ער האָט געגעבן אַ נישט ריכטיקע אָפּשאַצונג פון דער באָלשעוויסטישער פּראַקטיק.

אין דער פראַגע בנוגע די טשעכישע פּראָפעסיאָנעלע פאַריינען האָט די רוסישע דעלעגאַציע געשטימט אויפן קאָנגרעס פאַר דער ווינער און קעגן דער פּראָגער רעזאָלוציע. איך האָב געפּרוּווט אַריינ־צוטראָגן אַן אויסבעסערונג, אָבער אָן דערפאָלג. סוף־כל־סוף איז נאָך פאַר מיר אַליין נישט געווען גענוג קלאָר יענע „אויסבעסערונג", וואָס מען האָט געדאַרפט אַריינטראָגן אין דער גאַנצער פּאָליטיק פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע. די אויסבעסערונג האָט געדאַרפט באַשטיין דערין, וואָס מען זאָל איר דערקלערן אַ הייליקן קריג. אויף דעם וועג זענען מיר אָבער אַרויף ערשט אין יאָר 1914.

זיבעצעטער קאַפּיטל

די הכנות צו אַ נייער רעוואָלוציע

מיין אַרבעט אין די יאָרן פון דער רעאַקציע איז על־פּי־רוב באַשטאַנען אין דער אויסטייטשונג פון דער רעוואָלוציע אין יאָר 1905 און אין צוגרייטן דעם באָדן פאַר אַ צווייטער רעוואָלוציע.

שוין באַלד נאָך מיין קומען קיין אויסלאַנד האָב איך מיך אַוועקגעלאָזט איבער די קאָלאָניעס פון די רוסישע עמיגראַנטן און סטודענטן מיט צוויי רעפעראַטן: „דער גורל פון דער רוסישער רע־וואָלוציע" (צו דעם צייטווייליקן פּאָליטישן מאָמענט) און „קאַפּיטאַ־ליזם און סאָציאַליזם" („סאָציאַל־רעוואָלוציאָנערע פּערספּעקטיוון"). דער ערשטער רעפעראַט האָט דערוויזן, אַז די פּערספּעקטיוו פון דער רוסישער רעוואָלוציע, אַלס פּערמאַנענטע, איז באַשטעטיקט גע־וואָרן דורך דער דערפאַרונג פון יאָר 1905. דער צווייטער האָט פאַרבונדן די רוסישע רעוואָלוציע מיט דער אַלוועלטלעכער.

אין אָקטאָבער 1908 האָב איך אָנגעהייבן אַרויסצוגעבן אין ווין אַ רוסישע צייטונג „פּראַוודאַ" (דער אמת), וואָס איז געווען באַשטימט פאַר די ברייטע אַרבעטער־קרייזן. קיין רוסלאַנד האָט מען די צייטונג אַריינגעשמוגלט אָדער דורך דער גאַליציאַנער גרענעץ, אָדער איבערן שוואַרצן ים. די צייטונג איז אַרויסגעגאַנגען אין משך פון דריי מיט אַ האַלב יאָר, נישט עפטער ווי צוויי מאָל אין חודש, אָבער די אויסגאַבע האָט געפאָדערט אַ סך מי און אַרבעט. די קאָנספּיראַטיווע קאָרעספּאָנדענץ מיט רוסלאַנד האָט איינגעשלונגען אַ

מאַסע צייט. הוצדעם, בין איך געשטאַנען אין אַן ענגן קאָנטאַקט מיטן אומלעגאַלן פאַרבאַנד פון די פלאָט-אַרבעטער ביים שוואַרצן ים און האָב זיי נאָך צוגעהאָלפן אַרויסצוגעבן זייער אָרגאַן.

מיין הויפּט-מיטאַרבעטער אין „פּראַוודאַ" איז געווען א. א. יאָפּע, וואָס האָט זיך שפּעטער קונה שם געווען אַלס סאָוויעטן-דיפּלאָמאַט. פון די ווינער טעג האָט זיך אָנגעהייבן אונזער פריינטשאַפט. יאָפּע איז געווען אַ מענטש פון הויכער אידעישקייט, פון גרויסער פּער-זענלעכער ווייכקייט און פון אומדערשיטערלעכער איבערגעגעבנקייט צו דער זאַך. ער האָט אָפּגעגעבן דער „פּראַוודאַ" זיינע כּוחות און זיינע מיטלען. זיין נערוון-קראַנקהייט האָט ער געהיילט מיטן פּסיכאָאַנאַליז ביים באַקאַנטן ווינער דאָקטאָר אַלפרעד אַדלער, וואָס האָט אָנגעהייבן אַלס תּלמיד פון פּראָפעסאָר פרויד. ער האָט זיך אָבער געשטעלט אין אָפּאָזיציע צום לערער און געגרינדעט אַן אייגענע שולע פאַר אינדיווידועלער פּסיכאָלאָגיע. דורך יאָפען האָב איך מיר באַקענט מיט די פּראָבלעמען פון פּסיכאָאַנאַליז, וואָס האָבן מיר אויסגעזען זייער אָנציענדיק, הגם אויף דעמדאָזיקן געביט זענען נאָך פיל זאַכן וואַקלדיק און שוואַך און שאַפן אַ באָדן פאַר פאַנטאַסטיק און הפקרות. מיין צווייטער מיטאַרבעטער איז געווען דער סטודענט סקאָבעליעוו, וואָס איז שפּעטער געווען אַרבעטס-מיניסטער אין קע-רענסקיס רעגירונג: מיט אים האָבן מיר זיך אין יאָר 1917 געטראָפן ווי שונאים. אַלס סעקרעטאַר פון דער „פּראַוודאַ" האָט אַ געוויסע צייט געאַרבעט וויקטאָר קאָפּ, דער היינטיקער סאָוויעטישער אַמבאַסאַדאָר אין דער שווייץ.

אין די ענינים פון דער ווינער „פּראַוודאַ" איז יאָפּע אַרויס-געפאָרן אויף דער אַרבעט קיין רוסלאַנד. אין אָדעס האָט מען אים אַרעסטירט, געהאַלטן לאַנג אין תּפיסה און צולעצט אַרויסגעשיקט קיין סיביר. ערשט די רעוואָלוציע פון יאָר 1917 האָט אים באַפרייט. יאָפּע איז געווען איינער פון די אַקטיווסטע אַנטיילנעמער אין דער אָקטאָבער-איבערקערעניש. דעם פּערזענלעכן מוט פון דעמדאָזיקן שוואַך קראַנקן מענטשן איז באמת געווען צו באַוואונדערן. נאָך איצט שטייט מיר פאַר די אויגן זיין שווערלעכע פיגור אויפן האַרבסט-פעלד, צעגראָבן פון קוילן, הינטער פּעטערבורג, אין האַרבסט 1919. אין דער עלעגאַנטער קליידונג פון אַ דיפּלאָמאַט, מיט אַ ווייכן שמייכל אויפן פּנים, מיט אַ שטעקעלע אין האַנט, פּונקט ווי אין בערלין Unter den

Linden, האָט זיך יאָפּע נייגיריק צוגעקוקט צו די אויפרייסנדיקע גראַנאַטן אין דער נאָענט און בעת-מעשה נישט פאַרשנעלערט אָדער נישט פאַרמינערט זיינע טריט. ער איז געווען אַ גוטער, איינגע-טראַכטער און האַרציקער רעדנער און אויך אַזאַ שריפטשטעלער. ביי יעדער אַרבעט איז יאָפּע געווען אויפמערקזאַם צו די קלענסטע פּרטים, אַן אייגנשאַפט, וואָס פעלט אַזוי שטאַרק אַ סך רעוואָלוציאָ-נערן. לעניו האָט זייער הויך אָפּגעשאַצט יאָפּעס דיפּלאָמאַטישע טעטיקייט. איך בין מער, ווי אַן אַנדערער, געווען פאַרבונדן מיט דעמדאָזיקן מענטשן אין משך פון לאַנגע יאָרן. זיין איבערגעגעבנ-קייט און פריינטשאַפט, ווי זיין אידעישע טרייקייט האָבן נישט גע-האַט קיין גלייכן. זיין לעבן האָט יאָפּע פאַרענדיקט טראַגיש. שווערע געירשנטע קראַנקהייטן האָבן אונטערגעגראָבן זיין געזונט. נישט ווייניקער שווער האָט אים אונטערגעגראָבן די כּוחות די ווילדע העצע פון די עפּיגאָנען קעגן די מאַרקסיסטן. נישט קענענדיק מער פירן דעם קאַמף מיט דער קראַנקהייט און צוליב דעם אויך דעם פּאָלי-טישן קאַמף, האָט יאָפּע אין האַרבסט 1927 געמאַכט אַ סוף צו זיין לעבן. דעם בריוו, וואָס ער האָט מיר אָנגעשריבן פאַרן טויט, האָבן סטאַלינס אַגענטן צוגעגנבעט פון זיין נאַכט-טישל. די שורות, וואָס זענען געווען אויסגערעכנט אויף אַ פריינטלעכער אויפמערקזאַמקייט, זענען אַרויסגעריסן געוואָרן פון טעקסט, פאַרקריפּלט און פאַרדרייט דורך יאַראָסלאַווסקין און אַנדערע אינערלעך דעמאָראַליזירטע פאַר-שוינען. דאָס וועט אָבער גאָרנישט שטערן, אַז דער נאָמען יאָפּע זאָל אַריין אין בוך פון דער רעוואָלוציע אַלס איינער פון די בעס-טע נעמען.

אין די טויטע און פינסטערע טעג פון דער רעאַקציע האָבן מיר מיט יאָפּען זיכער געוואַרט אויף אַ נייער רעוואָלוציע, און טאַ-קע אין דער פאָרם, אין וועלכער זי האָט זיך אַנטוויקלט אין יאָר 1917. סווערטשקאָוו, וואָס איז אין יענע יאָרן געווען אַ מענשעוויק און איצט איז ער אַ סטאַליניסט, שרייבט אין זיינע זכרונות וועגן דער ווינער „פּראַוודאַ”: „אין דערדאָזיקער צייטונג האָט ער (טראָצ-קי) ווייטער אינטענסיוו און עקשנותדיק דורכגעפירט דעם געדאַנק וועגן דער „פּערמאַנענץ” פון דער רוסישער רעוואָלוציע, ד. ה. ער האָט אויפגעוויזן, אַז קוים האָט זי זיך איינמאָל אָנגעהייבן, קאָן זי זיך נישט אָפּשטעלן ביז זי וועט נישט אומוואַרפן דעם קאַפּיטאַ-

ליזם און איינפירן אַ סאָציאַליסטישע אָרדענונג אויף דער גאַנצער וועלט. מען האָט פון אים געלאַכט, מען האָט אים באַשולדיקט אין ראָמאַנטיזם און אין אַלע זיבן טויט-חטאים, ווי די באָלשעוויקעס, אַזוי אויך די מענשעוויקעס, אָבער ער האָט פעסט און עקשנותדיק דורכגעזעצט זיין שטאַנדפונקט, און זיך גאָרנישט אומגעקוקט אויף די אַלע אָנפאַלן".

אין יאָר 1909 האָב איך אינם פוילישן זשורנאַל פון ראָזע לוקסעמבורג אַזויאַרום כאַראַקטעריזירט די רעוואָלוציאָנערע קעגנזייטיקע באַציונג צווישן פראָלעטאַריאַט און דער פויערשאַפט: „דער לאָקאַלער קרעטיניזם — איז די היסטאָרישע קללה פון די פויערשע באַוועגונגען. די ערשטע כוואַליע פון דער רוסישער רעוואָלוציע (1905) האָט זיך אָפּגעקלאַפּט אָן דער פּאָליטישער באַגרענעצטקייט פון פויער, וואָס האָט ביי זיך אין דאָרף פּאָגראָמירט דעם גוטבאַזיצער, כדי זיך צוצונעמען זיין ערד און נאָכדעם, אַז ער איז אַריינגעקראָכן אין אַ זעלנער-מונדיר, האָט ער געשאָסן אין די אַרבעטער. אַלע געשעענישן פון דער רוסישער רעוואָלוציע קענען באַטראַכט ווערן ווי אַ ריי אומברחמנותדיקע אָנשויונגס-לעקציעס, וואָס מיט זייער הילף האָבט אַריין די געשיכטע דעם פויער אין קאָפּ אַריין דאָס באַוואוסטזיין וועגן דער שייכות צווישן זיין לאָקאַלער באָדן-נויט מיט דעם צענטראַלן פּראָבלעם פון דער מלוכה-מאַכט".

זיך שטיצנדיק אויפן ביישפּיל פון פינלאַנד, וואו די סאָציאַל-דעמאָקראַטיע האָט אויפן גרונט פון דער קליין-פּאַכטער-פראַגע זיך דערוואָרבן אַ ריזיקע השפעה אויפן דאָרף, האָב איך אויסגעפירט: „היינט וואָס פאַר אַ השפעה אויף דער פויערשאַפט קאָן געווינען אונזער פּאַרטיי אין דעם פּראָצעס און אין דעם רעזולטאַט פון דער אָנפירונג מיט אַ נייער אומפּאַרגלייכלעך ברייטערער מאַסן-באַוועגונג אין שטאָט און אין דאָרף! עס פאַרשטייט זיך, אויב מיר וועלן אַליין נישט אַוועקלייגן דאָס געווער, אין שרעק פאַר די נסיונות פון דער פּאָליטישער מאַכט, צו וועלכער די נייע כוואַליע וועט אונז אומפאַרמיידלעך דורכטראָגן." ווי דאָס אַלץ איז ענלעך צו דער „איגנאָרירונג פון דער פויערשאַפט" אָדער צו דעם „אַריבערשפּרינגען איבער דער אַגראַר-פּראַגע!"

דעם 4-טן דעצעמבער 1909, בעת די רעוואָלוציע האָט אויסגעזען ווי צעטרעטן אויף שטענדיק און ענדגילטיק, האָב איך געשריבן

אין „פּראַוודאַ״: „דורך די שוואַרצע וואָלקנס פון דער רעאַקציע, מיט וועלכע מיר זענען אַרומגערינגלט, זעען מיר שוין איצט דעם נצחונדיקן אָפּשיין פון נייעם אָקטאָבער״. נישט בלויז די ליבעראַלן, נאָר אויך די מענשעוויקעס האָבן דעמאָלט חוזק געמאַכט פון דידאַ־זיקע ווערטער, וואָס האָבן זיי אויסגעזען, ווי אַ פורער אַגיטאַציע־אויסרוף, ווי אַ פראַזע אָן אַ שום אינהאַלט.. פּראָפעסאָר מיליוקאָוו, וואָס אים געהערט דער כבוד פון דעם אויסגעפונענעם טערמין „טראָצקיזם״, האָט מיר איינגעווענדט: „די אידעע פון דער דיקטאַ־טור פון פּראָלעטאַריאַט — איז דאָך אַ ריין קינדישע אידעע, און ערנסט וועט זי קיין שום מענטש אין אייראָפּע נישט אונטערשטיצן״. נישט געקוקט אויף דעם, זענען דאָך אין יאָר 1917 פאָרגעקומען אַזעלכע געשעענישן, וואָס האָבן געמוזט גאָר שטאַרק באַאומרואיקן די דערהייבענע זיכערקייט פון ליבעראַלן פּראָפעסאָר.

אין די רעאַקציע־יאָרן האָב איך זיך באַשעפטיקט מיט די פראַגן וועגן דער קאָניונקטור פון האַנדל און אינדוסטריע, ווי אין אַלוועלטלעכן, אַזוי אויך אין נאַציאָנאַלן מאַסשטאַב. באַוואויגן האָט מיך דערצו דער רעוואָלוציאָנערער אינטערעס: איך האָב געוואָלט פעסטשטעלן די קעגנזייטיקע אָפּהענגיקייט צווישן די וואַקלענישן פון האַנדל און אינדוסטריע, פון איין זייט, און די סטאַדיעס פון דער אַרבעטער־באַוועגונג און דעם רעוואָלוציאָנערן קאַמף, פון דער צווייטער זייט.

אויך דאָ, ווי אין אַלע אַזעלכע פראַגן, האָב איך מיך מער פון אַלץ געהיט פעסטצושטעלן די אויטאָמאַטישע אָפּהענגיקייט פון דער פּאָליטיק בנוגע דער עקאָנאָמיק. די קעגנזייטיקע ווירקונג האָט מען געמוזט אַרויסנעמען פון דעם גאַנצן פּראָצעס בכלל. איך האָב מיך נאָך געפונען אינם בעמישן שטעטל הירשבערג, בעת אויף דער ניו־יאָרקער בערזע האָט אויסגעבראָכן דער שוואַרצער פרייטיק. ער איז געווען דער מבשר פאַר אַ וועלט־קריזיס, וועלכער האָט אומפאַרמיידלעך געמוזט פאַרכאַפּן אויך רוסלאַנד, וואָס איז געווען צעטרייסלט פון דעם רוסיש־יאַפּאַנישן קריג, און נאָכדעם פון דער רעוואָלוציע. וואָסערע פאָלגן וועט ברענגען דער קריזיס? אין דער פּאַרטיי, און דווקא אין ביידע פראַקציעס, האָט געהערשט דער שטאַנדפונקט, אַז דער קריזיס מוז ברענגען מיט זיך אַ פאַרשאַרפונג פון רעוואָלוציאָנערן קאַמף. איך האָב אָנגענומען אַן אַנדער שטאַנד־

פונקט. נאָך אַ בעריאָד פון גרויסע שלאַכטן און גרויסע מפּלות ווירקט דער קריזיס אויפן אַרבעטער־קלאַס נישט אויפמונטערנדיק, נאָר דווקא דערדריקנדיק, נעמט אַוועק ביי אים דעם גלויבן אין זיינע כּוחות און פּאָליטיש צעלייגט ער אים. נאָר אַ נייער אינדוסטריעלער אויפשוואונג איז ביי אַזעלכע באַדינגונגען בכּוח צו פאַרייניקן דעם פּראָלעטאַריאַט, אויפוועקן אים תּחית־המתים, צוריקגעבן אים דעם גלויבן אין זיינע כּוחות און מאַכן אים פעאיק צום ווייטערדיקן קאַמף. דידאַזיקע פּערספּעקטיוו האָט אָבער אָנגעטראָפן אויף קריטיק און אומצוטרוי. די אָפיציעלע עקאָנאָמיסטן פון דער פּאַרטיי האָבן, חוץ־דעם, אַנטוויקלט דעם געדאַנק, אַז אין אַ רעזשים פון קאָנטר־רעוואָלוציע איז אַן אינדוסטריעלע עליה בכלל אוממעגלעך. להיפך פון זיי בין איך אַרויסגעגאַנגען פון דעם שטאַנדפּונקט, אַז אַן עקאָנאָמישער אויפשוואונג איז אומפאַרמיידלעך, אַז ער מוז אַרויס־רופן אַ נייע שטרייק־באַוועגונג, נאָך וועלכער דער נייער עקאָנאָמי־שער קריזיס וועט קאָנען דינען ווי אַ שטויסקראַפט צום רעוואָלו־ציאָנערן קאַמף. דערדאָזיקער פּראָגנאָז האָט זיך פולשטענדיק באַשטע־טיקט. אַן אינדוסטריע,ע עליה האָט זיך אָנגעהייבן אין יאָר 1910, נישט געקוקט אויף דער קאָנטר־רעוואָלוציע. צוזאַמען מיט אים איז אויך געקומען דער שטרייקן־קאַמף. דאָס צעשיסן די אַרבעטער אין די גאָלד־גרובן פון דער לענאַ אין יאָר 1912 האָט געפונען אַ ריזע־דיקן אָפּקלאַנג אין דעם גאַנצן לאַנד. אין יאָר 1914, בעת דער קריזיס איז שוין געווען אויסער יעדן ספק, איז פּעטערבורג ווידער געוואָרן די אַרענע פון אַרבעטער־באַריקאַדן. זייער עדות איז געווען פּואַנקאַרע, וואָס האָט באַזוכט דעם צאַר ערב דער מלחמה.

דידאָזיקע טעאָרעטישע און פּאָליטישע דערפאַרונג האָט שפּע־טער פאַר מיר געהאַט אַן אומשאַצבאַרע באַדייטונג. אויפן דריטן קאָנגרעס פון קאָמינטערן האָב איך געהאַט קעגן זיך אַ דערדריקנ־דיקע מערהייט דעפּוטאַטן, בעת איך האָב אָנגעוויזן אויף דער אומ־פאַרמיידלעכקייט פון אַן עקאָנאָמישער עליה פון דער נאָכמלחמהדי־קער אייראָפּע, אַלס פאָרויסזעצונג פון ווייטערדיקע רעוואָלוציאָנערע קריזיסן. שוין גאָר אין דער לעצטער צייט איז מיר ווידעראַמאָל אויסגעקומען אַרויסצורוקן קעגן דעם VI־סטן קאָנגרעס [illegible] קאָמינ־טערן די באַשולדיקונג, אַז ער האָט לגמרי נישט מש־ [illegible] דעם איבערברוך פון די עקאָנאָמישע און פּאָליטישע פאַרהעל[illegible] אין

כינע, אָויב ער האָט זיך, על־פּי־טעות, נאָך די גרויזאַמע מפּלות פון דער רעוואָלוציע, געריכט אויף איר ווייטערדיקער אַנטוויקלונג אַלס רעזולטאַט פון פאַרשאַרפטן עקאָנאָמישן קריזיס אין לאַנד.

די דיאַלעקטיק פון פּראָצעס איז פאַר זיך גופא שוין דווקא נישט אַזוי קאָמפּליצירט. אָבער ס'איז זי לייכטער צו פאָרמולירן אין אַלגעמיינע שטריכן, איידער זי אויפצודעקן יעדעס מאָל פונדאַסניי אין לעבעדיקע פאַקטן. על־כל־פּנים שטויס איך זיך אָן ביז היינט צו טאָג אין דער פראַגע אויף די האַרטנעקיקסטע פאָראורטיילן, וואָס פירן אין דער פּאָליטיק צו גראָבע פעלערן און שווערע פאָלגן.

די „פּראַוודאַ" האָט ווייט נישט דערגרייכט לעניִנס קלאָרקייט אין דער אָפּשאַצונג פון דעם ווייטערדיקן גורל פונם מענשעוויזם און די אָרגאַניזאַציאָנעלע אויפגאַבן פון דער פּאַרטיי; איך האָב נאָך אַלץ געהאָפט, אַז אַ נייע רעוואָלוציע וועט צווינגען די מענשעוויקעס, ווי אין יאָר 1905, אַרויפצוגיין אויפן רעוואָלוציאָנערן וועג. איך האָב נישט געגנוג אָפּגעשאַצט די באַדייטונג פון אַ צוגעגרייטער אידעאָלאָגישער בעסערער אָפּקלויבונג און פּאָליטישער פאַרהאַרטעוועטקייט. אין די פראַגן פון דער אינעווייניק־פּאַרטייאישער אַנטוויקלונג בין איך באַגאַנגען דעם חטא, וואָס איך האָב מיך אַריינגעלאָזט אין אַ מין *סאָציאַל־רעוואָלוציאָנערן* פאַטאַליזם. דאָס איז געווען אַ פאַלשע פּאָזיציע. זי איז אָבער געווען אומפאַרגלייכלעך העכער פון יענעם אידעענלאָזן *ביוראָקראַטישן* פאַטאַליזם, מיט וועלכן עס צייכנט זיך אויס די מערהייט פון מיינע היינטיקע קריטיקער אין לאַגער פון קאָמאינטערן.

אין יאָר 1912, בעת עס האָט זיך קלאָר אַרויסגעוויזן דער נייער פּאָליטישער אויפשטייג, האָב איך געמאַכט אַ פּרואוו צונויפצורופן אַ פאַריייניקונגס־קאָנפערענץ פון פאָרשטייער פון אַלע סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פראַקציעס. אַז אין יענעם פעריאָד האָט די האָפענונג צוריקצושטעלן אַן איינהייטלעכע רוסישע סאָציאַל־דעמאָקראַטיע באַשעפטיקט נישט בלויז מיך אַליין, באַווייזט דער פאַקט מיט ראָזע לוקסעמבורג. זי האָט זומער, אין יאָר 1911, געשריבן: „נישט געקוקט אויף אַלץ, קאָן נאָך די איינהייטלעכקייט פון דער פּאַרטיי געראַטעוועט ווערן, אויב מען זאָל *צווינגען* ביידע צדדים, אַז זיי זאָלן צונויפרופן אַ געמיינזאַמע קאָנפערענץ" (זייט 160). אין אויגוסט 1911 חזרט זי איבער: „דער איינציקער וועג צו ראַטעווען די איינהייט־

לעכקייט — איז צונויפרופן אַ געמיינזאַמע קאָנפערענץ פון מענטשן, געשיקט פון רוסלאַנד, ווייל די מענטשן אין רוסלאַנד ווילן אַלע שלום און איינהייטלעכקייט, און זיי שטעלן מיט זיך פאָר די איינ-ציקע קראַפט, וואָס קאָן ברענגען צום שכל די אויסלענדישע הע-נער" (זייט 163).

צווישן די באָלשעוויקעס גופא זענען די פשרה-טענדענצן אין יענעם פעריאָד געווען זייער שטאַרק, און איך האָב נישט פאַרלוירן די האָפענונג, אַז דאָס וועט אויך באַוועגן לענינען זיך צו באַטייליקן אין דער קאָנפערענץ. לענין האָט זיך אָבער אַנטקעגנגעשטעלט דער פאַרייניקונג מיט זיין גאַנצער קראַפט. דער גאַנצער ווייטערדיקער גאַנג פון די געשעענישן האָט באַוויזן, אַז לענין איז געווען גע-רעכט. די קאָנפערענץ האָט זיך פאַרזאַמלט אין אויגוסט 1912 אין ווין, אָן די באָלשעוויקעס. איך האָב מיך געפונען פאָרמעל אין „בלאָק" מיט די מענשעוויקעס און מיט איינצלנע גרופּעס באָלשעווי-קעס-דיסידענטן*). קיין פּאָליטישע באַזע האָט דערדאָזיקער בלאָק נישט געהאַט, אין אַלע פּרינציפּיעלע פראַגן בין איך זיך מיט די מענשעוויקעס פאַנאַנדערגעגאַנגען. דער קאַמף קעגן זיי האָט זיך צוריק באַנייט באַלד אויפן צווייטן טאָג נאָך דער קאָנפערענץ. שאַר-פע קאָנפליקטן זענען אויסגעוואַקסן טאָג-טעגלעך פון די צוויי טיף סתירותדיקע טענדענצן: דער סאָציאַל-רעוואָלוציאָנערער און דער דעמאָקראַטיש-רעפאָרמיסטישער.

„פון טראָצקיס בריוו", שרייבט אַקסעלראָד דעם 4-טן מאַי, קורץ פאַר דער קאָנפערענץ, „האָב איך אַרויסגעטראָגן פאַר זיך זייער אַ שווערן איינדרוק, אַז ער האָט גאָר קיין חשק נישט באמת און ערנסט זיך צו דערנענטערן צו אונז און אונזערע פריינט אין רוסלאַנד... פאַר אַ געמיינזאַמען קאַמף קעגן שונא". אַזאַ מין כוונה — זיך אָנצוקניפּן מיט די מענשעוויקעס פאַר אַ קאַמף קעגן די באָלשעוויקעס, האָב איך באמת נישט געהאַט און קיינמאָל נישט געקענט האָבן. נאָך דער קאָנפערענץ באַקלאָגט זיך מאַרטאָוו אין אַ בריוו צו אַקסעלראָדן אויף דעם, וואָס טראָצקי לעבט צוריק אויף די „ערגסטע מנהגים פון לענין-פּליעכאַנאָווישן ליטעראַטן-אינדיווידואַליזם". די קאָרעספּאָנ-דענץ צווישן אַקסעלראָדן און מאַרטאָוון, וואָס איז מיט עטלעכע יאָר

*) דיסידענט — אַנדערש טראַכטנדיקער.

צוריק פֿאַרפּענטלעכט געוואָרן, זאָגט עדות אויף זייער לגמרי נישט געפּעלשטער שנאה צו מיר. אָבער נאָך איצט דערמאָן איך מיך מיט דאַנקבאַרקייט, אַז אין מיינע יונגע יאָרן האָב איך זיי געהאַט פֿיל צו פֿאַרדאַנקען.

דער עפּיזאָד פֿון אויגוסט־בלאָק איז אַריין אין אַלע „אַנטי־טראָצקיסטישע" לערנביכער פֿון דער עפּיגאָנען־עפּאָכע. פֿאַר די אָנפֿאַנגער און אַנאַלפֿאַבעטן ווערט די פֿאַרגאַנגענהייט פֿאָרגעשטעלט אויף דעם אופֿן, ווי דער באָלשעוויזם וואָלט אַרויסגעגאַנגען מיט איין מאָל פֿון דער היסטאָרישער לאַבאָראַטאָריע אין זיין פֿולשטענדיקער אַמוניציע. באמת איז אָבער די קאַמפּס־געשיכטע צווישן די באָלשעוויקעס און מענשעוויקעס גלייכצייטיק אויך די געשיכטע פֿון אומאויפֿגעבראָכענע פֿאַראייניקונגס־פּראָבעס. ווען לענין קומט צוריק קיין רוסלאַנד אין יאָר 1917, מאַכט ער דעם לעצטן פּרואוו זיך צונויפֿצוזורעדן מיט די מענשעוויקעס־אינטערנאַציאָנאַליסטן. ווען איך בין אין מאַי צוריקגעקומען פֿון אַמעריקע, איז דער רוב סאָציאַל־דעמאָקראַטישע אָרגאַניזאַציעס אין פּראָווינץ באַשטאַנען פֿון פֿאַראייניקטע באָלשעוויקעס און מענשעוויקעס. אויף דער פּאַרטיי־קאָנפֿערענץ אין מערץ 1917, עטלעכע טעג פֿאַר לענינס קומען, האָט סטאַלין געדרשנט וועגן אַ פֿאַראייניקונג מיט דער פּאַרטיי פֿון צערעטעלין. שוין נאָך דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע האָבן זינאָוויעוו, קאַמעניעוו, ריקאָוו, לונאַטשאַרסקי און צענדליקער אַנדערע משוגענערווייז געקעמפּט פֿאַר אַ קאָאַליציע מיט די סאָציאַל־רעוואָלוציאָנערן און מענשעוויקעס. און דידאָזיקע מענטשן פּרואוון זיך היינט אונטערצוהאַלטן זייער אידעישע עקזיסטענץ מיט ווילדע בבא־מעשיות וועגן דער ווינער פֿאַראייניקונגס־קאָנפֿערענץ פֿון יאָר 1912!

די „קיעווסקאַיאַ מיסל" (קיעווער געדאַנק) האָט מיר פֿאָרגעלייגט צו פֿאָרן אַלס קריגס־קאָרעספּאָנדענט אויפֿן באַלקאַן. דערדאָזיקער פֿאָרשלאַג איז אַוודאַי געקומען צו דער ריכטיקער צייט, ווייל די אויגוסט־קאָנפֿערענץ האָט זיך שוין באַוויזן אַרויסצווייזן אַלס מפּילקינד. איך האָב געשפּירט אַ באַדערפֿעניש, לפּחות, אויף אַ קורצער צייט זיך אָפּצורייסן פֿון די רוסישע עמיגראַנטן־ענינים. די עטלעכע חדשים, וואָס איך האָב פֿאַרבראַכט אויף דער באַלקאַנישער האַלבאינזל, זענען געווען קריגס־חדשים, און זיי האָבן מיך זייער אַ סך זאַכן אויסגעלערנט.

אין סעפּטעמבער 1912 בין איך לכתּחילה אַרויסגעפאָרן קיין דרום-מזרח, מיט דעם רעיון, אַז די מלחמה איז נישט נאָר וואַרשיינלעך, נאָר פּשוט אומפאַרמיידלעך. אָבער ווען איך האָב מיך געפונען אויף די גאַסן פון בעלגראַד און האָב דערזען די לאַנגע רייען פון די רעזערוויסטן, ווען איך האָב מיך איבערצייגט מיט מיינע אייגענע אויגן, אַז קיין צוריק-טריט איז מער נישט מעגלעך, אַז די מלחמה וועט קומען, אַז זי וועט קומען אין די נאָענטסטע טעג; ווען איך האָב דערהערט, אַז גוט-באַקאַנטע מענטשן שטייען שוין אונטער דער ביקס, אויף דער גרענעץ, און אַז זיי וועט די ערשטע אויסקומען צו טויטן און צו שטאַרבן, — דעמאָלט האָט מיר די מלחמה, מיט וועלכער איך האָב מיך אַזוי לייכט באַגאַנגען אין רעיון און אין די אַרטיקלען — אויסגעזען אומגלויבלעך און אוממעגלעך. ווי אויף אַ געשפּענסט האָב איך געקוקט אויפן פולק, וואָס איז געגאַנגען אין מלחמה — דער 18 אינפאַנטעריע-פולק — אין פעלדגרויע אוניפאָרמען און אָפּאַנקעס (לאַפּטשעס), מיט גרינע צווייגלעך אויף די היטלען. די לאַפּטשעס אויף די פיס און דאָס צווייגל אויפן היטל — ביי אַ פולשטענדיקער קריגס-אַמוניציע — האָט צוגעגעבן די זעלבער דאָס אויסזען פון אָנגעחתמעטע קרבנות. און קיין זאַך האָט אין יענעם מאָמענט נישט געברענט אַזוי אומדערטרעגלך דאָס באַוואוסטזיין מיט דעם שגעון פון קריג, ווי דאָסדאָזיקע צווייגעלע און די דאָזיקע פויערשע לאַפּטשעס. ווי ווייט איז אַוועק די היינטיקע גענעראַציע פון די רגילותן און שטימונגען פון יאָר 1912! איך האָב שוין דעמאָלט גוט פאַרשטאַנען, אַז דער הומאַניטאַר-עטישער שטאַנדפונקט איז אין באַצוג צום היסטאָרישן פּראָצעס דער אומפּרוכטבאַרסטער שטאַנדפונקט. עס האָט זיך אָבער נישט געהאַנדלט וועגן דערקלערונגען, נאָר וועגן איבערלעבונגען. אין דער נשמה האָט אַריינגעדרונגען אַן אוממיטלבאַר, אומבאַשרייבלעך געפיל פון היסטאָרישער טראַגיק: די אָנמעכטיקייט פאַרן פאַטום, דער ברענענדיקער ווייטיק פאַר די מענטשלעכע היישעריקן-מחנות.

דער קריג איז אין צווייי, דריי טעג אַרום דערקלערט געוואָרן. „איר אין רוסלאַנד ווייסט עס און גלויבט אין דעם", האָב איך געשריבן, „אָבער איך דאָ אויפן אָרט גלויב נישט. דידאָזיקע קאָמבינאַציע פונם געוויינלעכן, אַלטעגלעך-מענטשלעכן לעבנס-שטייגער: היינער, ציגאַרקעס, באָרוועסע שנאָרכעדיקע יינגלעך — מיטן אומ-

גלויבלעך-טראַגישן פאַקט פון קריג—מיין קאָפּ כאַפּט עס נישט. איך ווייס, אַז דער קריג איז שוין דערקלערט געוואָרן, אַז ער האָט זיך שוין אָנגעהייבן. אָבער איך האָב מיך נאָך נישט אויסגעלערנט אין אים צו גלויבן". מען האָט אָבער געמוזט אין אים גלויבן פעסט און אויף לאַנג.

די יאָרן 13—1912 האָבן מיך נעענטער באַקענט מיט סערביע, בולגאַריע, רומעניע און — מיטן קריג. דאָס איז אין אַ סך פּרטים געווען אַ וויכטיקע צוגרייטונג נישט בלויז צום יאָר 1914, נאָר אויך צום יאָר 1917. איך האָב אין מיינע אַרטיקלען אויפגעהייבן אַ קאַמף קעגן דעם שקר פונם סלאַוואָ-פילענטום, קעגן שאָוויניזם בכלל, קעגן די אילוזיעס פון קריג, קעגן דעם וויסנשאַפטלעך אָרגאַניזירטן סיסטעם צו פירן פאַר דער נאָז די געזעלשאַפטלעכע מיינונג. די רעדאַקציע פון „קיעווסקאַיאַ מיסל" האָט געפונען גענוג מוט צו דרוקן מיין אַרטיקל, וואָס האָט געשילדערט די בולגאַרישע אכזריות איבער די פאַרוואונדעטע און געפאַנגענע טערקן און דעמאַסקירט די פאַרשווייגונג פון דער רוסישער פרעסע זיי צו פאַרשווייגן. דאָס האָט אַרויסגערופן אַ שטורעם פון גרימצאָרן מצד די ליבעראַלע צייטונגען. דעם 30-סטן יאַנואַר 1913 האָב איך אין דער פרעסע אַריינגעטראָגן מיליוקאָוון אַן „אויסערפּאַרלאַמענטאַרישע אינטערפּעלאַציע" וועגן דער „סלאַווישער" אכזריות בנוגע די טערקן. צוגעדריקט צו דער וואַנט, האָט מיליוקאָוו, דער געשוואָרענער פאַרטרעטער פון דער אָפיציעלער בולגאַריע, געענטפערט מיט אַן אומבאַהאָלפענעם שטאַמלען. די פּאָלעמיק האָט זיך געצויגן עטלעכע וואָכן און איז זיך נישט באַגאַנגען אָן די אומפאַרמיידלעכע אָנצוהערענישן מצד די רעגירונגס-אָרגאַנען, אַז אונטערן פּסעוודאָנים אַנטיד אָטאָ באַהאַלט זיך נישט בלויז אַן עמיגראַנט, נאָר אויך אַן עסטרייך-אונגאַרישער אַגענט.

דער חודש, וואָס איך האָב פאַרבראַכט אין רומעניע, האָט מיך דערנענטערט מיט דאָברודזשאַנו-כערעאַ (Cherea) און פאַרפעסטיקט אויף שטענדיק מיין פריינטשאַפט מיט ראַקאָווסקין, וועלכן איך האָב געקענט פון יאָר 1903.

אַ רוסישער רעוואָלוציאָנער פון די זיבעציקער יאָרן האָט זיך „פאַרבייגייענדיק" אָפּגעשטעלט אין רומעניע ערב דעם רוסיש-טערקישן קריג, צופעליק דאָרט געבליבן, — און שוין אין עטלעכע יאָר אַרום האָט אונזער לאַנדסמאַן, מיטן נאָמען כערעאַ, זיך דער-

וואָרבן אַ גרויסן איינפלוס, לכתחילה אויף דער רומענישער אינטעליגענץ, און נאָכדעם אויף די פּראָגרעסיווע אַרבעטער. די ליטעראַרישע קריטיק, געבויט אויף אַ סאָציאַלן באַזיס, איז געווען דער הויפּטגעביט, אויף וועלכן כערעאַ האָט פּאָרמירט דאָס באַוואוסטזיין פון די פּראָגרעסיווע אינטעליגענטן־גרופּעס אין רומעניע. פון די פראַגן וועגן עסטעטיק און פּערזענלעכער עטיק האָט ער צוגעפירט צום וויסנשאַפטלעכן סאָציאַליזם. דער רוב רומענישע פּאָליטיקער, כמעט פון אַלע פּאַרטייען, האָט אין דער יוגנט דורכגעמאַכט די שנעלע שולע פון מאַרקסיזם אונטער דער לייטונג פון כערעאַ. דאָס האָט זיי אָבער לגמרי נישט געשטערט צו פירן אין די רייפערע יאָרן אַ פּאָליטיק פון רעאַקציאָנערן באַנדיטיזם.

כ. ג. ראַקאָווסקי — איז איינע פון די אינטערנאַציאָנאַלסטע פיגורן אין דער אייראָפּעישער באַוועגונג. אַ בולגאַר לויט דער אָפּשטאַמונג, פון דער שטאָט קאָטעל, דאָס סאַמע האַרץ פון בולגאַריע, אָבער אַ רומענישער אונטערטאַן אַ דאַנק דער באַלקאַן־קאַרטע, אַ פראַנצויזישער דאָקטאָר לויט דער בילדונג, אַ רוסישער לויט די באַקאַנטשאַפטן, סימפּאַטיעס און ליטעראַרישער אַרבעט, באַהערשט ראַקאָווסקי אַלע באַלקאַנישע שפּראַכן און פיר אייראָפּעישע, און האָט זיך אין פאַרשיידענע צייטן אַקטיוו באַטייליקט אין דעם אינערלעכן לעבן פון פיר סאָציאַליסטישע פּאַרטייען — פון דער בולגאַרישער, רוסישער, פראַנצויזישער און רומענישער — כדי שפּעטער צו ווערן איינער פון די פירער פון דער סאָוויעטן־פעדעראַציע, איינער פון די באַגרינדער פון קאָמאינטערן, פּאָרזיצער פונם אוקראַינישן סאָוויעט פון פאָלקס־קאָמיסאַרן, דיפּלאָמאַטישער פאַרטרעטער פון סאָוויעטפאַרבאַנד אין ענגלאַנד און פראַנקרייך, און כדי נאָכדעם צו טיילן דעם גורל פון דער לינקער אָפּאָזיציע. ראַקאָווסקיס פּערזענלעכע אייגנשאַפטן: אַ ברייטער אינטערנאַציאָנאַלער האָריזאָנט און אַ טיפער, איידעלער כאַראַקטער — אַלץ אַזעלכע מעלות, צוליב וועלכע ער האָט לגמרי פאַרלאָרן דעם חן ביי סטאַלינען, וועלכער פאַרקערפּערט מיט זיך די פאַרקערטע אייגנשאַפטן.

אין יאָר 1913 איז ראַקאָווסקי געווען דער אָרגאַניזאַטאָר און פירער פון דער רומענישער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי, וואָס האָט זיך שפּעטער אָנגעשלאָסן אָן קאָמאינטערן. די פּאַרטיי האָט זיך שטאַרק געדרוקט פאָרויס. ראַקאָווסקי האָט רעדאַקטירט אַ טעגלעכע צייטונג

און האָט זי אויך פינאַנסירט. אויפן ברעג פון שוואַרצן ים, נישט ווייט פון מאַנגאַליע, האָט ראַקאָווסקי געהאַט אַ קליין ירושה-גוט, וואָס זיינע הכנסות זענען געגאַנגען לטובת דער רומענישער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי, לטובת רעוואָלוציאָנערע גרופּעס און פּערזאָנען אין אַנדערע לענדער. דריי טעג אין וואָך פלעגט ראַקאָווסקי פאַרברענגען אין בוקאַרעשט, געשריבן אַרטיקלען, געפירט די זיצונגען פון צענטראַל-קאָמיטעט, אַרויסגעטרעטן אויף מיטינגען און זיך באַטייליקט אין גאַסן-דעמאָנסטראַציעס. נאָכדעם האָט ער זיך געיאָגט מיטן צוג צום ברעג פון שוואַרצן ים און מיטגעבראַכט אין הויף אַריין שטריק, טשוועקעס און אַנדערע נויטיקע זאַכן, איז אַרויסגעפאָרן אין פעלד, קאָנטראָלירט די אַרבעט פון נייעם טראַקטאָר, נאָכלויפנדיק נאָך אים איבער דער בייט אין שטאָטישן ראָק; און אויף צומאָרגנס איז ער ווידער געלאָפן צוריק אין שטאָט אַריין, כדי נישט צו פאַרשפּעטיקן אויף אַ מיטינג אָדער אויף אַ זיצונג. איך פלעג באַגלייטן ראַקאָווסקין אויף זיין נסיעה און פלעג נתפּעל ווערן פון דערדאָזיקער פייערדיקער ענערגיע, פון דער אומדערמידלעכקייט, פון דער שטענדיקער גייסטיקער פרישקייט און פריינטלעכער אויפמערקזאַמקייט צו קליינע מענטשן. אויף דער גאַס אין מאַנגאַליע איז ער אין פאַרלויף פון פופצן מינוט איבערגעשפּרונגען פון רומעניש אויף טערקיש, פון טערקיש אויף בולגאַריש, נאָכדעם אויף דייטש און פראַנצויזיש — מיט די קאָלאָניסטן, האַנדלס-אַגענטן און, צולעצט, אויף רוסיש, מיט די צאָלרייכע רוסישע סקאָפּצעס, וואָס האָבן געוואוינט אין די אַרומיקע מקומות. ער האָט געפירט פאַרשיידענע שמועסן אַלס גוטבאַזיצער, אַלס דאָקטאָר, אַלס בולגאַר, אַלס רומענישער אונטערטאַן און על-פּי-רוב אַלס סאָציאַליסט. אַזוי פלעגט ער אַדורכגיין פאַר מיינע אויגן, ווי אַ לעבעדיקער וואונדער, איבער די גאַסן פון דעמדאָזיקן פאַרוואָרפענעם, זאָרגלאָזן און פוילן ים-שטעטל. און אויף דער נאַכט האָט ער זיך שוין ווידער געיאָגט אין צוג צו דעם קאַמפּספעלד. און ער האָט זיך געפילט גוט און היימיש אין בוקאַרעשט און אין סאָפיע און אין פּאַריז און אין פּעטערבורג אָדער כאַרקאָוו.

• • •

די יאָרן פון דער צווייטער עמיגראַציע זענען פאַר מיר געווען

יאָרן פון מיטאַרבעט אין דער רוסישער דעמאָקראַטישער פּרעסע. איך האָב דעביוטירט אין „קיעווסקאַיאַ מיסל" מיט אַ גרויסן אַרטיקל וועגן דעם מינכענער זשורנאַל „סימפּליציסימוס", וואָס האָט מיך איין צייט אַזוי פאַראינטערעסירט, אַז איך האָב אויפמערקזאַם דורכגעקוקט אַלע זיינע נומערן, אָנהייבנדיק פון די ערשטע, ווען די צייכענונגען פון ט. ט. היינע זענען נאָך געווען דורכגעדרונגען מיט אַ שאַרפן סאָציאַלן געפיל. צו יענער צייט געהערט אויך מיין נעענטערע באַקאַנטשאַפט מיט דער נייער דייטשער בעלעטריסטיק. וועגן וועדעקינדן האָב איך אפילו אָנגעשריבן אַ גרויסן סאָציאַל-קריטישן אַרטיקל, ווייל אין רוסלאַנד איז דער אינטערעס צו אים געשטיגן פּאַראַלעל מיט דער ירידה פון די רעוואָלוציאָנערע שטימונגען.

די „קיעווסקאַיאַ מיסל" איז געווען די פאַרשפּרייטסטע ראַדיקאַלע צייטונג אין דרום, מיט אַ מאַרקסיסטישער באַפאַרבונג. אַזאַ צייטונג האָט געקענט עקזיסטירן נאָר אין קיעוו, מיט איר שוואַכער אינדוסטריע, מיט אירע אומאַנטוויקלטע קלאַסן-סתירות און גרויסע טראַדיציעס פון אינטעליגענטן ראַדיקאַליזם. Mutatis mutandis *) קאָן מען זאָגן, אַז די ראַדיקאַלע צייטונג אין קיעוו איז אַנטשטאַנען צוליב דיזעלבע מאָטיוון, וואָס דער „סימפּליציסימוס" אין מינכען. איך האָב געשריבן אין דער צייטונג אויף די פאַרשיידנאַרטיקסטע — טיילמאָל אין זין פון דער צענזור — זייער ריזיקאַלישע טעמעס. קליינע אַרטיקלען זענען אָפטמאָל געווען דער רעזולטאַט פון אַ גרויסער פאָרארבעט. נאַטירלעך, האָב איך אין אַ לעגאַלער אומפּאַרטייאישער צייטונג נישט געקאָנט זאָגן אַלץ, וואָס איך האָב געוואָלט. מיינע אַרטיקלען פון דער „קיעווסקאַיאַ מיסל" האָט דער סאָוויעט-פאַרלאַג שפּעטער געזאַמלט און אויפסניי אַרויסגעגעבן אין עטלעכע בענדער. דאָרט איז נישט פאַראַן עפּעס אַזוינס, פון וואָס איך וואָלט מיך איצט געדאַרפט אָפּזאָגן. עס וועט אפשר נישט זיין איבעריק איצט צו דערמאָנען, אַז אין דער בירגערלעכער פּרעסע האָב איך מיטגעאַרבעט מיט דעם פאָרמעלן הסכם פונם צענטראַל-קאָמיטעט, אין וועלכן לענין האָט געהאַט די מערהייט.

איך האָב שוין דערמאָנט, אַז גלייך נאָך אונזער קומען האָבן מיר זיך באַזעצט הינטער דער שטאָט. Huetteldorf„ איז מיר גע-

*) נאָך די נויטיקע שנויים.

פעלן", האָט געשריבן מיין פרוי. „די דירה איז געווען אַ בעסערע, ווי מיר וואָלטן געקאָנט האָבן, ווייל די ווילַיעס ווערן דאָ געוויינלעך פאַרדונגען אין פרילינג, און מיר האָבן זי אָנגעדונגען אויף האַרבסט און ווינטער. פון די פענסטער האָט מען געזען בערג, אַלע אין טונקל-רויטער האַרבסט-פאַרב. מען האָט זיך געקענט אַרויסכאַפּן אין דרויסן דורך אַ קליין טירל, אויסמיידנדיק די גאַס. ווינטער, אין די זונטיקן, פלעגן די ווינער, וואָס פלעגן זיך אָוועקלאָזן אין די בערג, אַראָפּקומען אַהער אויף שליטנס און פוסשליטעלעך, אין קאָלירטע היטעלעך און סוועטערס. אין אַפּריל, ווען מיר האָבן שוין געמוזט פאַרלאָזן אונזער וואוינונג, ווייל דאָס דירה-געלט האָט געקאָסט צוויי מאָל אַזויפיל, האָבן שוין אין גאָרטן און הינטער אים געבליט פיילכלעך, און זייערע ריחות האָבן אָנגעפילט די צימערן דורך די אָפענע פענסטער. דאָ איז געבוירן געוואָרן סעריאָזשאַ. מען האָט זיך געמוזט באַזעצן אין דעם מער דעמאָקראַטישן Sievering. די קינדער האָבן גערעדט רוסיש און דערביי אויך דייטש. אין קינדערגאָרטן און אין שולע האָבן זיי זיך פאַרשטענדיקט אויף דייטש, און דעריבער, אַז זיי פלעגן זיך שפּילן אינדערהיים, האָבן זיי אויך גערעדט צווישן זיך דייטש, אָבער ווי נאָר איך אָדער דער פאָטער פלעגן נעמען רעדן צו זיי, האָבן זיי באַלד געענטפערט אויף רוסיש. אויב מיר, ווידער, פלעגן רעדן צו זיי דייטש, פלעגן זיי זיך פאַרשעמען און ענטפערן אויף רוסיש. אין די לעצטע יאָרן האָבן זיי זיך נאָך אויסגעלערנט דער ווינער דיאַלעקט און האָבן אויסגעצייכנט גערעדט אויף אים.

„זיי האָבן ליב געהאַט צו באַזוכן די פאַמיליע קליאַטשקאָ, וואו אַלע, סיי דער ראָש פון דער פאַמיליע, סיי די באַלעבאָסטע און סיי די עלטערע קינדער זענען געווען צו זיי זייער אויפמערקזאַם, געוויזן זיי אַ סך אינטערעסאַנטע זאַכן און דערצו נאָך זיי מכבד געווען מיט אויסגעצייכנטע מאכלים.

„די קינדער האָבן אויך ליב געהאַט ריאַזאַנאָוון, דעם באַ-וואוסטן פאָרשער פון מאַרקסן. ריאַזאַנאָוו, וואָס האָט דעמאָלט געוואוינט אין ווין, האָט איבערראַשט די פאַנטאַזיע פון די יינגלעך מיט זיי-נע גימנאַסטישע קונצן און האָט ביי זיי שטאַרק אויסגענומען מיט זיין טומלדיקער האַלטונג. איינמאָל האָט דער פריזירער געשאָרן דעם יינגערן, איך בין געזעסן דערביי. סעריאָזשאַ האָט מיך אַ רוף

געטאָן מיטן פינגער און מיר איינגערוימט אין אויער: „איך וויל, ער זאָל מיר מאַכן אַזאַ פריזור, ווי ביי ריאַזאַנאָוון". ער איז געווען אַנטציקט פון ריאַזאַנאָווס גרויסן גלאַטן פליך, — דאָס איז געווען נישט ווי ביי אַלעמען, נאָר אַ סך שענער.

„אַז ליאָוויק איז אָנגעקומען אין שולע, איז אויפגעהייבן געוואָרן די פראַגע וועגן לימוד פון רעליגיע. לויטן דעמאָלטיקן עסטרייכישן געזעץ האָבן די קינדער ביז 14 יאָר געמוזט דערצויגן ווערן אין דער אמונה פון זייערע פאָטערס. אַזוי ווי אין אונזערע פאַפּירן איז בכלל נישט אָנגעגעבן געוואָרן קיין שום רעליגיע, האָבן מיר אויסגעקליבן פאַר די קינדער דעם פּראָטעסטאַנטישן רעליגיע-לימוד, וואָס האָט אונז אויסגעוויזן אַלס דער לייכטסטער פאַר די קינדערשע אַקסלען און נשמות. לוטערס תורה האָט געלערנט אַ לערערין מחוץ די שול-שעהן, אָבער אין שול-בנין. ליאָוויקן איז געפעלן געוואָרן דידאָזיקע לעקציע. דאָס האָט מען געזען אויף זיין פנים. ער האָט אָבער נישט געפונען פאַר נויטיק אינדערהיים וועגן דעם מאריך צו זיין. איינמאָל, אינאָוונט, האָב איך געהערט, ווי ער האָט עפּעס געשעפּטשעט, ליגנדיק אין בעט. אויף מיין פראַגע האָט ער געענטפערט: „דאָס איז אַ תפילה. דו ווייסט, פאַראַן זייער שיינע תפילות, אַזוי ווי לידער".

נאָך אין דער צייט פון מיין ערשטער עמיגראַציע האָבן שוין מיינע עלטערן אָנגעהייבן פאָרן קיין אויסלאַנד. זיי זענען געווען ביי מיר אין פאַריז, דערנאָך געקומען קיין ווין מיט מיין עלטערער מיידעלע, וואָס האָט זיך אויפגעהאַלטן ביי זיי אין דאָרף. אין יאָר 1910 זענען זיי געקומען קיין בערלין. אין יענער צייט זענען זיי שוין ענדגילטיק שלום געוואָרן מיט מיין גורל. דער לעצטער שווערוואָגיקער אַרגומענט איז אפשר געווען מיין ערשט בוך אין דער דייטשער שפּראַך. די מוטער איז געווען שווער קראַנק (actinomicosis). די לעצטע צען יאָר פון איר לעבן האָט זי געטראָגן איר קראַנקהייט ווי אַ צוגעלייגטע משא און נישט אויפגעהערט צו אַרבעטן. אין בערלין האָט מען איר אויסגעשניטן אַ ניר. די מוטער איז אַלט געווען 60 יאָר. אין די ערשטע חדשים נאָך דער אָפּעראַציע האָט זי ממש אויפגעבליט. דערדאָזיקער פאַל האָט אין דער מעדיצינישער וועלט אַרויסגערופן אַ גרויסן פרסום. אָבער די קראַנקהייט איז באַלד צוריקגעקומען און אין אַ משך פון עטלעכע חדשים געמאַכט אַ סוף

צו איר לעבן. געשטאָרבן איז זי אין יאַנאָווקע, וואו זי האָט פאַר־בראַכט איר פראַצע־לעבן און דערצויגן אירע קינדער.

דער גרויסער קאַפּיטל פון מיין ווינער לעבן וואָלט נישט געווען פאַרענדיקט, ווען איך זאָל נישט דערמאָנען, אַז אונזערע באַקאַנטסטע פריינט אין ווין איז געווען די פאַמיליע פון דעם אַלטן עמיגראַנט ס. ל. קליאַטשקאָ. די גאַנצע געשיכטע פון מיין צווייטער עמיגראַציע איז ענג דורכגעפלאָכטן מיט דערדאָזיקער פאַמיליע, וואָס איז געווען אַן אמתער צענטער פון ברייטע פּאָליטישע און גייסטיקע אינטערעסן, ווי מוזיק, פיר אייראָפּעישע שפּראַכן און פאַרשיידנאַר־טיקע אייראָפּעישע באַקאַנטשאַפטן. סעמיאָן לוואָוויטש, דער ראש פון דערדאָזיקער פאַמיליע, איז געשטאָרבן אין אַפּריל 1914. דערדאָזיקער טויט איז פאַר מיר און מיין פרוי געווען אַ גרויסער פאַרלוסט. ליעוו טאָלסטאָי האָט געשריבן וועגן זיין רייך־באַגאַבטן ברודער סער־גיי, אַז אים האָבן בלויז געפעלט עטלעכע קליינע חסרונות, כדי צו ווערן אַ גרויסער קינסטלער. דאָס קאָן מען אויך זאָגן וועגן סעמיאָן לוואָוויטשן: ער האָט געהאַט אַלע מעלות פאַר אַן אויסגעצייכנטן פּאָליטישן טוער, עס האָבן אים אָבער געפעלט די נויטיקע חסרונות דערצו. אין דער פאַמיליע קליאַטשקאָ האָבן מיר שטענדיק געפונען אי הילף, אי פריינטשאַפט, און מיר האָבן זיך אָפט גענויטיקט איןביידע זאַכן.

מיינע פאַרדינסטן אין „קיעווסקאַיאַ מיסל" וואָלטן געווען גאַנץ גענוג פאַר אונזער באַשיידענער עקזיסטענץ. עס זענען אָבער געווען חדשים, וואָס די אַרבעט פאַר דער „פּראַווּדאַ" האָט מיר צוגענומען יעדע מעגלעכקייט אָנצושרייבן כאָטש איין באַצאָלטע שורה. דעמאָלט איז געקומען דער קריזיס. מיין פרוי האָט געקענט גוט דעם וועג אין לאָמבאַרד, און איך האָב נישט איין מאָל פאַרקויפט די בוקי־ניסטן ביכער, וועלכע איך האָב מיר איינגעהאַנדלט אין בעסערע טעג. נישט איין מאָל האָט מען אָפּגעשריבן אונזער באַשיידענע באַלעבאַ־טישקייט פאַר פאַרשולדיקט דירה־געלט. מיר האָבן געהאַט צוויי קליי־נע קינדער און נישט געקאָנט האַלטן קיין ניאַניע. אונזער לעבן איז ווי אַ טאָפּעלע משא געפאַלן אויף מיין פרוי. אָבער זי האָט נאָך געפונען צייט און כוחות מיר צוצוהעלפן אין מיין רעוואָלוציאָנע־רער אַרבעט.

אכצעטער קאַפּיטעל

דער אָנהייב פון קריג

אויף די ווינער פּלויטן האָבן זיך באַוויזן אויפשריפטן: Alle Serben muessen sterben. דאָס איז געוואָרן דער רוף פון אַלע גאַסן-יונגען. אונזער יינגערער זון סעריאָזשאַ, באַוואויגן, ווי תּמיד, פון אַ סתּירה-דיק געפיל, האָט אויסגערופן אויף דער סיווערינגער לאָנקע: „Hoch Serbien!" ער איז געקומען אַהיים מיט בלויע צייכנס און מיט אַ לעקציע פון אינטערנאַציאָנאַלער פּאָליטיק.

ביוקענען, דער געוועזענער ענגלישער געזאַנדטער אין פּעטערבורג, דערציילט מיט התפּעלות אין זיינע מעמואַרן פון די „ערשטע פּרעכטיקע אויגוסט-טעג", ווען „רוסלאַנד האָט אויסגעזען גאָר אַ פאַרענדערט לאַנד". אזא מין התפּעלות קאָן מען אויך געפינען אין די מעמואַרן פון אַנדערע מלוכה-לייט, הגם יענע האָבן נישט אַזוי פולשטענדיק פאַרקערפּערט מיט זיך די זעלבסטצופרידענע באַגרענעצטקייט פון די הערשנדיקע קלאַסן, ווי ביוקענען. אין אַלע אייראָפּעישע צענטערס זענען די ערשטע אויגוסט-טעג געווען „פּרעכטיקע", אַלע לענדער זענען, ווי „איבערגעאַנדערשטע" צוגעטרעטן צו דער אַרבעט פון זייער קעגנזייטיקער פאַרניכטונג.

באַזונדערס אומגעריכט האָט אויסגעזען די פּאַטריאָטישע עליה פון די מאַסן אין עסטרייך-אונגאַרן. וואָס האָט, אַ שטייגער, געטריבן פּאָספּעשילן, דעם ווינער שוסטער-געזעלן, דעמדאָזיקן האַלב-דייטש, האַלב-טשעך, אָדער אונזער גרינס-הענדלערין, פרוי מאַרעש, אָדער

דעם פֿורמאַן פֿראַנקל, אַז זיי זאָלן אַלע לויפֿן אויפֿן פּלאַץ פֿאַרן קריגס-מיניסטעריום? די נאַציאָנאַלע אידעע? וועלכע? עסטרייך-אונגאַרן איז געווען די פֿאַרניינונג פֿון דער נאַציאָנאַלער אידעע. ניין, די באַוועגנדיקע קראַפֿט איז געווען אַן אַנדערע.

אַזעלכע מענטשן, וואָס זייער גאַנץ לעבן גייט אַדורך, טאָג-איין, טאָג-אויס, אין מאָנאָטאָנעם יאוש, זענען פֿאַראַן אויף דער וועלט זייער אַ סך. אויף זיי האַלט זיך די היינטיקע געזעלשאַפֿט. דער אַליאַרעם-גלאָק פֿון דער מאָביליזאַציע האָט זיך אַריינגעריסן אין זייער לעבן, ווי עפּעס אַ הבטחה. אַלץ, וואָס איז אַלטעגלעך און וואָס איז מיאוס און מאוס געוואָרן, ווערט אַוועקגעשליידערט און עס טרעט אַריין אין לעבן עפּעס אַזוינס, וואָס איז ניי און אומגעוויינלעך. און מען האָפֿט, אַז עס וועלן נאָך פֿאָרקומען גרעסערע ענדערונגען. צו בעסער אָדער צו ערגער? ס'פֿאַרשטייט זיך, צו בעסער: שוין זשע קאָן פּאָספּעשילן נאָך ווערן ערגער, ווי אין די „נאָרמאַלע" צייטן?

איך האָב אַרומגעבלאָנקעט איבער די צענטראַל-גאַסן פֿון ווין, וואָס איז מיר אַזוי גוט באַקאַנט געווען און באַטראַכט דעמדאָזיקן המון, וועלכער איז געווען אַזוי אומגעוויינלעך פֿאַרן רייך אויסגעפּוצטן „רינג" און ביי וועלכן עס האָבן אויפֿגעבליט נייע האָפֿענונגען. און שוין זשע וועט זיך אַ קליינער טייל פֿון דידאָזיקע האָפֿענונגען היינט נישט פֿאַרווירקלעכן? שוין זשע וואָלטן זיך אין אַן אַנדער צייט די טרעגער, וועשינס, שוסטער, געזעלן און די יינגלעך פֿון די פֿאַרשטעט געקאָנט שפּירן ווי באַלעבאַטים פֿון דער לאַגע אויף דער רינג-גאַס? דער קריג פֿאַרכאַפּט אַלעמען און דעריבער שפּירן זיך איצט די אונטערגעדריקטע און פֿון לעבן געגאַרטע פֿאַר דיזעלבע מיוחסים, ווי די רייכע און מעכטיקע. זאָל דאָס נישט קלינגען ווי אַ פּאַראַדאָקס, אָבער אין די שטימונגען פֿון ווינער המון, וואָס האָט דעמאָנסטרירט לכבוד דעם האַבסבורגער געוווער, האָב איך אויפֿגעכאַפּט שטריכן, וואָס זענען מיר געווען באַקאַנט פֿון די אָקטאָבער-טעג אין פּעטערבורג אין יאָר 1905. נישט אומזיסט איז די מלחמה אין דער געשיכטע גאַנץ אָפֿט די מוטער פֿון דער רעוואָלוציע.

און דאָך ווי פֿאַרשיידן, ריכטיקער געזאָגט, ווי קעגנזעצלעך איז די באַציונג פֿון די הערשנדיקע קלאַסן אין ערשטן און אין צווייטן פֿאַל. ביוקעגען האָבן דידאָזיקע טעג אויסגעזען פּרעכטיק,

און רוסלאַנד — אַן אויפגעוואַכט לאַנד. גראַף וויטע, להיפוך, האָט וועגן די סאַמע פּאַטעטישע טעג פון דער רעוואָלוציע אין יאָר 1905 געשריבן: „די אומגעהייערע מערהייט אין רוסלאַנד איז אַזוי ווי משוגע געוואָרן".

די מלחמה, אַזוי ווי די רעוואָלוציע, דרייט איבער דאָס גאַנצע לעבן מיטן קאָפּ אַראָפּ. אָבער די רעוואָלוציע שיקט אירע קלעפּ אין דער הערשנדיקער מאַכט. דער קריג, להיפוך, פּאַרפעסטיקט די ערשטע צייט די מלוכה-מאַכט, וועלכע טרעט אַרויס אין כאַאָס, וואָס איז געקומען מיטן קריג, אַלס דער איינציקער פעסטער שטיצפּונקט... ביז דערזעלבער קריג גראָבט זי אַליין אונטער. די האָפענונגען אויף שטורמישע סאָציאַלע און נאַציאָנאַלע באַוועגונגען, אין פּראָג אָדער טריעסט, ווי אין וואַרשע אָדער טיפליס, האָבן ביי דער התחלה פון קריג לגמרי קיין שום גרונט נישט געהאַט. אין סעפּטעמבער 1914 האָב איך געשריבן קיין רוסלאַנד: „די מאָביליזאַציע און די קריגס-דערקלערונג האָבן ווי אָפּגעווישט פון דער ערד אַלע נאַציאָנאַלע און סאָציאַלע סתירות אין לאַנד. אָבער דאָס איז נישט מער ווי אַ היסטאָרישע פּראָלאָנגאַציע, אַזוי צו זאָגן, אַ פּאָליטישער מאָראַטאָריום. די וועקסלען זענען איבערגעשריבן געוואָרן אויף אַן אַנדער טערמין, אָבער צאָלן וועט מען זיי מוזן". מיט דידאָזיקע שורות, וואָס זענען דורכגעגאַנגען די צענזור, בין איך, פאַרשטייט זיך, אויסן געווען נישט בלויז עסטרייך-אונגאַרן, נאָר אויך רוסלאַנד, און טאַקע קודם-כל רוסלאַנד.

די געשעענישן האָבן זיך געשאָטן איינע נאָך די אַנדערע. עס איז געקומען אַ טעלעגראַפישע ידיעה וועגן אַטענטאַט אויף זשאָרעסן. אין די צייטונגען איז געווען אַזויפיל ביזוויליקער שקר, אַז ס'איז נאָך וויניקסטנס געבליבן אויף עטלעכע שעה די מעגלעכקייט צו צווייפלען און האָפן. באַלד איז אָבער אויך דידאָזיקע מעגלעכקייט פאַרשוואונדן. זשאָרעס איז געפאַלן פון די הענט פון זיינע שונאים און פאַרראַטן פון דער אייגענער פּאַרטיי.

וואָס פאַר אַ באַציונג צום קריג האָב איך געפונען אין די אָנפירנדיקע קרייזן פון דער עסטרייכישער סאָציאַל-דעמאָקראַטיע? מאַנכע האָבן זיך אָפן געפרייט מיט דער מלחמה, געלאָזט פאַלן רכילות-ווערטער אויף די סערבן און די רוסן, און כמעט נישט גע-

מאַכט קיין חילוק צווישן דער רעגירונג און דעם פאָלק! דאָס זע־
ען געווען אָרגאַנישע נאַציאָנאַליסטן, עטוואָס באַדעקט מיטן לאַק
פון סאָציאַליסטישער קולטור, וואָס איז איצט פון זיי כסדר אַראָפּ־
געקראָכן נישט פון טאָג, נאָר פון שעה. איך געדענק, ווי האַנס
דייטש, שפּעטער עפּעס אַזוי גוט ווי אַ קריגס־מיניסטער, האָט אָפנ־
האַרציק גערעדט וועגן דער אומפאַרמיידלעכקייט און היילזאַמקייט
פון דעמדאָזיקן קריג, וואָס וועט סוף־כל־סוף באַפרייען עסטרייך פון
סערבישן „קאָשמאַר”. אַנדערע — און בראָש פון זיי איז גע־
שטאַנען וויקטאָר אַדלער — האָבן זיך באַצויגן צום קריג, ווי צו
אַן אויסערלעכער קאַטאַסטראָפע, וואָס מען מוז זי אָפּקומען. דידאָ־
זיקע אויסוואַרטנדיקע פּאַסיווקייט האָט אָבער בלויז געדינט אַלס
שירם פאַרן אַקטיוון נאַציאָנאַליסטישן פליגל. עמעץ האָט טיפזיניק
דערמאָנט אין דעם דייטשן נצחון פון יאָר 1871, וואָס האָט אַ רוק
געטאָן פאָרויס די דייטשע אינדוסטריע און מיט איר צוזאַמען אויך
די סאָציאַל־דעמאָקראַטיע.

דעם 2־טן אויגוסט האָט דייטשלאַנד דערקלערט קריג רוסלאַנד.
נאָך פריער האָבן שוין די רוסן אָנגעהייבן אַרויסצופאָרן פון ווין.
דעם 3־טן אויגוסט בין איך אַוועק אויף „Wienzeile” כדי זיך
מיישב צו זיין מיט די סאָציאַליסטישע דעפּוטאַטן, וואָס מיר, די
רוסישע עמיגראַנטן, האָבן איצט צו טאָן. פרידריך אַדלער האָט זיך
נאָך מעכאַניש אין זיין קאַבינעט אַרומגעפּאָרעט מיט ביכלעך, פּאַ־
פּירלעך, מאַרקעס פאַרן אינטערנאַציאָנאַלן סאָציאַליסטישן קאָנגרעס,
וואָס האָט קירצלעך געדאַרפט פאָרקומען אין ווין. אָבער דער קאָנ־
גרעס איז שוין אָפּגעוואָרפן געוואָרן אין עבר. אויף דער אַרענע
זענען אַרויסגעטרעטן אַנדערע כוחות... דער אַלטער אַדלער האָט
מיר פאָרגעלייגט, איך זאָל באַלד גיין צוזאַמען מיט אים צו דעם
אורקוואַל, דאָס הייסט צו גייערן, דעם שעף פון דער פּאָליטישער
פּאָליציי. אין אויטאָמאָביל, אויפן וועג צו דער פּרעפעק־
טור, האָב איך אַדלערן אויפמערקזאַם געמאַכט אויף דעם, אַז די
מלחמה האָט אין דרויסן אַרויסגערופן עפּעס אַ מין יום־טובדיקע
שטימונג. „דאָס פרייען זיך די־יעניקע, וואָס דאַרפן נישט גיין אין
מלחמה”, האָט ער באַלד געענטפערט. „חוצדעם, שטראָמען איצט
אַרויס אויף דער גאַס אַלע אומגעזעצטע מענטשן, אַלע משוגעים:
איצט איז זייער צייט. דער אַטענטאַט אויף זשאָרעסן איז נאָר אַן

אָנהייב. די מלחמה עפנט אַ ברייט פעלד פאַר אַלע אינסטינקטן, פאַר אַלע מינים משוגעתן..."

אַ פּסיכיאַטאָר לויט זיין אַלט מעדיצינישן פאַך, איז אַדלער טיילמאָל צוגעגאַנגען צו די פּאָליטישע געשעענישן, — „באַזונדערס צו די עסטרייכישע", ווי ער פלעגט זיך איראָניש אויסדריקן —, פון פּסיכאָפּאַטאָלאָגישן שטאַנדפּונקט. ווי ווייט איז ער אין יענעם מאָמענט געווען פון געדאַנק, אַז זיין אייגענער זון וועט באַגיין אַ פּאָליטישן מאָרד. אין זשורנאַל „Kampf" וואָס איז רעדאַקטירט געוואָרן דורך אַדלערס זון, האָב איך, פונקט ערב דער מלחמה, אָפּגעדרוקט אַן אַרטיקל וועגן דער באַנאַלקייט פון אינדיווידועלן טעראָר. אַ מאָדנע זאַך, דער רעדאַקטאָר האָט דעמאָלט אַרטיקל זייער געלויבט. דער טעראָריסטישער אַקט פון פרידריך אַדלער איז געווען אַן אויסברוך פון פאַרצווייפלטן אָפּאָרטוניזם, און נישט מער. נאָכדעם, ווי ער האָט געגעבן אַן אויסוועג זיין פאַרצווייפלונג, האָט אַדלער צוריק פאַרנומען זיין אַלטע ליניע.

גייער האָט אַרויסגעזאָגט די פּאַרזיכטיקע השערה, אַז מאָרגן אינדערפרי קאָן נאָך, אַ שטייגער, אַרויסגעגעבן ווערן אַ באַפעל צו אַרעסטירן אַלע רוסן און סערבן.

— רעקאָמענדירט איר, הייסט עס, אַוועקצופאָרן?

— און וואָס פריער, אַלץ בעסער.

— גוט, מאָרגן פאָר איך אַרויס מיט מיין פאַמיליע קיין שווייץ.

— המ... איך וואָלט געוואָלט, אַז איר זאָלט עס נאָך מאַכן היינט.

דערדאָזיקער שמועס איז פאָרגעקומען 3 אַ זייגער בייטאָג, און 10 מינוט אויף זיבן בין איך שוין געזעסן מיט מיין פאַמיליע אין וואַגאָן פון צוג, וואָס איז געגאַנגען קיין ציריך. הינטער מיר זענען פאַרבליבן זיבן-יעריקע באַקאַנטשאַפטן, ביכער, אַן אַרכיוו און אָנגעהייבענע אַרבעטן, צווישן זיי אויך אַ פּאָלעמיק מיטן פּראָפעסאָר מאַסאַריק וועגן גורל פון דער רוסישער קולטור.

די טעלעגראַמע וועגן דער קאַפּיטולאַציע פון דער דייטשער סאָציאַל-דעמאָקראַטיע האָט מיך דערשיטערט אַ סך מער, ווי די קריגס-דערקלערונג, נישט געקוקט דערויף, וואָס איך בין געווען זייער ווייט פון אַ נאַיווער אידעאַליזירונג פון דייטשן סאָציאַליזם. „די אייראָפּעי-

שע סאָציאַליסטישע פּאַרטייען", האָב איך נאָך געשריבן אין יאָר 1905 און שפּעטער נישט איין מאָל איבערגעחזרט, „האָבן אויסגעאַרבעט אַן אייגענעם קאָנסערוואַטיזם, וועלכער ווערט כּסדר שטאַרקער, וואָס גרעסערע מאַסן עס פאַרכאַפּט דער סאָציאַליזם... מחמת דעם קאָן די סאָציאַל-דעמאָקראַטיע אין אַ געוויסן מאָמענט ווערן די אוממיטלבאַרע שטערונג אויפן וועג פון אַן אָפּענעם צוזאַמענשטויס צווישן די אַרבעטער מיט דער בירגערלעכער רעאַקציע. מיט אַנדערע ווערטער, דער פּראָפּאַגאַנדיסטיש-סאָציאַליסטישער קאָנסערוואַטיזם פון דער פּראָלעטאַרישער פּאַרטיי קאָן אין אַ געוויסן מאָמענט אָפּהאַלטן דעם דירעקטן קאַמף פון פּראָלעטאַריאַט פאַר דער מאַכט". איך האָב נישט געהאָפט דערויף, אַז אין פאַל פון אַ מלחמה זאָלן די אָפיציעלע פירער פון אינטערנאַציאָנאַל זיין פעאיק אויף אַן ערנסטער רעוואָלוציאָנערער אונטערנעמונג. גלייכצייטיק אָבער האָב איך אויך נישט געקאָנט צולאָזן דעם געדאַנק, אַז די סאָציאַל-דעמאָקראַטיע זאָל פּשוט קריכן אויפן בויך פאַרן נאַציאָנאַלן מיליטאַריזם.

ווען עס איז אָנגעקומען אין דער שווייץ דער נומער „Vorvaerts" מיטן באַריכט וועגן דער זיצונג פון רייכסטאַג דעם 4-טן אויגוסט, איז לענין געווען פעסט איבערצייגט, אַז עס איז אַ געפעלשטער נומער, וואָס איז אומישנע אַרויסגעלאָזט געוואָרן דורכן דייטשן גענעראַל-שטאַב, כּדי אָפּצונאַרן און אָנצושרעקן די שונאים. אַזוי גרויס איז נאָך געווען, נישט געקוקט אויף לענינס גאַנצן קריטיציזם, דער גלויבן אין דער דייטשער סאָציאַל-דעמאָקראַטיע. דערווייל אָבער האָט אויך די ווינער „Arbeiter-Zeitung" פּראָקלאַמירט דעם טאָג פון דער קאַפּיטולאַציע פונם דייטשן סאָציאַליזם, אַלס „אַ גרויסן טאָג פון דער דייטשער נאַציע". דאָס איז געווען די קולמינאַציע פון אויסטערליץ! זיין „אויסטערליץ!"... איך האָב נישט געהאַלטן, אַז דער „Vorwaerts" איז אַ געפעלשטער: די ערשטע אוממיטלבאַרע איינדרוקן אין ווין האָבן שוין באַוויזן מיך צוצוגרייטן צו די ערגסטע מעשים מצד זיי, און דאָך איז די אָפּשטימונג פון 4-טן אויגוסט געבליבן איינער פון די טראַגישסטע פאַקטן אין מיין לעבן. וואָס וואָלט געזאָגט ענגעלס? — האָב איך מיך געפרעגט. דער ענטפער איז געווען פאַר מיר קלאָר. און ווי וואָלט געהאַנדלט בעבעל? דאָ האָב איך קיין פולשטענדיקע קלאָרקייט נישט געפונען. אָבער בעבעל איז דאָך שוין נישט געווען. געווען איז נאָר האַזע, אַן ערלעכער קליינ-

שטעטלדיקער דעמאָקראַט, אָן אַ טעאָרעטישן האָריזאָנט און אָן אַ רעוואָלוציאָנערן טעמפּעראַמענט. אין יעדער קריטישער לאַגע איז ער געווען גענויגט זיך אָפּצוהאַלטן פון ענדגילטיקע באַשלוסן, זיך באַנוצנדיק מיט האַלבע מיטלען און אָפּוואַרטן. און ווייטער זענען געגאַנגען די שיידעמאַנס, די עבערטס, די וועלס...

די שווייץ האָט אָפּגעשפּיגלט דייטשלאַנד און פראַנקרייך, אָבער אין אַ נייטראַלן, דאָס הייסט, מילדערן און זייער קליינעם מאַסשטאַב. פאַר גאָט און פאַר לייט זענען אין שווייצאַרישן פּאַרלאַמענט געזעסן צוויי סאָציאַליסטישע דעפּוטאַטן מיט גלייכע נעמען און פאַמיליע-נעמען: יאָאַן סיג פון ציריך און זשאַן סיג פון גענף. יאָאַן איז געווען אַ פאַרביסענער גערמאַנאָפיל, און זשאַן — אַ נאָכמער פאַרביסענער פראַנקאָפיל. אַזוי האָט אויסגעזען דער שווייצאַרישער שפּיגל פון אינטערנאַציאָנאַל.

לפי-ערך אין צווייטן חודש פון דער מלחמה האָב איך מיך אין ציריך אויף דער גאַס אָנגעטראָפן מיטן אַלטן מאָלקענבור, וואָס איז געקומען אַהער צו באַאַרבעטן די געזעלשאַפטלעכע מיינונג. אויף מיין פראַגע, ווי אַזוי שטעלט זיך פאָר זיין פּאַרטיי דעם גאַנג פון וועלטקריג, האָט מיר דער אַלטער פאָרשטאַנדס-מיטגליד געענטפערט: „אין משך פון די נאָענטסטע צוויי חדשים וועלן מיר פאַרטיק ווערן מיט פראַנקרייך, נאָכדעם וועלן מיר זיך אַ וואָרף טאָן קיין מזרח, פאַרטיק ווערן מיט די אַרמעען פון צאַר און אין דריי, מאַקסימום פיר חדשים אַרום וועלן מיר געבן אייראָפּע אַ דויערהאַפטן שלום“. דערדאָזיקער ענטפער איז פאַרנאָטירט געוואָרן אין מיין טאָגבוך וואָרט אין וואָרט. מאָלקענבור האָט, נאַטירלעך, נישט אויסגעדריקט זיין פערזענלעכע מיינונג. ער האָט פּראָסט-פּשוט איבערגעגעבן די אָפיציעלע מיינונג פון דער סאָציאַל-דעמאָקראַטיע. אין דערזעלבער צייט האָט דער פראַנצויזישער געזאַנדטער אין פּעטערבורג זיך געוועט מיט ביוקענען אין 5 פונט שטערלינג, אַז דער קריג וועט זיך ענדיקן ביז ווייַנאַכט. ניין, מיר, „אוטאָפּיסטן“, האָבן דאָך אַ ביסל בעסער פאָרגעזען ווי דידאָזיקע רעאַל-פּאָליטישע הערן — פון דער סאָציאַל-דעמאָקראַטיע און פון דער דיפּלאָמאַטיע.

די שווייץ, וואו איך בין געווען געצוואונגען איבערצוואַרטן דעם קריג, האָט מיר דערמאָנט אין מיין פינישן פּענסיאָנאַט Rauha, וואו עס האָט מיך אין האַרבסט 1905 דערגרייכט די ידיעה וועגן

דעם רעוואָלוציאָנערן צופלוס. עס פאַרשטייט זיך, אַז אויך אין דער שווייץ איז די אַרמעע מאָביליזירט געוואָרן, און אין באַזעל האָט מען אפילו געהערט די קאַנאָנאַדע. דאָך אָבער האָט דער העלוועטישער פענסיאָנאַט, וואָס איז דער עיקר געווען שטאַרק פאַרזאָרגט וועגן דער שפּע פון קעז און דחקות אין קאַרטאָפל, דערמאָנט אין אַ רואיקער אָאַזע, וואָס איז אַרומגערינגלט מיט אַ פייער-רינג פון מלחמה. אפשר איז שוין נישט אַזוי ווייט די שעה, האָב איך מיך געפרעגט, ווען עס וועט מעגלעך זיין צו פאַרלאָזן דעם שווייצאַרישן פענסיאָנאַט Rauha, און ווידער זיך צונויפקומען מיט די פעטערבורגער אַרבעטער אין זאַל פון טעכנאָלאָגישן אינסטיטוט? אָבער דידאָזיקע שעה איז ערשט אָנגעקומען אין דריי אין דרייסיק חדשים אַרום.

דאָס באַדערפעניש אָפּצוגעבן זיך אַליין אַ דין וחשבון וועגן דעם, וואָס עס קומט פאָר, האָט מיך געצוואונגען זיך צו נעמען פאַרן טאָגבוך. שוין דעם 9-טן אויגוסט האָב איך פאַרצייכנט אין אים: „עס איז גאַנץ קלאָר: דאָ האַנדלט זיך נישט — נישט וועגן פע-לערן, נישט וועגן איינצלנע אָפּאָרטוניסטישע שריט, נישט וועגן אומ-געשיקטע דערקלערונגען פון דער פאַרלאַמענט-טריבונע, נישט וועגן דער אָפּשטימונג פון די באַדענער גרויסהערצאָגלעכע סאָציאַל-דע-מאָקראַטן פאַרן ביודזשעט, נישט וועגן די עקספּערימענטן פון פראַנ-צויזישן מיניסטעריאַליזם, נישט וועגן דעם רענעגאַטנטום פון עט-לעכע פירער, — עס האַנדלט זיך וועגן **צוזאַמענברוך פון דעם אינטערנאַציאָנאַל** אין דער פאַראַנטוואָרטלעכסטער עפּאָכע, וואָס לגבי איר איז די גאַנצע פריערדיקע אַרבעט געווען בלויז אַ צוגרייטונגס-אַרבעט".

דעם 11-טן אויגוסט האָב איך פאַרצייכנט אין טאָגבוך: „נאָר די דערוואַכונג פון אַ רעוואָלוציאָנערער סאָציאַליסטישער באַוועגונג, וואָס וועט גלייך מוזן אָננעמען זייער שטורמישע פאָרמען, קאָן לייגן דעם פונדאַמענט פאַר אַ נייעם אינטערנאַציאָנאַל. די קומענדיקע יאָרן וועלן זיין אַן עפּאָכע פון סאָציאַלער רעוואָלוציע".

איך בין אַקטיוו אַריינגעטרעטן אין לעבן פון דער שווייצאַרי-שער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי. ביי די אונטערשטע אַרבעטער-שיכטן האָט דער אינטערנאַציאָנאַליזם אַרויסגערופן אמתע סימפּאַטיע. פון יעדער פּאַרטיי-פאַרזאַמלונג האָב איך אַרויסגעטראָגן אַ טאָפּעלע איבערצייגונג אין דער ריכטיקייט פון מיין פּאָזיציע. דעם ערשטן

שטיצפּונקט האָב איך געפונען אין דעם אינטערנאַציאָנאַלן — לויטן צוזאַמענשטעל — אַרבעטער־פאַריין „Eintracht" אין הסכּם מיט דער פאַרוואַלטונג האָב איך אָנהייב סעפּטעמבער אויסגעאַרבעט אַ פּראָיעקט פון אַ מאַניפעסט קעגן דעם קריג און דעם סאָציאַל־פּאַטריאָטיזם. די פאַרוואַלטונג האָט איינגעלאַדן די פּאַרטיי־לידערס אויף אַ פאַרזאַמלונג, וואו איך האָב געלייענט אַ רעפעראַט אין דייטש צו דער פאַרטיידיקונג פון דעם מאַניפעסט. די לידערס זענען אָבער נישט געקומען. זיי האָבן געהאַלטן פאַר צו ריזיקאַליש אָנצונעמען אַ שטעלונג צו אַזאַ פאַרשאַרפטער פראַגע, האָבן זיי באַשלאָסן אָפּצוּוואַרטן און זיך צו באַנוגענען לעת־עתּה מיט דער צימער־קריטיק וועגן די „עקסטרעמען" פון דעם דייטשן און פראַנצויזישן שאָוויניזם. די פאַרזאַמלונג, צונויפגערופן דורך דער „Eintracht" האָט כּמעט איינשטימיק אָנגענומען דעם מאַניפעסט, וואָס האָט, נישט געקוקט אויף זיינע נישט־דערזאָגטע ווערטער, געגעבן אַן ערנסטן שטויס די עפנטלעכע מיינונג פון דער פּאַרטיי. דאָס איז אַוודאַי זייט דעם אָנהייב פון קריג געווען דער ערשטער אינטערנאַציאָנאַליסטישער דאָקומענט אין נאָמען פון אַן אַרבעטער־אָרגאַניזאַציע.

אין יענע טעג האָב איך מיך צום ערשטן מאָל צונויפגעטראָפן נעענטער מיט ראַדעקן, וואָס איז אין אָנהייב פון קריג געקומען פון דייטשלאַנד אין דער שווייץ. ער איז אין דער דייטשער פּאַרטיי געשטאַנען אויף דעם עקסטרעם לינקן פליגל, און איך האָב געהאָפט צו געפינען אין אים אַ גלייכדענקענדיקן פּאַרטיי־חבר. ראַדעק האָט זיך אויפן שאַרפסטן אופן אָפּגערופן וועגן דער פירנדיקער שיכט פון דער דייטשער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע. דערין זענען מיר געווען אייניק. אָבער אין אַ שמועס מיט אים האָב איך מיך מיט גרויס חידוש איבערצייגט, אַז ער טראַכט גאָר אַפילו נישט וועגן דער מעגלעכקייט פון אַ פּראָלעטאַרישער רעוואָלוציע אין צוזאַמענהאַנג מיטן קריג און בפרט אין דער נאָענטסטער עפּאָכע. „ניין", האָט ער געענטפערט, „דערצו זענען נאָך די פּראָדוקטיווע כּוחות פון דער מענטשהייט, אין כּלל גענומען, נישט גענוג אַנטוויקלט". איך בין צופיל געווינט געווען צו הערן, אַז די פּראָדוקטיווע כּוחות פון רוסלאַנד זענען נישט גענוג אַנטוויקלט פאַר דער דעראָבערונג פון דער מאַכט דורכן אַרבעטער־קלאַס. איך האָב זיך אָבער נישט פאָרגעשטעלט, אַז אַזאַ ענטפער קאָן געבן אַ רעוואָלוציאָנערער פּאָליטיקער פון אַ פּראָגרע-

סיוון קאַפּיטאַליסטישן לאַנד. ראַדעק האָט קורץ נאָך מיין אָפּפאָר פון ציריך געהאַלטן טאַקע אין דעמזעלבן פאַריין "Eintracht„ א לאַנגן רעפעראַט, אין וועלכן ער האָט אויספירלעך דערוויזן, אַז די קאַפּיטאַליסטישע וועלט איז נאָך נישט צוגעגרייט צו קיין סאָציאַליס־טישער רעוואָלוציע.

וועגן ראַדעקס רעפעראַט און בכלל וועגן דעם ציריכער סאָצ־יאַליסטישן קרייצוועג ביים אָנהייב פון קריג דערציילט דער שוויי־צאַרישער שריפטשטעלער ברופּבאַכער אין זיינע נישט אומאינטערע־סאַנטע זכרונות. עס איז כדאי צו באַמערקן, אַז ברופּבאַכער רופט אָן מיינע דעמאָלטיקע מיינונגען... פּאַציפיסטישע. וואָס ער מיינט דערמיט, איז אומפאַרשטענדלעך. זיין אייגענע אַנטוויקלונג זינט יע־נער צייט כאַראַקטעריזירט ער אין אַ טיטל פון איינעם פון זיינע ביכער אויף אַזאַ מין אופן: „פון אַ קליינבירגער צום באָלשעוויק". איך האָב באַקומען אַ גענוג קלאָרע פאָרשטעלונג וועגן ברופּבאַכערס דעמאָלטיקע מיינונגען, אַז איך זאָל פולשטענדיק מסכים זיין מיט דער ערשטער העלפט פון זיין טיטל. וואָס איז שייך דער צווייטער העלפט, נעם איך נישט אויף זיך קיין שום פאַראַנטוואָרטלעכקייט.

אַז די דייטשע און פראַנצויזישע סאָציאַליסטישע צייטונגען האָבן געגעבן אַ קלאָר בילד וועגן דער פּאָליטישער און מאָראַלישער קאַטאַסטראָפע פון אָפיציעלן סאָציאַליזם, האָב איך אַוועקגעלייגט אָן אַ זייט מיין טאָגבוך צוליב אַ פּאָליטישער בראָשור אויף דער טע־מע וועגן קריג און אינטערנאַציאָנאַל. אונטערן איינדרוק פון מיין שמועס מיט ראַדעקן האָב איך אָנגעשריבן צו דער בראָשור אַ הקדמה, אין וועלכער איך האָב נאָך מיט מער ענערגיע באַטאָנט, אַז דער איצ־טיקער קריג איז נישט אַנדערש, ווי אַן אויפשטאַנד פון די פּראָ־דוקטיווע קרעפטן פון קאַפּיטאַליזם, געצוומען אין וועלט-מאַסשטאַב, קעגן פּריוואַט-אייגנטום, פון איין זייט, און מלוכה-גרענעצן — פון דער צווייטער... דאָס בוך „קריג און אינטערנאַציאָנאַל", ווי אויך אַלע אַנדערע ביכער, האָט געהאַט זיין באַזונדער מזל פריער אין דער שווייץ, דערנאָך אין דייטשלאַנד און פראַנקרייך, שפּעטער אין אַמעריקע און, צולעצט, אין דער סאָוויעטן-רעפּובליק. וועגן דעם אַלעם מוז מען דאָ זאָגן עטלעכע ווערטער.

פון רוסישן כתב-יד האָט מיין אַרבעט איבערגעזעצט אַ רוס, וואָס האָט ווייט נישט באַהערשט די דייטשע שפּראַך. דער ציריכער

פּראָפעסאָר ראַגאַץ האָט זיך אונטערגענומען דורכצוקוקן און אויסצו-
בעסערן די איבערזעצונג. דאָס האָט מיר געגעבן די געלעגנהייט
זיך נעענטער צו באַקענען מיט דערדאָזיקער אייגנאַרטיקער פּערזענ-
לעכקייט. אַ גלויביקער קריסט, נאָך מער, אַ טעאָלאָג לויט זיין
בילדונג און פאַך, איז ראַגאַץ אין דערזעלבער צייט געשטאַנען
אויפן עקסט לינקן פליגל פון דעם שווייצאַרישן סאָציאַליזם, האָט
אַנערקענט די ראַדיקאַלסטע קאַמפּס-מעטאָדן קעגן קריג און זיך אַרויס-
געזאָגט פאַר אַ פּראָלעטאַרישער רעוואָלוציע. ווי ער, אַזוי אויך זיין
פרוי, האָבן געוואונען מיין סימפּאַטיע מיט דער טיפער עטישער
ערנסטקייט פון זייער באַציונג צו פּאָליטישע פּראָבלעמען, וואָס האָט
זיי אַזוי גינסטיק אונטערגעשיידט פון די עסטרייכישע, דייטשע,
שווייצאַרישע און אַנדערע אומאידעישע ביוראָקראַטן פון דער סאָ-
ציאַל-דעמאָקראַטיע. אויף וויפל איך ווייס, איז ראַגאַץ שפּעטער גע-
ווען געצוואונגען מקריב צו זיין מיט דער קאַטעדרע אין אוניווער-
זיטעט לטובת זיינע איבערצייגונגען. פאַר יענער סביבה, צו וועל-
כער ער האָט געהערט, איז עס געווען נישט ווייניק. אָבער בעת
יענע שמועסן, וואָס איך האָב מיט אים געפירט, האָב איך דאָך ביי
מיין גאַנצער אַכטונג צו דעמדאָזיקן אומגעוויינלעכן מענטשן, כמעט
פיזיש געפילט צווישן אונז עפּעס אַ דינעם, אָבער לגמרי אומדורכ-
דרינגלעכן שלייער. ער איז געווען אַ מיסטיקער דורך און דורך,
און כאָטש ער האָט זיין גלויבן קיינעם נישט אָנגעוואָרפן און אַפילו
וועגן אים נישט דערמאָנט, האָט ער אָבער אין זיינע שמועסן אַפילו
דעם באַוואָפנטן אויפשטאַנד איינגעהילט מיט אַ הויך פון יענער
וועלט, וואָס האָט אין מיר דערוועקט עפּעס אַן אומאַנגענעמע פיבער-
קעלט. זינט איך האָב אָנגעהייבן צו אַרבעטן מיטן מוח, בין איך
לכתחילה געווען אַן אינטואיטיווער און נאָכדעם אַ באַוואוסטזיניקער
מאַטעריאַליסט; איך האָב נישט נאָר נישט געפילט קיין שום באַדערפע-
ניש אין אַנדערע וועלטן, נאָר איך האָב קיינמאָל נישט געקאָנט געפינען
קיין פסיכאָלאָגישן באַרירונגס-פּונקט מיט מענטשן, וואָס קאָנען גלייכ-
צייטיק אָנערקענען דאַרווינען און די הייליקע דריי-אייניקייט.

אַ דאַנק ראַגאַצן איז מיין בוך דערשינען אין אַ גוטער
דייטשער איבערזעצונג. פון דער שווייץ האָט עס שוין אין דעצעמ-
בער 1914 געפונען דעם וועג קיין עסטרייך און דייטשלאַנד. וועגן
דעם האָבן קודם-כל געזאָרגט די שווייצאַרישע לינקע: פּ. פלאַטען

און אנדערע. באַשטימט פאַר די דייטשע לענדער, איז די בראָשור אין דער ערשטער ליניע געווען געווענדעט קעגן דער דייטשער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע, דער אָנפירנדיקער פאַרטיי פון צווייטן אינ־טערנאַציאָנאַל. איך געדענק, ווי דער זשורנאַליסט Heibmon, וואָס האָט געשפּילט די ערשטע פידל אינם שאָוויניסטישן אָרקעסטער, האָט אָנגערופן מיין ביכל אַ משוגעת, אָבער אַ קאָנסעקווענטע משוגעת. קיין גרעסערן שבח האָב איך מיר גאָרנישט געוואונטשן! נאַטירלעך, האָבן אויך נישט געפעלט קיין אָנצוהערענישן, אַז די בראָשור איז כלומרשט אַ קונציק געווער פון דער אַנטאַנטישער פּראָפּאַגאַנדע.

שפּעטער, אין פראַנקרייך, האָב איך אַמאָל צופעליק געפונען אין די פראַנצויזישע צייטונגען אַ טעלעגראַמע פון דער שווייץ וועגן דעם, אַז אַ דייטשער געריכט האָט מיך אונטער די אויגן פאַרמשפּט צו תּפיסה פאַר מיין ציריכער בראָשור. דערפון האָב איך פאַרשטאַ־נען, אַז די בראָשור האָט דערגרייכט איר ציל. די האָהענצאָלערישע שופטים האָבן מיר מיטן דאָזיקן פּסק, וועלכן איך האָב זיך לגמרי נישט געאײַלט מקיים צו זיין, געטאָן אַ שטאַרקע טובה. פאַר די רכילות־טרייבער און שפּיאָנען פון דער אַנטאַנט איז דער דייטשער געריכטס־אורטייל שוין אויף שטענדיק פאַרבליבן, ווי אַן אָנשטויס־שטיין אין זייערע איידעלע באַמיונגען צו דערווייזן, אַז איך בין אין פלוג אַן אַגענט פון דעם דייטשן גענעראַל־שטאַב.

דאָס האָט נישט געשטערט דער פראַנצויזישער מאַכט צו פאַר־האַלטן אויף דער גרענעץ מיין בוך צוליב זיין „דייטשער אָפּשטאַ־מונג". אַלס פאַרטיידיקונג פון מיין בראָשור פאַר דער פראַנצויזישער צענזור האָט זיך באַוויזן אַ צווייטייטיקע נאָטיץ אין הערוועס צייטונג. איך מיין, אַז די נאָטיץ האָט אָנגעשריבן דער נישט אומבאַקאַנטער ש. ראַפּאָפּאָרט, אַליין שיעור נישט אַ מאַרקסיסט און לכל־הדעות דער מחבר פון דער גרעסטער צאָל קאַלאַמבורן, וועלכע עס האָט ווען עס איז געשאַפן אַ מענטש, וואָס האָט זיי געווידמעט זיין גאַנץ לאַנג לעבן.

נאָך דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע האָט אַ געשיקטער ניו־יאָרקער פאַרלעגער אַרויסגעגעבן מיין דייטשע בראָשור אין דער פאָרם פון אַ סאָלידן אַמעריקאַנער בוך. ווי דער פאַרלעגער האָט אַליין דער־ציילט, האָט אים ווילסאָן טעלעפאָנירט פון ווייסן הויז און געפאָדערט, אַז ער זאָל אים צושיקן די קאָרעקטור־אָפּצוגן: דער פּרעזידענט

האָט אין יענער צייט פאַבריצירט זיינע 14 פונקטן, און ווי עס פאַרזיכערן גוט-אינפאָרמירטע מענטשן, האָט ער בשום אופן נישט געקאָנט איבערקאָכן דאָס, וואָס די באָלשעוויקעס האָבן אים אויסגעכאַפּט זיינע בעסטע פאָרמולעס. אין פאַרלויף פון צוויי חדשים צייט איז דאָס בוך אין אַמעריקע פאַרשפּרייט געוואָרן אין אַ צאָל פון 16000 עקזעמפּליאַרן. עס זענען אָבער געקומען די טעג פונם בריסקער שלום. די אַמעריקאַנער פּרעסע האָט אויפגעהייבן קעגן מיר אַ ווילדע העצע און דאָס בוך איז כּהרף-עין פאַרשוואונדן געוואָרן פון ביכערמאַרק.

אין סאָוויעט-רעפּובליק האָט מיין ציריכער בראָשור אויך אויסגעהאַלטן נישט ווייניק אויפלאַגעס און האָט געדינט אַלס הילפסמאַטעריאַל ביי דער נאָכפאָרשונג פון דער מאַקסיסטישער באַציונג צום קריג. פון קאָמאינטערנשן „ביכער-מאַרק" איז זי פאַרשוואונדן ערשט נאָכן יאָר 1924, בעת עס איז אַנטפּלעקט געוואָרן דער „טראָצקיזם". איצט איז עס אַ פאַרבאָטן ווערק, ווי פאַר דער רעוואָלוציע. אַזוי ארום זעען מיר, אַז ביכער האָבן באמת זייער באַזונדער מזל.

צוואַנציקסטער קאַפּיטל

פּאַריז און צימערוואַלד

דעם 19-טן נאָוועמבער 1914 בין איך אַריבער די פראַנצויזישע גרענעץ אַלס קריגס-קאָרעספּאָנדענט פון דער „קיעווסקאַיאַ מיסל". איך האָב באַזונדערס גערן אָנגענומען די פּראָפּאָזיציע פון דער צייטונג, ווייל דאָס האָט מיר געגעבן די מעגלעכקייט צוצוגיין נענטער צום קריג. פּאַריז איז געווען טרויעריק, אינאָוונט האָבן זיך די גאַסן פאַרזונקען אין פינסטערניש. פון צייט צו צייט זענען אָנגעפלויגן צעפּעלינען. נאָכדעם, ווי די דייטשע אַרמעען זענען פאַרהאַלטן געוואָרן ביי דער מאַרנע, איז דער קריג געוואָרן דריגנעדיקער און אומברחמנותדיקער. אין דעם אומענדלעכן כאַאָס, וואָס האָט צעפרעסן גאַנץ אייראָפּע ביי דעם שטיל-שווייגן פון די אַרבעטער-מאַסן, וועלכע זענען אָפּגענאַרט און פאַרראַטן געוואָרן פון דער סאָציאַל-דעמאָקראַטיע, האָבן די פאַרניכטונגס-מאַשינען אַנטוויקלט זייערע גרויסע אויטאָמאַטישע כוחות. די קאַפּיטאַליסטישע ציוויליזאַציע, וואָס איז דערגאַנגען ביז צום אַבסורד, האָט זיך געפּרואווט אַדורכצוהאַקן דעם דיקן שאַרבן פון דער מענטשהייט.

אין יענעם מאָמענט, בעת די דייטשן האָבן זיך דערנענטערט צו פּאַריז, און די בירגערלעכע פראַנצויזישע פּאַטריאָטן האָבן פאַרלאָזן דידאָזיקע שטאָט, האָבן צוויי רוסישע עמיגראַנטן געגרינדעט אין פּאַריז אַ קליינע טעגלעכע צייטונג אין דער רוסישער שפּראַך. זי האָט זיך געשטעלט פאַר אַ ציל אויפצוקלערן די פאַרוואָרפענע

רוסן אין פּאַריז דעם גאַנג פֿון די געשעענישן און נישט צו דער־
לאָזן זיך אויסלעשן דעם גייסט פֿון דער אינטערנאַציאָנאַלער סאָלי־
דאַרקייט. פֿאַרן אַרויסלאָזן דעם ערשטן נומער איז אין דער „קאַסע“
פֿון פֿאַריין געווען גאַנצע 30 פראַנק. קיין שום „לאָגיש־דענקענדיקער“
מענטש האָט נישט געקאָנט גלויבן, אַז מיט אַזאַ מין גרונט־קאַפּיטאַל
זאָל מען קאָנען אַרויסגעבן אַ טעגלעכע צייטונג. און באמת: נישט
ווייניקער ווי איין מאָל אין וואָך האָט די צייטונג, נישט געקוקט
אויף דער אומבאַצאָלטער אַרבעט פֿון דער רעדאַקציע און די מיט־
אַרבעטער, איבערגעלעבט אַזאַ קריזיס, אַז עס האָט אויסגעוויזן — ס'איז
שוין נישטאָ מער קיין אויסוועג. אָבער אַן אויסוועג האָט זיך יאָ געפֿו־
נען. עס האָבן געהונגערט די זעצער, וואָס זענען געווען טריי זייער
צייטונג און די רעדאַקטאָרן זענען אַרומגעלאָפֿן איבער דער שטאָט
זוכן עטלעכע צענדליק פראַנק, — און דער לויפֿנדיקער נומער איז
פֿאָרט דערשינען. אַזוי־אַרום האָט די צייטונג, אונטער די קלעפּ פֿון
דעפֿיציטן און צענזור, דאָ פֿאַרשוואונדן און דאָ תיכף־ומיד זיך ווי־
דער באַוויזן אונטער אַן אַנדער נאָמען, עקזיסטירט אין משך פֿון
גאַנצע צוויי יאָר, ד. ה. ביז דער פֿעברואַר־רעוואָלוציע פֿון יאָר
1917. קומענדיק קיין פּאַריז, האָב איך מיך פֿלייסיק גענומען מיט־
צואַרבעטן אין „נאַשע סלאָוואָ“ (אונזער וואָרט) וואָס האָט נאָך דעמאָלט
געהייסן „גאָלאָס“ (די שטימע). די טעגלעכע צייטונג איז פֿאַר מיר
גופֿא געווען אַ וויכטיקער אָריענטירונגס־מיטל אין דעם גאַנג פֿון די
געשעענישן. דער פּרואוו מיט „נאַשע סלאָוואָ“ האָט מיר שפּעטער,
בעת מיר איז אויסגעקומען צוצוגיין נענטער צום קריגס־וועזן, גע־
בראַכט גרויס נוצן.

מיין פֿאַמיליע איז געקומען קיין פֿראַנקרייך ערשט אין מאַי
1915. מיר האָבן זיך באַזעצט אין סעוור, אין אַ קליין הייזל, וואָס
אונזער יונגער פֿריינט, דער איטאַליענישער קינסטלער רענע פֿאַרעשע,
האָט אונז אָפּגעגעבן אויף אַ פּאָר חדשים. די ייִנגלעך האָבן אָנגע־
הייבן באַזוכן די סעווער שולע. דער פֿרילינג איז געווען אַ שיינער,
דאָס גרינס האָט אויסגעזען באַזונדערס צאַרט און אָנגענעם. אָבער
די צאָל פֿרויען אין שוואַרצן האָט כסדר געוואַקסן. די שול־קינדער
זענען געבליבן אָן פֿאָטערס. צוויי אַרמעען האָבן זיך איינגעגראָבן
אין דער ערד. קיין אויסוועג האָט זיך נישט געזען. קלעמאַנסאָ
האָט אין זיין צייטונג אָנגעהייבן אַטאַקירן זשאָפֿערן. די אונטערערדישע

רעאַקציע האָט זיך געגרייט צו אַ מלוכה־איבערקערעניש. די ידיעות האָבן זיך געטראָגן פון מויל צו מויל. אויף די שפּאַלטן פון „Temps" איז דער פּאַרלאַמענט אין משך פון אַ טאָג אָדער צוויי נישט אָנגע־רופן געוואָרן אַנדערש, ווי דער אייזל. פון די סאָציאַליסטן האָט אָבער דער „Temps" אומבאַדינגט געפּאָדערט אָפּצוהיטן די נאַציאָנאַ־לע איינקייט.

זשאָרעס איז שוין נישט געווען. איך האָב באַזוכט די קנייפּע קראָאַסאַן, וואו מען האָט דערהרגעט זשאָרעסן: עס האָט זיך געוואָלט געפינען זיינע שפּורן. פּאָליטיש בין איך געשטאַנען ווייט פון זשאָ־רעסן. אָבער עס איז אוממעגלעך געווען נישט צו שפּירן אויף זיך די צוציונגס־קראַפט פון דערדאָזיקער מעכטיקער פּערזענלעכקייט. זשאָרעסעס גייסטיקע וועלט, וואָס איז באַשטאַנען פון נאַציאָנאַלע טראַדיציעס, פון דער מעטאַפיזיק פון מאָראַלישע יסודות, פון ליבע צו גליק־באַרויבטע און פון פּאָעטישער פאַנטאַזיע, האָט געהאַט אין זיך אַזויפיל שאַרף אויסגעשפּראָכענע אַריסטאָקראַטישע שטריכן, וויפל דער גייסטיקער פּרצוף פון בעבעלן איז געווען פּלעבעיש־פּשוט. זיי ביידע זענען אָבער געשטאַנען מיט אַ קאָפּ העכער פון דער ירושה, וואָס זיי האָבן איבערגעלאָזט. איך האָב געהערט זשאָרעסן אויף די פּאַריזער פּאָלקס־פאַרזאַמלונגען, אויף אינטערנאַציאָנאַלע קאָנגרעסן און אין די קאָמיסיעס. און תּמיד האָב איך מיך צו אים צוגעהערט מיט אַזאַ געפיל, ווי איך וואָלט אים געהערט דאָס ערשטע מאָל. ער האָט קיינמאָל נישט אָנגעזאַמלט קיין רוטין, אין קערן פון זיין רעדע זיך קיינמאָל נישט איבערגעחזרט, שטענדיק זיך אַליין ווידער געפונען און שטענדיק פונדאָסניי מאָביליזירט די פּאַרגראָבענע קוואַלן פון זיין גייסט. ביי דער געוואַלטיקער קראַפט, וואָס איז געווען עלעמענטאַר, ווי אַ וואַסערפאַל, האָט ער פאַרמאָגט פיל ווייכקייט, וואָס האָט געלויכטן אויף זיין געזיכט, ווי דער אָפּגלאַנץ פון אַ העכערער גייסטיקער קולטור. ער האָט אומגעוואָרפן פעלזן, געדונערט, צעטרייסלט, אָבער קיינמאָל נישט פאַרטויבט זיך אַליין, שטענדיק געשטאַנען אויף דער וואַך, געכאַפּט מיטן פיינעם געהער יעדן אָפּקלאַנג, אים אונטערגעכאַפּט, פאַרירט די איינווענדונגען, טיילמאָל אומברחמנות־דיק, ווי אַ הוראַגאַן אָראָפּגעקערט פון וועג יעדן ווידערשטאַנד און טיילמאָל גרויסמוטיק און ווייך, ווי אַ מדריך, ווי אַן עלטערער ברו־דער. זשאָרעס און בעבעל זענען געווען אַנטיפּאָדן און גלייכצייטיק

אויך די שפּיצן פון צווייטן אינטערנאַציאָנאַל. ביידע זענען געווען טיף נאַציאָנאַל: זשאָרעס מיט זיין פייערדיקער לאַטיינישער רעטאָריק און בעבעל מיט זיין פּראָטעסטאַנטישער טרוקנקייט. איך האָב ליב געהאַט ביידן, אָבער אויף אַ פאַרשיידענעם אופן. בעבעל האָט זיך אויסגעשעפּט פיזיש. זשאָרעס איז געפאַלן ביי זיינע רעכטע בליענדיקע כּוחות. אָבער ביידע זיינען געשטאָרבן צו דער ריכטיקער צייט. זייער טויט האָט אָנגעצייכנט יענעם גרענעץ-פּאַס, וואו עס האָט זיך געענדיקט די פּראָגרעסיווע היסטאָרישע מיסיע פון צווייטן אינטערנאַציאָנאַל.

די פראַנצויזישע סאָציאַליסטישע פּאַרטיי האָט זיך געפונען אין אַ צושטאַנד פון אַ פולשטענדיקער דעמאָראַליזאַציע. ס'איז נישט געווען ווער עס זאָל פאַרנעמען זשאָרעסעס פּלאַץ. וואַליאַן, דער אַלטער „אַנטי-מיליטאַריסט", האָט טאָג-טעגלעך אַרויסגעגאָסן פון זיך אַרטיקלען אין גייסט פון דעם סאַמע ווילדסטן שאָוויניזם. איך האָב צופעליק געטראָפן דעם אַלטן אין „קאָמיטע די אַקציאָן", וואָס איז באַשטאַנען פון פּאַרטיי-און סינדיקאַט-פאַרטרעטער. וואַליאַן איז געווען ענלעך צו זיין שאָטן — צו דעם שאָטן פון בלאַנקיזם מיט די טראַדיציעס פון די סאַנקולאָטישע מלחמות אין דער עפּאָכע פון ריימאָנד פּואַנקאַרע. דאָס פאַרמלחמהדיקע פראַנקרייך מיט זיין כּסדר זינקענדיקן באַפעלקערונגס-וואוקס און מיט די קאָנסערוואַטיווע פאָרמען פונם ווירטשאַפטלעכן לעבן און אַרט דענקען, איז געווען פאַר וואַליאַנען דאָס איינציקע לאַנד פון באַוועגונג און פּראָגרעס, די אויסדערוויילטע, באַפרייענדיקע נאַציע, וואָס בלויז איר באַרירונג וועקט אויף די איבעריקע פעלקער צום גייסטיקן לעבן. זיין סאָציאַליזם איז געווען אַ שאָוויניסטישער, פּונקט ווי זיין שאָוויניזם — אַ משיחדיקער. זשול געד, דער פירער פון דעם מאַרקסיסטישן פליגל, וואָס האָט זיך אינגאַנצן אויסגעשעפּט אין דעם לאַנגן אויסמאַטערונגס-קאַמף קעגן די פּעטישן פון דער דעמאָקראַטיע, איז געווען בכּוח בלויז מקריב צו זיין דעם אומבאַפלעקטן מאָראַלישן אויטאָריטעט זיינעם אויפן „מזבח" פון דער נאַציאָנאַלער פאַרטיידיקונג. אַלץ האָט זיך אויסגעמישט. מאַרסעל סאַמבאַ, דער מחבר פונם בוך „מאַכט אַ קעניג, אָדער מאַכט אַ שלום!" האָט סעקונדירט געדן אין... בריאַנס מיניסטעריום. פּיער רענאָדעל איז געוואָרן אויף אַ צייט דער „פירער" פון דער פּאַרטיי. סוף-כּל-סוף האָט דאָך עמעצער געמוזט פאַרנעמען

דעם לײדיקן פּלאַץ פון זשאָרעסן. רענאָדעל האָט זיך ממש אונטערגעריסן, נאָכמאַכנדיק די זשעסטן און די דונערנדיקע שטימע פון דעם דערהרגעטן פירער. לאַנגע האָט נאָכגעטאַנצט רענאָדעלן, אָבער מיט אַ געוויסער בושה, וואָס ער האָט אָנגעגעבן פאַר אַ לינקייט. מיט זיין גאַנצער באַנעמונג האָט ער דערמאָנט אין דעם, אַז מאַרקס איז נישט פאַראַנטוואָרטלעך פאַר זיינע אייניקלעך. דער אָפיציעלער סינדיקאַליזם, וועלכן עס האָט פאַרטרעטן דער פאָרזיצער פון דער גענעראַל-קאָנפעדעראַציע, זשואָ, האָט פאַרלאָרן זיינע פאַרבן אין משך פון פיר און צוואָנציק שעה. ער האָט געלייקנט אין דער מלוכה אין דער צייט פון שלום, כדי צו ליגן פאַר איר אויף די קני אין דער צייט פון מלחמה. דער אָפיציעלער לץ הערווע, דער נעכטיקער עקסטרעמער אַנטי-מיליטאַריסט, האָט זיך איבערגעדרייט אויף דער אַנדער זייט און אין דער ראָל פון אַ ראַדיקאַלן שאָוויניסט איז ער געבליבן דערזעלבער זעלבסטצופרידענער לץ. און כדי דער חוזק איבער זיינע נעכטיקע אידעאַלן זאָל נאָכמער רייסן די אויגן, האָט ער זיין צייטונג אויך ווייטער גערופן מיטן נאָמען „Za guerre social“ *) אַלץ צוזאַמען איז געווען ענלעך צו אַ טרויער-מאַסקאַראַד, צו אַ קאַרנאַוואַל פון טויט. מען האָט זיך געמוזט זאָגן: ניין, מיר זענען דאָך געמאַכט געוואָרן פון אַ מער סאָלידן מאַטעריאַל, — די געשעענישן האָבן אונז נישט איבערראַשט מיטאַמאָל, מיר האָבן עטוואָס פאָרויסגעזען, אַ סך זען מיר אויך איצט פאָרויס און זענען גרייט אויף אַ סך זאַכן. וויפל מאָל האָבן מיר פאַרדריקט די פויסטן, ווען די רענאָדעלס, די הערוועס און דער איבעריקער עולם האָבן זיך פונדערווייטנס געפּרוּווט פאַרברידערן מיט קאַרל ליבקנעכט! איינצלנע אָפּאָזיציאָנעלע עלעמענטן זענען געווען פאַרשפּרייט אומעטום, אין דער פּאַרטיי און אין די סינדיקאַטן, זיי האָבן אָבער נישט אַרויסגעוויזן קיין סימן פון לעבן.

די באַדייטנדסטע פיגור, וואָס איך האָב געפונען אין פּאַריז צווישן דער רוסישער עמיגראַציע, איז אָן שום ספק געווען מאַרטאָוו, דער פירער פון די מענשעוויקעס, איינער פון די באַגאַבטעסטע מענטשן, וועלכע ס'איז מיר בכלל אויסגעקומען צו טרעפן אין מיין לעבן. דאָס אומגליק פון דעמדאָזיקן מענטשן איז אָבער באַשטאַנען

*) דער סאָציאַלער קאַמף.

אין דעם, וואָס דער גורל האָט אים געמאַכט פאַר אַ פּאָליטיקער אין אַ רעוואָלוציאָנערער עפּאָכע, און האָט אים נישט געגעבן דעם נויטיקן שטאַרקן ווילן דערצו. אין מאַרטאָווס גייסטיקער ווירטשאַפט האָט געפעלט גלייכגעוויכט, און דאָס האָט זיך יעדעס מאָל טראַגיש אַרויסגעוויזן, ווי נאָר עס זענען אָנגעקומען גרויסע געשעענישן. איך האָב זיך צוגעקוקט צו מאַרטאָוון אויף דריי היסטאָרישע עטאַפּן: אין יאָר 1905, אין יאָר 1914 און אין יאָר 1917. די ערשטע רע־אַקציע אויף די אָנגעקומענע געשעענישן האָט ביי מאַרטאָוון כמעט תמיד געטראָגן אַ רעוואָלוציאָנערן כאַראַקטער. אָבער נאָך איידער ער האָט באַוויזן צו ברענגען זיינע אידעען אויפן פּאַפּיר, האָבן אים שוין פון אַלע זייטן אַרומגעכאַפּט ספקות. זיינע רייכע, עלאַס־טישע און פאַרשידנאַרטיקע אידעען האָט געפעלט דער אַקס פון ווילן. אין זיינע בריוו צו אַקסעלראָדן אין יאָר 1905, בעת דער העכסטער עליה פון דער ערשטער רעוואָלוציע, קלאָגט מאַרטאָוו בי־טער אויף דעם, וואָס ער קאָן נישט צוזאַמענגעמען זיינע געדאַנקען: אין ער האָט זיי באמת נישט צוזאַמענגענומען סאַמע ביז דעם אָנ־אָנקום פון דער רעאַקציע. ביים אָנהייב פון קריג קלאָגט ער זיך ווידער פאַר דעמזעלבן אַקסעלראָדן, אַז די געשעענישן האָבן אים דערפירט צו דער גרענעץ פון שגעון. צולעצט מאַכט ער אין יאָר 1917 אַן אומזיכערע באַוועגונג אויף לינקס, און — טרעט אָפּ די אָנפירונג אין זיין פראַקציע צערעטעלין און דאַנען, ד. ה. צוויי מענטשן, פון וועלכע איינער אין דער גייסטיקער הינזיכט, און דער צווייטער אין אַלע הינזיכטן דערגרייכן אים אפשר קוים ביז צו די קני.

דעם 14-טן אָקטאָבער 1914 שרייבט מאַרטאָוו צו אַקסעלראָדן: „גיכער, ווי מיט פּליעכאַנאָוון וואָלטן מיר זיך אפשר געקאָנט פאַרשטענדיקן מיט לעֶנינען, וואָס איז זיך, אפנים, מכין אַרויסצו־טרעטן אין דער ראָל פון אַ קעמפער קעגן דעם אָפּאָרטוניזם אינם אינטערנאַציאָנאַל". אָבער דידאָזיקע שטימונגען האָבן ביי מאַרטאָוון נישט לאַנג אָנגעהאַלטן. אין פּאַריז האָב איך אים שוין געפונען אין אַ צושטאַנד פון פאַרוועלקונג. אונזער מיטאַרבעט אין „נאַשע סלאָוואָ" האָט זיך פון די ערשטע טעג אָן פאַרוואַנדלט אין אַן אומאויפהער־לעכן קאַמף, וועלכער האָט זיך געענדיקט מיט מאַרטאָווס אַרויסטריט פון דער רעדאַקציע, און שפּעטער פון דעם גאַנצן מיטאַרבעטער־שטאַב.

באַלד נאָך מיין קומען קיין פּאַריז האָב איך צוזאַמען מיט מאַרטאָוון אויפגעזוכט מאָנאַטן, איינעם פון די רעדאַקטאָרן פון דעם סינדיקאַליסטישן זשורנאַל „La vie ouvrière“ 1) אַ געוועזענער לערער, דערנאָך אַ קאָרעקטאָר, אַ טיפּישער פּאַריזער אַרבעטער לויטן אויס־זען, אַ פּקח און אַ מענטש מיט אַ כאַראַקטער, האָט מאָנאַט אויף קיין איין מאָמענט נישט געהאַט בדעה שלום צו ווערן מיטן מילי־טאַריזם און מיט דער בירגערלעכער מלוכה. אָבער וואו געפינט מען אַן אויסוועג? אין דערדאָזיקער פראַגע זענען מיר נישט געווען איינשטימיק. מאָנאַט האָט „אָפּגעלייקנט“ די מלוכה און דעם פּאָלי־טישן קאַמף. די מלוכה האָט זיך אָבער גאָרנישט געקימערט פון זיין „אָפּלייקעניש“ און האָט אים געצוואונגען אָנצוטאָן רויטע הויזן, נאָכדעם, ווי ער איז אַרויסגעטרעטן מיט אַן אָפענעם פּראָטעסט קעגן דעם סינדיקאַליסטישן שאָוויניזם. דורך מאָנאַטן בין איך געקומען אין נאָענטע באַציונגען מיטן זשורנאַליסט ראָסמער, וואָס האָט אויך געהערט צו דער אַנאַרכאָ־סינדיקאַליסטישער שולע, אָבער ווי די גע־שעענישן האָבן באַוויזן, איז ער שוין דעמאָלט פּאַקטיש געשטאַנען נעענטער צו דעם מאַרקסיזם, ווי די געדיסטן. מיט ראָסמערן האָט איר מיך דעמאָלט פאַרבונדן אין אַ נאָענטער פריינטשאַפט, וואָס האָט אויסגעהאַלטן דעם נסיון פון קריג, פון דער רעוואָלוציע, פון דער סאָוויעטן־מאַכט און דעם צוזאַמענברוך פון דער אָפּאָזיציע... אַזוי־אַרום האָב איך מיך אויך באַקאַנט מיט אַ גאַנצער ריי, ביז איצט לגמרי מיר אומבאַקאַנטע טוער פון דער פראַנצויזישער אַרבעטער־באַוועגונג: מיטן סעקרעטאַר פון דעם מעטאַליסטן־פאַרבאַנד, דעם פאָרזיכטיקן, כיטרעדיקן, פאַלש־חניפהדיקן מערהיימען, וואָס האָט אין אַלע היגזיכטן אַזוי טרויעריק געענדיקט; מיטן זשורנאַליסט גילבאָ, וואָס איז שפּעטער אונטער די אויגן פאַרמשפּט געוואָרן צום טויט פאַר כלומרשטן „פאַרראַט“; מיטן סעקרעטאַר פון בעדנאַר־סינדיקאַט, דעם „טאַטן“ בורדעראָן; מיטן לערער לאָריאָ, וואָס האָט געזוכט אַן אויסוועג אויף דער ליניע צום רעוואָלוציאָנערן סאָציאַ־ליזם, און נאָך אַ סך אַנדערע. מיר פלעגן זיך טרעפן יעדע וואָך אויפן Qudi lemappe. אַמאָל, ווידער, פלעגן מיר זיך צונויפקומען אין אַ גרויסער צאַל אויף Gronge-aux-Belle און איבערגעגעבן איי־

1) דאָס אַרבעטער־לעבן.

נער דעם אַנדערן הינטערקוליסן-ידיעות וועגן קריג און וועגן דער אַרבעט פון דער דיפּלאָמאַטיע; מען האָט דאָ קריטיקירט דעם אָפּיציעלן סאָציאַליזם, אויפגעכאַפּט די סימנים פון דער סאָציאַליסטישער דערוואַכונג, פעסט איינגעטענהט מיט די וואַקלדיקע און געאַרבעט פאַר דער צוקונפט.

דעם 4-טן אויגוסט 1915 האָב איך געשריבן אין „נאַשע סלאָוואָ": „און דאָך באַגעגענען מיר דעם בלוטיקן יאָרצייט אָן שום גייסטיקער אָפּגעשוואַכטקייט, אָדער פּאָליטישן סקעפּטיציזם. מיר, רעוואָלוציאָנערע אינטערנאַציאָנאַליסטן, זענען געבליבן שטיין אין דער גרעסטער וועלט-קאַטאַסטראָפע אויף די פּאָזיציעס פון אַנאַליז, קריטיק און פּאָליטישן פּאָרויסזען. מיר האָבן זיך אָפּגעזאָגט פון אַלע „נאַציאָנאַלע" ברילן, וואָס די גענעראַל-שטאַבן האָבן אַרויסגעגעבן נישט בלויז בחינם, נאָר מען האָט נאָך אפילו צוגעצאָלט. מיר האָבן כסדר געזען די זאַכן אַזוי ווי זיי זענען, אָנגערופן זיי מיט זייערע אייגענע נעמען און פאָרויסגעזען די לאָגיק פון זייער ווייטערדיקער אַנטוויקלונג".

און אויך איצט, אין דרייצן יאָר אַרום, קאָן איך בלויז איבערחזרן דידאָזיקע ווערטער.

דאָס געפיל, וואָס האָט אונז נישט פאַרלאָזט אויף קיין איין טאָג, אַז מיר זענען אַריבערגעוואַקסן דעם אָפּיציעלן פּאָליטישן געדאַנק צוזאַמען מיטן פּאַטריאָטישן סאָציאַליזם, דאָסדאָזיקע געפיל איז נישט קיין פּראָדוקט פון אומזיניקער גאווה. אין דעמדאָזיקן געפיל איז נישט געווען קיין שום פּערזענלעכער מאָמענט, עס האָט געשטאַמט פון אונזער פּרינציפּיעלער פּאָזיציע: מיר זענען געשטאַנען אויף אַ הויכן פונקט. דער קריטישער שטאַנדפּונקט האָט אונז קודם-כל געגעבן די מעגלעכקייט קלאָרער צו זען די פּערספּעקטיוון פון קריג גופא. ביידע צדדים האָבן, ווי מיר ווייסן, אויסגערעכנט אויף אַ גיכן נצחון. באַווייזן פון לייכטזיניקן אָפּטימיזם האָט מען געקאָנט אָנזאַמלען אָן אַ שיעור. „מיין פראַנצויזישער קאָלעגע", זאָגט ביוקענען אין זיינע מעמואַרן, „איז איין צייט געווען אַזוי אָפּטימיסטיש געשטימט, אַז ער האָט זיך מיט מיר געוועט אין 5 פונט שטערלינג, אַז דער קריג וועט זיך ענדיקן ביז ווייַנאַכט". ביוקענען אַליין האָט טיף אין האַרצן אָפּגעלייגט דעם סוף פון קריג נישט שפּעטער ווי ביז פּסח. אָנהייבנדיק פון יאָר 1914, האָבן מיר, אויף צו להכעיס

דער גאַנצער אָפּיציעלער נביאות, טאָג־אויס, טאָג־איין, כּסדר געחזרט, אין אונזער צייטונג, אַז דער קריג וועט זיך פאַרשלעפּן אויף אַ לאַנגער צייט, און אַז גאַנץ אייראָפּע וועט אַרויסגיין פון אים אַ צעהרגעטע. צענדליקער מאָל האָבן מיר געשריבן אין „נאַשע סלאָוואָ", אַז אפילו ביי אַ נצחון פון די פאַרבינדעטע, וועט פראַנקרייך נאָכן קריג, ווען דער רויך און נעפּל וועלן צערינען, זיך באַווייזן אויף דער אינטערנאַציאָנאַלער אַרענע, ווי אַ גרויס בעלגיע — און נישט מער. מיר האָבן קלאָר פאָרויסגעזען די קינפטיקע וועלט־דיקטאַטור פון די פאַראייניקטע שטאַטן. „דער אימפּעריאַליזם", אַזוי האָבן מיר געשריבן צום הונדערסטן מאָל דעם 5־טן סעפּטעמבער 1916, „שפּילט דורכן דאָזיקן קריג־שפּיל דער עיקר אויף די שטאַרקע: זיי וועט געהערן די וועלט".

פון סעוור איז מיין פאַמיליע שוין לאַנג אַריבערגעפאָרן קיין פּאַריז אויף דער קליינער rue Oudry. פּאַריז איז אַלץ מער און מער אָפּגעליידיקט געוואָרן. איינער נאָכן אַנדערן האָבן זיך אָפּגעשטעלט די גאַסן־זייגערס. ביים בעלפאָרטער לייב האָבן עפּעס אַרויסגעשטעקט פון פּיסק שמוציקע שטרוי. דער קריג האָט זיך כּסדר פאַרגראָבן אין דער ערד. זיך אַרויסרייסן פון די טראַנשייען, פון דער פאַרגליווערונג, פון גרוב, פון דער אומבאַוועגלעכקייט — דאָס איז געווען דער געשריי פון פּאַטריאָטיזם.

באַוועגונג! באַוועגונג! אַזוי איז אויסגעוואַקסן דער מוראדיקער שגעון פון די קאַמפן ביי ווערדען. אין יענע טעג, ווען איך האָב כּסדר לאַווירט אונטער די בליצן פון דער קריגס־צענזור, האָב איך געשריבן אין „נאַשע סלאָוואָ": „ווי גרויס עס זאָל נישט זיין די די מיליטערישע באַדייטונג פון די קאַמפן ביי ווערדען, איז אָבער זייער פּאָליטישער זין אַ סך אַ גרעסערער. אין בערלין און אין אַנדערע ערטער (sic) האָבן זיי געוואָלט „באַוועגונג" — זיי וועלן זי האָבן. יאָ! ביי ווערדען ווערט אויסגעשמידט אונזער מאָרגנדיקער טאָג".

זומער 1915 איז אַראָפּגעקומען קיין פּאַריז דער איטאַליענישער דעפּוטאַט מאָרגאַרי, דער סעקרעטאַר פון דער סאָציאַליסטישער פראַקציע אין רוימישן פּאַרלאַמענט, — אַ נאַיווער עקלעקטיקער, וואָס האָט געוואָלט צונויפרופן די פראַנצויזישע און ענגלישע סאָציאַליסטן אויף אַן אינטערנאַציאָנאַלער קאָנפערענץ. אויף דער קאַפּע-

טעראַסע, אויף איינעם פון די גרויסע בולוואַרן, איז ביי אונז, מיטן אַנטייל פון מאַרגאַרי, פאָרגעקומען אַ באַראַטונג מיט עטלעכע דע-פּוטאַטן-סאָציאַליסטן, וואָס האָבן זיך גראדע געהאַלטן פאַר „לינקע". כּל-זמן דער שמועס האָט זיך באַגרענעצט מיט פּאַציפיסטישע פראַזן און מיט איבערחזרן די אויסגעדראָשענע ווערטער וועגן דער נויט-ווענדיקייט צוריקצושטעלן די אינטערנאַציאָנאַלע פאַרבינדונגען, איז דער ענין געגאַנגען גלאַטיק. אָבער אַז מאַרגאַרי האָט מיט אַ טראַגיש שעפּ-טשען אַ זאָג געטאָן, אַז מען מוז זיך שאַפן פאַלשע פּעסער אויף צו פאָרן אין דער שווייץ — ער האָט זיך אָפנהאַרציק באַגייסטערט מיט דער „קאַרבאָנאַרישער" זייט פון דעם ענין, — האָבן זיך ביי די הערן דעפּוטאַטן אויסגעצויגן די נעז, און איינער פון זיי, איך געדענק שוין נישט ווער, האָט כּהרף-עין צוגערופן דעם גאַרסאָן און הענדום-פּענדום אים באַצאָלט פאַר דער גאַנצער קאַווע, וואָס די קאָנ-פערענץ האָט אויסגעטרונקען. מאַליערס גייסט האָט געשוועבט איבער דער טעראַסע און מסתּמא אויך דער גייסט פון ראַבלע. דערמיט האָט זיך די זאַך געענדיקט. ווען איך בין געגאַנגען צוריק מיט מאַרטאָוון, האָבן מיר אַ סך געלאַכט, פריילעך און בייז אין איין און דערזעל-בער צייט. מאָנאַט און ראָסמער זענען שוין געווען מאָביליזירט און האָבן נישט געקאָנט פאָרן. אויף דער קאָנפערענץ בין איך געפאָרן מיט מערהיימען און בורדעראָנען, זייער מעסיקע פּאַציפיסטן. קיין פאַלשע פּעסער האָט קיינער נישט געדאַרפט, ווייל די רעגירונג, וואָס האָט זיך נאָך נישט באַפרייט אינגאַנצן פון די פאַרמלחמהדיקע מנהגים, האָט אַרויסגעגעבן רעגולערע פּעסער.

די אָרגאַניזאַטאָרישע זייט פון דער זאַך איז געלעגן אויפן בערנער סאָציאַליסטישן פירער גרים, וואָס האָט אין יענער צייט מיט אַלע כּוחות געשטרעבט זיך אויפצוהייבן איבער דעם פיליסטערישן ניוואָ פון זיין פּאַרטיי און זיין אייגענער פיליסטערישקייט: ער האָט צוגעגרייט פאַר דער קאָנפערענץ אַ לאָקאַל ביי אַ צען קילאָמעטער פון בערן, אין דעם קליינעם דערפל צימערוואַלד, הויך אין די בערג. די דעלעגאַטן האָבן זיך אַריינגעזעצט צונויפגעפּרעסטע אין פיר פור-לעך און זיך אַוועקגעלאָזט אין דער הויך אויף די בערג. די פאַר-בייגייענדיקע האָבן זיך נייגעריק צוגעקוקט צו דעמדאָזיקן משונה-דיקן קאַראַוואַן. די דעלעגאַטן אַליין האָבן זיך געוויצלט איבער דעם, וואָס אַ האַלב יאָרהונדערט נאָך דער גרינדונג פון דעם ערשטן אינ-

טערנאַציאָנאַל, האָט זיך אַרויסגעוויזן פֿאַר מעגלעך אַוועקצוזעצן אַלע אינטערנאַציאָנאַליסטן אויף פֿיר פֿורלעך. אין דידאָזיקע המצאות איז אָבער נישט געלעגן קיין סקעפּטיציזם. דער היסטאָרישער פֿאָדעם רייסט זיך אָפּט. דאַן מוז מען מאַכן אַ ניי קניפּל. דאָס האָבן מיר טאַקע געטאָן אין צימערוואַלד.

די טעג פֿון דער קאָנפֿערענץ (פֿון 5-טן ביזן 8-טן סעפּטעמבער) זענען געווען שטורמישע טעג. דער רעוואָלוציאָנערער פֿליגל, וואָס איז געווען רעפּרעזענטירט דורך לענינען און דער פּאַציפֿיסטישער פֿליגל, צו וועלכן עס האָט געהערט די מערהייט דעלעגאַטן, זענען מיט גרויס מי איינגעגאַנגען אויף אַ געמיינזאַמען מאַניפֿעסט, וואָס איך האָב אויסגעאַרבעט זיין פּראָיעקט. דער מאַניפֿעסט האָט חייט נישט אויסגעדריקט דאָס אַלץ, וואָס מען האָט געדאַרפֿט זאָגן. דאָך אָבער האָט ער פֿאָרגעשטעלט מיט זיך אַ באַדייטנדיקן שריט פֿאָרויס. לענין איז געשטאַנען אויפֿן עקסט-לינקן פֿליגל פֿון דער קאָנפֿערענץ. אין אַ ריי פֿראַגן האָט ער נישט געהאַט קיין אָנהענגער אינם גאַנצן צימערוואַלדער לינקן פֿליגל, צו וועלכן איך האָב פֿאָרמעל נישט געהערט, הגם אין די אַלע פּרינציפּיעלע פֿראַגן בין איך געשטאַנען נאָענט צו אים. אין צימערוואַלד האָט לענין שטאַרק אָנגעצויגן די פּרוזשינע פֿאַר די שפּעטערדיקע אינטערנאַציאָנאַלע האַנדלונגען.

די פֿראַנצויזישע דעלעגאַטן האָבן אין זייער באַריכט אונטערגעשטראָכן די באַדייטונג, וואָס עס האָט געהאַט פֿאַר זיי די עקזיסטענץ פֿון „נאַשע סלאָוואָ", וועלכע האָט געשאַפֿן אַן אידעישן קאָנטאַקט מיט דער אינטערנאַציאָנאַלער באַוועגונג פֿון די אַנדערע לענדער. ראַקאָווסקי האָט אָנגעוויזן, אַז „נאַשע סלאָוואָ" האָט געשפּילט אַ באַדייטנדיקע ראָל מיט דעם, וואָס זי האָט געהאָלפֿן אויסאַרבעטן די אינטערנאַציאָנאַלע פּאָזיציע פֿון דער באַלקאַנישער סאָציאַל-דעמאָקראַטיע. די איטאַליענישע פּאַרטיי איז געווען באַקאַנט מיט „נאַשע סלאָוואָ" דורך די צאָלרייכע איבערזעצונגען פֿון באַלאַבאַנאָוואַן. על-פּי-רוב אָבער איז „נאַשע סלאָוואָ" ציטירט געוואָרן פֿון דער דייטשער פּרעסע, אפֿילו אויך פֿון דער אָפּיציעזער: ווי רענאָדעל האָט זיך געפּרואווט צו שטיצן אויף ליבקנעכטן, אַזוי האָט אויך שיידעמאַן געפּרואווט — גאָרנישט געהאַט דאַקעגן אַריינצורעכענען אונז אין דער צאָל פֿון זיינע פֿאַרבינדעטע.

ליבקנעכט אַליין איז אין צימערוואַלד נישט געווען. ער איז שוין געווען אַ געפאַנגענער פון דער האָהענצאָלערן-אַרמעע, נאָך איידער ער איז געוואָרן אַ געפאַנגענער פון דער תּפֿיסה. ליבקנעכט האָט צוגעשיקט דער קאָנפערענץ אַ בריוו, וואָס האָט אונטערגעשטראָכן זיין שאַרפן איבערגאַנג פון דער פּאַציפיסטישער ליניע אויף דער רעוואָלוציאָנערער. ליבקנעכטס נאָמען איז נישט איינמאָל אָנגערופן געוואָרן אויף דער קאָנפערענץ. ער איז געוואָרן אַ לאָזונג אין קאַמף, וואָס האָט צעריסן דעם וועלט-סאָציאַליזם.

שרייבן פון צימערוואַלד וועגן דער קאָנפערענץ איז געווען שטרענג פאַרבאָטן: מען האָט נישט געוואָלט, אַז די ידיעות זאָלן אַריינפאַלן פאַר דער צייט אין דער פרעסע און אַזוי-אַרום פאַרשאַפן פאַר די דעלעגאַטן שוועריקייטן ביים צוריקפאָרן איבער דער גרע-נעץ. אין עטלעכע טעג אַרום האָט דער ביז אַהער אומבאַקאַנטער נאָמען צימערוואַלד געקלונגען אויף דער גאַנצער וועלט. דאָס האָט געמאַכט זייער אַ גרויסן רושם אויפן האָטעל-אייגנטימער. דער מו-טיקער שווייצער האָט אַפילו געמאָלדן גרימען, אַז ער האָט איצט אַ האָפענונג שטאַרק אויפצוהייבן דעם פּרייז פון זיין נחלה און דעריבער איז ער גרייט מנדר צו זיין אַ געוויסע סומע אויפן פאָנד פון דריטן אינטערנאַ-ציאָנאַל. איך מיין אָבער, אַז ער האָט באַלד דערויף חרטה געהאַט.

די צימערוואַלדער קאָנפערענץ האָט געגעבן אַ גרויסן שטויס צו דער באַוועגונג, וואָס האָט זיך אָנגעהייבן אין אַלע לענדער קעגן דער מלחמה. אין דייטשלאַנד האָבן די ספּאַרטאַקיסטן ברייטער אויס-געשפּרייט זייער אַרבעט. אין פראַנקרייך איז געשאַפן געוואָרן דער „קאָמיטעט פאַר דער צוריקשטעלונג פון די אינטערנאַציאָנאַלע פאַר-בינדונגען". דער אַרבעטער-טייל פון דער רוסישער קאָלאָניע אין פּאַריז האָט זיך ענגער אָנגעשלאָסן אָן דער „נאַשע סלאָוואָ" און אַרויסגעטראָגן אויף זיינע פּלייצעס די פינאַנציעלע און אַנדערע שוועריקייטן פון דער צייטונג. מאַרטאָוו, וואָס האָט אין דעם ערשטן פּעריאָד פלייסיק מיטגעאַרבעט אין „נאַשע סלאָוואָ", האָט זיך איצט פון איר לגמרי צוריקגעצויגן. די אומבאַדייטנדיקע חלוקי-דעות, וואָס האָבן מיך נאָך אין צימערוואַלד אָפּגעטיילט פון לענינען, זענען אין די נאָענטסטע חדשים אינגאַנצן אָפּגעמעקט געוואָרן.

בינו-לבינו האָבן זיך איבער אונזערע קעפּ פאַרזאַמלט וואָלקנס, וואָס זענען אין משך פון יאָר 1916 כסדר געדיכטער געוואָרן. אויפן

רעכט פון אַנאָנסן האָט די רעאַקציאָנערע צייטונג „Liberte“ געדרוקט נאָטיצן פון אומבאַקאַנטע מענטשן, וואָס האָבן אונז באַשולדיקט אין פריינטשאַפט צו דייטשלאַנד. עפּטער האָבן מיר אָנגעהייבן באַקומען אַנאָנימע דראָונגס־בריוו. די באַשולדיקונגען, ווי די דראָונגען האָבן זיכער געשטאַמט פון דער רוסישער געזאַנדשאַפט. אַרום אונזער דרוקעריי האָבן זיך שטענדיק אַרומגעדרייט פאַרדעכטיקע פאַרשוינען. הערווע האָט אונז געדראָט מיטן פּאָליציי־פינגער. פּראָפעסאָר דירקהיים, דער פאָרזיצער פון דער רעגירונגס־קאָמיסיע וועגן די רוסישע גלות־עמיגראַנטן, האָט איבערגעגעבן, אַז אין די רעגירונגס־ספערן שמועסט מען וועגן דעם, אַז מען דאַרף פאַרמאַכן די „נאַשע סלאָוואָ“ און ארויסשיקן דעם רעדאַקטאָר. דער ענין האָט זיך אָבער פאַרצויגן. מען האָט נישט געהאַט צו וואָס זיך צוטשעפּען, די געזעצן האָב איך נישט עובר געווען און אַפילו נישט איבערגעטראָטן די אומגעזעצלעכקייטן פון דער צענזור. מען האָט דאָך, לכל־הדעות, געמוזט האָבן עפּעס אַ פאָרמעלן תירוץ. סוף־כל־סוף האָט ער זיך טאַקע געפונען, אָדער ריכטיקער, מען האָט אים אויסגעפונען.

צוואַנציקסטער קאַפּיטל

דער גירוש פון פראַנקרייך

עטלעכע פראַנצויזישע צייטונגען האָבן מיטגעטיילט — שוין נאָך מיין קומען קיין קאָנסטאַנטינאָפּאָל, — אַז דער באַפעל וועגן מיין גירוש פון פראַנקרייך איז נאָך היינט אויך אין קראַפט, אין גאַנצע דרייצן יאָר אַרום. אויב דאָס איז ריכטיק, וואָלט מען זיך ווידער געקאָנט איבערצייגן, אַז אין דער שרעקלעכסטער פון אַלע וועלט-קאַטאַסטראָפעס זענען נאָך נישט פאַרלוירן געגאַנגען אַלע ווערטן. אמת, גאַנצע גענעראַציעס זענען אין יענע יאָרן אָפּגעמעקט געוואָרן פון דער ערד דורך שראַפּנעלן, גאַנצע שטעט זענען צעשטערט געוואָרן, קייזערלעכע און קעניגלעכע קרוינען האָבן זיך געוואַלגערט אין די מדבריות פון אייראָפּע, עס האָבן זיך געענדערט די גרענעצן פון די מלוכות, אויך די פאַר מיר פאַרבאָטענע גרענעצן פון פראַנקרייך האָבן זיך איבערגערוקט. דערפאַר אָבער איז אין דעמדאָזיקן גראַנדיעזן קאַטאַקליזם פאַרבליבן מיט מזל דער באַפעל, וואָס הער מאַלווי האָט אונטערגעשריבן אָנהייב האַרבסט 1916. און צו איז עס עפּעס סוף-כל-סוף אַ נפקא-מינה, וואָס מאַלווי אַליין האָט שוין נאָכדעם באַוויזן אַרויסגעשיקט צו ווערן און צוריק צו קומען? אין דער געשיכטע טרעפט גאַנץ אָפט, אַז די שאַפונג פון אַ מענטשן ווייזט זיך אַרויס שטאַרקער פון איר שעפער.

אמת, אַ שטרענגער יוריסט וואָלט געקאָנט איינווענדן, אַז ער געפינט דאָ נישט די נויטווענדיקע קאָנטינויִטעט אין דער עקזיס-

טענץ פון דעמדאָזיקן באַפעל. האָט דאָך איך יאָר 1918 די פראַנצויזישע מיליטערישע מיסיע אין מאָסקווע געשטעלט אין מיין רשות אירע אַקטיווע אָפיצירן. אַזוינס וואָלט קוים מעגלעך געווען בנוגע צו אַן „אומגעוואונטשענעם" אויסלענדער, ביי וועלכן מען האָט צוגענומען דאָס רעכט אַריינצוקומען קיין פראַנקרייך. האָט דאָך מיך העריאָ, דעם 10-טן אָקטאָבער 1922, באַזוכט אין מאָסקווע אַוודאַי נישט מיט דעם צוועק צו דערמאַנען מיר אין דעם באַפעל וועגן מיין גירוש פון פראַנקרייך. פאַרקערט, איך האָב דערמאָנט אין דעמדאָזיקן באַפעל, נאָכדעם, ווי הער העריאָ האָט זיך ליבנסווירדיק אינפאָרמירט, ווען איך האָב בדעה צו באַזוכן פאַריז. אָבער אויך מיין דערמאָנען האָט געטראָגן דעם כאַראַקטער פון אַ שפּאַס. מיר האָבן ביידע געלאַכט, — אמת, צוליב פאַרשיידענע טעמים, אָבער ביידע צוזאַמען געלאַכט. אמת, אין יאָר 1925 האָט דער פראַנצויזישער געזאַנדטער, הער הערבעט, בעת דער דערעפענונג פון דער עלעקטראָסטאַציע פון שאַטור, געענטפערט אויף מיין רעדע אין נאָמען פון די אָנוועזנדיקע דיפּלאָמאַטן מיט אַזאַ ליבנסווירדיקער באַגריסונג, אין וועלכער אַפילו דאָס סאַמע אומצוטרויִלעכע געהער וואָלט נישט געקענט אויפכאַפּן קיין שום אָפּקלאַנג פון הער מאַלוויס באַפעל. אָבער וואָס קומט אַרויס פון דעם אַלעם? נישט אומזיסט האָט מיר איינער פון די צוויי פּאָליציי-אינספּעקטאָרן, וואָס האָבן מיך אין האַרבסט 1916 אָפּגעפירט פון פאַריז קיין אירון, דערקלערט: „רעגירונגען קומען און גייען אַוועק, — די פּאָליציי אָבער בלייבט".

כדי בעסער צו פאַרשטיין דעם מצב פון מיין גירוש פון פראַנקרייך, מוז מען זיך אָפּשטעלן מיט אַ פּאָר ווערטער אויף די באַדינגונגען, אונטער וועלכע עס האָט עקזיסטירט די קליינע רוסישע צייטונג, וועלכע איך האָב רעדאַקטירט. איר גרעסטער שונא איז, נאַטירלעך, געווען די רוסישע געזאַנדשאַפט. דאָרט האָט מען פלייסיק איבערגעזעצט אויף פראַנצויזיש די אַרטיקלען פון „נאַשע סלאָוואָ" און איבערגעשיקט זיי מיט די געהעריקע קאָמענטאַרן אויף Quai d'Orsay און אין קריגס-מיניסטעריום. פון דאָרט האָט מען אומרואיק טעלעפאָנירט צו אונזער קריגס-צענזאָר, הער שאַל (Chasles), וואָס האָט פאַרן קריג פאַרבראַכט אַ סך יאָרן אין רוסלאַנד אַלס לערער פון דער פראַנצויזישער שפּראַך. שאַל איז בטבע נישט געווען קיין אַנטשלאָסענער מענטש. זיינע וואַקלענישן האָט ער תמיד אויסגעפירט

אין דעם זין, אַז עס איז בעסער אויסצושטרייכן, איידער איבערצו־לאָזן. אַ שאָד, וואָס ער האָט נישט אָנגעווענדט דעמדאָזיקן כּלל מיט עטלעכע יאָר שפּעטער, ווען ער האָט אָנגעשריבן — זייער און זיי־ער אַ שלעכט שטיקל אַרבעט — לעגינס ביאָגראַפיע... ווי אַן איבערגע־שראָקענער צענזאָר, האָט שאַל געגומען אונטער זיין שוץ נישט בלויז דעם צאַר, די צאַרין, סאַזאָנאָוון, מיליוקאָווס דאַרדאַנעלן־חלומות, נאָר אויך ראַספּוטינען. מען קאָן אָן שום שוועריקייטן דערוויזן, אַז דער גאַנצער קאַמף קעגן „נאַשע סלאָוואָ" — אַן אמתע אויסמאַטערונגס־מלחמה — האָט זיך געפירט נישט קעגן די אינטערנאַציאָנאַלע טענ־דענצן פון דערדאָזיקער צייטונג, נאָר אויסשליסלעך קעגן איר רעוואָ־לוציאָנערן גייסט בנוגע דעם צאַריזם.

אויפן ערשטן שאַרפן פּאַראָקסיזם פון דער צענזור האָבן מיר זיך אָנגעשטויסן אין דער עפּאָכע פון די רוסישע דערפאָלגן אין גאַליציע. ביים קלענסטן נצחון איז די רוסישע געזאַנדשאַפט געוואָרן געוואַלדיק חוצפּהדיק. דאָסמאָל איז עס דערגאַנגען אַזוי ווייט, אַז מען האָט אונדז אינגאַנצן אויסגעשטראָכן דעם נעקראָלאָג אויף גראַף וויטע און אפילו דעם טיטל פון אַרטיקל, וואָס איז סך־הכּל באַ־שטאַנען פון פיר אותיות: וויטע. מען מוז נאָך צוגעבן, אַז אין דערזעלבער צייט האָבן זיך אין דעם אָפיציעלן אָרגאַן פונם פּעטערבורגער פלאָט־אַמט געדרוקט אומגעוויינלעך חוצפּהדיקע אַר־טיקלען קעגן דער פראַנצויזישער רעפּובליק, פול מיט חוזק איבערן פּאַרלאַמענט און זיינע „צרהדיקע מלכימלעך־דעפּוטאַטן". מיט אַ ביכל פון דעמדאָזיקן פּעטערבורגער זשורנאַל אין דער האַנט בין איך אַוועק אין דער צענזור, וואו איך האָב מיך געוואָלט אַדורכשמועסן וועגן דעם ענין.

— איך בין דאָ גאָט די נשמה שולדיק, — האָט הער שאַל געזאָגט, — אַלע אינסטרוקציעס וועגן אייער צייטונג גייען אַרויס פון אויסערן־מיניסטעריום. אפשר וואָלט איר געוועז אַ בעלן זיך איבערצושמועסן מיט איינעם פון אונזערע דיפּלאָמאַטן?

אין אַ האַלבער שעה אַרום איז אין בנין פון קריגס־מיניסטע־ריום אַראָפּגעקומען אַ גרויער דיפּלאָמאַטישער דזשענטעלמען. צווישן אונדז איז פאָרגעקומען אומגעפער אַזאַ מין דיאַלאָג, וועלכן איך האָב מיר טאַקע באַלד דערויף פאַרנאָטירט.

— צי קאָנט איר מיר נישט דערקלערן, פאַרוואָס האָט מען

מיר אויסגעשטראָכן דעם אַרטיקל וועגן אַ רוסישן ביוראָקראַט אוי-סערן דינסט, וואָס האָט פאַרלוירן דעם חן און איז, אגב, שוין גע-שטאָרבן, און וואָס פאַר אַ שייכות האָט דידאָזיקע עובדה מיט די קריגס-אָפעראַציעס?

— פאַרשטייט איר, אַזעלכע אַרטיקלען זענען פאַר זיי אומאַנ-גענעם, — האָט דער דיפּלאָמאַט געזאָגט און בעת-מעשה געמאַכט אַן אומבאַשטימטע קאָפּ-באַוועגונג, מסתמא אין דער ריכטונג פון דער רוסישער געזאַנדשאַפט.

— אָבער מיר שרייבן דאָך טאַקע מיט דער כוונה, אַז זיי זאָל זיין אומאַנגענעם...

דער דיפּלאָמאַט האָט נאָכגיביק אַ שמייכל געטאָן אויף דעם-דאָזיקן ענטפער, ווי אויף אַ ליבער המצאה.

— מיר געפינען זיך אין מלחמה. מיר זענען אָפּהענגיק פון אונזערע פאַרבינדעטע.

— איר ווילט, הייסט עס, זאָגן, אַז פראַנקרייכס אינערלעכער רעזשים שטייט אונטערן קאָנטראָל פון דער צאַרישער דיפּלאָמאַטיע? צי האָבן זיך, אויב אַזוי, נישט טועה געווען אייערע אבות, ווען זיי האָבן ביי לודוויק קאַפּעטען אַראָפּגעהאַקט דעם קאָפּ?

— אָ, איר זענט אַ ביסל מגזם. און, אויסערדעם, פאַרגעסט נישט, איך בעט אייך: מיר געפינען זיך אין קריג...

דער ווייטערדיקער שמועס האָט שוין נישט געהאַט קיין שום אינהאַלט. מיט אַ העפלעכן שמייכל האָט מיר דער דיפּלאָמאַט דער-קלערט, אַז אַזוי ווי די הויכע מלוכה-לייט זענען בטבע שטערבלעך, שמעקט עס נישט די לעבעדיקע, ווען מען רעדט שלעכטס וועגן די טויטע. נאָך דערדאָזיקער קאָנפערענץ איז אַלץ געבליבן ביים אַלטן. דער צענזאָר האָט כסדר געשטראָכן. אָנשטאָט אַ צייטונג פלעגט נישט זעלטן דערשיינען אַ ווייסער בויגן פּאַפּיר. מיר האָבן קיינמאָל נישט עובר געווען דעם רצון פון הער שאַל. נאָך ווייניקער איז הער שאַל געווען גענייגט עובר צו זיין דעם רצון פון די-יעניקע, וואָס האָבן זיך געשאַפט מיט אים.

נישט געקוקט אויף דעם אַלעם, האָט מען מיר אין סעפּטעמ-בער 1916 געוויזן אין דער פּראָפעקטור אַ באַפעל, אַז איך ווער אַרויסגעשיקט פון פראַנקרייך. וואָס איז געווען די סיבה פון דעם-דאָזיקן באַפעל? אויף דעם האָט מען מיר נישט געענטפערט מיט

קיין איין וואָרט. ערשט שפּעטער איז מען ביסלעכווייז געוואָר גע־וואָרן, אַז צוגעהאָלפן דערצו האָט אַ בייזווילליקע פּראָוואָקאַציע מצד דער רוסישער אָכראַנע אין פראַנקרייך.

בשעת דער דעפּוטאַט זשאַן לאָנגע איז געקומען צו בריאַ־נען מיט אַ פּראָטעסט, ריכטיקער געזאָגט, מיט באַדויערונגס־ווער־טער — לאָנגעס פּראָטעסטן האָבן תמיד געקלונגען ווי די צערטלעכ־סטע מעלאָדיעס — בנוגע מיין גירוש, האָט אים דער פראַנצויזישער מיניסטער־פּרעזידענט געענטפערט: „צי ווייסט איר אָבער, אַז די „נאַשע סלאָוואָ" האָט מען געפונען אין מאַרסעיל ביי די רוסישע זעלנער, וואָס האָבן דערהרגעט זייער פּאָלקאָווניק?" אויף דעם האָט זיך לאָנגע נישט געריכט. ער האָט געוואוסט די „צימערוואַלדער" ריכטונג פון דער צייטונג, — דערמיט האָט ער נאָך אַזוי אָדער אַנדערש געקענט שלום ווערן, אָבער אַז מען זאָל נעמען און דערהרגענען אַ פּאָלקאָווניק — דאָס האָט אים געמוזט טרעפן ווי אַ דונער. לאָנגע האָט גענומען זוכן אינפאָרמאַציעס ביי מיינע פראַנ־צויזישע פריינט. יענע, ווידער, האָבן זיך געווענדעט צו מיר. אָבער איך האָב וועגן מאָרד אין מאַרסעיל נישט געוואוסט מער פון זיי. אין דער מעשה האָבן זיך צופעליק אריינגעמישט די קאָרעספּאָדענטן פון דער רוסישער ליבעראַלער פּרעסע, די פּאַטריאָטישע קעגנער פון „נאַשע סלאָוואָ", און האָבן אויפגעקלערט די אַלע פּרטים פון דער געשיכטע אין מאַרסעיל. געהאַנדלט האָט זיך, נעמלעך, אין דעם, וואָס גלייכצייטיק מיטן איבערטראַנספּאָרטירן די רוסישע זעלנער אויפן רעפּובליקאַנישן באָדן — מחמת זייער אומבאַדייטנדיקער צאָל האָט מען דידאָזיקע אָפּטיילונגען אָנגערופן „סימבאָלישע" — האָט די צאַ־רישע רעגירונג אויך באַלד מאָבילייזירט אַ געהעריקע צאָל שפּיאָנען און אַגענטן־פּראָוואָקאַטאָרן. צווישן זיי האָט זיך אויך געפונען אַ געוויסער וויניגג (אַזוי, שיינט מיר, האָט ער געהייסן), וואָס איז אַראָפּגעקומען מיט אַ רעקאָמענדאַציע פון רוסישן קאָנסול אין לאָנ־דאָן. פון אָנהייב האָט זיך וויניגג געפּרוווט צוצוציען פאַר דער „רע־וואָלוציאָנערער" פּראָפּאַגאַנדע צווישן די זעלנער די מעסיקע רוסי־שע קאָרעספּאָדענטן. דאָ האָט ער זיך אָבער אָנגעשטויסן אויף אַ ווידערשטאַנד. אין דער רעדאַקציע פון „נאַשע סלאָוואָ" האָט ער זיך נישט דערוועגט צו ווייזן, אַזוי, אַז מיר האָבן אים גאָרנישט געקענט. אַז ער איז אָבער דורכגעפאַלן אין פּאַריז, איז ער אַוועק

קיין טולאָן, וואו ער האָט, אַפּנים, מצליח געווען צווישן די רוסישע מאַטראָסן, וואָס זיי איז געווען שווערער זיך צו אָריענטירן אין זיין ראָל. „דער באָדן איז דאָ פאַר אונזער אַרבעט זייער אַ גינסטיקער, שיקט מיר רעוואָלוציאָנערע ביכער און צייטונגען", האָט ווינינג, אויף מזל, געשריבן פון טולאָן צו פאַרשיידענע רוסישע זשורנאַליסטן, ער האָט אָבער נישט באַקומען פון זיי קיין תשובה. אין טולאָן איז דערווייל אויסגעבראָכן אַ שאַרפער בונט אויף דער רוסישער קרייצערשיף „אַסקאָלד", וואָס איז מיט גרויס אכזריות דערשטיקט געוואָרן. ווי־נינגס ראָל אין דערדאָזיקער געשיכטע האָט זיך צו שטאַרק גע־וואָרפן אין די אויגן און ער האָט געפונען פאַר נויטיק אַריבערצו־טראָגן זיין טעטיקייט קיין מאַרסעיל. דער באָדן איז אויך דאָרט געווען אַ „דאַנקבאַרער". נישט אָן ווינינגס אָנטייל איז דאָ אויך אויסגעבראָכן אַ בונט צווישן די רוסישע זעלנער, וואָס האָט זיך געענדיקט מיטן מאָרד פון דעם רוסישן פּולקאָווניק קראַוזע — מען האָט אים אויפן הויף פון דער קאַזאַרמע דערהרגעט מיט שטיינער. בעת די אַרעסטן האָט מען ביי די זעלנער, וואָס זענען געווען פאַר־מישט אין דעמדאָזיקן ענין, געפונען איין און דעמזעלבן נומער פון „נאַשע סלאָוואָ". ווען די רוסישע זשורנאַליסטן זענען אַראָפּגעקומען קיין מאַרסעיל, כדי זיך צו דערוויסן, וואָס דאָרט איז פאָרגעקומען, האָבן זיי די אָפיצירן איבערגעגעבן, אַז איינער אַ ווינינג האָט בעתן בונט אַריינגערוקט אַלעמען, וועמען עס האָט זיך נאָר געלאָזט, די צייטונג „נאַשע סלאָוואָ". און טאַקע נאָר דערפאַר האָט מען ביי די אַרעסטירטע געפונען די צייטונג, וועלכע זיי האָבן אַפילו נישט באַוויזן איבערצולייענען.

מען מוז באַמערקן, אַז גלייך נאָך לאַנגעס שמועס מיט בריאַנען וועגן מיין גירוש, ד. ה. נאָך פריער איידער ווינינגס ראָל אין דערדאָזיקער געשיכטע איז אויפגעקלערט געוואָרן, האָב איך אין אַן אָפענעם בריוו צו זשול געדן אַרויסגעזאָגט די השערה, אַז „נאַשע סלאָוואָ" האָט אין אַ נויטיקן מאָמענט מיט אַ כיוון געקאָנט פאַרטיילט ווערן צווישן די זעלנער דורך עפּעס אַ פּראָוואָקאַטאָר. דידאָזיקע השערה איז אַ סך פריער, ווי איך האָב געקאָנט האָפן, אויסדריקלעך באַ־שטעטיקט געוואָרן דווקא מצד די אויסגעשפּראָכענע קעגנער פון אונזער צייטונג. אָבער ס'איז אַלצאיינס. די צאַרישע דיפּלאָמאַטיע האָט דער רעגירונג פון דער רעפּובליק געגעבן גענוג קלאָר צו

פאַרשטיין, אַז אויב זי וויל האָבן רוסישע זעלנער, מוז זי וואָס גיכער צעשטערן די נעסט פון די רוסישע רעוואָלוציאָנערן. דאָס ציל איז דערגרייכט געוואָרן: די פראַנצויזישע רעגירונג, וואָס האָט זיך ביז אַהער געוואַקלט, האָט פאַרמאַכט די „נאַשע סלאָוואָ", און דער אינערן-מיניסטער מאַלווי האָט אונטערגעשריבן דעם באַפעל, וואָס איז פריער צוגעגרייט געוואָרן פון דער פּאָליציי, אַז מען זאָל מיך אַרויסשיקן פון פראַנקרייך.

איצט האָט זיך דאָס מיניסטעריום געפילט גוט פאַרזיכערט. נישט בלויז זשאַן לאָנגע, נאָר אויך עטלעכע אַנדערע דעפּוטאַטן, בפרט לייגן, דעם פּאָרזיצער פון דער פּאַרלאַמענטאַרישער קאָמיסיע, האָט בריאַן אָנגעוויזן אויף דער מאַרסעילער געשיכטע, ווי אויף דער סיבה פון מיין אַרויסשיקונג. דאָס האָט געמוזט האָבן אַ ווירקונג. אָבער אַזוי ווי „נאַשע סלאָוואָ", וואָס האָט זיך געפונען אונטער אַ שטרענגער צענזור און איז פריי פאַרקויפט געוואָרן אין די פּאַריזער קיאָסקן, האָט נישט געקענט העצן צום מאָרד פונם פּולקאָווניק, איז די זאַך געבליבן אַ רעטעניש, ביז עס איז אַנטפּלעקט געוואָרן איר פּראָוואָקאַטאָרישער אונטערשלאַק. זי איז אויך באַלד מפורסם געוואָרן אין דער פּאַלאַטע. מען האָט מיר איבערגעגעבן, אַז ווען דער דעמאָלטיקער בילדונגס-מיניסטער, פּענלעווע, האָט זיך באַקענט מיט דער הינטערקוליסן-זייט פון דערדאָזיקער געשיכטע, האָט ער אויסגערופן: „דאָס איז אַ חרפּה... דאָס טאָר אַזוי נישט בלייבן!" עס איז אָבער געווען אַ צייט פון מלחמה. דער צאַר איז געווען אַ פּאַרבינדעטער. מען האָט נישט געטאָרט דעמאַסקירן וויגינגען. אַזוי-אַרום האָט מען געמוזט אויספירן מאַלוויס באַפעל.

די פּאַריזער פּרעפעקטור האָט מיר געמאָלדן, אַז איך ווער אַרויסגעשיקט פון פראַנקרייך אין איינעם פון די לענדער, וואָס איך וועל מיר אַליין אויסקלויבן. איבעריקנס, האָט מען מיר גלייך אויפן אָרט מודיע געווען, אַז ענגלאַנד און איטאַליע זאָגן זיך אָפּ פון דעם כבוד צו האָבן מיך פאַר זייער גאַסט. איך האָב געמוזט פאָרן צוריק אין דער שווייץ. ליידער, אָבער, האָט די שווייצאַרישע מיסיע זיך קאַטעגאָריש אָפּגעזאָגט צו געבן מיר אַ וויזע. איך האָב טעלעגראַפירט צו מיינע שווייצאַרישע פריינט און באַקומען פון זיי אַ באַרואיקלעכן ענטפער: די פראַגע וועט באַשלאָסן ווערן אין פּאָזיטיוון זין. די שווייצאַרישע מיסיע האָט אָבער, ווי פריער, נישט

געוואָלט געבן קיין וויזע. ווי עס האָט זיך שפעטער אַרויסגעוויזן, האָט די רוסישע געזאַנדשאַפט, מיט דער הילף פון די פאַרבינדעטע אויסגעאיבט אין בערן דעם נויטיקן דרוק, און די שווייצאַרישע מאַכט האָט מיט אַ כּיוון אָפגעשלעפט דעם ענין, כּדי צו געווינען צייט, ביז מען וועט מיך אַרויסשיקן פון פראַנקרייך. קיין האָלאַנד און סקאַנדינאַוויע האָט מען זיך געקאָנט אַריינקריגן נאָר דורך ענגלאַנד. די ענגלישע רעגירונג האָט זיך אָבער קאַטעגאָריש אָפגעזאָגט צו געבן מיר אַ טראַנזיט-וויזע. אַזוי־אַרום איז געבליבן בלויז איין שפאַניע. דאָ אָבער האָב איך מיך שוין אַליין אָפגעזאָגט אַרויסצופאָרן פרייוויליק אויפן פירענייאישן האַלבאינזל. בערך אַ זעקס וואָכן צייט האָבן געדויערט די אונטערהאַנדלונגען מיט דער פאַריזער פאָליציי. די שפיצלעך זענען מיר נאָכגעגאַנגען אויף יעדן שריט און טריט, האָבן דעזשורירט ביי מיין וואוינונג און ביי דער רעדאַקציע פון אונזער צייטונג און נישט אַראָפגענומען די אויגן פון מיר. סוף-כּל-סוף האָט די פאַריזער מאַכט באַשלאָסן אָנצונעמען שטרענגע מיטלען. דער פאָליציי-פרעפעקט לאָראַן האָט מיך איינגעלאַדן צו זיך און געוואָרנט, אַז אַזוי ווי איך זאָג מיך אָפ אַרויסצופאָרן פרייוויליק, וועלן זיך מעלדן צו מיר צוויי פאָליציי-אינספעקטאָרן, — „איבעריקנס, אין „ציוויל-קליידער“, האָט ער צוגעגעבן מיט דער גרעסטער העפלעכקייט.

די צאַרישע געזאַנדשאַפט האָט דערגרייכט, וואָס זי האָט געוואָלט. איך בין אַרויסגעשיקט געוואָרן פון פראַנקרייך.

אין די פּרטים פון מיין שילדערונג, וואָס שטיצט זיך אַפילו אויף די נאָטיצן פון יענער צייט, קענען דאָך אַריינפאַלן קליינע אומפינקטלעכקייטן. אָבער דאָס עיקרדיקע איז אַבסאָלוט אומבאַשטרייטבאַר. חוצדעם, לעבט נאָך עד־היום דער גרעסטער טייל פון די אַלע, וואָס האָבן געהאַט אַ שייכות מיט דערדאָזיקער געשיכטע. אַ סך פון זיי געפינען זיך אין פראַנקרייך. פאַראַן אויך דאָקומענטן. די פאַקטן וואָלט מען באמת געקענט גאַנץ לייכט פעסטשטעלן. איך, פון מיין זייט, צווייפל נישט, אַז ווען מען זאָל אַרויסנעמען פון די פאָליציי-אַרכיוון מאַלוויס באַפעל וועגן מיין אַרויסשיקונג און אונטערוואַרפן דעמדאָזיקן דאָקומענט אַ דאַקטילאָסקאָפישער אונטערזוכונג, וואָלט מען זיכער ערגעץ אין אַ ווינקל אַנטדעקט דעם אָפדרוק פון הער וויבינגס ווייזפינגער.

איין און צוואַנציקסטער קאַפּיטל

איבערשפּאַניע

צוויי פּאָליציי-אינספּעקטאָרן האָבן געוואַרט ביי מיר אין וואוי־נונג, אויף דער קליינער rue Oudry. איינער — נישט קיין הויכער, כמעט אַ זקן; דער צווייטער — אַ ריז פון אַ יאָר 45 מיט אַ פּליך אויפן קאָפּ, אַ שוואַרצער, ווי סמאָלע.

די ציוויל-קליידער איז אויף ביידן אומגעלומפּערט געהאָנגען, און בעת זיי האָבן געענטפערט, האָבן זיי זיך געכאַפּט מיט דער האַנט צו דעם אומזעעוודיקן דאַשעק. ווען איך האָב זיך צעזעגנט מיט מיינע פריינט און מיין פאַמיליע, האָבן זיך די פּאָליציאַנטן אומגעווײנלעך העפלעך פאַרשטעקט הינטער דער טיר. אַרויסגייענ־דיק, האָט דער עלטערער עטלעכע מאָל אַראָפּגענומען דאָס היטל: „Excusez, Madame"*).

איינער פון די צוויי שפּיצלעך, וואָס האָט מיך אומדערמידלעך און בייז פאַרפאָלגט אין משך פון די לעצטע צוויי חדשים, האָט מיך אָפּגעוואַרט ביי דער גאַס-טיר. זייער פרײנטלעך, ווי עס וואָלט גאָרנישט געשען, האָט ער בעסער אויסגעלייגט דעם פּלעד און צו־געמאַכט די טיר פון אויטאָ. אויסגעזען האָט ער ווי אַ יעגער, וואָס גיט איבער דעם קונה דאָס רויב. מיר זענען אַוועקגעפאָרן.

אַ שנעל-צוג. אַ קופּע אין דריטן קלאַס. דער עלטערער אינ־

---

*) אַנטשולדיקט, מאַדאַם.

ספעקטאָר האָט זיך אַרויסגעוויזן פאַר אַ גוטן געאָגראַף־ טאָמסק, קאַזאַן, דער ניזשני־נאָווגאָראָדער יריד — ער ווייס אַלץ. ער רעדט שפּאַניש, קען דאָס לאַנד. דער צווייטער, דער שוואַרצער און הויכער, האָט אַ צייט לאַנג געשוויגן און, אַן אָנגעבלאָזענער, געזעסן אָן אַ זייט. שפּעטער אָבער האָט ער אויך באַקומען לשון. „די לאַטייניש׳ע ראַסע טאָפּטשעט זיך אויף איין אָרט, אַנדערע יאָגן זי איבער", — האָט ער פּלוצלונג אַ זאָג געטאָן און אָפּגעשניטן מיטן מעסער אַ שטיק חזיר־פלייש אויף דער האָריקער האַנט מיט שווערע רינגען. — „וואָס האָט איר אין דער ליטעראַטור? אַ ירידה אויף דער גאַנצער ליניע. אין דער פילאָזאָפיע איז אויך דאָסזעלבע. פון די צייטן פון דעקאַרט און פּאַסקאַל איז נישטאָ מער קיין שום באַוועגונג... די לאַטייניש׳ע ראַסע שטייט אויף איין אָרט". מיט גרויס חידוש האָב איך געוואַרט אויפן המשך. אָבער ער איז אַנטשוויגן געוואָרן און גענומען עסן דאָס חזיר־פּעטס מיט אַ בולקע. „איר האָט דאָ נישט לאַנג געהאַט טאָלסטאָיען, אָבער איבסען איז אונז פאַרשטענדלעכער, ווי טאָלסטאָי". און ער איז ווידער אַנטשוויגן געוואָרן.

דער אַלטער, וואָס איז אַ ביסל געטראָפן געוואָרן דורך דעמ־דאָזיקן אויסדרוק פון למדות, האָט גענומען אויפקלערן די באַדייטונג פון דער סיבירישער אייזנבאַן. נאָכדעם האָט ער דערגאַנצט און צוגלייך אויך געמילדערט די פּעסימיסטישע מסקנה פון זיין קאָלעגע, צוגעבנדיק: „יאָ, אונז פעלט איניציאַטיוו. אַלע ווילן ווערן באַאַמטע. דאָס איז אַ טרויעריקע דערשיינונג, אָבער מען קאָן זי נישט אָפּלייקענען". איך האָב ביידז אויסגעהערט געהאָרכזאַם און מיט אַ געוויסן אינטערעס.

— נאָכשפּיאָנירן? אָ, איצט איז עס אַן אוממעגלעכע זאַך. דאָס נאָכשפּיאָנירן האָט נאָר דעמאָלט אַ זין, ווען מען זעט עס נישט, נישט וואָר? מען מוז זאָגן אָפן: דאָס מעטראָ האָט דערהרגעט דעם שפּיאָנאַזש. די, וועלכע מען שפּיאָנירט נאָך, האָט מען געדאַרפט אָנ־זאָגן: זעצט זיך נישט אַריין אין קיין מעטראָ — נאָר דאַן איז מעגלעך דאָס נאָכשפּיאָנירן. — און דער שוואַרצער האָט זיך טריב צעלאַכט. דער אַלטער האָט מילדערנדיק געזאָגט: „אָפּט שפּיאָנירן מיר נאָך, לײדער, אָבער, אַליין נישט וויסנדיק פאַרוואָס".

— מיר, פּאָליציײַליט, זענען סקעפּטיקער, — האָט דער שוואַר־צער ווידער אָנגעהייבן אָן אַ געהעריקן איבערגאַנג צו דעם שמועס. —

איר האָט אייערע אידעען. מיר אָבער באַשיצן דאָס, וואָס עס עקזיסטירט. נעמט די גרויסע רעוואָלוציע, וואָס פאַר אַ באַוועגונג פון אידעען! אין פערצן יאָר אַרום נאָך דער רעוואָלוציע איז דאָס פאָלק געווען אומגליקלעכער, איידער אַן אַנדערשמאָל. לייענט טענען... מיר, פּאָליציילייט, זענען קאָנסערוואַטאָרן לויט אונזער אמט. דער סקעפּטיציזם איז די איינציקע פילאָזאָפיע, וואָס פּאַסט זיך פאַר אונזער פּראָפעסיע. סוף-כּל-סוף קלויבט קיינער נישט אויס זיין וועג. קיין ווילנס-פרייהייט עקזיסטירט בכלל נישט. אַלץ איז פאָרויס באַשטימט דורך דעם גאַנג פון די געשעענישן.

ער האָט גענומען טרינקען דעם רויטוויין, מעשה-סטאָיקער — גלייך פון פלעשל. דערנאָך, אַז ער האָט עס פאַרקאָרקעוועט, האָט ער זיך ווידעראַמאָל אָנגערופן: „רענאַן האָט געזאָגט, אַז נייע אידעען קומען שטענדיק צופרי, און דאָס איז ריכטיק”.

דערביי האָט דער שוואַרצער געוואָרפן אַ פאַרדעכטיקן בליק אויף מיין האַנט, וואָס איך האָב צופעליק אַרויפגעלייגט אויף דער קליאַמקע פון דער טיר. כּדי אים צו באַרויקן, האָב איך באַהאַלטן די האַנט אין קעשענע.

דער אַלטער האָט דערווייל ווידער גענומען דעם רעוואַנש: ער האָט גערעדט וועגן די באַסקן, וועגן זייער שפּראַך, זייערע פרויען, זייער קאָפּ-צירונג א. ד. גל. מיר זענען צוגעפאָרן צו דער סטאַציע Hendaye.

— דאָ האָט געוואוינט דערולעד, אונזער נאַציאָנאַלער ראָמאַנטיקער. פאַר אים איז געווען גענוג צו זען פראַנקרייכס בערג, אַ דאָן-קיכאָט אין זיין שפּאַנישן ווינקעלע. — דער שוואַרצער האָט צוגעשמייכלט מיט עפּעס אַ האַרטער נאָכגיביקייט. — זייט אַזוי גוט, מיין הער, קומט מיר וועלן אַריין אין קאָמיסאַריאַט פון וואָקזאַל.

אין אירון האָט מיך עפּעס געפרעגט אַ פראַנצויזישער זשאַנדאַרם, אָבער מיין באַגלייטער האָט אים צוגעוואָרפן עפּעס אַ מין צייכן, ווי אַ פריימויערער און געשווינט מיך אַוועקגעפירט דורך זייטיקע וואָקזאַל-וועגן.

Cést fait avec discretion? Nést ce pas?[1] — האָט מיך דער שוואַרצער אַ פרעג געטאָן. — פון אירון קאָנט איר מיטן טראַמוויי

1) אדורכגעפירט אייך גאַנץ דיסקרעט? נישט וואָר?

אריינפאָרן קיין סאַן־סעבאַסטיאַן. איר מוזט מאַכן דעם אָנשטעל פון א טוריסט, כדי נישט אַרויסצורופן קיין חשד ביי דער שפּאַנישער פּאָליציי, וואָס איז זייער, זייער שרעקעוודיק. און איצט קען איך אייך נישט מער, נישט אמת?

מיר האָבן זיך קאַלט צעזעגנט...

פון סאַן-סעבאַסטיאַן, וואו איך האָב מיך געקוויקט מיטן ים און זיך ממש איבערגעשראָקן פאַר די אויפגעשרויפטע פרייזן, בין איך אַרויסגעפאָרן קיין מאַדריד און בין אַריינגעפאַלן אין אַ שטאָט, וואו איך האָב קיינעם נישט געקענט — קיין איינציקן מענטשן — און וואו קיינער האָט מיך נישט געקענט. און אַזוי ווי שפּאַניש איז מיר געווען לחלוטין פרעמד, האָב איך שוין נישט געקאָנט זיין איינזאַמער אין מדבר סאַכאַרע אָדער אין דער פּעטראָפּאַוולער פעסטונג, ווי דאָ אין מאַדריד. ס'איז נישט געווען קיין אַנדער ברירה, ווי זיך צו נעמען פאַר דער שפּראַך פון דער קונסט. צוויי יאָר קריג האָבן גע־מאַכט פאַרגעסן, אַז זי עקזיסטירט נאָך בכלל. מיט דער גיריקייט פון אַן אויסגעהונגערטן מענטשן האָב איך געשלונגען די אומשאַצ־באַרע אוצרות פון דעם מאַדרידער מוזיי און, ווי אַמאָל, געשפּירט אין דערדאָזיקער קונסט דעם עלעמענט פון „אייביקן". רעמבראַנדט, ריבייר, בילדער פון באָס וואַן אַקען, וואָס זענען געניאַל אין זייער נאַיווער לעבנספרייד. דער אַלטער וועכטער האָט מיר געגעבן אַ לופּע, אַז איך זאָל קאָנען בעסער באַטראַכטן די קליינע פיגורן פון פּויערים, אייזעלעך און הינט אויף מיגועלס בילדער.

דער קריג האָט זיך דאָ לגמרי נישט געשפּירט, אַלץ איז גע־שטאַנען פעסט אויפן אָרט, די פאַרבן האָבן געלעבט מיט זייער אייגענעם אומקאָנטראָלירטן לעבן.

אָט וואָס איך האָב מיר אין מוזיי פאַרצייכנט אין מיין נאָטיץ־בוך:

„צווישן אונז און דידאָזיקע זקנים — לגמרי זיי נישט פאַר־שטעלנדיק און נישט פאַרקלענערנדיק — איז ביזן קריג געשטאַנען די נייע קונסט, וואָס איז געווען מער אינטים, מער אינדיווידועל, ניואַנס־רייכער, מער סוביעקטיוו, מער אָנגעשטרענגט. דער קריג וועט, מסתמא, אויף אַ לאַנגער צייט אַראָפּשווענקען דידאָזיקע שטימונגען און דעמדאָזיקן שטייגער דורך מאַסן-ליידנשאַפטן און מאַסן-יסורים, אָבער דאָס וועט בשום אופן נישט הייסן קיין צוריקקער צו דער

אַלטער פאָרם, וואָס איז אַפילו שיין און פאַרענדיקט אַנאַטאָמיש און באָטאַניש, צו די רובענשע לענדן (הגם לענדן וועלן מסתמא, שפּילן אַ גרויסע ראָל אויך אין דער נייער, נאָכמלחמהדיקער קונסט, וואָס וועט זיין דורשטיק צום לעבן). עס איז שווער צו זאָגן נביאות, אָבער פון די אויסערגעוויינלעכע איבערלעבענישן, וועלכע האָבן אומ־מיטלבאַר פאַרכאַפּט כמעט די גאַנצע קולטורעלע מענטשהייט, מוז אנטשטיין אַ נייע קונסט...״

זיצנדיק ביי זיך אין האָטעל, האָב איך מיט אַ ווערטערבוך אין האַנט געלייענט די שפּאַנישע צייטונגען און געוואַרט אויף דעם ענטפער, וואָס האָט געדאַרפט קומען אויף די בריוו, וועלכע איך האָב צע־שיקט אין דער שווייץ און איטאַליע. איך האָב נאָך אַלץ געהאָפט זיך אַריבערצופּעקלען אַהין. אויפן פערטן טאָג פון מיין זיצן אין מאדריד האָב איך באַקומען פון פּאַריז אַ בריוו מיט אַן אַדרעס פון דעם פראַנצויזישן סאָציאַליסט גאַביע. ער איז דאָ געווען אַ דירעק־טאָר פון אַן אַסעקוראַנץ־געזעלשאַפט. נישט געקוקט אויף זיין ביר־גערלעכער געזעלשאַפטלעכער שטעלונג, האָט זיך גאַביע אַרויסגעוויזן פאַר אַן אויסגעשפּראָכענעם קעגנער בנוגע דער פּאַטריאָטישער פּאָלי־טיק פון זיין פּאַרטיי. פון אים האָב איך מיך דערוואוסט, אַז די שפּאַנישע פּאַרטיי געפינט זיך אינגאַנצן אונטערן איינפלוס פון דעם פראַנצויזישן סאָציאַל־פּאַטריאָטיזם. אַן ערנסטע אָפּאָזיציע עקזיסטירט נאָר אין באַרצעלאָנע ביי די סינדיקאַליסטן. דער סעקרעטאַר פון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי אַנגיאַנאָ, וועלכן איך האָב געוואָלט באַזוכן, איז, ווי עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, מיט 15 טעג פריער אַרעסטירט געוואָרן פאַר אַן אומרעספּעקטלעכן אויסדרוק וועגן עפּעס אַ קסטוילישן קדוש. אין די פריערדיקע צייטן וואָלט מען אַזאַ אַנגיאַאַנאָ פּראָסט־פּשוט פאַרברענט אויפן אויטאָ־דאַ־פע.

נאָך האָב געוואַרט אויף אַן ענטפער פון דער שווייץ, איינ־געחזרט שפּאַנישע ווערטער, געשמועסט מיט גאַביען און באַזוכט מוזייען. דעם 9־טן נאָוועמבער האָט דאָס שטוב־מיידל פון קליי־נעם פּענסיאָן, וואו גאַביע האָט מיך איינגעאָרדנט, מיט צעשראָקענע זשעסטן מיך אַרויסגערופן אין קאָרידאָר. דאָרט זענען געשטאַנען צוויי חברה־לייט פון אַ גאַנץ באַשטימטן אויסזען, וואָס האָבן מיך, אָן אַ באַזונדערער העפלעכקייט, אויפגעפאָדערט מיטצוגיין מיט זיי. וואוהין? ס׳פאַרשטייט זיך, אין דעם בנין פון דער מאַדרידער פּרעפעקטור

דאָרט האָט מען מיך אַוועקגעזעצט אין אַ ווינקל. „בין איך, הייסט עס, אַרעסטירט?" האָב איך אַ פרעג געטאָן.

— יאָ, par una hora, dos horas (אויף אַ שעה, צוויי).

נישט טוישנדיק די פּאָזע, בין איך אָפּגעזעסן אין פּרעפעקטור 7 שעה נאָכאַנאַנד. 9 אַ זייגער אינאָוונט האָט מען מיך אַרויפגעפירט אין דער הויך. איך בין געשטאַנען פאַר אַ געניג צאָלרייכן אָלימפּ.

— פאַרוואָס, אייגנטלעך, האָט איר מיך אַרעסטירט?

די־אָזיקע פשוטע פראַגע האָט די אָלימפּיער פשוט צעמישט די מוחות. איינער נאָכן צווייטן האָבן זיי אָנגעהייבן אַרויסצוזאָגן פאַרשיידענע היפּאָטעזן. איינער האָט זיך פאַררופן אויף די פּאַס־שוועריקייטן, וואָס די רוסישע רעגירונג מאַכט פאַר די אויסלענדער, וועלכע פאָרן אַרויס קיין רוסלאַנד.

— ווען איר וואָלט געוואוסט, וואָס פאַר אַ שלל מיט געלט מיר מוזן אויסגעבן אויף דער פאַרפאָלגונג פון אונזערע אַנאַרכיסטן...— האָט אַ צווייטער געזוכט מיין מיטגעפיל.

— אָבער, דערלויבט, איך קאָן דאָך נישט זיין גלייכצייטיק פאַראַנטוואָרטלעך אי פאַר דער רוסישער פּאָליציי, אי פאַר די שפּאַנישע אַנאַרכיסטן.

— געוויס, געוויס, דאָס האָב איך נאָר געזאָגט אַלס ביישפּיל...

— וואָסערע אָנשווייגונגען האָט איר? — האָט דער שעף צולעצט אַ פרעג געטאָן נאָך אַ ווײַלע טראַכטן.

אין אַ פּאָפּולערער פאָרם האָב איך אים איבערגעגעבן מיינע אָנשויוונגען.

— נו, איר זעט דאָך אַליין, — האָט מען מיר געענטפערט.

צולעצט האָט מען מיר געמאָלדן דורכן דאָלמעטשער, אַז איך וועל אויפגעפאָדערט וואָס גיכער צו פאַרלאָזן שפּאַניע, און ביז דעם מאָמענט מוז מיין פרייהייט אונטערגעוואָרפן ווערן „געוויסע באַגרעניצונגען".

— אייערע אידעען זענען צו פּראָגרעסיוו (trop avancées) פאַר שפּאַניע, — האָט ער מיר דורכן דאָלמעטשער אָפנהאַרציק געמאָלדן.

12 אַ זייגער ביינאַכט האָט מיר אַ פּאָליציי־אַגענט אויף אַ דראָזשקע אָפּגעפירט אין תפיסה. אַן אומפאַרמיידלעכע רעוויזיע פון די זאַכן אין צענטער פון דער תפיסה „שטערן", וואו עס קרייצן זיך פיל בנינים, — יעדער בנין פיר שטאָק די הויך. אייזערנע הענגן

טרעפּ. אַ באַזונדערע שטילקייט, אַ תּפיסהדיקע, אַ נאַכטיקע, אָנגע-
זאַפּט מיט שווערע אויסדאַמפונגען און קאָשמאַרן. טונקעלע עלעק-
טרישע לעמפּלעך אין די קאָרידאָרן. ס'איז אַלץ באַקאַנט, אַלץ דאָס-
זעלבע. אַ ווילד הילכן ביים עפענען די מיט אייזן געשמידטע טיר. אַ
גרויס צימער, האַלב-טונקל, אַ שלעכטער תּפיסה-גערוך, אַן צרה-
דיקע בעט, פון וועלכער עס כאַפּט עקלען. אַ ווילד הילכן ביים צו-
שליסן די טיר. צום וויפלטן מאָל? איך האָב געעפנט דעם לופטשיק
הינטער די קראַטעס. עס האָט אַ בלאָז געטאָן אַ קעלט. אין די
מלבושים, צוגעשפּילעט אויף אַלע קנעפּלעך, האָב איך מיך אַ לייג
געטאָן אין בעט און האָב מיך צוגעדעקט מיטן מאַנטל. ערשט איצט
איז מיר קלאָר געוואָרן דער גאַנצער אַבסורד פון דעם, וואָס עס איז
געשען. אין מאַדריד — אין תּפיסה. אַזוינס האָט זיך מיר קיינמאָל
נישט געחלומט. איזוואָלסקי האָט עס געמאַכט מעשה בריה. אין מאַדריד.
איך בין געלעגן אויפן בעט אין דער מאַדרידער „מוסטערהאַפטער
תּפיסה" און געלאַכט פון גאַנצן האַרצן געלאַכט, ביז איך בין איינ-
געשלאָפן.

בעתן שפּאַציר האָבן מיר די קרימינעלע דערקלערט, אַז אין
דערדאָזיקער תּפיסה זענען פאַראַן געצאָלטע און בחינמדיקע קאַמערן.
אַ קאַמער פון ערשטן קלאַס קאָסט אַנדערטהאַלבן פּעסעטעס אַ מעת-
לעת, פון צווייטן קלאַס — 75 סאַנטים. יעדער אַרעסטירטער האָט
דאָס רעכט זיך אָנצודינגען אַ געצאָלטע קאַמער, ער האָט אָבער
נישט קיין רעכט זיך אָפּצוזאָגן פון אַ בחינמדיקער קאַמער. מיין קאַ-
מער — איז אַ געצאָלטע פון ערשטן קלאַס. ווידער האָב איך פון
גאַנצן האַרצן געלאַכט. סוף-כּל-סוף איז עס דאָך אָבער גאַנץ קאָנ-
סעקווענט. פאַרוואָס זאָל הערשן גלייכהייט אין תּפיסה, בעת די גע-
זעלשאַפט איז אינגאַנצן געבויט אויף אומגלייכהייט? חוץ דעם, בין
איך געוואָר געוואָרן, אַז די איינוואוינער פון די געצאָלטע קאַמערן
שפּאַצירן צוויי מאָל אין טאָג צו שעה, בעת די אַלע איבריקע בלויז
אַ האַלבע שעה. ווידעראַמאָל ריכטיק. די לונגען פון אַ פערד-גנב,
וואָס צאָלט טעגלעך אַנדערהאַלבן פראַנק, האָבן מער רעכט אויף
אַ גרעסערער פּאָרציע לופט, ווי די לונגען פון אַ שטרייקער, וואָס
אָטעמט בחינם.

אויפן דריטן טאָג האָט מען מיך גענומען אויף די אַנטראָפּאָ-
מעטרישע אויסמעסטונגען און געהייסן אויסשמירן די פינגער מיט

מיט שוואַרצער דרוק-פאַרב, כדי צו מאַכן פון זיי אַן אָפּדרוק אויף ספּעציעלע קאַרטלעך. איך האָב מיך אָפּגעזאָגט דערפון. דאַן האָט מען אָנגעווענדט „געוואַלט״, אמת, מיט אויסערגעוויינלעכער העפלעכקייט. איך האָב געקוקט אין פענסטער, און דער אויפזעער האָט העפלעך אויסגעשמירט מיין האַנט, אַ פינגער נאָך אַ פינגער, און אַ מאָל צען זיי אַוועקגעלייגט אויף פאַרשיידענע קאַרטן און בויגנס פּאַפּיר, — פריער די רעכטע און נאָכדעם די לינקע האַנט. שפּעטער האָט מען מיר געהייסן, איך זאָל מיך אָנידערזעצן און אויסטאָן די שיך. מיט די פיס איז דער ענין צוגעגאַנגען אַ ביסל שווערער. די אַדמיניסטראַציע האָט זיך אַרומגעבאָמבלט אַרום מיר אַ מטושטשע. סוף-כל-סוף האָט מען מיך פלוצלונג אָפּגעלאָזט אויף אַ זעונג מיט גאַביען און אַנגיאַנאָן, וואָס איז ערשט מיט אַ טאָג פריער באַפרייט געוואָרן פון תפיסה, נישט פון דער, נאָר פון אַן אַנדערער. זיי האָבן מיר מודיע געווען, אַז פאַר מיין באַפרייונג ווערט געטאָן אַלץ, וואָס איז נאָר מעגלעך. אין קאָרידאָר האָב איך מיך אָנגעשטויסן אויפן תפיסה-גלח. ער האָט אויסגעדריקט זיינע קאַטוילישע סימפּאַטיעס פאַר מיין פּאַציפיזם און צוגעגעבן מיט טרייסט: „Pacienzia, pacienzia“ *). קיין שום אַנדער טרייסט איז מיר לעת-עתה נישט געבליבן.

דעם 12-טן אינדערפרי האָט מיר דער אַגענט געמאָלדן, אַז היינט אין אָוונט מוז איך אַרויספאָרן קיין קאַדיקס און האָט זיך איינפאָרמירט, צי וויל איך באַצאָלן פאַרן בילעט. איך האָב דאָך אָבער גאָרנישט געהאַט בדעה צו פאָרן קיין קאַדיקס. איך האָב זיך קאַטעגאָריש אָפּגעזאָגט צו באַצאָלן פאַרן בילעט. ס׳איז גענוג, אַז מען צאָלט פאַרן נומער אין דער מוסטערהאַפטער תפיסה.

און אַזוי זענען מיר אין אָוונט אַרויסגעפאָרן פון מאַדריד קיין קאַדיקס. די הוצאות-הדרך זענען געגאַנגען אויפן חשבון פון דעם שפּאַנישן קעניג. אָבער למאי קיין קאַדיקס? איך האָב נאָכאַמאָל אַ קוק געטאָן אויפן בילעט. קאַדיקס געפינט זיך אויפן סאַמע לעצטן פונקט פון דער דרום-מערבדיקער האַלב-אינזל אין אייראָפּע. פון בעריאָזאָוו אויף הירשן איבערן אוראַל קיין פּעטערבורג, פון דאָרט מיט פאַרשיידענע אומוועגן קיין עסטרייך, פון עסטרייך דורך דער שווייץ קיין פראַנקרייך, פון פראַנקרייך קיין שפּאַניע און, צו-

*) געדולט, געדולט.

לעצט, דורך דער גאַנצער פּירענײאישער האַלבאינזל קיין — קאַדיקס. די אַלגעמיינע ריכטונג: פון צפון-מזרח קיין דרום-מערב. ווייטער ענדיקט זיך דער קאָנטינענט און עס הייבט זיך אָן דער אָקעאַן.

.Pacienzia!

די אַגענטן, וואָס האָבן מיך באַגלייט, האָבן לגמרי נישט געמאַכט קיין סוד פון אונזער נסיעה: יעדן איינעם, ווער עס האָט זיך נאָר אינטערעסירט, האָבן זיי אויספירלעך דערציילט מיין גאַנצע געשיכטע, און דערביי האָט מען מיך כאַראַקטעריזירט פון דער סאַמע בעסטער זייט: נישט קיין געלט-פעלשער, נאָר אַ קאַבאַליעראָ, אָבער מיט נישט קיין געהעריקע אָנשטיונגען. אַלע האָבן מיך געטרייסט דערמיט, וואָס אין קאַדיקס איז זייער אַ גוטער קלימאַט.

— ווי אַזוי האָט איר זיך, אייגנטלעך, דערקריגן צו מיר? — האָב איך געפרעגט די אַגענטן. פּראָסט-פּשוט: דורך אַ טעלעגראַמע פון פּאַריז. אַזוי האָב איך טאַקע אויך געטראַכט. די מאַדרידער דירעקציע האָט באַקומען אַ טעלעגראַמע פון דער פּאַריזער פּרעפעקטור: „אַ געפערלעכער אַנאַרכיסט, דער נאָמען אַזאַ און אַזאַ, איז אַריבער די גרענעץ ביי סאַן-סעבאַסטיאַן! וויל זיך באַזעצן אין מאַדריד”. אַזוי־אַרום האָט מען זיך שוין אויף מיר לכתחילה געריכט. מען האָט מיך געזוכט און מען איז געווען אומרואיק, ווען מען האָט מיך נישט געקענט אויסגעפינען אין משך פון אַ וואָך צייט. די פראַנצויזישע פּאָליציי-לייט האָבן מיך „העפלעך” אַריבערגעפירט די גרענעץ, דער פאַרערער פון מאָנטען און רענאַן האָט מיך אפילו געפרעגט: „C‘est fait avec discretion, n‘est ce pas?” *) גלייכצייטיק אָבער האָט דיזעלבע פּאָליציי טעלעגראַפירט קיין מאַדריד, אַז דורך אירון-סאַן-סעבאַסטיאַן איז דורכגעפאָרן אַ געפערלעכער „אַנאַרכיסט”.

אין אָט דער גאַנצער געשיכטע האָט געשפּילט אַן אומגעהייער גרויסע ראָל דער שעף פון דער אַזוי־גערופענער יורידישער פּאָליציי, בידע-פּאָפּאַ. ער איז געווען די נשמה פון דער נאָכשפּיאָנירונג און נאָכדעם פון דער אַרויסשיקונג. בידע האָט זיך אויסגעצייכנט צווישן די אַלע קאָלעגן מיט זיין אויסערגעוויינלעכער גראָבקייט און פאַרביסנקייט. ער האָט געפּרואווט רעדן מיט מיר אין אַזאַ טאָן, וואָס אַזוי האָבן זיך קיינמאָל נישט דערלויבט צו רעדן מיט מיר די צאַ-

---

*) אדורכגעפירט אייך גאַנץ דיסקרעט, נישט וואָר?

רישע זשאַנדאַרמען-אָפיצירן. אונזערע שמועסן האָבן זיך תמיד געענדיקט מיט אַן עקספּלאָזיע. אַוועקגייענדיק פון אים, האָב איך געשפּירט הינטערן רוקן זיין פיינטשאַפטלעכן בליק. אויף מיין זעונג אין תּפיסה מיט גאַביען האָב איך אויסגעדריקט די איבערצייגונג, אַז מיין אַרעסט איז צוגעגרייט געוואָרן דורך בידע-פּאָפּאַן. דערדאָזיקער נאָמען האָט, אַ דאַנק מיין לייכטער התחלה, געמאַכט אַ נסיעה איבער דער גאַנצער שפּאַנישער פּרעסע. ווייניקער, ווי אין צוויי יאָר אַרום, האָט מיר דער גורל געוואָלט פאַרשאַפן אַן אומגעריכטע באַפרידיקונג אויפן חשבון פון הער בידע. זומער, אין יאָר 1918, האָט מען מיר איינמאָל מיטגעטיילט טעלעפאָניש אינם קריגס-קאָמיסאַריאַט, אַז בידע, דער דונער-שליידערנדיקער בידע, זיצט אין איינער פון די סאָוויעט-תּפיסות. איך האָב נישט געגלויבט מיינע אייגענע אויערן. עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז די פראַנצויזישע רעגירונג האָט אים, צוליב שפּיאָנאַזש-און פאַרשווערונגס-צוועקן, אַרויסגעשיקט מיט דער מיליטערישער מיסיע אין דער סאָוויעטן-רעפּובליק. און ער איז געווען אַזוי ווייט נישט פאָרזיכטיק, אַז ער איז אַריינגעפאַלן. קיין גרעסערע באַפרידיקונג האָט מען פון נעמעזידען באמת נישט געקאָנט מער פאַרלאַנגען, אויב מען זאָל נאָך צוגעבן, אַז מאַלווי, דער אינערן-מיניסטער פון פראַנקרייך, וואָס האָט אונטערגעשריבן דעם באַפעל וועגן מיין אַרויסשיקונג, איז אַליין באַלד נאָך דעם אַרויסגעשיקט געוואָרן פון פראַנקרייך דורך קלעמאַנסאָס מיניסטעריום: מען האָט אים באַשולדיקט אין פּאַציפיסטישע אינטריגעס. האָט מען דאָך געדאַרפט צוטראַכטן אַזאַ מין טראַף פון אומשטענדן, וואָס זענען אַזוי ווי ספּעציעל צוגעפּאַסט פאַר אַ פילם!

אַז מען האָט געבראַכט בידען צו מיר אין קאָמיסאַריאַט, האָב איך אים לכתּחילה נישט דערקענט. דער דונער-שליידערנדיקער בידע האָט זיך פאַרוואַנדלט אין אַ פּשוטן שטערבלעכן און דערצו נאָך אין אַזאַ איינעם, וואָס האָט זיך שוין אינגאַנצן אָפּגעלאָזט. איך האָב אים אָנגעקוקט מיט אַ געוויסער שטוינונג.

— Mais oui, monsieur — האָט ער געזאָגט און אַראָפּגענויגט דעם קאָפּ. C'est moi — יאָ, דאָס איז געווען בידע. — אָבער ווי אַזוי? ווי האָט עס געקאָנט געשען? — איך האָב באמת געגאַפט. בידע האָט פילאָזאָפיש צעפירט מיט די הענט און מיט דער איבערצייגונג פון אַ פּאָליציי-סטאָיקער דערקלערט: „C'est la marche des

evènements*), אַזוי טאַקע! אַן אויסגעצייכנטע פאָרמולירונג. אין מיין זכרון איז אַרויסגעשוואומען דער שוואַרצער פאַטאַליסט, וואָס האָט מיך געפירט קיין סאַן-סעבאַסטיאַן: „קיין פרייער אויסוואַל איז נישטאָ, אַלץ איז פאָרויסבאַשטימט פון פריער".

— אָבער דאָך, הער בידע, אין פאַריז זענט איר נישט געווען צו מיר באַזונדערס העפלעך!...

— אַך, ליידער, מוז איך עס אָנערקענען, הער פאָלקס-קאָמי-סאַר. אין מיין קאַמער האָב איך גאַנץ אָפט געטראַכט פון דעם. פאַר אַ מענטשן איז אָפטמאָל נוצלעך, — האָט ער זייער ערנסט צו-געגעבן, — ער זאָל זיך באַקענען מיט דער תפיסה פון אינעווייניק. דאָך אָבער פאַרהאָף איך, אַז מיין פאַריזער האַלטונג וועט נישט האָבן פאַר מיר קיין טרויעריקע פאָלגן. — איך האָב אים באַרואיקט. — „אַז איך וועל קומען קיין פאַריז", האָט ער מיך פאַרזיכערט, „וועל איך מיך נישט מער באַשעפטיקן מיט דעם, וואָס איך האָב מיך פרי-ער באַשעפטיקט". — „מיינט איר אַזוי, הער בידע? On rewient toujours á ses premiers amours" **).

איך האָב אַזוי אָפט דערציילט דידאַקטישע פאַסירונג פאַר מיינע פריינט, אַז איך געדענק אונזער דיאַלאָג, ווי עס וואָלט ערשט נעכטן גע-שען. שפעטער, בעת אַן אויסטויש פון געפאַנגענע, האָט מען בידען אָפגעלאָזט קיין פראַנקרייך. זיין ווייטערדיקער גורל איז מיר אומבאַקאַנט.

מיר מוזן זיך אָבער פון קריגס-קאָמיסאַריאַט אומקערן צוריק קיין קאַדיקס.

נאָכדעם, ווי דער פרעפעקט פון קאַדיקס האָט זיך באַראַטן מיטן גובערנאַטאָר, האָט ער מיר געמאָלדן, אַז מאָרגן, אַכט אַ זייגער אינדערפרי, וועט מען מיך איבערשיקן קיין האַוואַנאַ. וואוהין עס גייט גראַדע אָפ אַ דאַמפער.

— וואוהין?

— קיין האַוואַנאַ.

— קיין האַוואַנאַ?

— קיין האַוואַנאַ.

— מיטן גוטן ווילן פאָר איך נישט.

---

*) דאָס איז דער גאַנג פון די געשעענישן.

**) מען קערט זיך תמיד אום צו דער ערשטער ליבע.

— ווען מיר זיין געצוואונגען אייך אריינצוזעצן אין אונ־טערדעק.

דער סעקרעטאר פון דייטשן קאנסולאט, א פריינט פון פרע־פעקט, וואס האט בייגעוואוינט דעמדאזיקן שמועס אלס דאלמעטשער, האט מיר געראטן „זיך צו רעכענען מיט דער ווירקלעכקייט״ (sich mit den Realitäten abzufinden).

.Pacienzia, Pacienzia! דאס איז שוין אבער געווען צופיל. איך האב ווידעראמאל געמאלדן, אז דאס וועט נישט גיין. אין דער באַ־גלייטונג פון די שפיצלעך בין איך איבער די גאסן פונם וואונדערשיינעם שטעטל, וואס איך האב כמעט נישט באמערקט, אוועקגעלאפן אין דער טעלעגראף־אפטיילונג און געשיקט דעפעשן „דרינגלעך״ צו גאביען, צו אנגיאנאן, צו דעם דירעקטאר פון דער פאליטישער פאליציי, צום מיניסטער פון אינערן, צום פרעמיער ראמאנאנעס, צו די ליבעראלע צייטונגען, צו די רעפובליקאנישע דעפוטאטן, מאביליזירנדיק אלע ארגומענטן, וואס זענען נאר געווען מעגלעך אריינצונעמען אין די ראמען פון א דעפעשע. דערנאך האב איך אין אלע עקן וועלט צעשיקט בריוו. „שטעלט אייך פאר, טייערער פריינט״, האב איך גע־שריבן צו דעם איטאליענישן דעפוטאט סעראטי, „אז איר געפינט זיך איצט אין טווער אונטער דער השגחה פון דער רוסישער פאליציי, און אז מען האט אייך בדעה ארויסצושיקן קיין טאקיא, וואוהין איר זענט אייך גארנישט מכוין צו פארן, — אזוי אומגעפער איז מיין לאגע אין קאדיקס פארן ארויסשיקן מיך קיין האוואנא״. דערנאך בין איך ווידער געלאפן מיט שפיצלעך צום פרעפעקט. אונטער מיין דרוק האט ער אויף מיינע הוצאות טעלעגראפירט קיין מאדריד, אז איך וויל בעסער בלייבן אין קאדיקסער תפיסה ביז עס וועט אנקומען דער ניו־יארקער דאמפער, איידער צו פארן קיין האוואנא. איך האב זיך נישט געוואלט אונטערגעבן. דאס איז געווען א הייסער טאג!

דערווייל האט דער רעפובליקאנישער דעפוטאט קאסטראווידא אריינגעטראגן אין קארטעס אן אנפראגע וועגן מיין ארעסט און מיין ארויסשיקונג. אין די צייטונגען האט זיך אנגעהייבן א פאלעמיק. די לינקע זענען אנגעפאלן אויף דער פאליציי, אבער אלס פראנקא־פילן האבן זיי פאראורטיילט מיין פאציפיזם. די רעכטע האבן סימ־פאטיזירט מיט מיין „פריינטשאפט צו דייטשלאנד״ (נישט אומזיסט האט מען מיך ארויסגעשיקט פון פראנקרייך), אבער זיי האבן זיך גע־

שראַקן פאַר מיין אַנאַרכיזם. אין דעמדאָזיקן פּלאָנטער האָט זיך קיינער נישט געקאָנט אָריענטירן. דאָך אָבער האָט מען מיר דער־לויבט צו וואַרטן אין קאַדיקס אויף דער נאָענטסטער שיף קיין ניו־יאָרק. דאָס איז געווען אַן ערנסטער נצחון!

עטלעכע וואָכן נאָכדעם האָב איך מיך כסדר געפונען אונטער דער השגחה פון דער קאַדיקסער פּאָליציי. אָבער דאָס איז געווען אַ גאַנץ פרידלעכע, פאַמיליערע השגחה, גאָרנישט דאָס, וואָס אין פּאַריז. דאָרט האָב איך אין משך פון די לעצטע צוויי חדשים צעפּטרט נישט ווייניק ענערגיע, כּדי זיך אַרויסצודרייען פון די שפּיצלעך, — איך פלעג מיך אַוועקיאָגן אויף אַן איינזאַמען אויטאָ, זיך אַריינכאַפּן אין אַ פינסטערן קינאָ, אַריינשפּרינגען אין סאַמע לעצטן מאָמענט אין וואַגאָן פון מעטראָ, אָדער, פּאַרקערט, מיטאַמאָל, אומגעריכט אַרויסשפּרינגען פון אים א. ד. גל. די שפּיצלעך האָבן אויך נישט געדרעמלט, אָנגעווענדעט ביי דעם יאַגד אַלע זייערע קונצשטיק: איבערגעכאַפּט די אויטאָס, געוואַכט ביי די טירן פון קינאָ, אַרויס־געפלויגן, ווי אַ באָמבע פון טראַמוויי און מעטראָ, און דערמיט דער־וועקט גרויס כּעס ביים פּובליקום און ביי די קאָנדוקטאָרן. אין פלוג איז עס אָבער געווען קונסט לשם קונסט. מיין פּאָליטישע טעטיקייט איז אַדורכגעגאַנגען אָפן אויף די אויגן פון דער פּאָליציי. אָבער די פּאַרפּאָלגונגען פון די שפּיצלעך האָבן דענערווירט און דערוועקט די ספּאָרט־אינסטינקטן. אָבער אין קאַדיקס האָט מיר דער שפּיצל גע־מאָלדן, אַז ער וועט צוריקקומען אין דער און דער שעה, און אַז איך דאַרף אים געדולדיק אָפּוואַרטן אין האָטעל. ער פּאַרטיידיקט שטאַרק מיינע אינטערעסן, העלפט מיר מיט ביי מיינע קניות און מאַכט מיר אויפמערקזאַם אויף אַלע לעכער אין די טראָטואַרן. אַז אַ גאַסנגייער מיט געקאָכטע קרעווטקעס האָט געבעטן צוויי רעאַלן פאַר אַ טוץ, איז אים דער שפּיצל באַפּאַלן מיט מוראַדיקע זידלערייען, האָט אים געדראָט מיט די הענט, און ווען יענער איז שוין אַרויס פון קאַפּע, האָט אים דער שפּיצל ווידעראַמאָל אָנגעיאָגט און אויפגעהייבן אונטער די פענסטער אַזעלכע ווילדע קולות, אַז עס איז זיך צונויפ־געלאָפן אַ גרויסער המון.

איך האָב זיך באַמיט נישט צו פאַרלירן אומזיסט קיין צייט: געאַרבעט אין ביבליאָטעק איבער דער געשיכטע פון שפּאַניע, איינ־געחזרט שפּאַנישע קאָניוגאַציעס און גרייטנדיק זיך פאַר אַמעריקע,

האָב איך בייגייט דעם זאַפּאַס פון מיינע ענגלישע ווערטער. די טעג
זענען אַוועק אומבאַמערקט, און נישט זעלטן האָב איך אין אָוונט
מיט ערגערניש איינגעזען, אַז עס דערנענטערט זיך דער טאָג פון
אָפּפאָרן, און איך האָב מיך גאַנץ ווייניק געריקט פאָרויס. אין ביב-
ליאָטעק בין איך תמיד געווען אַליין, אויב מען זאָל נישט רעכענען
די ביכער-ווערעם, וואָס האָבן צעפרעסן אַ מענגע בענדער פון XVIII-טן
יאָרהונדערט. אָפּטמאָל האָט מען געמוזט אָנווענדן גענוג מי, כדי צו
טרעפן אַ נאָמען אָדער אַ צאָל.

אין מיין דעמאָלטיקן נאָטיץ-ביכל געפין איך אַזאַ מין פאַרציי-
כענונג לזכרון: „דער היסטאָריקער פון דער שפּאַנישער רעוואָלוציע
דערציילט וועגן פּאָליטיקער, וואָס פינף מינוט פאַרן נצחון פון דער
פאָלקס-באַוועגונג האָבן זיי זי געשטעמפּלט ווי אַ פאַרברעכן און אַ
שגעון, און נאָכן נצחון האָבן זיי זיך געשטעלט בראש פון איר
דידאָזיקע געשיקטע הערן, — זאָגט ווייטער דער אַלטער היסטאָרי-
קער, — פלעגן זיך באַווייזן אין אַלע שפּעטערדיקע רעוואָלוציעס
און האָבן געשריגן העכער פון אַלע. די שפּאַניער רופן דידאָזיקע
בריהס — Panzistas פון וואָרט בויך. פון דעמדאָזיקן וואָרט שטאַמט,
ווי באַוואוסט, דער צונאָמען פון אונזער אַלטן באַקאַנטן סאַנטשאָ-
פּאַנסאַ. דעמדאָזיקן צונאָמען איז שווער איבערצוזעצן. נאָר די שווער-
קייט איז דאָ בלויז אַ לינגוויסטישע, אָבער נישט קיין פּאָליטישע.
דער טיפּ גופא איז אינגאַנצן אַן אינטערנאַציאָנאַלער". נאָכן יאָר
1917 האָב איך ווידעראַמאָל געהאַט נישם ווייניק צופאַלן דערין זיך
איבערצוצייגן.

מערקווירדיק איז געווען דאָס, וואָס די קאַדיקסער צייטונגען
האָבן לגמרי נישט געשריבן וועגן קריג, פּונקט ווי ער וואָלט גאָר-
נישט עקזיסטירט. אַז איך האָב אויפמערקזאַם געמאַכט מיינע מיט-
שמועסער וועגן דעם, אַז עס זענען לגמרי נישטאָ קיין קריגס-ביו-
לעטענען אין דער פאַרשפּרייטסטער צייטונג „El Diaro de Cadiz"
האָט מען מיר פאַרוואונדערט געענטפערט: „טאַקע? עס קאָן נישט
זיין... יאָ, יאָ, אמת טאַקע". זיי האָבן עס, הייסט עס, ביז אַהער
גאָרנישט באַמערקט. סוף-כל-סוף שלאָגט מען זיך דאָך ערגעץ-וואו-
הינטער די פּירענייען. איך אַליין האָב מיך אויך אָנגעהייבן אָפּצו-
געווינען פון דער מלחמה.

דער דאַמפער קיין ניו-יאָרק איז אָפּגעגאַנגען פון באַרצעלאָנע.

איך האָב באַקומען די דערלויבניש אַרויסצופאָרן אַהין באַגעגענען מיין פאַמיליע. אין באַרצעלאָנע זענען אַרויסגעשוואומען נייע שוועריקייטן מיט דער פּרעפעקטור, נייע פּראָטעסטן און טעלעגראַמעס, נייע שפּיצלעך. עס איז געקומען מיין פאַמיליע. אין פּאַריז האָבן זיי פאַר דער צייט געהאַט אויסצושטיין נישט ווייניג עגמת־נפש. דערפאַר אָבער איז שוין איצט אַלץ גוט. מיר האָבן געשפּאַצירט איבער באַרצעלאָנע אין דער באַגלייטונג פון שפּאַנען. די יינגלעך האָבן שטאַרק הנאה געהאַט פון ים און פון די פּירות. מיר זענען שלום געוואָרן מיטן געדאַנק, אַז מיר פאָרן קיין אַמעריקע. מיינע באַמיונגען, אַז מען זאָל מיר דערלויבן איבערצופאָרן פון שפּאַניע דורך איטאַליע אין דער שווייץ האָבן זיך אויסגעלאָזט מיט גאָרנישט. די דערלויבניש איז, אמת, אונטערן דרוק פון די שווייצאַרישע און איטאַליענישע סאָציאַליסטן סוף־כּל־סוף אַרויסגעגעבן געוואָרן, אָבער ערשט נאָך דעם, ווי איך בין שוין געווען מיט מיין פאַמיליע אויפן שפּאַנישן דאַמפער, וואָס איז דעם 25־סטן דעצעמבער אַרויס פון דעם באַרצעלאָנער פּאָרט. די פאַרשפּעטיקונג איז, נאַטירלעך, געווען אַן אויסגערעכנטע. איזוואָלסקי איז אין אַזוינע זאַכן געווען אַ גרויסער מומחה.

די טיר פון אייראָפּע האָט זיך אין באַרצעלאָנע הינטער מיר פאַרהאַקט. די פּאָליציי האָט מיך מיט מיין פאַמיליע אַרויפגעזעצט אויפן שפּאַנישן דאַמפער פון דער טראַנס־אַטלאַנטישער געזעלשאַפט „מאָנסעראַט", וואָס האָט אין אַ משך פון 17 טעג צוגעשטעלט זיין לעבעדיקן און טויטן פראַכט קיין ניו־יאָרק. 17 טעג — דערדאָזיקער טערמין וואָלט אוודאי שטאַרק געלאָקט אין דער עפּאָכע פון כריסטאָפאָר קאָלומבוס, וואָס זיין מאָנומענט דערהייבט זיך איבער דעם באַרצעלאָנער פּאָרט. דער ים איז אין דערדאָזיקער ערגסטער צייט פון יאָר געווען זייער שטורעמדיק, און די שיף האָט געטאָן אַלץ, כּדי אונדז צו דערמאָנען אָן דער פאַרגענגלעכקייט פונם קיום. „מאָנסעראַט" איז געווען אַן אַלטער גראַט, ווייניק צוגעפּאַסט צו אַ נסיעה איבערן אָקעאַן. אָבער דער נייטראַלער שפּאַנישער פלאַג האָט אין דער צייט פון קריג פאַרקלענערט די שאַנסן, אַז די שיף זאָל דערטרונקען ווערן. טאַקע צוליב דידאָזיקע טעמים האָט די שפּאַנישע געזעלשאַפט גענומען טייער, האָט די פּאַסאַזשירן שלעכט איינגעאָרדנט און נאָך ערגער זיי בעשפּייזט.

די באַפעלקערונג אויף דער שיף איז געווען אַ פילפאַרביקע, און אין דערדאָזיקער פילפאַרביקייט איז זי געווען גאַנץ ווייניק אָנציִענדיק. דאָ זענען געווען נישט ווייניק דעזערטירן פון פאַרשידענע לענדער, על־פּי־רוב פון אַ העכערער מאַרקע. אַ קינסטלער האָט, אונטערן שוץ פון זיין אַלטן פאָטער, אַוועקגעפירט ווייט פון דער פייער־ליניע זיינע בילדער, זיין טאַלאַנט, זיין פאַמיליע און זיין פאַרמעגן. אַ באָקסער, וואָס איז צוגלייך אויך אַ בעלעטריסט, אַ קרוב פון אָסקאַר אוּאַילד, האָט זיך אָפן מודה געווען, אַז ער וויל בעסער אין אַן איידעלן ספּאָרט צעברעכן די קינבאַקן פון די הערן יאַנקיס, איידער צו לאָזן זיך דורכשטעכן די זייטן פון עפּעס אַן אומבאַקאַנטן דייטש. אַ טשעמפּיאָן פון ביליאַרד־שפּיל און אַן עלעגאַנטער דזשענטעלמען, האָט זיך שטאַרק אויפגערעגט דערפון, וואָס די ריי איז שוין דערגאַנגען אויך צו זיין עלטער. און צוליב וואָס? צוליב דעמדאָזיקן אומזיניקן בלוטבאָד? ניין! און ער האָט אויסגעדריקט זיינע סימפּאַטיעס פאַר די אידען פון צימערוואַלד. אַלע איבעריקע זענען געווען פון דעמזעלבן מין: דעזערטירן, אַוואַנטוריסטן, שפּעקולאַנטן אָדער „אומגעוואונטשענע” עלעמענטן, וואָס זענען אַרויסגעוואָרפן געוואָרן פון אייראָפּע. ווייל ווער האָט דען געקאָנט אייגפאַלן מיטן גוטן ווילן איבערצושניידן דעם אַטלאַנטישן אָקעאַן אין אַזאַ צייט אויף אַזאַ צרהדיקן שפּאַנישן דאַמפּערל?..

שווערער איז זיך צו אָריענטירן אין די פּאַסאַזשירן פון דריטן קלאַס. דידאָזיקע ליגן אין ענגשאַפט, באַוועגן זיך ווייניק, רעדן ווייניק, ווייל זיי עסן קנאַפּ, אָנגעברוגזטע, וואָס שווימען פון איין בייזער, נמאסדיקער נויט צו אַ צווייטער, וואָס איז נאָך דערווייל אומבאַקאַנט. אַמעריקע אַרבעט פאַר דער קריג־פירנדיקער אייראָפּע און זי נויטיקט זיך דעריבער אין פרישע אַרבעטס־קרעפטן, אָבער אָן טראַכאָמע, אָן אַנאַרכיזם און אָן אַנדערע קראַנקהייטן.

דער דאַמפּער אַנטפּלעקט פאַר די ייִנגלעך אַן אומגעהייער פעלד פאַר באַאָבאַכטונגען. זיי אַנטדעקן כסדר עפּעס נייעס. — „דו ווייסט, דער הייצער איז דאָ זייער אַ גוטער. ער איז אַ רעפּובליקער”. צוליב דעם, וואָס זיי וואַנדערן כסדר פון איין לאַנד אין אַ צווייטן, רעדן זיי אויף אַ באַזונדערער אייגנאַרטיקער שפּראַך. — „אַ רעפּובליקאַנער? אָבער ווי אַזוי האָט איר זיך מיט אים צונויפגערעדט?” „ער האָט אונז אַלץ גוט דערקלערט. ער האָט געזאָגט

אַלפאָנסאָ, און דערנאָך געמאַכט אַזוי: פּיף-פּאַף". „נו, אויב אַזוי, איז ער טאַקע אַ רעפּובליקאַנער", בין איך מסכּים. די יינגלעך שלעפּן פאַרן הייצער געטריקנטע מאַלאַגע-טרויבן און אַנדערע גוטע זאַכן. זיי באַקענען אונז מיט אים. דער רעפּובליקאַנער איז אַ יונג פון אַ יאָר צוואַנציק און אויף דער מאָנאַרכיע האָט ער, אַפּנים, אַ גאַנץ באַשטימטן קוק.

דער 1-שטער יאַנואַר 1917. אַלע אויפן דאַמפּער באַגריסן איינער דעם צווייטן צום נייעם יאָר. צוויי נייע יאָרן פון מלחמה האָב איך באַגעגנט אין פראַנקרייך, דאָס דריטע — אויפן אָקעאַן. וואָס טראָגט מיט זיך דאָס יאָר 1917?

זונטיק, דעם 13-טן יאַנואַר. מיר פאָרן צו צו ניו-יאָרק. דריי אַ זייגער ביינאַכט רייסן מיר זיך אויף פון שלאָף. מיר שטייען. טונקל. קאַלט. ווינט. רעגן. אויפן ברעג — אַ געוואַלדיקע מענגע פון נאַסע בנינים. די נייע וועלט!

צוויי און צוואַנציקסטער קאַפּיטל.

אין ניו־יאָרק

איך האָב מיך געפונען אין ניו־יאָרק, אין דער לעגענדאַריש־פּראָזאַישער שטאָט פון קאַפּיטאַליסטישן אויטאָמאַטיזם, וואו עס הערשט אויף די גאַסן די עסטעטישע טעאָריע פון קוביזם, און אין די הערצער — די עטישע פילאָזאָפיע פון דאָלאַר. ניו־יאָרק האָט מיר אימפּאָנירט, ווייל ער דריקט אַמשטאַרקסטן אויס דעם גייסט פון דער היינטיקער עפּאָכע.

דאָס רוב לעגענדעס, שיינט מיר, זענען געשאַפן געוואָרן וועגן מיין לעבן אין די פאַרייניקטע שטאַטן. אויב אין נאָרוועגיע, וואו איך בין געווען בלויז דורכפאָרנדיק, האָבן מיך די דערפינדערישע זשורנאַליסטן געצוואונגען זיך צו באַשעפטיקן מיט רייניקן שטאָקפיש, האָט די פּרעסע אין ניו־יאָרק, וואו איך האָב פאַרבראַכט צוויי חדשים, אויסגעזוכט פאַר מיר אַ גאַנצע סעריע פּראָפעסיעס, איינע אינטערעסאַנטער פון דער צווייטער. ווען מען זאָל צונויפזאַמלען אַלע אוואַנטורעס, וואָס די צייטונגען האָבן מיר צוגעשריבן, וואָלט זיך זיכער באַקומען אַ פיל אינטערעסאַנטערע ביאָגראַפיע, ווי די, וואָס איך שרייב דאָ. איך מוז אָבער אַנטוישן מיינע אַמעריקאַנער לעזער. מיין איינציקע פּראָפעסיע אין ניו־יאָרק איז געווען די פּראָפעסיע פון אַ רעוואָלוציאָנערן סאָציאַליסט. און אַזוי ווי דאָס איז געווען נאָך איידער דעם „באַפרייענדיקן", „דעמאָקראַטישן" קריג, דעריבער האָט נאָך די דאָזיקע פּראָפעסיע אין די פאַרייניקטע שטאַטן דעמאָלט נישט גע־

גאָלטן פאַר אַ פאַרברעכערישער, ז׳ ,י פּראָפעסיע פון אַן אַלקאָהאָל־שמוגלער. איך האָב געשריבן אַרטיקלען, רעדאַגירט אַ צייטונג און בין אַרויסגעטרעטן אויף אַרבעטער־פאַרזאַמלונגען. איך בין געווען באַשעפטיקט איבערן קאָפּ און האָב מיך נישט געפילט, ווי אַ פרעמדער. אין איינער פון די ניו־יאָרקער ביבליאָטעקן האָב איך פלייסיק שטודירט דאָס ווירטשאַפטלעכע לעבן פון די פאַראייניקטע שטאַטן. די ציפערן פונם וואַקסנדיקן אַמעריקאַנישן עקספּאָרט פאַר דער צייט פון קריג האָבן מיך ממש איבערראַשט. זיי זענען פאַר מיר געווען אַן אמתע אַנטפּלעקונג. דידאָזיקע ציפערן האָבן נישט בלויז פאָרגעזען אַמעריקעס אַריינמישן זיך אין קריג, נאָר אויך די דעצידירנדיקע וועלט־ראָל פון די פאַראייניקטע שטאַטן נאָכן קריג. איך האָב נאָך דעמאָלט אויף דערדאָזיקער טעמע געשריבן אַרטיקלען און געהאַלטן עטלעכע רעפעראַטן. פון יענער צייט אָן איז דאָס פּראָבלעם „אַמעריקע און אייראָפּע“ אויף שטענדיק אַריין אין קרייז פון מיינע וויכטיקסטע אינטערעסן. און אויך איצט באַשעפטיק איך מיך אויפמערקזאַם מיט דערדאָזיקער פראַגע און האָף נאָך אָנצושרייבן אַ בוך וועגן דעמדאָזיקן ענין. כּדי צו פאַרשטיין דעם קינפטיקן גורל פון דער מענטשהייט, איז נישטאָ קיין וויכטיקערע טעמע, ווי די.

אויפן צווייטן טאָג נאָך מיין קומען האָב איך געשריבן אין דער רוסישער צייטונג „נאָווי מיר“ (נייע וועלט):

„מיט אַ טיפן גלויבן אין דער אָנקומענדיקער רעוואָלוציע האָב איך פאַרלאָזן די מיט בלוט פאַרלאָפענע אייראָפּע. און אָן שום „דעמאָקראַטישע“ אילוזיעס האָב איך באַטרעטן דעם ברעג פון דערדאָזיקער גענוג געעלטערטער נייער וועלט“. און מיט צען טעג שפּעטער האָב איך גערעדט אויף אַן אינטערנאַציאָנאַלן „קבלת־פּנים־מיטינג“: „דער עקאָנאָמישער פאַקט, וואָס איז דער גרעסטער לויט זיין באַדייטונג, באַשטייט אין דעם, וואָס אייראָפּע רואינירט די יסודות פון איר ווירטשאַפט, בעת אַמעריקע ווערט כּסדר רייכער. און איך, וואָס איך האָב מיך נאָך נישט אויפגעהערט צו שפּירן אַלס אייראָפּעער, פרעג מיך מיט זאָרג, קוקנדיק מיט קנאה אויף ניו־יאָרק: צי וועט אייראָפּע דאָס אויסהאַלטן? צי וועט זי זיך נישט פאַרוואַנדלען אין אַ בית־הקברות? און צי וועט זיך נישט אַריבערטראָגן דער צענטער פון דעם עקאָנאָמישן און קולטורעלן שווערפּונקט פון דער וועלט אַהער, קיין אַמעריקע?“ נישט געקוקט אויף די דערפאָלגן פון דער

אַזויגערופֿענער אייראָפּעישער סטאַביליזאַציע, שטייט נאָך אויך היינט פֿאַר אונז די דאָזיקע פֿראַגע אין איר גאַנצער קראַפֿט.

איך האָב געהאַלטן רעפֿעראַטן אין דער רוסישער און דייטשער שפּראַך אין פֿאַרשיידענע טיילן פֿון ניו-יאָרק, אין פֿילאַדעלפֿיע און אַנדערע שכנישע שטעט. מיין ענגלישע שפּראַך איז נאָך דעמאָלט געווען שוואַכער, ווי איצט, אַזוי, אַז איך האָב אַפילו נישט געקאָנט טראַכטן פֿון עפֿנטלעכע אַרויסטרעטונגען אויף ענגליש. און דאָך האָב איך נישט איין מאָל געפֿונען אָנווייזונגען אויף מיינע ענגלישע רעדעס אין ניו-יאָרק. ערשט מיט עטלעכע טעג צוריק האָט מיר דער רעדאַקטאָר פֿון אַ קאָנסטאַנטינאָפּאָלער צייטונג געשילדערט איי- נע פֿון מיינע כּלומרשטע אַרויסטרעטונגען, וועלכע ער האָט בייגע- וווינט אַלס אַמעריקאַנער סטודענט. איך בין מיך מודה, אַז איך האָב לגמרי נישט געהאַט דעם מוט אים צו זאָגן, אַז ער איז, נעבעך, אַ קרבן פֿון זיין אייגענער פֿאַנטאַזיע. ליידער, אָבער, האָט ער נאָך מיט מער זיכערקייט איבערגעחזרט זיין ערינערונג אין דער צייטונג.

מיר האָבן געדונגען אַ דירה אין איינעם פֿון די אַרבעטער- קוואַרטאַלן און גענומען מעבל אויף ראַטעס. די דירה, פֿאַר וועל- כער מיר האָבן געצאָלט 18 דאָלאַר אַ חודש, האָט געהאַט אַזעלכע באַקוועמלעכקייטן, וואָס זענען אין אייראָפּע לגמרי נישט בנמצא: עלעקטרישע באַלייכטונג, אַ גאַז-פּליטע, אַ וואַנע-צימער, אַ טעלעפֿאָן, אַן אויטאָמאַטישע ווינדע אויף אַרויפֿצוברענגען פּראָדוקטן און אַ צווייטע אויף אַראָפּצולאָזן דאָס מיסט-קעסטל. דאָס אַלץ האָט באַלד דערוועקט אין אונזערע יינגלעך גרויסע סימפּאַטיעס צו ניו-יאָרק. אין צענטער פֿון זייער לעבן איז אויף אַ געוויסער צייט געשטאַנען דער טעלעפֿאָן. דעמדאָזיקן קריגערישן אינסטרומענט האָבן מיר נישט געהאַט — נישט אין ווין און נישט אין פּאַריז. דער דזשעניטאָרי (דער סטרוזש) פֿון אונזער הויז איז געווען אַ נעגער. מיין פֿרוי האָט אים אַריינגעטראָגן דירה-געלט פֿאַר דריי חדשים פֿאָרויס, זי האָט אָבער נישט באַקומען קיין קוויטונג, ווייל דער באַלעבאָס פֿון הויז האָט גראַדע מיט אַן אָוונט פֿריער צוגענומען דעם קוויטאַריוס צום קאָנטראָלירן. אַז מיר זענען אין צוויי טעג אַרום אַריבערגע- פֿאָרן אין דער וואוינונג, האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דער נעגער איז אַנטלאָפֿן צוזאַמען מיטן דירה-געלט פֿון עטלעכע שכנים. חוץ דעם געלט, האָבן מיר אים אויך איבערגעלאָזן צו היטן אונזערע זאַכן.

מיר האָבן זיך באַאומרויקט. דאָס איז געווען אַ שלעכטער אָנהייב. די זאַכן זענען אָבער געווען גאַנץ. און אַז מיר האָבן אויפגעעפנט דאָס קעסטל מיט די כּלים, זענען דאָרט, צו אונזער גרויסער פאַרוואונדערונג, געלעגן אונזערע דאָלאַרן, גוט פאַרוויקלט אין אַ פּאַפּירל. דער דזשעניטאָרי האָט צוגענומען דאָס דירה־געלט נאָר ביי יענע שכנים, וועלכע מען האָט אַרויסגעגעבן ריכטיקע קוויטונגען. דער נעגער האָט נישט געשוינט דעם באַלעבאָס, ער האָט אָבער נישט געוואָלט באַעוולהן די שכנים. כּלעבן, דאָס איז געווען אַ פּיינער מאַן, איך און מיין פרוי זענען געווען טיף גערירט פון זיין אויפמערקזאַמקייט און מיט דאַנקבאַרקייט האָבן מיר אים דערמאָנט. די סימפּטאָמאַטישע באַדייטונג פון דערדאָזיקער אַוואַנטורע האָט מיר אויסגעזען זייער גרויס. פאַר מיר האָט זיך עפּעס ווי אַנטפּלעקט אַ קליין ווינקעלע פון „שוואַרצן" פּראָבלעם אין די פאַרייניקטע שטאַטן.

אַמעריקע האָט זיך אין יענע חדשים אינטענסיוו געגרייט צום קריג. ווי תּמיד, האָבן מער ווי אַלע דערצו צוגעהאָלפן — די פּאַציפיסטן. די ביליקע דרשות וועגן די מעלות פון שלום לגבי דעם קריג פלעגן זיי פאַרענדיקן מיט דער הבטחה צו שטיצן דעם קריג, אויב ער וועט נאָר זיין אַ „נויטווענדיקער". אין דעמדאָזיקן גייסט האָט בראַיאַן געפירט זיין אַגיטאַציע. די סאָציאַליסטן האָב אַקאָמפּאַנירט די פּאַציפיסטן. עס איז דאָך באַוואוסט, אַז פאַר דני פּאַציפיסטן איז דער קריג אַ שונא נאָר אין דער פרידנסצייט.

נאָכדעם, ווי די דייטשן האָבן דערקלערט, אַז זיי וועלן פירן אַן אומבאַגרענעצטן אונטערוואַסער־קריג, האָבן זיך אויף אַלע מזרח־וואָקזאַלן און פּאָרטן פון די פאַרייניקטע שטאַטן קאָנצענטרירט גאַנצע בערג אַמוניציע, וואָס האָבן געשטערט דעם פאַרקער פון די אייזנבאַנען. די פרייזן אויף די לעבנסמיטלען האָבן מיטאַמאָל דערלאַנגט אַ שפּרונג אין דער הויך, און איך האָב געזען אין דעם רייכסטן ניו־יאָרק, ווי צענדליקער טויזנטער פרויען — מוטערס זענען אַרויס אויף דער גאַס, האָבן אומגעוואָרפן די טישלעך און צוראַבירט די שפּייזגעוועלבלעך. וואָס וועט דאָס זיין אויף דער גאַנצער וועלט נאָך דער מלחמה? האָב איך מיך און אַנדערע געפרעגט.

דעם 3־טן פעברואַר איז פאָרגעקומען דער לאַנג־דערוואַרטער מאָמענט פון איבעררייסן די דיפּלאָמאַטישע באַציונגען מיט דייטשלאַנד. די מוזיק פון שאָוויניזם איז פון טאָג אויף טאָג געוואָרן

שטאַרקער. די טענאָרן פון די פּאַציפיסטן און די פּאַלצעטן פון די סאָציאַליסטן האָבן נישט געשטערט די האַרמאָניע. איך האָב זיך שוין צו דעם אַלעמען צוגעקוקט אין אייראָפּע, און די אַמעריקאַנישע מאָבּיליזירונג פון פּאַטריאָטיזם איז פאַר מיר געווען נישט מער ווי אַן איבערחזרונג פונם פריערדיקן. איך האָב פאַרצייכנט די עטאַפּן פון דעמדאָזיקן פּראָצעס אין מיין רוסישער ציימונג און געטראַכט וועגן דער טפשות פון דער מענטשהייט, וואָס לערנט זיך אַזוי פּאַוואָליע.

דורכן פענסטער פון דעם רעדאַקציע-צימער האָב איך געזען אַזאַ מין בילד: אַ זקן מיט אייטערדיקע אויגן און מיט אַ צעקודלטער גרויער באָרד האָט זיך אָפּגעשטעלט ביי אַ בלעכענעם מיסטקאַסטן און אַרויסגעשלעפּט פון דאָרט אַ פאַרדאַרט שטיקל ברויט. דער אַלטער האָט געפּראַוועט מיט די הענט דאָס שטיקל ברויט, האָט צוגעטראָגן דאָס פאַרשטיינערטע ברויט צו די ציין און דערנאָך עטלעכע מאָל געקלאַפּט דערמיט אָן בלעכקאַסטן. עס האָט אָבער נישט געהאָלפן — דאָס ברויט האָט זיך נישט געבראָכן. דאַן האָט דער אַלטער, האַלבדערשראָקן, האַלב פאַרשעמט, זיך אַרומגעקוקט, פאַררוקט די מציאה אונטער דער פּאָלע פון דער געל-אָפּגעשאָסענער מאַרינאַרקע, און צוהינקענדיק, זיך ווייטער אַוועקגעשלעפּט איבער דער גאַס פון הײַמליקן מאַרקוס... דידאָזיקע קליינע פּאַסירונג איז פאָרגעקומען דעם 2-טן מערץ 1917. זי האָט אויף אַ האָר נישט געשטערט דן פּלענער פון דעם הערשנדיקן קלאַס. דער קריג האָט געמוזט ווער. אומפאַרמיידלעך, און די פּאַציפיסטן האָבן אים געמוזט אונטערשטיצן

בוכאַרין האָט אונז פון די ערשטע אָנבאַגעגנט אויפן ניו-יאָרקער באָדן; מיט אַ קורצער צייט פריער איז ער אַרויסגעשיקט געוואָרן פון סקאַנדינאַוויע. בוכאַרין האָט געקענט מיין פאַמיליע נאָך פון די ווינער צייטן און האָט אונז באַגריסט מיט יענער קינדערשער התפעלות, וואָס איז אַזוי כאַראַקטעריסטיש פאַר אים. נישט געקוקט אויף אונזער מידיקייט און אויף דער שפּעטער שעה, האָט ער מיך מיט דער פרוי — באַלד דעם ערשטן טאָג פון אונזער קומען — אַוועקגעפירט זיך באַקענען מיט דער עפנטלעכער ביבליאָטעק. זינט אונזער געמיינזאַמער אַרבעט אין ניו-יאָרק הייבט אָן אַלץ שטאַרקער זיך צעוואַקסן בוכאַרינס צוגעבונדנקייט צו מיר, וואָס האָט זיך אָבער אין יאָר 1923 פאַרוואַנדלט אין איר קעגנזאַץ. די אייגנשאַפט פון

דעמדאָזיקן מענטשן באַשטייט אין דעם, וואָס ער מוז זיך שטענדיק אָן עמעצן אָנשפּאַרן, זיין ביי עמעצן אַ מקורב, אָדער צו עמעצן זיך צוקלעפּן. אין אַזעלכע פּעריאָדן פאַרוואַנדלט זיך בוכאַרין פּשוט אין אַ מעדיום, דורך וועלכן אַ צווייטער רעדט און ווירקט. מען טאָר אָבער פון מעדיום נישט אַראָפּנעמען די אויגן: אַ נישט פאַלט ער אַרונטער, אומבאַמערקט פאַר זיך, אונטער אַן אַנדער השפּעה, ווי, אַ שטייגער, מאַנכע מענטשן פאַלן אַרונטער אונטער אַן אויטאָמאָביל. בוכאַרין וואַרפט דאַן זיין אָפּגאָט צו דער ערד מיט דערזעלבער ליידנשאַפטלעכער התלהבות, מיט וועלכער ער האָט אים פריער אויפגעהייבן ביזן הימל. איך האָב קיינמאָל נישט גענומען בוכאַרינען זייער ערנסט; איך האָב אים איבערגעלאָזט אויף זיין אייגענעם רצון און דאָס הייסט — פאַר אַנדערע. נאָך לענינס טויט איז בוכאַרין געוואָרן דער מעדיום פון זינאָוויעוון, שפּעטער פון סטאַלינען. איצט, בעת עס ווערן געשריבן דידאָזיקע שורות, מאַכט דורך בוכאַרין אַ נייעם קריזיס, און עס דרינגען אים אַדורך נייע, פאַר מיר לגמרי אומבאַקאַנטע מאַגנעטישע שטראָמען.

אין אַמעריקע האָט זיך אויך אין יענער צייט געפונען קאָלאָנטאַי. זי איז אַ סך אַרומגעפאָרן, און איך פלעג מיך לפי ערך וויניק טרעפן מיט איר. אין דער צייט פון קריג האָט זי דורכגעמאַכט אַ שאַרפע עוואָלוציע אויף לינקס און איז פון די מענשעוויסטישע רייען איבערגעגאַנגען צו דעם לינקן פליגל פון די באָלשעוויקעס. אירע שפּראַכן-קענטענישן און איר טעמפּעראַמענט האָבן זי געמאַכט פאַר אַן אויסגעצייכנטן אַגיטאַטאָר. אירע טעאָרעטישע אָנשויונגען זענען תמיד געווען טונקלהאַפט. אין דעמדאָזיקן ניו-יאָרקער פּעריאָד איז קיין זאַך אויף דער וועלט נישט געווען פאַר איר גענוג רעוואָלוציאָנער. זי האָט קאָרעספּאָנדירט מיט לענינען. ברעכנדיק די פאַקטן און אידעען דורך איר דעמאָלדיקער אולטראַלינקער פּריזמע, האָט קאָלאָנטאַי געשפּייזט לענינען מיט אַמעריקאַנישע אינפאָרמאַציעס, צווישן זיי אויך וועגן מיין טעטיקייט. אין לענינס תשובות קאָן מען געפינען דעם אָפּקלאַנג פון דידאָזיקע שוין לאַנג באַוואוסטע שלעכטע אינפאָרמאַציעס. אין קאַמף קעגן מיר האָבן די עפּיגאָנען שפּעטער נישט אויסגעמיטן אויסצונוצן לענינס באַוואוסטע טעותדיקע תשובות, פון וועלכע ער האָט זיך אַליין אָפּגעזאָגט סיי מיטן וואָרט און סיי מיט זיינע מעשים. אין רוסלאַנד

איז קאָלאָנטאַי פון ערשטן טאָג אָן אַריינגעטרעטן אין דער אולטראַ-
לינקער אָפּאָזיציע נישט בלויז קעגן מיר, נאָר אויך קעגן לענינען,
זי האָט זייער פיל געקעמפט קעגן דעם „לענין-טראָצקי-רעזשים".
כדי שפּעטער האַרצרירנדיק זיך צו בויגן פאַר סטאַלינס רעזשים.

די סאָציאַליסטישע פּאַרטיי פון די פאַרייניקטע שטאַטן איז
אידעיש געוואַלדיק אָפּגעשטאַנען, אַפילו פון דעם אייראָפּעישן סאָ-
ציאַל-פּאַטריאָטיזם. פונדעסטוועגן האָט די גאווה פון דער דעמאָלט
נאָך נייטראַלער אַמעריקאַנישער פּרעסע קעגן דער „ווילד צעבושע-
וועטער" אייראָפּע געפונען אַן אָפּקלאַנג אויך אין די מיינונגען פון
די אַמעריקאַנער סאָציאַליסטן. מענטשן, ווי הילקוויט, האָבן שטאַרק
חשק געהאַט צו שפּילן די ראָל פון אַ סאָציאַליסטישן אַמעריקאַנישן
פּעטערל, וואָס וועט אין אַ נויטיקן מאָמענט אַראָפּקומען קיין איי-
ראָפּע, כדי צו מאַכן שלום צווישן די קעמפנדיקע פּאַרטייען פון
צווייטן אינטערנאַציאָנאַל. נאָך איצט קאָן איך מיך נישט דערמאָנען
אָן אַ שמייכל אָן די לידערס פון דעם אַמעריקאַנישן סאָציאַליזם.
עמיגראַנטן, וואָס האָבן אַמאָל אין דער יוגנט געשפּילט אין איירא-
פּע עפּעס אַ ראָל, האָבן גאַנץ געשווינט צעריבן זייערע מיטגעבראַכ-
טע טעאָרעטישע מסקנות אין טומל פון קאַמף פאַרן דערפאָלג. אין
די פאַרייניקטע שטאַטן איז פאַראַן אַ ברייטע שיכט פון גראָטענע
און האַלב גראָטענע דאָקטוירים, אַדוואָקאַטן, דאַנטיסטן, אינזשיניערן
און אַנד., וואָס טיילן זייערע ווערטפולע פרייע שעהן צווישן די
קאָנצערטן פון די אייראָפּעישע „שטערן" און דער אַמעריקאַנישער
סאָציאַליסטישער פּאַרטיי. זייער וועלט-אָנשויונג באַשטייט פון שטיק-
לעך און ברעקלעך חכמה, וואָס זיי האָבן דערוואָרבן אין זייערע
סטודענטן-יאָרן. אַזוי ווי יעדער איינער פון זיי האָט צו דעם אַלעם
אויך אַן אויטאָמאָביל, קלויבט מען זיי תמיד אויס אין די אָנפירנ-
דיקע קאָמיטעטן, קאָמיסיעס און פּאַרטיי-דעלעגאַציעס. דאָסדאָזיקע
הויכנאָזיקע פּובליקום לייגט אַרויף זיין שטעמפּל אויפן גייסט פונם
אַמעריקאַנישן סאָציאַליזם. ווילסאָן איז פאַר זיי געווען אַן אומפאַר-
גלייכלעך גרעסערער אויטאָריטעט, ווי מאַרקס. אין תוך גענומען,
זענען עס נישט מער ווי פאַרשידענע מינים פונם מיסטער באַביט,
וואָס דערגאַנצט זיינע ביזנעס מיט שלעפעריקע זונטיק-רעיונות וועגן
דער צוקונפט פון דער מענטשהייט. דידאָזיקע מענטשן לעבן אין
קליינע נאַציאָנאַלע קלאַנען, וואו די אידעען-סאָלידאַרקייט דינט קודם-

כל פּאַר אַ שירם צו די ביזנעס־פּאַרבינדונגען. יעדער קלאַן האָט זיין פירער, על־פּי־רוב איז עס דער פּאַרמעגלעכסטער באַבית. זיי זענען זייער טאָלעראַנט לגבי אַלע אַנדערע אידעען, אויב זיי, די־דאָזיקע אידעען, גראָבן נאָר נישט אונטער זייער טראַדיציאָנעלן אויטאָריטעט און דראָען נישט, חס־וחלילה, זייער פּערזענלעכן וואוילשטאַנד. דער באַבית פון אַלע באַביטן איז הילקוויט, דער אי־דעאַלסטער סאָציאַליסטישער פירער פון די גרעסטע צאָן־דאָק־טוירים.

מיין ערשטע באַרירונג מיט דידאָזיקע מענטשן איז שוין גע־ווען גענוג, אַז איך זאָל אַרויסרופן ביי זיי אַן אָפענע שנאה צו מיר. מיינע געפילן צו זיי, וואָס זענען אפשר געווען אַ ביסל גע־צווימטער, האָבן זיך אָבער אויך נישט אויסגעצייכנט מיט קיין אי־בעריקער סימפּאַטיע. מיר האָבן אָנגעהערט צו פאַרשיידענע וועלטן. אין מיינע אויגן זענען זיי געווען דער סאַמע פּאַרפוילטער טייל פון דער וועלט, קעגן וועלכער איך האָב געפירט און פיר עד־היום מיין קאַמף.

דער אַלטער עווגעניע דעבס האָט זיך שאַרף אויסגעצייכנט אויפן פּאָן פון דער עלטערער גענעראַציע מיט זיין אומפּאַרלאָשענעם אינערלעכן פייער פון סאָציאַליסטישן אידעאַליזם. אַן אויפריכטיקער רעוואָלוציאָנער, אָבער אַ ראָמאַנטיקער און אַ בעל־דרשן, אַ מענטש, וואָס איז לגמרי נישט קיין פּאָליטיקער און נישט קיין פירער, איז דעבס אַרונטערגעפאַלן אונטער דער השפּעה פון יענע לייט, וואָס זע־נען אין אַלע היגזיכטן געשטאַנען נידעריקער פון אים. די גאַנצע קונסט פון הילקוויטן איז באַשטאַנען דערין — איינצוהאַלטן דעבסן אויפן לינקן פליגל און דערביי נישט פאַרלירן די געשעפטלעכע פריינטשאַפט מיט גאָמפּערסן. פּערזענלעך האָט דעבס געמאַכט אַ רייצפולן איינדרוק. ביי אונזערע באַגעגענישן האָט ער מיך געקושט און געהאַלזט: מען דאַרף באַמערקן, אַז דער אַלטער האָט גאָרנישט געהערט צו די „טרוקענע". אַז די באַביטן האָבן דערקלערט קעגן מיר אַ בלאָקאַדע, האָט זיך דעבס אין איר נישט באַטייליקט, נאָר ער איז פּשוט מיט גרויס עגמת־נפש אוועק אַן אַ זייט.

פון ערשטן טאָג אָן בין איך אַריין אין דער רעדאַקציע פון דער טעגלעכער רוסישער צייטונג „נאָווי מיר", וואו אויסער בוכאַ־רינען, האָבן אויך געאַרבעט וואָלאָדאַרסקי, וואָס איז שפּעטער

דערהרגעט געוואָרן אונטער פּעטראָגראַד דורך די סאָציאַל-רעוואָלוציאָנערן, און טשודנאָווסקי, וואָס איז פאַרוואונדערט געוואָרן אונטער פּעטראָגראַד און איז שפּעטער דערהרגעט געוואָרן אין אוקראַינע. די דאָזיקע צייטונג איז געוואָרן דער צענטער פון דער רעוואָלוציאָנערער אינטער-נאַציאָנאַליסטישער פּראָפּאַגאַנדע. אין אַלע נאַציאָנאַלע פעדעראַציעס פון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי זענען געווען מיטאַרבעטער, וואָס האָבן באַהערשט די רוסישע שפּראַך. אַ סך מיטגלידער פון דער רוסישער פעדעראַציע האָבן גערעדט ענגליש. די אידעען פון „נאָווי מיר" זענען אויף דעם אויפן אַריינגעדרונגען אין די ברייטע קרייזן פון די אַמעריקאַנער אַרבעטער. די מאַנדאַרינען פון אָפּיציעלן סאָציאַליזם האָבן זיך מיטאַמאָל שטאַרק אָפּגעשראָקן. עס האָבן זיך אָנגעהייבן ווילדע קרייזלעך-אינטריגעס קעגן דעם איידראָפּעישן עמיגראַנט, וואָס איז ערשט נעכטן אַרויפגעטרעטן אויפן אַמעריקאַנישן באָדן, וואָס קען נישט די אַמעריקאַנישע פּסיכאָלאָגיע און וויל אָנוואַרפן די אַמעריקאַנישע אַרבעטער זיינע פאַנטאַסטישע מעטאָדן. דער קאַמף האָט זיך פאַרשפּרייט מיט אַן אומגעהייערער שאַרפקייט. די „אויסגעפּרוווטע" און „פאַרדינסטפולע" באַביטן פון דער רוסישער פעדעראַציע זענען באַלד אָפּגעשטויסן געוואָרן. אין דער דייטשער פעדעראַציע האָט דער אַלטער שליטער, דער שעף-רעדאַקטאָר פון דער „פאָלקסצייטונג", אַלץ מער און מער רעזיגנירט פון זיין איינפלוס לטובת דעם יונגן רעדאַקטאָר לאָרע, וואָס איז געגאַנגען מיט אונז. די לעטן זענען אינגאַנצן געווען מיט אונז. די פינישע פעדעראַציע איז געווען גענייגט צו אונז. מיר האָבן אַלץ מיט מער דערפאָלג אַריינגעדרונגען אין דער מעכטיקער יידישער פעדעראַציע מיט איר פּאַלאַץ פון פערצן שטאָק, פון וואַנען עס זענען טאָג-טעגלעך אַרויסגעשליידערט געוואָרן צוויי הונדערט טויזנט עקזעמפּליאַרן פון דער צייטונג „פאָרווערטס", מיטן פאַרדומפּענעם גייסט פונם בירגערלעכן סאָציאַליזם, וואָס איז שטענדיק מוכן ומזומן אויף די ערגסטע בגידות.

צווישן דער ריין אַמעריקאַנישער אַרבעטער-מאַסע זענען די פאַרבינדונגען און דער איינפלוס פון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי בכלל, און פון אונזער רעוואָלוציאָנערן פליגל בפרט, געווען נישט באַזונדערס גרויס. די ענגלישע צייטונג פון דער פּאַרטיי „The Call" (דער רוף) האָט זיך געפירט אין גייסט פון אינהאַלטסלאָזן פּאַציפיס.

פישן נייטראַליזם. מיר האָבן באַשלאָסן צו גרינדן אַ קעמפנדיקע מאַרקסיסטישע וואָכנשריפט. די נויטיקע הכנות זענען שנעל געמאַכט געוואָרן. אָבער זיי זענען איבערגעריסן געוואָרן אינמיטן דורך דער רוסישער רעוואָלוציע.

נאָך אַ געהיימנישפולן שווייגן פון טעלעגראַף אין פאַרלויף פון צוויי, דריי טעג, זענען אָנגעקומען די ערשטע ידיעות וועגן אַן איבערקערעניש אין פעטערבורג. די ידיעות זענען געווען אומקלאָרע און כאַאָטישע. דאָס פילשטאַמיטע ארבעטער-פאָלק אין ניו-יאָרק איז ארומגעכאַפּט געוואָרן פון אַ שטאַרקער אויפרעגונג. מען האָט גע-וואָלט, אָבער מורא געהאט צו האָפן. די אַמעריקאַנישע פרעסע האָט זיך געפונען אין א צושטאַנד פון צעמישעניש. פון אומעטום זענען געלאָפן אין דער רעדאַקציע פון „נאָווי מיר" זשורנאַליסטן, אינטער-וויוער, כראָניקער, רעפּאָרטערן. אויף א געוויסער צייט האָט זיך אויך אונזער צייטונג אריינגעצויגען אינם פאָקוס פון דער גאַנצער ניו-יאָרקער פרעסע. פון די סאָציאַליסטישע רעדאַקציעס און אָרגאַני-זאציעס האָט מען געהאַלטן אין איין טעלעפאָנירן.

עס איז אָנגעקומען א טעלעגראַמע, אז אין פּעטערבורג איז גע-שאַפן געוואָרן א מיניסטעריום מיט גוטשקאָוו-מיליוקאָוו בראש. וואָס זאָל עס באַדייטן?

— אז מאָרגן וועט ווערן א מיניסטעריום מיט מיליוקאָוון און קע-רענסקין.

— גאָר אזוי! און דערנאָך?

— און דערנאָך — און דערנאָך — קומען מיר.

— אָהאָ!

אַזאַ מין דיאַלאָג האָט זיך איבערגעחזרט צענדליקער מאָל. כמעט אַלע האָבן אָנגענומען מיינע ווערטער אַלס א וויץ. אין אַן ענגער פאַרזאַמלונג פון חשובע און גאָר חשובע רוסישע סאָציאַל-דעמאָקראַטן האָב איך געהאַלטן א רעפעראַט, אין וועלכן איך האָב דערוויזן די אומפאַרמיידלעכקייט פון דער מאַכט-דערגרייכונג דורך דער פּאַרטיי פון פּראָלעטאַריאַט אין דער צווייטער סטאַדיע פון דער רוסישער רעוואָלוציע. דאָס האָט געמאַכט, א שטייגער, דעמזעלבן רושם פון א שטיין, וואָס איז אריינגעוואָרפן געוואָרן אין א זומפּ פון גאַווהדיקע און פלעגמאַטישע זשאַבעס. דאָקטאָר אינגערמאַן האָט נישט דורכגעלאָזן די געלעגנהייט צו

דערקלערן דער פאַרזאמלונג, אז איך קען אפילו נישט די פיר כללים פון דער פּאָליטישער אַריטמעטיק און אַז אויף אָפּצולייקענען מיינע פּלוידערייען לוינט נישט צו פארלירן קיין איבעריקע פינף מינוט צייט.

די ארבעטער-מאסן האָבן זיך אָבער גאָר אנדערש באַצויגן צו די פּערספּעקטיוון פון דער רעוואָלוציע. אין אלע טיילן פון ניו-יאָרק זענען פאָרגעקומען, — סיי לויט דער צאָל און סיי לויט דער שטימונג, — אויסערגעוויינלעכע מיטינגען. די ידיעה, אַז איבערן ווינטערפּאַלאַץ פלאטערט די רויטע פאַן, האָט אויפגעטום אַרויסגערופן א באגייסטערטן שטורעם פון פרייד. נישט בלויז די רוסישע עמיגראנטן, נאָר אויך זייערע קינדער, וואָס האָבן שוין כמעט נישט געקענט קיין רוסיש, זענען געקומען אויף דידאָזיקע פאַרזאַמלונגען, כדי איינצוזאפּן אין זיך דעם עקסטאַז פון דער רעוואָלוציע.

אין מיין פאַמיליע פלעג איך מיך ווייזן בלויז אין געציילטע מינוטן. אויך דאָרט איז צוגעגאנגען אַן אייגן קאָמפּליצירט לעבן. מיין פרוי האָט איינגעאָרדנט אהיים. די קינדער האָבן באַקומען נייע פריינט. דער וויכטיקסטער פריינט איז געווען דער שאָפער פון דאָקטאָר מ. דעם דאָקטאָרס פרוי האָט צוזאַמען מיט מיין פרוי געפירט די יינגלעך שפּאַצירן און האָט זיך באַצויגן צו זיי זייער פריינטלעך. זי איז אָבער געווען א געוויינלעכער בשר-ודם. דער שאָפער, להיפּוך, איז געווען א מכשף, א טיטאַן, אַן איבערמענטש. די מאשין האָט געפאָלגט יעדער באַוועגונג פון זיין האַנט. זיצן לעבן אים איז געווען דאָס העכסטע גליק. אַז מען פלעגט אריינגיין אין א קאָנדיטאָריי, האָבן די יינגלעך מיט באַליידיקטע פּנימער געטאָרעט דער מאַמען ביי דער האַנט און געפרעגט: „פאַרוואָס רופסטו נישט אַריין דעם שאָפער?"

די צופּאַסונגס-פעאיקייט פון די קינדער איז אין לשער. אַזוי ווי אין ווין האָבן מיר מייסטנס געוואוינט אין אַרבעטער-קוואַרטאַלן, האָבן די יינגלעך, אויסער רוסיש און דייטש, אויסגעצייכנט באַהערשט אויך דעם ווינער דיאַלעקט. דאָקטאָר אַלפרעד אַדלער האָט מיט פאַרגעניגן באַמערקט, אַז זיי רעדן אויפן ווינער דיאַלעקט, ווי דער גוטער אַלטער ווינער קוטשער (Fiakerkutscher). אין דער ציריכער שולע האָט מען געמוזט איבערגיין אויפן ציריכער דיאַלעקט, וועלכער איז אין די נידעריקע קלאַסן די לערן-שפּראַך. דייטש, ווידער, ווערט

בלויז געלערנט אַלס פרעמדע שפּראַך. אין פּאַריז זענען די יינגלעך אריבערגעשפּרונגען אויף פראַנצויזיש. אין משך פון עטלעכע חדשים האָבן זיי אינגאַנצן באַהערשט אויך דידאָזיקע שפּראַך. נישט איינמאָל האָב איך מקנא געווען די אומגעצוואונגענקייט, מיט וועלכער זיי האָבן גערעדט. אין שפּאַניע און אויפן שפּאַנישן דאַמפּער האָבן זיי פאַרבראַכט אַ קנאַפּן חודש. אָבער דאָס איז געווען גענוג, אַז זיי זאָלן שוין אונטערכאַפּן די מער געברויכטע ווערטער און אויסדריקן. צולעצט האָבן זיי אין ניו-יאָרק אין משך פון צוויי חדשים באַזוכט אַן אמעריקאַנישע שולע, און הגם אומגעשליפן — דאָך אָבער אויך באַלד באַהערשט די ענגלישע שפּראַך. נאָך דער פעברואַר-רעוואָלוציע זענען זיי געוואָרן פעטראָגראַדער תּלמידים. דאָס שוללעבן איז שוין אָבער געווען רואינירט. די פרעמדע שפּראַכן זענען אַרויסגעפלויגן פון זכּרון נאָך גיכער, ווי זיי זענען אַהין אַריינגעדרונגען. רוסיש אָבער האָבן זיי גערעדט, ווי אויסלענדער. גאַנץ אָפט פלעגן מיר פאַרחידושטע באַמערקן, אַז דער בוי פון רוסישן זאַץ איז ביי זיי א גענויע איבערזעצונג פון פראַנצויזיש. אויף פראַנצויזיש אָבער האָבן זיי שוין דעמדאָזיקן זאַץ נישט געקאָנט מער קאָנסטרואירן. אַזוי איז אין די קינדערשע מוחות, ווי אויף פּאַלימפּסעסטן אָנגעצייכנט געוואָרן די געשיכטע פון אונזערע וואַנדערונגען אין דער עמיגראַציע.

בעת איך האָב פון דער רעדאַקציע טעלעפאָנירט מיין פרוי, אַז אין פּעטערבורג איז אַ רעוואָלוציע, איז דער יינגערער יינגל געווען קראַנק אויף דיפטעריט. ער איז אַלט געווען ניין יאָר. ער האָט שוין אָבער לאַנג און פעסט געוואוסט, אַז די רעוואָלוציע איז אַ מין אַמנעסטיע, אַ צוריקקערן קיין רוסלאַנד און טויזנט אַנדערע גליקן. ער איז אויפגעשפּרונגען און האָט געטאַנצט אין בעט לכּבוד דער רעוואָלוציע. דאָס האָט געדאַרפט באַטייטן, אַז ער איז שוין געזונט. מיר האָבן זיך געאיילט אַרויסצופאָרן מיטן ערשטן דאַמפּער. איך בין אַרומגעלאָפן איבער די קאָנסולאַטן נאָך פּאַפּירן און וויזעס. אַ טאָג פאַרן אָפּפאָרן האָט דער דאָקטאָר דערלויבט דעם יינגל, וואָס איז שוין געקומען צו די כּוחות — זיך אַ ביסל דורכשפּאַצירן. אָפּגעלאָזן דאָס יינגל אויף אַ האַלבער שעה אין גאַס, האָט מיין פרוי גענומען איינפּאַקן די זאַכן. וויפל מאָל איז איר שוין אויסגעקומען דורכצומאַכן דידאָזיקע אָפּעראַציע! אָבער דאָס יינגל איז נישט צוריקגעקומען. איך בין געווען אין רעדאַקציע. עס זענען דורכגעפלויגן

דריי פֿינפֿצעכע שעה. פּלוצלונג האָט גענומען קלינגען דער טעלעפֿאָן ביי אונז אין וואוינונג. פֿריער אַן אומבאַקאַנטע מענער־שטים, נאָכדעם סעריאָזשעס קול: „איך בין דאָ". דאָ — האָט געהייסן אין פּאָליצײ־צירקל, אין אַ צווייטן עק ניו־יאָרק. דאָס יינגל האָט אויסגעניצט דעם ערשטן שפּאַצירגאַנג, כדי צו באַקומען אַ תשובה אויף דער פֿראַגע, וואָס האָט אים שוין לאַנג געפּייניקט: צי עקזיסטירט טאַקע באמת די ערשטע גאַס (מיר האָבן געוואוינט, אויב איך האָב נישט קיין טעות, אויף דער 164־סטער גאַס). ער האָט זיך אָבער פֿאַרבלאָנדזשעט, האָט זיך אָנגעהייבן נאָכפֿרעגן און צולעצט האָט מען אים אַוועקגעפֿירט אין פּאָליצײ־צירקל. צום גליק, האָט ער געדענקט דעם נומער פֿון אונזער טעלעפֿאָן. אַז מיין פֿרוי מיטן עלטערן יינגל זענען אין אַ שעה אַרום געקומען אין פּאָליצײ־צירקל, האָט מען זי דאָרט באַגעגנט מיט אַ פֿריילעכן קבלת־פּנים, ווי אַ לאַנג דערוואַרטן גאַסט. סעריאָזשאַ, רויט ווי פֿייער, האָט געשפּילט מיט אַ פּאָליציאַנט אין דאַמקעס. כדי צו פֿאַרבאָרגן די בושה, וואָס די אַדמיניסטראַציע האָט זיך מיט אים אַ ביסל צופֿיל געטענטלט, האָט ער צוזאַמען מיט זיינע נייע פֿריינט פֿלייסיק געקייט דעם שוואַרצן אַמעריקאַנישן קיי־גומי. דערפֿאַר אָבער געדענקט ער עד־היום דעם טעלעפֿאָן־נומער פֿון אונזער ניו־יאָרקער וואוינונג.

ווען איך זאָל זאָגן, אַז איך האָב מיך באַקענט מיט ניו־יאָרק, וואָלט עס געווען אַ שרייענדיקע גוזמא. איך האָב מיך צו שנעל און טאַקע איבערן קאָפּ פֿאַרזונקען אין די ענינים פֿונם אַמעריקאַנישן סאָציאַליזם, און די רוסישע רעוואָלוציע איז געקומען צו גיך. איך האָב אפֿשר באַוויזן אויפֿצוכאַפּן דעם אַלגעמיינעם ריטם פֿון לעבן פֿון יענעם פֿאַרזעעניש, וואָס הייסט ניו־יאָרק. איך בין אַוועקגעפֿאָרן קיין איראָפּע מיטן געפֿיל פֿון אַ מענטשן, וואָס האָט נאָר מיט איין אויג אַריינגעקוקט אין דער קוזשניע, וואו עס ווערט זיך אויסשמידן דער גורל פֿון דער מענטשהייט. איך האָב מיך געטרייסט דערמיט, אַז איך וועל נאָך אַמאָל דאָ קומען אַהער. אויך היינט האָב איך נאָך די דאָזיקע האָפֿענונג נישט אויפֿגעגעבן.

דריי און צוואַנציקסטער קאַפּיטל

אינם קאָנצענטראַציע-לאַגער

דעם 25-סטן מערץ בין איך אַריינגעקומען אינם ניו-יאָרקער גענעראַל-קאָנסולאַט, וואו מען האָט שוין אַפּילו באַזייטיקט דעם פּאָרטרעט פון ניקאָלאַי II, אָבער וואו עס האָט נאָך געהערשט די געדיכטע אַטמאָספערע פון אַן אַלטן רוסישן פּאָליציי-צירקל. נאָך די אומפאַרמיידלעכע תירוצים און אַמפּערנישן האָט דער גענעראַל-קאָנסול סוף-כל-סוף פאַראָרדנט אַרויסצוגעבן מיר די נויטיקע פּאַפּירן צו פאָרן קיין רוסלאַנד. אין ענגלישן קאָנסולאַט אין ניו-יאָרק, וואו איך האָב אויסגעפילט געוויסע פראַגע-בויגנס, האָט מען מיר געמאָלדן, אַז מצד דער ענגלישער מאַכט וועט נישט זיין קיין שום שטערונגען פאַר מיין דורכפאָרן. אַלץ איז אַזויאַרום געווען אין אָרדענונג.

דעם 27-סטן מערץ בין איך מיט מיין פאַמיליע און עטלעכע לאַנדסלייט אַרויסגעפאָרן אויפן נאָרוועגישן דאַמפער „כריסטיאַניאַ-פיאָרד". מען האָט אונז באַגלייט מיט בלומען און רעדעס. מיר זענען געפאָרן אין לאַנד פון דער רעוואָלוציע. מיר האָבן געהאַט פּעסער און וויזעס. די רעוואָלוציע, די בלומען און די וויזעס האָבן אָנגעפילט אונזערע וואַנדערער-נשמות מיט האַרמאָניע. אין האַליפאַקס (קאַנאַדע), וואו דער דאַמפער איז רעווידירט געוואָרן דורך דער ענגלישער מיליטערישער ים-מאַכט, האָבן די פּאָליציי-אָפיצירן, וואָס האָבן קאָנטראָלירט די פּאַפּירן פון די אַמעריקאַנער, נאָרוועגער, דענער און אַנד., בלויז פאָרמעל גענומען אונז, רוסן, אויף אַן אומ-

מיטלבאַרן פאַרהער: וואָס זענען אונזערע איבערצייגונגען, אונזערע פּאָליטישע פּלענער און ד. גל.? איך האָב מיך אָפּגעזאָגט מיט זיי צו רעדן וועגן דידאָזיקע ענינים. די אינפאָרמאַציעס וועגן מיין פּער־זענלעכקייט קענען זיי יאָ באַקומען, אָבער מער נישט: די אינוויי־ניקסטע רוסישע פּאָליטיק שטייט נאָך נישט לעת־עתה אונטער דעם קאָנטראָל פון דער ענגלישער ים־פּאָליציי. דאָס האָט נישט געשטערט די דעטעקטיוון־אָפיצירן, מעקענען און וועסטוואָודן, נאָך אַ צווייטן בחינמדיקן פּרואוו פון אַ פאַרהער, זיך אויסצופרעגן וועגן מיר בײַ די איבעריקע פּאַסאַזשירן. די דעטעקטיוון־אָפיצירן האָבן פאַרזיכערט, אַז איך בין terrible socialist (אַ שרעקלעכער סאָציאַליסט).

די גאַנצע רעוויזיע האָט געטראָגן אַזאַ מין אומאָנשטענדיקן כאַראַקטער און האָט געשטעלט די רוסישע רעוואָלוציאָנערן אין אַזאַ דייטלעכן אויסנאַמסצושטאַנד אין פאַרגלייך מיט די אַנדערע פּאַסאַ־זשירן, וואָס האָבן נישט געהאַט דאָס אומגליק צו געהערן צו אַ נאַציע פון ענגלאַנדס פאַרבינדעטע, אַז עטלעכע פון די פאַרהערטע האָבן טאַקע דאָ גלייך אויפן אָרט איבערגעשיקט דער ענגלישער רעגירונג אַן ענערגישן פּראָטעסט קעגן דער האַלטונג פון אירע פּאָ־ליציי־אַגענטן. איך האָב עס נישט געטאָן, כּדי נישט אָנצוקלאָגן דעם טייוול פאַר וועלזעוואולן. אין יענעם מאָמענט האָבן מיר נאָך נישט געקאָנט פאָרויסזען די ווייטערדיקע אַנטוויקלונג פון די געשעענישן.

דעם 3־טן אַפּריל זענען אויפן באָרט פון „כריסטיאַניאַ־פיאָרד" אַרויפגעקומען ענגלישע אָפיצירן אין דער באַגלייטונג פון מאַטראָסן און געפאָדערט אין נאָמען פון אָרטיקן אַדמיראַל, אַז איך, מיין פאַ־מיליע און נאָך פינף פּאַסאַזשירן זאָלן גלייך פאַרלאָזן דעם דאַמפער. וואָס איז שייך די מאָטיוון פון דערדאָזיקער פאָדערונג, האָט מען אונז צוגעזאָגט „אויפצוקלערן" דעם גאַנצן אינצידענט אין האַליפאַקס. מיר האָבן איינגעפונען, אַז די פאָדערונג איז אַן אומגעזעצלעכע און זיך אָפּגעזאָגט זי אָנצונעמען. די באַוואָפנטע מאַטראָסן האָבן זיך אויף אונז אַ וואָרף געטאָן און אונטער די געשרייען פון אַ באַדייטנדיקן טייל פּאַסאַזשירן „shame" (חרפּה), אַראָפּגעטראָגן אונז אויף די הענט אין אַן ענגלישן מיליטערישן מאָטאָרשיפל, וואָס האָט אונז אונטער דער וואַך פון אַ קרייצערשיף געבראַכט קיין האַליפאַקס. בשעת אַ צענדליק מאַטראָסן האָט מיך געהאַלטן אויף די הענט, איז מיין עלטער ייִנגל צוגעלאָפן מיר העלפן. ער האָט אַ זעץ געטאָ

דעם אָפיציר מיט זיין קליינער פויסט, און בעת-מעשה געשריגן: „דערלאַנגען אים נאָך, טאַטע?‟ ער איז אַלט געווען עלף יאָר. דאָס איז געווען זיין ערשטע לעקציע פון דעם גאַנצן קורס איבער דער ענגלישער דעמאָקראַטיע.

מיין פרוי מיט די קינדער האָט די פּאָליציי איבערגעלאָזט אין Halifax. די איבעריקע האָט זי מיט דער באַן צוגעשטעלט קיין Amherst, אַ לאַגער, וואו מען האָט געהאַלטן דייטשע געפאַנגענע. דאָ האָט מען אונז אין ביורא פון לאַגער אונטערגעוואָרפן אַזאַ מין רעוויזיע, וואָס אַזוינס האָב איך נישט דורכגעמאַכט אפילו אין דער פּעטראָפּאַווולער פעסטונג. וואָרים אויסטאָן נאַקעט און באַטאַפּן דעם קערפּער פלעגן די זשאַנדאַרמען אין דער צאַרישער פעסטונג אונטער פיר אויגן. דאָ אָבער, ביי די דעמאָקראַטישע פאַרבינדעטע, האָט מען אונז אונטערגעוואָרפן אַ שענדלעכן חוזק אין דער אָנוועזנהייט פון אַ צען מענטשן. אויף תמיד איז מיר פאַרבליבן אין זכרון דער שוועדיש-קאַנאַדישער סערזשאַנט אָלסען, אַ מענטש מיט אַ רויטן קאָפּ פון אַ קרימינאַל-פּאָליציסט, די הויפּט-פיגור פון דער רעוויזיע. יענע אויסוואורפן, וואָס האָבן אָנגעפירט מיט דערדאָזיקער אונטערנעמונג פונדערוויטנס, האָבן אויסגעצייכנט געוואוסט, אַז זיי האָבן דאָ צו טאָן מיט אויפריכטיקע רוסישע רעוואָלוציאָנערן, וועלכע קערן זיך אום אין דעם לאַנד, וואָס איז באַפרייט געוואָרן דורך דער רעוואָלוציע.

ערשט אויפן צווייטן טאָג אינדערפרי האָט דער לאַגער-קאָמענדאַנט, פּולקאָווניק מאָריס, פאָרגעשטעלט אונז די אָפיציעלע מאָטיוון פון אונזער אַרעסט, אַלס ענטפער אויף אונזערע אומאויפהערלעכע פאָדערונגען און פּראָטעסטן. „איר זענט געפערלעך פאַר דער איצטיקער רוסישער רעגירונג‟,—האָט ער אונז געמאָלדן קורץ און שאַרף. דער פּולקאָווניק איז נישט געווען קיין גרויסער בעל-דרשן און דערצו האָט שוין זיין פּנים פון באַגינען אָן אויסגעזען פאַרדעכטיק אויפגערעגט. — „אָבער די ניו-יאָרקער אַגענטן פון דער רוסישער רעגירונג האָבן אונז דאָך אַרויסגעגעבן פאָר-שיינען קיין רוסלאַנד און, סוף-כל-סוף קאָן מען דאָך די זאָרג וועגן דער רוסישער רעגירונג איבערלאָזן איר אַליין!‟ דער פּולקאָווניק מאָריס האָט אַ טראַכט געטאָן, געקייט מיט די קינבאַקן און צוגעגעבן: „איר זענט פאַר די פאַרבינדעטע בכלל געפערלעך‟. קיין שום דאָקומענטן וועגן אונזער

אַרעסט האָט מען אונז נישט געוויזן. פון זיך פּערזענלעך האָט דער פּולקאָווניק מוסיף געווען, אַז אַלס פּאָליטישע עמיגראַנטן, וואָס האָבן, מסתמא, נישט אומזיסט געמוזט פאַרלאָזן זייער אייגן לאַנד, דאַרפן מיר זיך נישט וואונדערן אויף דעם, וואָס עס געשיט איצט מיט אונז. די רוסישע רעוואָלוציע האָט פאַר דעמדראָזיקן מענטשן נישט עקזיסטירט. מיר האָבן געפּרוווט אים דערקלערן, אַז די צאַרישע מיניסטאָרן, וואָס האָבן אונז פאַרוואַנדלט אין עמיגראַנטן, זיצן איצט אַליין אין תּפיסה, אויב זיי האָבן נישט באַוויזן צו עמיגרירן. אָבער דאָס איז געווען צופיל קאָמפּליצירט פאַר דעם ענגלישן פּולקאָווניק, וואָס האָט געמאַכט זיין קאַריערע אין די ענגלישע קאָלאָניעס און אין דער מלחמה מיט די בורן. אַזוי ווי איך האָב מיט אים גערעדט אָן דעם געהעריקן רעספּעקט, האָט ער אַרויסגעריטשעט הינטער מיין רוקן: „ווען ער וואָלט עס אַריינגעפאַלן אין מיינע הענט אויפן דרום-אַפריקאַנישן ברעג..." דאָס איז בכלל געווען זיין געליבט ווערטל.

מיין פרוי איז פאָרמעל נישט געווען קיין פּאָליטישע עמיגראַנטין, ווייל זי איז געפאָרן קיין אויסלאַנד מיט אַ כשרן פּאַס. און אָדך איז זי אויך אַרעסטירט געוואָרן צוזאַמען מיט אונזערעביידע יינגלעך פון עלף און ניין יאָר. דער אויסדרוק, אַז די קינדער זענען אַרעסטירט געוואָרן, איז נישט קיין גוזמא. לכתחילה האָבן די קאַנאַדער מושלים געפּרוווט איינאָרדענען די קינדער באַזונדער אין אַ קינדער-פּריוט. שטאַרק אויפגערעגט פון דערדאָזיקער פּערספּעקטיוו, האָט מיין פרוי דערקלערט, אַז זי וועט בשום אופן נישט דערלאָזן, מען זאָל איר צעשיידן מיט די קינדער. נאָר אַ דאַנק איר ענערגישן פּראָטעסט, האָט מען די יינגלעך צוזאַמען מיט איר איינגעאָרדנט אין דער וואוינונג פון אַן ענגליש-רוסישן פּאָליציי-אַגענט; דערדאָזיקער אַגענט האָט געדאַרפט אָפּהיטן, אַז מען זאָל נישט אַרויסשיקן קיין „אומגעזעצלעכע" בריוו אָדער טעלעגראַמעס, און דעריבער פלעגט ער די קינדער, אַפילו אָן דער מוטער, נישט אַרויסלאָזן אַליין אויף דער גאַס, נאָר תמיד אונטער אַ השגחה.

דער קריגס-לאַגער Amherst האָט זיך געפונען אין אַן אַלטן, שרעקלעך-פאַרלאָזטן בנין פון אַ גוסאייזן-פאַבריק, וואָס מען האָט אָפּגענומען ביי דעם אייגנטימער, אַ דייטש. די נאַרעס צום שלאָפן זענען געווען אויפגעשטעלט צו צוויי רייען אין יעדער זייט פון צי-

מער און צו דריי רייען אין דער הויך, איינע איבער דער אַנדערער. אָין אַזעלכע באַדינגונגען האָבן דאָ געלעבט אַכט הונדערט נפשות. מען קאָן זיך לייכט פאָרשטעלן, וואָס פאַר אַן אַטמאָספערע עס האָט אין דעמדאָזיקן שלאָפצימער געהערשט ביינאַכט. מענטשן האָבן זיך אָן שום מוט אַרומגעבאָמבלט אין די קאָרידאָרן, געשטויסן איינער דעם אַנדערן מיט די עלנבויגנס, זיך אַוועקגעלייגט אויף די נאַרעס, אויפגעשטאַנען, געשפּילט אין קאָרטן אָדער אין שאָך. אַ סך האָבן זיך באַשעפטיקט מיט מלאכות, אַנדערע—מיט אמתער קונסט. איך האָב נאָך אויך איצט אין מאָסקווע פאַרשיידענע אויסאַרבעטונגען פון די אַמהערסטער געפאַנגענע. צווישן די אַרעסטירטע האָבן זיך געפונען, נישט געקוקט אויף די געוואַלדיקע אָנשטרענגונגען פאַר דער פיזישער און מאָראַלישער זעלבסטדערהאַלטונג, פינף משוגעים. מיר האָבן געשלאָפן און געגעסן מיט דידאָזיקע משוגעים אין איין צימער.

פון די 800 געפאַנגענע, צווישן וועלכע איך האָב פאַרבראַכט כמעט אַ חודש צייט, זענען געווען אַן ערך 500 מאַטראָסן פון די דייטשע שיפן, וואָס די ענגלענדער האָבן דערטרונקען, אַ 200 אַרבעטער, וואָס דער קריג האָט זיי פאַרכאַפּט אין קאַנאַדע, און אַ 100 אָפיצירן און ציוויל-געפאַנגענע פון די בירגערלעכע קרייזן. אונזערע באַציונגען מיט די דייטשע חברים אין דער געפאַנגענשאַפט האָבן זיך אָנגעהייבן אויפצוקלערן מיטן מאָמענט, ווען זיי זענען געוואָר געוואָרן, אַז מען האָט אונז אַרעסטירט אַלס רעוואָלוציאָנערע סאָציאַליסטן. די אָפיצירן און עלטערע אונטעראָפיצירן פונם פלאָט, וואָס האָבן זיך איינגעאָרדנט הינטער אַ דין ווענטל פון ברעטער, האָבן אונז גלייך אַריינגערעכנט אין דער צאָל פון זייערע שונאים. דערפאַר אָבער האָט אונז די פשוטע מאַסע אַלץ מער און מער אַרויסגעוויזן זייער סימפּאַטיע. דערדאָזיקער חודש פונם לאַגער-לעבן איז געווען ענלעך צו אַן אומאויפהערלעכן מיטינג. איך האָב דערציילט די געפאַנגענע וועגן דער רוסישער רעוואָלוציע, וועגן ליבקנעכטן, וועגן לענינען, וועגן די סיבות פון צוזאַמענברוך פון דעם אַלטן אינטערנאַציאָנאַל, וועגן די פאַראייניקטע שטאַטן, וואָס ציען זיך אויך אַריין אין קריג. אויסער די עפנטלעכע רעפעראַטן, האָבן מיר אויך כסדר געפירט גרופן-דיסקוסיעס. אונזער פריינטשאַפט איז מיט יעדן טאָג אַלץ שטאַרקער געוואָרן. לויט דער שטימונג האָט זיך די מאַסע פון די געפאַנגענע צעטיילט אויף צוויי גרופּעס. איינע האָט

געזאָגט: „ניין, עס איז גענוג, דערצו מוז איינמאָל פֿאַר אַלעמאָל נעמען אַ סוף". דידאָזיקע האָבן געטראַכט פֿון דער גאַס און באַריקאַדן. די אַנדערע האָט געטענהט: „וואָס ווילן זיי האָבן פֿון מיר? ניין, מער וועל איך מיך נישט לאָזן..." — „וויאַזוי-זשע וועסטו זיך פֿון זיי אויסבאַהאַלטן?" האָבן געפֿרעגט די אַנדערע. באַבינסקי, אַן אַרבעטער פֿון די קוילנגרובן, אַ הויכער, בלויאויגיקער שלעזיער האָט געענטפֿערט: „איך וועל מיך מיט ווייב און קינד באַזעצן אין אַ טיפֿן וואַלד, זיך אַרומלייגן מיט וועלפֿגריבער, און וועל נישט אַרויס פֿון שטוב אָן אַ ביקס. קיינער וועט זיך נישט טאָרן דערנענטערן צו מיר!.." — „און מיך וועסטו אויך נישט אַריינלאָזן, באַבינסקי?" — „און דיך אויך נישט. איך טרוי קיינעם נישט..." די מאַטראָסן האָבן זיך כּסדר באַמיט צו פֿאַרלייכטערן מיר דאָס לעבן און נאָר מיט דער הילף פֿון ענערגישע פּראָטעסטן האָב איך מיר אויסגעקעמפֿט דאָס רעכט צו שטיין אין דער ריי, כּדי אַרויסצובאַקומען דעם מיטאָג און זיך צו באַטייליקן אין די געמיינזאַמע אַרבעטן, ווי, אַ שטייגער, פֿאַרקערן די פּאָדלאָגע, שיילן קאַרטאָפֿל, וואַשן די כּלים און ברענגען אין אָרדענונג די אַלגעמיינע אויביקאַציע.

די באַציונגען צווישן דער פּשוטער מאַסע און די אָפֿיצירן, פֿון וועלכע אַ סך האָבן אַפֿילו אין געפֿאַנגענשאַפֿט געפֿירט קאָנדויט-ליסטעס פֿון „זייערע" מאַטראָסן, זענען געווען פֿיינטלעכע. די אָפֿיצירן האָבן געענדיקט דערמיט, וואָס זיי האָבן סוף-כּל-סוף זיך געווענדט צום לאַגער-קאָמענדאַנט, צו דעם פֿולקאָווניק מאָריס, מיט אַן אָנקלאָג אויף מיין אַנטי-פּאַטריאָטישער פּראָפּאַגאַנדע. דער ענגלישער פֿולקאָווניק האָט זיך תּיכּף געשטעלט אויף דער זייט פֿון דעם האָהענצאָלערישן פּאַטריאָטיזם און האָט מיר פֿאַרבאָטן די עפֿנטלעכע אַרויסטרעטונגען. דאָס איז, איבעריקנס, געשען שוין אין די לעצטע טעג פֿון אונזער לאַגער-לעבן און האָט מיך נאָכמער פֿאַרבונדן מיט די מאַטראָסן און אַרבעטער, וואָס האָבן געענטפֿערט אויפֿן פֿאַרבאָט מיט אַ שריפֿטלעכן פּראָטעסט פֿון 530 אונטערשריפֿטן. דערדאָזיקער פּלעביסציט, דורכגעפֿירט אונטער דער שווערער האַנט פֿון סערזשאַנט אָלסען, האָט מיר געגעבן אַ פֿולשטענדיקע באַפֿרידיקונג פֿאַר די אַלע שוועריקייטן פֿון דער אַמהערסטער געפֿאַנגענשאַפֿט.

פֿאַר דער גאַנצער צייט, וואָס מיר האָבן פֿאַרבראַכט אין לאַגער, האָט אונז די מאַכט תּמיד אָפּגעזאָגט אינם רעכט צו קומען אין

פאַרבינדונג מיט דער רוסישער רעגירונג. אונזערע טעלעגראַמעס זענען נישט אָפּגעשיקט געוואָרן קיין פּעטראָגראַד. מיר האָבן אַפילו געפּרואווט אַפּעלירן וועגן דעמדאָזיקן פאַרבאָט אין אַ טעלעגראַמע צו לאָיד דזשאָרזשן, דעם ענגלישן מיניסטער-פּרעזידענט. אָבער דידאָזיקע טעלעגראַמע איז אויך נישט דורכגעלאָזט געוואָרן. דער פּאָלקאָווניק מאָריס האָט זיך צוגעווייַנט אין די קאָלאָניעס צו דעם פאַרייַנפאַכטן habeas corpus*). דערצו האָט אים נאָך געדעקט דער קריג. איידער ער האָט מיר דערלויבט אַ זעונג מיט מיין פרוי, האָט מיר דער קאָמענדאַנט געשטעלט אַ תּנאַי, אַז איך טאָר איר נישט געבן קיין שום שליחות צום רוסישן קאָנסול. דאָס קלינגט אַפילו אומגלויבלעך, אָבער עס איז דאָך אַ פאַקט. דעמאָלט האָב איך מיך אָפּגעזאָגט פון דער זעונג. ס'פאַרשטייט זיך, אַז דער קאָנסול האָט זיך אויך נישט שטאַרק געיאָגט צו קומען אונז צו הילף. איך האָב געוואַרט אויף אינסטרוקציעס. קיין אינסטרוקציעס זענען אָבער נישט געקומען.

איך מוז זאָגן, אַז די הינטערקוליסן-מעכאַניק פון אונזער אַרעסט, ווי אויך אונזער באַפרייונג, איז פאַר מיר עד-היום נישט אינגאַנצן קלאָר. די ענגלישע רעגירונג האָט אַרייַנגעשריבן מיין נאָמען אין איר שוואַרצער ליסטע, וואַרשיינלעך, נאָך אין דער צייט פון מיין אַרבעט אין פראַנקרייַך. זי האָט שטאַרק צוגעהאָלפן דער רוסישער רעגירונג מיך אַרויסצושטויסן פון אייראָפּע. די ענגלישע מאַכט האָט מיך, קענטיק, אַרעסטירט אין האַליפאַקס אויפן סמך פון דידאָזיקע אַלטע ליסטעס, וואָס זענען נאָך אויסגעפילט געוואָרן מיט די אינפאָרמאַציעס וועגן מיין אַנטי-פּאַטריאָטישער טעטיקייט אין אַמעריקע. ווען די ידיעה וועגן אונזער אַרעסט איז אַרייַנגעפאַלן אין דער רעוואָלוציאָנערער רוסישער פּרעסע, האָט די ענגלישע געזאַנדשאַפט, וואָס האָט זיך, קענטיק, געאָרנישט געשראָקן פאַר מיין צוריקקומען, צעשיקט אין די פּעטראָגראַדער צייטונגען אָפיציעלע מעלדונגען וועגן דעם, אַז די אַרעסטירטע רוסן אין קאַנאַדע זענען געפאָרן „מיט אַ סובסידיע פון דער דייטשער געזאַנדשאַפט, כּדי אַראָפּצוּוואַרפן די צייטווייליקע רעגירונג”. דאָס איז, לכל-הפּחות, געווען נישט צווייַדייטיק. די „פּראַוודאַ”, וואָס איז אָנגעפירט געוואָרן דורך לענינען, האָט אַוודאי געענטפערט ביוקענען דורך לענינס פעדער דעם 16-טן אַפּריל: „צי קאָן מען באַטש אויף איין מאָמענט גלויבן אין דער אויפריכטיקייט פון דער-

*) איך האָב דעם קערפּער.

דאָזיקער דערקלערונג, אַז טראָצקי, דער געוועזענער פּאָרזיצער פֿון דעם אַרבעטער־דעפּוטאַטן־ראַט אין פּעטערבורג, אין יאָר 1905, — אַ רעוואָלוציאָנער, וואָס האָט צענדליקער יאָרן געווידמעט אומאייגננוציק דעם דינסט פֿון דער רעוואָלוציע, — אַז דערדאָזיקער מענטש האָט געהאַט אַ שייכות מיטן פּלאַן, וואָס איז סובסידירט געוואָרן פֿון דער דייטשער רעגירונג? דאָס איז דאָך אַן אָפּענע, אומדערהערטע, געוויסנלאָזע רכילות אויף אַ רעוואָלוציאָנער! פֿון וועמען האָט איר באַקומען דידאָזיקע ידיעה, הער ביוקענען? פֿאַרוואָס זאָגט איר עס נישט?.. זעקס מענטשן האָבן געשלעפּט דעם חבר טראָצקין פֿאַר די הענט און פֿאַר די פֿיס — און אַלץ אינם נאָמען פֿון דער פֿריינטשאַפֿט צו דער רוסישער צייטווייליקער רעגירונג!..”

וואָס פֿאַר אַ ראָל האָט אין דערדאָזיקער געשיכטע געשפּילט די צייטווייליקע רעגירונג, איז ווייניקער קלאָר. אַז מיליוקאָוו, דער דעמאָלדיקער אויסערן־מיניסטער, איז מיט לייב און לעבן געשטאַנען פֿאַר מיין אַרעסט, דערויף באַדאַרף מען גאָרנישט קיין שום ראיות: ער האָט נאָך פֿון יאָר 1905 אָן געפֿירט אַ פֿאַרביסענעם קאַמף מיטן „טראָצקיזם”, אַ טערמין, וואָס שטאַמט פֿון אים אַליין. מיליוקאָוו איז אָבער געווען אָפּהענגיק פֿון די סאָוויעטן און האָט געמוזט מאַנעווּרירן מיט דער גרעסטער פֿאָרזיכטיקייט, ווייל זיינע סאָציאַל־פּאַטריאָטישע פֿאַרבינדעטע האָבן זיך נאָך נישט געהאַט אַריינגעצויגן אין דער העצע קעגן די באָלשעוויקעס.

אין זיינע זכרונות שילדערט דער ענגלישער געזאַנדטער ביוקענען די זאַך אַזוי: „טראָצקי און די איבעריקע זענען פֿאַרהאַלטן געוואָרן אין האַליפֿאַקס, ביז עס וועלן אויפֿגעקלערט ווערן די כוונות פֿון דער צייטווייליקער רעגירונג אין באַצוג צו זיי”. מיליוקאָוון האָט מען, לויט ביוקענענס ווערטער, גלייך געגעבן צו וויסן וועגן אונזער אַרעסט. שוין דעם 8־טן אַפּריל האָט דער ענגלישער געזאַנדטער כלומרשט איבערגעגעבן זיין רעגירונג מיליוקאָווס בקשה וועגן אונזער באַפֿרייונג. אָבער מיט צוויי טעג שפּעטער האָט דערזעלבער מיליוקאָוו צוריקגעצויגן זיין בקשה און אויסגעדריקט די האָפֿענונג, אַז מיר וועלן אויך ווייטער בלייבן אַרעסטירט אין האַליפֿאַקס. „דעריבער, ענדיקט ביוקענען, איז דווקא די צייטווייליקע רעגירונג פֿאַראַנטוואָרטלעך פֿאַר זייער ווייטערדיקן אַרעסט”. דאָס אַלץ קלינגט ווי אַן אמת. ביוקענען פֿאַרגעסט אָבער צו דערקלערן אין זיינע מעמואַרן, וואָס עס איז

געוואָרן מיט דער דײַטשער סובסידיע, וואָס איך האָב באַקומען אויף אַראָפּצוּוואַרפן די צײַטווײַליקע רעגירונג. און ס'איז נישט קיין חידוש: נאָכדעם, ווי איך בין געקומען קיין פּעטראָגראַד און האָב אים גוט צוגעדריקט צו דער וואַנט, איז ביוקענען געווען געצוואונגען צו דערקלערן אין דער פּרעסע, אַז ער ווייס בכלל גאָרנישט פון דערדאָזיקער סובסידיע. קיינמאָל האָבן נאָך מענטשן נישט געזאָגט אַזויפיל ליגנס, ווי אין דער צייט פונם „גרויסן" „באַפרייונגס-קריג". ווען דער שקר, אַ שטייגער, וואָלט פאַרמאָגט אַן עקספּלאָזיוו-קראַפט, וואָלט זיך אונזער פּלאַנעט נאָך מיט אַ צייט פריער פאַרן ווערסאַילער שלום, פאַרוואַנדלט אין עפר-ואפר.

סוף-כל-סוף האָט זיך דער סאָוויעט אַרײַנגעמישט, און מיליוקאָוו האָט געמוזט נאָכגעבן. דעם 29-סטן אַפּריל האָט געשלאָגן די שעה פאַר אונזער באַפרייונג פונם קאָנצענטראַציע-לאַגער. אָבער אונזער באַפרייונג איז אויך פאָרגעקומען מיט דער אָנווענדונג פון געוואַלט. מען האָט אונז פּראָסט-פּשוט באַפוילן איינצופּאַקן די זאַכן און גיין אונטער אַ וואַך. מיר האָבן געפאָדערט, מען זאָל אונז זאָגן, וואוהין און צו וואָסער צוועק מען שיקט אונז אַוועק. מען האָט אונז אָפּגעזאָגט דערין. די געפאַנגענע האָבן זיך דענערווירט, געטראַכט, אַז מען שיקט אונז איבער אין פעסטונג. מיר האָבן געפאָדערט, מען זאָל אַרויסרופן דעם נאָענטסטן רוסישן קאָנסול. מען האָט אונז אָפּגעזאָגט דערין. מיר האָבן אָבער געהאַט אַ גענוגלעכן גרונט נישט צו גלויבן אין די גוטע כוונות פון דידאָזיקע הערן פונם גרויסן ים-טראַקט. מיר האָבן געמאָלדן, אַז פרייוויליק וועלן מיר נישט פאָרן, ביז מען וועט אונז נישט זאָגן, וואָס איז דער ציל פון אונזער נייער נסיעה. דער קאָמענדאַנט האָט באַפוילן אונז צו נעמען מיט געוואַלד. די וואַך-זעלנער האָבן אַרויסגעטראָגן אונזער באַגאַזש. מיר זענען פאַרעקשנט געלעגן אויף די נאַרעס. און ערשט דאַן, ווען די וואַך איז געשטאַנען פאַר דער אויפגאַבע אַרויסצוטראָגן אונז אויף די הענט, ווי מיט אַ חודש צוריק פון דאַמפער, אָבער איצט וועט עס מוזן געשען צווישן אַ מחנה אויפגערעגטע מאַטראָסן, האָט דער קאָמענדאַנט נאָכגעגעבן און געמאָלדן אין קאָלאָניאַלן סטיל, וואָס איז כאַראַקטעריסטיש פאַר אים, אַז ער וועט אונז אַרויפזעצן אויף אַ דענישן דאַמפער און אָפּשיקן קיין רוסלאַנד.

דאָס צונטער-רויטע פּנים פון פּולקאָווניק האָט געצוקט, ווי אין

קאָנוואולסיע. ער האָט בשום אופן נישט געקאָנט צולאָזן דעם געדאַנק, אַז מיר קריגן זיך אַרויס פון זיינע הענט. אָט ווען מיר וואָלטן אַרײַנגעפאַלן צו אים אין די הענט אויפן אַפריקאַנישן ברעג!..

בעת מען האָט אונז אַרויסגעפירט פון לאַגער, האָבן אונז די חברים פון געפאַנגענשאַפט באַגלייט מיט גרויס פייערלעכקייט. אין דער צייט, וואָס די אָפיצירן האָבן זיך פאַרשלאָסן אין זייערע אָפטיילונגען, און נאָר עטלעכע האָבן זיך געוואַגט אַרויסצורוקן די נאָז דורך אַ שפּאַלט, האָבן זיך די מאַטראָסן און אַרבעטער אויסגעשטעלט אין שפּאַלערן לענגאויס דעם גאַנצן ברעג, דער צונויפגעקלאַפּטער אָרקעסטער האָט געשפּילט אַ רעוואָלוציאָנערן מאַרש, פריינטלעכע הענט האָבן זיך געצויגן צו אונז פון אַלע זייטן. איינער פון די געפאַנגענע האָט געהאַלטן אַ קורצע רעדע, — אַ גרוס דער רוסישער רעוואָלוציע, אַ קללה דער דייטשער מאָנאַרכיע. נאָך איצט דערמאָן איך מיך מיט אַ וואַרעם געפיל, ווי מיר האָבן זיך אין רעכטן ברען פון קריג פאַרברידערט מיט די דייטשע מאַטראָסן אין אַמהערסט. פיל פון זיי האָבן מיר שפּעטער צוגעשיקט פון דייטשלאַנד פריינטלעכע בריוו.

מעקענען, דעם ענגלישן זשאַנדאַרמעריע-אָפיציר, וואָס האָט אונז אַרעסטירט און איז געקומען צו אונזער אָפּפאָר, האָב איך ביים אָפּשייד געדראָט, אַז קודם-כל וועל איך אין דער גרינדונגס-פאַרזאַמלונג אַרײַנטראָגן אַן אינטערפּעלאַציע צו דעם אויסערן-מיניסטער מיליוקאָוון, וועגן דעם העסלעכן חוזק פון דער ענגליש-קאַנאַדישער פּאָליציי איבער די רוסישע בירגער.

— איך פאַרהאָף — האָט דער געשיקטער זשאַנדאַרם באַלד געענטפערט, — אַז איר וועט נישט אַרײַנפאַלן אין דער גרינדונגס-פאַרזאַמלונג.